STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02816

# DI KRAYTSER SONATE

Leo Tolstoy

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

וועג פרוזמאן
לוי ר מוססו

ל ע ו ו   ט אָ ל ס ט אָ י

# אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

# די קרייצער סאָנאַטע

## און אַנדערע דערציילונגען

ייִדיש פּאַלק האַלפּערין

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פֿאַרלאַג
ב. קלעצקין.

איבערגעזעצט מיט די אַלע צוגאָבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אַקאַדעמ.ישער
אויסגאַבע פֿון רוסלענדישן מלוכה־פֿאַרלאַג פֿון 1928.

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Di Krejcer Sonate“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

Gift to the Workmen's Circle
in Memory of Jacob Freedman
147 So. Wetherly Dr.
Los Angeles, Ca.

און איך זאָג אייך, אַז יעדער, ווער עס קוקט אויף אַ פֿרוי מיט גלוסטונג האָט שוין מיט איר מזנה געווען אין זיין האַרץ.
(מתתיה V,28.)

זאָגן צו אים די תּלמידים זיינע: אויב אַזאַ איז דער חוב פֿון דעם מענטש צו דער פֿרוי, איז בעסער נישט חתונה האָבן. ער האָט אָבער צו זיי געזאָגט: נישט אַלע זענען תּופֿס ס'דאָזיקע וואָרט, נייערט דער, וואָס האָט זוכה געווען.

# I.

דאָס איז געווען אין אָנהייב פֿרי-יאָר. מיר זענען געפֿאָרן דעם צווייטן מעת-לעת. אין וואַגאָן זענען אַריין און אַרויס די מענטשן, וואָס זענען געפֿאָרן קורצע שטרעקעס, נאָר דריי אירע זענען געפֿאָרן, פּונקט אַזוי ווי איך, פֿונעם אָרט, פֿונוואַנען דער צוג גייט אָפּ. אַ נישט שיינע און נישט יונגע דאַמע, וואָס האָט גערייכערט, מיט אַן אויסגעמאַטערט פּנים אין אַ האַלבמאַנסבילשן פֿאַלטאַ און אַ קליין היטעלע, אירס אַ באַקאַנטער, אַ באַרעדעוודיקער מענטש פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיט פּינקטלעכע נייע זאַכן און נאָך איינער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, אַ הער פֿון נישט הויכער וווקס, מיט נערוועישע באַוועגונגען, נאָך נישט קיין אַלטער, נאָר מיט אַפּנים פֿאַר דער צייט גרוי-געוואָרענע, געקרייזלטע האָר און מיט אומגעווינלעך גלאַנציקע אויגן, וועלכע זענען שנעל אַריבערגעלאָפֿן פֿון איין זאַך אויף דער צווייטער. ער איז אָנגעטון געווען אין אַן אַלטן, באַ אַ גוטן שניידער גענייטן מאַנטל מיט אַ שאָפֿענעם קאָלנער און אין אַ הויך שאָפֿן היטל. בשעת ער האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּיליעט, האָט זיך אונטערן מאַנטל געזען אַ פּאַדיאָווקע און אַ רוסיש אויסגענייט העמד.

דערדאָזיקער הער האָט זיך נאָך דערמיט אונטערגעשיידט פון אַלעמען, וואָס ער פלעגט אָפטמאָל אַרויסלאָזן משונהדיקע קלאַנגען, ווי אַ מין אויסהוסטן זיך, אָדער ווי אַן אָנגעהויבן און איבערגעריסן געלעכטער.

דערדאָזיקער הער האָט די גאַנצע צייט פון דער נסיעה זיך באַמיט אויסצומיידן שמועסן און באַקאַנטשאַפט מיט די פּאַסאַזשירן. אַז די שכנים פלעגן אָנהייבן מיט אים צו רעדן, האָט ער געענטפערט קורץ און שאַרף, און אָדער ער האָט געלייענט, אָדער, קוקנדיק אין פענצטער, גערייכערט, אָדער, אַרויסגענומען עסנוואַרג פון זיין אַלטן זאַק, געטרונקען טיי, צי צוגעביסן.

מיר האָט אויסגעוויזן, אַז עס איז אים שווער מיט זיין איינזאַמקייט, און איך האָב עטלעכע מאָל געוואָלט אָנהייבן מיט אים צו רעדן, אָבער איטלעכס מאָל, ווען אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און דאָס האָט אָפט פּאַסירט, מהמת מיר זענען געזעסן אַ ביסל באַלכסון איינער קעגן דעם אַנדערן, האָט ער זיך אָפּגעקערט און גענומען זיך פאַרן בוך, צי געקוקט אין פענצטער.

בשעת דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, דעם צווייטן טאָג פאַר בין־השמשות, אויף אַ גרויסער סטאַציע, איז דערדאָזיקער נערוועישער מענטש אַראָפּ נאָך הייס וואַסער און האָט זיך פאַרקאָכט טיי, און דער הער מיט די פּינקטלעכע נייע זאַכן, אַן אַדוואָקאַט, לויט איך בין שפּעטער געוויר געוואָרן, מיט זיין שכנה, דער רייכערנדיקער דאַמע אין האַלבמאַנסבילשן פּאַלטאָ, זענען אַוועק טרינקען טיי אויף דער סטאַציע.

בשעת דער הער מיט דער דאַמע זענען אַוועק, זענען אין וואַגאָן אַריינגעקומען עטלעכע נייע פּאַרשוינען, צווישן זיי אַ הויכער, געגאָלטער, געריינצלטער זקן, אַפּנים, אַ סוחר, אין אַ עלקענעם פוטער און אַ געוואַטעוועם קאַרטוז מיט אַ קאָלאָסאַלן ברילִיק. דער סוחר האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן די ערטער פון דער דאַמע און דעם אַדוואָקאַט און האָט תיכף־ומיד פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ יונגנמאַן, לויטן אויסזעען — אַ קלייט־משרת, וואָס איז אויך אויף דער סטאַציע אַריין אין וואַגאָן.

איך בין געזעסן אַ ביסל אָן אַ זייט קעגנאיבער, און היות ווי דער צוג איז געשטאַנען, האָב איך געקאָנט, אין דער צייט ווען קיינער איז נישט פאַרבייגעגאַנגען, הערן טיילווייז זייער שמועס. לכתחילה האָט דער סוחר געמאָלדן, אַז ער פאָרט אין זיין גוט, וואָס איז אינגאַנצן איין סטאַציע ווייט פונדאַנען. נאָכדעם האָט מען ווי געוויינלעך גענומען רעדן פריער וועגן פרייזן, וועגן מסחר; מען האָט גערעדט, ווי געוויינלעך

וועגן דעם, ווי מאָסקווע האַנדלט, נאָכדעם האָט מען פאַרפירט דעם שמועס וועגן ניזשעגאָראָדער יאַריד. דער משרת האָט געגומען דערציילן וועגן די הוליאַנקעס פון איינעם, זיי ביידן אַ באַקאַנטן סוחר־גביר אויפן יאַריד. נאָר דער אַלטער האָט אים נישט געלאָזט דערעדן ביזן סוף און אַליין אָנגעהויבן דערציילן וועגן אַמאָליקע הוליאַנקעס אין קונאַווענאַ, אין וועלכע ער אַליין האָט אָנטייל גענומען. ער האָט אַפּנים שטאָלצירט מיט זיין אָנטייל אין זיי און מיט באַשיינפּערלעכער פרייד דערציילט, ווי אַזוי ער מיט דעמדאָזיקן באַקאַנטן האָבן צוזאַמען אַמאָל אין קונאַווענאַ אָפּגעטון אַזאַ שטיק, אַז מען האָט וועגן איר געמוזט דערציילן שעפּטשענדיק אויפן אויער, און דער קלייט־משרת האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן גאַנצן וואַגאָן. און דער אַלטער האָט זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט, אויסשטשירענדיק צוויי געלע ציין.

נישט דערוואַרטנדיק, אַז איך וועל דאָ דערהערן עפּעס אינטערעסאַנטס, בין איך אויפגעשטאַנען, כדי דורכצושפּאַצירן זיך איבער דער פּלאַטפאָרמע, ביז דער צוג וועט אָפּגיין. אין טיר איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן דער אַדוואָקאַט מיט דער דאַמע, וועלכע האָבן, גייענדיק, וועגן עפּעס לעבהאַפט גערעדט צווישן זיך.

— איר וועט נישט באַווייזן, — האָט צו מיר געזאָגט דער באַריידעוודיקער אַדוואָקאַט, — עס איז שוין באַלד דער צווייטער קלונג.

און באמת, איך האָב נישט באַוויזן צו דערגיין ביזן עק פון די וואַגאָנעס, ווי מען האָט אַ קלונג געטון. בעת איך בין צוריקגעקומען, האָבן נאָך דער אַדוואָקאַט מיט דער דאַמע אַלץ אַזוי לעבהאַפט גערעדט. דער אַלטער סוחר איז שטיל געזעסן אַנטקעגן זיי, שטרענג קוקנדיק קעגן זיך און צייטנווייז פאַרוורפלעך קייענדיק מיט די ציין.

— דערנאָך האָט זי אָפן געמאָלדן איר מאַן, — האָט דער אַדוואָקאַט געהאַלטן אין רעדן, בעת איך בין פאַרביי אים פאַרבייגעגאַנגען, — אַז זי קאָן נישט און וויל גאָרנישט לעבן מיט אים, מחמת...

און ער האָט גענומען ווייטער דערציילן עפּעס, וואָס איך האָב שוין נישט געקאָנט דערהערן. גלייך נאָך מיר זענען דורכגעגאַנגען נאָך פּאַסאַזשירן, ס'איז דורכגעגאַנגען דער קאָנדוקטאָר, אַריינגעלאָפן אַ טרעגער, און אַ היפּשע צייט איז געשטאַנען אַ גערויש, צוליב וועלכן מען האָט נישט געהערט זייער געשפּרעך. ווען ס'איז אַלץ שטיל געוואָרן, און איך האָב ווידער דערהערט דעם אַדוואָקאַטס קול, איז שוין דער שמועס, קלאָר, אַריבער פון דעם פּריוואַטן פאַל אויף אַלגעמיינע סברות.

דער אדוואָקאַט האָט גערעדט וועגן דעם, ווי די פראַגע וועגן גט פאַראינטערעסירט איצט די מוחות אין אייראָפּע און ווי בא אונז קומען אַלץ אָפטער און אָפטער פאַר פונקט אַזעלכע פאַלן. באַמערקט, אַז זיין שטים הערט זיך איינע אַליין, האָט דער אדוואָקאַט איבערגעריסן זיין רעדע און זיך געווענדט צו דעם אַלטן.

— פאַרצייטן איז אַזוינס נישט געווען, אמת? — האָט ער געזאָגט, פריינדלעך שמייכלענדיק.

דער אַלטער האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר דערווייל האָט זיך דער צוג גערירט, און דער אַלטער האָט אויסגעטון דעם קאַרטוז, אָנגעהויבן צלמען זיך און זאָגן שעפּטשענדיק אַ פּאַטשערע. דער אַדוואָקאַט האָט אָפּגעקערט די אויגן אָן אַ זייט, מיט העפלעכקייט געוואַרט. געענדיקט די פּאַטשערע און דאָס דריימאָליקע צלמען זיך, האָט דער אַלטער גלייך און טיף אָנגעטון דעם קאַרטוז, האָט זיך בעסער איינגעזעצט און אָנגעהויבן רעדן.

— געווען, מיין האַר, פאַרצייטנס אויך, נאָר זעלטענער, — האָט ער געזאָגט. — היינטיקע צייטן קאָן עס גאָרנישט נישט זיין. זייער געבילדעטע איז מען שוין געוואָרן.

באַוועגנדיק זיך אַלץ שנעלער און שנעלער האָט דער צוג צוגעטראַסקעט אויף די באַהעפטונגען פון די רעלסן, און עס איז מיר שווער געווען צו הערן, ס'איז אָבער געווען אינטערעסאַנט, און איך האָב מיך אַריבערגעזעצט נענטער. מיין שכן, דער נערוועישער הער מיט די גלאַנציקע אויגן, האָט זיך אַפּנים אויך פאַראינטערעסירט און האָט זיך צוגעהערט, נישט אויפשטייענדיק פון אָרט.

— מיט וואָס-זשע איז די בילדונג שלעכט? — האָט קוים צו באַמערקן שמייכלענדיק געזאָגט די דאַמע, — צי דען איז בעסער חתונה האָבן אַזוי ווי פאַרצייטנס, בשעת חתן-כלה האָבן איינע די אַנדערע אפילו נישט געזען? — האָט זי ווייטער גערעדט, לויט דער רגילות פון פיל דאַמען, ענטפערנדיק נישט אויף די רייד פון דעם מיטשמועסער, נאָר אויף יענע רייד, וואָס זי האָט געמיינט, אַז ער וועט זאָגן. — מען האָט נישט געוווסט, צי האָבן זיי ליב, צי קאָנען זיי ליב האָבן, און מען האָט חתונה געהאַט, מיט וועמען עס האָט זיך געמאַכט, און מען האָט זיך טאַקע אַ גאַנץ לעבן געפּייניקט; אַזוי מיינט איר איז בעסער? — האָט זי גערעדט באַשיינפּערלעך ווענדנדיק זיך מיט אירע ווערטער צו מיר

און צום אַדוואָקאַט, נאָר ווייניקער פאַר אַלץ צו דעם אַלטן, מיט וועלכן זי האָט גערעדט.

— זייער געבילדעטע איז מען שוין געוואָרן, — האָט דער סוחר נאָכאַמאָל געזאָגט, מיט ביטול קוקנדיק אויף דער דאַמע און איבערלאָזנדיק איר פראַגע אָן אַן ענטפער.

— ס'וואָלט זיין ווינטשנסווערט צו וויסן, ווי דערקלערט איר די שייכות צווישן בילדונג און שלעכט לעבן צווישן מאַן און ווייב, — האָט קוים קענטיק שמייכלענדיק געזאָגט דער אַדוואָקאַט.

דער סוחר האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער די דאַמע האָט אים איבערגעריסן:

— ניין, יענע צייט איז שוין אַוועק, — האָט זי געזאָגט. — אָבער דער אַדוואָקאַט האָט זי אָפּגעהאַלטן.

— ניין, דערלויבט זיי אויסצודריקן זייער געדאַנק.

— נאַרישקייט קומט אַרויס פון בילדונג, — האָט דער אַלטער אַנטשלאָסן געזאָגט.

— מען מאַכט חתונה אַזעלכע, וואָס האָבן איינע די אַנדערע נישט ליב, און נאָכדעם וווּנדערט מען זיך, וואָס מען לעבט אָן שלום-בית, — האָט די דאַמע געאיילט זיך צו רעדן, אַרומקוקנדיק זיך אויפן אַדוואָקאַט און אויף מיר, און אפילו אויף דעם קלייט-משרת, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אָנגעשפּאַרט זיך אויפן ווענטל פון באַנק און שמייכלענדיק צוגעהאָרכט דעם שמועס.

— דאָס קאָן מען דאָך נאָר חיות אַזוי צונויפפּאָרן, ווי דעם באַלעבאָס ווילט זיך, אָבער מענטשן האָבן זייערע נטיות, סימפּאַטיעס, — האָט, אַפּנים וועלנדיק אַ ביס טון דעם סוחר, די דאַמע גערעדט.

— אומזיסט רעדט איר אַזוי, זייט מוחל, — האָט דער אַלטער געזאָגט. — אַ חיה איז אַ בהמה, און דעם מענטש איז געגעבן געוואָרן אַ געזעץ.

— אָבער ווי-זשע זאָל מען לעבן מיט אַ מענטש, ווען קיין ליבע איז נישטאָ? — האָט די דאַמע אַלץ געאיילט זיך אַרויסצוזאָגן אירע רעיונות, וואָס זי האָט זיי מסתמא געהאַלטן פאַר זייער נייע.

— אַמאָל האָט מען דערויף נישט געקוקט, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט חשיבות. — היינטיקע צייטן איז עס ערשט געוואָרן אַזאַ מנהג. ווי נאָר עפּעס, מאַכט שוין דאָס ווייב גלייך: „איך גיי פון דיר אַוועק“. וואָס דאַרפן מיר מער — באַ פּויערים איז שוין אויך געוואָרן

אַזאַ מאָדע. „נאַ“, — זאָגט זי, — „נעם דיר דיינע העמדער און די־
מייטקעס, און איך גיי אַוועק מיט וואַנקען. ער איז מער געקרייזלט פאַר
דיר“. גיי רעד מיט איר. אָבער אין אַ פרוי דאַרף פריער פאַר אַלץ זיין
מורא.

דער קלייט־משרת האָט אַ בליק געטון אויף דעם אַדוואָקאַט און
אויף דער דאַמע און אויף מיר, באַשיינפּערלעך באַהאַלטנדיק דעם שמייכל
און גרייט אי פונאַנדערצולאַכן זיך, אי מסכים צו זיין מיט די רייד פון
דעם אַלטן, אָפּהענגיק דערפון, ווי מען וועט זיי אָננעמען.

— וואָס־זשע פאַר אַ מורא? — האָט די דאַמע געזאָגט.

— אַזאַ: זי זאָל מורא האָבן פאַר דעם מאַ־אַ־אַן! אָט וואָס פאַר
אַ מורא.

— ע, טייערינקער, יענע צייטן זענען שוין פאַרביי, — האָט אפילו
מיט אַ ביסל בייזקייט די דאַמע געזאָגט.

— ניין, זייט מוחל, דידאָזיקע צייטן קאָנען נישט פאַרביי זיין. ווי
זי איז געווען, חוה, די פרוי, פון דעם מאַנס אַ ריפּ באַשאַפן געוואָרן,
אַזוי וועט זי שוין בלייבן ביז די וועלט וועט שטיין, — האָט דער אַל־
טער געזאָגט אַזוי שטרענג און ווי אַ מנצח אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ,
אַז דער קלייט־משרת האָט תיכף ומיד באַשלאָסן, אַז מנצח געווען האָט
דער אַלטער, און ער האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָבער דאָס זאָגט איר נאָר, מאַנסביל, אַזוי, — האָט די דאַמע
געזאָגט, נישט אונטערגעבנדיק זיך און אַרומקוקנדיק זיך אויף אונז, —
זיך אַליין האָט איר געגעבן פרייהייט, און די פרוי ווילט איר האַלטן אין
שטוב. זיך אַליין, נישקשה, דערלויבט איר אַלץ.

— קיין דערלויבעניש גיט נישט קיינער, נאָר פון דעם מאַנסביל
וועט אין הויז אַריין גאָרנישט צוקומען, אָבער די פרוי, דאָס ווייב —
דאָס איז אַ שוואַכע כלי — האָט דער סוחר ווייטער גערעדט וואָגיק.
דעם סוחרס באַאיינפלוסנדיקע אינטאָנאַציע האָט די צוהערער באַזיגט, און
די דאַמע האָט זיך אפילו דערפילט דערשלאָגן, אָבער זי האָט זיך נאָך
אַלץ נישט אונטערגעגעבן.

— יאָ, אָבער איך מיין, איר וועט מסכים זיין, אַז די פרוי איז אַ
מענטש, און האָט געפילן פונקט אַזוי ווי דער מאַנסביל. נו, איז וואָס־
זשע זאָל זי טון, אויב זי האָט נישט ליב דעם מאַן?

— נישט ליב! — האָט שטרענג געזאָגט דער סוחר, צונויפּרוקנדיק
די ברעמען און די ליפּן, — נישקשה, זי וועט ליב קריגן! — דערדאָזי־

קער אומדערוואַרטער אַרגומענט איז באַזונדער געפעלן געוואָרן דעם קלייט-משרת, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג פון הסכמה.

— אָ, ניין, זי וועט נישט ליב קריגן! — האָט די דאַמע געגומען רעדן. — און אַז עס איז קיין ליבע נישטאָ, קאָן מען דאָך נישט נייטן ליב צו האָבן.

— נו, און אויב דאָס ווייב איז פאַלש דעם מאַן, ווי איז דעמאָלט? — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

— דאָס טאָר נישט זיין, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — דערויף דאַרף מען אַכטונג געבן.

— און אויב עס טרעפט זיך, — ווי איז דעמאָלט? עס טרעפט זיך דאָך.

— בא וועמען עס טרעפט זיך, בא אונז טרעפט זיך נישט — האָט דער אַלטער געזאָגט.

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דער קלייט-משרת האָט זיך אַ ריר געטון, נאָך צוגערוקט זיך, און נישט וועלנדיק אָפּשטיין פון אַנדערע, האָט ער שמייכלענדיק אָנגעהויבן:

— יאָ, אָט איז בא אונזערס אַ יונג אויך אַ סקאַנדאַל אַזא אַרויסגעקומען. אויך צו שווער פונאַנדערצוקלייבן זיך. אויך געטראָפן זיך אַזא פרוי, וואָס איז אַן אויסגעלאַסענע. האָט זי זיך אָוועקגעלאָזט, שדים ווייסן וואָס. און דער יונג איז אַ סאָלידער און מיט אַנטוויקלונג. פריער מיט דעם קאָנטאָריסט. האָט דער מאַן אויך איינגערעדט מיט גוטן. נישט באַרויקט זיך. אַלע מיאוסע זאַכן אָפּגעטון. געלט געגומען גנבענען בא אים. האָט ער זי געשלאָגן. איז וואָס, זי איז אַלץ ערגער געוואָרן. מיט אַ נישט געקריסטלטן ייד, איך בעט איבער אייער כבוד, פאַרפירט מחזקות. וואָס-זשע זאָל ער טון? אינגאַנצן זי אַוועקגעוואָרפן. אַזוי לעבט ער נישט קיין באַווייבטער, און זי שלעפט זיך אַרום.

— ווייל ער איז אַ נאַר, — האָט דער אַלטער געזאָגט. — ווען ער וואָלט איר גאָר פון אָנהייב אָן נישט געגעבן קיין פרייהייט, נאָר ער וואָלט געגעבן די אמתע איינצוימעניש, וואָלט זי געוווען מיט אים, נישקשה. מען דאַרף פון אָנהייב אָן קיין פרייהייט נישט געבן. נישט גלייב קיין פערד אין פעלד, קיין ווייב אין שטוב.

דערווייל איז דורכגעגאַנגען דער קאָנדוקטאָר פרעגן בילעטן ביז דער נאָענסטער סטאַציע. דער אַלטער האָט זיין בילעט אָפּגעגעבן.

— יאָ, באַצייטנס דאַרף מען איינצוימען דעם ווייבערישן מין, אַ נישט איז אַלץ פאַרפאַלן.

— נו, אָט האָט איר אַליין נישט דערציילט, ווי באַווייבטע מענטשן מאַכן זיך פריילעך אויפן יאַריד אין קונאווינא, — האָב איך געזאָגט, נישט אויסהאַלטנדיק.

— דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, — האָט דער סוחר געזאָגט און האָט זיך פאַרטיפט אין שווייגן.

ווען עס האָט זיך דערהערט דער פייף, האָט זיך דער סוחר אויפגעהויבן, אַרויסבאַקומען פון אונטער דער באַנק דעם זאַק, פאַרשפיליעט זיך און אונטערהייבנדיק דעם קאַרטוז, אַרויס אויף דעם בריקל.

## II.

ווי נאָר דער אַלטער איז אַרויס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס אין עטלעכע שטימען.

— פון אַלטן שטייגער אַ טאַטעשי, — האָט דער קלייט-משרת געזאָגט.

— אָט אַ לעבעדיקער דאָמאָסטראָי, — האָט די דאַמע געזאָגט. — סאַר אַ ווילדער באַגריף וועגן דער פרוי און חתונה.

— יאָ, מיר זענען גאַנץ ווייט פון דעם אייראָפעישן בליק אויף חתונה, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט.

— און דער עיקר, וואָס דיזאָזיקע מענטשן פאַרשטייען נישט, — האָט די דאַמע געזאָגט, — דאָס איז דאָס, וואָס חתונה אָן ליבע איז נישט קיין חתונה, אַז נאָר די ליבע הייליקט די חתונה, און די אמתע חתונה איז נאָר יענע, וואָס די ליבע הייליקט זי.

דער קלייט-משרת האָט געהערט און געשמייכלט, וועלנדיק פאַרגעדענקען צום באַנוצן זיך וואָס מער פון די קלוגע געשפּרעכן.

אינמיטן דער דאַמעס רייד האָט זיך הינטער מיר דערהערט אַ קלאַנג, ווי פון אַן איבערגעריסענעם געלעכטער, אָדער פון אַ קלאָג און אַרומקוקנדיק זיך, האָבן מיר דערזעען מיין שכן, דעם גרויען איינזאַמען הער מיט די גלאַנציקע אויגן, וועלכער איז בעת דעם שמועס, וואָס האָט אים אפנים אינטערעסירט, אומבאַמערקט אַריבער צו אונז. ער איז גע־

שטאַנען פאַרלייגט די הענט אויפן אָנלען פון באַנק און האָט זיך אפּנים זייער באַאומרויקט: זיין פּנים איז געווען רויט, און אויף דער באַק האָט געציטערט אַ מוסקול.

— וואָס־זשע פאַר אַ ליבע... אַ ליבע... הייליקט עס די חתונה? — האָט ער געזאָגט שטאַמלענדיק.

דערזעען דעם צערודערטן צושטאַנד פון דעם מענטש, האָט די דאַמע זיך באַמיט צו ענטפערן אים ווי מעגלעך ווייכער און אויספיר־לעכער.

— די אמתע ליבע... אויב ס'איז די דאָזיקע ליבע פאַראַן צווישן דעם מאַנסביל מיט דער פרוי, דעמאָלט איז מעגלעך חתונה, — האָט די דאַמע געזאָגט.

— אַזוי. אָבער וואָס איז דער טייטש פון אמתער ליבע? — האָט אומגעשיקט שמייכלענדיק און שרעקעדיק געזאָגט דער הער מיט די גלאַנ־ציקע אויגן.

— יעדער ווייסט וואָס איז אַזוינס ליבע, — האָט די דאַמע גע־זאָגט, — ווענדיק מסתּמא מאַכן אַ סוף צו דעם שמועס.

— און איך ווייס נישט, — האָט דער הער געזאָגט, — מען דאַרף באַשטימען, וואָס מיינט איר...

— ווי? זייער איינפאַך, — האָט די דאַמע געזאָגט, נאָר זי האָט זיך פאַרטראַכט. — ליבע? ליבע איז דער אויסשליסלעכער פאָרצוג פון איינעם אָדער איינער לגבי אַלע אַנדערע, — האָט זי געזאָגט.

— פאָרצוג אויף ווילאַנג? אויף אַ חודש? אויף צוויי טעג, אָדער אויף אַ האַלבער שעה? — האָט דער גרויער הער געזאָגט און האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— ניין, דערלויבט, איר רעדט מסתּמא נישט וועגן דעם.

— ניין, איך רעד טאַקע וועגן דעם גופא.

— זיי זאָגן, — האָט זיך אַריינגעמישט דער אַדוואָקאַט, ווייזנדיק אויף דער דאַמע, — אַז חתונה דאַרף זיין אַ פּועל־יוצא, ערשטנס, פון צוגעבונדנקייט, פון ליבע, אויב איר ווילט, און אַז אויב זי, די ליבע, איז פאַראַן, איז ערשט דעמאָלט שטעלט מיט זיך חתונה פאָר עפּעס, אַזוי צו זאָגן, הייליקס. ווייטער, אַז יעדע חתונה, וואָס אין איר יסוד ליגט נישט די נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט, ליבע, אויב איר ווילט, האָט אין זיך נישט קיין שום מאָראַליש־פאַרפליכטיקנדיקס. איך האָב ריכטיק פאַרשטאַ־נען? — האָט ער זיך געווענדט צו דער דאַמע.

די דאַמע האָט מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ אויסגעדריקט איר הסכמה אויף דער דערקלערונג פון איר געדאַנק.

— דערנאָך... — האָט דער אַדוואָקאַט ווייטער גערעדט, אָבער דער נערוועזישער הער מיט פלאַמפייערדיקע איצט אויגן האָט זיך באַשיינפּערלעך מיט מי איינגעהאַלטן און, נישט לאָזנדיק דעם אַדוואָקאַט ענדיקן, האָט ער אָנגעהויבן.

— ניין, איך רעד וועגן דעם גופא, וועגן דעם פאַרצוג פון איינעם אָדער פון איינער לגבי אַלע אַנדערע, אָבער איך פרעג נאָר: פאַרצוג אויף וויפיל צייט?

— אויף וויפיל צייט? אויף לאַנג, אויפן גאַנצן לעבן אַמאָל, — האָט די דאַמע געזאָגט, קוועטשנדיק מיט די אַקסלען.

— אָבער דאָס איז דאָך מער נישט אין די ראָמאַנען, און אין לעבן — קיינמאָל נישט. אין לעבן טרעפט דערדאַזיקער פאַרצוג פון איינעם לגבי אַנדערע אויף יאָרן, און דאָס זייער זעלטן, אָפטערער — אויף חדשים, אַנישט איז גאָר אויף וואָכן, אויף טעג, אויף שעהן, — האָט ער געזאָגט, זיכער וויסנדיק, אַז ער רופט בײַ אַלעמען ארויס פאַרוואונדערונג מיט זיין מיינונג, און צופרידן דערמיט.

— אַך! וואָס רעדט איר? ניין־זשע... ניין, דערלויבט... — האָבן מיר אַלע דריי פאַר אַמאָל גענומען רעדן. אפילו דער קלייט־משרת האָט ארויסגעלאָזט עפּעס אַ קלאַנג פון נישט־הסכמה.

— יאָ, איך וויס, — האָט אונז אַלעמען איבערגעשריגן דער גרויער הער. — איר רעדט וועגן דעם, וואָס מען רעכנט, אַז עס איז, און איך רעד וועגן דעם, וואָס עס איז באמת. יעדער מאַנסביל שפּירט דאָס, וואָס איר רופט ליבע צו יעדער שיינער פרוי.

— אַך, דאָס איז שרעקלעך, וואָס איר זאָגט. עס איז דאָך פאַרטזשע פאַראַן בײַ מענטשן יענץ געפיל, וואָס רופט זיך אָן ליבע און וואָס ווערט געגעבן נישט אויף חדשים און יאָרן, נאָר אויפן גאַנצן לעבן?

— ניין, נישטאָ. ווען מ'זאָל אפילו דערלאָזן, אַז דער מאַנסביל האָט געגעבן דעם פאַרצוג אַ געוויסער פרוי אויפן גאַנצן לעבן, וואָלט די פרוי, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, איר פאַרצוג געגעבן אַן אַנדערן. און אַזוי איז אַלע מאָל געווען, און אַזוי איז אויף דער וועלט, — האָט ער געזאָגט, ארויסגענומען דעם פאַפּיראָס און גענומען פאַררייכערן.

— עס קאָן דאָך אָבער זיין אַ קעגנזייטיקער אויך, — האָט דער אדוואָקאַט געזאָגט.

— ניין, עס קאָן נישט זיין, — האָט ער געענטפערט. — פּונקט אַזוי ווי עס קאָן נישט זיין, אַז אין אַ וואָגן אַרבעס זאָלן צוויי אָנגעצייכנטע אַרבעסלעך אויסלייגן זיך איינער לעבן דעם אַנדערן. און חוץ דעם איז דאָ נישט בלויז קיין וואַרשיינלעכקייט, דאָ איז אויך זיכער אַ איבערגעזעטיקטקייט. ליבן אַ גאַנץ לעבן איינער אָדער איינעם, דאָס איז אַלץ איינס, ווי מען וואָלט זאָגן, אַז איין ליכטל וועט ברענען אַ גאַנץ לעבן, — האָט ער געזאָגט, דורשטיק פאַרציענדיק זיך.

— אָבער איר רעדט אַלץ וועגן קערפּערלעכער ליבע. צי דען דערלאָזט איר נישט קיין ליבע, וועלכע איז געגרינדעט אויף דער איינהייטלעכקייט פון אידעאַלן, אויף גייסטיקער קרובהשאַפט? — האָט די דאַמע געזאָגט.

— גייסטיקע קרובהשאַפט! איינהייטלעכקייט פון אידעאַלן! — האָט ער איבערגעחזרט, אַרויסלאָזנדיק זיין קלאַנג. — אָבער אויב אַזוי, טאָ צוליב וואָס-זשע שלאָפט מען צוזאַמען (זייט מוחל די גראָבקייט). עס קומט אויס, אַז צוליב דער איינהייטלעכקייט פון אידעאַלן לייגן זיך מענטשן צוזאַמען, — האָט ער געזאָגט און נערוועיש זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָבער דערלויבט מיר, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, — דער פאַקט איז סותר דאָס, וואָס איר זאָגט. מיר זעען, אַז חתונה עקזיסטירט, אַז די גאַנצע מענטשהייט, אָדער די מערהייט אירע לעבט אַ לעבן אין חתונה און פיל לעבן ערלעך אַפּ אַ לאַנג לעבן אין חתונה.

דער גרויער הער האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט.

— דאָ זאָגט איר, אַז חתונה איז געגרינדעט אויף ליבע, און ווען איך זאָג אַרויס מיין ספק אין דער עקזיסטענץ פון ליבע, חוץ זינלעכער, דערווייזט איר מיר די עקזיסטענץ פון ליבע דערמיט, וואָס עס עקזיסטירט חתונה. אָבער הייַנטיקע צייט איז חתונה מער נישט ווי רמאות!

— ניין, דערלויבט, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, — איך זאָג באַר, אַז חתונה האָט עקזיסטירט און עקזיסטירט עד-היום.

— עקזיסטירט! אָבער פאַרוואָס-זשע עקזיסטירט זי? זי האָט עקזיסטירט און עקזיסטירט איצט באַ יענע מענטשן, וועלכע זעען אין חתונה אַ סוד. דעם סוד, וואָס איז מחייב פאַר גאָט. באַ יענע עקזיסטירט זי. באַ אונז נעמען מענטשן ווייבער, זעענדיק אין חתונה מער גאָרנישט ווי בעילה, קומט אַרויס, אַז ס'איז אָדער רמאות, אָדער פאַרגוואַלטיקונג. ווען

ס'איז רמאות, איז עס לייכטער איבערצוטראָגן. מאַן און ווייב נאַרן נאָר אָפּ מענטשן, כּלומרשט זיי לעבן אין מאָנאָגאַמיע און אינדערעמתן לעבן זיי אין פּאָליגאַמיע און פּאָליאַנדריע. דאָס איז שלעכט, נאָר צו דערליידן. אָבער ווען מאַן און ווייב, ווי עס טרעפט אָרום און אַרום, האָבן אויף זיך גענומען די אויסערלעכע התחייבות אײנעם צו לעבן אַ גאַנץ לעבן, און פון דעם צווייטן חודש אָן האָבן זיי שוין פיינט איינער דעם צווייטן, ווילן זיך צעשיידן, און בלייבן פאַרט צוזאַמען, דעמאָלט קומט שוין אַרויס יענער שרעקלעכער גיהנום, פון וועלכן מענטשן הייבן אָן צו שיכּורן, שיסן זיך, טויטן, אָדער פאַרגיפטן זיך און איינער דעם צווייטן, — האָט ער גערעדט אַלץ שנעלער, נישט לאָזנדיק קיינעם אַריינשטעלן קיין וואָרט, און וואָס ווייטער אַלץ מער צעהיצנדיק זיך. ס'איז געווען נישט באַקוועם.

— יאָ, בלי ספק, עס טרעפן קריטישע עפּיזאָדן אין חתונה-לעבן, — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, וועלנדיק איבעררייסן דעם אומאָנשטענדיק היציקן שמועס.

— איר האָט אַפּנים דערקענט, ווער איך בין? — האָט שטיל און כּלומרשט רויק געזאָגט דער גרויער הער.

— ניין, איך האָב נישט דעם פאַרגעניגן.

— ס'איז נישט קיין גרויס פאַרגעניגן. איך בין פּאָזדנישעוו, דער, מיט וועלכן עס האָט זיך געטראָפן יענער קריטישער עפּיזאָד, אויף וועלכן איר האָט מרמז געווען, דער עפּיזאָד, וואָס ער האָט געטויט זיין ווייב, — האָט ער געזאָגט, שנעל באַקוקנדיק יעדן פון אונז.

קיינער האָט זיך נישט געפונען, וואָס צו זאָגן, און אַלע האָבן געשוויגן.

— מילא, אַלץ איינס, — האָט ער געזאָגט, אַרויסלאָזנדיק זיין קלאַנג. — איבעריקנס, זייט מיר מוחל! אַ!... איך וועל אייך נישט שטערן.

— ניין, אדרבא... — אַליין נישט וויסנדיק וואָס „אדרבא", האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט.

אָבער פּאָזדנישעוו האָט זיך, נישט הערנדיק אים, שנעל אויסגעדרייט און איז אַוועק אויף זיין אָרט. דער הער מיט דער דאַמע האָבן זיך געשושקעט. איך בין געזעסן לעבן פּאָזדנישעוון. איך האָב געשוויגן, נישט קענענדיק צוטראַכטן, וואָס אַזוינס זאָל איך זאָגן. צו לייענען איז געווען פינצטער, און דעריבער האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט

זיך, כלומרשט, איך וויל אַנטשלאָפן ווערן. אַזוי זענען מיר אָפּגעפאָרן ביז דער נאָענטסטער סטאַציע.

אויף דער סטאַציע זענען דער הער מיט דער דאַמע אַריבער אין אַן אַנדערן וואַגאָן, וועגן וואָס זיי האָבן זיך נאָך פריער צונויפגערעדט מיט דעם קאָנדוקטאָר. דער קלייט-משרת האָט זיך צוגעמאַשטשעט אויפן בענקל און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. און פּאָזדנישעוו האָט אַלץ גערייכערט און געטרונקען די טיי, וואָס ער האָט נאָך פאַרבריט אויף דער פריערדיקער סטאַציע.

ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן און אַ בליק געטון אויף אים, האָט ער זיך פּלוצלינג אַנטשלאָסן און צערייצט אַ זאָג געטון צו מיר:

— אפשר איז אייך נישט אָנגענעם צו זיצן מיט מיר, ווען איר ווייסט, ווער איך בין? קאָן איך אַוועקגיין.

— אָ, ניין, אדרבא.

— איז אפשר האָט איר חשק? אָבער זייער שטאַרקע.

ער האָט מיר אָנגעגאָסן טיי.

— זיי רעדן... און לייגן אַלץ... — האָט ער געזאָגט.

— וועגן וואָס רעדט איר? — האָב איך געפרעגט.

— אָט אַלץ וועגן דעם: וועגן דערדאָזיקער ליבע זייערער און וועגן דעם, וואָס איז עס אַזוינס. איר ווילט נישט שלאָפן?

— גאָרנישט.

— איז אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי בין איך דורך דערדאָזיקער ליבע גופא דערגאַנגען דערצו, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

— יאָ, אויב אייך איז נישט שווער.

— ניין, מיר איז שווער צו שווייגן. טריקט-זשע טיי... אָדער אפשר צו שטאַרק?

די טיי איז באמת געווען ווי ביר, נאָר איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז. פאַר דער צייט איז דורכגעגאַנגען דער קאָנדוקטאָר, ער האָט אים באַגלייט מיט בייזע אויגן, און אָנגעהויבן ערשט דאַן, ווען יענער איז אַוועק.

## III.

— נו, וועל איך אייך דערציילן... אָבער צי ווילט איר באמת?

איך האָב נאָכאמאָל געזאָגט, אַז איך וויל זייער. ער האָט אַ ביסל געשוויגן, אַ פּיר געטון מיט די הענט איבערן פּנים און אָנגעהויבן:

— אויב דערציילן, דאַרף מען שוין דערציילן אַלץ פון אָנהייב: מען דאַרף דערציילן, ווי און פאַרוואָס איך האָב חתונה געהאַט, און וואָס פאַר אַ מענטש בין איך געווען ביז דער חתונה.

ביז דער חתונה האָב איך געלעבט, ווי אַלע לעבן, ס'הייסט אין אונזער קרייז. איך בין אַ גוטבאַזיצער און קאַנדידאַט פון דעם אוניווערזיטעט, און בין געווען מאַרשאַלעק. ביז דער חתונה האָב איך געלעבט, ווי אַלע לעבן, ס הייסט אויסגעלאַסן, און ווי אַלע מענטשן פון אונזער קרייז, לעבנדיק אויסגעלאַסן, בין איך געווען זיכער, אַז איך לעב, ווי מ'באַדאַרף צו לעבן. ווענן זיך האָב איך געטראַכט, אַז איך בין אַ גאָלד. אַז איך בין אַ פולקאָם מאָראַלישער מענטש. איך בין נישט געווען קיין פאַרפירער, האָב נישט געהאַט קיין אומנאַטירלעכע געשמאַקן, האָב דערפון נישט געמאַכט קיין הויפּטציל פון לעבן, ווי דאָס האָבן געטון פיל אַנדערע פון מיין עלטער, און האָב מיך פאַרנומען מיט אויסגעלאַסנקייט סאָליד, אָנשטענדיק, צוליבן געזונט. איך האָב אויסגעמיידט די פרויען, וואָס וואָלטן מיך געקאָנט בינדן דורך געבוירן קינדער אָדער דורך צוגעבונדקייט צו מיר. איבעריקנס, אפשר זענען געווען קינדער אויך, און אפשר צוגעבונדנקייט אויך, נאָר איך האָב מיך געמאַכט. כלומרשט דאָס איז נישטאָ. און אָט דאָס גופא האָב איך געהאַלטן נישט נאָר פאַר מאָראַליש, נאָר כ'האָב מיך אפילו גרויס געהאַלטן דערמיט...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, ווי ער פלעגט עס טון יעדעס מאָל, ווען בא אים איז אויפגעקומען, אפּנים, אַ נייער געדאַנק.

— און אָט־אָ דאָס איז דאָך דאָס סאַמע אומווירדיקסטע, — האָט ער אויסגעשריגן. — די אויסגעלאַסנקייט איז דאָך נישט אין עפּעס פיזישן, קיינע פיזישע מעשים תעתועים זענען דאָך נישט קיין אויסגעלאַסנ-

קייט. נאָר די אויסגעלאַסנקייט, די אמתע אויסגעלאַסנקייט ליגט אין דעם באַפרייען זיך פון מאָראַלישע באַציונגען צו דער פרוי, מיט וועלכער מען באַהעפט זיך פיזיש. און אָט די־אָ באַפרייונג האָב איך געהאַלטן פאַר אַ גרויס פאַרדינסט. איך געדענק, ווי איך האָב מיך איינמאָל געפייניקט, ווען איך האָב נישט באַוויזן צו באַצאָלן אַ פרוי, וועלכע האָט מיך ליב געקריגן און אָפּגעגעבן זיך צו מיר. און באַרויקט האָב איך מיך ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב איר אַוועקגעשיקט געלט, באַווייזנדיק דערמיט, אַז מאָראַליש האָב איך מיך לגמרי נישט פאַרבונדן מיט איר... איר שאָקלט נישט מיטן קאָפּ, כלומרשט איר זענט מיט מיר נישט מסכים, — האָט ער פּלוצלינג אויף מיר אַ געשריי געטון. — איך ווייס דאָך דעם־אָקענץ. איר אַלע, איר אויך, אין בעסטן פאַל, אויב איר זענט נישט קיין אויסנאַם, האַלט איר פון די זעלביקע מיינונגען, ווי איך דעמאָלט. מילא, אַלץ איינס, פאַרצייט מיר, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אָבער די מעשה איז, וואָס דאָס איז שרעקלעך, שרעקלעך, שרעקלעך!

— וואָס שרעקלעך? — האָב איך געפרעגט.

— יענער תהום פון טעותים, אין וועלכן מיר לעבן בנוגע די פרויען אין די באַציונגען צו זיי. יאָ, איך קאָן נישט רויק רעדן וועגן דעם, און נישט דערפאַר, ווייל מיט מיר האָט פּאַסירט דערדאָזיקער עפּיזאָד, ווי ער זאַגט, נאָר דערפאַר, וואָס זינט עס האָט מיט מיר פּאַסירט דערדאָזיקער עפּיזאָד, האָבן זיך בא מיר אויפגעעפנט די אויגן, און איך האָב אַלץ דערזעען גאָר אין אַן אַנדער ליכט. אַלץ פאַרקערט, אַלץ פאַרקערט.

ער האָט פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס, און, אָנגעשפּאַרט זיך מיט די עלנבויגנס אויף די קני, האָט ער אָנגעהויבן רעדן. אין דער פינצטערניש האָב איך נישט געזעען זיין פנים, עס האָט זיך נאָר הינטער דעם קלאַפּן פון די וואַגאָנען געהערט זיין סאָלידע און אָנגענעמע שטימע.

# IV.

— יאָ, נאָר אויסגעפּייניקט זיך, ווי איך האָב מיך אויסגעפּייניקט, — נאָר אַ דאַנק דעם האָב איך פאַרשטאַנען, ווו איז דער וואָרצל פון אַלץ; כ'האָב פאַרשטאַנען, וואָס עס דאַרף זיין, און דעריבער האָב איך דערזען די גאַנצע אימה דערפון, וואָס עס איז.

איז אָט איך בעט אייך, זעט, ווי אַזוי און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס, וואָס עס האָט מיך דערפירט צו מיין עפּיזאָד. אָנגעהויבן האָט זיך עס דעמאָלט, ווען מיר איז נאָך נישט געווען קיין גאַנצע זעכצן יאָר. געשעען איז עס, ווען איך בין נאָך געווען אין דער גימנאַזיע, און מיין ברודער, דער עלטערער, איז געווען אַ סטודענט פונם ערשטן קורס. איך האָב נאָך נישט געקענט קיין פרויען. אָבער איך בין שוין, ווי אַלע אומגליקלעכע קינדער פון אונזער קרייז, נישט געווען קיין אומשולדיק יינגל: שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי איך בין געווען דעמאָראַליזירט דורך יונגאַטשעס; די פרוי, נישט אַבי אַ וועלכע, נאָר די פרוי, ווי עפּעס אַ זיסע זאַך, די פרוי, יעדע פרוי, די נאַקעטקייט פון דער פרוי, האָט מיך שוין געפּייניקט. מיינע איינזאַמקייטן זענען געווען נישט קיין ריינע. איך האָב מיך געמאַטערט, ווי עס מאַטערן זיך 0,99 פון אונזערע יינגלעך. איך בין געווען אין שרעק, איך האָב מיך געמאַטערט, איך האָב גאָט געבעטן און בין געפאַלן. איך בין שוין געווען דעמאָראַליזירט אין דמיון און אין דערווירקלעכקייט, אָבער דעם לעצטן טריט האָב איך נאָך נישט געמאַכט. איך בין פאַרלוירן געגאַנגען איינער אַליין, אָבער כ'האָב נאָך מיין האַנט נישט אַרויפגעלייגט אויף קיין אַנדער מענטשלעכן וועזן. נאָר אָט האָט דעם ברודערס אַ קאָלעגע, אַ פריילעכער סטודענט, אַן אַזוי גערופענער גוטער ברודער, ס'הייסט, דער גרעסטער מנוול, וואָס האָט אונז אויסגעלערנט אי שיכורן, אי אין קאָרטן שפּילן, אונז איינגערעדט נאָך אַ הוליאַנקע צו פאָרן אַהין. מיר זענען אַוועקגעפאָרן. דער ברודער איז אויך געווען אומשולדיק, און איז געפאַלן אין דערזעלביקער נאַכט. און איך, אַ 15-יעריקער יונגאַטש, האָב זיך אַליין פאַרשוועכט און מיטוועהאָלפן דער פאַרשוועכונג פון אַ פרוי, אינגאַנצן נישט פאַרשטייענדיק, וואָס איך האָב געטון. איך האָב דאָך פון קיינעם פון די עלטערע נישט

געהערט, אַז דאָס, וואָס איך האָב געטון, זאָל זיין שלעכט. און היינט אפילו וועט אויך קיינער עס נישט הערן. אמת, דאָס איז פאַראַן אין די געבאָטן, אָבער די געבאָטן דאַרף מען דאָך מער נישט דערויף, אַז מען זאָל ענטפערן דעם גלח אויפן עקזאַמען, און דאָס איז אויך נישט זייער נייטיק, ווייט נישט אַזוי, ווי דער געבאָט וועגן געברויך פון ut אין תנאי-זאַצן.

איז אָט פון יענע עלטערע מענטשן, וואָס זייער מיינונג האָב איך געאַכטעט, האָב איך פון קיינעם נישט געהערט, אַז דאָס זאָל זיין שלעכט. פאַרקערט, איך האָב געהערט פון מענטשן, וועלכע איך האָב געאַכטעט, אַז דאָס איז געווען גוט. איך האָב געהערט, אַז מיינע קאַמפן און מיינע לייזן וועלן נאָכדעם איינגעשטילט ווערן. איך האָב עס געהערט און געגלייבט, געהערט פון עטלעכע, אַז פאַרן געזונט וועט עס זיין גוט. און פון הברים האָב איך געהערט, אַז אין דעם איז פאַראַן עפּעס אַ העלדנ-שאַפט, אַ פאַרדינסט. אַזוי, אַז בכלל, חוץ גוטס, האָט מען דאָ גאָרנישט געקאָנט פאַרויסזעען. די סכנה קראַנק צו ווערן. אָבער אויך דאָס איז דאָך פאַרויסגעזעען. די זאָרגעוודיקע רעגירונג קימערט זיך וועגן דעם. זי גיט אכטונג, אַז די שאַנדהייזער זאָלן רעגלמעסיק פונקציאָנירן. און אַז די אויסגעלאַסנקייט פון די גימנאַזיסטן זאָל זיין אומגעפערלעך, אויך די דאָקטוירים, פאַר געהאַלט, גיבן דערויף אכטונג, אַזוי דאַרף זיין. זיי זאָגן, אַז זנות איז אָפטמאָל נוצלעך פאַרן געזונט, אָרדענען זיי טאַקע איין רעגל-מעסיקן פּינקטלעכן זנות. איך קען מוטערס, וועלכע זאָרגן אין דער הינ-זיכט פאַר דעם געזונט פון זייערע זין. און די ווינסנשאַפט שיקט זיי אַפּ אין די שיינדהייזער.

— פאַרוואָס עפּעס די ווינסנשאַפט? — האָב איך געזאָגט.

— ווער-זשע זענען די דאָקטוירים? די כוהנים פון דער ווינסנשאַפט. ווער דעמאָראַליזירט די יוגנט, באַהויפּטנדיק, אַז דאָס איז נייטיק פאַרן געזונט? — זיי. און נאָכדעם היילן זיי מיט שרעקלעכער חשיבות פון פראַנצן.

— פאַרוואָס זאָלן זיי נישט היילן?

— דערפאַר, ווייל ווען מען וואָלט 0,01 פון דידאַזיקע אָנשטרענ-גונגען, וועלכע מען פאַרברויכט אויף היילן סיפיליס, אַוועקגעלייגט אויף אויסוואָרצלען די אויסגעלאַסנקייט, וואָלט שוין לאַנג פון סיפיליס קיין זכר נישט געווען. און דאָ שטרענגט מען זיך גאָר אָן נישט אויף אויסוואָרצלען

די אויסגעלאָסנקייט, נאָר אויף װעקן חשק צו איר, אויף פאַרזיכערן די אויסגעלאָסנקייט פון סכּנות. מילא, נישט װעגן דעם רעדט זיך עס. ס'רעדט זיך װעגן דעם, װאָס מיט מיר, און אפילו מיט 0,9, אויב נישט נאָך מער, נישט בלויז פון אונזער שטאַנד, נאָר פון אַלע, אפילו פון פּויערים, איז געשעען די שרעקלעכע זאַך, װאָס איך בין געפאַלן נישט דערפאַר, װאָס איך בין אונטערגעפאַלן דעם נאַטירלעכן נסיון פון דער פּראַכט פון אַ געװיסער פרוי, — ניין, קיין שום פרוי האָט מיך נישט געפאַנגען, און איך בין געפאַלן דערפאַר, װאָס די סביבה אַרום מיר האָט איינגעזעען אין דעם, װאָס איז פאַלן, איינע — די סאַמע געזעצלעכע און נוצלעכע פאַרן געזונט פונקציע, אַנדערע — די סאַמע נאַטירלעכע און נישט בלויז פאַרגעבלעכע, נאָר אפילו אומשולדיקע פאַרװיילונג פאַר אַ יונגן מענטש. איך האָב אפילו נישט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם איז פאַראַן פאַלן, איך האָב מיך פּשוט אָנגעהויבן אָפּגעבן צו דידאַזיקע טייל-װייז פאַרגעניגנס, טיילװייז באַדערפעניש, װעלכע זענען איינגעשאַפּטלעך, לויט מען האָט אויף מיר משפיע געװען, אַ געװיסן עלטער; איך האָב מיך גענומען אָפּגעבן דערדאַזיקער אויסגעלאָסנקייט, װי איך האָב גענומען טרינקען, רייכערן. און דאָך איז אין דעמדאַזיקן ערשטן פאַלן געװען עפּעס אַזוינס באַזונדערס און רירנדס. איך געדענק, מיר איז תּיכּף ומיד, דאָרט גופא, נישט אַרויסגייענדיק פון צימער, געװאָרן אומעטיק, אומעטיק, אַזוי אַז עס האָט זיך געװאָלט װיינען. װיינען אויף דער פאַרלוירענער אומשולדיקייט מיינער, אויף דער אויף אייביק געפּטרטער באַציונג צו דער פרוי. יאָ, די נאַטירלעכע, די פּשוטע באַציונג צו דער פרוי איז געפּטרט געװען אויף אייביק. קיין ריינע באַציונג צו אַ פרוי האָב איך שוין זינט דעמאָלט נישט געקאָנט האָבן. איך בין געװאָרן דאָס, װאָס עס הייסט אַ נ ו א ף. און זיין אַ נואף, דאָס איז אַזאַ פיזישער צושטאַנד, געגליכן צו דעם צושטאַנד פון אַ מאָרפיניסט, פון אַ שיכּור, פון אַ רייכע-רער. פּונקט װי אַ מאָרפיניסט, אַ שיכּור און אַ רייכערער איז שוין נישט קיין נאָרמאַלער מענטש, אַזוי איז אויך דער מענטש, װאָס האָט געװוסט עטלעכע פרויען צוליב פאַרגעניגן װעגן, שוין נישט קיין נאָרמאַלער, נאָר אויף אייביק אַ קאַליעטשעטער מענטש — אַ נואף. װי דעם שיכּור און דעם מאָרפיניסט קאָן מען גלייך דערקענען נאָכן פּנים, נאָך די פּאַסטעמ-קעס, פּונקט אַזוי קאָן מען אויך דערקענען דעם נ ו א ף. דער נואף קאָן זיך איינהאַלטן, קעמפן, אָבער אַ פּשוטע, קלאָרע, ריינע באַציונג צו דער פרוי, אַ ברידערלעכע, װעט שוין בײַ אים קיינמאָ[ל]

נישט זיין, אָן דעם, ווי ער טוט אַ בליק, ווי ער באַקוקט אַ יונגע פרוי, קאָן מען גלייך דערקענען דעם נואף. און איך בין געוואָרן אַ נואף, און בין אַזעלכער פאַרבליבן און דאָס האָט מיך געפּטרט.

## V.

— יאָ, אַזוי איז עס. נאָכדעם איז אַוועק ווייטער, ווייטער, עס זענען געווען אַלערליי אָפּנייגונגען. גאָט מיינער! ווען איך דערמאָן מיך אַלע מיינע מיאוסע מעשים אין דער הינזיכט, — פאַלט אויף מיר אָן אַן אימה! ווען זיך, וואָס די חברים האָבן פון מיר געלאַכט צוליב מיין אַזוי גערופענער אומשולד, דערמאָן איך מיך אַזוי. און ווי איז שוין דאָס, וואָס מען הערט זיך אָן וועגן דער גאָלדענער יוגנט, וועגן די אָפיצירן, וועגן די פּאַריזער. און די אַלע הערן, אויך איך, ווען מיר, דרייסיקיעריקע נואפים, וועלכע האָבן אויף דער נשמה הונדערטער סאַמע פאַרשידענע שרעקלעכע פאַרברעכנס בנוגע דער פרוי, ווען מיר דרייסיקיעריקע נואפים, פלעגן אַריינגיין, ריין־ריין אויסגעוואַשענע, אויסגעגאָלטע, אָנגעפּערפומירטע, אין ריינע וועש, אין פראַק, צי אין מונדיר אין אַ זאַל אָדער אויף אַ באַל — עמבלעם פון ריינקייט — אַ פראַכט!

איר טוט נאָר אַ טראַכט, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין, און וואָס עס איז. דאַרפן וואָלט געדאַרפט זיין אַזוי, אַז ווען צו מיין שוועסטער, טאָכטער, קומט אונטער אַזאַ הער, וואָלט איך, קענענדיק זיין אַרט לעבן, געדאַרפט צו אים צוגיין, אָפּרופן אים אין אַ זייט און שטילינקערהייט זאָגן: „טייערינקער, איך ווייס דאָך, ווי דו לעבסט, ווי דו פאַרברענגסט די נעכט און מיט וועמען. פאַר דיר איז דאָ קיין אָרט נישט. דאָ זענען ריינע אומשולדיקע מיידלעך. אַוועק!" אַזוי וואָלט געדאַרפט זיין, און זיין איז, אַז ווען אַזאַ הער באַווייזט זיך און טאַנצט, אַרומנעמענדיק זי, מיט מיין שוועסטער, טאָכטער, פרייען מיר זיך, אויב ער איז רייך און האָט הויכגעשטעלטע באַקאַנטשאַפט. אפשר וועט ער נאָך ריגאָלבאָזש אויך מיין טאָכטער באַוויליקן. אויב עס זענען אפילו געבליבן שפּורן פון קראַנקייט — איז אויך גאָרנישט. היינטיקע צייטן היילט מען גוט. ווי דען, איך ווייס, עטלעכע מיידלעך פון די הויכע ספערן האָבן די עלטערן מיט גרויס פרייד אויסגעגעבן פאַר קראַנקע אויף דער באַוווסטער מחלה! אָ! אָ...

אַ נבלה! עס וועט דאָך מוזן קומען אַ צייט, ווען דידאָזיקע נבלה און שקר וועלן אויפגעדעקט ווערן!

און ער האָט עטלעכע מאָל אַרויסגעלאָזט זיינע משונהדיקע קלאַנגען און גענומען זיך פאַר דער טיי. די טיי איז געווען שרעקלעך שטאַרק, עס איז אָבער נישט געווען קיין וואַסער, פונאַנדערצופירן זי. איך האָב געפילט, אַז מיך האָבן אויפגערעגט באַזונדער די צוויי גלעזער טיי, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען. מסתמא האָט אויך אים די טיי געווירקט, מחמת ער איז געוואָרן אַלץ צערייצטער און צערייצטער. זיין קול איז געוואָרן אַלץ מער און מער זינגענדיק און אויסדריקלעך. ער האָט אָן אויפהער געביטן די פּאָזעס, דאָ אויסגעטון דאָס היטל, דאָ אָנגעטון, און זיין פּנים האָט זיך מאָדנע געענדערט אין דער האַלבפינצטערניש, אין וועלכער מיר זענען געזעסן.

— נו, האָב איך מיר אָט אַזוי אָפּגעלעבט ביז דרייסיק יאָר, אויף קיין רגע נישט פאַרלאָזנדיק די אויסזוכט חתונה צו האָבן און איינצוואָרדנען אַ סאַמע געהויבן און ריין משפחה-לעבן, און מיט דעם ציל האָב איך געזוכט אַ פּאַסיק מיידל, — האָט ער ווייטער גערעדט. — איך בין געזונקען אין דעם אייטער פון זנות, האָב איך געזוכט מיידלעך, וואָס זאָלן לויט זייער ריינקייט פּאַסן פאַר מיר.

פיל האָב איך פאַרבראַקירט טאָקע דערפאַר, וואָס זיי זענען נישט געווען קיין גענוג ריינע פאַר מיר. לסוף האָב איך געפונען אַזאַ, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר אַ פּאַסיקע. דאָס איז געווען איינע פון די צוויי טעכטער פון אַ מאָל זייער אַ רייכן נאָר אַ רוינירטן פּענזער גוטבאַזיצער.

אין איינעם אָן אָוונט, נאָכדעם ווי מיר זענען געפאָרן אין אַ שיפל, און באַנאַכט, פאַר דער לבנה-שיין, האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים, און איך בין געזעסן לעבן איר און האָב מיט פאַרגעניגן געקוקט אויף איר שטאַלטנער פיגור, וועלכע איז געווען איינגעצויגן אין דזשערסי, און אויף אירע לאָקן, האָב איך פּלוצלינג באַשלאָסן, אַז דאָס איז זי. מיר האָט זיך אין דעמדאָזיקן אָוונט געדאַכט, אַז זי פאַרשטייט אַלץ, אַלץ, וואָס איך פיל און טראַכט, און אַז איך פיל און טראַכט סאַמע געהויבענע זאַכן. איינדעראמתן איז געווען נאָר דאָס, וואָס די דזשערסי האָט איר זייער געקליידט צום געזיכט, אויך די לאָקן, און וואָס נאָך דעם נאָענט פאַרברענגטן מיט איר טאָג, האָט זיך געוואָלט נאָך גרעסערע נאָענטקייט.

אַ וווּנדערלעכע זאַך, ווי עס טרעפט אָפטמאָל אַ פולקאָמענע אילו-

-יע דערפֿון, אַז שיינקייט איז גוטס. אַ שיינע פֿרוי רעדט נאַרישקייטן, מען הערט, און מען הערט נישט נאַרישקייטן, נאָר חכמות. זי רעדט, טוט מיאוסע זאַכן, און דו זעסט עפּעס אַזוינס ליבלעכס, און ווען זי רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, נישט קיין אומווירדיקייטן און זי איז שיין הייבסטו שוין אָן צו גלייבן, אַז זי איז אַ וווּנדער, ווי קלוג און מאָ-ראַליש.

איך האָב מיך צוריקגעקערט אַהיים אין התפּעלות, און כ'האָב באַ-שלאָסן, אַז זי איז דער שפּיץ פֿון מאָראַלישער פֿולקאָמענהייט, און אַז דערפֿאַר טאַקע פֿאַרדינט זי צו זיין מיין ווייב, און אויף מאָרגן האָב איך פֿאַרגעלייגט מיין האַנט.

זעט נאָר, סאַראַ פּלאָנטער דאָס איז! פֿון טויזנט מאַנסבילן, וואָס האָבן חתונה, נישט נאָר אין אונזער שטייגער, נאָר צום אומגליק אין פֿאָלק אויך, קאָן מען קוים געפֿינען איינעם, וועלכער זאָל שוין נישט האָבן חתונה געהאַט אַ מאָל צען, אָדער אפֿשר גאָר הונדערט, און טויזנט, ווי דאָן זשואַן, פֿאַר דער חתונה.

עס זענען איצט, אמת, פֿאַראַן, הער איך און באַמערק, יונגעלייט ריינע, וואָס פֿילן און ווייסן, אַז דאָס איז נישט קיין שפּאַס, נאָר אַ גרויסע זאַך.

זאָל זיי גאָט העלפֿן! נאָר אין מיין צייט איז קיין איינער אַזעלכער נישט געווען אויף צען טויזנט. און אַלע ווייסן דאָס, און מאַכן זיך אָן אָנשטעל, כלומרשט זיי ווייסן נישט. אין אַלע ראָמאַנען זענען ביז דעטאַלן באַשריבן די געפֿילן פֿון די העלדן, די סטאַוון, די קוסטעס, לעבן וועלכע זיי גייען; נאָר באַשרייבנדיק זייער גרויסע ליבע צו עפּעס אַ וואַסער מויד, ווערט דאָרט גאָרנישט נישט געשריבן וועגן דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט אים, מיט דעם אינטערעסאַנטן העלד, פֿריער: קיין וואָרט וועגן זיינע באַזוכן אין שאַנדהייזער, וועגן שטובֿ-מיידלעך, קעכינס, פֿרעמדע ווייבער. און אויב עס זענען שוין יאָ פֿאַראַן אַזעלכע אומאָנשטענדיקע ראָמאַנען, גיט מען זיי נישט אין די הענט דער עיקר יענע, וואָס פֿאַר זיי איז עס נייטיקער ווי אַלץ צו וויסן — קיין מיידלעך.

לכתּחילה מאַכט מען זיך אָן אָנשטעל פֿאַר די מיידלעך, אַז די צע-לאָזנקייט, וועלכע פֿילט אָן די העלפֿט פֿון דעם לעבן פֿון אונזערע שטעט, און אפֿילו פֿון אונזערע דערפֿער, אַז דידאָזיקע צעלאָזנקייט איז אינגאַנצן נישט בנמצא.

נאָכדעם געוווינט מען זיך אַזוי צו צו דעם אָנשטעל, אַז לסוף, ווי

ענגלענדער, הייבט מען אליין אויפריכטיק אָן צו גלייבן, אז מיר זענען אַלע מאָראַלישע מענטשן און לעבן אין אַ מאָראַלישער וועלט. די מיידלעך, — זיי, נעבעך, גלייבן אין דעם גאָר ערנסט. אזוי האָט אויך געגלייבט מיין אומגליקלעך ווייב. איך געדענק, ווי זייענדיק אַ חתן, האָב איך איר באַוויזן מיין טאָג-בוך, פון וועלכן זי האָט זיך געקאָנט דערוויסן, כאָטש אַ ביסל וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט, דער עיקר אָבער וועגן דער לעצטער ליבעניש, וואָס איך האָב געהאַט, און וועגן וועלכער זי וואָלט זיך געקאָנט דערוויסן פון אַנדערע, און דעריבער האָב איך געפילט די נויטווענדיקייט איר צו דערציילן. איך געדענק איר אימה, פאַרצווייפלונג און פאַרלוירנקייט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט און האָט פאַרשטאַנען. איך האָב געזעען, אז זי האָט מיך דעמאָלט געוואָלט וואַרפן. און פאַרוואָס האָט זי נישט געוואָרפן!...

ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קלאַנג, נאָך אַ זופּ געטון טיי און אַ ווײַלע געשוויגן.

## VI.

— ניין, איבעריקנס, אזוי איז בעסער! — האָט ער אויסגעשריגן. — מיר קומט אזוי! אָבער נישט וועגן דעם רעדט זיך. איך האָב געוואָלט זאָגן, אז גענאַרטע בלייבן דאָך דאָ נאָר די אומגליקלעכע מיידלעך אליין.

די מאַמעס אָבער ווייסן עס, באַזונדערס די מאַמעס, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן דורך זייערע מענער, ווייסן עס אויסגעצייכנט. און מאַכנדיק זיך, אז זיי גלייבן אין דער ריינקייט פון די מאַנסבילן, ווירקן זיי אין דער טאַט גאָר אַנדערש. זיי ווייסן, אויף וואָס פאַר אַ ווענטקע צו כאַפּן דעם מאַנסביל פאַר זיך און פאַר זייערע טעכטער.

נאָר מיר מאַנסבילן ווייסן דאָך נישט, און ווייסן נישט דערפאַר, וואָס מיר ווילן נישט וויסן — פרויען אָבער ווייסן זייער גוט, אז די סאַמע געהויבענע, פּאָעטישע, ווי מיר רופן זי, ליבע, הענגט אָפּ נישט פון מאָראַלישע מעלות, נאָר פון פיזישער נאָענטקייט און דערצו פון דער פריזור, פונם קאָליר, פון דעם שריט פון קלייד. זאָגט אַ דערפאַרענער קאָקעטין, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט דעם ציל צו באַצויבערן אַ מענטש, מיט וואָס וויל זי בעסער ריזיקירן: צי ווערן אין דער אַנוועזנהייט פון דעם

מענטש, וואָס זי וויל אים כאַפּן אין איר נעץ, באַשולדיקט אין ליגנט,
אכזריות, אפילו אויסגעלאַסנקייט, צי באַווייזן זיך פאַר אים אין אַ שלעכט
אויפגעניים מיאוס קלייד ? — יעדער וועט אַלעמאָל בעסער וועלן דאָס
ערשטע. זי ווייסט, אַז אַן אונזעריקער לייגט אַלץ וועגן די הויכע גע-
פילן — ער דאַרף נאָר קערפּער, און דעריבער וועט ער מוחל זיין אַלע
שענדלעכע זאַכן, נאָר אַ מיאוסן, צעקאַליעטשעטן שלעכטן געשמאַק אין
קאָסטיום וועט ער נישט מוחל זיין.

די קאָקעטין ווייסט עס באַוווסטזיניק. יעדעס אומשולדיק מיידל
ווייסט עס אומבאַוווסטזיניק, ווי עס ווייסט עס יעדער בעל-חיים.

פונדאַנען שטאַמען די דזשערסי די עקלהאַפטע, די אָנטשעפּענישן פון
הינטן, דידאָזיקע נאַקעטע אַקסלען, הענט, כמעט ברוסט. פרויען, באַזונ-
דער אַזעלכע, וואָס זענען דורכגעגאַנגען אַ מאַנסבילשע שול, ווייסן זייער
גוט, אַז די געשפּרעכן וועגן הויכע מאַטעריעס זענען זיך געשפּרעכן,
נאָר דער מאַנסביל דאַרף קערפּער, און אַלץ, וואָס שטעלט דעם קער-
פּער אַרויס אין סאַמע אָפּנאַרערישן, אָבער אָנציענדיקן ליכט ; און דאָס
גופא ווערט טאַקע געטון. וואָרים אויב מען זאָל נאָר אָפּוואַרפן די רגילות
צו דערדאָזיקער שענדלעכקייט, וועלכע איז פאַר אונז געוואָרן די צווייטע
נאַטור, און דערזעען דאָס לעבן פון אונזערע העכערע קלאַסן אַזאַ ווי
עס איז, מיט דער גאַנצער אומפאַרשעמטקייט, איז עס דאָך כסדר איין
שאַנדהויז... איר זייט נישט מסכים ? דערלויבט, איך וועל אייך דערווייזן, —
האָט ער אָנגעהויבן, איבערשלאָגנדיק מיר. — איר זאָגט, אַז די פרויען
אין אונזער געזעלשאַפט לעבן מיט אַנדערע אינטערעסן, נישט ווי די
פרויען אין די שאַנדהייזער. און איך זאָג, אַז ניין, און וועל עס דער-
ווייזן. אויב מענטשן שיידן זיך אונטער לויט די צילן אין לעבן, לויט
דעם אינעווייניקסטן אינהאַלט, וועט דערדאָזיקער אונטערשיד אומבאַדינגט
אָפּשפּיגלען זיך אין דער אויסערלעכקייט, און אויך די אויסערלעכקייט
וועט זיין אַ פאַרשידענע. גיט אָבער אַ בליק אויף יענע, אויף די אומגליק-
לעכע, די פאַרהאַסטע, און אויף די סאַמע הויכגעשטעלטע וועלטלעכע
דאַמען : דיזעלביקע קאָסטיומען, דיזעלביקע פאַסאָנען, דיזעלביקע פּער-
פומען, דיזעלביקע אַנטפּלעקטע הענט, אַקסלען, ברוסט, און די איינגע-
צויגענע אויסגעשטעלטע הינטנס, די זעלבע תאווה צו שטיינדלעך, צו
טייערע גלאַנציקע זאַכן, די זעלביקע הוליאַנקעס, טענץ און מוזיק, געזאַנג.
פּונקט ווי יענע פאַרנאַרן מיט אַלערליי מיטלען, אַזוי די אויך. קיין אונ-
טערשיד נישט. שטרענג רעדנדיק, דאַרף מען נאָר זאָגן, אַז פּראָסטיטוט-

קעס אויף אַ קורצע צייט זענען געוויינלעך פאַרהאַסט, פּראָסטיטוטקעס אויף לאַנגע צייטן — זענען געוויינלעך געאַכטעט.

## VII.

יאָ, האָבן מיך דידאַזיקע דזשערסי און לאַקאָנעס און אַנטשעפּעניש גענפאַנגען.

און פאַנגען איז מיך געווען לייכט, דערפאַר וואָס איך בין געווען דערצויגן אין יענע באַדינגונגען, בײַ וועלכע, פּונקט ווי אוגערקעס אין אַ ספּעקטע, ווערן אויפגעצויגן פאַרליבעוודיקע יונגעלייט. אונזער אויפרייצנדיקע עודפדיקע שפּייז בײַ פולקאָמענער פיזישער פּוסטע-פּאַסקייט איז דאָך נישט אַנדערש, ווי סיסטעמאַטישע צעפלאַקערונג פון דער תאווה. וונדערט אייך, צי וונדערט אייך נישט, אָבער ס'איז אַזוי. איך אַליין האָב עס דאָך ביז דער לעצטער צייט גאָרנישט באַמערקט. און איצט האָב איך דערזעען. דעריבער טאַקע פּייניקט מיך דאָס, וואָס קיינער ווייסט עס נישט, און מען רעדט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי אָט יענע דאַמע.

יאָ-אָ, אַרום מיר האָבן פרילינג-צייט פויערים געאַרבעט אויף אַן אַנשיט פון דער אייזנבאַן. די געוויינלעכע שפּייז פון אַ פויערישן יונג: ברויט, קוואַס, ציבעלע. ער איז לעבעדיק, דרייסט, געזונט; טוט לייכטע פעלד-אַרבעט. קומט ער אָן אויף דער אייזנבאַן איז שוין זיין שפּייז: קאַשע און אַ פונט פלייש. אָבער דערפאַר לאָזט ער דאָסדאָזיקע פלייש אַרויס אין אַ 16-שעהדיקער אַרבעט מיט אַ וועגעלע משא פון 30 פוד. און עס איז אים פונקט וויפיל ער דאַרף. נו, און בײַ אונז, וואָס מיר עסן אויף צוויי פונט פלייש, און ווילדפרעט און אַלערליי דערהיצנדיקע מאכלים און משקאות — אויף וואָס גייט עס אַוועק? אויף זינלעכע עקסצעסן. איז אויב עס גייט אויף דעם, איז דער רעטונגס-ווענטילאַטאָר אָפן, איז אַלץ אין אָרדענונג; אָבער מאַכט אַ ביסל צו דעם ווענטילאַטאָר, ווי איך האָב אים צייטווייליק צוגעמאַכט, וועט גלייך ווערן אַן אויפרייצונג, וועלכע וועט, דורכגייענדיק דורך דער פּריזמע פון אונזער געקינצלט לעבן, זיך אויסדריקן אין פאַרליבעניש פון דער סאַמע העכסטער פּראָבע, אָפטמאָל אין אַ פּלאַטאָנישער. און איך האָב מיך פאַרליבט, ווי אַלע פאַרליבן זיך.

און ס'איז דאָ אַלץ געווען: אי אַנטציקונגען, אי הייליקייט, אי פּאָעזיע. אין תּוך אָבער איז דידאָזיקע ליבע מיינע געווען אַ פּועל־יוצא פון איין זייט — פון דער מאַמעשעס און די שניידערינס טעטיקייט, פון דער צווייטער זייט — פון דער גוזמא פאַרברויכטער דורך מיר שפּייז בײַ אַ פּוסטעפּאַסנעם לעבן. ווען ס'וואָלט נישט געווען פון איין זייט קיין שווימען אויף שיפלעך, ווען ס'וואָלטן נישט געווען קיין שניידערינס מיט טאַליעס און דאָס גלייכן, נאָר ווען מיין ווייב וואָלט געווען אָנגעטון אין אַ זעקלדיקער קאַפּאָט און ווען זי וואָלט געזעסן אין שטוב, און ווען איך וואָלט, פון דער צווייטער זייט, געלעבט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, אַ מענטש וואָס שלינגט־איין שפּייז אַזוי פיל, וויפיל ער דאַרף פאַר דער אַרבעט, און ווען בײַ מיר וואָלט דער רעטונגס=ווענטילאַטאָר געווען אָפן, — אָבער דאָ האָט ער זיך גאָר צופעליק אויף דערדאָזיקער צייט פאַרמאַכט, — וואָלט איך מיך נישט פאַרליבט, און דאָס אַלץ וואָלט נישט פאַרגעקומען.

## VIII.

— נו, און דאָ איז אַזוי צוגעפּאַסט געווען מיין צושטאַנד, אי מיין קלייד גוט, אי דאָס שווימען אויף שיפלעך געלונגען. צוואַנציק מאָל איז נישט געלונגען, און דאָ איז געלונגען. גלייך ווי אַ מין נעץ. איך לאַך נישט. איצט ווערן דאָך חתונות אַזוי געמאַכט ווי נעצן. וואָרים וואָס איז נאַטירלעך? אַ מויד איז רייף. מ'דאַרף זי חתונה מאַכן. דאַכט זיך, אַזוי פּשוט, אויב די מויד איז נישט קיין פאַרזועניש, און עס זענען פאַראַן מאַנסבילן, וועלכע ווילן חתונה האָבן. אַזוי פלעגט עס זיין פאַרצייטנס. אַ מויד האָט דערגרייכט צו דער עלטער, האָבן זי טאַטע=מאַמע חתונה געמאַכט. אַזוי פלעגט עס געטון ווערן, און טוט זיך בײַ דער גאַנצער מענטשהייט: בײַ כינעזער,, אינדיאַנער, מאַכמעדאַנער, בײַ אונז אין פאָלק. אַזוי ווערט עס געטון בײַ דעם מענטשלעכן מין לפּחות אין 0,99 טיילן. נאָר אין דעם איין הינדערטל צי נאָך ווייניקער, בײַ אונז אויסגעלאָסענע, האָט מען געפונען, אַז דאָס איז נישט גוט, און מען האָט אויסגעטראַכט נייעס. אָבער וואָס איז אַזוינס דאָס נייעס אַליין? דאָס נייעס איז דאָס, וואָס די מיידן זיצן, און די מאַנסבילן, ווי אויפן מאַרק, גייען אַרום און

קלויבן אויס. און די מיידן ווארטן און טראַכטן, זיי וואגן אָבער נישט צו זאָגן: „האַרעלע, מיך? ניין, מיך! נישט איר, נאָר מיך! זע סאַר אַן אַקסלען באַ מיר און אַלץ". — און מיר מאַנסבילן גייען זיך אַרום, קוקן זיך צו און זענען זייער צופרידן. — „כ'ווייס, הייסט עס, כ'וועל נישט אַריינפאַלן". גייען זיך אַרום, קוקן זיך צו און זענען זייער צופרידן, וואָס דאָס איז אַזוי פון זייערטוועגן איינגעאָרדנט. כאַפּסט זיך אָבער — נישט געקאָנט זיך אָפּהיטן. בוּך — דאָ איז די מפּלה!

— טאָ ווי־זשע זאָל זיין? — האָב איך געזאָגט. — וואָס־זשע, די פרוי זאָל מאַכן דעם פאָרשלאָג?

— דאָס ווייס איך שוין נישט ווי. נאָר אויב גלייכהייט, איז גלייכהייט. אויב מען האָט געפונען, אַז שדכנות איז נידעריק, איז שוין דאָס טויזנט מאָל נידעריקער. דאָרט זענען די רעכט און די שאַנסן גלייכע, און דאָ איז די פרוי אַ שקלאַפין אויפן מאַרק, אָדער אַ שטיקל פּעטס אין דער נעץ — „קומען אין דער געזעלשאַפט". זאָגט אַ וואָסער מוטער, אָדער אַ מיידל אַליין דעם אמת, אַז זי פאַרנעמט זיך מער נישט ווי מיט כאַפּן אַ חתן. גאָט מיינער — סאַר אַ באַליידיקונג! אָבער אַלע זענען זיי דאָך נאָר דערמיט באַשעפטיקט, און מער האָבן זיי נישט וואָס צו טון. און דער עיקר וואָס עס איז שרעקלעך, איז צו זען די באַשעפטיקטע דערמיט, אָפטמאָל זייער יונגינקע, נעבעך אומשולדיקע מיידלעך. און ווי־דער פאַרקערט, ווען דאָס וואָלט געטון ווערן אָפן, אָבער ס'איז דאָך אַלץ נאַרעריי. — „אַך, די אַנטשטייונג פון די מינים, ווי אינטערעסאַנט דאָס איז! אַך, לילי אינטערעסירט זיך זייער מיט מאָלעריי! און איר וועט זיין אויף דער אויסשטעלונג? ווי באַלערנדיק דאָס איז! און אויף טראָיקעס, און אַ ספּעקטאַקל, און אַ סימפאָניע? אַך, ווי מערקווירדיק! מיין לילי איז משוגע פון מוזיק? און פאַרוואָס טיילט איר נישט דידאָזיקע איבער־צייגונגען? און אויף שיפלעך!..." און דער רעיון איז איינער: „נעם, נעם מיך, מיין לילי! ניין, מיך! נו, פּרוביר כאָטש!..." אָ, אומווערדיקייט, שקר! — האָט ער געענדיקט און, דערטרינקענדיק דאָס לעצטע ביסל טיי, גענומען זיך צונויפקלויבן די קריגעלעך און דאָס געפעס.

# IX.

— איר ווייסט, — האָט ער אָנגעהויבן, אַריינלייגנדיק אין זאַק די טיי און צוקער, — יענע הערשאַפט פון דער פרוי, וואָס די וועלט ליידט אַזוי פון דעם, שטאַמט דאָך דערפון.

— וואָס הייסט די הערשאַפט פון דער פרוי? — האָב איך געזאָגט. — די רעכט, די פּריווילעגיעס געהערן צו דעם מאַנסביל.

— יאָ, אָט דאָס, טאַקע דאָס גופא, — האָט ער מיר איבערגעריסן — דאָס גופא, דאָס, וואָס איך וויל אייך זאָגן, טאַקע דאָס גופא דערקלערט די דאָזיקע אומגעווייגלעכע דערשיינונג, וואָס פון איין זייט איז זי אינגאַנצן ריכטיק, אַז די פרוי איז דערפירט ביז דער לעצטער מדרגה פון דערנידערונג; פון דער צווייטער זייט — וואָס זי הערשט. פּונקט אַזוי ווי יידן, ווי זיי צאָלן אָפּ מיט זייער געלט־מאַכט פאַר זייער באַדריקונג, אַזוי אויך די פרויען. „אַהאַ, איר ווילט, מיר זאָלן זיין בלויז הענדלער. רעכט, מיר הענדלער וועלן אייך באַהערשן", — זאָגן די יידן. „אַהאַ, איר ווילט, מיר זאָלן זיין בלויז אַן אַרטיקל פון זינלעכקייט, רעכט, מיר, אַלס אַרטיקל פון זינלעכקייט, וועלן אייך פאַרשקלאַפן", — זאָגן די פרויען. נישט אין דעם ליגט די רעכטלאָזיקייט פון דער פרוי, וואָס זי האָט קיין שטימרעכט נישט און טאָר קיין ריכטער נישט זיין, פאַרנעמען זיך מיט אָט־די עסקים הייסט נישט קיין רעכט — נאָר די רעכט איז אין דעם, וואָס מען זאָל זיין אין געשלעכטלעכן פאַרקער גלייך צו דעם מאַנסביל, האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיטן מאַנסביל אָדער אָפּצוהאַלטן זיך פון אים לויט איר פאַרלאַנג, לויט איר אייגענעם פאַרלאַנג אויסוויילן אַ מאַנסביל, נישט זיין אַ געווײלטע. איר זאָגט, אַז דאָס איז עקלהאַפט, רעכט. טאָ זאָל דעמאָלט דער מאַנסביל נישט האָבן דידאָזיקע רעכט. איצט אָבער האָט די פרוי נישט דידאָזיקע רעכט, אָבער דער מאַנסביל האָט זי יאָ. איז אָט, כדי צו קאָמפּענסירן זיך פאַר דידאָזיקע רעכט, ווירקט זי אויף דעם מאַנסבילס זינלעכקייט, דורך זינלעכקייט נעמט זי אים איין אַזוי, אַז ער ווײלט בלויז פאָרמעל, און אינדערעמתן ווײלט זי גאָר. און וויבאַלד אַז זי האָט דאָסדאָזיקע מיטל באַהערשט, מיסברויכט זי שוין מיט אים און באַקומט אַ שרעקלעכע מאַכט איבער מענטשן.

— ווי-זשע אָבער איז דידאָזיקע באַזונדערע מאַכט? — האָב איך געפרעגט.

— ווו איז די מאַכט? אומעטום דאָך, אין אַלץ. גייט אייך אַדורך אין יעטוועדער גרויסער שטאָט איבער די געשעפטן. מיליאָנען ליגן דאָ, נישט אָפּצושאַצן דעם מענטשנס מי, וואָס דאָ איז אַריינגעלייגט, און בליקט אַריין אין 0,9 פון דידאָזיקע מאַגאַזינען, צי איז דאָרט פאַראַן עפּעס פאַר דעם געברויך פונם מאַנסביל? דער גאַנצער לוקסוס פון לעבן ווערט געפאָדערט און אונטערגעהאַלטן דורך די פרויען.

ציילט איבער אַלע פאַבריקן. אַ גרויסער טייל פון זיי אַרבעט אויס נוצלאָזע צירונגען, עקיפאַזשן, מעבל, צאַצקעס פאַר פרויען. מיליאָנען מענטשן, דורות שקלאַפן קומען אום אין דערדאָזיקער קאַטאָרזשנער אַר-בעט אויף די פאַבריקן, בלויז צוליב דעם קאַפּריז פון די פרויען. פרויען, ווי קעניגינס האַלטן אין שקלאַפישער געפאַנגענשאַפט און עבודת פרך 0,9 פון דעם מענטשלעכן מין. און אַלץ דערפאַר, וואָס מען האָט זיי דערנידעריקט, אָפּגענומען בײַ זיי די גלייכבאַרעכטיקונג מיט די מאַנסביל. איז אָט זענען זיי זיך נוקם מיט טאָט פאַר אונזער זינלעכקייט דערמיט, וואָס זיי פאַנגען אונז אין זייערע נעצן אַריין. יאָ, דאָס קומט אַלץ דערפון.

פרויען האָבן פון זיך געמאַכט אַזאַ אינסטרומענט פון ווירקונג אויף דער זינלעכקייט, אַז דער מאַנסביל קאָן נישט רויק באַגיין זיך מיט דער פרוי. ווי נאָר דער מאַנסביל איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי, אַזוי איז ער גלייך אַרונטערגעפאַלן אונטער איר באַרוישונג און איז אויסן זינען גע-וואָרן. אויך פריער פלעגט מיר זיין נישט גוט, ווען איך פלעג זעען אַן אויסגעפּוצטע דאַמע אין אַ באַלאָון קלייד, נאָר איצט איז מיר פּשוט שרעקלעך, איך זע פּשוט עפּעס אַזוינס געפערלעכס פאַר מענטשן און קעגנגזעצלעכס, און עס ווילט זיך אַ געשריי טון צום פאָליציאַנט, רופן פאַרטיידיקונג קעגן דער געפאַר, פאָדערן, מען זאָל צונעמען, באַזייטיקן די געפערלעכע זאַך.

— יאָ, איר לאַכט! — האָט ער אויף מיר גענומען שרייען. — אָבער דאָס איז גאָרנישט קיין געלעכטער. איך בין זיכער, אַז עס וועט קומען אַ צייט, און אפשר זייער גיך, ווען מענטשן וועלן עס פאַרשטיין, און וועלן זיך וווּנדערן, ווי אַזוי האָט געקאָנט עקזיסטירן אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער עס זענען געוואָרן דערלאָזט אַזעלכע, די געזעלשאַפטלעכע רו שטערנדיקע, מעשים, ווי יענע, פּשוט תאווה רייצנדיקע, באַפּוצונגען

פֿון קערפּער, וועלכע זענען געוואָרן געדולדעט אין אונזער געזעלשאַפֿט. דאָס איז דאָך אַלץ איינס, וואָס אויסשטעלן אויף די שפּאַציר-ערטער, אויף די וועגן אַלערליי געצן, — ערגער! פֿאַרוואָס איז אַזאַרט-שפּיל פֿאַרווערט, און פּרויען אין קאָסטיומען, וואָס רייצן די תּאווה, זענען נישט פֿאַרווערט? זיי זענען טויזנט מאָל געפֿערלעכער!

# X.

בכן, האָט מען מיך אויך איינמאָל געפֿאַנגען. איך בין געווען דאָס, וואָס הייסט פֿאַרליבט. איך האָב נישט נאָר זיך פֿאָרגעשטעלט זיך ווי דעם שפּיץ פֿון פֿולקאָמענהייט, איך האָב אויך זיך פֿאַר דער צייט פֿון מיין חתנשאַפֿט געהאַלטן, אַז איך בין די גרעסטע פֿולקאָמענהייט. עס איז דאָך נישטאָ אַזאַ אויסוווּרף, וואָס זאָל, אַ זוך טועגדיק, נישט געפֿינען קיין אויסוווּרפֿן אין אַ וועלכער נישט איז הינזיכט גרעסערע פֿאַר אים, און זאָל דעריבער נישט געפֿינען קיין יסוד צו האַלטן זיך גרויס און זיין צופֿרידן מיט זיך. איך אויך אַזוי. איך האָב חתונה געהאַט נישט מיט געלט. געלט-נוצ ן זענען דערביי נישט גענומען געוואָרן אין אַכט, נישט אַזוי ווי בײַ דאָס רוב מיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן חתונה געהאַט צוליב געלט אָדער היכגעשטעלטע באַקאַנטשאַפֿט. איך בין געווען רייך, זי — אָרים. דאָס איז איינס. דאָס צווייטע, מיט וואָס איך האָב מיך געגרייסט, איז געווען דאָס, וואָס אַנדערע האָבן חתונה געהאַט מיט דער כוונה אויך ווייטער צו לעבן אין דער זעלביקער פּאָליגאַמיע, ווי זיי האָבן געלעבט ביז דער חתונה, איך אָבער האָב געהאַט אַ פֿעסטע כוונה צו האַלטן זיך נאָך דער חתונה בײַ מאָנאָגאַמיע, און ס'איז קיין סוף נישט געווען צו מיין גאווה דערמיט פֿאַר זיך אַליין. יאָ, אַ חזיר בין איך געווען אַ שרעקלעכער, און געמיינט האָב איך, אַז איך בין אַ מלאך.

די צייט, וואָס איך בין געווען אַ חתן, האָט נישט לאַנג געדויערט. איך קאָן אָן חרפּה איצט מיך נישט דערמאַנען אָן דעראָזיקער צייט פֿון מיין חתנשאַפֿט! סאַראַ מיאוסקייט! מען דאַרף דאָך פֿאַרשטיין ליבע גייסטיקע, נישט זינלעכע. איז אויב ליבע גייסטיקע, גייסטיקע געמיינשאַפֿט, וואָלט דיזאָזיקע גייסטיקע געמיינשאַפֿט באַדאַרפֿט זיך אויסצודריקן

מיט ווערטער, מיט געשפּרעכן, מיט שמועסן. אָבער דערפון איז קיין סימן נישט געווען. רעדן, ווען מיר פלעגן בלייבן אַליין, איז געווען שרעקלעך שווער. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין סיזיף־אַרבעט. אָט ערשט האָסטו צוגעטראַכט וואָס צו זאָגן, געזאָגט, און ווידער קומט אויס צו שווייגן, צו טראַכטן. רעדן איז נישט געווען וועגן וואָס. אַלץ, וואָס מען וואָלט געקאָנט זאָגן וועגן דעם לעבן, וואָס האָט אונז דערוואַרט, וועגן איינ־אָרדנען זיך, פּלענער, איז שוין געזאָגט געוואָרן, און ווייטער וואָס ? ווען מיר וואָלטן כאָטש געווען חיות, וואָלטן מיר שוין געוווסט, אַז רעדן דאַרף מען נישט. און דאָ, פאַרקערט, דאַרף מען רעדן, נאָר נישטאָ וואָס, ווייל עס אינטערעסירט נישט דאָס, וואָס ווערט געלייזט דורך רייד. און דערצו נאָך דערדאָזיקער מיאוסער מנהג פון קאָנפעקטן, פון דעם גראָבן פרעסן זיסע זאַכן און די אַלע מיאוסע הכנות צו דער חתונה: די שמועסן וועגן דער דירה, דעם שלאָפצימער, בעטן, קאַפּאָטן, שלאָפרעק, וועש, טואַלעטן. פאַרשטייט־זשע דאָך, אַז ווען מען האָט חתונה לויטן דאָמאָסטראָי, ווי דערדאָזיקער אַלטער האָט געזאָגט, זענען פּערענעס, אויסשטייער, בעטן — מער נישט ווי פּרטים, וועלכע אַנטשפּרעכן דעם סוד. אָבער בײַ אונז, ווען פון צען חתונה האָבנדיקע, איז זיכער ניין גלויבן נישט נישט נאָר אין דעם סוד, נאָר זיי גלויבן אפילו נישט, אַז דאָס, וואָס זיי טוען, איז עפּעס אַ התחייבות, ווען פון הונדערט מאַנסבילן איז קוים איינער שוין פון פריער נישט קיין חתונה געהאַטער, און פון פינפציק — איינער, וואָס איז נישט גרייט אויף שפּעטער פאַלש צו זיין קעגן זיין ווייב בײַ דער ערשטער בעסטער מעגלעכקייט; ווען דאָס רוב קוקט אויף דער נסיעה אין קלויסטער מער נישט ווי אויף אַ באַזונדערן תנאי צו באַזיצן אַ געוויסע פרוי, — באַטראַכט זיך, סאַראַ שרעקלעכע באַדייטונג עס באַקומען דערבײַ די אַלע פּרטים. ס'קומט אויס, אַז דאָס איז אַלץ. ס'קומט אויס עפּעס ווי אַ מין פאַרקויף. דעם נואף פאַרקויפט מען אַן אומשולדיק מיידל, און מען פאַר־בינדט דעמדאָזיקן פאַרקויף מיט געוויסע פאָרמאַליטעטן.

# XI.

— אַזוי האָבן אַלע חתונה, אַזוי האָב איך אויך חתונה געהאַט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גערימטער האָניק־חודש. שוין דער נאָמען אַליין סאַר אַ פּאַסקודנער! — האָט ער מיט בייזקייט אַרויסגערעדט. — איך בין אין פּאַריז איינמאָל געגאַנגען קוקן אַלערליי פאָרשטעלונגען, און בין אַריין, לויט אַ שילד, זעען אַ פרוי מיט אַ באָרד און אַ וואַסער־העכט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען מער נישט ווי אַ מאַנסביל דעקאָלט אין ווייבערישע קליידער, און אַ העכט אַריינגערוקט אין אַ פעל פון אַ ים־פערד, וואָס איז געשווומען אין אַ וואַנע מיט וואַסער. דאָס איז אַלץ געווען ווייניק אינטערעסאַנט. נאָר ווען איך בין אַרויס, האָט מיך דער באַווייזער איידל באַגלייט, און, ווענדנדיק זיך צום עולם באַם אַריינגאַנג, אָנווייזנדיק אויף מיר, האָט ער געזאָגט: „אָט פרעגט דעם הער, צי ס'איז כדאי אַ בליק צו טון. גייט אַריין, גייט אַריין, צו פראַנק פון אַ מענטש!" איך האָב מיך געשעמט צו זאָגן, אַז עס לוינט נישט צו קוקן, אויך דער, וואָס האָט באַוויזן, האָט אַפנים אויף דעם אויסגערעכנט. אַזוי איז עס מסתמא מיט די, וואָס האָבן איבערגעלעבט די גאַנצע עקלהאַפטיקייט פון דעם האָניק־חודש און אַנטוישן נישט קיין אַנדערע. איך האָב אויך קיינעם נישט אַנטוישט, אָבער איצט זע איך נישט, פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן דעם אמת. איך האַלט אפילו, אַז מען מוז זאָגן דעם אמת וועגן דעם. נישט באַקוועם, מיאוס, עקלהאַפט, פאַרדראָסיק און דער עיקר — לאַנגווייליק, אָן אַ שיעור לאַנגווייליק! דאָס איז אַ שטייגער, ווי בשעת איך האָב מיך געלערנט רייכערן, בעת מיר האָט זיך געוואָלט אויסברעכן, און די שלינע איז גערונען, און איך האָב זי געשלונגען און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז עס איז מיר זייער אָנגענעם. דאָס פאַרגעניגן פון רייכערן איז אויך אַזוי ווי דערפון. אויב עס וועט זיין, וועט עס זיין שפּעטער: מען דאַרף, אַז דער מאַן זאָל אין דעם ווייב דערציען דידאָזיקע אויסגעלאַסנקייט, כדי מען זאָל פון איר נאָכדעם האָבן פאַרגעניגן.

— ווי? אויסגעלאַסנקייט? — האָב איך געזאָגט. — איר רעדט דאָך וועגן אַ סאַמע נאַטירלעכער מענטשלעכער אייגנשאַפט.

— נאַטירלעכער ? — האָט ער געזאָגט. — נאַטירלעכער ? ניין, איך וועל אייך אדרבא זאָגן, אַז איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז נ י ש ט . . . נאַטירלעך. יאָ, אינגאַנצן נ י ש ט . . . נאַטירלעך. פרעגט בײַ קינדער, פרעגט בײַ אַ נישט צעלאָזט מיידל. מיין שוועסטער האָט זייער אַ יונגע חתונה געהאַט מיט אַ מענטש, וואָס איז געווען צוויי מאָל עלטער פאַר איר און אַ נואף.

איך געדענק, ווי מיר זענען געווען פאַרוואונדערט אין דער נאַכט פון דער חתונה, ווען זי איז אַ בלייכע, אין טרערן אַנטלאָפן פון אים, און האָט, טרייסלענדיק זיך אינגאַנצן, געזאָגט, אַז זי קאָן בשום אופן נישט, אַז זי קאָן אפילו נישט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט פון איר געוואָלט.

איר זאָגט : נאַטירלעכע !

נאַטירלעך איז עסן. און עסן איז פריידיק, לייכט, אַנגענעם און פון אָנהייב אָן נישט מיאוס. דאָ אָבער איז עקלהאַפט און מיאוס, און ווייטיקדיק. ניין, דאָס איז נישט נאַטירלעך ! און אַ מיידל נישט קיין דעמאָראַליזירטע, האָב איך מיך איבערגעצייגט, האַסט עס.

— ווי זשע, — האָב איך געזאָגט, — ווי זשע וואָלט פאַרגעזעצט געוואָרן דער מין מענטש ?

— יאָ, אָט, ווי, חלילה, זאָל נישט אומקומען דער מין מענטש ! — האָט ער געזאָגט בייז, איראָניש, גלייך ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דעם באַקאַנטן און נישט געוויסנהאַפטן ענטפער, — פריידיקן אָפּגעהאַלטן זיין פון קינדער-האָבן אין נאָמען דערפון, אַז די ענגלישע לאָרדן זאָלן אַלע מאָל קאָנען זיך איבערפרעסן — דאָס מעג מען. פריידיקן אָפּגעהאַלטן-זיין פון קינדער-האָבן אין נאָמען דערפון, אַז עס זאָל זיין מער אָנגענעמלעכקייט — דאָס מעג מען. רעדט אָבער אַרויס אַ וואָרט וועגן אָפּגעהאַלטן-זיין פון קינדער-האָבן אין נאָמען פון מאָראַלישקייט — טאַטע-פאָטער, סאַראַ געוואַלט מען מאַכט ! דער מין מענטש זאָל חלילה נישט איבערגעריסן ווערן דורך דעם, וואָס ער וויל ווערן אויס חזיר ! איבעריקנס, פאַרצייַעט. מיר איז נישט אָנגענעם דידאָזיקע ליכטיקייט, מען מעג פאַרהענגען ? — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער לאָמטער.

איך האָב געזאָגט, אַז מיר איז אַלציינס, און דעמאָלט האָט ער אײַלנדיק, ווי אַלץ וואָס ער האָט געטון, זיך געשטעלט אויף דער באַנק און אַראָפּגעלאָזט דעם וואָלענעם פאַרהאַנג איבער דער לאָמטערנע.

— פונדעסטוועגן, — האָב איך געזאָגט, — ווען אַלע וואָלטן עס

אַנערקענט אַלס געזעץ פאַר זיך, וואָלט דער מין מענטש אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

ער האָט נישט תיכף געענטפערט.

— איר זאָגט, ווי וועט דער מין מענטש ווייטער פאַרגעזעצט ווערן, — האָט ער געזאָגט, ווידער אַוועקזעצנדיק זיך אַנטקעגן מיר, ברייט צעשטעלנדיק די פיס און אָנשפאַרנדיק זיך אויף זיי מיט די עלנבויגנס. — צוליב וואָס זאָל ער ווייטער פאַרגעזעצט ווערן אָט דערדאָזיקער מין מענטש? — האָט ער געזאָגט.

— וואָס הייסט, צוליב וואָס? — אַנישט, וואָלטן מיר דאָך אויך נישט געווען.

— אָבער צוליב וואָס זאָלן מיר דען זיין?

— וואָס הייסט צוליב וואָס? כדי צו לעבן.

—און לעבן צוליב וואָס? אויב עס איז נישטאָ קיין שום ציל, אויב דאָס לעבן איז צוליב ליבן אונז געגעבן, איז נישט כדאי צו לעבן. און אויב אַזוי זענען די שאָפּענהויערס, די האַרטמאַנס, און אפילו אַלע בודיסטן פולקאָם גערעכט. נו, און אויב עס איז פאַראַן אַ ציל אין לעבן, איז קלאָר, אַז דאָס לעבן דאַרף אויפהערן, ווען דער ציל וועט דערגרייכט ווערן. אַזוי קומט עס טאַקע אויס, — האָט ער געזאָגט מיט קענטיקער אויפגערעגטקייט, באַשיינפערלעך זייער טייער האַלטנדיק זיין געדאַנק. — אַזוי קומט עס טאַקע אויס. איר באַמערקט נאָר... אויב דער ציל פון דער מענטשהייט איז וווילן, גוטס, ליבשאַפט, וואָס איר ווילט; אויב דער ציל פון דער מענטשהייט איז דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין די נביאות, אַז אַלע מענטשן וועלן זיך פאַרייניקן אין ליבשאַפט, אַז מען וועט איבערשמידן די שפּיזן אויף שניידמעסערס און אַז. וו. — טאָ וואָס־זשע דען שטערט צו דערגרייכן אָט־אָ דעם ציל? עס שטערןליידנשאַפטן. פון די ליידנשאַפטן איז די סאַמע שטאַרקסטע, בייזסטע און פאַרעקשנטע — די געשלעכטלעכע, די קערפּערלעכע ליבע, און דעריבער אויב עס וועלן בטל ווערן די ליידנשאַפטן, און די לעצטע, די סאַמע שטאַרקסטע פון זיי, די קערפּערלעכע ליבע, — וועט די נבואה מקוים ווערן, מענטשן וועלן זיך פאַרייניקן אין איינעם, דער ציל פון דער מענטשהייט וועט זיין דערגרייכט, און זי וועט שוין נישט האָבן צוליב וואָס צו לעבן. כּל־זמן אָבער די מענטשהייט לעבט, שטייט פאַר איר אַן אידעאַל, און פאַרשטייט זיך, נישט דער אידעאַל פון קיניגלעך אָדער פון חזירים, צו פּרוכפּערן זיך וואָס מער און נישט פון מאַלפּעס, אָדער פון די פּאַריזער, וואָס רא-

פינירטער אויסצונוצן די פּאַרגעניגנס פון געשלעכטלעכער ליידנשאַפט, נאָר דער אידעאַל פון גוטס, וואָס ווערט דערגרייכט דורך איינגעהאַלטנקייט און ריינקייט. צו אים האָבן אַלע מאָל געשטרעבט און שטרעבן מענטשן. און טוט אַ קוק, וואָס עס קומט אַרויס.

עס קומט אַרויס, אַז די קערפּערלעכע ליבע — דאָס איז די רעטונגס-ווענטילאַציע. האָט דער דור פון דער מענטשהייט, וואָס לעבט איצט, נישט דערגרייכט דעם ציל, האָט ער נישט דערגרייכט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט ליידנשאַפטן, און די שטאַרקסטע פון זיי — איז די געשלעכטלעכע. און איז פאַראַן געשלעכטלעכע תאווה, איז פאַראַן אַ נייער דור, במילא איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם ציל אין דעם קינפטיקן דור. האָט יענער דור אויך נישט דערגרייכט, איז ווידער דער קינפטיקער, און אַזוי, ביז וואַנען עס וועט נישט דערגרייכט ווערן דער ציל, עס וועט נישט מקוים ווערן די נבואה, עס וועלן זיך די מענטשן נישט פאַרייניקן אינאיינעם. אַנישט, וואָס וואָלט דען אַרויסגעקומען? ווען מ'זאָל דערלאָזן, אַז גאָט האָט באַשאַפן מענטשן, כדי צו דערגרייכן אַ געוויסן ציל, און ער האָט זיי באַשאַפן, אָדער שטערבלעכע, אָן געשלעכטלעכער תאווה, אָדער אייביקע. ווען זיי וואָלטן געווען שטערבלעכע, נאָר אָן געשלעכטלעכער תאווה, וואָס וואָלט אַרויסגעקומען? דאָס, וואָס זיי וואָלטן אַ ביסל געלעבט און, נישט דערגרייכנדיק דעם ציל, געשטאָרבן; אָבער כדי צו דערגרייכן דעם ציל, וואָלט גאָט געדאַרפט באַשאַפן נייע מענטשן. אויב אָבער זיי וואָלטן געווען אייביקע, לאָמיר זאָגן (הגם אפילו דאָס איז שווערער פאַר די זעלבע מענטשן, נישט פאַר נייע דורות, אויסצובעסערן די פעלערן און דערנענטערן זיך צו פולקאָמענהייט) וועלן מיר זאָגן, אַז זיי וואָלטן דערגרייכט דעם ציל אין אַ פולע טויזנט יאָר אַרום, אָבער צו וואָס דאַרף מען זיי נאָכדעם? ווו זאָל מען זיי אהינטון? דווקא אַזוי ווי עס איז, איז בעסער פאַר אַלץ... נאָר אפשר געפעלט אייך נישט די דאָזיקע פאָרם פון אויסדרוק, און איר זענט אַן עוואָלוציאָניסט. קומט דעמאָלט אויך אַרויס די זעלבע זאַך. דער העכערער מין בעלי-חיים, — דער מענשטלעכער, דאַרף, כדי צו דערהאַלטן זיך אין קאַמף מיט אַנדערע בעלי-חיים, צונויפנעמען זיך אינאיינעם, ווי אַ מחנה בינען, און נישט אָן אויפהער פרוכפּערן זיך; ער דאַרף אויך ווי די בינען, דערציען געשלעכטלאָזע, ד. ה. דאַרף ווידער אַמאָל שטרעבן צו איינגעהאַלטנקייט, און בשום אופן נישט צעפלאַקערן די תאוות, דאָס, צו וואָס עס פירט די גאַנצע אָרדנונג פון אונזער לעבן. — ער האָט אַ רגע געשוויגן. — דער

מיך מענטש וועט אויפהערן? צי דען קאָן עמעצער, ווי ער זאָל נישט קוקן אויף דער וועלט, אין דעם אַ ספק האָבן. דאָס איז דאָך פּונקט אַזוי אויסער ספק, ווי דער טויט. לויט אַלע קירכלערעס וועט דאָך קוּמען אַ סוף צו דער וועלט, און לויט אַלע וויסנשאַפטלעכע לערעס איז אויך דאָס זעלבע אומאויסמיידלעך. טאָ וואָס זשע איז דער ווונדער, וואָס לויט דער מאָראַלישער לערע קומט אויך אויס די זעלביקע זאַך?

ער האָט לאַנג נאָכדעם געשוויגן, דערוויכערט זיין פּאַפּיראָס, און, אַרויסגענומען פון זאַק אַנדערע, האָט ער זיי אַריינגעלייגט אין זיין אַלטן פאַרשמוצטן פּאָרטסיגאַר.

— איך פאַרשטיי אייער געדאַנק, — האָב איך געזאָגט. — עפּעס ענלעכס באַהויפּטן אויך די שעקערן.

— יאָ, יאָ, און זיי זענען גערעכט, — האָט ער געזאָגט. — די קערפּערלעכע תאווה, ווי זי זאָל נישט זיין אויסגעשטאַט, איז אַ שלעכטס, אַ שרעקלעך שלעכטס, קעגן וועלכן מען דאַרף קעמפן, און נישט וועקן צו אים חשק, ווי בא אונז. די רייד פון דער עוואַנגעליע וועגן דעם, אַז דער, וואָס קוקט אויף אַ פרוי מיט גלוסטונג, האָט שוין מיט איר מזנה געווען, באַציען זיך נישט נאָר צו פרעמדע ווייבער, נאָר דווקא און דער עיקר צו דעם אייגענעם ווייב.

## XII.

— אָבער אין אונזער וועלט איז פּונקט דער היפוך: אויב אַ מענטש האָט נאָך געטראַכט וועגן איינגעהאַלטנקייט פאַר דער חתונה, איז נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט, האַלט שוין יעדער, אַז איינהאַלטן זיך דאַרף מען שוין נישט. אָט די רייזעס טאַקע נאָך דער חתונה, דאָס פאַראיינזאַמען זיך, וואָס די יונגע אָרדענען איין מיט דער דערלויבניש פון די עלטערן, דאָס איז דאָך אַלץ מער נישט, ווי די דערלויבניש אויף זנות. אָבער דער מאָראַלישער געזעץ צאָלט אַליין פאַר זיך, ווען מ׳איז אויף אים עובר. וויפיל איך האָב מיך נישט געמיט איינצואָרדנען זיך אַ האָניק־חודש, איז אַלץ גאָרנישט אַרויסגעקומען. די גאַנצע צייט איז געווען מיאוס, עקלהאַפט און לאַנגווייליק. אָבער גאַנץ גיך איז געוואָרן פּיינלעך־שווער. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן זייער גיך. דאַכט זיך, אויפן

דריטן, צי אויפן פערטן טאָג האָב איך דערווישט דאָס ווייב אָן אומעטיקע, כ'האָב גענומען פרעגן פאַרוואָס, אָנגעהויבן אַרומנעמען זי, און דאָס האָב איך געמיינט איז אַלץ, וואָס זי וואָלט געקאָנט פאַרלאַנגען, נאָר זי האָט אָפּגעשטופּט מיין האַנט, און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. פאַרוואָס? זי האָט נישט געקאָנט זאָגן. אָבער איר איז געווען אומעטיק, שווער. מסתמא האָבן איר די אויסגעמאַטערטע נערוון אונטערגעזאָגט דעם אמת וועגן דער עקלהאַפטקייט פון אונזערע באַציונגען. איך האָב אָנגעהויבן אויספרעגן. זי האָט עפּעס געזאָגט, אַז עס איז איר אומעטיק אָן דער מאַמען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז נישט אמת. איך האָב איר גענומען איינרעדן, פאַרשווייגנדיק וועגן דער מוטער. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז איר איז פּשוט געווען שווער, און די מוטער איז נאָר געווען אַן אויסרייד. אָבער זי האָט זיך גלייך באַליידיקט, וואָס איך האָב פאַרשוויגן וועגן דער מוטער, גלייך ווי איך האָב איר נישט געגלייבט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי זעט, אַז איך ליב זי נישט. איך האָב איר פאַרגעוואָרפן, אַז זי קאַפּריזעט, און פּלוצלינג האָט זיך איר פּנים אינגאַנצן געענדערט. אָנשטאָט אומעט האָט זיך אויסגעדריקט צערייצטקייט, און זי האָט מיר גענומען מיט די סאַמע גיפטיקסטע ווערטער פאַרוואַרפן, אַז איך בין אַן עגאָיסט און אַן אכזר. איך האָב אויף איר אַ קוק געטון. דאָס גאַנצע געזיכט אירס האָט אויסגעדריקט פולשטענדיקסטע קאַלטקייט און פיינטלעכקייט, שנאה כמעט צו מיר. איך געדענק, וואָס פאַר אַן אימה עס איז אויף מיר אָנגעפאַלן, ווען איך האָב דאָס דערזעען. ווי? וואָס? האָב איך געטראַכט. ליבע — אַ בונד צווישן די נשמות, און אָנשטאָט דעם גאָר אָט וואָס! אָבער עס קאָן דאָך נישט זיין, ס'איז דאָך נישט זי! איך האָב געוועזט געפּרוווט דערווייכן זי. איך האָב אָבער אָנגעגעגנט אַזאַ אומבאַזיגלעכע וואַנט פון קאַלטער, גיפטיקער פיינטלעכקייט, אַז איך האָב נישט באַוויזן אַרומצוקוקן זיך, ווי די צערייצטקייט האָט אויך מיך פאַרכאַפּט, און מיר האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעזאָגט אַ באַרג מיט אומאָנגענעמלעכקייט. דער איינדרוק פון דער דאָזיקער ערשטער מחלוקת איז געווען אַ שרעקלעכער. איך האָב עס אָנגערופן מחלוקת, אָבער דאָס איז געווען נישט מחלוקת, דאָס איז נאָר געווען די אַנטפּלעקונג פון יענעם תהום, וועלכער איז אין דער ווירקלעכקייט געווען צווישן אונז. די פאַרליבטקייט האָט זיך אויסגענומען נאָכדעם, ווי די זיגלעכקייט איז באַפרידיקט געוואָרן. און מיר זענען געבליבן קעגנאַנאַנדער אין אונזער ווירקלעכער באַציונג איינער צום צווייטן, ד. ה. צוויי אינגאַנצן

פרעמדע איינער דעם אַנדערן עגאָיסטן, וואָס פאַרלאַנגען צו באַקומען פאַר זיך וואָס מער פאַרגעניגן איינער דורך דעם אַנדערן. איך האָב אָנגערופן מחלוקת דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן אונז; אָבער דאָס איז געווען נישט מחלוקת, נאָר דאָס איז געווען אַ פועל-יוצא פון דעם, וואָס עס האָט זיך איבערגעריסן די זינלעכקייט, און עס האָט זיך אַנטפלעקט אונזערווירקלעכע באַציונג איינער צום צווייטן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע קאַלטע און פיינטלעכע באַציונג איז געווען אונזער נאָרמאַלע באַציונג. איך האָב דאָס נישט פאַרשטאַנען דערפאַר, וואָס דידאָזיקע פיינטלעכע באַציונג האָט זיך אין דער ערשטער צייט זייער גיך פאַרהוילן פון אונז אונטער דער ווידער אויפגעקומענער דיסטילירטער זינלעכקייט, ד. ה. פאַרליבטקייט.

און איך האָב געמיינט, אַז מיר האָבן זיך צעקריגט און שלום געמאַכט, און מער וועט עס שוין נישט זיין. אָבער אין דעם זעלביקן ערשטן האָניק-חודש איז באַלד ווידער אָנגעשטאַנען אַ פעריאָד פון איבערגעזעטיקטקייט, ווידער האָבן מיר אויפגעהערט צו זיין נייטיק איינער פאַר דעם אַנדערן, און עס איז ווידער אַרויסגעקומען אַ קריג. דידאָזיקע צווייטע מחלוקת האָט מיך געטראָפן נאָך מער ווייטיקדיקער, איידער די ערשטע. „הייסט עס, די ערשטע איז נישט געווען קיין צופעליקייט. נאָר דאָס דאַרף אַזוי זיין, און עס וועט אַזוי זיין", האָב איך געטראַכט. נאָך שטאַרקער האָט מיך געטראָפן די צווייטע מחלוקה, דערפאַר וואָס זי איז אויסגעבראָכן צוליב אַן אוממעגלעכער סיבה. עפּעס צוליב געלט, וועלכעס איך האָב קיינמאָל נישט געשוינט און נישט געקאָנט שוינען פאַר דעם ווייב. איך געדענק נאָר, ווי זי האָט דער זאַך געגעבן אַזאַ ווענדונג, אַז עפּעס מיינס אַ באַמערקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אויסדרוק פון מיין פאַרלאַנג צו הערשן איבער איר דורך געלט, אויף וועלכן איך האָב געבויט כלומרשט מיין אויסשליסלעכע רעכט, עפּעס אַזוינס אוממעגלעכס, נאַרישס, עקלהאַפטס, אומנאַטירלעכס סיי פאַר מיר, סיי פאַר איר. איך בין געוואָרן צערייצט, האָב גענומען אויפוואַרפן, אַז זי איז נישט דעליקאַט, זי — אַז איך בין נישט דעליקאַט, — און ס'איז ווידער אַוועק. סיי אין די ווערטער, סיי אין דעם אויסדרוק פון איר פנים און אירע אויגן האָב איך ווידער דערזעען די זעלביקע, וואָס האָט מיך פריער אַזוי שטאַרק געטראָפן, אכזרישע, קאַלטע פיינטלעכקייט. מיטן ברודער, מיטן חבר, מיטן פאָטער געדענק איך, האָב איך מיך געקריגט, נאָר קיינמאָל איז צווישן אונז נישט געווען יענע באַזונדערע, גיפטיקע בייזקייט, וועלכע עס איז דאָ

גע‏וועז. אָבער ס׳איז אַריבער אַ ביסל צייט, און ווידער האָט זיך דידאָזיקע
קעגנזייטיקע שנאה באַהאַלטן אונטער פאַרליבטקייט, ד. ה. זינלעכקייט, און
איך האָב מיך נאָך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דידאָזיקע צוויי מחלוקתן
זענען געווען טעותים, וועלכע מען קאָן פאַרריכטן. אָבער אָט איז אָנגע-
קומען אַ דריטע, אַ פערטע מחלוקת, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז
דאָס איז נישט קיין צופעליקייט, נאָר אַז דאָס דאַרף אַזוי זיין, אַזוי וועט
עס טאַקע זיין, און אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַן אימה דערפאַר, וואָס מיר
שטייט פאָר. דערביי האָט מיך נאָך געפייניקט דער שרעקלעכער געדאַנק,
אַז נאָר איך אַליין לעב עס מיט דעם ווייב אַזוי שלעכט, אַזוי נישט ענ-
לעך דערצו, ווי איך האָב געוואַרט, בשעת בא אַנדערע פאַרפאַלקן איז עס
נישטאָ. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַן אַלגעמיי-
נער גורל, און אַז אַלע, פונקט ווי איך, מיינען, אַז דאָס איז זייער אויס-
שליסלעך אומגליק, און פאַרבאָרגן ס׳דאָזיקע אויסשליסלעכע, שענדלעכע
אומגליק זייערס נישט נאָר פון לייטן, נאָר אפילו פון זיך אַליין, זיי זע-
נען זיך פאַר זיך אַליין אין דעם נישט מודה.

אָנגעהויבן האָט זיך פון די ערשטע טעג, און געדויערט האָט עס
די גאַנצע צייט, און אַלץ שטאַרקער און אָן-רחמנותדיקער. אין דער טיף
פון דער נשמה האָב איך שוין פון די ערשטע וואָכן דערפילט, אַז איך
בין פאַרפאַלן, אַז עס איז אַרויסגעקומען נישט דאָס, וואָס איך האָב דער-
וואַרט, אַז דאָס חתונה האָבן איז נישט נאָר נישט קיין גליק, נאָר עפּעס
זייער שווערס, אָבער איך האָב, ווי אַלע, נישט געוואָלט מודה זיין זיך
(איך וואָלט זיך איצט אויך נישט מודה געווען, ווען נישט דער סוף) און
האָב עס באַהאַלטן נישט נאָר פון לייטן, נאָר אפילו פון זיך. איצט וווּנדער
איך מיך, ווי אַזוי האָב איך נישט געזען מיין אמתע לאַגע. מען וואָלט
עס דאָך געדאַרפט קאָנען זען דערפון, וואָס די מחלוקתן האָבן זיך אָנ-
געהויבן צוליב אַזעלכע סיבות, וואָס עס איז שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך
געענדיקט, אוממעגלעך געווען צו דערמאַנען זיך, פאַרוואָס. דער שכל האָט
נישט באַוויזן אונטערצומאַכן אונטער דער שטענדיק עקזיסטירנ-
דיקער פיינטלעכקייט פון איינעם צום צווייטן גענוגנדיקע טעמים. און נאָך
וווּנדערלעכער איז געווען די נישט באַגנוגנדיקייט פון די טעמים צום
שלום. אַמאָל פלעגן עס זיין ווערטער, דערקלערונגען, אפילו טרערן, נאָר
אַמאָל... אָך ! — ס׳איז נאָך איצט מיאוס צו דערמאַנען זיך, — נאָך די
סאַמע אומברחמנותדיקע ווערטער פון איינעם צום אַנדערן — פלוצלינג

שטילע בליקן, שמייכלען, קושן, אומארמונגען... טפוי, ווי עקלהאַפט! ווי האָב איך עס געקאָנט נישט זען די גאַנצע מיאוסקייט דערפון דעמאָלט...

## XIII.

עס זענען אריין צוויי פאַסאַזשירן און האָבן זיך גענומען איינזעצן אויף א ווייטער באַנק. ער האָט געשוויגן, כל זמן זיי האָבן זיך איינגעזעצט. נאָר ווי זיי זענען שטיל געוואָרן, האָט ער פאָרגעזעצט, אפנים אויף קיין רגע נישט פארלירנדיק דעם פאָדעם פון זיין געדאַנק.

— וואָרים וואָס איז דאָ דער עיקר מיאוס, — האָט ער אָנגעהויבן, — מען איז משער אין דער טעאָריע, אז ליבע איז עפּעס אַזוינס אידעאַלישס, דערהויבנס, און אויף דער פּראַקטיק איז דאָך ליבע עפּעס עקלהאַפטס, חזירישס, וואָס רעדן און דערמאַנען וועגן דעם איז עקלהאַפט און מיאוס, און אויב עס איז עקלהאַפט און מיאוס, דאַרף מען עס אַזוי אויך פאַרשטיין. און דאָ, פאַרקערט, מאַכן מענטשן דעם אָנשטעל, אז דאָס עקלהאַפטע און מיאוסע איז שיין און געהויבן. וואָס זענען געווען די ערשטע סימנים פון מיין ליבע? וואָס איך האָב מיך איבערגעגעבן צו חיהשע תאוות, נישט נאָר נישט שעמענדיק זיך מיט זיי, נאָר פאַר עפּעס אַזוינס גרויס האַלטנדיק זיך מיט דער מעגלעכקייט איבער דער מאָס צו באַפרידיקן דידאָזיקע תאוות. קיין האָר נישט טראַכטנדיק דערביי נישט נאָר וועגן איר גייסטיקן לעבן, נאָר אפילו וועגן איר פיזישן לעבן. איך האָב מיך געוווּנדערט, פונוואַנען האָט זיך גענומען אונזער צאָרנדיקייט איינער קעגן צווייטן, אָבער די זאַך איז געווען אינגאַנצן קלאָר: דידאָזיקע צאָרנדיקייט איז געווען נישט אַנדערש ווי דער פּראָטעסט פון דער מענטשלעכער נאַטור קעגן דער חיה, וואָס האָט זי צעדריקט.

איך האָב מיך געוווּנדערט אויף אונזער שנאה איינער צום צווייטן. עס האָט דאָך אָבער אַנדערש נישט געקאָנט זיין. דידאָזיקע שנאה איז געווען נישט אַנדערש, ווי די שנאה די קעגנזייטיקע פון אָנטיילנעמער אין איין פאַרברעכן — סיי פאַרן אָנרעדן און סיי פאַרן אָנטייל אין דעם פאַרברעכן. ווי זשע איז דאָס נישט קיין פאַרברעכן, ווען זי נעבעך איז מעוברת געוואָרן אין דעם ערשטן חודש, און אונזער חזירישע

באַציִונג האָט נאָך אַלץ געדויערט. איר מיינט, אַז איך בין אָפּגעטרעטן פון דער דערציילונג קיין האָר נישט! דאָס דערצייל איך אייך אַלץ, ווי איך האָב געטייט דאָס ווייב. אויפן געריכט פרעגט מען מיך, מיט וואָס, ווי האָב איך געטייט דאָס ווייב? בהמות! זיי מיינען, אַז איך האָב זי געטייט דעמאָלט, מיטן מעסער, דעם פינפטן אָקטאָבער. איך האָב זי נישט דעמאָלט געטייט, נאָר פיל פריער. פונקט אַזוי ווי זיי טייטן איצט, אַלע, אַלע...

— מיט וואָס זשע? — האָב איך געפרעגט.

— אָט דאָס איז דאָך דאָס וווּנדער, וואָס קיינער וויל נישט וויסן דאָס, וואָס עס איז אַזוי קלאָר און באַשיינפּערלעך, דאָס, וואָס עס האָבן געזאָלט וויסן און פּריידיקן די דאָקטוירים, נאָר וועגן וואָס זיי שווייגן. די זאַך איז דאָך שרעקלעך איינפאַך. דער מאַנסביל און די פרוי זענען באַשאַפן, ווי אַ חיה, אַזוי אַז נאָך קערפּערלעכער ליבע הייבט זיך אָן שוואַנגערשאַפט, נאָכדעם דאָס קינד-זויגן, אַזעלכע צושטאַנדן, ווען פאַר דער פרוי, פונקט ווי פאַר דעם קינד, איז די קערפּערלעכע ליבע שעד-לעך. פרויען און מאַנסבילן זענען פאַראַן אין אַ גלייכער צאָל. וואָס-זשע איז דערפון געדרונגען? דאַכט זיך, קלאָר. און מען דאַרף נישט האָבן קיין גרויסע חכמה, כדי צו מאַכן דערפון יענעם אויספיר, וואָס עס מאַכן חיות, ד. ה. אייגעהאַלטנקייט. אָבער ניין. די וויסנשאַפט איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט געפונען עפּעס אַזעלכע לעוקאַציטן, וועלכע לויפן אַרום אינם בלוט, און אַלערליי אומנייטיקע נאַרישקייטן, נאָר דאָס האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין. לפחות, מען הערט נישט, אַז זי זאָל וועגן דעם רעדן.

האָט בכן די פרוי נאָר צוויי אויסגאַנגען. איינער — מאַכן פון זיך אַ קאַליקע, פאַרניכטן פאַראַמאָל אָדער ביסלעכווייז, לויט ווי עס וועט זיך פאָדערן, די פעיקייט צו זיין אַ פרוי, ד. ה. אַ מוטער, בכדי אַז דער מאַנסביל זאָל קאָנען רויק און כסדר פאַרגעניגן האָבן. אָדער אַן אַנדע-רער אויסגאַנג, אפילו נישט קיין אויסגאַנג, נאָר פשוט ברוטאַל און די-רעקט עובר זיין אויף די געזעצן פון דער נאַטור, דאָס, וואָס עס ווערט געטון אין אַלע אַזוי גערופענע ערלעכע משפחות, דהיינו: די פרוי דאַרף, קעגן איר נאַטור, גלייכצייטיק זיין אי מעוברת, אי אַן אַם, אי אַ נקבה, זי דאַרף זיין דאָס, צו וואָס עס דערנידעריקט זיך נישט קיין שום חיה. און קיין שום כוחות קאָנען נישט קלעקן. דערפון נעמען זיך אין אונזער שטייגער היסטעריעס, נערוון, און אין פאָלק — באַזעסענע פון טייוול.

באַמערקט, באַ מיידלעך, באַ רייכע, איז נישטאָ קיין באַזעסענע פון טייוול, נאָר באַ ווייבער, און באַ ווייבער, וואָס לעבן מיט די מאַנען. אַזוי איז באַ אונז. פּונקט אַזוי איז אויך אין אייראָפּע. אַלע קליניקעס פאַר היסטערישע זענען פול מיט פרויען, וואָס צעשטערן דעם געזעץ פון דער נאַטור. אָבער באַזעסענע און שאַרקאָס פּאַציענטינס — דאָס זענען דאָך אינגאַנצן קאַליקעס, און מיט האַלבקאַליקע=פרויען איז פול די וועלט. ווען מ'טוט נאָר אַ טראַכט, סאַר אַ גרויסע זאַך עס קומט פאָר אין דער פרוי, ווען זי ווערט פאַרנומען מיטן פרוכט. אָדער ווען זי זויגט דאָס געבוירענע קינד. עס וואַקסט דאָס, וואָס זעצט פאָר, פאַרבייט אונז! און אָט דידאָזיקע הייליקע זאַך ווערט געשטערט — מיט וואָס זשע? — שרעקלעך אַ טראַכט צו טון! — און מען רעדט וועגן פרייהייט, וועגן די רעכט פון דער פרוי, דאָס איז אַלץ איינס, ווי מענטשנפרעסער וואָלטן געשטאָפּט מענטשן געפאַנגענע אויף שחיטה און דערביי פאַרזיכערט, אַז זיי זאָרגן וועגן זייער רעכט און פרייהייט.

דאָס אַלץ איז געווען ניי און האָט מיך פאַרווונדערט.

— טאָ ווי זשע? אויב אַזוי, — האָב איך געזאָגט, — קומט דאָך אויס, אַז ליבן די פרוי קאָן מען איינמאָל אין צוויי יאָר, און דער מאַנסביל...

— פאַר דעם מאַנסביל איז עס נויטווענדיק, — האָט ער אונטערגעכאַפּט. — ווידער האָבן די ליבע כוהנים פון דער וויסנשאַפט אַלעמען איינגערעדט. איך וואָלט זיי, דידאָזיקע געצנדינערישע פּריסטער, געלאָזט דערפילן דעם פּאָסטן פון יענע פרויען, וועלכע זענען, לויט זייער מיינונג, נויטווענדיק פאַר דעם מאַנסביל, — וואָס וואָלטן זיי דעמאָלט גערעדט? רעדט איין אַ מענטש, אַז פאַר אים איז נייטיק בראָנפן, טאַבאַק, אָפּיום — וועט דאָס אים אַלץ נייטיק זיין. ס'קומט אויס, אַז גאָט האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען דאַרף, און דעריבער האָט ער, נישט פרעגנדיק זיך באַ די פּריסטער, שלעכט איינגעאָרדנט. זעט איר, כ'בעט אייך, עס פּאַסט זיך נישט. דער מאַנסביל דאַרף און פאַר אים איז נייטיק, אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן, צו באַפרידיקן זיין תאווה, און דאָ האָט זיך אינדערמיטן אַריינגעמישט קינדער=געבורט, קינדער=זייגן, וועלכע שטערן צו באַפרידיקן די באַדערפעניש. ווי=זשע זאָל דאָ זיין? דאַרף מען זיך ווענדן צו די פּריסטער, זיי וועלן שוין איינאָרדנען. און זיי האָבן טאַקע צוגעטראַכט. אַך! ווען וועט מען דאָס אַראָפּרייסן פון דידאָזיקע פּריסטער די קרוין מיט זייערע שקרים? שוין צייט! עס איז שוין דערגאַנגען אָט

ביזוואַנען! מען גייט אַראָפּ פון זינען און מען שיסט זיך, און אַלץ צוליב דעם. און ווי־זשע זאָל עס אַנדערש זיין? חיות אפנים ווייסן, אַז קינדער זעצן פאַר זייער שטאַם, און האַלטן זיך פאַר אַ געוויסן געזעץ אין דער הינזיכט. נאָר דער מענטש קאָן עס נישט און וויל עס נישט וויסן. און ער איז פאַרזאָרגט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי ער זאָל האָבן וואָס מער פאַרגעניגן. און ווער איז ער עס? דער קעניג פון דער נאַטור! דער מענטש! באַמערקט אייך נאָר, חיות קומען זיך צונויף נאָר דעמאָלט, ווען זיי קאָנען אַרויסברענגען קינדער, און דער שענדלעכער קעניג פון דער נאַטור — אַלע מאָל, זאָל נאָר זיין אָנגענעם. און דאָס איז נאָך קנאַפּ, ער דערהייבט דעמדאָזיקן מאַלפּישן ענין צו אַ פּערל פון דער וועלטבאַשאַפונג, צו ליבע. און אין נאָמען פון דערדאָזיקער ליבע, ד. ה. מיאוסקייט, פטרט ער, — וואָס דען? — די העלפט פון דעם מענטשלעכן געשלעכט. פון אַלע פרויען, וועלכע וואָלטן געדאַרפט זיין העלפערינס אין דער באַוועגונג פון דער מענטשהייט צום אמת און צום גוטס, מאַכט ער אין נאָמען פון זיינע פאַרגעניגנס נישט קיין העלפערינס, נאָר שונאים. טוט אַ בליק, וואָס שטערט אומעטום די באַוועגונג פון דער מענטשהייט פאָרויס? די פרויען. און פאַרוואָס זענען זיי אַזעלכע? נאָר דערפאַר. יאָ, יאָ, — האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און האָט זיך גענומען אַרומדרייען, אַרויסנעמען פּאַפּיראָסן און רייכערן, מסתמא וועלנדיק אַ ביסל באַרויקן זיך.

## XIV.

— אָט אַזוי־אָ חזיריש האָב איך געלעבט, — האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט מיט דעם פריערדיקן טאָן. — אָבער ערגער פאַר אַלץ איז געווען דאָס, וואָס לעבנדיק אַזאַ מיאוס לעבן, האָב איך געמיינט, אַז דערפאַר, וואָס איך יאָג מיך נישט נאָך אַנדערע פרויען, פיר איך אַן ערלעך משפחה־לעבן, אַז איך בין אַ מאָראַלישער מענטש, אַז איך בין אין גאָרנישט שולדיק, און אַז אויב עס קומען צווישן אונז פאָר מחלוקתן, איז זי אין דעם שולדיק, איר כאַראַקטער.

אָבער שולדיק אין דעם, פאַרשטייט זיך, איז נישט זי געווען. זי איז געווען פונקט אַזאַ ווי אַלע, ווי די מערהייט. זי איז געווען דער־

צויגן, ווי דאָס פאָדערט די לאַגע פון אַ פרוי אין אונזער געזעלשאַפט, און אַלזאָ ווי עס ווערן דערצויגן אַלע אָן אויסנאַם פרויען פון די פאַר־זיכערטע קלאַסן און ווי זיי קאָנען נישט נישט דערצויגן ווערן. מען ברייעט עפּעס וועגן אַ נייער פרויען־בילדונג, אַלץ פוסטע ווערטער: די בילדונג פון דער פרוי איז פונקט אַזאַ, אַ וועלכע זי דאַרף זיין בײַ דעם עקזיסטירנדיקן אויפריכטיקן, אמתן אַלגעמיינעם בליק אויף דער פרוי.

און די בילדונג פון דער פרוי וועט אַלע מאָל אַנטשפּרעכן דעם בליק פון דעם מאַנסביל אויף איר. מיר ווייסן דאָך אַלע, ווי מאַנסבילן קוקן אויף דער פרוי: „ווין, ווייב אונד געזאַנג“ — דאָס זאָגן אַזוי פּאָעטן אין לידער. נעמט די גאַנצע פּאָעזיע, די גאַנצע מאָלעריי, די סקולפּטור. אָנהייבנדיק פון ליבע־לידער און נאַקעטע ווענערעס און פרינעס, זעט איר, אַז די פרוי איז אַ געצייג צו שאַפן תענוג. אַזאַ איז זי אויף טרובע, אויף גראַ־טשעווקע און אַזאַ איז זי אויפן הויפבאַל. און באַמערקט די כיטרעקייט פון דעם טייוול: מילא, פאַרגעניגן, תענוג. וואָלט מען כאָטש שוין וויסן אַזוי, אַז פאַרגעניגן, אַז די פרוי איז אַ זיסער ביסן. איז ניין, לכתחילה פאַרזיכערן די ריטער, אַז זיי פאַרגעטערן די פרוי (פאַרגעטערן, אָבער קוקן אויף איר פאָרט, ווי אויף אַ מיטל צו שאַפן זיך פאַרגעניגן). און איצט פאַרזיכערט מען, אַז מען אַכטעט די פרוי. אייניגע טרעטן איר אָפּ דאָס אָרט, הייבן איר אויף דאָס טיכל; אַנדערע אָנערקענען אירע רעכט צו פאַרנעמען אַלע אַמטן, אויף אָנטייל אין דעם פאַרוואַלטן און אַז. וו. דאָס אַלץ טוט מען, אָבער דער בליק אויף איר בלייבט דערזעלביקער. זי איז אַ געצייג פון פאַרגעניגן. איר קערפּער איז אַ מיטל צו שאַפן תענוג. און זי ווייסט עס. אַלציינס, ווי שקלאַפעריי. שקלאַפעריי איז דאָך נישט אַנדערש, ווי דאָס באַנוצן זיך פון אייניציקע מיט דער אויפגעצוווּנגענער אַרבעט פון פיל. און כדי עס זאָל קיין שקלאַפעריי נישט זיין, דאַרף מען, אַז מענטשן זאָלן נישט וועלן באַנוצן זיך מיט דער געצוווּנגענער אַרבעט פון אַנדערע, מען זאָל עס האַלטן פאַר אַ זינד, אָדער פאַר אַ חרפּה. און דאָ נעמט מען, מען שאַפט אָפּ די אויסערלעכע פאָרמע פון שקלאַפעריי, מען מאַכט אַזוי, אַז מען קאָן שוין נישט שרייבן קיין פאַרקויף־אַקט אויף שקלאַפן, און מען מיינט און זיך אַליין פאַרזיכערט מען, אַז נישטאָ שוין קיין שקלאַפעריי, און מען זעט נישט, און מען וויל נישט זען, אַז די שקלאַפעריי דויערט נאָך ווייטער, ווייל מענטשן האָבן פונקט אַזוי אַלץ נאָך ליב און האַלטן פאַר גוט און פאַר גערעכטיק צו באַנוצן זיך מיט

דער מי פון אַנדערע. און ווי באַלד, אַז מען האַלט עס פאַר גוט, וועלן זיך שטענדיק געפינען מענטשן, וועלכע זענען שטאַרקער און כיטרער פאַר אַנדערע, און זיי וועלן שוין וויסן ווי דאָס צו טון. די זעלביקע זאַך איז מיט דער עמאַנסיפּאַציע פון דער פרוי. די פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי באַשטייט דאָך נאָר אין דעם, וואָס מענטשן פאַרלאַנגען און האַלטן פאַר זייער גוט צו באַנוצן זיך מיט איר, ווי מיט אַ געצייג פאַר תענוג. איז אָט, באַפרייט מען די פרוי, מען גיט איר אַלערליי רעכט, גלייכע מיט דעם מאַנסביל, נאָר מען קוקט אויף איר אַלץ אַזוי, ווי אויף אַ מיטל פון פאַרגעניגן, אַזוי דערציט מען זי סיי אין דער קינדהייט, סיי דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. אַזוי־אָ איז זי אַלץ אַזאַ דערנידעריקטע, אויסגעלאַסענע שקלאַפין, און דער מאַנסביל איז אַלץ אַזאַ אויסגעלאַסענער שקלאַפנבאַזיצער.

מען באַפרייט די פרוי אויף קורסן און אין די פאַרלאַמענטן, און קוקן קוקט מען אויף איר, ווי אויף אַ געגנשטאַנד פון תענוג. לערנט זי אויס, ווי זי איז בײַ אונז אויסגעלערנט, צו קוקן אויף זיך אַזוי, אַליין מיט זיך, וועט זי שטענדיק בלייבן אַ נידעריקערע ברואה. אָדער זי וועט מיט דער הילף פון אויסוואַרפן־דאָקטוירים נישט דערלאָזן צו שוואַנגערשאַפט, ד. ה. זי וועט זיין איגגאַנצן אַ פּראָסטיטוטקע, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נישט צו דער מדרגה פון אַ חיה, נאָר צו דער מדרגה פון אַ זאַך, אָדער זי וועט זיין דאָס, וואָס זי איז אין גרעסטן טייל פאַלן — אַ גייסטיק קראַנקע, אַ היסטערישע, און אומגליקלעכע, אַזעלכע ווי זיי זענען טאַקע, אָן דער מעגלעכקייט פון גייסטיקער אַנטוויקלונג.

גימנאַזיעס און קורסן קאָנען עס נישט ענדערן. ענדערן קאָן עס נאָר די ענדערונג פון דעם מאַנסבילס בליק אויף פרויען און פון די פרויען אויף זיך אַליין. ענדערן וועט זיך דאָס אַלץ, ווען די פרוי וועט האַלטן פאַר דער העכסטער לאַגע איר, די לאַגע פון אַ בתולה, און נישט אַזוי ווי איצט: דעם העכסטן צושטאַנד פון אַ מענטש — פאַר אַ שאַנד און אַ חרפּה. כּל זמן אָבער דאָס איז נישטאָ, וועט דער אידעאַל פון יעדער מיידל — וואָס פאַר אַ בילדונג זי זאָל נישט באַזיצן — פאָרט זיין דער זעלביקער — צוציען צו זיך וואָס מער מאַנסבילן, וואָס מער זכרים, כּדי צו האָבן די מעגלעכקייט פון אויסוואַל.

און דאָס, וואָס איינע ווייסט אַ ביסל מאַטעמאַטיק, און די אַנדערע קאָן שפּילן אויף דער האַרף — דאָס וועט גאָרנישט נישט ענדערן. די פרוי איז גליקלעך און דערגרייכט אַלץ, וואָס זי קאָן זיך ווינטשן, ווען

זי באַצויבערט דעם מאַנסביל. און דעריבער איז די עיקרשטע אויפגאַבע פון דער פרוי — קאָנען באַצויבערן אים. אַזוי איז עס געווען און וועט זיין. אַזוי איז עס אין מיידלשן לעבן און אין דער געזעלשאַפט, אַזוי ווערט עס פאַרגעזעצט אויך נאָך דער חתונה. אין מיידלשן לעבן איז עס נייטיק, כּדי צו האָבן אַן אויסוואַל, נאָך דער חתונה — כּדי צו הערשן איבער דעם מאַן.

איינס וואָס רייסט עס איבער, אָדער פאַרשטעלט עס אויף אַ צייט, דאָס זענען קינדער, איז דאָס אויך, אויב די פרוי איז נישט קיין קאַליקע, ד. ה. אויב זי זייגט אַליין. אָבער דאָ קומען ווידער די דאָקטוירים.

בא מיין ווייב, וועלכע האָט אַליין געוואָלט זייגן און האָט די וויטערדיקע פינף קינדער געזייגט, האָט זיך צום ערשטן קינד געטראָפן אַ קראַנקייט. די דאָקטוירים, וואָס האָבן זי ציניש אויסגעטון און אויסגעטאַפּט אומעטום, און דערפאַר האָב איך זיי געמוזט דאַנקען און צאָלן געלט — די דאָזיקע ליבע דאָקטוירים האָבן געפונען, אַז זי דאַרף נישט זייגן, און זי האָט די ערשטע צייט נישט געהאַט דאָס איינציקע מיטל, וואָס וואָלט זי געקאָנט פאַרהיטן פון קאָקעטישקייט. געזייגט האָט אַן אַם, ד. ה. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער אָרימקייט, דער נויט, דער אומוויסנהייט פון אַ פרוי, האָבן זי אָפּגענומען פון איר קינד און אַריבערגענאַרט צו אונדזערן, און דערפאַר האָבן מיר זי אָנגעטון אין אַ טשעפּיק מיט פּאָזומענטן. נאָר נישט אין דעם גייט עס. ס׳גייט אין דעם, וואָס פאַר דער דאָזיקער צייט, ווען זי איז פריי געווען פון זייגן און פון שוואַנגערשאַפט, האָט זיך אין איר מיט אַ באַזונדערער קראַפט אַרויסגעוויזן די פריער איינגעשלאָפענע, דידאָזיקע ווייבערישע קאָקעטישקייט. און אין מיר, אין הסכּם דערמיט, האָבן זיך אויך מיט אַ באַזונדערער קראַפט אַרויסגעוויזן די יסורים פון אייפערזוכט, וועלכע האָבן מיך אָן אויפהער געפּרעסן די גאַנצע צייט פון מיין לעבן נאָך דער חתונה, ווי זיי קאָנען נישט פּרעסן יענע אַלע מאַנען, וועלכע לעבן מיט די ווייבער, אַזוי ווי איך האָב געלעבט, ד. ה. אויסגעלאַסן.

# XV.

פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין לעבן נאָך דער חתונה האָב איך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פילן די ענויים פון אייפערזוכט. אָבער עס זענען געווען פעריאָדן, ווען איך האָב דערפון באַזונדער שאַרף גע־ליטן. און איינער פון אַזעלכע פעריאָדן איז געווען יענער, ווען די דאָק־טוירים האָבן איר נאָך דעם געבורט פונם ערשטן קינד פאַרבאָטן צו זייגן. איך בין געווען באַזונדער אייפערזיכטיק אין יענער צייט, ערשטנס, דער־פאַר, וואָס דאָס ווייב האָט אָפטמאָל געפילט יענע פאַר דער מוטער אייגנ־שאַפטלעכע אומרויקייט, וועלכע מוז אַרויסרופן סתּם אַזוי צעשטערונג פון רעגלמעסיקן לעבנסשטייגער; צווייטנס, דערפאַר, וואָס דערזעענדיק, ווי לייכט זי האָט אָפּגעוואָרפן דעם מאָראַלישן חוב פון אַ מוטער, האָב איך מיט רעכט, הגם אומבאַוווסטזיניק, געמאַכט דעם אויספיר, אַז איר וועט פונקט אַזוי לייכט זיין אָפּצוּוואַרפן די פאַרפליכטונג פון חתונה, ובפרט אַז זי איז געווען פולקאָם געזונט, און, נישט קוקנדיק אויף דעם פאַרבאָט פון די ליבע דאָקטוירים, האָט זי די ווייטערדיקע קינדער גע־זייגט און אויסגעזייגט פּראַכטפול.

— אָבער איר האָט שוין גאָרנישט ליב קיין דאָקטוירים, — האָב איך געזאָגט, באַמערקנדיק דעם באַזונדער בייזן אויסדרוק פון דער שטים יעדעס מאָל, ווי נאָר ער האָט זיי דערמאָנט.

— דאָ גייט נישט אום ליבע אָדער נישט־ליבע. זיי האָבן געפּטרט מיין לעבן, ווי זיי האָבן געפּטרט און פּטרן די לעבנס פון טויזנטער, הונ־דערטער טויזנטער מענטשן, און איך קאָן נישט פאַרבינדן דעם פּועל־יוצא מיט דער סיבה. איך פאַרשטיי, אַז זיי ווילט זיך, פונקט ווי די אַדוואָ־קאַטן און אַנדערע, אָנשאַרן געלט, און איך וואָלט זיי גערן אָפּגעגעבן אַ העלפט פון מיין הכנסה, און יעדער איינציקער, ווען ער וואָלט פאַרשטאַ־נען דאָס, וואָס זיי טון, וואָלט זיי גערן אַוועקגעגעבן אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן, אַבי נאָר זיי זאָלן זיך נישט אַריינמישן אין אייער משפּחה־לעבן, זיי זאָלן קיינמאָל נאָענט נישט צוגיין צו אייך. איך האָב דאָך קיין ידיעות נישט געקליבן, אָבער איך ווייס צענדליקער פאַלן — פאַראַן אַ

תהום אַזעלכע. — ווען זיי האָבן געטייט אמאָל דאָס קינד אין דער מוטערס בויך, פאַרזיכערנדיק, אַז די מוטער איז נישט אימשטאַנד צו געווינען, אָבער די מוטער געווינט נאָכדעם אויסגעצייכנט; אמאָל די מוטערס אין דער פאָרם פון עפּעס אָפּעראַציעס. קיינער ציילט דאָך נישט דידאָזיקע מאָרדן, ווי מען האָט נישט געציילט די מאָרדן פון דער אינקוויזיציע, מחמת מען האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז לטובת דער מענטשהייט. ס'איז נישט איבערצוציילן די פאַרברעכנס, וואָס זיי טון אָפּ. אָבער די אַלע פאַרברעכנס זענען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט יענער מאָראַלישער פוילעכטס פונם מאַטעריאַליזם, וואָס זיי טראָגן אַריין אין דער וועלט, דערהויפּט דורך די פרויען.

איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס אַז מען זאָל נאָר פאָלגן זייערע עצות, וואָלטן די מענטשן צוליב אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן אומעטום, און אַלץ, געדאַרפט גיין נישט צו אייניקונג, נאָר צו אָפּזונדערונג. אַלע דאַרפן לויט זייער לערע זיצן באַזונדער, און נישט אַרויסלאָזן פון מויל דעם שפּריצער מיט קאַרבאָל (איבעריקנס, מ'האָט געפונען, אַז דאָס טויג אויך נישט). אָבער דאָס איז אויך גאָרנישט. דער הויפּטגיפט איז אין דער דעמאָראַליזאַציע פון מענטשן, דער עיקר פון די פרויען.

היינט קאָן מען שוין נישט זאָגן: „דו לעבסט שלעכט, לעב בעסער". מען קאָן עס נישט זאָגן נישט זיך, נישט לייטן. און אויב דו לעבסט שלעכט, ליגט די סיבה אין די אומנאָרמאַלע פונקציעס פון די נערוון אָדער דאָס גלייכן. און מען דאַרף גיין צו זיי און זיי וועלן פאַרשרייבן אַ רפואה פאַר 35 קאָפּיקעס אין אַפּטייק און איר טרינקט!

איר ווערט נאָך ערגער — איז דעמאָלט נאָך רפואות און נאָך דאָקטוירים. אַ ווילע זאַך!

אָבער אויך נישט אין דעם גייט עס. איך רעד נאָר וועגן דעם, וואָס זי האָט פּראַכטפול געזייגט די קינדער, און וואָס נאָר אָט דאָס טראָגן און זייגן די קינדער האָט מיך מציל געווען פון די אייפערזוכט-פּיינען. ווען נישט דאָס, וואָלט אַלץ געשען פריער. די קינדער האָבן געראַטעוועט אי מיך, אי זי. פאַר אַכט יאָר האָט זי געהאַט אַכט מאָן קינדער. און אַלע אויסער דעם ערשטן האָט זי אַליין אויסגעזויגן.

— ווו זשע זענען זיי איצט, אייערע קינדער? — האָב איך געפרעגט.

— די קינדער? — האָט ער דערשראָקן איבערגעפרעגט.

— זייט מיר מוחל, אפשר איז אייך שווער צו דערמאָנען וועגן דעם?

— ניין, גאָרנישט. מיינע קינדער האָבן צוגענומען מיין שוועגערין און איר ברודער. זיי האָבן זיי מיר נישט געגעבן. איך האָב זיי אָפּגע־געבן דאָס פאַרמעגן, און די קינדער האָבן זיי מיר נישט געגעבן. איך בין דאָך אַ מין משוגענער. איך פאַר איצט פון זיי. איך האָב זיי גע־זען, נאָר מ'וועט זיי מיר נישט געבן. וואָרים איך קאָן זיי נאָך דער־ציען אַזוי, אַז זיי וועלן נישט זיין אַזעלכע ווי זייערע עלטערן. און מען דאַרף, אַז זיי זאָלן זיין אַזעלכע פונקט. מילא, וואָס קאָן מען טון! פאַר־שטייט זיך, מען וועט זיי מיר נישט געבן, און זיי וועלן נישט געטרויען. אגב ווייס איך גאָרנישט, צי איך וואָלט געווען אימשטאַנד זיי צו דער־ציען. איך מיין, אַז נישט. איך בין אַ חורבה, אַ קאַליקע. איינס איז אין מיר פאַראַן. איך ווייס. יאָ — דאָס איז ריכטיק, אַז איך ווייס דאָס, וואָס אַלע וועלן זיך נאָך נישט אַזוי גיך דערוויסן.

יאָ, די קינדער לעבן און וואַקסן פונקט אַזעלכע פּראָים, ווי אַלע אַרום זיי. איך האָב זיי געזען, דריי מאָל געזען. איך קאָן פאַר זיי גאָר־נישט טון. גאָרנישט. איך פאָר איצט צו זיך אויף דרום. איך האָב דאָרט אַ שטיבל און אַ גערטל.

יאָ, נישט אַזוי גיך וועלן זיך מענטשן דערוויסן דאָס, וואָס איך ווייס. צי איז פיל אייזן און נאָך וואָסערע מעטאַלן פאַראַן אין דער זון און אין די שטערן — דאָס קאָן מען זיך גיך דערוויסן; אָבער דאָס, וואָס אַנטפּלעקט אונזער חזירשאַפט — דאָס איז שווער, שרעקלעך שווער!

איר הערט מיך כאָטש, בין איך אייך שוין דאַנקבאַר.

# XVI.

אָט האָט איר מיר דערמאַנט אָן די קינדער, ווידער אַמאָל סאַר אַ ליגנערײַ עס איז פאַרשפּרייט וועגן קינדער. קינדער — דאָס איז גאָטס ברכה, קינדער — דאָס איז אַ פרייד. אָבער דאָס איז דאָך אַלץ ליגנט. דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, אָבער איצט איז קיין סימן דערפון נישטאָ. קינדער זענען אַ מאַטערניש און גאָר. דאָס רוב מוטערס פילן עס קלאָר און אָפטמאָל זאָגן זיי עס נישט ווילנדיק פונקט אַזוי קלאָר אַרויס. פרעגט באַ דער מערהייט מוטערס פון אונזער קרייז פאַרמעגלעכע מענטשן, וועלן זיי אייך זאָגן, אַז מחמת שרעק דערפאַר, וואָס די קינדער זייערע קאָנען קראַנק ווערן און שטאַרבן, ווילן זיי קיין קינדער נישט האָבן, ווילן נישט זייגן, אויב זיי האָבן שוין געבוירן, כדי נישט צו זיין צוגעבונדן צו זיי און נישט לײַדן. דער תענוג, וואָס דאָס קינד פאַרשאַפט זיי מיט זיין פּראַכט, מיט דער פּראַכט פון די-אָ הענטלעך, פיסלעך, פון דעם גאַנצן קערפּערל — דאָס פאַרגעניגן, וואָס דאָס קינד פאַרשאַפט, איז קלענער פאַר דעם פּיין, וואָס זיי פילן — שוין נישט גערעדט וועגן קראַנקייטן, אָדער פאַרלירן דאָס קינד, — נאָר אפילו בלויז אויס מורא פאַר קראַנקייט אָדער פאַר טויט. אויסוועגנדיק דעם שכר און דעם הפסד, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס לוינט נישט, און דעריבער איז נישט געווונטשן צו האָבן קיין קינדער. זיי זאָגן עס אָפן, דרייסט, מיינענדיק, אַז די דאָזיקע געפילן שטאַמען אין זיי פון ליבע צו די קינדער, פון אַ גוטן און אַ לויבווערדיקן געפיל, מיט וועלכן זיי שטאָלצירן, זיי באַמערקן נישט, אַז מיט אַזעלכע רייד לייקענען זיי דירעקט אָפּ זייער ליבע, און דערווייזן נאָר זייער עגאָיזם. זיי האָבן ווייניקער פאַרגעניגן פון דעם קינדס פּראַכט, איידער יסורים פון דער מורא פאַר אים, און דעריבער דאַרף מען נישט דאָס קינד, וואָס זיי וועלן עס ליבן. נישט זיי זענען זיך מקריב פאַר דעם געליבטן נפש, נאָר מען איז מקריב דאָס נפש, וואָס דאַרף זיין געליבט, לטובת זיך.

קלאָר, אַז דאָס איז נישט ליבע, נאָר עגאָיזם. נאָר פאַראורטיילן זיי, די מוטערס פון די פאַרמעגלעכע משפחות, פאַר דעמדאָזיקן עגאָיזם — הייבט זיך אויך נישט אויף די האַנט, ווען מ'דערמאַנט זיך דאָס אַלץ,

וואָס זיי ליידן זיך אָן פון די געזונטע קינדער אין אונזער פריצישן לעבן, אַ דאַנק ווידער אַמאָל די זעלביקע דאָקטוירים. אַז איך דערמאָן מיך נאָר, אפילו איצט, דאָס לעבן און דעם צושטאַנד פון דער פרוי אין דער ערשטער צייט, ווען עס זענען געווען נאָר דריי, פיר קינדער, און זי איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט זיי — כאַפּט אָן אַ שרעק! ס'איז לחלוטין קיין לעבן נישט געווען. דאָס איז געווען עפּעס אַן אייביקע געפאַר. ניצול געוואָרן פון איר, ווידער אַ נייע סכנה, ווידער פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען און ווידער ניצול געוואָרן — כסדר אַזאַ לאַגע. אַמאָל פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז דאָס איז בכיוון, אַז זי מאַכט זיך כלומרשט אומרויק פאַר די קינדער, כדי מיך מנצח צו זיין. דאָס האָט אזוי לאָקנדיק, איינפאַך געלייזט לטובת איר אַלע פראַגן. מיר פלעגט זיך אַמאָל אויסדאַכטן, אַז אַלץ, וואָס זי טוט און רעדט אין אַזוינע פאַלן — איז בכיוון. אָבער ניין, זי האָט אַליין שרעקלעך געליטן און כסדר זיך געפּייניקט מיט די קינדער, מיט זייער געזונט און מיט זייערע קראַנקייטן. דאָס איז געווען אַ פּיין פאַר איר און פאַר מיר אויך. און זי האָט נישט געקאָנט נישט פּייניקן זיך. די גלוסטינג צו קינדער, די חיהשע באַדערפעניש צו זייגן, צו צערטלען, צו באַשיצן זיי — איז געווען, ווי זי איז פאַראַן בײַ דער מערהייט מוטערס, נאָר עס האָט געפעלט דאָס, וואָס עס איז פאַראַן בײַ חיות — אָפּוועזנהייט פון דמיון און שכל. די הון האָט נישט מורא פאַר דעם, וואָס עס קאָן געשעען מיט איר עופעלע, זי ווייסט נישט יענע אַלע מחלות, וואָס קאָנען אויף דעם קומען, זי ווייסט נישט יענע אַלע מיטלען, וואָס מענטשן מיינען, אַז זיי קאָנען מציל זיין פון מחלות און פון טויט. זענען די קינדער פאַר איר, פאַר דער הון, נישט קיין פּיין. זי טוט פאַר אירע הינדעלעך דאָס, וואָס פאַר איר איז אייגנשאַפטלעך און פריידיק צו טון; קינדער זענען פאַר איר אַ פרייד. אַז אַ הינדעלע ווערט קראַנק, זענען אירע זאָרגן זייער באַשטימטע: זי וואַרעמט, זי נעסט. און טוענדיק דאָס, ווייסט זי, אַז זי טוט אַלץ, וואָס מען דאַרף. פּגרט אַ הינדעלע, פרעגט זי זיך נישט, פאַרוואָס איז עס געשטאָרבן, וווּהין איז עס אַוועק, וועט זי אַ ביסל קוואָטשען, נאָכדעם אויפהערן, און לעבן ווייטער ווי פריער. אָבער פאַר אונזערע אומגליקלעכע פרויען און פאַר מיין ווייב איז עס געווען נישט אַזוי, נישט רעדנדיק שוין וועגן קראַנקייטן, ווי זיי צו היילן, וועגן דעם, ווי צו דערציען, האָדעווען, האָט זי פון אַלע זייטן געהערט און געלייענט אָן אַ שיעור פאַרשידענע און כסדר זיך ענדערנדיקע כללים. נערן אַזוי, דערמיט; ניין, נישט אַזוי, נישט דערמיט, נאָר

אַט-אַזוי; אָנטוען, עסן געבן, באָדן, שלאָפן לייגן, שפּאַצירן, לופט — אויף דעם אַלץ האָבן מיר, דער עיקר זי, יעדע וואָך דערוווּסט זיך נייע כּללים. פּונקט ווי ערשט נעכטן האָט מען אָנגעהויבן קינדער האָבן. און אויב מען האָט נישט אַזוי אָנגעזויגן, נישט אַזוי אויסגעבאָדן, נישט צו דער צייט, און דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן, ווייזט זיך אַרויס, אַז שולדיק זענען מיר, געטאָן נישט דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן.

דאָס איז דערווייל בײַ געזונטהייט. איז אויך יסורים. נאָר אויב אַ קינד איז קראַנק געוואָרן — דעמאָלט איז שוין גאָר אַ סוף. אַן אמתער גיהנום. מען איז משער, אַז די מחלה קאָן מען היילן, און אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ וויסנשאַפֿט און אַזעלכע מענטשן — דאָקטוירים, און זיי ווייסן, נישט אַלע, נאָר די בעסערע ווייסן, איז אָט דאָס קינד קראַנק, און מען דאַרף אָנטרעפֿן אויף דעמדאָזיקן סאַמע בעסטן, אויף יענעם, וואָס איז מציל, און דאַן איז דאָס קינד געראַטעוועט; און אויב מען האָט נישט געכאַפּט דעמדאָזיקן דאָקטאָר, אָדער מען וווינט נישט אין דעם אָרט, וווּ עס וווינט דערדאָזיקער דאָקטאָר — איז דאָס קינד פֿאַרלוירן. און דאָס איז נישט איר אויסשליסלעכער גלויבן, נאָר דאָס איז דער גלויבן פֿון אַלע פֿרויען פֿון איר קרייז, און פֿון אַלע זייטן הערט זי נאָר דאָס: בײַ קאַטערינע סעמיאָנאָוונען זענען געשטאָרבן צוויי, דערפֿאַר, וואָס מען האָט נישט בײַצייטנס אַרייַנגערופֿן איוואַן זאַכאַריטשן, און בײַ מאַריע איוואַנאָווּנען האָט איוואַן זאַכאַריטש געראַטעוועט דאָס עלטערע מיידעלע. און אָט בײַ די פּעטראָווס איז מען זיך בײַצייטנס, לויט דער עצה פֿון די דאָקטוירים, פֿונאַנדערגעפֿאָרן אין די האָטעלן, איז מען געבליבן לעבן, און אַז מען איז זיך נישט פֿונאַנדערגעפֿאָרן — זענען די קינדער טאַקע געשטאָרבן. און יענע האָט געהאַט אַ שוואַך קינד, איז מען אַריבערגעפֿאָרן, לויט דעם דאָקטאָרס עצה, אויף דרום, און דאָס קינד איז געראַטעוועט. ווי זשע זאָל מען זיך דאָ נישט פּייניקן און נישט אויפֿגערודערט זיין אַ גאַנץ לעבן, אַז דאָס לעבן פֿון די קינדער, צו וועלכע מען איז חיהש צוגעבונדן, הענגט אָפּ דערפֿון, וואָס זי וועט בײַצייטנס זיך דערוויסן, וואָס וועט איוואַן זאַכאַריטש וועגן דעם זאָגן. און וואָס וועט איוואַן זאַכאַריטש זאָגן, ווייסט קיינער נישט, ווייניקער פֿאַר אַלעמען — ער אַליין, מחמת ער ווייסט זייער גוט, אַז ער ווייסט גאָרנישט און קאָן גאָרנישט העלפֿן, נאָר ער דרייט מיטן עק, ווי עס מאַכט זיך, כּדי מען זאָל נישט אויפֿהערן גלויבן, אַז ער ווייסט עפּעס. ווען זי וואָלט דאָך געווען אינגאַנצן אַ חיה, וואָלט זי אַזוינע יסורים נישט געהאַט; און ווען זי וואָלט געווען אינגאַנצן אַ

מענטש, וואָלט באַ איר געווען אַ גלויבן אין גאָט, און זי וואָלט גערעדט און געטראַכט, ווי עס רעדן גלויביקע און פויערטעס: „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען — פון גאָט קאָן מען זיך נישט באַהאַלטן". זי וואָלט געטראַכט, אַז דאָס לעבן און דער טויט סיי פון אַלע מענטשן, סיי פון אירע קינדער זענען אויסער דעם מענטשס מאַכט, נאָר דורכויס אין דער מאַכט פון גאָט, און דעמאָלט וואָלט זי אַזוי נישט געליטן דערפון, וואָס זי איז געווען ביכולת נישט דערלאָזן צו אַ מחלה און צו דעם טויט פון די קינדער. נאָר זי האָט עס נישט געטון. און אַזוי האָט זי זיך געפונען אין אַזאַ לאַגע: געגעבן זענען סאַמע ברעכעוודיקע, אָן אַ שיעור צרות אונטערוואָרפענע, שוואַכע נפשות. צו דידאָזיקע נפשות פילט זי אַ ליידנ־שאַפטלעכע היהשע ליבע. חוצדעם זענען דידאָזיקע נפשות פאַרטרויט איר, און צוזאַמען דערמיט זענען פון איר פאַרהוילן די מיטלען צו דערהאַלטן דידאָזיקע נפשות, און אַנטפּלעקט זענען זיי נאָר פרעמדע מענטשן, וואָס וייער הילף און ראַט קאָן מען באַקומען נאָר פאַר גרויסע געלטער, און דאָס אויך נישט אַלע מאָל.

ווי־זשע זאָל מען זיך נישט פייניקן? האָט זי זיך טאַקע כסדר גע־פייניקט. ס'פלעגט טרעפן, מיר האָבן זיך באַר־וואָס באַרויקט נאָך עפּעס אַ סצענע פון אייפערזוכט, אָדער פשוט אַ מחלוקת און האָבן בדעה אַ ביסל לעבן, עפּעס לייענען, אַ טראַכט טון; ווי נאָר דו נעמסט זיך פאַר עפּעס טון, באַקומט זיך פלוצלינג אַ ידיעה, אַז וואַסיע ברעכט, אָדער מאַשע גייט אָפּ מיט בלוט, אָדער באַ אַנדריושען איז אַן אויסשיט, מילא איז שוין אַ סוף, נישטאָ מער קיין לעבן. וווהין פליען, נאָך וועלכע דאָק־טוירים, וווהין איזאָלירן? און עס הייבן זיך אָן קליסטירן, טעמפּעראַטוי־רעס, מיקסטורעס, און דאָקטוירים. נישט באַוויזן נאָך דערמיט צו ענדיקן, איז שוין דאָ עפּעס ווידער אַנדערש. קיין רעגלמעסיק, פעסט משפחה־לעבן איז נישט געווען. ס'איז נאָר געווען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אַ כסדרדיקע מורא פאַר אויסגעטראַכטע און ווירקלעכע סכנות. אַזוי איז עס דאָך איצט אויך אין דער מערהייט משפחות. אָבער אין מיין משפחה איז עס געווען באַזונדער שאַרף. דאָס ווייב איז געווען אַן ערגייציקע און אַ לייכטגלויביקע.

אַזוי אַז דאָס, וואָס עס זענען געווען קינדער, האָט נישט נאָר בעסער געמאַכט אונזער לעבן, נאָר האָט עס פאַרסמט. חוצדעם, זענען די קינדער פאַר אונז געווען אַ נייע סיבה צו מחלוקת. זינט עס זענען געווען קינדער און וואָס מער זיי זענען אונטערגעוואַקסן, אַלץ אָפטער זענען —

דווקא די קינדער גופא — געווען אי דאָס מיטל, אי דער געגנשטאַנד פון דער מחלוקת. נישט נאָר דער געגנשטאַנד פון מחלוקת, נאָר די קינ־דער זענען געווען דאָס געצייג פון קאַמף, מיר האָבן, דאַכט זיך, געשלאָגן זיך איינער אַקעגן דעם אַנדערן — מיט די קינדער. יעדער פון אונז האָט געהאַט זיין געליבט קינד — אַ געצייג פון געשלעג. איך האָב מיך גע־שלאָגן מער מיט וואַסיען, מיט דעם עלטערן, און זי — מיט ליזען. חוצדעם, ווען די קינדער האָבן גענומען אונטערוואַקסן און עס האָבן זיך אויסגעקלאָרט זייערע כאַראַקטערן, איז אויסגעקומען אַזוי, אַז זיי זענען געוואָרן אונזערע פאַרבינדעטע, וועלכע מיר האָבן צוגעצויגן יעדער אויף זיין זייט; זיי האָבן נעבעך שרעקלעך געליטן דערפון, אָבער אונז, אין אונזער שטענדיקער מלחמה, איז נישט געלעגן אין זינען צו טראַכטן וועגן זיי. דאָס מיידעלע איז געווען אויף מיין זייט, אָבער דאָס ייִנגל, דער עלטערער, וואָס איז געווען ענלעך אויף איר, איר ליבלינג, האָב איך אָפטמאָל פיינט געהאַט.

## XVII.

בכן, האָבן מיר אַזוי געלעבט. די באַציונגען זענען געוואָרן אַלץ פיינטלעכער און פיינטלעכער. און לסוף זענען מיר דערגאַנגען דערצו, אַז נישט מיינונגספאַרשידנהייט האָט אַרויסגערופן פיינטשאַפט, נאָר די פיינט־שאַפטלעכקייט האָט אַרויסגערופן מיינונגספאַרשידנהייט. וואָס זי זאָל נישט האָבן געזאָגט, בין איך שוין פאָרויס געווען נישט מסכים, און זי אויך פונקט אַזוי.

אויף דעם פערטן יאָר איז עפּעס אַליין פון זיך באַשטימט געוואָרן פון ביידע צדדים, אַז פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן, מסכים זיין איינער מיט דעם אַנדערן קאָנען מיר נישט. מיר האָבן שוין אויפגעהערט אפילו פּרובירן צו דעררעדן זיך ביזן סוף. וועגן סאַמע פשוטע זאַכן, דערהויפּט וועגן די קינדער, זענען מיר פאַרבליבן פעסט יעדער בא זיין מיינונג. לויט איך דערמאָן מיך איצט, זענען מיר די מיינונגען, פאַר וועלכע איך האָב מיך איינגעשטעלט, געווען גאָר נישט אַזוי טייער, אַז איך זאָל מיך נישט קאָנען פון זיי אָפּזאָגן, אָבער זי האָט געהאַט אַ פאַרקערטע מיינונג, און נאָכגעבן וואָלט געהייסן נאָכגעבן איר. און דאָס האָב איך נישט גע־

קענט. זי אויך. זי האָט זיך געהאַלטן, מסתמא, אַלע מאָל פאַר פולקאָם גערעכט אַנטקעגן מיר, און אַ פשיטא שוין, אַז איך פאַר זיך בין שטענדיק געווען אין מיינע אויגן הייליק קעגן איר. צוזאַמען זענען מיר געווען כמעט פאַרמשפט אויף שווייגן, אָדער אויף אַזעלכע שמועסן, וואָס, איך בין זיכער, חיות קאָנען פירן צווישן זיך: „וויפיל דער זייגער? צייט שלאָפן גיין. וואָס איז היינט פאַר אַ מיטאָג? וווהין פאָרן? וואָס איז פאַראַן אין דער צייטונג? שיקן נאָך אַ דאָקטאָר. מאַשען טוט וויי דער האַלז". ס'האָט געקלעקט נאָר אויף אַ האָר אַרויסצוגיין פון דעם, ביז דער לעצטער מדרגה פאַרענגטן, קרייז פון געשפרעכן, כדי עס זאָל זיך צעפלאַקערן די צערייצטקייט. ס'פלעגן פאָרקומען צוזאַמענשטויסן און אויסדרוקן פון שנאה פאַר דער קאַווע, פאַר דעם טישטוך, פאַר דער קאַרעטע, פאַר אַ גאַנג אין קאָרטן, — אַלץ אַזעלכע ענינים, וועלכע האָבן סיי פאַר איינעם, סיי פאַרן צווייטן נישט געקאָנט האָבן קיין וויכטיקע באַדייטונג. אין מיר לפחות האָט אָפטמאָל קעגן איר געזאָטן אַ שנאה צו איר אַ שרעקלעכע! איך האָב אַמאָל געקוקט, ווי זי גיסט אָן טיי, ווי זי שאָקלט מיטן פוס אונטערן טיש, אָדער טראָגט צו דאָס לעפעלע צום מויל, כ'לאָפטשעט, ציט אין זיך אַריין די פליסיקייט, און איך האָב זי געהאַסט דווקא דערפאַר, ווי פאַר דער ערגסטער זאַך. איך האָב דעמאָלט נישט באַמערקט, אַז די פעריאָדן פון בייזקייט זענען אין מיר אָנגעשטאַנען גאַנץ רעגלמעסיק און גלייכמעסיק, אַנטשפרעכנדיק די פעריאָדן פון דעם, וואָס מיר האָבן גערופן ליבע. אַ פעריאָד פון בייזקייט. אַן ענערגישער פעריאָד פון ליבע — אַ לאַנגער פעריאָד פון כעס; אַ שוואַכער אַרויסווייזן זיך פון דער ליבע — אַ קורצער פעריאָד פון רוגז. דעמאָלט האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע ליבע און כעס זענען געווען די זעלביקע חיהשע געפילן, נאָר פון אַנדערע זייטן. לעבן אַזוי וואָלט געווען שרעקלעך, ווען מיר וואָלטן פאַרשטאַנען אונזער לאַגע. אָבער מיר האָבן זי נישט פאַרשטאַנען און נישט געזען. און דערין טאַקע ליגט די רעטונג און די שטראָף פון דעם מענטש, וואָס ער קאָן זיך, אויב ער לעבט נישט ווי געהעריק, פאַרטומלען, אַז ער זאָל נישט זען זיין אייגענע קלאָגעדיקע לאַגע. אַזוי האָבן מיר אויך געטון. זי האָט זיך געמיט פאַרטומלען זיך מיט אָנגעשרענגטע אַלע מאָל אייליקע ווירטשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען, מיט דער אויסשטאַטונג, מיט די קאָסטיומען, אירע און די קינדערישע, מיט דעם לערנען און מיט דעם געזונט פון די קינדער. און איך האָב מיר געהאַט מיינס: שיכּרות, אמט, יאַגד, קאָרטן. מיר זענען

ביידע שטענדיק געווען פאַרנומען. מיר האָבן ביידע געפילט, אַז וואָס מער מיר זענען פאַרנומען, אַלץ ברוגזדיקער קאָנען מיר זיין איינער קעגן אַנדערן. „דיר איז לייכט צו מאַכן העוויות, — האָב איך געטראַכט וועגן איר — און אָט האָסטו מיך אָפּגעפּייניקט די גאַנצע נאַכט, און איך האָב אַ זיצונג". — „דיר איז גוט, — האָט זי נישט נאָר געטראַכט, נאָר אפילו געזאָגט, — און איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן צוליבן קינד". דידאָזיקע נייע טעאָריעס וועגן היפּנאָטיזם, גייסטיקע קראַנקייט, היסטערישקייט, — דאָס איז אַלץ נישט קיין פּשוטע נאָר אַ שעדלעכע, עקלהאַפטע נאַרישקייט. וועגן מיין ווייב וואָלט שאַרקאָ אומבאַדינגט געזאָגט, אַז זי איז אַ היסטערישע, און וועגן מיר וואָלט ער געזאָגט, אַז איך בין נישט נאָרמאַל, און וואָלט, אפשר, אָנגענומען זיך צו היילן. אָבער היילן איז דאָ נישט געווען וואָס.

האָבן מיר אַזוי-אָ געלעבט אין שטענדיקן נעפּל, נישט זעענדיק די לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. און ווען עס וואָלט נישט געשען דאָס, וואָס עס איז געשען, וואָלט איך נאָך פּונקט אַזוי דערלעבט ביז דער עלטער, איך וואָלט אַזוי געמיינט טאַקע, אַז איך האָב אָפּגעלעבט אַ שיין לעבן, נישט זייער קיין גוטס, אָבער קיין שלעכטס אויך נישט, אָט אַזוי ווי אַלע. איך וואָלט נישט פאַרשטאַנען יענעם אָפּגרונט פון אומגליק און יענעם מיאוסן שקר, אין וועלכן איך האָב מיך געקאָטשעט.

און מיר זענען געווען צוויי איינער דעם צווייטן האַסנדיקע אַרעסטאַנטן, געשמידטע אין איין קייט, וואָס האָבן איינער דעם צווייטן פאַרסמט דאָס לעבן און האָבן זיך געמיט נישט צו זעען דאָס. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז 0,99 פּאָר-פּאָלקן לעבן פּונקט אין אַזאַ גהינום, ווי איך האָב געלעבט, און אַז אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין. דעמאָלט האָב איך עס נאָך נישט געוווסט, נישט וועגן אַנדערע, נישט וועגן זיך.

---

ווונדערלעך, סאַר אַ זאַכן עס טרעפן זיך צוזאַמען סיי אין רעגולערן, סיי אין נישט רעגולערן לעבן? פּונקט ווען די עלטערן קאָנען מער נישט אַריבערטראָגן דאָס לעבן איינער מיטן צווייטן, דעמאָלט ווערן אומבאַדינגט נייטיק אויך שטאָטישע באַדינגונגען פאַר דער דערציִונג פון די קינדער. בכן דאַרף מען זיך אַריבערקלייבן אין שטאָט אַריין.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ מאָל צוויי אַרויסגעלאָזט זיינע משונהדיקע קלאַנגען, וועלכע זענען איצט שוין גאָר אינגאַנצן ענלעך געווען צו איינגעהאַלטענע יללות. מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ סטאַציע.

— וויפיל דער זייגער? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב אַ בליק געטון. ס'איז געווען צוויי דער זייגער.

— איר זענט נישט מיד? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, אָבער איר זענט מיד?

— עס שטיקט מיך. דערלויבט, איך וועל גיין אַ טרינק טון וואַסער.

און ער איז אַוועק וואַקלענדיק זיך דורכן וואַגאָן. איך בין געזעסן איינער אַליין, איבערטראַכטנדיק אַלץ, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, און איך האָב מיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז איך האָב נישט באַמערקט, ווי ער איז צוריקגעקומען דורך דער צווייטער טיר.

## XVIII.

— יאָ, איך היץ מיך אַלץ, — האָט ער אָנגעהויבן. — איך האָב פיל איבערגעטראַכט. אויף פיל זאַכן קוק איך אַנדערש, און עס ווילט זיך אַלץ אַרויסזאָגן. מילא, האָבן מיר גענומען לעבן אין שטאָט. פאַר אומגליקלעכע מענטשן איז אין שטאָט בעסער צו לעבן. אין שטאָט קאָן אַ מענטש אָפּלעבן הונדערט יאָר און נישט כאַפּן זיך, אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן און צעפוילט געוואָרן. אַ טראַכט טון פאַר זיך אַליין איז קיין צייט נישטאָ. מ'איז אַלץ פאַרנומען. עסקים, געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, געזונטצושטאַנד, קונסט, דער געזונט פון די קינדער, זייער דערציונג. דאָ דאַרף מען אויפנעמען די און יענע; פאָרן צו די און יענע; דאָ דאַרף מען זעען די, הערן דעם, אָדער די. אין שטאָט איז דאָך צו יעדער צייט פאַראַן איינע און אַמאָל צוויי-דריי באַרימטהייטן, וועלכע מען קאָן בשום אופן נישט דורכלאָזן. דאָ דאַרף מען היילן זיך, דעם, אָדער יענעם; דאָ לערערס, רעפּעטיטאָרס, גוווערנאַנטינס, אָבער דאָס לעבן איז פּוסט אויף דורך און דורך. מילא, האָבן מיר אַזוי טאַקע געלעבט און ווייניקער געפילט דעם ווייטיק פונם צוזאַמענלעבן. חוץ דעם איז די ערשטע צייט געווען אַ ווילער עסק — איינאָרדענען זיך אין

דער נייער שטאָט, אויף אַ נייער דירה, און נאָך אַן עסק — אַרומפאָרע-נישן פון שטאָט אין דאָרף, און פון דאָרף אין שטאָט.

אָפּגעלעבט איין ווינטער, און אויפן צווייטן ווינטער איז געשען נאָך דער פאָלגנדיקער אומשטאַנד, וואָס קיינער האָט אים נישט באַמערקט, וואָס האָט אויסגעוויזן אַ נישטיקער. איז אָבער געווען אַזאַ, וואָס האָט טאַקע געבראַכט צו דעם אַלעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

זי איז נישט געזונט געוואָרן, און די דאָקטוירים האָבן איר גע-הייסן קיין קינדער נישט האָבן און אויסגעלערנט זי אַזאַ מיטל. מיר איז עס געווען עקלהאַפט. איך האָב געקעמפט קעגן דעם, אָבער זי האָט זיך מיט לייכטזיניקער עקשנות איינגעשפאַרט, און איך האָב מיך אונטער-געגעבן. די לעצטע פאַרענטפערונג פאַרן חזירישן לעבן — קינדער, איז פאַרשוווּנדן, און דאָס לעבן איז געוואָרן נאָך מיאוסער.

נישטאָ קיין פאַרענטפערונג, אָבער מיר זענען מאָראַליש אַזוי גע-פאַלן, אַז מיר האָבן אפילו נישט געזען קיין נויטווענדיקייט אין פאַר-ענטפערונגען.

די מערהייט פון דער היינטיקער געבילדעטער וועלט גיט זיך אָפּ דערדאָזיקער אויסגעלאַסנקייט אָן שום קאַמף פונם געוויסן.

נישטאָ וואָס עס זאָל קעמפן, מחמת אין אונזער שטייגער איז קיין שום געוויסן נישטאָ, חוץ דעם געוויסן, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און פון קרימינעלן געזעץ. און דאָ איז מען נישט עובר נישט אויף דאָס, נישט אויף יענץ: נישטאָ וואָס צו שעמען זיך פאַר דער געזעלשאַפט — אַלע טוען אַזוי. אי מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, אי איוואַן זאַכאַריטש. וואָס זשע-דען — אָנפּרוכפּערן אָרימע לייט, אָדער אָפּנעמען בײַ זיך די מעגלעכקייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן? שעמען זיך פאַר דעם קרימינאַל-געזעץ, אָדער מורא האָבן פאַר אים, איז אויך נישטאָ וואָס. עקלהאַפטע מיידן און זעלנערישע ווייבער וואַרפן די קינדער אין די טייכן און אין די ברונעמער; יענע, געוויס, דאַרף מען פאַרזעצן אין תפיסה, אָבער בײַ אונדז ווערט אַלץ געטון צו דער צייט און ריין.

אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט נאָך צוויי יאָר. דאָס מיטל פון די מנוולים-דאָקטוירים האָט אפּנים גענומען ווירקן; זי האָט זיך פיזיש פאַר-ריכט און איז געוואָרן שיין, ווי די לעצטע שיינקייט פונם זומער. זי האָט עס געפילט און האָט זיך מיט זיך באַשעפטיקט און זי איז געוואָרן עפּעס אַזאַ לאָקנדיקע שיינקייט, וועלכע האָט לייטן באַאומרויקט. זי איז געווען אין דער גאַנצער קראַפט פון אַ דרייסיק-יעריקער, נישט-טראָגנדיקער,

אָפּגעגעסענער און צערייצטער פרוי. איר אויסזען האָט ארויסגערופן אן אומרויקייט. ווען זי איז דורכגעגאַנגען צווישן מאַנסבילן, האָט זי צו זיך צוגעצויגן זייערע בליקן. זי איז געווען ווי אן איינגעשטאַנען, אויסגעפּאַשעט, איינגעשפּאַנט פערד, פון וועלכן מען האָט אראָפּגענומען דעם צוים. אָן קיין שום צוים, ווי בא 0,99 פון אונזערע פרויען. און איך האָב עס געפילט, און מיר איז געווען שרעקלעך.

## XIX.

ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן און אריבערגעזעצט סאַמע באַם פענצטער.

— פאַרצייט מיר, האָט ער געזאָגט און, אויסשטעלנדיק די אויגן אין פענצטער אריין, איז ער אַזוי געבליבן זיצן אַ מינוט דריי. דערנאָך האָט ער שווער אָפּגעזיפצט און צוריק אַוועקגעזעצט זיך אַנטקעגן מיר. זיין פּנים איז געוואָרן גאָר אַנדערש, די אויגן — רחמנותדיקע, און עפּעס אַ מאָדנער כמעט-שמייכל האָט אים אויסגעקנייטשט די ליפּן. — איך בין אַ ביסל מיד, אָבער איך וועל דערציילן. ס'איז נאָך דאָ גענוג צייט, ס'טאָגט נאָך נישט. יאָ, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס. — זי איז פולער געוואָרן, זי האָט אויפגעהערט קינדער האָבן, און דידאָזיקע קראַנקייט, די אייביקע יסורים צוליב די קינדער, האָט אָנגעהויבן פאַרבייגיין. מ'קאָן נישט זאָגן פאַרבייגיין, אָבער זי האָט זיך אַזוי ווי אויסגעניכטערט פון אַ שיכּרות, איז צו זיך געקומען און האָט דערזעען, אַז עס איז פאַראַן אַ גאַנצע גאַטס וועלט מיט אירע פריידן, אָן וועלכע זי האָט פאַרגעסן, נאָר אין וועלכער זי האָט נישט געוווסט, ווי צו לעבן, אַ גאַטס וועלט, וועלכע זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. „נאָר, חלילה, נישט דורכלאָזן! די צייט וועט אַוועק, מ'וועט צוריק נישט כאַפּן זי". אַזוי, שטעלט זיך מיר פאָר, האָט זי געטראַכט, אָדער גיכער, געפילט, ובפרט אַז זי האָט נישט געקאָנט אַנדערש טראַכטן און פילן: מען האָט זי דערצויגן דערויף, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן נאָר איין זאַך, וואָס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט — ליבע. זי האָט חתונה געהאַט, באַקומען עפּעס וואָס פון דער ליבע, אָבער לא די וואָס כּלל

נישט דאָס, וואָס מ׳האָט צוגעזאָגט, וואָס מ׳האָט געקאָנט דערוואַרטן, נאָר אויך פיל אַנטוישונגען, ליידן, און דערביי אומדערוואַרטע יסורים — אַזוי פיל קינדער! דערדאָזיקער פיין האָט זי אויסגעמאַטערט. און אָט האָט זי זיך אַ דאַנק די פריינטלעכע דאָקטוירים דערוווּסט, אַז מ׳קאָן זיך באַגיין אָן קינדער אויך. זי האָט זיך דערפרייט, האָט עס פאַרזוכט, און האָט ווידער אויפגעלעבט פאַר דאָס איינציקע, וואָס זי האָט געוווּסט — פאַר דער ליבע. אָבער די ליבע מיט דעם מאַן, וואָס איז בנוולט סיי דורך דער אייפערזוכט, סיי דורך כּלערליי בייזקייטן, איז שוין געווען נישט דאָס. עס האָט זיך איר געגומען דאַכטן עפּעס אַן אַנדערע, אַ ריינינקע, אַ נייאינקע ליבע, — לפּחות אַזוי האָב איך געקלערט וועגן איר. האָט זי זיך גענומען אַרומקוקן, ווי אויף עפּעס וואַרטנדיק. איך האָב עס געזעען, און האָב נישט געקאָנט נישט אומרויק ווערן. עס האָט כּסדר אָנגעהויבן פּאַסירן דאָס, וואָס זי האָט, ווי אַלע מאָל, רעדנדיק מיט מיר דורך דער פאַרמיטלונג פון זייטיקע, ד. ה. רעדנדיק מיט זייטיקע, נאָר ווערנדיק אירע רייד צו מיר, — אויסגעדריקט דרייסט, גאָרנישט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס זי האָט מיט אַ שעה צוריק געזאָגט דעם היפּוך, און אויסגעדריקט האַלב ערנסט, אַז די מוטערלעכע זאָרג איז אַ נאַרעריי, אַז ס׳איז נישט כּדאַי אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר די קינדער, אַז ס׳איז פאַראַן יונגקייט, און מען קאָן הנאה האָבן פונם לעבן. זי האָט זיך מיט די קינדער געעוסקט ווייניקער, נישט מיט אַזאַ יאוש, ווי פריער, אָבער זי האָט זיך געעוסקט אויך מער און מער מיט זיך, מיט איר אויסערלעכקייט, הגם זי האָט עס פאַרהוילן, און מיט אירע פאַרגעניגנס און אפילו מיט פאַרפולקאָמען זיך. זי האָט זיך ווידער מיט היץ גענומען צו דער פאַרטעפּיאַנאָ, וועלכע זי האָט פריער געהאַסט און אַוועקגעוואָרפן, און דערפון טאַקע האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן.

ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צום פענצטער מיט מיד קוקנדיקע אויגן, ער האָט אָבער תּיכּף, קענטיק מאַכנדיק איבער זיך אַן אָנשטרענגונג, פאָרגעזעצט.

— יאָ. עס האָט זיך באַוויזן דערדאָזיקער מענטש. — ער האָט זיך פאַרהאַקט און אַ פּאָר מאָל אַרויסגעלאָזט דורך דער נאָז זיינע באַזונדערע קלאַנגען.

איך האָב געזעען, אַז עס איז אים פיינלעך אָנצורופן דעמדאָזיקן מענטש, דערמאָנען זיך, רעדן וועגן אים. אָבער ער האָט זיך גובר געווען

און, גלייך ווי צערייסנדיק די מניעה, וועלכע האָט אים געשטערט, האָט ער אַנטשלאָסן פאַרגעזעצט:

— דאָס איז געווען אַ נישטיק מענטשל. לויט מיין בליק, לויט מיין אָפּשאַצונג. און נישט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזאַ באַדייטונג באַקומען אין מיין לעבן, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז באמת געווען אַזאַ. איבעריקנס, דאָס, וואָס ער איז געווען אַ נישט, האָט נאָר געדינט פאַר אַ באַווייז, ווי אויסער זיך זי איז געווען. נישט ער, איז אַן אַנדערער, דאָס האָט געמוזט זיין. — ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. — יאָ, דאָס איז געווען אַ מוזיקאַנט, אַ פידלער. נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער מוזיקאַנט, נאָר אַ האַלב-פּראָפעסיאָנעלער, אַ האַלב-געזעלשאַפטלעכער מענטש.

זיין פאָטער אַ גוטבאַזיצער, איז מיין פאָטערס אַ שכן. זיין פאָטער איז געוואָרן אַ יורד, און די קינדער — דריי ייִנגלעך זענען געווען, — האָבן זיך אַלע איינגעאָרדנט, איינעם נאָר, דעם-אָ, דעם ייִנגערן, האָט מען אָפּגעשיקט צו זיין טויף-מוטער קיין פּאַריז. דאָרט האָט מען אים אָפּגעגעבן אין דער קאָנסערוואַטאָריע, ווייל ער האָט געהאַט טאַלאַנט צו מוזיק, און ער איז פון דאָרט אַרויס אַ פידלער און האָט געשפּילט אויף קאָנצערטן. אַ מענטש איז ער געווען... — אַפּנים וועלנדיק זאָגן עפּעס שלעכטס וועגן אים, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן און שנעל אַרויסגעזאָגט: — נו, מילא, איך ווייס אַליין נישט, ווי האָט ער דאָרט געלעבט, איך ווייס נאָר, אַז דאָס יאָר האָט ער זיך באַוויזן אין רוסלאַנד און איז געקומען צו מיר.

מאַנדלפאָרמיקע פייכטע אויגן, רויטע שמייכלענדיקע ליפּן, אָנגעזאַלבטע מיט פיקסטאַטואַר וואָנסעלעך, אַ פריזור — די לעצטע, מאָדישע, דאָס געזיכט — אַ באַנאַל-שיינינקעס, דאָס, וואָס פרויען רופן — נישטמיאוס, אַ קערפּער — שוואַך געבויט, הגם אָן אַ מום, מיט אַ באַזונדער אַנטוויקלטן הינטן, ווי בײַ אַ פרוי, ווי בײַ די האָטענטאָטן, זאָגט מען. זיי, זאָגט מען, זענען אויך מוזיקאַליש. אַזאַ, וואָס קריכט מיט פאַמיליאַרישקייט, אויף וויפיל עס לאָזט זיך, איז אָבער זייער שפּירעוודיק און שטענדיק גרייט אָפּצושטעלן זיך בײַ דעם קלענסטן ווידערשטאַנד, אָפּהיטנדיק די אויסערלעכע ווערדע, און מיט יענעם באַזונדן פּאַריזער ניואַנס פון די שיך אויף קנעפּלעך און פון די בונטע קאָלירן פון די האַלזטיכער; און מיט דעם איבעריקן, וואָס אויסלענדער נעמען איבער אין פּאַריז, און וואָס צוליב דער באַזונדערקייט פון דער נייקייט ווירקט אַלע מאָל אויף די

ווייבער. אין די מאַנירן אַ געמאַכטע אויסנווייניקסטע פריילעכקייט. אַ מאַניר, ווייסט איר, וועגן אַלץ צו רעדן מיט רמזים און אָפּגעריסן, כלומרשט, איר ווייסט עס אַלץ, געדענקט און קאָנט אַליין דערגענצן.

אָט ער-אַ מיט זיין מוזיק איז דאָס געווען די סיבה פון אַלץ. וואָרים אויפן געריכט איז דאָך די זאַך אַזוי פאָרגעשטעלט געוואָרן, אַז אַלץ איז פאָרגעקומען מחמת אייפערזוכט. ס׳הייבט זיך נישט אָן, דאָס הייסט נישט עס הייבט זיך נישט אָן, נאָר אַזוי און נישט אַזוי. אויפן געריכט האָט מען אַזוי באַשלאָסן, אַז איך בין אַן אָפּגענאַרטער מאַן, און אַז איך האָב געטויט, פאַרטיידיקנדיק מיין פאַרשוועכטן כבוד (אַזוי רופט זיך עס דאָך בא זיי). און דערפאַר האָט מען דאָך עס מיך באַפרייט. איך האָב מיך אויפן געריכט באַמיט צו דערקלערן דעם ענין, אָבער זיי האָבן עס אַזוי פאַרשטאַנען, אַז איך וויל רעהאַביליטירן דעם כבוד פון דער פרוי.

די באַציונגען אירע מיט דעם מוזיקאַנט, וועלכע זיי זאָלן נישט זיין, — פאַר מיר האָט עס קיין באַדייטונג נישט, און פאַר איר אפילו אויך נישט. אַ באַדייטונג האָט דאָס, וואָס איך האָב אייך דערציילט, דאָס הייסט מיין חזירשאַפט. אַלץ איז אַרויסגעקומען דערפון, וואָס צווישן אונז איז געווען יענע טיפעניש, וועגן וועלכער איך האָב אייך געזאָגט, יענע שרעקלעכע אָנשטרענגונג פון קעגנזייטיקער שנאה איינער צו דעם אַנדערן, בא וועלכער דער ערשטער בעסטער אויסרייד האָט געקלעקט אַרויסצורופן דעם קריזיס. די מחלוקתן צווישן אונז זענען פאַר דער לעצטער צייט געוואָרן עפּעס גאָר אַ שרעק, און זיי זענען געווען נאָך וווּנדערלעכער דערמיט, וואָס נאָך זיי פלעגט אָנשטיין אויך אַן אָנגעשטרענגטע חיהשע ליידנשאַפטלעכקייט.

ווען נישט ער וואָלט געקומען, וואָלט אַן אַנדערער געקומען. ווען נישט דער אויסרייד פון אייפערזוכט, וואָלט געווען אַן אַנדערער. איך האַלט זיך בא מיינס, אַז אַלע מענער, וואָס לעבן אַזוי, ווי איך האָב געלעבט, דאַרפן אָדער זיין אויסגעלאַסן, אָדער גטן זיך; אָדער טויטן זיך אַליין, אָדער די ווייבער, ווי איך האָב געטון. אויב מיט עמעצן האָט עס נישט פּאַסירט, איז עס אַ באַזונדער זעלטענער אויסנאַם. וואָרים איידער איך האָב געענדיקט, ווי איך האָב געענדיקט, בין איך דאָך עטלעכע מאָל געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון זעלבסטמאָרד, און זי האָט זיך אויך געסמט.

# XX.

— יאָ, אַזוי איז עס געווען, און נישט לאַנג פאַר דעם.

מיר האָבן געלעבט כלומרשט אין וואָפנשטילשטאַנד, און נישטאָ קיין סיבות אים צו שטערן. פּלוצלינג הייבט זיך אָן אַ שמועס וועגן דעם, וואָס דער און דער העכט האָט אויף דער אויסשטעלונג באַקומען אַ מעדאַל. זאָג איך. זי זאָגט: נישט קיין מעדאַל, נאָר אַן אַטעסטאַט. הייבט זיך אָן אַן אמפּעריי. הייבט זיך אָן אַ שפּרינגען פון איין קעגנשטאַנד צום צווייטן, פאָרווורפן: „נו, דאָס איז שוין לאַנג באַוווסט, אַלע מאָל אַזוי". „דו האָסט געזאָגט...." „ניין, איך האָב נישט געזאָגט". „הייסט עס, אַז איך זאָג ליגנט!..." ס'פילט זיך, אַז אָט-אָט הייבט זיך אָן יענע שרעקלעכע מחלוקת, באַ וועלכער עס ווילט זיך טייטן זיך, אָדער זי. און דו ווייסט, אַז באַלד וועט זיך עס אָנהייבן, און דו האָסט מורא דערפאַר ווי פאַר פייער, און דעריבער וואָלט זיך וועלן אָפּהאַלטן, אָבער דער צאָרן פאַרכאַפּט דיר דיין גאַנץ וועזן. זי איז אין דערזעלביקער, נאָך ערגערער לאַגע, טייטש בכיוון אויס יעדעס וואָרט דיינס, צוגעבנדיק אים אַ פאַלשן באַטייט; און איר יעדער וואָרט איז אָנגעזאַפּט מיט גיפט. ווו זי ווייסט נאָר, אַז עס קאָן מיר מער וויטיק פאַרשאַפן, אַהין שטעכט זי, ווייטער, מערער. איך שריי: שווייג! אָדער עפּעס אַזוינס אין דעם אַרט.

זי שפּרינגט אַרויס פונם צימער, לויפט אין קינדערצימער. איך באַמי זיך זי צו פאַרהאַלטן, כדי צו דערזאָגן ביזן סוף און צו דערווייזן, און איך כאַפּ זי פאַר דער האַנט. זי מאַכט אַן אָנשטעל, כלומרשט איך האָב איר פאַרשאַפט וויטיק, און זי שרייט: „קינדער, אייער טאַטע שלאָגט מיך!" איך שריי: „נישט זאָג קיין ליגנט!" — „דאָס איז דאָך שוין נישט דאָס ערשטע מאָל!" שרייט זי, אָדער עפּעס ענלעכס דערצו. די קינדער לויפן צו איר. זי באַרויקט זיי. איך זאָג: „מאַך נישט קיין אָנשטעל!" זי זאָגט: „פאַר דיר איז אַלץ אַן אָנשטעל, דו וועסט הרגענען אַ מענטש, און וועסט זאָגן, אַז ער מאַכט אַן אָנשטעל. איצט האָב איך דיך פאַרשטאַנען. אַט דאָס ווילסטו טאַקע!" — „אַ, ווען דו וואָלסט

כאָטש פֿרגרן!״ שריי איך. איך געדענק, ווי עס האָבן מיך דערשראָקן דידאָזיקע שרעקלעכע ווערטער, איך האָב בשום אופן נישט גערעכנט, אַז איך זאָל קאָנען זאָגן אַזעלכע שרעקלעכע גראָבע רייד, און איך וווּנדער מיך, ווי אַזוי זענען זיי בײַ מיר אַרויסגעשפּרונגען. איך שריי דידאָזיקע שרעקלעכע ווערטער און לויף אַוועק אין קאַבינעט. איך זעץ מיך און איך רויכער, איך הער, אַז זי גייט אַרויס אין פֿאָדערצימער און קלויבט זיך אַרויסצופֿאָרן. איך פֿרעג: וווּהין? זי ענטפֿערט נישט. „כאַפּט זי דער טײַוול״, זאָג איך זיך און קער מיך אום אין קאַבינעט, איך לייג מיך ווידער און איך רייכער. טויזנט פֿאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי נקמה צו נעמען פֿון איר, ווי צו באַפֿרײַען זיך פֿון איר, און ווי צו פֿאַרריכטן דאָס אַלץ, און מאַכן אַזוי, גלײַך ווי ס'איז גאָרנישט נישט געווען, קומען מיר אויפֿן רעיון. איך טראַכט עס אַלץ און רייכער, רייכער. איך טראַכט אַנטלויפֿן פֿון איר, באַהאַלטן זיך, אַוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע. איך דערגיי דערצו, אַז איך טרוים וועגן דעם, ווי איך ווער פּטור פֿון איר, און ווי דאָס וועט זײַן גוט, ווי איך וועל מיך באַפֿרײַנדן מיט אַן אַנדערער, אַ ווײַלער פֿרוי, גאָר אַ נײַער. איך וועל מיך באַפֿרײַען דורך דעם, וואָס זי וועט שטאַרבן, אָדער איך וועל מיך גטן, און איך טראַכט מיטלען ווי צו מאַכן עס. איך זע, אַז איך פּלאָנטער מיך, אַז איך טראַכט נישט דאָס, וואָס מ'דאַרף, אָבער טאַקע כּדי איך זאָל נישט זען, אַז איך טראַכט נישט וואָס מען דאַרף, דערפֿאַר רייכער איך דאָך.

און דאָס לעבן אין שטוב גייט. די גוווערנאַנטין קומט און פֿרעגט: ווו איז די מאַדאַם? ווען וועט זי צוריקקומען? דער לאָקיי פֿרעגט: צי זאָל ער דערלאַנגען טיי? איך קום אין עסצימער; די קינדער, דער עיקר די עלטערע, ליזע, וועלכע פֿאַרשטייט שוין, קוקן אויף מיר מיט פֿרעגנדיקע און מיט פֿאָרוואַרפֿנדיקע בליקן. מיר טרינקען שטילערהייט טיי. זי איז אַלץ נישטאָ. ס'גייט אַריבער דער גאַנצער אָוונט, זי איז נישטאָ, און צוויי געפֿילן בייטן זיך אין דער נשמה: אַ צאָרן צו איר דערפֿאַר, וואָס זי פּייניקט מיך און אַלע קינדער מיט איר נישט זײַן, וואָס וועט זיך דאָך ענדיקן דערמיט, אַז זי וועט קומען, און אַ מורא דערפֿאַר, אַז זי וועט נישט קומען און וועט זיך אָנטון עפּעס אַ מעשׂה. איך וואָלט געפֿאָרן נאָך איר. אָבער ווו זוכט מען זי? בײַ דער שוועסטער? ס'איז אָבער נאַריש קומען צופֿאָרן פֿרעגן. אַגב זאָל איר גאָט העלפֿן, אויב זי וויל מאַטערן, וואָרים אין דער אמתן וואַרט זי דאָך דערויף. און אַ צווייט מאָל וועט

זיין נאָך ערגער. און וואָס אויב זי איז נישט בא דער שוועסטער, און זי טוט, אָדער זי האָט זיך שוין אַ מעשה אָנגעטון ?... עלף, צוועלף דער זייגער ! איך גיי נישט אין שלאָפצימער. ס'איז נאַריש צו ליגן דאָרט איינער אַליין און וואַרטן. און איך לייג זיך דאָ גופא צו. איך וויל מיך מיט עפּעס פאַרנעמען, אָנשרייבן אַ בריוו, לייענען ? אָבער איך קאָן גאָרנישט. איך זיץ אַליין אין קאַבינעט, איך מאַטער מיך, בין ברוגז און הער מיך צו. דריי, פיר דער זייגער — זי איז נישטאָ. פאַרטאָג ווער איך אַנטשלאָפן. איך כאַפּ מיך אויף — זי איז נישטאָ.

אין שטוב גייט אַלץ צו אויפן אַלטן שטייגער. אָבער אַלע זענען צעמישט, און אַלע קוקן אויף מיר מיט אַ פראַגע און מיט פאַרוואָרף, מיינענדיק, אַז דאָס שטאַמט אַלץ פון מיר. אין מיר איז אַלץ דערזעלביקער קאַמף — פון צאָרן, וואָס זי פּייניקט מיך, און פון אומרויקייט פאַר איר.

אַרום עלף דער זייגער קומט צו פאָרן איר שוועסטער אַלס אַ שליח פון איר. און עס הייבט זיך אָן דאָס געוויינלעכע : „זי איז אין אַ שרעקלעכער לאַגע. וואָס-זשע איז דאָס אַזוינס ! עס איז דאָך גאָרנישט נישט געשעען". איך רעד וועגן דער אוממעגלעכקייט פון איר כאַראַקטער, און כ'זאָג, אַז איך האָב גאָרנישט געטון.

— דאָס קאָן דאָך אָבער אַזוי נישט בלייבן ? — זאָגט די שוועסטער.

— דאָס איז אַלץ איר עסק, נישט מיינער, — זאָג איך, — איך מאַך דעם ערשטן שריט נישט. צעשיידן זיך, איז צעשיידן זיך.

די שוועגערין פאָרט אַוועק מיט גאָרנישט. איך האָב דרייסט געזאָגט, אַז איך וועל נישט מאַכן דעם ערשטן טריט. אָבער ווען זי איז אַוועקגעפאָרן, און איך בין אַרויסגעגאַנגען און האָב דערזעען די קינדער, רחמנותדיקע, דערשראָקענע, בין איך שוין גרייט געווען צו מאַכן דעם ערשטן טריט. און וואָלט אים מיט פרייד געמאַכט, אָבער איך ווייס נישט ווי אַזוי. איך גיי ווייטער, כ'רייכער, כ'טרינק צו אָנבייסן בראָנפן און וויין, און איך דערגרייך דאָס, צו וואָס איך שטרעב אומבאַוווסטויניק : איך זע נישט די נאַרישקייט, די מיאוסקייט פון מיין לאַגע.

אַרום דריי קומט זי צופאָרן. באַגעגנענדיק מיך, זאָגט זי גאָרנישט. איך מיין, אַז זי האָט זיך אונטערגעגעבן. איך הייב אָן צו רעדן וועגן דעם, אַז אירע פאַרוואָרפן האָבן מיך דערויף אַרויסגערופן. מיט דעמזעלביקן שטרענגן און אויסגעמאַטערטן פנים זאָגט זי, אַז זי איז געקומען

ניִשט אויסטענהן זיך, נאָר נעמען די קינדער, אַז לעבן צוזאַמען קאָנען מיר ניִשט. איך הייב אָן צו זאָגן, אַז ניִשט איך בין שולדיק, אַז זי האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. זי קוקט אויף מיר שטרענג פייערלעך און נאָכדעם זאָגט זי: „רעד ניִשט מער, דו וועסט חרטה האָבן". איך זאָג, אַז איך קאָן ניִשט ליידן קיין קאָמעדיעס. דעמאָלט שרייט זי עפּעס אויס, וואָס איך פאַרשטיי ניִשט און לויפט אַוועק צו זיך אין צימער. און הינטער איר קלינגט דער שליסל: זי האָט זיך פאַרשפּאַרט. איך רייס מיך אין צימער, ניִשטאָ קיין ענטפער. און איך גיי אַ צאָרנדיקער אַוועק. אין אַ האַלבע שעה אַרום קומט ליזע צו לויפן אַ וויינענדיקע: — „וואָס? ס'איז עפּעס געשעען?" — „מ'הערט די מאַמען ניִשט". — „קום". איך רייס די טיר מיט אַלע כּוחות. די קייטל איז שלעכט צוגעמאַכט, און ביידע האַלבע טירן עפענען זיך אויף. איך גיי אונטער צו דעם בעט. אין די קליידלעך און אין די הויכע שיך ליגט זי ניִשט באַקוועם אין בעט. אויפן טיש שטייט אַ ליידיק פלעשעלע פון אָפּיום. מיר מונטערן זי. טרערן און לסוף אַ שלום. ניִשט קיין שלום. בײַ יעדן אין דער נשמה איז אַלץ דערזעלביקער אַלטער צאָרן פון איינעם קעגן דעם צווייטן מיט אַ צוגאָב נאָך פון צערייצונג פאַר דעם ווייטיק, וואָס איז פאַרשאַפט געוואָרן דורך דער מחלוקת, און וואָס יעדער פאַרשרייבט זי אויף דעם חשבון פון דעם צווייטן. אָבער מען דאַרף דאָך פאַרט ווי עס איז ענדיקן דאָס אַלץ; און דאָס לעבן גייט, ווי געווען. יאָ. פּונקט אַזעלכע מחלוקתן, און ערגערע זענען פאָרגעקומען אָן אויפהער, אַמאָל — איין מאָל אין דער וואָך, אַמאָל — איין מאָל אין חודש, אָדער יעדן טאָג. און אַלץ דאָסזעלביקע. איינמאָל האָב איך שוין גענומען אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט — די מחלוקת האָט געדויערט צוויי טעג. אָבער נאָכדעם ווידער האַלב דורכגערעדט זיך, האַלב שלום געמאַכט — און איך בין געבליבן.

## XXI.

— איז אָט אין אַזעלכע באַציונגען זענען מיר עס געווען, ווען דערדאָזיקער מענטש האָט זיך באַוויזן. אין מאָסקווע איז געקומען דער־דאָזיקער מענטש, — זיין פאַמיליע איז געווען טרוכאַטשעווסקי, — און ער איז געקומען צו מיר. דאָס איז געווען אינדערפרי. איך האָב אים אויפגענומען. מיר זענען אַמאָל געווען אויף דו. ער האָט זיך געפרווט מיט פראַזן מיטעלע צווישן דו און איר בלייבן אויף דו. אָבער איך האָב גלייך געגעבן אַ טאָן אויף איר, און ער האָט זיך תיכף אונטערגעגעבן. ער איז מיר זייער נישט געפעלן געוואָרן פון דעם ערשטן בליק אָן. נאָר, אַ מאָדנע זאַך, עפּעס אַ משונהדיקע, פאַטאַלע קראַפט האָט מיך געצויגן דערצו, אַז איך זאָל אים נישט אָפּשטויסן, נישט דערווייטערן, נאָר אדרבא מקרב זיין, וואָרים וואָס וואָלט געקאָנט זיין איינפאַכער, ווי רעדנדיק אַ ביסל מיט אים קאַלט, געזעגענען זיך, און נישט באַקאַנט מאַכן מיט דער פרוי. אָבער ניין, איך האָב אַזוי ווי בכיוון אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיין שפּילן, געזאָגט, אַז מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַוועקגעוואָרפן די פידל. ער האָט געזאָגט, אַז פאַרקערט, ער שפּילט איצט מער ווי פריער. ער האָט גענומען דערמאָנען זיך וועגן דעם, וואָס איך האָב אַמאָל געשפּילט. איך האָב געזאָגט, אַז איך שפּיל נישט מער, נאָר מיין ווייב שפּילט גוט. אַ מאָדנע זאַך! מיינע באַציונגען צו אים אין דעם ערשטן טאָג, אין דער ערשטער שעה פון אונזער זעען זיך מיט אים זענען געווען אַזעלכע, וועלכע זיי האָבן געקאָנט זיין ערשט נאָך דעם אַלעמען, וואָס עס איז געשען. עס איז געווען עפּעס אָנגעשטרענגטס אין מיינע באַציונגען מיט אים. איך האָב באַמערקט יעדעס וואָרט, אויסדרוק, וואָס ער, אָדער איך האָב געזאָגט און האָב זיי געהאַלטן פאַר וויכטיק.

איך האָב אים פאָרגעשטעלט פאַר דעם ווייב. תיכף האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן מוזיק, און ער האָט איר פאָרגעלייגט צו שפּילן מיט איר. דאָס ווייב איז, ווי אַלע מאָל די לעצטע צייט, געווען זייער עלעגאַנט, פאַרלאָקנדיק, באַוואַמרויקנדיק שיין. ער איז איר אַפּנים געפעלן געוואָרן פון דעם ערשטן בליק. חוץ דעם האָט זי זיך דערפרייט דערמיט,

וואָס זי וועט האָבן דאָס פאַרגעניגן צו שפּילן מיט אַ פידל, און דאָס האָט זי זייער ליב געהאַט, אַזוי אַז זי האָט צוליב דעם געדונגען אַ פידלער פון טעאַטער, און אויף איר געזיכט האָט זיך אויסגעדריקט דידאָזיקע פרייד. אָבער דערזעענדיק מיך, האָט זי תּיכּף ומיד פאַרשטאַנען מיין געפיל און געביטן איר אויסדרוק, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דידאָזיקע שפּיל פון קעגנזייטיקער אָפּנאַרעריי. איך האָב אָנגענעם געשמייכלט, מאַכנדיק אַ פּנים, אַז עס טוט מיר זייער הנאה. קוקנדיק אויף דעם ווייב אַזוי, ווי עס קוקן אַלע פאַרשייטע מענטשן אויף שיינע פרויען, האָט ער געמאַכט אַזאַ פּנים, כּלומרשט אים אינטערעסירט נאָר דער קעגנשטאַנד פונם שמועס, דהיינו דאָס, וואָס עס איז אים לחלוטין נישט געווען אינטערעסאַנט. זי האָט זיך באמת אַרויסצוווייזן גלייכגילטיק, נאָר מיין באַקאַנטער פּאַר איר, פאַלש־שמייכלענדיקער אויסדרוק פון אַן אייפערזיכטיקן און זיין תּאוותדי־קער בליק האָבן זי אַפּנים געררייצט. איך האָב געזעען, אַז פון דעם ערשטן מאָל זעען זיך האָבן בא איר די אויגן געגומען באַזונדער גלאַנצן, און וואָרשיינלעך צוליב מיין אייפערזוכט, האָט זיך צווישן אים און איר תּיכּף איינגעשטעלט אַ מין עלעקטרישער שטראָם, וועלכער האָט אַרויסגערופן עפּעס ווי גלייכקייט פון אויסדרוק אין זייערע בליקן און שמייכלען. זי איז רויט גע־וואָרן, ער איז רויט געוואָרן. זי האָט געשמייכלט, ער האָט געשמייכלט, מ׳האָט גערעדט אַ ביסל וועגן מוזיק, וועגן פּאַריז, וועגן אַלערליי קלייניקייטן, ער איז אויפגעשטאַנען אַוועקצופאָרן, און שמייכלענדיק, מיט דעם הוט, אויף דער ציטערדיקער ליטקע, איז ער געשטאַנען, קוקנדיק אַמאָל אויף איר, אַמאָל אויף מיר, גלייך ווי וואַרטנדיק, וואָס וועלן מיר טון. איך געדענק דידאָ־זיקע רגע דווקא דערפאַר, ווייל אין דערדאָזיקער רגע האָב איך געקאָנט נישט איינלאַדן אים, און דעמאָלט וואָלט גאָרנישט נישט געווען. אָבער איך האָב געטון אַ בליק אויף אים, אויף איר. „זאָלסט גאָרנישט טראַכטן, אַז איך בין אייפערזיכטיק צו דיר״, — האָב איך געזאָגט אין געדאַנק, — „אָדער אַז איך האָב מורא פאַר דיר״, האָב איך אין געדאַנק געזאָגט צו אים, און האָב אים איינגעלאַדן ברענגען אַמאָל אין אָוונט די פידל, כּדי צו שפּילן צוזאַמען מיט דעם ווייב. זי האָט פאַרוווּנדערט אַ בליק געטון אויף מיר, האָט זיך אָנגעצונדן און כּלומרשט דערשראָקן גענומען אָפּזאָגן זיך, געזאָגט, אַז זי שפּילט נישט גענוג גוט. דערדאָזיקער אָפּזאָג אירער האָט מיך נאָך מער צערייצט, און איך בין נאָך מער צוגעשטאַנען. איך געדענק יענעם מאָדנעם געפיל, מיט וועלכן איך האָב געקוקט אויף זיין נאַקן, דעם ווייסן האַלז, וועלכער האָט זיך אָפּגעטיילט פון די שוואַרצע

אויףביידע זייטן פאַרקעמטע האָר, ווען ער האָט מיט זיין אונטערשפּרינ-גענדיקן, עפּעס אַ מין פויגלשן גאַנג, געגומען אַרויסגיין פון אונז. איך האָב נישט געקאָנט נישט מודה זיין פאַר זיך, אַז די אָנוועזנהייט פון דעמדאָזיקן מענטש האָט מיך געמאַטערט. פון מיר הענגט אָפּ, האָב איך געטראַכט, צו מאַכן אַזוי, אַז מען זאָל אים שוין מער נישט זעען. אָבער מאַכן אַזוי וואָלט געהייסן, מודה זיין זיך, אַז איך האָב פאַר אים מורא. ניין, איך האָב פאַר אים נישט קיין מורא. דאָס וואָלט געווען זייער דער-נידעריקנדיק, האָב איך זיך געזאָגט. און דאָ גופא אין פאָדערהויז, וויסנ-דיק, אַז דאָס ווייב הערט מיך, האָב איך פאַרעקשנט געפאָדערט, אַז ער זאָל היינט נאָך אינאָוונט קומען צו פאָרן צו אונז מיט דער פידל. ער האָט מיר צוגעזאָגט און איז אַוועקגעפאָרן.

אינאָוונט איז ער געקומען צו פאָרן מיט דער פידל, און זיי האָבן געשפּילט. אָבער די שפּיל האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געקלעפּט. עס זענען נישט געווען די נאָטן, וועלכע זיי האָבן געדאַרפט, און וואָס עס איז יאָ געווען, האָט דאָס ווייב נישט געקאָנט שפּילן און צוגרייטן זיך. איך האָב זייער ליב געהאַט מוזיק, און האָב זיי מיטגעפּילט, איינאָרדענענ-דיק פאַר זיי אַ שטענדער, איבערקערנדיק די בלעטער. עפּעס האָבן זיי פאַרט אויסגעשפּילט: עפּעס אַזוינע לידער און ווערטער און אַ סאָנאַטקע מאָצאַרטס. ער האָט געשפּילט פּרעכטיק; און בא אים איז געווען אין דער גרעסטער מאָס דאָס, וואָס עס רופט זיך טאָן. חוצדעם אַ פיינער איידעלער געשמאַק, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט פאַר זיין כאַראַקטער.

ער איז, פאַרשטייט זיך, געווען פיל שטאַרקער פאַר דעם ווייב און האָט איר געהאָלפן און צוזאַמען דערמיט העפלעך געלויבט איר שפּילן, ער האָט זיך געהאַלטן זייער גוט. דאָס ווייב האָט אויסגעוויזן ווי פאַר-אינטערעסירט בלויז מיט דער מוזיק און איז געווען זייער פּשוט און נאַ-טירלעך. אָבער איך, הגם איך האָב מיך געמאַכט כלומרשט איך בין פאַר-אינטערעסירט מיט דער מוזיק, האָב דעם גאַנצן אָוונט אָן אויפהער געפּיי-ניקט זיך פון אייפערזוכט.

פון דער ערשטער רגע אָן, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט דעם ווייב, האָב איך געזעען, אַז די חיה, וואָס זיצט אין זיי ביידע, האָט נישט קוקנדיק אויף אַלע תנאים פון לאַגע און געזעלשאַפט געפרעגט: „מען מעג?" און האָט געענטפערט: „אָ, יאָ, זייער". איך האָב געזעען, אַז ער האָט בשום אופן נישט געוואַרט, אַז ער וועט באַגעגענען אין מיין ווייב, אין אַ מאָסקווער דאַמע, אַזאַ צוציענדיקע פרוי, און איז דערפון געווען

זייער צופרידן. דערפאַר, וואָס באַ אים זענען קיין ספקות נישט געווען, אַז זי איז מסכים. די גאַנצע פראַגע איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, אַז דער אומדערטרעגלעכער זאָל נישט שטערן. ווען איך אַליין וואָלט געווען אַ ריינער, וואָלט איך עס נישט פאַרשטאַנען, אָבער איך אַליין האָב, ווי דאָס רוב מאַנסבילן, אַזוי געטראַכט וועגן פרויען, איידער איך האָב חתונה געהאַט. און דעריבער האָב איך געלייענט אין זיין נשמה, ווי אין אַ שריפט. באַזונדער האָב איך מיך געפייניקט דערמיט, וואָס איך האָב געזען אויף זיכער, אַז צו מיר האָט זי נישט געהאַט קיין אַנדער געפיל, ווי שטענדיקע צערייצטקייט, וועלכע פלעגט זיך נאָר זעלטן איבעררייסן מיט דער געוויינלעכער זינלעכקייט, און אַז דער וועט צוליב זיין אויסערלעכער עלעגאַנטישקייט און צוליב זיין נייקייט, און! דער עיקר צוליב זיין אומצווייפלהאַפטן גרויסן טאַלאַנט צו מוזיק, צוליב דער נאָענטקייט, וועלכע אַנשטאָט פון שפילן צוזאַמען, באַזונדערס, אויף דער פידל, — אַז דער-אָ מענטש וועט נישט בלויז מוזן געפעלן ווערן, נאָר זיכער, אָן אַ שום וואַקלעניש מוזן מנצח זיין, צעקוועטשן, איבערדרייען זי, אויסדרייען פון איר אַ שטריקל, מאַכן פון איר אַלץ, וואָס ער וועט וועלן. איך האָב נישט געקאָנט נישט זען, און איך האָב שרעקלעך געליטן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, אָדער אפשר מחמת דעם, האָט עפּעס אַ קראַפט אַנטקעגן מיין ווילן געצווינגט מיך צו זיין באַזונדער נישט בלויז העפלעך, נאָר אפילו פריינטלעך מיט אים. צי פון דעם ווייבס וועגן צי פון זייַנעטוועגן האָב איך עס געטון, כדי צו באַווייזן, אַז איך האָב פאַר אים קיין מורא נישט, צי פון מייַנטוועגן אַליין, כדי זיך אַליין אָפּצונאַרן, — איך ווייס נישט, אָבער איך האָב שוין פון די ערשטע באַציונגען אָן נישט געקאָנט זיין מיט אים איינפאַך. כדי נישט איבערצוגעבן זיך דעם פאַרלאַנג תיכף צו טייטן אים, האָב איך אים געמוזט לאַשטשען. איך האָב אים צו דער וועטשערע געגעבן צו טרינקען טייערע וויינען, כ'בין נתפעל געוואָרן פון זיין שפילן, האָב מיט אַ באַזונדערן פריינטלעכן שמייכל גערעדט מיט אים, און גערופן דעם נאָענטסטן זונטיק אויף מיטאָג און ווידער שפילן מיט דעם ווייב. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל נאָך עמעצן רופן פון באַקאַנטע מיינע, ליבהאָבער פון מוזיק, הערן אים. און אַזוי איז עס טאַקע אויסגעקומען.

און פּאָזדנישעוו האָט אין שטאַרקער אויפרעגונג געביטן די לאַגע און אַרויסגעלאָזט זיין באַזונדערן קלאַנג.

— אַ מאָדנע זאַך, ווי עס האָט אויף מיר געווירקט די אָנוועזנ-

הייט פון דעמדאָזיקן מענטש, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, באַשיינפערלעך מאַכנדיק אַן אָנשטרענגונג, כּדי צו בלייבן רויק.

— איך קער מיך אום אַהיים פון אַן אויסשטעלונג אויפן צווייטן. צי אויפן דריטן טאָג נאָך דעם, איך קום אַריין אין פאָדערהויז און דערפיל פלוצלינג, אַז עפּעס שווערס, ווי אַ שטיין, לייגט זיך מיר אַרויף אויפן האַרץ, און איך קאָן מיר נישט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס איז דאָס אַזוינס. דאָס איז געווען דאָס, וואָס דורכגייענדיק דורך דעם פאָדערצימער, האָב איך באַמערקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאַנט אָן אים. ערשט אין קאַבינעט האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ רעכנונג, וואָס דאָס איז געווען, און איך האָב מיך אומגעקערט אין פאָדערהויז, כּדי צו קאָנטראָלירן זיך. יאָ, איך האָב קיין טעות נישט געהאַט, דאָס איז געווען זיין מאַנטל. ווייסט איר, אַ מאָדיש מאַנטל. (אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אים, כאָטש איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנונג אין דעם, האָב איך באַמערקט מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט). איך פרעג: ריכטיק, ער איז דאָ. איך גיי אין זאַל נישט דורך דעם גאַסטזאַל, נאָר דורך דעם קינדערצימער. ליזע, די טאָכטער, זיצט בײַ אַ ביכל, און די ניאַנקע מיטן קליינינקן דרייט בײַם טיש עפּעס אַ דעקל. די טיר אין זאַל איז צוגעמאַכט, איך הער פון דאָרט אַ גלייכמעסיקע arpeggio, און איר קול און זיין קול. איך הער מיך צו, אָבער איך קאָן נישט פאַרשטיין.

אַפּנים, אַז די קלאַנגען פון דעם פאָרטעפּיאַן זענען געווען בכּיוון, כּדי צו פאַרהילכן זייערע רייד, קושן... אפשר. גאָט מיינער! וואָס אַזוינס עס האָט זיך אין מיר אָנגעהויבן! וואָס איך האָב מיר פאָרגעשטעלט! אַז איך דערמאָן מיך נאָר אָן יענער חיה, וועלכע האָט אין מיר געלעבט, נעמט מיך אָן אַן אימה. דאָס האַרץ האָט זיך פלוצלינג צונויפגעקוועטשט, אָפּגעשטעלט, און נאָכדעם גענומען האַקן ווי מיט אַ האַמער. דאָס הויפּטגעפיל, ווי אַלעמאָל, אין יעדער בייזקייט, איז געווען דאָס רחמנות צו זיך אַליין. פאַר די קינדער! פאַר דער ניאַנקע! האָב איך געטראַכט. אַפּנים איך האָב אויסגעזעען שרעקלעך, ווייל ליזע האָט אויף מיר אויך געקוקט מיט מאָדנע אויגן. וואָס-זשע זאָל איך טון? האָב איך זיך געפרעגט. אַריינגיין? איך קאָן נישט, איך וועל טון, גאָט ווייסט, וואָס. אָבער איך קאָן אויך נישט אַוועקגיין. די ניאַנקע קוקט אויף מיר אַזוי, ווי זי וואָלט פאַרשטיין מיין לאַגע. מען קאָן דאָך נישט אַריינגיין, האָב איך זיך געזאָגט און שנעל געעפנט די טיר. ער איז געזעסן בײַ דעם פאָרטעפּיאַן, געמאַכט דידאָזיקע arpeggio מיט זיינע צו די שפּיצן-צו אויסגעבויגענע גרויסע

ווייסע פינגער. זי איז געשטאַנען אין ווינקל ראָיאַל איבער די אָפענע נאָטן. זי האָט די ערשטע דערזעען, אָדער דערהערט, און אַ קוק געטון אויף מיר. צי זי האָט זיך דערשראָקן און געמאַכט זיך, כלומרשט זי האָט זיך נישט דערשראָקן, אָדער זי האָט זיך באמת נישט דערשראָקן, נאָר זי האָט קיין ציטער נישט געטון, קיין ריר זיך נישט געטון, נאָר רויט געוואָרן, איז דאָס אויך שפּעטער.

— איך בין אַזוי צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען. מיר האָבן נישט באַשלאָסן, וואָס צו שפּילן זונטיק, — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, מיט וועלכן זי וואָלט מיט מיר נישט גערעדט, ווען מיר וואָלטן געווען אַליין. דאָס, און דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט „מיר“, וועגן זיך און וועגן אים, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ כעס. איך האָב מיך שווייגנדיק מיט אים באַגריסט.

ער האָט מיר אַ דריק געטון די האַנט און תּיכּף מיט אַ שמייכל, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן פּשוט אַן אָפּשפּעטערישער, גענומען דערקלערן מיר, אַז ער האָט געבראַכט נאָטן צוצוגרייטן זיך צום זונטיק און אָט קאָנען זיי נישט דורכקומען, וואָס זאָל מען שפּילן: אַ שווערערע און אַ קלאַסישע זאַך, דהיינו, בעטהאָווענס סאָנאַטע מיט דער פידל, אָדער קליינע זאַכן? ס'איז אַלץ געווען אַזוי נאַטירלעך און פּשוט, אַז עס איז נישט געווען צו וואָס צו בינדן זיך. און צוזאַמען דערמיט בין איך געווען זיכער, אַז דאָס איז אַלץ געווען נישט אמת, אַז זיי האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן דעם, ווי מיך אָפּצונאַרן.

איינע פון די סאַמע פיינלעכע באַציונגען פאַר אַן אייפערזיכטיקן (און אייפערזיכטיקע זענען אַלע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן), דאָס זענען געוויסע וועלטלעכע באַדינגונגען, באַ וועלכע מען דערלאָזט די גרעסטע און געפערלעכסטע נאָענטקייט צווישן אַ מאַנסביל און אַ פרוי. מען מוז ווערן אויסגעלאַכט פון לייטן, אויב מען זאָל שטערן דער נאָענטקייט אויף בעלער, דער נאָענטקייט פון דאָקטוירים מיט זייערע פּאַציענטינס, דער נאָענטקייט באַ באַשעפטיקונגען מיט קונסט, מיט מאַלעריי, און דער עיקר מיט מוזיק. מענטשן פאַרנעמען זיך זאַלבענאַנד מיט דער סאַמע איידעלער קונסט, מיט מוזיק; צוליב דעם איז נייטיק אַ געוויסע נאָענטקייט, און דידאָזיקע נאָענטקייט האָט אין זיך נישט גאָרנישט אַזוינס, פאַרוואָס מען זאָל זי קאָנען פאַראורטיילן, און בלויז אַ נאַרישער, אייפערזיכטיקער מאַן קאָן אין דעם זעען עפּעס אומגעווונטשנס. פונדעס-

וועגן ווייסן אַלע, אַז דווקא פון די-אָ באַשעפּטיקונגען גופא, דערהויפּט דורך מוזיק, קומט אַרויס דער גרעסטער טייל ניאופים אין אונזער געזעלשאַפט. איך האָב זיי אַפּנים צעטומלט מיט דער צעטומלטקייט, וואָס איז געווען אויסגעדריקט אין מיר. איך האָב לאַנג גאָרנישט געקאָנט זאָגן, איך בין געווען ווי אַן אומגעקערט פלעשל, פון וועלכן דאָס וואַסער גייט נישט אַרויס, מחמת עס איז צופיל. איך האָב געוואָלט זידלען, אַרויסטרייבן אים, אָבער איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף ווידעראַמאָל זיין פריינטלעך און צערטלעך צו אים. און אַזוי האָב איך טאַקע געטון. איך האָב מיך געמאַכט, כלומרשט דאָס איז אַלץ גוט, און ווידעראַמאָל צוליב יענעם משונהדיקן געפיל, וואָס האָט מיך געצוויט דאָס ערשטע מאָל צו באַגיין זיך מיט אים אַלץ צערטלעכער, וואָס פיינלעכער מיר איז געווען זיין אָנוועזנהייט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פאַרלאָז מיך אויף זיין געשמאַק, און אַז איר ראַט איך דאָס זעלבע. ער איז פאַרבליבן זיצן נאָך אַזוי פיל, וויפיל דאָס איז נייטיק געווען, כדי צו פאַרגלעטן דעם אומאָנגענעמען איינדרוק, ווען איך בין פלוצלינג מיט אַ דערשראָקן פּנים אַריין אין צימער און אַנטשוויגן געוואָרן, — און ער איז אַוועקגעפאָרן, כלומרשט איצט האָט ער שוין באַשלאָסן, וואָס צו שפּילן מאָרגן. איך אָבער בין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס האָט זיי אינטערעסירט, איז די פראַגע וואָס צו שפּילן פאַר זיי געווען אינגאַנצן אַלצייינס.

איך האָב מיט באַזונדערער העפלעכקייט באַגלייט אים ביזן פאָדערהויז (ווי זאָל מען נישט באַגלייטן אַ מענטש, וועלכער איז געקומען צו פאָרן, כדי צו שטערן די רו און דאָס גליק פון אַ גאַנצער משפּחה!). איך האָב מיט באַזונדערער צערטלעכקייט געדריקט זיין ווייסע ווייכע האַנט.

XXII.

דעמדאָזיקן גאַנצן טאָג האָב איך מיט איר נישט גערעדט, נישט געקאָנט. איר נאָענטקייט האָט אין מיר אַרויסגערופן אַזאַ שנאה צו איר, אַז איך האָב מורא געהאַט פאַר זיך. צו מיטאָג האָט זי מיך פאַר די קינדער געפרעגט, ווען פאָר איך. איך האָב געדאַרפט די צווייטע וואָך פאָרן אויף אַ צוזאַמענפאָר אין אויעז. איך האָב געזאָגט, ווען. זי האָט געפרעגט, צי דאַרף איך נישט עפּעס אין וועג אַריין. איך האָב גאָר-נישט געזאָגט, און בין שווייגנדיק אָפּגעזעסן באַם מיטאָג, און אויך שווייגנ-דיק אַוועק אין קאַבינעט. די לעצטע צייט איז זי קיינמאָל צו מיר אין צימער נישט געקומען, דערהויפּט נאָכמיטאָגצייט. איך ליג אין קאַבינעט און כעס מיך. פּלוצלינג — אַ באַקאַנטער גאַנג. און אין קאָפּ קומט מיר אַריין אַ רעיון אַ שרעקלעכער און אַ מיאוסער, וועגן דעם, אַז זי האָט געוואָלט, ווי אוריהס ווייב, פאַרבאָרגן די באַגאַנגענע שוין זינד, און דעריבער גייט זי צו מיר אין אַזאַ נישט געוויינלעכע צייט. „צי דען גייט זי צו מיר?‟ — האָב איך געטראַכט, הערנדיק אירע טריט, וואָס דער-נעענטערן זיך. אויב צו מיר, בין איך, הייסט עס, גערעכט. און אין דער נשמה הייבט זיך אויף אַן אומאויסדריקלעכע שנאה צו איר. נענטער, נענטער די טריט; צי דען וועט זי נישט גיין פאַרביי, אין זאַל אַריין? ניין, די טיר האָט געטון אַ סקריפּע, און אין טיר — איר הויכע, שיינע פיגור, און אין פּנים, אין די אויגן — שרעקעוודיקייט, אונטערלעקעדי-קייט, וועלכע זי וויל באַהאַלטן, נאָר וועלכע איך זע, און פון וועלכע די באַדייטונג איך ווייס. איך האָב מיך שיער נישט דערשטיקט, אַזוי לאַנג האָב איך פאַרהאַלטן דעם אָטעם, און קוקנדיק אויף איר ווייטער האָב איך מיך געכאַפּט פאַר דער פּאַפּיראָסן-פּושקע און גענומען פאַר-רייכערן.

— נו, וואָס איז עס פאַר אַ שטאַט, מען קומט צו דיר זיצן אַ ביסל, נעמסטו זיך גאָר רייכערן, — און זי האָט זיך געזעצט נאָענט לעבן מיר אויפן דיוואַן און אָנגעשפּאַרט זיך אָן מיר.

איך האָב מיך אָפּגערוקט, כדי נישט צוצורירן זיך צו איר.

— איך זע, אַז דו ביסט נישט צופרידן, וואָס איך וויל זונטיק שפּילן? — האָט זי געזאָגט.

— איך בין גאָרנישט נישט צופרידן, — האָב איך געזאָגט.

— איך זע דען נישט?

— מילא, מזל טוב דיר, וואָס דו זעסט. איך אָבער זע גאָרנישט אויסער דעם, וואָס דו פירסט זיך אויף ווי אַ קאָקעטקע... נאָר פאַר דיר איז יעדער שענדלעכקייט אָנגענעם, און פאַר מיר — שרעקלעך!

— יאָ, אויב דו ווילסט זיך זידלען ווי אַ באַלעגאָלע, וועל איך אוועקגיין.

— גיי, זאָלסט אָבער וויסן, אַז אויב דיר איז נישט טייער דער כבוד פון דער משפּחה, איז נישט דו ביסט מיר טייער (כאַפּט דיך דער טייוול), נאָר דער כבוד פון דער משפּחה.

— וואָס איז? וואָס?

— גיי, אומגאָטעס ווילן, גיי אוועק?

צי זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי פאַרשטייט נישט וועגן וואָס, אָדער זי האָט ווירקלעך נישט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט זיך באַליידיקט, איז אין כּעס געוואָרן און נישט אַוועקגעגאַנגען, נאָר געבליבן שטיין אינמיטן צימער.

— דו ביסט געוואָרן לחלוטין אוממעגלעך, — האָט זי אָנגעהויבן. — דאָס איז אַזאַ כאַראַקטער, וואָס אַ מלאך וואָלט זיך מיט אים נישט געקאָנט צוזאַמענלעבן. — און ווי אַלע מאָל סטאַרענדיק זיך מיר אַריינלאָזן דעם גיפט וואָס ווייטיקדיקער, האָט זי מיר דערמאַנט די מעשה מיט דער שוועסטער (ס'איז געווען אַ צופאַל מיט דער שוועסטער, ווען איך בין אַרויס פון זיך און האָב מיין שוועסטער געזאָגט גראָבע רייד; זי האָט געוווסט, אַז דאָס פּייניקט מיך, און אין דעם אָרט האָט זי מיך געשטאָכן).

— נאָך דעם קאָן מיך שוין גאָרנישט פאַרוווּנדערן פון דיין זייט, — האָט זי געזאָגט.

„יאָ, באַליידיקן, דערנידעריקן, שענדן און נאָכדעם מאַכן מיך גופא פאַר דעם שולדיקן”, האָב איך זיך געזאָגט, און פּלוצלינג האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ שרעקלעכער צאָרן צו איר, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוינעם נישט געפילט.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך מיר פאַרוואָלט פיזיש אויסדריקן דעם־דאָזיקן צאָרן. איך בין אויפגעשפּרונגען און האָב מיך אַ לאָז געטון צו

איר; אָבער אין דער זעלבער רגע, וואָס איך בין אויפגעשפרונגען, געדענק איך, אַז איך האָב געהאַט דעם באַוווסטזיין פון מיין צאָרן און האָב זיך געפרעגט: צי איז עס גוט, אָפּצוגעבן זיך דעמדאָזיקן געפיל? און האָב זיך גלייך געענטפערט, אַז דאָס איז נישט גוט, אַז דאָס וועט זי אָנשרעקן, און תיכף ומיד אָנשטאָט אָוועקצושטעלן זיך אַקעגן דעמדאָזיקן צאָרן, האָב איך גענומען נאָך מער צערייצן אים אין זיך און פרייען זיך דערמיט, וואָס ער צעפלאַקערט זיך אין מיר אַלץ מערער און מערער.

— אַוועק פונדאַנען, אָדער איך וועל דיך טויטן! — האָב איך אָנגעהויבן שרייען, צוגייענדיק צו איר און כאַפּנדיק זי פאַר דער האַנט. איך האָב באַוווסטזיניק פאַרשטאַרקט די אינטאָנאַציע פון בייזקייט אין מיין קול, רעדנדיק עס. און איך בין אַפּנים געווען שרעקלעך, מחמת זי איז אַזוי דערשראָקן געוואָרן, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין כוח אַוועקצוגיין, און האָט נאָר געזאָגט: „וואַסיע, וואָס איז, וואָס איז מיט דיר?"

— גיי אַוועק! — האָב איך נאָך העכער גענומען רעווען, — נאָר דו קאָנסט מיך דערפירן צו משוגעת! איך קאַוויר נישט פאַר זיך!

לאָזנדיק פריי מיין צאָרן, האָב איך מיך געלאָזט פאַרשיכורן פון אים, און מיר האָט זיך געוואָלט נאָך טון עפּעס אומגעוויינלעכס, וואָס זאָל באַווייזן דעם העכסטן גראַד פון מיין משוגענעם כעס. מיר האָט זיך שרעקלעך געוואָלט שלאָגן, טויטן זי. נאָר איך האָב געוווסט, אַז דאָס טאָר מען נישט, און דעריבער, כדי פאָרט אַרויסצולאָזן מיין כעס, האָב איך געכאַפּט פון טיש אַ פּרעס-פּאַפּיע, נאָך אַמאָל אויסשרייענדיק: אַוועק, און אַ שליידער געטון אים אָן דער ערד פאַרביי איר. איך האָב זייער גוט געצילט פאַרביי. דעמאָלט איז זי אַוועק פון צימער, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טיר. און דאָ גופא, בעת זי האָט נאָך געזעען (איך האָב עס אַלץ געטון, כדי זי זאָל זעען), האָב איך אָנגעהויבן כאַפּן פון טיש זאַכן, אַ לייכטער, אַ טינטער, און וואַרפן זיי אָן דער ערד, ווייטער שרייענדיק: „אַוועק! אַרויס! איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך!" זי איז אַוועק — און איך האָב תיכף אויפגעהערט.

אין אַ שעה אַרום איז צו מיר געקומען די ניאַניע און געזאָגט, אַז בא דעם ווייב איז היסטעריק. איך בין געקומען; זי האָט געיאָמערט, געלאַכט, גאָרנישט געקאָנט רעדן און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. זי האָט זיך נישט געמאַכט, נאָר זי איז געווען באמת קראַנק.

צו אָוונט צו האָט זי זיך באַרויקט, און מיר האָבן שלום געמאַכט אונטער דער ווירקונג פון דעם געפיל, וועלכן מיר האָבן גערופן ליבע.

אינדערפרי, ווען איך האָב מיך נאָכן שלום פאַר איר מודה געווען, אַז איך בין געווען אייפערזיכטיק צו טרוכאַטשעווסקין, איז זי כּלל נישט צעטומלט געוואָרן און אויפן נאַטירלעכסטן אופן גענומען לאַכן. אַזוי משונה אפילו איז איר אויסגעקומען, אַזוי האָט זי געזאָגט, די מעגלעכ־קייט נתפּעל צו ווערן פון אַזאַ מענטש.

— צו אַזאַ מענטש איז אפנים מעגלעך אין אַן אָנשטענדיקער פרוי־עפעס אַנדערש אויסער דעם פאַרגעניגן, וואָס די מוזיק גיט? און אויב דו ווילסט, בין איך גרייט קיינמאָל אים נישט צו זעען. אפילו זונטיק, הגם אַלע זענען שוין איינגעלאַדן, קאָן איך אים אָגשרייבן, אַז איך בין נישט געזונט, און אַ סוף. איינס נאָר איז עקלהאַפט, וואָס עמעצער קאָן אַ טראַכט טון, דער עיקר ער אַליין, אַז ער איז געפערלעך. און איך בין צו שטאָלץ, אַז איך זאָל עס דערלויבן צו טראַכטן.

און זי האָט דאָך נישט געזאָגט קיין ליגט. זי האָט געגלייבט אין דעם, וואָס זי האָט גערעדט. זי האָט געהאָפט מיט דידאָזיקע ווערטער אַרויסצורופן אין זיך פאַראַכטונג צו אים און מיט זיי באַשיצן זיך פון אים, אָבער דאָס איז איר נישט געלונגען. אַלץ איז געווען געצילט אַנט־קעגן איר, און דער עיקר דידאָזיקע פאַרפלוכטע מוזיק. און אַזוי האָט זיך טאַקע אַלץ געענדיקט, און זונטיק האָבן זיך צונויפגעקליבן געסט, און זיי האָבן ווידער געשפּילט.

## XXIII.

— איך מיין, אַז ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך בין געווען זייער ערגייציק. מען זאָל נישט זיין ערגייציק אין אונזער געוויינלעכן לעבן, איז דאָך נישטאָ מיט וואָס צו לעבן. בכן, האָב איך מיך זונטיק גענומען מיט געשמאַק פאַר די הכנות צום מיטאָג און צום מוזיקאַלישן אָוונט. איך האָב אַליין אָנגעקויפט פאַרשידענע זאַכן צום מיטאָג און איינגעלאַדן די געסט.

צו זעקס דעם זייגער האָבן זיך די געסט צונויפגעקליבן, און אויך ער איז געקומען אין אַ פראַק מיט בריליאַנטענע שפּינקעס פון שלעכטן טאָן. ער האָט זיך געהאַלטן אומגעצוווּנגען, האָט אויף אַלץ געענטפערט

איילנדיק, מיט אַ שמייכעלע פֿון מסכּים זיין און פֿאַרשטיין; ווייסט איר, מיט יענעם באַזונדערן אויסדרוק, אַז אַלץ, וואָס איר וועט טון און זאָגן, איז פּונקט דאָס, וואָס ער האָט דערויף געוואַרט. אַלץ, וואָס אין אים איז געווען אומאָנשטענדיקס, האָב איך עס אַלץ איצט באַמערקט מיט באַזונדער פֿאַרגעניגן, מחמת דאָס אַלץ האָט מיך געזאָלט באַרויִקן און באַווייזן, אַז פֿאַר מיין ווייב שטייט ער אויף אַזאַ נידעריקער מדרגה, צו וועלכער זי האָט, לויט אירע רייד, נישט געקאָנט זיך דערנידעריקן. איך האָב מיר איצט נישט דערלויבט צו זיין אייפֿערזיכטיק. ערשטנס, האָב איך מיך שוין אויסגעפּייניקט מיט דערדאָזיקער פּיין און איך האָב געדאַרפֿט אָפּרוען-צווייטנס, האָב איך געוואָלט גלייבן אין די פֿאַרזיכערונגען פֿון דעם ווייב, און איך האָב געגלייבט אין זיי. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין נישט געווען אייפֿערזיכטיק, בין איך געווען נישט נאַטירלעך מיט אים און מיט איר. און בשעת דעם מיטאָג, און דער ערשטער העלפֿט אָוונט, איידער די מוזיק האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך נאָך אַלץ אַכטונג געגעבן אויף זייערע ביידנס באַוועגונגען און בליקן.

דאָס מיטאָג איז געווען ווי אַ מיטאָג, אַ לאַנגווייליקס, אַ געמאַכטס. גאַנץ פֿרי האָט זיך אָנגעהויבן די מוזיק. אַך, ווי גוט איך געדענק אַלע פּרטים פֿון דעמדאָזיקן אָוונט. איך געדענק, ווי ער האָט געבראַכט די פֿידל, האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס קעסטל, אַראָפּגענומען דאָס שיידל, וואָס אַ דאַמע האָט פֿאַר אים אויסגענייט, אַרויסגענומען און אָנגעהויבן אָנשטעלן. איך געדענק, ווי דאָס ווייב האָט זיך געזעצט מיט אַ געמאַכט-גלייכגילטיקן אויסזען, אונטער וועלכן איך האָב געזען, אַז זי האָט באַהאַלטן אַ גרויסע אומזיכערקייט — אומזיכערקייט דער עיקר פֿאַר איר קענשאַפֿט — מיט אַ געמאַכטער מינע האָט זי זיך געזעצט באַם ראָיאַל און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געוויינלעכע la אויף דעם פֿאָרטעפּיאַן, פּיטשיקאַטאַ אויפֿן פֿידל, איינשטעלן די נאָטן. איך געדענק נאָכדעם, ווי זיי האָבן אַ קוק געטון איינער אויפֿן אַנדערן, האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף די, וואָס האָבן זיך איינגעזעצט אויף די ערטער, און נאָכדעם האָבן זיי עפּעס געזאָגט איינער דעם אַנדערן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט גענומען די ערשטע אַקאָרדן. בּאַ אים איז געוואָרן אַן ערנסט, שטרענג, סימפּאַטיש פּנים, און צוהערנדיק זיך צו זיינע קלאַנגען, האָט ער מיט פֿאָרזיכטיקע פֿינגער אַ טשעפּע געטון די סטרונעס. דער ראָיאַל האָט אים געענטפֿערט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן...

פּאָזדנישעוו האָט זיך אָפּגעשטעלט און עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אַרויסגעלאָזט זיינע קלאַנגען. ער האָט געוואָלט אָנהייבן רעדן, נאָר גע־נומען סאָפּען מיט דער נאָז און זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

זיי האָבן געשפּילט די קרייצער־סאָנאַטע פון בעטהאָווען, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — איר ווייסט די ערשטע פּרעסטאָ? איר ווייסט?! — האָט ער אויסגעשריגן — או! או־ו־ו!... אַ שרעקלעכע זאַך איז די דאָזיקע סאָנאַטע. און דווקא די טייל. און בכלל איז מוזיק אַ שרעקלעכע זאַך! וואָס איז דאָס אַזוינס? איך פאַרשטיי נישט. וואָס איז אַזוינס מוזיק? וואָס טוט זי? און צוליב וואָס טוט זי דאָס, וואָס זי טוט? מען זאָגט, מוזיק ווירקט אויף אַ דערהויבנדיקן אופן. נאַרישקייט! נישט אמת. זי ווירקט, ווירקט שרעקלעך, איך רעד וועגן זיך, אָבער כּלל נישט דערהייבנדיק די נשמה. זי ווירקט נישט דערהייבנדיק, נישט דערנידערנדיק די נשמה, נאָר צערייצנדיק די נשמה. ווי זאָל מען עס אייך זאָגן? מוזיק מאַכט מיך פאַרגעסן אָן זיך, אָן מיין אמתע לאַגע; זי טראָגט מיך אַריבער אין עפּעס אַן אַנדערער, נישט מיין אייגענער לאַגע, מיר דאַכט זיך אונטער דעם איינדרוק פון מוזיק, אַז איך פיל דאָס, וואָס איך פיל אייגנטלעך נישט, אַז איך פאַרשטיי דאָס, וואָס איך פאַרשטיי נישט, אַז איך קען דאָס, וואָס איך קען נישט. איך דערקלער עס דערמיט, וואָס מוזיק ווירקט ווי געהעצן, ווי לאַכן; מיר ווילט זיך נישט שלאָפן, נאָר איך גענעץ, קוקנדיק אויף געהעצנדיקע; נישטאָ וואָס צולאַכן, אָבער איך לאַך, הערנדיק, ווי מען לאַכט.

זי, די מוזיק, טראָגט מיך גלייך, אוממיטלבאַר אַריבער אין יענעם געמיטס־צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער, וואָס האָט גע־שריבן די מוזיק. איך גיס מיך מיט אים צונויף מיט דער נשמה, און צוזאַמען מיט אים טראָג איך מיך אַריבער פון איין צושטאַנד אין אַ צווייטן. אָבער צוליב וואָס טו איך עס? איך ווייס נישט. וואָרים דער, וואָס האָט געשריבן — זאָל זיין די קרייצער־סאָנאַטע, — בעטהאָווען, ער האָט דאָך געוווּסט, פאַרוואָס ער האָט זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, — דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אים געבראַכט צו געוויסע מעשים, און דערי־בער האָט דער דאָזיקער צושטאַנד פאַר אים געהאַט אַ זינען, — פאַר מיר אָבער — קיין שום זינען נישט. און דעריבער צערייצט מוזיק נאָר, פאַרענדיקט נישט. מילא, מען שפּילט אויס אַ קריגערישן מאַרש, סאָלדאַטן גייען אַדורך אונטער דעם מאַרש, איז די מוזיק דערגאַנגען. מען האָט אויסגעשפּילט אַ טאַנץ, איך האָב מיך דורכ־געטאַנצט, איז די מוזיק דערגאַנגען. נו, מען האָט אָפּגעזונגען אַ מעסע,

איך האָב די הייליקע סעודה אויפגענומען, איז אויך די מוזיק דערגאַנגען. אָבער אַזוי איז נאָר די צערייצונג פאַראַן, און דאָס, וואָס מען דאַרף טון, איז נישטאָ. און דעריבער ווירקט מוזיק אַזוי שרעקלעך, אַזוי אימה-דיק אָפּטמאָל. אין כינע איז די מוזיק אַן ענין פון דער מלוכה. צי דען קאָן מען דערלאָזן, אַז יעדער, ווער עס וויל, זאָל היפּנאָטיזירן איינער דעם אַנדערן, אָדער אַ כּלל, און דערנאָך טון מיט זיי, וואָס ער וויל! און דער עיקר, אַז דערדאָזיקער היפּנאָטיזאַטאָר זאָל זיין דער ערשטער בעס-טער אוממאָראַלישער מענטש?

און יענץ שרעקלעכע מיטל איז צו וועמען אין די הענט אַריינ-געפאַלן? למשל, לאָמיר נעמען כאָטש דידאָזיקע קרייצער-סאָנאַטע, די ערשטע פּרעסטאָ — צי דען קאָן מען שפּילן אין אַ זאַל פאַר געסט, צווישן דעקאָלטירטע דאַמען דידאָזיקע פּרעסטאָ! אויפשפּילן און נאָכדעם אַפּלאָדירן אַ ביסל, און נאָכדעם עסן געפרורנס, און רעדן וועגן די לעצטע רכילות? אַזעלכע זאַכן טאָר מען שפּילן נאָר בײַ געוויסע, וויכ-טיקע, באַדייטנדיקע אומשטענדן, און דעמאָלט, ווען עס פאָדערט זיך צו טון געוויסע, דערדאָזיקער מוזיק אַנטשפּרעכנדיקע — מעשים. שפּילן און טון דאָס, צו וואָס עס האָט בײַ אונז דידאָזיקע מוזיק אַרויסגערופן אַ שטימונג. און ס'דאָזיקע סיי פאַרן אָרט, סיי פאַר דער צייט אומפּאַסיקע אַרויסרופן ענערגיע, געפיל, וואָס פאַרקערפּערן זיך אין גאָרנישט, מוז ווירקן פאַרדערבלעך. אויף מיר לפּחות האָט דידאָזיקע זאַך געווירקט שרעקלעך. פאַר מיר האָבן זיך גלייך ווי אַנטדעקט נייע, האָט זיך מיר געדאַכט, מעגלעכקייטן וועגן וועלכע איך האָב ביז איצט נישט געוווסט. און אָט ווי אַזוי: לגמרי גאָרנישט אַזוי, ווי איך האָב פריער געטראַכט און געלעבט, נאָר אַזוי, אַזוי ווי עס וואָלט זיך גערעדט צו מיר אין דער נשמה. וואָס איז אַזוינס געווען יענץ נייעס, וואָס איך האָב מיך דערוווּסט, האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין דין וחשבון, נאָר דאָס באַ-ווּסטזיין פון דעמדאָזיקן נייעם צושטאַנד איז געווען זייער אַ פריידיקער. די זעלביקע אַלע פּערזאָנען, דערונטער אויך מיין ווייב און ער, האָבן זיך מיר פאָרגעשטעלט אין אַ נייער שיין.

נאָך דערדאָזיקער אַלעגראָ האָבן זיי דערשפּילט ביזן סוף דאָס גרויסאַרטיקע, נאָר געוויינלעכע, נישט נייע andante מיט וווּלגאַרע וואַריאַציעס און דעם גאָר שוואַכן פינאַל. נאָכדעם האָט מען נאָך געשפּילט לויט דעם פאַרלאַנג פון די געסט, איינמאָל ערנסטס עלעגיע, נאָכדעם פאַרשידענע קליינוקייטן. דאָס איז אַלץ געווען גוט, אָבער דאָס אַלץ

האָט אויף מיר נישט געמאַכט קיין 0,01 פון יענעם איינדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט דאָס ערשטע. דאָס איז אַלץ שוין פאָרגעקומען אויף דעם פּאָן פון דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט דאָס ערשטע.

מיר איז געווען לייכט, פרייליך דעם גאַנצן אָוונט. דאָס ווייב האָב איך קיינמאָל נישט געזעען אַזאַ, ווי זי איז געווען דעם אָוונט. דידאָזיקע גלאַנציקע אויגן, דידאָזיקע שטרענגקייט, באַדייטנדיקייט פון דעם אויסדרוק בשעת זי האָט געשפּילט, און דידאָזיקע פולקאָמע צעשמאָלצנקייט נאָך דעם, ווי זיי האָבן געענדיקט. איך האָב עס אַלץ געזעען, איך האָב עס אָבער אַנדערש נישט אויסגעטייטשט ווי דאָס, אַז זי האָט אויך איבערגעלעבט דאָסזעלביקע, וואָס איך, אַז אויך פאַר איר, ווי פאַר מיר, האָבן זיך אַנטפּלעקט, גלייך ווי געקומען אויפן זכרון נייע, נאָך נישט געשפּירטע געפילן. דער אָוונט האָט זיך געענדיקט בשלום און אַלע זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן.

ווייסנדיק, אַז איך דאַרף אין צוויי טעג אַרום פאָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר, האָט טרוכאַטשעווסקי, געזעגנענדיק זיך, געזאָגט, אַז ער האָפט, ווען ער וועט דאָס צווייטע מאָל קומען, איבערחזרן נאָכאַמאָל דאָס פאַרגעניגן פון דעם היינטיקן אָוונט. דערפון האָב איך געמאַכט דעם אויספיר, אַז ער האַלט פאַר נישט מעגלעך צו זיין בײַ מיר אין שטוב, ווען איך בין נישטאָ, און דאָס איז מיר געווען אָנגענעם.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז, היות ווי איך וועל מיך נישט אומקערן ביז זיין אָפּפאָרן, על כן וועלן מיר זיך מיט אים שוין מער נישט זען.

איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל מיט אמתן פאַרגעניגן געדריקט די האַנט און געדאַנקט אים פאַר דעם פאַרגעניגן. ער האָט זיך שוין אויך אינגאַנצן אָפּגעזעגנט מיטן ווייב. און זייער זעגנען זיך האָט מיר אויסגעוויזן אינגאַנצן נאַטירלעך און אַנשטענדיק. ס'איז אַלץ געווען אויסגעצייכנט. איך און דאָס ווייב זענען געבליבן צופרידן פון דעם אָוונט.

# X IV.

אין צוויי טעג אַרום בין איך אוועקגעפאָרן אין אויעזד, אין דער בעסטער רויקער שטימונג, געזעגענענדיק זיך מיט דעם ווייב. אין אויעזד איז אַלע מאָל געווען אַ תהום מיט אַרבעט און גאָר אַ באַזונדער לעבן, אַ באַזונדער וועלטל. צוויי טעג האָב איך צו צען שעה פאַרבראַכט אויף דער זיצונג. אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיר צו דער זיצונג געבראַכט אַ בריוו פון דעם ווייב. איך האָב גלייך אויפן אָרט איבערגעלייענט.

זי האָט געשריבן וועגן די קינדער, וועגן דער ניאַנקע, וועגן איינ-קויפענישן און אַגב אורחא, ווי וועגן אַ סאַמע געוויינלעכע זאַך, וועגן דעם, אַז טרוכאַטשעווסקי איז געווען, האָט געבראַכט די צוגעזאָגטע נאָטן און האָט צוגעזאָגט נאָך צו שפּילן, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט.

איך האָב נישט געדענקט, אַז ער האָט צוגעזאָגט ברענגען נאָטן; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך דעמאָלט אינגאַנצן אָפּגעזעגנט, און דערי'בער האָט עס מיך אומאָנגענעם פאַרוואונדערט. עס זענען אָבער פאַראַן אַזוי פיל עסקים, אַז ס'איז קיין צייט נישט געווען אַ טראַכט צו טון, און איך האָב ערשט אינאָוונט, ווען איך האָב מיך אומגעקערט אַהיים, נאָכ-אַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו. חוץ דעם, וואָס טרוכאַטשעווסקי איז אָן מיר געווען נאָכאַמאָל, האָט מיר דער גאַנצער טאָן פונם בריוו אויס-געוויזן נישט קיין אויפריכטיקער. די משוגענע חיה פון אייפערזוכט האָט אָנגעהויבן צו ברומען אין איר נאָרע און געוואָלט אַרויסשפּרינגען, אָבער איך האָב מורא געהאַט פאַר דערדאָזיקער חיה, און האָב זי גיכער פאַר-שפּאַרט. „סאַראַ מיאוס געפיל ס'איז די אייפערזוכט!" — האָב איך זיך געזאָגט. „וואָס קאָן זיין נאַטירלעכער, ווי דאָס, וואָס זי שרייבט?"

און איך האָב מיך געלייגט אין בעט און גענומען טראַכטן וועגן זאַכן, וואָס שטייען פאַר אויף מאָרגן. איך פלעג אַלע מאָל לאַנג נישט קאָנען אַנטשלאָפן ווערן בשעת די צוזאַמענפאָרן, אויף אַ ניי אָרט, אָבער דעמאָלט בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן זייער גיך. און ווי ס'טרעפט, ווייסט איר, פּלוצלינג אַן עלעקטרישער שטויס — און מען כאַפּט זיך אויף. אַזוי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, און אויפגעכאַפּט זיך מיט דעם

געדאַנק וועגן איר, וועגן מיין קערפּערלעכע ליבע צו איר, און וועגן
טרוכאַטשעווסקין, און וועגן דעם, אַז צווישן איר און אים איז אַלץ גע-
ענדיקט. אַן אימה און אַ צאַרן האָבן מיר צונויפגעדריקט דאָס האַרץ.
אָבער איך האָב גענומען זיך אַליין ברענגען צום פאַרשטאַנד. „סאַראַ
נאַרישקייט, — האָב איך מיר געזאָגט, — נישטאָ קיין יסוד, ס'איז גאָר-
ניש ט נישטאָ און נישט געווען. און ווי קאָן איך דערנידעריקן זי און
זיך, דערלאָזנדיק דעם רעיון וועגן אַזעלכע שרעקן. עפּעס אַ מין אָנגע-
דונגענער פידלער, וואָס איז באַקאַנט פאַר אַ נישטיקן מענטש, און פּלוצ-
לינג אַ פרוי אַ בכבודיקע, אַ געאַכטע מוטער פון אַ משפּחה, מ י י ן
ווייב! סאַר אַן אומזין!“ — האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט פון איין זייט.
„ווי זשע זאָל עס נישט זיין?“ — האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט פון דער
צווייטער. ווי זשע זאָל עס נישט זיין, דאָסדאָזיקע איינפאַכע און פאַר-
שטענדלעכע, וואָס צוליב דעם האָב איך מיט איר געלעבט, וואָס דאָס
אַליין נאָר האָב איך געדאַרפט, און וואָס דערפאַר האָבן עס געדאַרפט
אַלע, דערדאָזיקער מוזיקאַנט. ער איז אַ מענטש נישט קיין באַווייבטער,
אַ געזונטער (איך געדענק, ווי ער האָט געקנאַקט מיט דער כראָמסקע
אין קאָטלעט און האָט דורשטיק ארומגעכאַפּט דאָס גלאָז וויין מיט די
רויטע ליפּן), אַ זאַטער, אַ גלאַטער, און נישט נאָר אָן פּרינציפּן, נאָר,
ווי ס'שיינט, מיט פּרינציפּן וועגן דעם, ווי אַזוי אויסצונוצן די פאַרגעניגנס,
וואָס קומען צו דער האַנט. און צווישן זיי איז פאַראַן די פאַרבינדונג דורך
מוזיק, די סאַמע דינסטע תאווה פון די געפילן. וואָס-זשע קאָן זי אָפּ-
האַלטן? גאָרנ־שט. אדרבא, אַלץ ציט זי צו. זי? ווער איז זי אַזוינע?
זי איז אַ סוד, ווי געווען, אַזוי איצט. איך קען זי נישט. איך קען זי
נאָר אַלס חיה, און אַ חיה קאָן גאָרנישט, דאַרף גאָרנישט אָפּ-
האַלטן.

ערשט איצט האָב איך מיך דערמאַנט זייערע פּנימער אין יענעם
אָוונט, ווען זיי האָבן נאָך דער קרייצער-סאָנאַטע געשפּילט עפּעס אַ ליידנ-
שאַפטלעכע זאַך, איך געדענק נישט וועמענס, עפּעס ביז ניבול-פּה אַ זינ-
לעכע פּיעסע. „ווי האָב איך געקאָנט אָוועקפאָרן? — האָב איך זיך גע-
זאָגט, דערמאַנענדיק זיך זייערע פּנימער. צי איז דען נישט קלאָר געווען,
אַז צווישן זיי איז אַלץ פאָרגעקומען אין דעמדאָזיקן אָוונט? און צי דען
איז נישט קענטיק געווען, אַז אין דעם אָוונט איז שוין צווישן זיי נישט
געווען קיין מחיצה, נאָר אַז זיי ביידע, דער עיקר זי, האָבן זיך עטוואָס

געשעמט נאָך דעם, וואָס עס איז געשען מיט זיי? איך געדענק, ווי זי האָט שוואַך, נעבעכדיק און גליקלעך געשמייכלט, ווישנדיק דעם שווייס פון דעם פאַררויטלטן פּנים, ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דעם פּאָרטעפּיאַן. זיי האָבן שוין דעמאָלט אויסגעמיידט צו קוקן איינער אויפן צווייטן, און נאָר צו וועטשערע, ווען ער האָט איר אָנגעגאָסן וואַסער, האָבן זיי אַ קוק געטון איינער אויפן צווייטן און קוים אַ שמייכל געטון". איך האָב מיט אימה איצט זיך דערמאָנט אָן דעמדאָזיקן דורך מיר איבערגעכאַפּטן בליק מיט דעם קוים באַמערקטן שמייכל... „יאָ, ס'איז אַלץ געענדיקט", האָט מיר געזאָגט איין שטימע. מיר איז געוואָרן נישט היימלעך צו ליגן אין דער פינצטער, איך האָב אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און ס'איז מיר געוואָרן עפּעס שרעקלעך אין דעמדאָזיקן קליינעם צימערל מיט די געלע טאַפּעטן. איך האָב פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, און ווי עס טרעפט אַלע מאָל, ווען מען דרייט זיך אין דעמזעלביקן קרייז פון סתירות, וואָס לאָזן זיך נישט לייזן, — האָב איך גערייכערט, און איך האָב גערייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, כּדי צו פאַרנעפּלען זיך און נישט זען די סתירות.

איך בין נישט אַנטשלאָפן געוואָרן די גאַנצע נאַכט. און פינף דעם זייגער באַשלאָסן, אַז איך קאָן מער נישט בלייבן אין דערדאָזיקער אָנגעשטרענגטקייט און וועל תּיכּף אַוועקגעפאָרן, בין איך אויפגעשטאַנען, אויפגעוועקט דעם שומר. וועלכער האָט מיך באַדינט, און האָב אים אַוועקגעשיקט נאָך פערד. אויפן צוזאַמענפאָר האָב איך אַוועקגעשיקט אַ צעטל וועגן דעם, אַז מען האָט מיך צוליב אַן עקסטרע ענין אַרויסגערופן קיין מאָסקווע; נאָכדעם בעט איך, אַז אַ מיטגליד זאָל מיך פאַרבייטן. אַכט דעם זייגער האָב איך מיך אַריינגעזעצט אין וואָגן און בין אַוועקגעפאָרן.

# XXV.

עס איז אַריין דער קאָנדוקטאָר און באַמערקט, אַז אונזער ליכט האָט אויסגעברענט, האָט ער עס פאַרלאָשן, נישט אָנצינדנדיק קיין נייס. אינדרויסן האָט גענומען ליכטיק ווערן. פּאָזדנישעוו האָט געשוויגן, שווער זיפצנדיק די גאַנצע צייט, וואָס אין וואַגאָן איז געווען אַ קאָנדוקטאָר. ער האָט פאָרגעזעצט זיין דערציילונג ערשט דעמאָלט, ווען דער קאָנדוקטאָר איז אַרויס, און אין דעם האַלב-פינצטערן וואַגאָן האָט זיך געהערט נאָר דאָס טראַסקען פון די שויבן פון דעם לויפנדיקן וואַגאָן און דאָס גלייכמעסיקע כראָפּען פון דעם קלייט-משרת. אין דער האַלבליכטיקייט פונם באַגינען האָב איך שוין גאָר פּאָזדנישעוון נישט געזען. עס האָט זיך נאָר געהערט זיין אַלץ מער און מער אויפגערעגטע און ליידנדיקע שטים.

— פאָרן האָט מען געדאַרפט 35 וויאָרסט אויף פערד און אַכט שעה אויף דער אייזנבאַן. אויף פערד איז געווען גרויסאַרטיק צו פאָרן. ס'איז געווען אַ האַרבסטיקע פראָסטיקע צייט מיט אַ העלער זון. איר ווייסט, — די צייט, ווען די שינעס דריקן זיך אויס אויף דעם פאַרפעצטן וועג. די וועגן זענען גלאַטע, די שיין אַ העלע און די לופט אַ מונטערנדיקע. אין וואָגן איז געווען גוט צו פאָרן. ווען עס איז איז ליכטיק געוואָרן, און איך בין אָוועקגעפאָרן, איז מיר געוואָרן לייכטער. קוקנדיק אויף די פערד, אויף די פעלדער, אויף די אַנטקעגנקומענדיקע, האָב איך פאַרגעסן וווהין איך פאָר. אַמאָל פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז איך פאָר פשוט, און אַז דאָס אַלץ, וואָס עס האָט מיך אַרויסגערופן, איז גאָרנישט געווען. און מיר איז באַזונדער פריידיק געווען אַזוי צו פאַרגעסן זיך. אָבער ווען איך האָב מיך דערמאַנט, וווהין איך פאָר, האָב איך זיך געזאָגט: „מיר וועלן שפּעטער זען, דערווייל טראַכט נישט“. אינמיטן וועג האָט זיך נאָך אויסערדעם געטראָפן אַ געשעעניש, וואָס האָט מיך פאַרהאַלטן אין וועג און וואָס האָט מיך נאָך מער צעשטרייט: דער וואָגן האָט זיך צעבראָכן, און מען האָט אים געדאַרפט פאַרריכטן. דער בראָך האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג דערמיט, וואָס עס האָט געבראַכט דערצו, אַז איך בין געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע נישט פינף דעם זייגער, ווי איך האָב גערעכנט, נאָר צוועלף דעם זייגער, און אַהיים — איינס דעם זייגער, מחמת איך

האָב דעם שנעלצוג נישט געכאַפּט, און האָב שוין געמוזט פאָרן מיטן פּאַסאַזשיר-צוג. די נסיעה נאָך אַ וואָגן, דער רעמאָנט, דאָס פונאַנדערצאָלן זיך, טיי אין אַרייַנפאָר-הויז, די שמועסן מיטן הויף-שומר — דאָס אַלץ האָט מיך נאָך מער צעשטרייט. פאַרנאַכט איז אַלץ געווען פאַרטיק, און איך בין ווייטער אַוועקגעפאָרן, און בײַ דער נאַכט איז נאָך בעסער געווען צו פאָרן, איידער בײַטאָג. ס׳איז געווען אַ יונגע לבנה, אַ קליין פרעסטל, אַ גוטער וועג נאָך, אַ פריילעכער אָנטרייבער און איך בין געפאָרן און האָב הנאה געהאַט, איננאַנצן כמעט נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס מיך האָט דערוואַרט, אָדער דווקא דערפאַר האָב איך הנאה געהאַט, וואָס איך האָב געוווסט, וואָס מיך דערוואַרט, און איך האָב מיך געזעגנט מיט די פריידן פונם לעבן. אָבער דערדאָזיקער רויקער צושטאַנד מיינער, .די מעגלעכקייט צו דערדריקן מיין געפיל — האָט זיך געענדיקט מיט דעם פאָרן מיט פערד. ווי נאָר איך בין אַריין אין וואַגאָן, האָט זיך אָנגעהויבן גאָר עפּעס אַנדערש. דערדאָזיקער אַכט-שעהדיקער וועג אין וואַגאָן איז פאַר מיר געווען עפּעס שרעקלעכס, וואָס איך וועל מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. צי דערפאַר, וואָס זעצנדיק זיך אין וואַגאָן האָב איך מיך לעבעדיק פאָרגעשטעלט שוין אויפן אָרט, אָדער דערפאַר, וואָס די אייזנבאַן ווירקט אַזוי צערייצנדיק אויפן מענטש, אָבער זינט איך האָב מיך געזעצט אין וואַגאָן, האָב איך שוין נישט געקאָנט באַהערשן מיין דמיון, און ער האָט שוין אָן אויפהער מיט אומגעוויינלעכער קלאָרקייט אָנגעהויבן מאָלן פאַר מיר בילדער, וואָס האָבן צעהיצט מיין אייפערזוכט, איינס נאָכן צווייטן, און איינס ציינישער פאַרן צווייטן, און אַלץ וועגן דער זעלבער זאַך, וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען דאָרט אין מיר, ווי זי האָט מיך גענאַרט. איך בין פאַרברענט געוואָרן פון כעס, פון בייזקייט און פון עפּעס אַ באַזונדער געפיל פון באַרוישן זיך מיט מיין דערנידעריקונג, קוקנדיק אויף די בילדער, און האָב מיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיי; כ׳האָב נישט געקאָנט נישט קוקן אויף זיי, נישט געקאָנט אָפּמעקן זיי, נישט געקאָנט נישט אַרויסרופן זיי. דאָס איז נאָך קנאַפּ. וואָס מער איך האָב געקוקט אויף די דאָזיקע פון דמיון פאָרגעשטעלטע בילדער, אַלץ מער האָב איך געגלייבט אין זייער ווירקלעכקייט. די קלאָרקייט, מיט וועלכער די דאָזיקע בילדער האָבן זיך מיר פאָרגעשטעלט, האָט גלייך ווי געדינט פאַר אַ באַווייז, אַז דאָס, וואָס איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, איז געווען ווירקלעכקייט. עפּעס אַ טייוול האָט, פונקט ווי קעגן מיין ווילן, צוגעטראַכט און אונטערגעזאָגט מיר די סאַמע שרעקלעכע איבעררעכע-

בוגגען. אַן אַמאָליקער שמועס מיט טרוכאַטשעווסקיס ברודער איז מיר געקומען אויפן זכרון, און איך האָב זיך מיט אַ מין התפעלות צעריסן דאָס האַרץ מיט דעמדאָזיקן שמועס, אַריבערטראָגנדיק אים אויף טרוכאַטשעווסקין און אויף מיין ווייב.

דאָס איז שוין געווען לאַנג, נאָר איך האָב מיך אָן דעם דערמאָנט. טרוכאַטשעווסקיס ברודער, געדענק איך, האָט אויף דער פראַגע, צי באַזוכט ער שאַנדהייזער, איינמאָל געענטפערט, אַז אַן אָנשטענדיקער מענטש וועט נישט גיין אַהין, וווּ מען קאָן קראַנק ווערן, און וווּ ס'איז שמוציק און עקלהאַפט, בשעת מען קאָן שטענדיק געפינען אַן אָנשטענדיקע פרוי. איז אָט האָט ער, זיין ברודער, געפונען מיין פרוי. אמת, זי איז שוין נישט זייער יונג, איין צאָן פעלט שוין פון דער זייט, און פאַראַן אַ געוויסע אויפגעשוואָלנקייט, האָב איך געטראַכט פאַר אים, אָבער וואָס־זשע טוט מען, מען דאַרף אויסנוצן דאָס, וואָס מען האָט. יאָ, ער טוט איר אַ טובה, וואָס ער נעמט זי אַלס זיין געליבטע, האָב איך זיך געזאָגט. דערצו איז זי אומגעפערלעך פאַר זיין טייערן געזונט!... ניין! ס'איז אוממעגלעך! האָב איך זיך געזאָגט מיט אימה. ס'איז קיין ענלעכס דערצו נישטאָ! און ס'איז אפילו קיין יסוד נישטאָ, משער צו זיין עפּעס ענלעכס. צי דען האָט זי מיר נישט געזאָגט, אַז פאַר איר איז דערנידעריקענד אפילו דער געדאַנק וועגן דעם, אַז איך קאָן האָבן אייפערזוכט צוליב אים. יאָ, אָבער זי זאָגט אַ ליגן, אַלץ ליגן! האָב איך אויסגעשריגן — און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן... פּאַסאַזשירן זענען אין אונזער וואַגאָן געווען בלויז צוויי: אַן אַלטינקע מיטן מאַן, ביידע זייער נישט קיין רעדעוודיקע, זענען די אויך אויף איינער אַ סטאַציע אַרויס, און איך בין געבליבן אַליין. איך בין געווען ווי אַ ווילדע חיה אין שטייג: דאָ בין איך אויפגעשפּרונגען, צוגעגאַנגען צו די פענצטער, דאָ וואַקלענדיק זיך אָנגעהויבן גיין, באַמיענדיק זיך אונטערצוטרייבן דעם וואַגאָן; אָבער דער וואַגאָן מיט אַלע בענקלעך און שויבן האָט זיך אַלץ אונטערגעטרייסלט, אָט פּונקט ווי אונזערער...

און פּאָזדנישעוו איז אויפגעשפּרונגען און געמאַכט עטלעכע טריט און צוריק געזעצט זיך.

— אָך, איך האָב מורא, איך האָב מורא פאַר די וואַגאָנען פון דער אייזנבאַן, אַן אימה פאַלט אויף מיר אָן. יאָ, שרעקלעך! — האָט ער ווייטער גערעדט. — איך האָב זיך געזאָגט: איך וויל טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. נו, לאָמיר זאָגן כאָטש וועגן דעם באַלעבאָס פון דעם אַריינפאָר-

הויז, באַ וועלכן איך האָב געטרונקען טיי. איז אָט, פאַר די אויגן פון דעם דמיון באַווייזט זיך דער הויפּט-שומר מיט אַ לאַנגער באָרד און זיין אייניקל, אַ יינגל אין די אייגענע יאָרן מיט מיין וואַסיען. מיין וואַסיע? ער וועט זעען, ווי דער מוזיקאַנט קושט זיין מוטער. וואָס וועט ווערן געבעך פון זיין נשמה? אָבער וואָס אַרט עס זי? זי האָט ליב... און ווידער האָט זיך אויפגעהויבן דאָסזעלביקע. ניין, ניין... נו, לאָמיר טראַכטן וועגן דער רעוויזיע פון דעם שפּיטאָל. יאָ, ווי עס האָט זיך נעכטן געקלאָגט איינער אַ חולה אויפן דאָקטאָר! און דער דאָקטאָר איז מיט וואָנסעס, ווי באַ טרוכאַטשעווסקין. און ווי חוצפּהדיק ער האָט... זיי האָבן מיך ביידע אָפּגענאַרט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט אַוועק. און ווידער אַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן. אַלץ, וועגן וואָס איך האָב געטראַכט, איז געווען פאַרבונדן מיט אים. איך האָב געליטן שרעקלעך, דאָס עיקר ליידן איז געלעגן אינעם נישט-וויסן, אין די ספקות, אין דער צעצווייאיקונג, אין דעם נישט וויסן, צי דאַרף מען זי ליבן, אָדער פיינט האָבן. די ליידן זענען געווען אַזוינע שטאַרקע, אַז, איך געדענק, מיר איז געקומען אַ רעיון, וואָס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, אַרויסגיין אויף דער ליניע, לייגן זיך אויף די רעלסן אונטערן וואַגאָן און מאַכן אַ סוף. דעמאָלט, לפּחות, וועט שוין נישט זיין וואָס צו צווייפלען. איינס, וואָס עס האָט מיר געשטערט צו טון דאָס, איז געווען דאָס רחמנות צו זיך, וואָס האָט תיכף ומיד אוממיטלבאַר נאָך זיך אַרויסגערופן אַ שנאה צו איר. צו אים אָבער איז געווען עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון שנאה, דאָס באַוווסטזיין פון מיין דערנידעריקונג און פון זיין נצחון, אָבער צו איר אַ שרעקלעכע שנאה. „מ'טאָר זיך נישט אָנטון אַ מיתה און זי לאָזן; מ'דאַרף, אַז זי זאָל כאָטש וויפיל נישט איז ליידן, זי זאָל כאָטש פאַרשטיין, אַז איך האָב געליטן", האָב איך זיך געזאָגט. איך בין אויף אַלע סטאַציעס אַרויס צעשטרייען זיך. אויף איין סטאַציע האָב איך אין בופעט דערזעען, אַז מען טרינקט, און האָב תיכף אויך אויסגעטרונקען, לעבן מיר איז געשטאַנען אַ ייד און האָט אויך געטרונקען. ער האָט זיך פונאַנדערגערעדט, און כדי נישט צו פאַרבלייבן איינער אַליין אין מיין וואַגאָן, בין איך אַוועק מיט אים אין זיין שמוציקן, אָנגערייכערטן און מיט שאָלעכץ פון קערלעך פאַרשפּריצטן וואַגאָן פון דער דריטער קלאַס. דאָרט האָב איך מיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, און ער האָט עפּעס אַ סך געפּלוידערט און דערציילט אַנעקדאָטן. איך האָב אים געהערט, נאָר איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, מחמת איך האָב אַלץ

ווייטער געטראַכט וועגן מיינס. ער האָט עס באַמערקט און גענומען פאָדערן פון מיר אויפמערקזאַמקייט; דעמאָלט בין איך אויפגעשטאַנען און צוריק אַוועק צו זיך אין וואַגאָן. „מען דאַרף באַטראַכטן, — האָב איך זיך געזאָגט, — צי איז אמת דאָס, וואָס איך טראַכט, און צי האָב איך אַ גרונט צו מאַטערן זיך". איך האָב מיך געזעצט, וועלנדיק רויק באַטראַכטן, אָבער אַנשטאָט רויק באַטראַכטן, האָט זיך תיכּף ווידער אָנגעהויבן דאָסזעלביקע: אַנשטאָט געדאַנקען — בילדער און פאָרשטעלונגען. „וויפיל מאָל האָב איך מיך אַזוי געמאַטערט", האָב איך זיך געזאָגט (און האָב מיך דערמאָנט די פריערדיקע ענלעכע אָנגרייפן פון אייפערזוכט), „און נאָכדעם האָט זיך אַלץ געענדיקט מיט גאָרנישט. אַזוי איז אפשר אויך איצט, אפילו זיכער, איך וועל זי געפינען אַ רויק שלאָפעדיקע, מיטן קוק וועל איך דערפילן, אַז עס איז גאָרנישט געווען, און אַז ס'איז פּוסטע זאַכן. אָ, ווי גוט דאָס וואָלט געווען!" — „אָבער ניין. דאָס איז צו אָפט פאָרגעקומען, און איצט וועט שוין אַזוי נישט זיין!" — האָט מיר געזאָגט עפּעס אַ שטימע, און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. אָט אין וואָס עס זענען באַשטאַנען די ענויים! נישט אין קיין סיפיליטישן שפּיטאָל וואָלט איך אַוועקגעפירט אַ יונגן מענטש, כּדי אָפּצונעמען בּאַ אים דעם חשק צו פרויען, נאָר אין דער נשמה צו מיר, ער זאָל זעען די טייוואָלים, וועלכע עס האָבן זי געמוטשעט! ווארים שרעקלעך איז דאָך געווען דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטן, אַז מיר געהערט דאָס אויסער ספק פולע רעכט איבער איר קערפּער, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען מיין קערפּער, און צוזאַמען דערמיט האָב איך געפילט, אַז געוועלטיקן איבער דעם קערפּער קאָן איך נישט, אַז ער איז נישט מיינער, און אַז זי קאָן מיט אים טון וואָס זי וויל, און אַז זי וויל מיט אים טון נישט אַזוי ווי איך וויל און איך קאָן גאָרנישט טון, נישט איר, נישט אים. ער איז ווי וואַנקע דער עקאָנאָם, וואָס זינגט פאַר דער תּליה אַ לידל וועגן דעם, ווי אין די צוקערדיקע ליפּן איז געקושט געוואָרן א. א. וו. און ער האָט אויסגעפירט. און מיט איר קאָן איך נאָך ווייניקער מאַכן. אויב זי האָט נישט געטון, נאָר זי ווילט, און איך ווייס, אַז זי וויל, איז נאָך ערגער. בעסער וואָלט זי שוין געטון, איך זאָל וויסן, עס זאָל נישט זיין די אומבאַוווסטקייט. איך וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, וואָס איך האָב געוואָלט. איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל נישט וועלן דאָס, וואָס זי האָט געמוזט וועלן. דאָס איז געווען אמת משוגעת!

## XXVI.

אויף דער פאַרלעצטער סטאַציע, ווען דער קאָנדוקטאָר איז געקומען אָפּנעמען די בילעטן, האָב איך צונויפגעקליבן די זאכן און בין אַרויס אויפן בריקל, און דער באַוווסטזיין, אַז ס'איז נאָענט, אָט איז שוין די לייזונג, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין אויפרעגונג. מיר איז געוואָרן קאַלט, און כ'האָב גענומען טרייסלען זיך מיט די קינבאַקן אַזוי, אַז די ציין האָבן געקלאַפּט. איך בין מאַשינעל מיטן עולם אַרויס פון וואָקזאַל, גענומען אַ דראָזשקע, געזעצט זיך און אָוועקגעפאָרן. איך בין געפאָרן, באַטראַכטנדיק די זעלטענע פאַרבייגייער און די הויף־שומרים און די שאָטנס, וואָס זענען געפאַלן פון די לאַמטערן און פון מיין דראָזשקע, אַמאָל פון פאָרנט, אַמאָל פון הינטן, איך האָב חעגן גאָרנישט געטראַכט. אָפּגעפאָרן בּאַ אַ האַלבע ווירסט, איז מיר געוואָרן קאַלט אין די פיס, און כ'האָב אַ טראַכט געטון וועגן דעם, וואָס איך האָב אין וואַגאָן אויסגעטון די וואָלענע זאָקן און אַריינגעלייגט זיי אין רענצל. ווו איז דאָס רענצל? צי איז עס דאָ דאָ? און ווו איז דער קאָרב? און איך האָב מיך דערמאַנט, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן דעם באַגאַזש. אָבער אַז איך האָב מיך דערמאַנט און אַרויסגענומען די קוויטאַנציע, האָב איך נאָכגעלאָזן, אַז ס'איז נישט כדאי אומצוקערן זיך נאָך דעם, און בין אָוועקגעפאָרן ווייטער.

וויפיל איך מאַטער מיך איצט נישט צו דערמאַנען זיך, קאָן איך דאָך בשום אופן נישט דערמאַנען זיך מיין דעמאָלטיקן צושטאַנד: וואָס האָב איך געטראַכט? וואָס האָב איך געוואָלט? איך ווייס גאָר נישט. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז עס גרייט זיך עפּעס שרעקלעכס און זייער וויכטיקס אין מיין לעבן. צי איז פאַרגעקומען יענץ וויכטיקס דערפון, וואָס איך האָב געטראַכט, אָדער דערפון, וואָס איך האָב פאָרגעפילט, — ווייס איך נישט. ס'איז אויך מעגלעך דאָס, אַז נאָך דעם, וואָס עס איז געשעען, האָבן אַלע פריערדיקע מאָמענטן באַקומען אין מיין זכרון אַ פינצטערע שאַטירונג. איך בין אונטערגעפאָרן צום גאַניק. ס'איז געווען איינס אַ זייגער. עטלעכע דראָזשקעס זענען געשטאַנען לעבן גאַניק, וואַרטנדיק, לויט די באַלויכטענע פענצטער, אויף פּאַסאַזשירן (די באַלויכ־

טענע פענצטער זענען געווען אין אונזער קוואַרטיר, אין זאַל און אין זאַל פאַר געסט). נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דעם, פאַרוואָס איז אַזוי שפּעט ליכטיק אין אונזערע פענצטער, בין איך אין דעמזעלביקן צושטאַנד פון דערוואַרטן עפּעס שרעקלעכס אַרויף אויף די טרעפּ און האָב אָנגעקלונגען. דער לאַקיי, דער גוטער, גרייטער צו דינען און זייער נאַרישער יעגאָר, האָט אויפגעעפנט. דאָס ערשטע, וואָס עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן — אין פאָדערהויז, איז געווען לעבן אַנדערע קליידער — אַ מאַנטל. איך וואָלט מיך געדאַרפט פאַרוואונדערן, אָבער איך האָב מיך נישט געוואונדערט, מחמת איך האָב עס דערוואַרט. „אַזוי איז עס", האָב איך געזאָגט. ווען איך האָב געפרעגט בײַ יעגאָרן, ווער איז דאָ, און ער האָט מיר אָנגערופן טרוכאַטשעווסקין, האָב איך געפרעגט: „פאַראַן נאָך עמעצער?" ער האָט געזאָגט: קיינער נישט. איך געדענק, ווי ער האָט עס מיר געענטפערט מיט אַזאַ אינטאָנאַציע, גלייך ווי ער וואָלט מיך וועלן דערפרייען און פאַרטרייבן דעם ספק, צי איז פאַראַן נאָך עמעצער. „יאָ, יאָ", האָב איך גלייך ווי גערעדט צו זיך. און די קינדער? — דאַנקען גאָט געזונט. שלאָפן שוין לאַנג.

איך האָב נישט געקאָנט אָפּאָטעמען און האָב נישט געקאָנט אָפּשטעלן די ציטערנדיקע קינבאַקן. „יאָ, הייסט עס, נישט אַזוי ווי איך האָב געטראַכט": דאָס פלעג איך פריער טראַכטן — אַן אומגליק, און ס'פלעגט זיך אַרויסווייזן גוט, ווי געווען. איצטער־אָט איז נישט ווי געווען, און אָט־אָ איז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, און האָב געטראַכט, אַז איך האָב זיך נאָר פאָרגעשטעלט, און אָט־אָ איז עס אַלץ אין דערווירקלעכקייט. אָט־אָ איז עס אַלץ...

איך האָב מיך שיער נישט צעיאָמערט. אָבער תיכף האָט דער טייוול אונטערגעזאָגט: „דו וויין, ברויך סענטימענטן, און זיי וועלן זיך רויק פונאַנדערגיין, קיין סימנים פונם פאַרברעכן וועלן נישט זיין, און דו וועסט אייביק האָבן ספקות און פייניקן זיך. און תיכף איז דאָס רחמנות צו זיך פאַרשוווּנדן, און ס'איז געקומען אַ ביי געפיל — איר וועט נישט גלייבן — אַ געפיל פון פרייד, וואָס איצט וועט זיך ענדיקן מיין פיין, וואָס איצט וועל איך זי קאָנען באַשטראָפן, קאָן איך מיך באַפרייען פון איר, וואָס איך קאָן פרייהייט געבן מיין צאָרן. און איך האָב געגעבן פרייהייט מיין צאָרן — איך בין געוואָרן אַ חיה, אַ בייזע און אַ כיטרע חיה". — מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט, — האָב איך געזאָגט צו יעגאָרן, וועלכער האָט געוואָלט גיין אין גאַסט־זאַל. טו אַט וואָס. גיי, גיכער נעם אַ דראָזש־

קע און פאַר; אַט איז די קוויטאַנציע, נעם אָפּ די זאַכן. גיי. ער איז אַוועק איבער דעם קאָרידאָר נאָך זיין מאַנטל. מורא האָבנדיק, ער זאָל זיי נישט אָפּשרעקן, האָב איך אים באַגלייט ביז זיין קעמערל און צוגעוואַרט, ביז ער האָט זיך אָנגעטון. אין גאַסט-זאַל, נאָכן צווייטן צימער, האָט זיך געהערט אַ רעדעריי און דאָס קלינגען פון מעסער און טעלער. זיי האָבן געגעסן און נישט געהערט דאָס גלעקל. „זאָלן זיי נאָר איצט נישט אַרויסגיין", האָב איך געטראַכט. יעגאָר האָט אָנגעטון זיין מאַנטל מיט אַסטראַכאַנישן שעפּסן-פוטער און איז אַרויס. איך האָב אים אַרויסגעלאָזט און פאַרשפּאַרט הינטער אים די טיר. און מיר איז געוואָרן אומהיימלעך, ווען איך האָב דערפילט, אַז איך בין געבליבן איינער אַליין און אַז איך דאַרף וואָס גיכער טון. ווי — האָב איך נאָך נישט געוווּסט. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז איצט איז אַלץ געענדיקט, אַז קיין ספקות אין איר אומשולדיקייט קאָן נישט זיין, און אַז איך וועל זי באַלד באַשטראָפן און מאַכן אַ סוף צו מיינע באַציונגען מיט איר.

פריער זענען נאָך בײַ מיר געווען וואַקלעניש, און איך האָב זיך געזאָגט: „און אפשר איז דאָס נישט אמת, אפשר האָב איך אַ טעות". איצט איז עס שוין נישט געווען. אַלץ איז געווען באַשטימט נישט צוריק צו נעמען. געהיים פון מיר, איינע אַליין מיט אים, בײַ דער נאַכט! דאָס באַטייט שוין — אָן אַלץ פאַרגעסן! אָדער נאָך ערגער: בכיוון אַזאַ דרייסטקייט, אַזאַ חוצפה אינם פאַרברעכן, אַז דידאָזיקע חוצפה זאָל דינען פאַר אַ סימן פון אומשולדיקייט. ס'איז אַלץ קלאָר. נישטאָ קיין ספק. איך האָב נאָר מורא געהאַט פאַר איין זאַך, טאָמער וועלן זיי זיך פונאַנדערלויפן, וועלן אויסטראַכטן נאָך אַ נייעם ליגנט, און וועלן בײַ מיר דערמיט אָפּנעמען די באַשיינפּערלעכקייט פון די סימנים, די מעגלעכקייט צו דערווייזן. און כדי צו פאַרכאַפּן זיי, בין איך אויף די שפּיץ פינגער אַוועק צו דעם זאַל, ווו זיי זענען געזעסן, נישט דורך דעם גאַסט-זאַל, נאָר דורך דעם קאָרידאָר און דורך דעם קינדער-צימער.

אין דעם ערשטן קינדער-צימער זענען געשלאָפן די יינגלעך. אין צווייטן קינדער-צימער האָט זיך די ניאַניע אַ ריר געטון, געוואָלט אויפכאַפּן זיך, און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט דאָס, וואָס זי וועט אַ טראַכט טון, ווען זי וועט זיך אַלץ דערוויסן, און אַזאַ רחמנות צו זיך האָט מיך אָנגעכאַפּט, אַז איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן און כדי נישט אויפצוּוועקן די קינדער, בין איך אויף די שפּיץ פינגער אַרויס-

געלאָפן אין קאָרידאָר, און צו זיך אין קאַבינעט, האָב מיך אַ וואָרף געטון אויף דעם דיוואַן און אָנגעהויבן יאָמערן.

איך, דער ערלעכער מאַן, איך — דער זון פון מיינע עלטערן, איך, וואָס איך האָב אַ גאַנץ לעבן געטרוימט וועגן דעם גליק פון משפּחה־לעבן, איך — דער מאַן, וואָס איז איר קיינמאָל נישט אומגעטריי געווען... און אָט! פינף קינדער, און זי נעמט אַרום דעם מוזיקאַנט, דערפאַר, וואָס בא אים זענען רויטע ליפּן!

— ניין, דאָס איז נישט קיין מענטש! דאָס איז אַ צויג, דאָס איז אַן עקלהאַפטע צויג! לעבן דעם צימער פון די קינדער, וואָס דאָס גאַנצע לעבן האָט זי זיך געמאַכט, כּלומרשט, זי ליבט זיי. און שרייבן מיר דאָס, וואָס זי האָט מיר געשריבן! און אַזוי חוצפּהדיק אָנהענגען זיך אויפן האַלז! וואָרים וואָס ווייס איך דען? ס'קאָן זיין, אַז די גאַנצע צייט איז עס אַזוי געווען. אפשר האָט זי שוין לאַנג פון די לאַקייען געהאַט די אַלע קינדער, וועלכע ווערן פאַררעכנט פאַר מיינע. און מאָרגן וואָלט איך געקומען, און זי וואָלט אין איר פריזור, מיט איר טאַליע און מיט די פולע גראַציעזע באַוועגונגען (איך האָב דערזעען איר גאַנץ שיין און פאַרהאַסט געזיכט) מיך באַגעגנט — און דידאָזיקע חיה פון אייפערזוכט וואָלט אין מיר אייביק געזעסן אין האַרץ און וואָלט עס געמורשטן. די ניאַניע, וואָס וועט טראַכטן... יעגאָר... און ליזעלע נעבעך! זי האָט שוין עפּעס פאַרשטאַנען. און דידאָזיקע חוצפּה! און דידאָזיקע ליגנס! און דידאָזיקע חיהשע זינלעכקייט, וועלכע איך קאָן אַזוי, — האָב איך זיך געזאָגט.

איך האָב געוואָלט אויפשטיין, נאָר איך האָב נישט געקאָנט. דאָס האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט, אַז איך האָב נישט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס. יאָ, איך וועל שטאַרבן פון אַן אַטאַק. זי וועט מיך הרגענען. דאָס דאַרף זי מאַקע האָבן. וואָס איז פאַר איר הרגענען? אָבער ניין. דאָס וואָלט פאַר איר צופיל געלוינט, און דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן וועל איך איר נישט פאַרשאַפן, יאָ, איך זיץ, און דאָרט עסן זיי, לאַכן, און... יאָ, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז שוין געווען נישט קיין יונגינקע, האָט אים פון איר נישט געעקלט, פונדעסטוועגן איז זי געווען נישט קיין מיאוסע, דער עיקר אָבער, דאָס איז געווען אומגעפערלעך פאַר זיין טייערן געזונט. און פאַרוואָס נאָר האָב איך זי נישט דערשטיקט דעמאָלט, האָב איך זיך געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך אָן דער רגע, ווען איך האָב זי מיט אַ וואָך צוריק אַרויסגעטריבן פון קאַבינעט און נאָכדעם געבראָכן די כּלים, איך האָב זיך לעבעדיק פאַרגעשטעלט דעם צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב מיך

דעמאָלט געפונען, נישט נאָר דערמאַנט זיך, נאָר איך האָב געשפּירט די זעלביקע באַדערפעניש צו ברעכן, חרוב צו מאַכן, וואָס איך האָב דעמאָלט געשפּירט. איך געדענק, ווי מיר האָט זיך פאַרוואָלט טון, און יעדער רעיון אויסער דעם, וואָס מיר איז נייטיק געווען פאַרן טון, איז באַ מיר אַרויסגעשפּרונגען פון קאָפּ. איך בין אַריין אין דעם צושטאַנד פון אַ חיה, אָדער פון אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון פיזישער צערייצטקייט בשעת אַ סכנה, ווען דער מענטש טוט פּינקטלעך, נישט געאײַלט, אָבער אויך נישט פאַרלירנדיק קיין רגע, און אַלץ נאָר מיט איין באַשטימטן ציל.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געטון — איך האָב אַראָפּגענומען די שטיוול און, פאַרבליבן אין די שקאַרפּעטקעס, בין איך צוגעגאַנגען צו דער וואַנט איבערן דיוואַן, ווו באַ מיר זענען געהאָנגען ביקסן און קינזשאַלן און גענומען אַ קרומען דאַמאַסקער קינזשאַל, וועלכער איז נאָך קיינמאָל נישט באַנוצט געוואָרן, און זייער אַ שאַרפן. איך האָב אים אַרויסגענומען פון שיידל. דאָס שיידל, געדענק איך. איז אַרונטערגעפאַלן הינטערן דיוואַן, און איך האָב זיך געזאָגט: מען דאַרף עס שפּעטער אויפזוכן, אַ נישט קאָן עס פאַרפאַלן ווערן. נאָכדעם האָב איך אויסגעטון דאָס מאַנטל, וועלכעס איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט אויף זיך. און, טרעטנדיק ווייך אין איינע שקאַרפּעטן, בין איך אַוועק אַהין.

## XXVII.

און, אונטערגעגנבעט זיך שטילינקערהייט, האָב איך פּלוצלינג אויפגעעפנט די טיר. איך געדענק דעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער. איך געדענק דעם אויסדרוק, דערפאַר, וואָס דערדאָזיקער אויסדרוק האָט מיר פאַרשאַפט אַ פּיינלעכע פרייד. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אימה. אָט דאָס-אָ האָב איך טאַקע געדאַרפט האָבן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון פאַרצווייפלטער אימה, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער ערשטער סעקונדע באַ זיי ביידן אין פּנים, בשעת זיי האָבן מיך דערזעען. ער איז געזעסן, דאַכט זיך, באַם טיש, נאָר דערזעענדיק, אָדער

דערהערנדיק מיך, איז ער אויפגעשפרונגען אויף די פיס און האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן רוקן צו דער שאַפע. אויף זיין געזיכט איז געווען איין זייער נישט קיין ספקדיקער אויסדרוק פון אימה. אויף איר געזיכט איז געווען דער זעלבער אויסדרוק פון אימה, אָבער צוזאַמען מיט אים נאָך אן אַנדערער. ווען דער אויסדרוק וואָלט געווען איינער, וואָלט, קאָן זיין, נישט געשען דאָס, וואָס עס איז געשען. אָבער אין דעם אויסדרוק פון איר געזיכט איז נאָך חוץ דעם, לפּחות מיר האָט אַזוי אויסגעוויזן אין דעם ערשטן אויגנבליק, געווען פאַרדראָס, אומצופרידנקייט דערמיט, וואָס מען האָט געשטערט איר פאַרטועונקייט אין דער ליבע און איר גליק מיט אים. זי האָט אַפּנים גאָרנישט געדאַרפט אויסער דעם, אַז מען זאָל א״ר נישט שטערן איצט צו זיין גליקלעך מיט אים. דער און דער אַנדערער אויסדרוק זענען נאָר איין אויגנבליק פאַרבליבן אויף זייערע פנימער. דער אויסדרוק פון אימה אין זיין געזיכט איז תיכף ומיד פאַרביטן געוואָרן אויף אַן אויסדרוק פון פראַגע: מ׳מעג זאָגן ליגנט, צי נישט? אויב מען מעג, דאַרף מען אָנהייבן. אויב נישט, וועט זיך אָנהייבן נאָך עפּעס אַנדערש. אָבער וואָס? ער האָט מיט פראַגע אַ בליק געטון אויף איר. אויף איר געזיכט איז דער אויסדרוק פון פאַרדראָס און צער, ווען זי האָט א קוק געטון אויף אים פאַרביטן געוואָרן, ווי מיר האָט אויסגעוויזן, מיט זאָרג פאַר אים.

אויף אַן אויגנבליק בין איך געבליבן שטיין אין טיר, האַלטנדיק דעם קינזשאַל הינטערן רוקן.

טאַקע אין דעם-אָ אויגנבליק האָט ער אַ שמייכל געטון און מיט אַ טאָן, וואָס איז ביז לעכערלעכקייט גלייכגילטיק געווען, האָט ער אָנגעהויבן:

— און מיר האָבן דאָ מוזיצירט...

— בשום אופן נישט געוואַרט. — האָט זי גלייכצייטיק אָנגעהויבן, אונטערגעבנדיק זיך זיין טאָן, אָבער נישט דער נישט יענער האָבן נישט דערעדט: דערזעלביקער משוגענער גרימצאָרן, וואָס איך האָב געשפּירט מיט אַ וואָך צוריק, האָט מיך באַהערשט, ווידער האָב איך געשפּירט די זעלבע באַדערפעניש צו צעשטערן, געוואַלטן צו מאַכן, אין דעם עקסטאַז פון גרימצאָרן, און איך האָב מיך אים איבערגעגעבן.

ביידע האָבן נישט דערעדט. עס האָט זיך אָנגעהויבן יענץ אַנדערע, וואָס ער האָט פאַר דעם מורא געהאַט, און דאָס האָט פאַראַמאָל איבער־געריסן אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט. איך האָב מיך אַ לאָז געטון צו איר,

אַלץ נאָך באַהאַלטנדיק דעם קינזשאַל הינטערן רוקן, כדי ער זאָל מיר נישט שטערן דערלאַנגען איר אין זייט אונטער דער ברוסט. איך האָב דאָס אָרט אויסגעקליבן פון אָנהייב אָן. אין דער רגע, ווען איך האָב מיך אַ לאָז געטון צו איר, האָט ער דערזעען און — וואָס איך האָב בשום אופן פון אים נישט דערוואַרט — ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַ געשריי געטון: „באַטראַכט זיך, וואָס טוט איר!.. מענטשן!..“

איך האָב אַרויסגעריסן די האַנט און האָב מיך שווייגנדיק אַ לאָז געטון צו אים. זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט מיינע, ער איז פּלוצלינג בלאַס געוואָרן ווי אַ טוך, די ליפּן אויך. די אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטון עפּעס באַזונדער און — דאָס האָב איך אויך בשום אופן נישט דערוואַרט — ער האָט זיך אַ שלייך געטון אונטער דעם פּאַרטעפּיאַן, אין טיר. איך האָב מיך אַ לאָז געטון נאָך אים, אָבער אויף דער לינקער האַנט מיינער האָט זיך פאַר אַמאָל אָנגעהאַנגען עפּעס אַ משא. דאָס איז געווען זי. איך האָב מיך אַ ריס געגעבן. זי האָט זיך נאָך שווערער אָנגעהאָנגען און האָט מיך נישט אַרויסגעלאָזט. דערדאָזיקער אומדערוואַרטעטער שטער, די משא און איר עקלדיק פאַר מיר אָנרירן זיך אָן מיר האָבן מיך נאָך מער צעפלאַמט. איך האָב געפילט, אַז איך בין לחלוטין משוגע און דאַרף זיין שרעקלעך, און האָב מיך דערמיט געפרייט. איך האָב אַ הייב געטון די לינקע האַנט מיט דעם גאַנצן כוח און דערלאַנגט איר מיטן עלנבויגן גלייך אין פּנים אַריין. זי האָט אַ געשריי געטון און אַרויסגעלאָזט מיין האַנט. איך האָב געוואָלט לויפן נאָך אים, האָב מיך אָבער דערמאַנט, אַז ס'וואָלט געווען לעכערלעך צו לויפן אין די שקאַרפּעטקעס נאָך דעם ווייבס געליבטן, און איך האָב נישט געוואָלט זיין לעכערלעך, איך האָב נאָר געוואָלט זיין שרעקלעך. נישט געקוקט אויף דעם שרעקלעכן גרימצאָרן, אין וועלכן איך האָב מיך געפונען, האָב איך די גאַנצע צייט געדענקט, וואָס פאַר אַן איינדרוק איך מאַך אויף אַנדערע, און דערדאָזיקער איינדרוק האָט אפילו אָנגעפירט מיט מיר. איך האָב מיך אויסגעדרייט צו איר. זי איז געפאַלן אויף דער קאַנאַפּקע, און כאַפּנדיק זיך מיט דער האַנט פאַרן אויג, וואָס איך האָב איר צעשלאָגן, האָט זי געקוקט אויף מיר. אין איר געזיכט איז געווען אימה און שנאה צו מיר, צום פיינט, ווי בא אַ ראַץ, ווען מ'הייבט אויף די פּאַסטקע, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן. איך, לפּחות, האָב אין איר מער גאָרנישט געזעען אויסער דערדאָזיקער אימה און דער שנאה צו מיר. דאָס איז געווען די זעלביקע אימה און שנאה צו מיר, וועלכע

האָט געוואָלט אַרויסרופן ליבע צו דעם אַנדערן. אָבער, ס'קאָן זיין, איך וואָלט מיך נאָך אָפּגעהאַלטן, און וואָלט נישט געטון דאָס, וואָס איך האָב געטון, ווען זי וואָלט געשוויגן. אָבער זי האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן און כאַפּן מיך מיט דער האַנט פאַר דער האַנט מיטן קינזשאַל.

— באַטראַכט זיך! וואָס טוסטו! וואָס איז מיט דיר? ס'איז גאָר-נישט נישטאָ, גאָרנישט, גאָרנישט. איך שווער

איך וואָלט נאָך אַ ביסל אָפּגעצויגן, אָבער דידאָזיקע לעצטע ווער-טער אירע, פון וועלכע איך האָב געמאַכט דעם פאַרקערטן אויספיר, ד. ה. אַז אַלץ איז געווען, האָבן אַרויסגערופן אַן ענטפער. און דער ענט-פער האָט געמוזט אַנטשפּרעכן דער שטימונג, אין וועלכער איך האָב זיך געבראַכט, וועלכע איז אַלץ געגאַנגען crescendo און האָט אויך אַזוי ווייטער געדאַרפט הייבן זיך. דאָס משוגעת האָט אויך זיינע געזעצן.

— נישט זאָג קיין ליגנט, מנוולטע! — האָב איך אָנגעהויבן שרייען, און מיט דער לינקער האַנט האָב איך זי געכאַפּט באַ דער האַנט, אָבער זי האָט זיך אַרויסגעריסן. דעמאָלט האָב איך, נישט אַרויסלאָזנדיק פונ-דעסטוועגן דעם קינזשאַל, אָנגעכאַפּט זי מיט דער לינקער האַנט פאַרן האַלז, אומגעשליידערט זי אויפן רוקן און גענומען שטיקן. סאַר אַ האַר-טער האַלז ס'איז געווען... זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר מיינע הענט, אָפּרייסנדיק זיי פון האַלז, און איך, גלייך ווי איך האָב נאָר דערויף געוואַרט, האָב איר מיט דעם קינזשאַל דערלאַנגט אין דער לינ-קער זייט נידעריקער פאַר די ריפּן.

ווען מענטשן זאָגן, אַז אין אָנפאַל פון משוגעת געדענקען זיי נישט, וואָס זיי טוען, — איז דאָס פּוסטע רייד, נישט אמת. איך האָב אַלץ געדענקט און האָב אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט צו געדענקען. וואָס שטאַרקער איך האָב אַליין אין זיך פונאַנדערגעלאָזט דעם דאַמף פון מיין משוגעת, אַלץ העלער האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט דאָס ליכט פון באַוואוסטזיין, באַ וועלכן איך האָב נישט געקאָנט נישט זען דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געטון. איך האָב יעדע רגע געוווסט, וואָס איך טו. איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך זאָל האָבן פריער געוווסט, וואָס איך וועל טון, אָבער אין דער רגע, ווען איך האָב געטון, דאַכט זיך, אפילו אַ ביסל פריער, האָב איך געוווסט, וואָס איך טו, גלייך ווי צוליב דעם, כדי עס זאָל מעגלעך זיין חרטה צו האָבן, כדי איך זאָל זיך קאָנען זאָגן, אַז איך האָב מיך געקאָנט אָפּהאַלטן. איך האָב געוווסט, אַז איך דערלאַנג איר נידעריקער פאַר די ריפּן, און אַז דער קינזשאַל וועט אַריינגיין. אין

דער רגע, ווען איך האָב דאָס געטון, האָב איך געוווּסט, אַז איך טו עפּעס שרעקלעכס, אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטון, און וואָס וועט האָבן שרעקלעכע רעזולטאַטן. אָבער דאָס באַוווּסטזיין האָט אין מיר אַ שיין געטון ווי אַ בליץ, און תּיכּף נאָכן באַוווּסטזיין איז געקומען דער טאַט. דער טאַט איז געווען אין באַוווּסטזיין מיט אומגעווײנלעכער העל-קייט. איך האָב געהערט און איך געדענק דעם אויגנבליקלעכן ווידער-שטאַנד פון דעם קאָרסעט און פון נאָך עפּעס און נאָכדעם דאָס פאַרזינקען פונם מעסער אין ווייכן. זי האָט זיך געכאַפּט מיט די הענט פאַרן קינזשאַל, האָט זיך איינגעשניטן, האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן. איך האָב נאָכדעם לאַנג, אין דער תּפיסה, נאָכדעם ווי די מאָראַלישע איבערקערעניש איז אין מיר פאָרגעקומען, געטראַכט וועגן דערדאָזיקער רגע. איך האָב מיך דערמאַנט, וואָס עס איז געווען מעגלעך, האָב מיך באַטראַכט. איך געדענק אין דעם אויגנבליק, נאָר אין דעם איינציקן אויגנבליק, וואָס פאַר דעם טאַט, דאָס שרעקלעכע באַוווּסטזיין, אַז איך הרגע און האָב געהרגעט אַ פרוי, אַ שוצלאָזע פרוי, מיין פרוי. אַז ווען כ'האָב אַריינגעשטעקט דאָס מעסער, האָב איך עס תּיכּף אַרויסגעצויגן, ווערנדיק פאַרריכטן דאָס געטוענע און אָפּהאַלטן. איך בין אַ רגע געשטאַנען אומבאַוועגלעך, וואַרטנ-דיק וואָס וועט זיין, צי קאָן מען פאַרריכטן.

זי איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אַ געשריי געטון: „ניאַניע! ער האָט מיך געהרגעט!”

די ניאַניע, וועלכע האָט דערהערט דעם טומל, איז געשטאַנען אין טיר. איך בין אַלץ געשטאַנען, וואַרטנדיק און נישט גלויבנדיק. אָבער דאָ האָט באַ איר פון אונטערן קאָרסעט אַ פלייץ געטון בלוט. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פאַרריכטן קאָן מען נישט, און איך האָב גלייך באַשלאָסן, אַז מען דאַרף טאַקע נישט, אַז דאָס גופא וויל איך טאַקע, און דאָס גופא האָב איך טאַקע געוואָלט טון. איך האָב אַ ביסל צוגעוואַרט, ביז זי איז געפאַלן, און די ניאַניע איז מיט אַ געשריי: „טאַטעלעך!” צוגעלאָפן צו איר, און ערשט דעמאָלט האָב איך אַוועקגעוואָרפן דעם קינזשאַל אָן אַ זייט און בין אַרויס פון צימער.

„מען דאַרף נישט זיין צערודערט, מען דאַרף וויסן, וואָס איך טו”, האָב איך זיך געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף איר און אויף דער ניאַניע. די ניאַניע האָט געשריגן, גערופן דאָס מיידל. איך בין אַוועק דורכן קאָ-רידאָר, געשיקט דאָס מיידל, און אַליין בין איך אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער. וואָס דאַרף מען איצט טון? האָב איך זיך געפרעגט, און

האָב תיכף פאַרשטאַנען, וואָס. אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט, בין איך גלייך צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אַראָפּגענומען פון איר אַ רעוואָלווער, באַקוקט אים — ער איז געווען אָנגעלאָדן — און איך האָב אים אוועקגעלייגט אויפן טיש. דערנאָך האָב איך אַרויסבאַקומען דאָס שיידל פון אונטער דעם דיוואַן און איך האָב מיך געזעצט אויפן דיוואַן.

לאַנג בין איך אַזוי געזעסן. איך האָב גאָרנישט געטראַכט, גאָרנישט דערמאָנט זיך. איך האָב געהערט, אַז דאָרט רודערט מען עפּעס. איך האָב געהערט, ווי עמעצער איז געקומען צו פאָרן, נאָכדעם נאָך עמעצער. נאָכדעם האָב איך געהערט און געזעען, ווי יעגאָר האָט אַריינגעטראָגן מיין קאָרב אין קאַבינעט. פונקט ווי עמעצער האָט עס געדאַרפט!

— דו האָסט געהערט, וואָס עס איז געשעען? — האָב איך געזאָגט. — זאָג דעם סטרוזש, מען זאָל געבן צו וויסן דער פּאָליציי. — ער האָט גאָרנישט געזאָגט און איז אַוועק. איך בין אויפגעשטאַנען, פאַרמאַכט די טיר און אַרויסגענומען פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך און גענומען רייכערן. איך האָב נישט דעררייכערט דעם פּאַפּיראָס, ווייל מיך האָט אָנגעכאַפּט און אוועקגעלייגט דער שלאָף. איך בין געשלאָפן זיכער אַ שעה צוויי. כ'געדענק, איך האָב אין חלום געזעען, אַז כ'בין מיט איר גוטע פריינט, מיר האָבן זיך צעקריגט, נאָר מיר מאַכן שלום, און אַז עפּעס שטערט אַ ביסל, אָבער מיר זענען חבר. מיך האָט אויפגעוועקט אַ קלאַפּ אין טיר. „דאָס איז פּאָליציי", — האָב איך אַ טראַכט געטון אויפשטייענדיק. — איך האָב דאָך געהרגעט דאַכט זיך. און אפשר איז דאָס ז י, און ס'איז גאָרנישט געווען. מען האָט נאָך אַמאָל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. איך האָב גאָרנישט געענטפערט און געלייזט די פראַגע: „דאָס איז געווען, צי נישט געווען? יאָ, געווען". איך האָב מיך דערמאָנט דעם ווידערשטאַנד פונם קאָרסעט, און דאָס פאַרזונקען פונם מעסער, און אַ פראָסט איז מיר אַדורך איבערן רוקן. „יאָ, געווען. יאָ, איצט דאַרף מען זיך אויך", — האָב איך זיך געזאָגט. אָבער איך האָב עס גערעדט און געוווסט, אַז איך וועל זיך נישט טייטן. פונדעסטוועגן בין איך אויפגעשטאַנען, און ווידעראַמאָל גענומען דעם רעוואָלווער אין די הענט. נאָר אַ מאָדנע זאַך: איך געדענק, ווי איך בין פריער פיל מאָל געווען נאָענט צו זעלבסטמאָרד, ווי אין יענעם טאָג אפילו אויף דער אייזנבאַן; מיר האָט עס אויסגעוויזן לייכט, לייכט דווקא דערפאַר, וואָס איך האָב געטראַכט, ווי איך וועל זי דערמיט טרעפן. איצט האָב איך זיך בשום אופן נישט בלויז נישט געקאָנט טייטן, נאָר אפילו נישט געקאָנט קיין טראַכט טון וועגן דעם. „צו וואָס

טוּ איך עס ?" האָב איך זיך געפרעגט, און קיין ענטפער איז נישט געווען. אין דער טיר האָט מען ווידער אָנגעקלאַפּט. „יאָ, פריער דאַרף מען זיך דערוויסן, ווער קלאַפּט עס ? איך וועל נאָך באַווייזן". איך האָב אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער און צוגעדעקט אים מיט אַ צייטונג. איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַראָפּגענומען די קייטל. דאָס איז געווען דעם ווייבס שוועסטער, אַ גוטע נאַרישע אַלמנה.

— וואַסיע, וואָס איז דאָס ? — האָט זי געזאָגט, און די שטענדיק גרייטע טרערן האָבן זיך בײַ איר אַ גאָס געטון.

— וואָס איז ? — האָב איך גראָב געפרעגט. איך האָב געזעען, אַז מען דאַרף גאָרנישט און אַז עס איז נישטאָ צוליב וואָס צו זיין מיט איר גראָב, אָבער איך האָב נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין אַנדערן טאָן.

— וואַסיע, זי שטאַרבט ! איוואַן זאַכאַריטש האָט געזאָגט. — איוואַן זאַכאַריטש, דאָס איז געווען איר דאָקטאָר, איר בעל עצה.

— ער איז דען דאָ ? — האָב איך געפרעגט, און דער גאַנ-צער כּעס אויף איר האָט זיך פון ס'ניי דערוועקט. — נו, איז וואָס ?

— וואַסיע, גיי צו איר. אַך, ווי שרעקלעך דאָס איז, — האָט זי געזאָגט.

„גיין צו איר ?" — האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע. און איך האָב תּיכּף געענטפערט, אַז מען דאַרף גיין צו איר, אַז מסתּמא טוּט זיך עס אַלע מאָל אַזוי, אַז ווען אַ מאַן, ווי איך, דערהרגעט דאָס ווייב, מוז ער אומבאַדינגט אַריינגיין צו איר. „אויב אַזוי טוּט זיך, דאַרף מען גיין", האָב איך זיך געזאָגט. „און אויב מען וועט דאַרפן, וועל איך דאָס אַלע מאָל באַווייזן". האָב איך אַ טראַכט געטון וועגן מיין כּוונה צו דערשיסן זיך, און כ'בין אַוועק נאָך איר. „איצט וועלן זיין פראַזן, העוויות, אָבער איך וועל מיך זיי נישט אונטערגעבן" — האָב איך זיך געזאָגט. - וואַרט, — האָב איך געזאָגט צו דער שוועסטער, — ס'איז נאַריש אָן שטיוול, וואַרט, לאָמיך כאָטש אָנטון שטעקשיך.

## XXVIII.

און אַ וואונדערלעכע זאַך! ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון צימער און בין אַוועק דורך די געזיינלעכע צימערן, האָט זיך באַ מיר ווידער־אַמאָל באַוויזן די האָפנונג, אַז ס'איז גאָרנישט געווען, נאָר דער ריח פון דערדאָזיקער דאָקטאָרישער פאַסקודסטווע, פון יאָדאָפאָרם, קאַרבאָל — האָט מיך געטראָפן, ניין, אַלץ איז געווען. דורכגייענדיק איבערן קאָרידאָר, פאַרביי דעם קינדערצימער, האָב איך דערזעען ליזעלען. זי האָט אויף מיר געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן. מיר האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז דאָ זענען געווען אַלע פינף קינדער און אַלע האָבן אויף מיר געקוקט. איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, און דאָס שטובמיידל האָט מיר פון אינעווייניק געעפנט און איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען איר העל־גרוי קלייד אויף אַ שטול, אינגאַנצן אַ שוואַרצס פון בלוט. אויף אונזער בעט פאַר צווייען, אויף מיין געלעגער אפילו (צו אים איז לייכטער געווען דער צוגאַנג), איז זי געלעגן מיט אויפגעהויבענע קני. זי איז געלעגן זייער נידעריק בלויז אויף די קישנס, אין פונאַנ־דערגעשפּילעטן קאַפּטל. אויף דעם אָרט פון דער וווּנד איז עפּעס געווען אַוועקגעלייגט. אין צימער איז געווען אַ שווערער ריח פון יאָדאָ־פאָרם. פריער און מער פאַר אַלץ האָט מיך געטראָפן איר געשוואָלן און אויפן געשווילעכץ בלוי פנים, אַ טייל נאָז און אונטער די אויגן. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם זעץ מיט מיין עלנבויגן, בשעת זי האָט מיך געוואָלט אָפּהאַלטן, קיין שום שיינקייט איז נישט געווען, נאָר עפּעס גלאַטס האָט זיך מיר אָפּגעדאַכט אין איר, איך האָב מיך אָפּגע־שטעלט באַ דער שוועל. — גיי צו, גיי צו איר, — האָט צו מיר גע־רעדט די שוועסטער. — „יאָ, מסתמא ווייל זי זיך מתוודה זיין“, האָב איך אַ טראַכט געטון. „מוחל זיין? יאָ, זי שטאַרבט און מען קאָן איר מוחל זיין“, — האָב איך געטראַכט, באַמיענדיק זיך צו זיין גרויסאַרטיק. איך בין צוגעגאַנגען האַרט צו איר. זי האָט קוים אויפגעהויבן אויף מיר

די אויגן, וואָס איינס פון זיי איז געווען צעשלאָגן, און קוים מיט שטאַמלעניש אַרויסגערעדט:

— דערגרייכט וואָס דו האָסט געוואָלט, דערהרגעט... — און דורך די פיזישע ליידן און אפילו דורך דער נאָענטקייט פון טויט האָט זיך אין איר געזיכט אויסגעדריקט דיזעלביקע אַלטע, מיר באַקאַנטע, קאַלטע חיהשע שנאה. — די קינדער — וועל איך פונדעסטוועגן דיר — נישט אָפּגעבן — זי (איר שוועסטער) וועט נעמען —

אָבער וועגן דעם, וואָס עס איז פאַר מיר געווען דער עיקר, וועגן איר שולד, וועגן איר פּעלשונג, האָט זי גלייך ווי געהאַלטן, אַז ס'איז נישט כדאי צו דערמאָנען.

— יאָ... האָב פאַרגעניגן דערפון, וואָס דו האָסט געטון, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אין דער טיר און אָנגעהויבן כליפּען. אין טיר איז געשטאַנען די שוועסטער מיט די קינדער. — יאָ, אָט וואָס דו האָסט געטון.

איך האָב אַ קוק געטון אויף די קינדער, אויף איר געזיכט, וואָס איז צעמזיקט געווען מיט די שינאַקעס, און צום ערשטן מאָל האָב איך פאַרגעסן אָן זיך, אָן מיינע רעכט, אָן מיין שטאָלץ, און צום ערשטן מאָל האָב איך אין איר דערזעען אַ מענטש. און אַזוי נישטיק האָט מיר אויסגעוויזן דאָס אַלץ, וואָס עס האָט מיך באַליידיקט — מיין גאַנצע אייפערזוכט און אַזוי באַדייטנדיק דאָס, וואָס איך האָב געטון, אַז איך האָב געוואָלט צופאַלן מיטן געזיכט צו איר האַנט און זאָגן: זיי מוחל! נאָר כ'האָב נישט געוואַגט.

זי האָט געשוויגן, פאַרמאַכנדיק די אויגן, אַפּנים נישט האָבנדיק קיין כוח ווייטער צו רעדן. נאָכדעם האָט איר צעקאַליעטשעט פּנים אַ ציטער געטון און פאַרקנייטשט זיך. זי האָט מיך שוואַך אָפּגעשטויסן.

צוליב וואָס איז דאָס אַלץ געווען? צוליב וואָס?

— זיי מוחל! — האָב איך געזאָגט.

— זיי מוחל? דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן!... אַבי נאָר נישט שטאַרבן!... — האָט זי אויסגעשריגן עטוואָס אויפהייבנדיק זיך און אירע קדחותדיק גלאַנציקע אויגן האָבן זיך אויסגעגלאָצט אויף מיר. — יאָ, דו האָסט דיינס דערגרייכט!... כ'האָס!... אַי! אַך! — אַפּנים שוין פון היץ, שרעקנדיק זיך פאַר עפּעס, האָט זי גענומען שרייען. — נאָר אַלעמען, אַלעמען און אים! אַוועק!... אַוועק!... נו, הרגע, הרגע, איך האָב נישט מורא!...

די היץ האָט שוין געצויגן זיך די גאַנצע צייט. זי האָט קיינעם נישט דערקענט. דעם זעלבן טאָג, אַרום מיטאָג, איז זי געשטאָרבן. מיך האָט מען פריער, אַכט דעם זייגער, אָפּגעפירט אין צירקל און פון דאָרט אין תּפיסה. און אָפּזיצנדיק דאָרט עלף חדשים, וואַרטנדיק אויפן משפּט, האָב איך אַרומגעטראַכט זיך און מיין פאַרגאַנגענהייט און האָב זי פאַר־שטאַנען. אָנגעהויבן פאַרשטיין האָב איך אויפן דריטן טאָג; אויפן דריטן טאָג האָט מען מיך געפירט אַהין...

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און, נישט האָבנדיק קיין כּוח איינ־צוהאַלטן דעם יאָמער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. צונויפנעמענדיק די כּוחות, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב זי דערזען אין דער טרומנע.

ער האָט אַ כליפּע געטון, אָבער גלייך איילנדיק זיך פאָרגעזעצט:

— ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב דערזען איר טויט פּנים, האָב איך פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס איך האָב געטון. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך, איך האָב זי געטויט, אַז פון מיר איז אַנטשטאַנען דאָס, וואָס זי איז געווען אַ לעבעדיקע, אַ באַוועגלעכע, אַ וואַרעמע, און איצט איז זי געוואָרן אַן אומבאַוועגלעכע, אַ וואַקסענע, אַ קאַלטע, און אַז פאַרריכטן עס קאָן מען קיינמאָל נישט, ערגעץ נישט, מיט גאָרנישט. דער, וואָס האָט דאָס נישט איבערגעלעבט, יענער קאָן נישט פאַרשטיין... אוי! אוי! אוי!... האָט ער אויסגעשריגן עטלעכע מאָל און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מיר זענען לאַנג געזעסן שווייגנדיק. ער האָט געכליפּעט און גע־טרייסלט זיך אַנטקעגן מיר שטילערהייט. זיין פּנים איז געוואָרן דין, לאַנג און אַ מויל אין דער גאַנצער ברייט פון פּנים.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט פּלוצלינג, — ווען איך וואָלט וויסן, וואָס איך ווייס איצט, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. איך וואָלט מיט איר בשום אופן קיין חתונה נישט געהאַט... און וואָלט בכלל קיין חתונה נישט געהאַט.

ווידער האָבן מיר אַ לאַנגע צייט געשוויגן.

— נו, זייט מיר מוחל... — ער האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר און צוגעלייגט זיך אויף דער באַנק, איינדעקנדיק זיך מיטן פּלעד. אויף דער סטאַנציע, וווּ איך האָב געדאַרפט אַרויסגיין, — דאָס איז געווען 8 אינ־דערפרי, — בין איך צו אים צוגעגאַנגען געזעגענען זיך. צי ער איז גע־שלאָפן, אָדער געמאַכט זיך, נאָר ער האָט זיך נישט באַוועגט. איך האָב

אים אָנגערירט מיט דער האַנט. ער האָט זיך אָפּגעדעקט, און מ'האָט גע-
זעען, אַז ער איז נישט געשלאָפן.

— זייט געזונט, — האָב איך געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די האַנט.
ער האָט מיר דערלאַנגט זיין האַנט און קוים אַ שמייכל געטון, אָבער אַזוי
קלעגלעך, אַז מיר האָט זיך געוואָלט וויינען.

— יאָ, זייט מיר מוחל, — האָט ער איבערגעחזרט דאָס זעלביקע
וואָרט, מיט וועלכן ער האָט געענדיקט אויך די גאַנצע דערציילונג.

## אַ נאָכוואָרט צו דער קרייצער־סאָנאַטע

איך האָב באַקומען און באַקום פיל בריוו פון מענטשן פאַר מיר אומבאַקאַנטע, וועלכע בעטן מיך דערקלערן אין פּשוטע און קלאָרע דיבורים דאָס, וואָס איך טראַכט וועגן דעם קעגנשטאַנד פון דער דערציילונג, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אונטערן טיטל „קרייצער־סאָנאַטע". איך וועל מיך דאָס פּרוּוון טון, ד. ה. אין קורצע ווערטער אויסדריקן, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך, דעם מהות פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן אין דער־דאָזיקער דערציילונג, און פון די אויספירן, וועלכע מען קאָן, לויט מיין מיינונג, פון דעם מאַכן.

---

איך האָב געוואָלט זאָגן, ע ר ש ט נ ס, דאָס, וואָס אין אונזער געזעלשאַפט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פעסטע, אַלגעמיינע פאַר אַלע שטאַנדן און אונטערגעשטיצטע דורך דער פאַלשער וויסנשאַפט, איבערציי־גונג אין דעם, אַז די געשלעכטלעכע געמיינשאַפט איז אַ זאַך אַ נייטיקע פאַרן געזונט, און אַז, היות ווי חתונה האָבן איז אַ זאַך נישט אַלע מאָל קיין מעגלעכע, איז אויך די געשלעכטלעכע געמיינשאַפט אָן חתונה, וועל־כע איז דעם מאַנסביל צו גאָרנישט מחייב, אויסער צו געלט־באַלוינונג, אַ זאַך להלוטין אַ נאַטירלעכע און דעריבער אַזאַ, וועלכע דאַרף אונטער־געהאַלטן ווערן. דידאָזיקע איבערצייגונג איז אין אַזאַ מאָס געוואָרן אַל־געמיין און פעסט, אַז עלטערן אָרדענען איין, לויט דער עצה פון דאָק־טוירים, זנות פאַר זייערע קינדער; די רעגירונגען, וואָס דער איינציקער

זינען זייערער באַשטייט אין דער זאָרג וועגן דעם מאָראַלישן וווילשטאַנד פון זייערע בירגער, גרינדן זנות, ד. ה. זיי רעגולירן אַ גאַנצע קאַסטע פרויען, וואָס מוזן אומקומען קערפּערלעך און גייסטיק, כדי צו באַפרידיקן די פלומרשטע באַדערפעניש פון די מאַנסביל, און נישט קיין באַווייבטע מענטשן גיבן זיך איבער צו זנות מיט אַ גאַנץ ריינעם געוויסן.

בכן האָב איך געוואָלט זאָגן, אַז דאָס איז נישט גוט, ווייל דאָס קאָן נישט זיין, אַז צוליב דעם געזונט פון איינע מענטשן זאָל מען דאַרפן פטרן די קערפּערס און די נשמות פון אַנדערע מענטשן, פונקט ווי עס איז נישט מעגלעך דאָס, אַז צוליב דעם געזונט פון איינע מענטשן זאָל מען דאַרפן טרינקען דאָס בלוט פון אַנדערע.

דער אויספיר אָבער, וועלכן עס איז, דאַכט זיך מיר, נאַטירלעך צו מאַכן דערפון, איז דער, אַז לאָזן זיך פאַרפירן פון דעמדאָזיקן טעות און רמאות דאַרף מען נישט. און כדי נישט צו לאָזן זיך פאַרפירן, דאַרף מען, ערשטנס, נישט גלייבן די נישט עטישע לערעס, דורך וועלכע פלומרשטדיקע וויסנשאַפטן זיי זאָלן נישט אונטערגעהאַלטן ווערן, און, צווייטנס, פאַרשטיין, אַז אַריינטרעטן אין אַזאַ געשלעכטלעכע געמיינשאַפט, באַ וועלכער מענטשן באַפרייען זיך פון די מעגלעכע רעזולטאַטן — פון קינדער, אָדער זיי וואַרפן אַרויף די גאַנצע משא פון די רעזולטאַטן אויף דער פרוי, אָדער זיי פאַרזיכערן זיך פאַרויס פון דער מעגלעכקייט צו געבוירן קינדער, — אַז אַזאַ געשלעכטלעכע געמיינשאַפט איז אַ פאַרברעכן קעגן דער סאַמע פשוטער פאָדערונג פון מאָראַלישקייט, איז אַ געמיינהייט, און דעריבער דאַרפן נישט-באַווייבטע יונגע מענטשן, וועלכע ווילן נישט לעבן אַ מיאוס לעבן, דאָס נישט טון.

כדי אָבער זיי זאָלן זיך קאָנען אָפּהאַלטן, דאַרפן זיי, אַ חוץ וואָס פירן אַ נאַטירלעכן לעבנסשטייגער: נישט שיכורן, נישט פרעסן, נישט עסן קיין פלייש און נישט אויסמיידן קיין אַרבעט (נישט גימנאַסטיק, נאָר איינמאַטערנדיקע, נישט-שפּיל-אַרבעט), — נישט דערלאָזן אין זייערע געדאַנקען די מעגלעכקייט צו באַהעפטן זיך מיט פרעמדע פרויען, פונקט אַזוי ווי יעדער מענטש דערלאָזט נישט אַזאַ מעגלעכקייט צווישן זיך מיט דער מוטער, מיט די שוועסטער, מיט קרובות, מיט די פרויען פון חברים.

און באַווייזן, אַז איינגעהאַלטנקייט איז מעגלעך און ווייניקער געפערלעך און שעדלעך פאַרן געזונט, איידער נישט איינגעהאַלטנקייט, קאָן יעדער מאַנסביל געפינען אַרום זיך הונדערטער.

דאָס איז דאָס ערשטע.

דאָס צווייטע איז דאָס, וואָס אין אונזער געזעלשאַפט איז, מחמת דעם בליק אויף ליבע־געמיינשאַפט נישט בלויז ווי אויף אַ נייטיקן תנאי פון געזונט און אויף פאַרגעניגן, נאָר אויך ווי אויף אַ פּאַטעטיש געהויבן גוטס פון לעבן, — די אומגעטרייהייט צווישן מאַן און ווייב געוואָרן אין אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט (אין פויערטום באַזונדער צוליב דער זעלנערשאַפט) גאָר אַ געוויינלעכע דערשיינונג.

און איך מיין, אַז דאָס איז נישט גוט.

דער אויספיר, וואָס פליסט דערפון אַרויס איז דער, אַז מען דאַרף עס נישט טון.

כדי אָבער נישט צו טון דאָס, דאַרף מען, אַז עס זאָל געענדערט ווערן דער בליק אויף דער קערפּערלעכער ליבע, אַז מאַנסבילן און פרויען זאָלן דערצויגן ווערן אין די משפחות און דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אַזוי, אַז זיי זאָלן פאַר און נאָך דער חתונה נישט קוקן אויף פאַרליבעניש און אויף קערפּערלעכער ליבע, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, ווי אויף אַ פּאַטעטישן און געהויבענעם צושטאַנד, ווי מען קוקט דערויף איצט, נאָר ווי אויף אַ דערנידערנדיקן פאַרן מענטש חיהשן צושטאַנד; און אַז דאָס שטערן די הבטחה פון געטרייהייט, וואָס מען גיט צו דער חתונה, זאָל באַשטראָפט ווערן דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג לפּחות אַזוי, ווי עס ווערט דורך איר באַשטראָפט דאָס נישט דערפילן קיין געלט־התחייבותן און ווי האַנדל־שווינדלערייען, און דאָס זאָל נישט באַזונגען ווערן אין ראָמאַנען, אין פערזן, אין לידער, אָפּערעס א. אַז. וו.

דאָס איז דאָס צווייטע.

דאָס דריטע איז דאָס, וואָס אין אונזער געזעלשאַפט, ווידער־אַמאָל מחמת דערזעלביקער פאַלשער באַדייטונג, וואָס מען גיט דער קערפּערלעכער ליבע, האָט דאָס קינדער־געבוירן פאַרלוירן דעם זינען, און אַנשטאָט צו זיין דער ציל און די פאַרענטפערונג פון מאַן־און ווייב־באַציונג, איז עס געוואָרן אַ שטער פאַרן אָנגענעמען המשך פון ליבע־באַציונגען; און וואָס דעריבער האָט סיי אָן חתונה סיי מיט חתונה, לויט דער עצה פון די כוהנים פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, גענומען זיך פאַרשפּרייטן דאָס געברויכן מיטלען, וועלכע נעמען צו בײַ די פרויען די מעגלעכקייט צו געבוירן קינדער, אָדער עס האָט אָנגעהויבן ווערן אַ מנהג, אַ רגילות דאָס וואָס עס איז פריער נישט געווען און איז נאָך איצט נישטאָ אין די פּאַטריאַרכאַלע פויערישע משפּחות: דאָס פאַרזעצן

באַציִונגען צווישן מאַן און ווייב אין דער צייט פון שוואַנגערשאַפט און פון קינדער-זייגן.

און איך מיין, אַז דאָס איז נישט גוט.

ס'איז נישט גוט צו נוצן מיטלען קעגן קינדער-האָבן, ערשטנס, דערפאַר, ווייל דאָס באַפרייט מענטשן פון מי און זאָרג וועגן קינדער, וועלכע זענען דער אויסלייז פאַר דער קערפּערלעכער ליבע, און, צווייטנס, דערפאַר, ווייל דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער נאָענט צו אַ טאַט, וועלכע איז די סאַמע עקלהאַפטע פאַר דעם מענטשס געוויסן — צו מאָרד. און נישט גוט איז די נישט איינגעהאַלטנקייט בשעת שוואַנגערשאַפט און זייגן דערפאַר, ווייל דאָס פטרט די קערפּערלעכע און דער עיקר די גייסטיקע קרעפטן פון דער פרוי.

און דער אויספיר, וואָס פליסט דערפון אַרויס, איז דער, אַז מען דאַרף עס נישט טון. און כדי מען זאָל דאָס נישט טון, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז איינגעהאַלטנקייט, וואָס זי איז דער נויטיקער תּנאַי פון מענטשלעכער ווערדע באַם נישט חתונה-געהאַטן צושטאַנד, איז נאָך אַ גרעסערער חוב נאָך דער חתונה.

דאָס איז דאָס דריטע.

דאָס פערטע איז דאָס, וואָס אין אונזער געזעלשאַפט, ווו קינדער שטעלט מען פאַר אָדער ווי אַ שטער פאַרן פאַרגעניגן, אָדער ווי אַ אומגליקלעכע צופעליקייט, אָדער ווי אַ מין תּענוג, ווען זיי ווערן געבוירן אין אַ לכתּחילה באַשטימטער צאָל, — ווערן דידאָזיקע קינדער דערצויגן נישט פאַר די אויפגאַבן פונם מענטשלעכן לעבן, וועלכע שטייען זיי פאַר אַלס פאַרשטענדיקע און לעבנדיקע וועזנס, נאָר פאַר יענע פאַרגעניגנס, וועלכע זיי קאָנען פאַרשאַפן די עלטערן; און וואָס מחמת דעם ווערן די קינדער פון מענטשן דערצויגן ווי די קינדער פון חיות, אַזוי אַז דער עיקר זאָרג פון די עלטערן באַשטייט נישט אין דעם, אַז מען זאָל זיי צוגרייטן צו אַ פאַסיקער פאַר אַ מענטש טעטיקייט, נאָר אין דעם (אין וואָס די עלטערן ווערן אונטערגעהאַלטן דורך דער פאַלשער וויסנשאַפט, וועלכע רופט זיך מעדיצין), אַז מען זאָל זיי וואָס בעסער אָנשטאָפּן, פאַרגרעסערן זייער וווקס, מאַכן זיי פאַר ריינע, ווייסע, זאַטע, שיינע (אויב אין די נידעריקע קלאַסן טוט מען עס נישט, איז עס נאָר מחמת דער הכרחיות, אָבער דער בליק איז דער זעלביקער). און אין די אויסגעצערטלטע, ווי אין אַלע אויסגעשטאָפּטע חיות, באַווייזט זיך אומנאַטירלעך פרי די אומבאַזיגלעכע זינלעכקייט, וועלכע איז די סיבה פון שרעקלעכע

יסורים פאַר דידאַזיקע קינדער אין דער אונטערוואַקסנדיקער עלטער. קאָסטיומען, לייענונגען, ספּעקטאַקלען, מוזיק, טענץ, זיסע שפּייז, די גאַנצע אויסשטאַטונג פונם לעבן, פון די בילדלעך אויף קעסטלעך ביז ראָמאַנען און דערציילונגען און פאָרמען, צינדן נאָך מער פונאַנדער דידאָזיקע זינלעכקייט, און צוליב דעם ווערן די סאַמע שרעקלעכע געשלעכטלעכע פעלערן און קראַנקייטן געוויינלעכע באַדינגונגען פון אויסכאַוועון קינדער פון ביידע מינים, און אָפט פאַרבלייבן זיי אויך אין דער רייפער עלטער.

און איך מיין, אַז דאָס איז נישט גוט.

און דעם אויספיר, וועלכן מען דאַרף מאַכן פון דעם, איז דער, אַז מען דאַרף אויפהערן צו דערציען קינדער פון מענטשן ווי קינדער פון חיות, נאָר פאַר דער דערציונג פון מענטשן דאַרף מען אַזעקשטעלן אַנדערע צילן חוץ אַ שיינעם אויסגעכאַוועטן קערפּער.

דאָס איז דאָס פערטע.

דאָס פ י נ פ ט ע איז דאָס, וואָס אין אונזער געזעלשאַפט, ווו די איינליבעניש צווישן אַ יונגן מאַנסביל און אַ פרוי, וואָס האָט אין יסוד פאָרט די קערפּערלעכע ליבע, איז דערהויבן צו אַ העכערן פּאָעטישן ציל פון די מענטשלעכע שטרעבונגען, און אַלס באַווייז דערצו דינט די גאַנצע קונסט און די פּאָעזיע פון אונזער געזעלשאַפט, — גיבן יונגע מענטשן די בעסטע צייט פון זייער לעבן אָפּ: די מאַנסבילן אויף אויסקוקן, אויסזוכן און פאַרכאַפּן דעם בעסטן אָביעקט פון ליבע אין דער פאָרם פון אַ ליבע-שפּיל צי חתונה, און פרויען און מיידלעך — אויף פאַרנאַרן און אַריינציען מאַנסבילן אין אַ ליבע אָדער אין חתונה.

און צוליב דעם ווערן די בעסטע כוחות פון מענטשן געפּטרט נישט בלויז אויף אומפּראָדוקטיווער, נאָר אויף שעדלעכער אַרבעט. דערפון שטאַמט דער גרעסטער טייל משוגענער לוקסוס פון אונזער לעבן, דערפון — די פוסטעפּאַסנעקייט פון די מאַנסבילן, און די אומפאַרשעמטקייט פון די פרויען, וועלכע עס פאַרמיידן זיך נישט אַרויסצושטעלן לויט די מאָדעס, וועלכע ווערן איבערגענומען פון באַשטימטע אויסגעלאַסענע פרויען, די טיילן פון קערפּער, וועלכע רופן אַרויס זינלעכקייט.

און איך מיין, אַז דאָס איז נישט גוט.

נישט גוט איז עס דערפאַר, ווייל די דערגרייכונג פונם ציל צו פאַרייניקן זיך אין חתונה צי אָן חתונה מיט דעם אָביעקט פון דער ליבע,

ווי זי זאָל נישט זיין פּאָעטיזירט, איז אַ ציל נישט קיין פּאַסיקער פאַר אַ מענטש, פּונקט אַזוי ווי נישט פּאַסיק עס איז פאַרן מענטש דער ציל, וואָס פיל מענטשן שטעלן זיך אַלס דאָס העכסטע גליק — צו דערווערבן זיך אַ סך גוטע שפּייז.

דער אויספיר אָבער, וואָס מען קאָן דערפון מאַכן, איז דער, אַז מען דאַרף אויפהערן צו טראַכטן, אַז ליבע קערפּערלעכע איז עפּעס באַזונדער דערהויבנס, נאָר מען דאַרף פאַרשטיין, אַז דער ציל, וואָס פּאַסט פאַר אַ מענטש — דינען דער מענטשהייט, פאָטערלאַנד, דער וויסנשאַפט, צי דער קונסט (שוין נישט רעדנדיק וועגן דינען גאָט) — וואָס ער זאָל נישט זיין, אויב נאָר מיר האַלטן אים פאַר פּאַסיק פאַר אַ מענטש, ווערט נישט דערגרייכט דורך דער פאַרייניקונג מיט דעם אָביעקט פון דער ליבע אין חתונה, אָדער אָן חתונה, נאָר, פאַרקערט, די איינליבעניש און די פאַרייניקונג מיט דעם אָביעקט פון ליבע (ווי מען זאָל זיך נישט באַמיען צו דערווייזן דעם היפּוך אין לידער און אין פּראָזע) פאַרלייכטערט קיינמאָל נישט צו דערגרייכן דעם פּאַסיקן פאַר אַ מענטש ציל, נאָר פאַרשווערעקט עס אַלע מאָל.

דאָס איז דאָס פינפטע.

אָט דאָס איז דאָס ממשותדיקע, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן און געטראַכט, וואָס איך האָב געזאָגט אין מיין דערציילונג. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען קאָן רעדן וועגן דעם, ווי אויסצובעסערן יענץ שלעכטס, אויף וועלכן עס האָבן אָנגעוויזן דידאָזיקע טעזן, אָבער נישט מסכים זיין מיט זיי קאָן מען בשום אופן נישט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט מסכים זיין מיט זיי קאָן מען נישט, ערשטנס, דערפאַר, ווייל דידאָזיקע טעזן שטימען איינגאַנצן מיט דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, וועלכער איז שטענדיק געגאַנגען פון צעלאָזנקייט צו אַלץ גרעסערער און גרעסערער ריינקייט, און מיט דעם מאָראַלישן באַוווסטזיין פון דער געזעלשאַפט, מיט אונזער געוויסן, וואָס פאַראורטיילט אַלע מאָל די צעלאָזנקייט און שעצט די ריינקייט; און, צווייטנס, דערפאַר, וואָס דידאָזיקע טעזן זענען נאָר אומפאַרמיידלעכע אויספירן פון דער עוואַנגעלישער לערע, פון וועלכער מיר האַלטן, אָדער וועלכע, לפּחות, מיר אָנערקענען, הגם אומבאַוווסטזיניק, אַלס יסוד פון אונזערע באַגריפן וועגן דעם מאָראַל.

אָבער אַרויסגעקומען איז נישט אַזוי.

קיינער, אמת, האָט דירעקט נישט אָפּגעוועגדט די טעזן וועגן דעם,

אַז מען דאַרף נישט זיין אויסגעלאָסן ביז דער חתונה, מען דאַרף נישט אויך נאָך דער חתונה, אַז מען טאָר קינסטלעך נישט פאַרניכטן דאָס קינדער געבוירן, אַז מען דאַרף פון קינדער נישט מאַכן קיין שפּיל און מען דאַרף די ליבע-פאַרייניקונג נישט שטעלן העכער פאַר אַלץ, — מיט איין וואָרט, קיינער איז נישט דערגעגן, אַז ריינקייט איז בעסער פאַר צעלאָזנקייט. נאָר מען זאָגט: „אויב נישט-חתונה איז בעסער פאַר חתונה, איז דאָך באַשיינפּערלעך, אַז מענטשן דאַרפן טון דאָס, וואָס עס איז בעסער. אויב אָבער מענטשן וועלן עס טון, וועט דער מין מענטש בטל ווערן, און דעריבער קאָן פאַר דעם מענטשלעכן מין נישט זיין קיין אידעאַל זיין פאַרניכטונג". אָבער, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז די פאַרניכטונג פון דעם מענטשלעכן מין איז נישט קיין נייער באַגריף פאַר די מענטשן פון אונזער וועלט, נאָר דאָס איז פאַר רעליגיעזע מענטשן אַ דאָגמע פונם גלויבן, און פאַר מענטשן פון דער וויסנשאַפט אַן אומפאַרמיידלעכער אויספיר פון די באַאָבאַכטונגען איבער דער אָפּקילונג פון דער זון, איז אין דער אָפּווענדונג פאַראַן אַ גרויסער, פאַרשפּרייטער און אַן אַלטער טעות.

מען זאָגט: „אויב מענטשן וועלן דערגרייכן דעם אידעאַל פון פולקאָמער ריינקייט, וועלן זיי פאַרניכטעט ווערן, און דעריבער איז דערדאָזיקער אידעאַל נישט קיין ריכטיקער". אָבער יענע, וועלכע זאָגן אַזוי, מישן צונויף בשוגג צי במזיד צוויי פאַרשידנאַרטיקע זאַכן — געזעץ-פאָרשריפט און אידעאַל.

ריינקייט איז נישט קיין כלל, אָדער קיין פאָרשריפט, נאָר אַן אידעאַל, אָדער גיכער — איינע פון זיינע באַדינגונגען.

און אַן אידעאַל איז נאָר דעמאָלט אַן אידעאַל, ווען זיין פאַרווירקלעכונג איז מעגלעך אין דער אידעע, אין געדאַנק, ווען ער שטעלט זיך פאָר אַלס דערגרייכבאַר נאָר אין דער אומענדלעכקייט, און דעריבער — ווען די מעגלעכקייט צו דערנענטערן זיך צו אים איז אומענדלעך. ווען דער אידעאַל וואָלט נישט בלויז געקאָנט דערגרייכט ווערן, נאָר ווען מיר וואָלטן זיך געקאָנט פאָרשטעלן זיין פאַרווירקלעכונג, וואָלט ער אויפגעהערט צו זיין אַן אידעאַל.

אַזאַ איז דער אידעאַל פון קריסטוסן, — די גרינדונג פון גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד; דער אידעאַל, וואָס איז נאָך פאָרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די נביאים, אַז עס וועט אָנקומען אַ צייט, ווען אַלע מענטשן וועלן זיין אָנגעלערנט פון גאָט, זיי וועלן איבערשמידן די שווערדן אויף

אַקעראַייזנס, די שפּיזן אויף שניידמעסערס, דער לייב וועט ליגן מיט אַ שעפּסעלע, און ווען אַלע באַשעפעניש וועלן זיין פאַרייניקט דורך ליבע. דער גאַנצער זינען פון דעם מענטשלעכן לעבן באַשטייט אין דער באַווע־גונג צו דעמדאָזיקן אידעאַל, און דעריבער שליסט נישט אויס די שטרע־בונג צו דעם קריסטלעכן אידעאַל אין זיין גאַנצן סך הכל, און צו ריינ־קייט, ווי צו איינעם פון די באַדינגונגען פון דעמדאָזיקן אידעאַל, נישט נאָר די מעגלעכקייט פון לעבן, נאָר פאַרקערט, ווען עס זאָל נישט זיין דער קריסטלעכער אידעאַל, וואָלט בטל געוואָרן די באַוועגונג פאָרויס און במילא די מעגלעכקייט פון לעבן.

די רייד וועגן דעם, אַז דער מין מענטש וועט אויפהערן, ווען מענטשן וועלן מיט אַלע קרעפטן שטרעבן צו ריינקייט, זענען געגליכן צו דעם, ווי מען וואָלט געזאָגט (און מען זאָגט טאַקע), אַז דער מענטש וועט אומקומען, אויב מענטשן וועלן אָנשטאָט דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, מיט אַלע כוחות שטרעבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון ליבע צו פריינט, צו שונאים, צו אַלץ וואָס לעבט.

אַזעלכע רייד פליסן אַרויס פון דעם נישט פאַרשטיין די פאַרשי־דענע צוויי מעטאָדן פון מאָראַלישער פירונג.

אַזוי ווי עס זענען פאַראַן צוויי אופנים אָנצווייזן דעם גייער, וואָס זוכט אַ וועג־ווייזונג, דעם וועג, אַזוי זענען פאַראַן צוויי אופנים פון מאָ־ראַלישער פירונג פאַר דעם מענטש, וואָס זוכט דעם אמת. איין אופן באַ־שטייט אין דעם, וואָס דעם מענטש ווערן אָנגעוויזן די זאַכן, וועלכע מוזן זיך אים באַגעגענען, און ער ריכט זיין וועג לויט דידאָזיקע זאַכן.

דער צווייטער באַשטייט אין דעם, וואָס דעם מענטש ווערט געגעבן נאָר די ריכטונג לויטן קאָמפּאַס, וועלכן דער מענטש טראָגט מיט זיך, און אויף וועלכן ער זעט אַלע מאָל איין אומענדלעכע ריכטונג, און דעריבער יעדע אָפּווייכונג זיינע פון איר.

דער ערשטער אופן פון מאָראַלישער ריכטונג איז דאָס מיטל פון אויסערלעכע באַשטימונגען, פון כללים. דעם מענטש ווערן געגעבן באַ־שטימטע סימנים פון מעשים, וועלכע ער דאַרף יאָ, אָדער ער דאַרף נישט טון.

„היט שבת, זיי זיך מל, נישט גנבע, נישט טרינק קיין פאַרשיכורנ־דיקע געטראַנקען, נישט טייט קיין לעבעדיקן, גיב מעשר פאַר אָרימע לייט, וואַש זיך, טו תפילה פינף מאָל אַ טאָג און דאָס גל". אַזעלכע זע־נען די געזעצן פון די אויסערלעכע רעליגיעזע לערעס; דער בראַמי־

נישער, דער בודיסטישער, דער מאַכמעדאַנישער, דער יידישער און אַנדערע.

דער צווייטער אופן איז דער אופן פון אָנווייזן דעם מענטש די קיינמאָל נישט דערגרייכלעכע פּאַר אים פולקאָמענהייט, וואָס די שטרעבונג צו איר דערקענט דעם מענטש אין זיך: דעם מענטש ווערט אָנגעוויזן אַ אידעאַל, בנוגע צו וועלכן ער קאָן שטענדיק זעען די מדרגה פון זיין דערווייטערן זיך פון אים.

„ליב דיין גאָט מיט דיין גאַנץ האַרץ און מיט דער גאַנצער נשמה דיינער און מיט דעם גאַנצן פאַרשטאַנד דיינעם, און דיין נאָענטן ווי זיך אַליין. זייט פולקאָם, ווי פולקאָם עס איז אייער פאָטער דער הימלישער“.

אַזאַ איז די תורה פון קריסטוס.

די קאָנטראָל פון מקיים זיין די אויסערלעכע רעליגיעזע תורות איז דאָס צונויפפאַלן פון די מעשים מיט די באַשטימונגען פון די דאָזיקע תורות, און דיזאָזיקע צונויפפאַלונג איז אַ מעגלעכע.

די קאָנטראָל פון מקיים זיין קריסטוסעס תורה איז דערקענען די מדרגה פון נישט-אַנטשפּרעכונג מיט דער אידעאַלער פולקאָמענהייט. (די מדרגה פון דערנענטערונג זעט מען נישט: מען זעט נאָר די אָפּנייגונג פון דער פולקאָמענהייט.)

דער מענטש, וואָס האַלט פון דעם אויסערלעכן געזעץ, איז אַ מענטש, וואָס שטייט אין דעם ליכט פון אַ לאַמטער, וועלכע איז אויפגעהאָנגען אויף אַ סלופּ. ער שטייט אין דעם ליכט פון דער לאַמטער, אים איז ליכטיק, און ווייטער האָט ער נישט וווּהין צו גיין. דער מענטש, וואָס האַלט פון קריסטוסעס תורה איז געגליכן צו דעם מענטש, וועלכער טראָגט אַ לאַמטער פאַר זיך אויף אַ מער-ווייניקער לאַנגן שטעקן: ער האָט דאָס ליכט שטענדיק פאָרויס, און אַלע מאָל דערוועקט עס אים צו גיין נאָך זיך און אַנטפּלעקט פון דאָס ניי פאַר אים די נייע, צו זיך לאָקנדיקע, באַלויכטענע שטרעקע.

— דער פּרושי דאַנקט גאָט דערפאַר, וואָס ער איז אַלץ מקיים.

דער רייכער בחור איז אויך אַלץ מקיים פון קינדווייז אָן, און ער פאַרשטייט נישט, וואָס קאָן אים פעלן. און זיי קאָנען נישט טראַכטן אַנדערש: פאָרויס איז בײַ זיי גאָרנישט נישטאָ, צו וואָס זיי זאָלן קאָנען ווייטער שטרעבן. דאָס מעשר איז אָפּגעגעבן, שבת — אָפּגעהיט, די עלטערן — כבוד געגעבן, קיין ניאוף, קיין גנבה, קיין רציחה — נישטאָ. וואָס-זשע

נאָך ? אָבער פאַר דעם, וואָס האַלט פון דער קריסטלעכער לערע, רופט די דערגרייכונג פון יעדער מדרגה פולקאָמענהייט אַרויס די באַדערפעניש צו דערהויבן זיך אויף אַ נייע מדרגה, פון וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך אַ נאָך העכערע, און אַזוי אָן אַ סוף.

דער, וואָס גלייבט אין קריסטוסעס געזעץ, איז אַלע מאָל אין דער לאַגע פון אַ נע-ונד. ער פילט זיך אַלע מאָל אומפולקאָם, נישט זעענדיק הינטער זיך דעם וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, נאָר זעענדיק אַלע מאָל פאַר זיך יענעם וועג, איבער וועלכן מען דאַרף נאָך גיין, און וועלכן ער איז נאָך נישט דורכגעגאַנגען.

אין דעם באַשטייט דער אונטערשיד צווישן קריסטוסעס לערע מיט אַלע אַנדערע רעליגיעזע לערעס, דער אונטערשיד, וואָס באַשטייט נישט אין דעם אונטערשיד פון פאָדערונגען, נאָר אין דעם אונטערשיד פונם אופן פון פירן מענטשן.

קריסטוס האָט נישט געגעבן קיין באַשטימונגען פון לעבן, ער האָט קיינמאָל נישט געגרינדעט קיין אַנשטאַלטן, ער האָט אויך קיינמאָל נישט איינגעשטעלט קיין חתונה. אָבער די מענטשן, וועלכע פאַרשטייען נישט די באַזונדערהייט פון קריסטוסעס לערע, וועלכע זענען געוווינט צו די אויסערלעכע לערעס און ווילן זיך פילן גערעכט, ווי עס פילט זיך גערעכט דער פּרושי, דער חידער צו דעם גאַנצן גייסט פון קריסטוסעס לערע, האָבן פון זיין אות געמאַכט אַן אויסערלעכע תורה פון געזעצן, און מיט דערדאָזיקער תורה האָבן זיי פאַרביטן די אמתע קריסטוסעס לערע פון אידעאַל.

. . . . . . . . . . .

היות ווי אין דער אמתער קריסטלעכער לערע איז נישטאָ קיין יסודות פאַר דער פאַראַנשטאַלטונג פון חתונה, איז שוין אויסגעקומען דאָס, וואָס די מענטשן פון אונזער וועלט זענען פון איין ברעג אָפּגעשטאַנען און צו דעם צווייטן נישט צוגעשטאַנען, דאָס הייסט זיי גלייבן אין תוך נישט אין די קירכלעכע באַשטימונגען פון חתונה, און צוזאַמען דערמיט, נישט זעענדיק פאַר זיך קריסטוסעס אידעאַל, די שטרעבונג צו פולשטענדיקער ריינקייט, פאַרבלייבן זיי בנוגע צו חתונה אָן שום הדרכה. פון דעם טאַקע שטאַמט עס יענע, וואָס ווייזט לכתחילה אויס אַ משונהדיקע, דערשיינונג ; וואָס באַ יידן, מאַכמעדאַנער, לאַמאַיסטן און אַנדערע, וועלכע אַנערקענען רעליגיעזע לערעס פון אַ נידעריקערן ניוואָ, איידער די קריסט-

לעכע, אָבער וואָס האָבן פּינקטלעכע אויסערלעכע באַשטימונגען פון חתונה, איז דער משפחה־יסוד און די חתונה־טרייהייט אָן אַ שיעור פעסטער, איידער בײַ די אַזוי גערופענע קריסטן.

בײַ יענע איז פאַראַן באַשטימטע קעפּשווייבעריי, אויך פּאָליגאַמיע אויך פּאָליאַנדריע, וואָס איז איינגעצוימט אין געוויסע גרענעצן. בײַ אונז אָבער עקזיסטירט אַ פולקאָמע צעלאָזנקייט, אויך קעפּשווייבעריי און פּאָ־ליגאַמיע און פּאָליאַנדריע, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן קיינע באַשטי־מונגען, וואָס פאַרבאָרגט זיך אונטער דעם אויסזעען פון כלומרשטיקער מאָנאָגאַמיע.

בלויז דערפאַר וואָס איבער אַ געוויסן טייל פון די, וואָס פאַרייניקן זיך, ווערט אויסגעפירט דורך די גייסטלעכע אַ געוויסע רעליגיעזע צערע־מאָניע, מיינען די מענטשן פון אונזער וועלט — צי נאַיוו, צי פאַלש, אַז זיי לעבן אין מאָנאָגאַמיע.

. . . . . . . . . . .

דער אידעאַל פון אַ קריסט איז ליבשאַפט צו גאָט און צום נאָענטן; איז אָפּזאָגן זיך פון זיך, כדי צו דינען גאָט און דעם נאָענטן; אָבער קער־פּערלעכע ליבע, חתונה, הייסט דינען זיך, און דעריבער איז זי יעדנפאַלס אַ מניעה צו דינען גאָט און מענטשן, און דעריבער הייסט עס פון קריסט־לעכן שטאַנדפּונקט — פאַלן, זינד.

דאָס חתונה האָבן קאָן נישט מיטהעלפן צו דינען גאָט און מענטשן אפילו אין דעם פאַל, ווען די חתונה־האָבנדיקע וואָלטן געהאַט אַלס ציל די פאָרזעצונג פון דעם מענטשלעכן מין. פאַר אַזעלכע מענטשן וואָלט אָנשטאָט חתונה האָבן און אַרויסברענגען אויף דער וועלט קינדער, פיל פּשוטער געווען אונטערצוהאַלטן און ראַטעווען יענע מיליאָנען קינדערישע לעבנס, וועלכע גייען פאַרלוירן אַרום אונז מחמת מאַנגל, איך רעד שוין נישט אין גייסטיקער, נאָר אין מאַטעריעלער שפּייז.

נאָר אין דעם פאַל וואָלט אַ קריסט אָן דעם באַוווסטזיין פון פאַלן, פון זינד, געמעגט חתונה האָבן, ווען ער וואָלט געזעען און געוווסט, אַז אַלע עקזיסטירנדיקע לעבנס פון די קינדער זענען באַזאָרגט.

מען קאָן נישט אויפנעמען די לערע פון קריסטוס, יענע לערע, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען אונזער גאַנץ לעבן, און אויף וועל־כער עס איז געגרינדעט אונזער גאַנצע מאָראַל, אָבער אויפנעמענדיק די־

אָזיקע לערע, מוז מען מודה זיין, אַז זי ווייזט אָן דעם אידעאַל פון פּולקאָמער ריינקייט.

אין דער עוואַנגעליע איז דאָך געזאָגט געוואָרן קלאָר און אָן דער מעגלעכקייט פון אַ וועלכער נישט איז אויסטייטשונג — ערשטנס, אַז דער באַווייבטער טאָר זיך נישט גטן מיט דעם ווייב, כדי צו נעמען אַן אַנדערע, נאָר מען מוז לעבן מיט דער, מיט וועלכער מען האָט זיך איינמאָל פּאַראייניקט (מתת. V, 31 ; 32. XIX, 8); צווייטנס — דאָס, אַז פאַר דעם מענטש בכלל, און היוצא מזה, סיי פאַר אַ באַווייבטן, סיי אויך פאַר אַ נישט-באַווייבטן איז אַ זינד צו קוקן אויף אַ פרוי, ווי אויף אַ געגנשטאַנד פון תענוג מתת. V, 28—29), און דריטנס, אַז פאַר אַ נישט באַווייבטן איז בעסער גאָרנישט חתונה צו האָבן, ד. ה. זיין אינגאַנצן אַ ריינער (מתת. XIX, 10—12).

---

פאַר פיל און פיל וועלן דידאָזיקע געדאַנקען אויסווייזן משונהדיקע און אפילו סותרדיקע.

און זיי זענען ווירקלעך סותרדיקע. אָבער נישט איינער מיט דעם אַנדערן, דידאָזיקע געדאַנקען זענען סותר דאָס גאַנצע לעבן אונזערס, און נישט ווילנדיק קומט דאָס באַוווסטזיין: ווער איז גערעכט? — דידאָזיקע געדאַנקען, צי דאָס לעבן פון מיליאָנען מענטשן און מיינס?

דאָסדאָזיקע געפיל האָב איך אויך געהאַט אין דער שטאַרקסטער מדרגה, ווען איך בין געקומען צו די איבערצייגונגען, וועלכע איך זאָג איצט אַרויס. איך האָב בשום אופן נישט געוואַרט, אַז דער גאַנג פון מיינע געדאַנקען, וועט מיך ברענגען צו דעם, צו וואָס ער האָט מיך געבראַכט. אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַן אימה פון מיינע אויספירן, איך האָב געוואָלט נישט גלייבן זיי. נאָר נישט גלייבן איז געווען אוממעגלעך. און ווי דידאָזיקע אויספירן זאָלן נישט סותר זיין דער גאַנצער אָרדנונג פון אונזער לעבן, ווי זיי זאָלן נישט סותר זיין דאָס, וואָס איך האָב פריער געטראַכט און אַרויסגעזאָגט אפילו, — מוז איך זיי דאָך אָנערקענען.

---

„אָבער דאָס זענען אַלץ אַלגעמיינע סברות, װעלכע זענען טאַקע, קאָן זיין, גערעכטע, נאָר זיי באַציען זיך צו דער ליבע פון קריסטוס און זענען אַ חוב פאַר יענע, װאָס האַלטן פון איר. אָבער דאָס לעבן איז לעבן, און מען קאָן נישט, אַנװייזנדיק פאַרויס קריסטוסעס אומדערגרייכ-לעכן אידעאַל, איבערלאָזן מענטשן אין איינער פון די סאַמע ברענענדיקע, אַלגעמיינע, און די גרעסטע צרות פאַרשאַפנדיקע, פראַגן בלויז מיט דעמ-דאָזיקן אידעאַל אָן שום הדרכה.

„דער ייִנגער ליידנשאַפטלעכער מענטש װעט זיך לכתחילה אָנצינדן מיט דעם אידעאַל, אָבער ער װעט נישט אויסהאַלטן, װעט זיך אָפּרייסן און נישט װיסנדיק און נישט אָנערקענענדיק קיין געזעצן, װעט ער אַריינ-פאַלן אין פולשטענדיקער אויסגעלאַסנהייט!"

אַזוי רעדט מען געװיינלעך.

„קריסטוסעס אידעאַל איז נישט דערגרייכלעך, דעריבער קאָן ער אונז נישט דינען אַלס לייטונג אין לעבן; װעגן אים קאָן מען רעדן, טרוימען, אָבער אין לעבן קאָן מען אים נישט אָנװענדן, און דעריבער דאַרף מען אים פאַרלאָזן.

„מיר דאַרפן נישט קיין אידעאַל, נאָר אַ געזעץ, אַ לייטונג, װאָס זאָל זיין לויט אונזערע כוחות, לויט דעם דורכשניטלעכן ניװאָ פון די מאָראַלישע כוחות פון אונזער געזעלשאַפט; קירכלעכע ערלעכע חתונה, אָדער אפילו נישט גאָר ערלעכע חתונה, בײַ װעלכער איינער פון דעם פאַרפאָלק, װי בײַ אונז, דער מאַנסביל, איז זיך שוין צונויפגעקומען מיט פרויען, אָדער כאָטש אַ חתונה מיט דער מעגלעכקייט פון גט, אָדער כאָטש ציווילע, אָדער (גייענדיק איבער דעמזעלביקן װעג) כאָטש אַ יאַפּאַנישע אויף אַ באַשטימטער צייט, — פאַרװאָס-זשע זאָל מען נישט דערגיין אויך ביז שאַנדהייזער?"

מען זאָגט, דאָס איז בעסער איידער גאַסן-זנות.

דאָס איז דאָך די צרה, װאָס, דערלויבנדיק זיך צו דערנידעריקן דעם אידעאַל צוליב אונזער שװאַכקייט, קאָן מען שוין נישט געפינען די גרענעץ, אויף װעלכער מען דאַרף זיך אָפּשטעלן.

אָבער דידאָזיקע אורטיילונג איז דאָך פון אָנהייב אָן נישט ריכטיק; נישט ריכטיק איז פריער פאַר אַלץ דאָס, אַז דער אידעאַל פון אומענדלע-כער פולקאָמענהייט זאָל נישט קאָנען געבן קיין לייטונג אין לעבן, און אַז מען זאָל דאַרפן קוקנדיק אויף אים — אָדער אַ מאַך טון מיט דער האַנט, זאָגנדיק, אַז איך דאַרף אים נישט, מחמת איך װעל אים קיינמאָל נישט

דערגרייכן, אָדער דערנידעריקן דעם אידעאַל ביז יענע מדרגות, אויף וועלכע עס ווילט זיך שטיין מיין שוואַכקייט.

אורטיילן אַזוי איז אַלץ איינס, ווי ווען דער ים־רייזנדער זאָל זיך זאָגן, אַז היות ווי איך קאָן נישט גיין איבער יענער ליניע, וועלכע עס ווייזט דער קאָמפּאַס, וועל איך אַרויס־וואַרפן דעם קאָמפּאַס, אָדער איך וועל אויפהערן צו קוקן אויף אים, — ד. ה. איך וועל אָפּוואַרפן דעם אידעאַל, אָדער איך וועל צופעסטיקן דעם ווייזער פון קאָמפּאַס צו יענעם אָרט, וואָס ווערט אין דעם געגעבענעם מאָמענט אַנטשפּרעכן דעם גאַנג פון מיין שיף, ד. ה. איך וועל דערנידעריקן דעם אידעאַל צו מיין שוואַכקייט. דער אידעאַל פון פולקאָמענהייט, וואָס קריסטוס האָט געגעבן, איז נישט קיין טרוים, אָדער קיין קעגנשטאַנד פון ריטאָרישע דרשות, נאָר די סאַמע נייטיקע. פאַר אַלעמען דערגרייכלעכע לייטונג פון אַ מאָראַליש לעבן פון מענטש, ווי דער קאָמפּאַס איז אַ נויטווענדיק און צוטריטלעך געצייג פאַר דעם ים־רייזנדן ; מען דאַרף נאָר גלייבן סיי אין דעם, סיי אין יענעם. אין וואָס פאַר אַ לאַגע דער מענטש זאָל זיך נישט געפינען, ווערט אַלע מאָל קלעקן די לערע פון דעם אידעאַל, וואָס איז געגעבן פון קריסטוסן, צו באַקומען די סאַמע ריכטיקע אָנווייזונג פון די מעשים, וועלכע מען דאַרף יאָ, און וועלכע מען דאַרף נישט באַגיין. נאָר מען דאַרף גלייבן דערדאָזיקער לערע פולשטענדיק, נאָר דער לערע אַליין, — אויפהערן צו גלייבן אין אַלע אַנדערע, פונקט אַזוי ווי דער ים־רייזנדער דאַרף גלייבן אין קאָמפּאַס, אויפהערן ציצוקוקן זיך און פירן זיך לויט דעם, וואָס ער זעט אָן אַ זייט. מען דאַרף זיך קענען פירן לויט דער קריסטלעכער לערע, ווי קענען זיך פירן לויטן קאָמפּאַס, און צוליב דעם דאַרף מען, דער עיקר, פאַרשטיין די אייגענע לאַגע, מען דאַרף קענען נישט מורא האָבן מיט פּינקטלעכקייט צו באַשטימען די אָפּנייגונג פון דער אידעאַלער געגעבענער ריכטונג. אויף וועלכער מדרגה דער מענטש זאָל נישט שטיין, האָט ער אַלע מאָל די מעגלעכקייט צו דערנענטערן זיך צו דעמדאָזיקן אידעאַל, און קיין שום לאַגע קאָן פאַר אים נישט זיין אַזאַ, אין וועלכער ער זאָל קאָנען זאָגן, אַז ער האָט אים דערגרייכט, און זאָל נישט קאָנען שטרעבן צו נאָך אַ גרעסערער דערנענטערונג. אַזאַ איז די שטרעבונג פון דעם מענטש צו דעם קריסטלעכן אידעאַל בכלל און פונקט אַזאַ — צו דער ריינקייט בפרט. אַז מען זאָל זיך פאָרשטעלן בנוגע דער געשלעכטלעכער פראַגע סאַמע פאַרשידנאַרטיקע לאַגעס פון מענטשן, פון דער אומשולדיקער קינדהייט אָן ביז חתונה, אין וועלכער עס ווערט נישט אָפּגעהיטן קיין

איינגעהאַלטנקייט, וועט אויף יעדער מדרגה צווישן דידאָזיקע צוויי לאַגעס קריסטוסעס לערע מיט דעם אידעאַל, וואָס ער שטעלט אַרויס, שטענדיק דינען פאַר אַ קלאָרער און באַשטימטער לייטונג אין דער הינזיכט, וואָס דער מענטש דאַרף, און וואָס ער דאַרף נישט טון אויף יעדערער פון די־דאָזיקע מדרגות.

וואָס דאַרף טון אַ ריין ייִנגל, אַ מיידל ? אויפהיטן זיך ריין פון נסיונות, און, כדי צו זיין בכוח אַלע קרעפטן אָפּצוגעבן אויף צו דינען גאָט און לייטן, שטרעבן צו אַלץ גרעסערער און גרעסערער ריינקייט פון די געדאַנקען און פון די פאַרלאַנגען.

וואָס זאָל טון אַ ייִנגל און אַ מיידל, וואָס זענען געפאַלן אונטער דעם נסיון, זענען פאַרשלונגען פון די געדאַנקען וועגן סתם ליבע, אָדער וועגן ליבע צו אַ באַשטימטער פערזאָן, און האָבן צוליב דעם פאַרלוירן אַ געוויסן חלק פון דער מעגלעכקייט צו דינען גאָט, אָדער לייטן ? — דאָסזעלביקע : נישט דערלאָזן זיך צו פאַלן, וויסנדיק, אַז אַזאַ נאַכלעסי־קייט וועט נישט באַפרייען פון דעם נסיון, נאָר וועט דעם נסיון פאַר־שטאַרקן, און ווייטער אַזוי שטרעבן צו אַלץ גרעסערער און גרעסערער ריינ־קייט לשם דער מעגלעכקייט פון פולשטענדיקערן דינען גאָט און לייטן.

וואָס זאָלן טון מענטשן, וואָס האָבן נישט מנצח געווען אין דעם קאַמף און זענען געפאַלן ? קוקן אויף זייער פאַלן נישט ווי אויף אַ גע־זעצלעכן תענוג, ווי מען קוקט איצט, ווען דאָס איז באַרעכטיקט דורך דער צערעמאָניע פון חתונה ; נישט ווי אויף אַ צופעליק פאַרגעניגן, וואָס מען קאָן איבערחזרן מיט אַנדערע, נישט ווי אויף אַן אומגליק, ווען דאָס פאַלן קומט פאָר מיט נישט קיין גלייכן, און אָן דער צערעמאָניע, נאָר קוקן אויף דעמדאָזיקן ערשטן פאַלן, ווי אויף דער איינצעלער, ווי אויף אומצעשיידלעכער חתונה.

דידאָזיקע חתונה מיט דעם רעזולטאַט, וואָס פליסט פון איר אַרויס, — דאָס קינדער־האָבן, באַשטימט פאַר די חתונה־האָבנדיקע אַ נייע, אַ מער באַגרענעצטע פאָרם פון דינען גאָט און לייטן. ביז חתונה האָט דער מענטש אומטיטלבאַר אין סאַמע פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען געקאָנט דינען גאָט און לייטן ; חתונה באַגרענעצט דעם געביט פון זיין טעטיקייט און פאָדערט פון אים צו האָדעווען און דערציִען די געבוירענע פון דער חתונה קינדער, די קינפטיקע דינער פון גאָט און לייטן.

וואָס זאָל טון אַ מאַנסביל און אַ פרוי אין חתונה און אויספירנ־

דיך דאָס באַגרענעצטע דינען גאָט און לייט. צוליב דעם האָדעווען און דערציִען קינדער, וואָס פליסט אַרויס פון זייער לאַגע?

אַלץ דאָס זעלבע: שטרעבן אינאיינעם צו דער באַפרייונג פון נסיון, צום ריייניקן זיך און איבעררייסן די זינד, דורך ענדערן די באַציונגען, וועלכע שטערן סיי דעם אַלגעמיינעם, סיי דעם אינדיווידועלן דינען גאָט און לייט, דורך ענדערן די קערפּערלעכע ליבע אויף ריינע באַציונגען פון שוועסטער און ברודער.

און דעריבער איז נישט אמת, אַז מיר קאָנען זיך נישט פירן לויט דעם אידעאַל פון קריסטוס, מחמת ער איז דאָך אַזוי הויך, פולקאָם און אומדערגרייכלעך. מיר קאָנען זיך לויט אים נישט פירן בלויז דערפאַר, וואָס מיר לייגן פאַר זיך זעלבסט אין נאַרן זיך אָפּ.

וואָרים אויב מיר זאָגן, אַז מען דאַרף האָבן געזעצן, וואָס זיי איז לייכטער צו פאַרווירקלעכן, איידער דעם אידעאַל פון קריסטוס, — פאַלן מיר אַריין אין אויסגעלאַסנקייט; מיר זאָגן נישט, אַז פאַר אונז איז צו הויך קריסטוסעס אידעאַל, נאָר מיר זאָגן, אַז מיר גלייבן אין אים נישט. און אַז מיר ווילן נישט באַשטימען אונזערע מעשים לויט דעמדאָזיקן אידעאַל. זאָגנדיק, אַז איינמאָל געפאַלן, פאַלן מיר אַריין אין אויסגעלאַסנקייט, זאָגן מיר דאָך דערמיט נאָר, אַז מיר האָבן לכתחילה שוין באַשלאָסן, אַז דאָס פאַלן מיט נישט קיין גלייכן, איז נישט קיין זינד, נאָר אַ שפּיל. אַ פאַרהאָכעניש, וועלכע עס איז נישט קיין חוב מתקן צו זיין דורך דעם, וואָס מיר רופן אָן חתונה. אויב מיר וואָלטן אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאַלן איז אַ זינד, וועלכע דאַרף און קאָן זיין אויסגעקויפט בלויז דורך דער אומצעררייסלעכקייט פון חתונה אין יענער גאַנצער טעטיקייט, וועלכע פליסט אַרויס פון דעם דערציִען די קינדער, וואָס זענען געבוירן פון דער חתונה, וואָלט דאָס פאַלן בשום אופן נישט געקאָנט זיין קיין סיבה אַריינצופאַלן אין אויסגעלאַסנקייט.

און דאָס איז דאָך די זעלבע זאַך, ווי ווען דער ערד־אַרבעטער וואָלט נישט גערעכנט פאַר קיין זייען דאָס זייען, וואָס עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, נאָר פאַרזייענדיק אויף אַ צווייט און אויף אַ דריט אָרט, וואָלט ער גערעכנט פאַר דעם אמתן זייען יענץ זייען, וואָס האָט זיך אים יאָ איינגעגעבן. ס'איז קלאָר, אַז יענער מענטש וואָלט געפּטרט אפילו ערד און זריעה, און וואָלט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט זייען.

נאָר שטעלט אַוועק פאַר אַן אידעאַל די ריינקייט, האַלט, אַז יעדעס פאַלן, פון וועמענס צד עס זאָל נישט זיין און מיט וועמען עס זאָל נישט זיין,

איז שוין איינצלנע, אומצעשטערלעכע חתונה אויפן גאַנצן לעבן, ווען שוין קלאָר ווערן, אַז די לייטונג, וואָס קריסטוס האָט געגעבן איז נישט בלויז געגנוג, נאָר די איינציק מעגלעכע.

„דער מענטש איז שוואַך, מען דאַרף פאַר אים שטעלן אַן אויפגאַבע, לויט די קרעפטן", זאָגן מענטשן. דאָס איז אַלציינס, ווי מען וואָלט זאָגן. „מיינע הענט זענען שוואַכע, און איך קאָן נישט דורכפירן קיין ליניע, וואָס זאָל זיין גלייך, דאָס הייסט די קורצסטע צווישן צוויי פונקטן, און דעריבער, כדי זיך צו מאַכן לייכטער, וועל איך, ווענלדיק דורכפירן אַ גלייכע, נעמען אַלס מוסטער אַ קרומע, אָדער אַ געבראָכענע". וואָס שוואַכער עס איז מיין האַנט, אַלץ אַ פולקאָמען מוסטער דאַרף איך האָבן.

מען טאָר נישט, דערקענענדיק די קריסטלעכע לערע פון אידעאַל, מאַכן זיך אַזוי. כלומרשט, מיר ווייסן זי נישט, און פאַרבייטן זי אויף אויסערלעכע באַשטימונגען. די קריסטלעכע לערע פון אידעאַל, איז אַנט-פּלעקט פאַר דער מענטשהייט דווקא דערפאַר, וואָס זי קאָן אים ווייזן דעם וועג יעדעס מאָל אין איצטיקן עלטער. די מענטשהייט האָט שוין אויס-געלעבט דעם פּעריאָד פון רעליגיעזע, אויסערלעכע באַשטימונג, און קיינער גלויבט שוין אין זיי נישט.

די קריסטלעכע לערע פון אידעאַל איז יענע איינציקע לערע, וועלכע קאָן פירן די מענטשהייט; מען קאָן נישט, מען דאַרף נישט פאַרבייטן קריסטוסעס אידעאַל אויף אויסערלעכע געזעצן, נאָר מען דאַרף פעסט האַלטן דעמדאָזיקן אידעאַל פאַר זיך אין זיין גאַנצער ריינקייט, און דער עיקר — גלויבן אין אים. צו דעם, וואָס שווימט נישט ווייט פונם ברעג, האָט מען געקאָנט זאָגן: „האַלט זיך בא יענעם בערגל, קאַפּ, טורעם" און דאָס גלייכן.

אָבער עס קומט אַ צייט, ווען די שווימער האָבן זיך דערווייטערט פונם ברעג, און אַלס וועג-ווייזער קאָנען זיי דינען בלויז די אומדער-גרייכלעכע שטערן און דער קאָמפּאַס, וועלכער באַווייזט די ריכטונג. און סיי דאָס, סיי יענץ איז אונז געגעבן.

# צוגאָב

דאָס פינפצענטע קאַפּיטל פון „קרייצער-סאָנאַטע“, וועלכעס איז אויסגעשלאָסן דורכן אויטאָר, דרוקט זיך לויטן טעקסט, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דעם זאַמלבוך פון דעם מאָסקווער טאָלסטאָי-מוזיי: „טאָלסטאָי און וועגן טאָלסטאָיען“. נייע מאַטעריאַלן. רעדאַגירט פון נ. נ. גוסיעוו. (מ. 1924), זז. 12—9.

## XV.

יאָ, די אײפּערזוכט — דאָס איז נאָך איינע פון די אַלעמען באַקאַנטע און פון אַלעמען פאַרבאָרגענע סודות פון התונה. חוץ דער אַלגעמיינער סיבה פון שנאה איינער צום אַנדערן מצד מאַן און ווייב, וועלכע באַשטייט אין דעם אָנטייל פוןביידן צוזאַמען אין דער פאַרשווערונג פון דעם מענטשלעכן קערפּער, און חוץ נאָך אַנדערע סיבות, איז נאָך דער קוואַל פון שטענדיקער רייסעניש צווישן מאַן און ווייב די קעגנזייטיקע אײפּערזוכט. אָבער לויט דעם קעגנזייטיקן הסכם איז באַשלאָסן, צו פאַרהוילן עס פון אַלעמען, און דאָס ווערט טאַקע פאַרהוילן. ווייסנדיק עס, מיינט יעדער איינער פאַר זיך, אַז דאָס איז נאָר זיין אומגליקלעכע באַזונדערהייט, אָבער נישט קיין אַלגעמיינער גורל. אַזוי איז געווען מיט מיר אויך. אַזוי מוז עס טאַקע זיין. אײפּערזוכט קאָן נישט נישט זיין צווישן מאַן און ווייב, וואָס לעבן אוממאָראַליש צווישן זיך. אויב זיי ביידע קאָנען נישט מקריב זיין זייערע פאַרגעניגנס לטובת זייער קינד, זענען ביידע גערעכט, מאַכנדיק דעם אויספיר, אַז זיי וועלן בשום אופן נישט מקריב זיין זייערע פאַרגעניגנס — איך וועל נישט זאָגן, פאַר עמעצנס

טובה, אָדער רויקייט (ווייל מען קאָן זינדיקן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן), אָבער נאָר צוליב געוויסנהאַפטקייט. יעדער פון זיי ווייסט איינער וועגן דעם אַנדערן, אַז קיין שטאַרקע מאָראַלישע מניעות פאַר אומגעטרייקייט האָבן זיי ביידע נישט, זיי ווייסן עס דערפאַר, ווייל איינער מיט דעם אַנדערן שטערן זיי די מאָראַלישע פאָדערונגען, און דעריבער גלויבן זיי נישט איינער דעם אַנדערן, און זענען אַלע מאָל אייפערזיכטיק איינער צו דעם אַנדערן. אַזוי האָבן מיר אויך, ד. ה. איך און דאָס ווייב פיינלעך געאייפערט איינער צו דעם צווייטן.

אָך, סאַר אַ שרעקלעך געפיל דאָס איז — די אייפערזוכט! איך רעד נישט וועגן יענער עכטער אייפערזוכט, וועלכע האָט כאָטש אַ וועלכן נישט איז יסוד. דידאָזיקע אייפערזוכט, די עכטע, איז פיינלעך, אָבער זי האָט און זאָגט צו אַן אויסגאַנג; נאָר איך רעד וועגן יענער אומבאַוווסטזיניקער אייפערזוכט, וועלכע באַגלייט אומפאַרמיידלעך יעדעס אומ־מאָראַלישע פאַר־פאַלק און וועלכע האָט נישט קיין סוף. ווייל זי האָט נישט קיין סיבה. יענץ איז אַ געשוויר, און דאָס איז נאָר ציין־ווייטיק מיט זיין ביינערנעם אומבאַוועגלעכן ווייטיק באַ טאָג, באַנאַכט און ווידער באַטאָג, באַנאַכט, און אַזוי אָן אַ סוף. דידאָזיקע אייפערזוכט איז שרעקלעך, טאַקע שרעקלעך. דידאָזיקע אייפערזוכט איז אַזאַ: אַ ייִנגער מאַנסביל רעדט מיט מיין ווייב, שמייכלט, קוקט אויף איר. און קוקט אַרום, ווי מיר דאַכט זיך, איר קערפער. ווי וואַגט ער צו טראַכטן וועגן איר, טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ראָמאַן מיט איר? און ווי קאָן זי עס אַריבערטראָגן, צוזעענדיק דאָס? אָבער לא די וואָס זי פאַרטראָגט עס, איז זי גאָר אַפּנים זייער צופרידן. איך זע אפילו, אַז פון זיינעטוועגן, נאָר פון זיינעטוועגן טוט זי דאָס, וואָס זי טוט.

הייבט זיך אין דער נשמה אויף אַזאַ שנאה צו איר, אַז יעדעס וואָרט, יעדער זשעסט אירער איז עקלהאַפט. זי באַמערקט עס, און ווייסט נישט, וואָס זי זאָל טון, און הייבט אָן צו מאַכן אַן אָנשטעל פון גלייכגילטיקער לעבעדיקייט. אָ! איך לייד, און זי איז דערפון גופא גאָר פרייִלעך, זי איז זייער צופרידן! און די שנאה ווערט צען מאָל גרעסער, אָבער דו וואַגסט איר נישט געבן קיין פרייען אויסגאַנג, מחמת אין דער טיפעניש פון דער נשמה ווייסטו, אַז קיין עכטע טעמים זענען נישטאָ. זיצסטו, מאַכסט זיך, כלומרשט, גלייכגילטיק, ציסט אויף זיך אַרויף אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט און העפלעכקייט צו אים. נאָכדעם ביסטו אַליין אויף זיך אין כעס, און דו ווילסט אַרויסגיין פון צימער און לאָזן זיי

אַליין, און די גייסט ווירקלעך אַרויס. אָבער ווי נאָר די גייסט אַרויס, כאַפּט דיך אָן אַ שרעק פֿאַר דעם, וואָס דאָרטן קומט אָן דיר פֿאָר. די גייסט ווידער אַריין, טראַכסט צו עפּעס אָן אויסרייד, און אַמאָל גייסטו נישט אַריין און בלייבסט שטיין לעבן דער טיר און הערסט אונטער. — ווי קאָן זי אַזוי דערנידעריקן זיך און מיך, שטעלנדיק — וועמען? — מיך! — אין אַזאַ מיאוסער לאַגע — פֿון חושד זיין, פֿון שפּיאָנירן! אָ, עקלהאַפֿטע! אָ, חיה מיאוסע! און ער! ער! ... ער — וואָס־זשע איז אַזוינס ער, דאָס, וואָס אַלע מאַנסבילן, דאָס, וואָס איך בין געווען, איידער איך האָב חתונה געהאַט.

פֿאַר אים איז דאָס אַ פֿאַרגעניגן. ער שמייכלט אפֿילו, קוקנדיק אויף מיר, גלייך ער וואָלט זאָגן: „מילא, וואָס קאָן מען העלפֿן, איצט איז מיין צייט". דאָס איז אַ שרעקלעך געפֿיל. די גיפֿטיקייט פֿון דעמדאָזיקן געפֿיל איז גרויזאַם. ווי נאָר איך האָב כאָטש אויסגעגאָסן דאָסדאָזיקע געפֿיל אויף אַ מענטש, ווי נאָר איך האָב אים איינמאָל חושד געווען אין הרהורים בנוגע צו מיין ווייב — איז שוין דערדאָזיקער מענטש פֿאַר מיר אויף אייביק קאַליע געוואָרן, פּונקט ווי ער וואָלט מיט אַלים באַגאָסן געוואָרן. ווי נאָר איך האָב איינמאָל דערפֿילט אייפֿערזוכט צו אַ מענטש — האָב איך שוין קיינמאָל מער נישט געקאָנט ווידער באַציִען זיך צו אים פּשוט און מענטשלעך. אויף אייביק לויפֿן שוין באַ אונז אַרום מענטשעלעך אין די אויגן, ווען מיר קוקן איינער אויף דעם אַנדערן.

און דאָס ווייב, וועלכע איך האָב פֿיל און פֿיל מאָל אָפּגעגאָסן מיט אַלים, מיט דערדאָזיקער אייפֿערזיכטיקער שנאה, האָב איך שוין אינגאַנצן צעקאַליעטשעט. פֿאַר דעם פּעריאָד פֿון דערדאָזיקער אומבאַגרינדעטער אייפֿערזוכט מיינער צו איר האָב איך זי שוין אינגאַנצן אַנטקרוינט, אינגאַנצן אויסגעשענדט אין מיין דמיון. איך האָב צוגעטראַכט אַלע סאַמע אוממעגלעכע מיאוסע שטיק פֿון איר זייט. איך האָב זי חושד געווען אין דעם, אַז (ס׳איז מיר מיאוס צו זאָגן!), ווי די קעניגין פֿון „טויזנט און איין נאַכט", פֿאַרראַט זי מיך מיט אַ קנעכט, כמעט פֿאַר מיר אין די אויגן, אָפּלאַכנדיק פֿון מיר. אַזוי אַז מיט יעדן נייעם צופֿלוס פֿון אייפֿערזוכט (איך רעד אַלץ וועגן אומבאַגרינדעטער אייפֿערזוכט) בין איך אַריינגעפֿאַלן אין דער שוין פֿריִער אויסגעגראָבענער רינווע פֿון שמוציקע חשדים וועגן איר: און איך האָב אַלץ טיפֿער און טיפֿער געגראָבן דידאָזיקע רינווע. די זעלבע זאַך האָט זי אויך געטון.

אויב איך האָב געהאַט אַ יסוד צו זיין אייפֿערזיכטיק, האָט זי,

קענענדיק מיין פאַרגאַנגענהייט, געהאַט דערצו יסודות הונדערט מאָל מע־
רער. און זי איז נאָך געווען אייפערזיכטיק ערגער פאַר מיר. און, הגם
די ליידן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פון איר אייפערזוכט, זענען גע־
ווען פון אַן אַנדער מין, אָבער אויך זייער און זייער שווערע. ס'טרעפט
אַן אַנדערש מאָל, אַז מיר לעבן מער־ווייניקער רויק, איך בין אפילו
פריילעך, צופרידן, פלוצלינג הייבט זיך אָן אַ שמועס וועגן סאַמע גע־
וויינלעכע זאַכן, און פלוצלינג איז זי נישט מסכים מיט דעם, מיט וואָס
זי פלעגט געוויינלעך מסכים זיין. נאָך מער, איך זע, אַז זי וויל גלאַט
אַזוי זיך, אָן אַ שום נויטווענדיקייט, דערלאַנגען מיר אַ שטאָך. איך מיין,
אַז זי איז אין אַ שלעכטער לוין, אָדער עס איז איר באמת נישט אָנגע־
נעם דאָס, וועגן וואָס מיר רעדן. אָבער עס הייבט זיך אָן אַ שמועס
וועגן עפעס אַנדערש, און ווידער דאָסזעלביקע, ווידער פלאָנטערט זי,
ווידער צערייצטקייט. איך וווּנדער מיך, איך זוך: וואָס? פאַרוואָס?
זי שווייגט, ענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, אָדער זי רעדט,
אָפּנים, מיט רמזים אויף עפעס. איך הייב מיך אָן צו שטויסן,
אַז די סיבה איז דאָס, וואָס איך בין מיך דורכגעגאַנגען איבערן גאָרטן
מיט איר קוזינע, וועלכע איז מיר אפילו אין זינען נישט געלעגן, אָדער
עפעס ענלעכס. איך הייב מיך אָן צו שטויסן, אָבער זאָגן עס טאָר מען
נישט. דערמיט, וואָס איך וועל זאָגן, וועל איך באַשטעטיקן איר חשד. איך
נעם מיך אויספאָרשן, פרעגן, זי ענטפערט נישט, כאַפּט זיך נאָר, אַז איך
פאַרשטיי, און ווערט נאָך זיכערער אין אירע חשדים.

— וואָס איז מיט דיר? — זאָג איך.

— גאָרנישט. איך בין פונקט אַזאַ, ווי אַלעמאָל, — זאָגט זי, און
רעדט פונדעסטוועגן זינלאָזע בייזע זאַכן, וואָס לאָזן זיך מיט גאָרנישט
דערקלערן.

אַמאָל פאַרליידסטו, נאָר אַמאָל רייסט זיך אַדורך, ווערסט צערייצט,
און דעמאָלט רייסט זיך אַדורך אויך איר צערייצטקייט, און גיסט זיך
אַרויס אין אַ שטראָם בייזע רייד, אין עפעס אַ מין אַנטפּלעקן דיין שולדי־
קייט אין כלומרשט אַ פאַרברעכן. און דאָס אַלץ ווערט דערפירט צו דער
העכסטער מדרגה, מיט יללות, טרערן, אַנטלויפן פונדערהיים אין סאַמע
נישט געוויינלעכע ערטער. הייבסט אָן צו זוכן. ס'איז אַ חרפה פאַר לייטן,
פאַר די קינדער, אָבער מען קאָן גאָרנישט מאַכן. זי איז אין אַזאַ צושטאַנד,
אַז דו פילסט — זי איז אויף אַלץ גרייט. לויפסטו נאָך איר, זוכסט זי.

ס׳גייען אַריבער פֿינלעכע נעכט. און ביידע, מיט לסוף צעמורשטענע נערוון, נאָך די סאַמע אומבּרחמנותדיקע ווערטער, ווערן לסוף אַנטשוויגן.

יאָ־אָ, די איפּערזוכט, די אומבּאַגרינדעטע איפּערזוכט, דאָס איז אַ בּאַדינג פֿון אונזער אויסגעלאַסענעם חתונה־לעבן.

# באמערקונגען

## קרייצער-סאָנאַטע

### 1889 יאָר

צווישן די כתבֿ-ידן פֿון דעם ווערק, וואָס האָט נאָכדעם באַקומען דעם נאָמען „קרייצער-סאָנאַטע", איז פֿאַראַן איינער נאָך גאָרנישט קיין באַטיטלטער: דער העלד פֿון דעם איז נישט קיין מוזיקאַנט, נאָר אַ מאָלער, די סביבה, און דער גאַנצער גאַנג פֿון די געשעענישן, וואָס פֿאַרדינישעוו דערציילט, זענען אַנדערע, נאָר די גרונט-אידעע און דער אַלגעמיינער פּלאַן זענען דיזעלביקע (אַ פֿראַגמענט דערפֿון איז אָפּגעדרוקט אין דעם „טאָלסטאָי-יאָרבוך" צום 1913 יאָר). פֿון די באַוווסטע מאַנוסקריפּטן איז דערדאָזיקער סקיץ דער סאַמער עלטסטער און קאָן באמת פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר דער ערשטער רעדאַקציע פֿון דער „קרייצער-סאָנאַטע". די צייט, ווען דער כתבֿ-יד איז אָנגעשריבן, איז נישט באַוווסט. אָבער מען קאָן כמעט אויף זיכער זאָגן, אַז דערדאָזיקער סקיץ איז דיזעלביקע דערציילונג וועגן קערפּערלעכער ליבע, וואָס טאָלסטאָי האָט וועגן איר געשריבן דעם 14-טן מערץ 1889 יאָר אַלס ענטפֿער אויף דער פֿראַגע פֿון זיין פּריינט רוסאַנאָוו אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קלאַנג, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט, אַז ער שרייבט אַ ניי קינסטלעריש ווערק. אין דעמדאָזיקן בריוו זאָגט טאָלסטאָי, אַז ער האָט „מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָנגעשריבן אַ דערציילונג", „אָבער אַזוי נאָכלעסיק און נישט-באַפֿרידיקלעך", אַז „אויב איך וואָלט מיך פֿאַרנומען מיט דעמדאָזיקן געדאַנק, וואָלט איך אָנגעהויבן צו שרייבן פֿון ס'ניי". אַזוי אַרום דאַרף די ערשטע רעדאַקציע פֿון דער דערציילונג, וואָס פֿון איר איז שפּעטער באַשאַפֿן געוואָרן די-

„קרייצער-סאָנאַטע", פאַרצייכנט ווערן מיט דער דאַטע 1887 לערך. צי רוסאַנאָווס פראַגע, צי עפּעס אַן אַנדערע סיבה האָט דערצו געבראַכט, אָבער גאָר אינגיכן, נאָך דעם 14-טן מערץ, ווען טאָלסטאָי האָט געזאָגט, אַז „אויב איך וואָלט מיך פאַרנומען מיט דעם געדאַנק, וואָלט איך אָנגעהויבן צו שרייבן פון ס'ניי", האָט ער פון ס'ניי אָנגעהויבן צו שרייבן, און שוין באַשטימט די „קרייצער-סאָנאַטע". יעדנפאַלס, דעם 3-טן אַפּריל 1889 יאָר, ווען ער האָט, וועלנדיק שרייבן אַ נייע זאַך, גענומען איבערלייענען די אָנהייבן פון די פּראָיעקטירטע ווערק, איז צווישן דידאָזיקע ווערק געווען אויך די קרייצער-סאָנאַטע. אַפּנים, אַז דער אָנהייב, אויף וועלכן טאָלסטאָי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז שוין געווען פאַרבונדן מיט אַ באַשטימט מוזיקאַליש ווערק, און איז, הייסט עס, געווען נישט די ערשטע, פריער דערמאָנטע סקיץ, נאָר עפּעס אַ נייעס. דאָסדאָזיקע נייעס איז פאַרבונדן מיט אַ געשעעניש, וואָס פּ. אי. בירוקאָוו דערמאָנט אין דער ביאָגראַפיע פון ל. נ. טאָלסטאָי: ער זאָגט, אַז די סיבה צום שרייבן די „קרייצער-סאָנאַטע" איז געווען דאָס, וואָס דידאָזיקע סאָנאַטע האָט געשפּילט באַ די טאָלסטאָיס אין הויז אויף כאַמאָווניקי דער פידלער לאַסאָטאַ. אין דעם אָוונט האָט די פּיעסע, וועלכע ל. נ. טאָלסטאָי האָט שוין פון לאַנג-אָן ליב געהאַט, געמאַכט אויף אים אַ באַזונדער שטאַרקן רושם, און ווענדנדיק זיך צו אי. יע. רעפּין און צו וו. נ. אַנדרעיעוו-בורלאַק, וועלכע זענען געווען דערביי, האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז יעדער פון זיי דריי זאָל פאָרשטעלן די „קרייצער-סאָנאַטע" מיט די מיטלען, וואָס זיי קאָנען. — „איך — האָט ער געזאָגט, — וועל אָנשרייבן אַ דערציילונג, אַנדרעיעוו-בורלאַק וועט זי איבערלייענען פאַרן עולם, און איר שרייבט אָן אויף דער טעמע אַ בילד, וואָס זאָל שטיין אויף דער סצענע, בשעת אַנדרעיעוו-בורלאַק וועט לייענען מיין דערציילונג". דערדאָזיקער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, אָבער קיינער אויסער ל. נ. טאָלסטאָי, האָט אים נישט אויסגעפירט. פּ. אי. בירוקאָוו האָט געהאַט דעם צופאַל בייצוזיין, בשעת ל. נ. האָט פאַרגעלייענט דעם אָנהייב פון דער קרייצער-סאָנאַטע פאַר אַנדרעיעוו-בורלאַקן. אַנדרעיעוו-בורלאַק איז פון איר נתפעל געוואָרן, און דאָ גופא געפּרוווט פאָרשטעלן דעם נערוועישן קלאַנג, ווי אַ מין קלאָג, וואָס רייסט זיך אַרויס באַ פּאָזדנישעוו, בעת ער דערציילט. איך מיין, אַז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען גאָר אין אָנהייב פרילינג 1838 יאָר. דער 10 מאַי אין דעם יאָר איז אַנדרעיעוו-בורלאַק געשטאָרבן, און אין מערץ האָט טאָלסטאָי

מיט אים זיך געזעגן. לאַסאָטאָס שפּילן די „קרייצער־סאָנאַטע" האָט גורם געווען, אַז טאָלסטאָי זאָל זיך ווידער נעמען פאַר דער טעמע וועגן קער־פּערלעכער ליבע, אָבער ער האָט זי נאָר אָנגעהויבן, און אָט דעם אָנהייב האָט ער עס, אפשר, פאַרגעלייגט פאַר אַנדרעיעוו־בורלאַקן. דעם 4־טן אַפּריל 1889 יאָר האָט טאָלסטאָי, לויט ער שרייבט אין זיין טאָג־בוך, אָנ־געהויבן די „קרייצער־סאָנאַטע" צו פאַרריכטן. דעם 5־טן האָט ער „גע־שריבן זייער פיל און נישט שלעכט", און די טעג נאָך דעם, פריער אין כּפאַסקאַיע באַ זיין סעוואַסטאָפּאָלער חבר פירשט ס. ס. אורוסאָוו, לעבן דעם טראָיצע־סערגיעווער קלויסטער, וווהין ער איז געפאָרן אַפּרוען פון דעם מאָסקווער טומל, נאָכדעם אין מאָסקווע, האָט ער געשריבן מיט באַגייסטערונג, פילנדיק, אַז דאָס, וואָס ער שרייבט, איז ערנסט און נייַ־טיק, און אַז ער טוט אַ גוטע זאַך (דער בריוו צו וו. ג. טשערטקאָוו פון 11־טן אַפּריל 1889 י.). אָבער באַלד האָבן דידאַזיקע אַרבעט איבערגע־ריסן אַרטיקלען וועגן קונסט, איבער וועלכע ער האָט פיל און לאַנג גע־אַרבעט עטלעכע מאָל. ערשט אין אַ חודש אַרום, אינמיטן מאַי, האָט זיך טאָלסטאָי ווידער גענומען פאַר דער „קרייצער־סאָנאַטע", האָט איבערגע־לייענט דאָס אָנגעשריבענע, פאַרריכט. און ווידער גענומען שרייבן, אַזוי איז די אַרבעט געגאַנגען מיט הפסקות אין די חדשים מאַי און יוני. אין אָנהייב יולי איז די ערשטע סקיץ געווען געענדיקט, און נישט שלעכט, לויט עס האָט געשריבן ל. נ. אָבער דאָ גופא האָט ער געמאַכט די באַ־מערקונג, אַז „מען דאַרף אַלץ פון אָנהייב אָן אויסבעסערן" און אין אַ טאָג אַרום האָט ער, „פיל און לויטער" געטראַכט וועגן „קרייצער־סאָנאַ־טע", באַשטימט פאַר זיך דעם אופן פון די אויסבעסערונגען: „די גאַנצע דראַמע פון דער דערציילונג, וועלכע איז די גאַנצע צייט באַ מיר נישט אַרויסגעקומען, — שרייבט ל. נ., — איז איצט קלאָר באַ מיר אין קאָפּ: ער האָט דערצויגן איר זינלעכקייט... זי איז צוגעהאָדעוועט, פאַרפוצט, און די נסיונות פון דער קונסט. ווי זאָל זי דען נישט פאַלן? ער דאַרף פילן, אַז ער אַליין האָט זי דערפירט דערצו, אַז ער האָט זי געטייט פריִער, ווען ער האָט צו איר דערפילט די שנאה..." סאָפיע אַנדרעיעוונאַ*) האָט אַ צעטראָגענע און אַ ליידנדיקע איבערגעשריבן דעם מאַנס אַרבעט, צו וועלכער זי האָט זיך באַצויגן איגגאַ־צן נעגאַטיוו. צווישן איר מיט אים זענען די גאַנצע צייט פאָרגעקומען אַמפּערייען. דעם 24 יולי האָט ל. נ.

---

*) ל. נ.׳ס אַלסטאָיס ווייב.

די „קרייצער-סאָנאַטע", „ווידער אמאָל געענדיקט אויף שוואַרץ" און איז דערביי תיכף געקומען צום געדאַנק, אַז ס'איז נייטיק אַ נייע איבעראַרבעטונג, מחמת דאָס, איבער וואָס ער האָט געאַרבעט — אי די „קרייצער-סאָנאַטע", אי „וועגן קונסט" — „סיי דאָס, סיי יענץ, איז דאָס נעגאַטיווע שלעכטע, אָבער עס וויל זיך שרייבן גוטס". און ער האָט פאַרשטאַנען, ווי די גאַנצע דערציילונג „דאַרף מען איבערמאַכן, אַריינטראָגנדיק ליבשאַפט און מיטלייד צו איר". די נייע אַרבעט איז געענדיקט געוואָרן דעם 28 אויגוסט, און, לויט טאָלסטאָי האָט געשריבן צו טשערטקאָוון, איז ער געווען צופרידן, וואָס ער האָט עס אָנגעשריבן, מחמת, ער האָט געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז „דאָס, וואָס דאָרטן איז אָנגעשריבן, איז פאַר מענטשן נייטיק". ל. נ. האָט נאָך אין דער רעדאַקציע אָנגערופן זיין דערציילונג נישט „קרייצער-סאָנאַטע", הגם ער האָט זי שטענדיק אַזוי גערופן אין זיין טאָג-בוך, נאָר מיט דעם לאַנגן נאָמען: „ווי אַ מאַן האָט דאָס ווייב דערהרגעט". דעם 31-סטן אויגוסט אינאָווניט האָט טאָלסטאָי פאָרגעלייענט די „קרייצער-סאָנאַטע" אין היימישן קרייז אין דער אָנוועזנהייט פון זיין פריינט דעם זקן נ. נ. גע. און נאָך עטלעכע פערזאָן. „ס'האָט אַלעמען אַ הייב געטון, — שרייבט ער, — דאָס איז זייער נייטיק". און ווי עס פלעגט אָפט טרעפן מיט טאָלסטאָיען נאָך אַ פולקאָמער באַפרידיקונג מיט זיין ווערק, איז נאָכדעם געקומען אַן אומצופרידנקייט. דעם 12-טן סעפּטעמבער האָט ער נאָך געשריבן צו סטראַכאָוון, אַז ער שיקט דעם כתב-יד קיין פּעטערבורג צום דרוקן בא גאַידעבוראָוון אין דער „ניעדיעליא" (די וואָך), און דעם 16-טן סעפּטעמבער, ווען ער האָט איבערגעלייענט „די קרייצער-סאָנאַטע", איז זי אים „ווידער נישט געפעלן געוואָרן". די נייע אויסבעסערונגען האָט טאָלסטאָי אָפּגים פאַרענדיקט אַרום דעם 21-סטן אָקטאָבער, און דער כתב-יד איז איינגיכן געבראַכט געוואָרן קיין פּעטערבורג. דאָ איז דעם 28 אָקטאָבער בא א. מ. און ט. א. קוזמינסקי און אַ גרויסער געזעלשאַפט פאָרגעקומען די לייענונג פון דער דערציילונג. אין יאַסנאַיאַ זענען פון פאַרשידענע זייטן אָנגעקומען ידיעות וועגן דעם טיפן דערשיטערנדיקן רושם, וואָס די „קרייצער-סאָנאַטע" האָט געמאַכט, אָבער דער אויטאָר איז נאָך אַלץ געווען נישט צופרידן מיט זיין אַרבעט. „אין דער קינסטלערישער הינזיכט, — האָט ער געשריבן צו נ. נ. סטראַכאָוון, — ווייס איך, אַז דידאַזיקע שריפט איז נידעריקער פאַר יעדער קריטיק. זי איז געמאַכט לויט צוויי מעטאָדן, און ביידע מעטאָדן שטימען נישט צווישן זיך, און

דערפון שטאמט יענע העסלעכקייט, וואָס איר האָט געהערט. פונדעסטוועגן אָבער לאָז איך איבער, ווי דאָס איז, און ס'פאַרדריסט מיך נישט, נישט מחמת פוילקייט, נאָר איך קאָן נישט פאַרריכטן. און ס'פאַרדריסט מיך נישט דערפאַר, וואָס איך ווייס אויף זיכער, אַז דאָס, וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן, איז נישט נאָר נישט אומנוצלעך, נאָר זיכער זייער נוצלעך פאַר מענטשן און טייל־וויַיז נײַ". און נישט געקוקט דערויף, וואָס טאָלסטאָי האָט געמיינט, אַז ער קאָן נישט פאַרריכטן, האָט ער זיך פונדעסטוועגן ווידער גענומען פאַר דער „קרייצער־סאָנאַטע", און דעם 5־טן דעצעמבער האָט ער פון אינדערפרי ביז מיטאָג „נישט אויסגלייכנדיק דעם רוקן גע־שריבן, ד. ה. פאַרריכט", און האָט אויך די ווייטערדיקע צוויי טעג געאַר־בעט איבער איר, הגם זי האָט אים „שרעקלעך דערעסן". „דער עיקר דערמיט, וואָס עס איז קינסטלעריש נישט ריכטיק, פאַלש". דידאַקטישע אויסבעסערונגען זענען געווען די לעצטע. חי באַוווּסט האָט די „קרייצער־סאָנאַטע" אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט דערשיינען און געדרוקטער פאָרם. לכתחילה איז זי געווען פאַרבאָטן צום דרוקן אין דעם זאַמלבוך צום אָנדעקען פון ס. א. יוריעוו, נאָכדעם אין גאַידעבוראָווס „נײַעדיעליאַ". ווען זי איז אַרײַן אין דעם XIII באַנד פון „ל. נ. טאָלסטאָיס ווערק", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוויען אין סוף 1890 יאָר, האָט עס געבראַכט דערצו, אַז דער גאַנצער באַנד איז קאָנפיסקירט געוואָרן. נאָר אַ דאַנק דער פּערזענלעכער השתדלות בײַ אַלעקסאַנדער III, האָט סאָפיע אַנדרעיעווגאַ, קעגן דעם פּראָטעסט פונם אינערן־מיניסטער און פון דעם פּאָרוואַלטער פון דער הויפּט־פאַר־וואַלטונג איבער דרוקער־ענינים, באַקומען די דערלויבניש אָפּצודרוקן די „קרייצער־סאָנאַטע" אין דער „זאַמלונג פון די ווערק", און לסוף איז אין מאַי 1891 יאָר אַראָפּגענומען דער פאַרבאָט פון דעם XIII באַנד, און ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דערווייל איז ל. נ. טאָלסטאָי געווען זייער נישט צופרידן פון דעם ווײַבס השתדלות. אים איז געווען „אומ־אָנגענעם, — האָט ער געשריבן צו נ. נ. סטראַכאָוון, — וואָס עס גייען אַרויס פראַגמענטן פון די אַרטיקלען מיט קירצונגען, נישט אָנגענעם, וואָס עס ווערן פאַרקויפט... די ווערק, נישט אָנגענעם, וואָס זיי דערשיינען פשוט איצט אין דערדאָזיקער וווּלגאַרער פאָרם פון אַ „פולער זאַמלונג". ער איז געווען אינגאַנצן נישט צופרידן, וואָס אַלעקסאַנדער III האָט דערלויבט די „קרייצער־סאָנאַטע". די דערציילונג גופא איז אים „שרעק־לעך דערווידער געוואָרן, אַלץ וואָס עס דערמאַנט אים וועגן איר" (בירוקאָוו ב. 3, 188). „עפּעס איז געווען שלעכטס, — שרייבט ער, —

אין די מאַטיוון, וועלכע האָבן מיך געפירט, ווען איך האָב זי געשריבן; אַזאַ בייזקייט האָט זי אַרויסגערופן. איך זע אפילו דאָס שלעכטע. איך וועל מיך באַמיען, אַז ווייטער זאָל עס נישט זיין, אויב עס וועט מיר אויסקומען עפּעס צו פאַרענדיקן (ibid).

## נאָכוואָרט צו דער קרייצער־סאָנאַטע

### 1890

טאָלסטאָי האָט דערפילט די נויטווענדיקייט צו שרייבן זיין „נאָכוואָרט צו דער קרייצער־סאָנאַטע" א סך פריער, איידער ער האָט געענדיקט די דערציילונג. די שאַרפע, אַנטשיידענע קעגנערשאַפט מצד סאָפיע אַנדרעיעוונאַ טאָלסטאַיאַ צו די אָנשויונגען אויף דעם געביט, וואָס ווערט באַרירט אין דער „קרייצער־סאָנאַטע", האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער נייער אַרבעט אפשר נאָך אין דער ערשטער סטאַדיע פונם שרייבן די דאָזיקע דערציילונג. די ערשטע לייענונג פון דער „קרייצער־סאָנאַטע" אין משפחה־קרייז דעם 31־טן אויגוסט 1889 י., וועלכע האָט אַזוי צערודערט אַלע צוהערער, וועלכע האָט אַרויסגערופן פאַרשידענע אורטיילונגען, האָט בלתי ספק נאָך מער גורם געווען דערצו, וואָס טאָלסטאָי האָט דערזעען, אַז די „קרייצער־סאָנאַטע" אָן דערקלערונגען זאָגט נישט גענוג באַשטימט אַרויס דעם אויטאָרס געדאַנקען. דאָס אַלץ, מיינען מיר, האָט דערוועקט טאָלסטאָיען אפנים נאָך אין אָקטאָבער 1889 י. אָנהייבן צו שרייבן דאָס „נאָכוואָרט — אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס טראַכט דער אויטאָר וועגן דעם קעגנשטאַנד פון זיין דערציילונג". אַזוי האָט טאָלסטאָי באַשטימט זיין נייע אַרבעט אין דעם בריוו צו וו. ג. טשערטקאָוון (פונם 1־טן נאָוועמבער 1889 י.), ווו ער זאָגט, אַז „ער וואָלט עס וועלן אָנשרייבן". אפנים, אַז די השערה פון פּ. אי. בירוקאָוון, אַז ל. נ. האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו שרייבן דאָס נאָכוואָרט, און האָט עס אָנגעהויבן בלויז נאָכגעבנדיק די פריינד, קעגן זיין אייגענעם ווילן, איז נאָר טיילווייז ריכטיק. צום ערשטן איז דער געדאַנק געקומען נישט פון זיי. נאָכדעם, ווען די „קרייצער־סאָנאַטע" איז געוואָרן אַלגעמיין־באַקאַנט, ווען מ'האָט גענומען

האַרוואָרפן טאָלסטאָיען מיט בריוו און מיט פראַגן, מיט שבחים און מיט פאָרווורפן, ווען עס האָבן זיך צוליב איר פונאַנדערגעפלאַקערט אַמפּע־רייען, און יעדער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער אויסגעטייטשט דעם אויטאָרס געדאַנקען, האָבן אים פיל גענומען בעטן, אַפילו פון אים „פאָ־דערן”, לויט ער שרייבט צו דמ. אל. כילקאָוון, שוין נאָכן ענדיקן דאָס „נאָכוואָרט”, אַז ער זאָל „קלאָר און באַשטימט” אַרויסזאָגן זיך, ווי קוקט ער אויף חתונה. „דאָס „נאָכוואָרט”, — זאָגט ער אין אַן אַנדערן בריוו, — האָט מען געמוזט אָנשרייבן”, מחמת „לייטן האָבן זיך שוין צו פיל דרייסט געמאַכט”, „כלומרשט זיי פאַרשטייען נישט דאָס, וואָס דאָרט איז אָנגע־שריבן”. שרייבן און דערקלערן דאָס, וואָס האָט פאַר טאָלסטאָיען, אָן שום ווערטער, אויסגעוויזן קלאָר און פשוט, וואָס פאָדערט נישט קיין פרושים, איז, פאַרשטייט זיך, פאַר אים פריער פאַר אַלץ געווען מער נישט ווי אַ בויטעוועדיקייט און גיכער אַ שווערע, איידער אַ פריידיקע. און דעריבער איז דאָס „נאָכוואָרט” געשריבן געוואָרן אָן חשק, שווער. ער האָט זיך „געמאַטערט מיט דעם נאָכוואָרט”, געאַרבעט מיט גרויסע הפסקות, אָן ענערגיע („געדאַנקען ריכטיקע, אָבער נישטאָ קיין ענערגיע צו שרייבן”, האָט ער געמאַכט אַ באַמערקונג אין פעברואַר דעם 1890 י.), האָט אָן אַ שיעור איבערגעמאַכט; כתב־ידן פון דעם „נאָכוואָרט” ציילט מען איבער צוויי צענדליק. דעם 25־סטן מערץ האָט ל. נ. לסוף „פאַר־ענדיקט” דאָס „נאָכוואָרט”, אָבער שפּעטער האָט ער פון ס׳ניי גענומען איבערמאַכן, און לסוף האָט ער דעם 24־סטן אַפּריל „געענדיקט”. דידאָ־זיקע דאַטע שטייט טאַקע אין די אויסגאַבן.

# „דער טויט פון איוואַן איליטש“

# I.

אין דעם גרויסן בנין פון די געריכטאַנשטאַלטן, בשעת דער הפסקה אין דער זיצונג פון דעם פּראָצעס פון די מעלווינסקיס, זענען זיך די מיטגלידער און דער פּראָקוראָר צונויפגעקומען בא איוואַן יעגאָראָוויטש שעבעקן אין קאַבינעט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן קראַסאָווס באַרימטן עסק. פעדאָר וואַסיליעוויטש האָט זיך צעקאָכט, דערווייזנדיק, אַז דאָס דאַרף נישט קומען פאַרן געריכט. איוואַן יעגאָראָוויטש האָט זיך געהאַלטן פאַר זיינס, אָבער פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט, לכתחילה נישט אַריינמישנדיק זיך אין דער מחלוקת, קיין אַנטייל אין איר נישט גענומען, און האָט דורכגעקוקט די נאָר וואָס אָנגעקומענע „ידיעות“.

— מיינע הערן! — האָט ער געזאָגט, — איוואַן איליטש איז טאַקע געשטאָרבן.

— וואָס רעדט איר?

— נאַט, לייענט, — האָט ער געזאָגט צו פעדאָר וואַסיליעוויטשן, דערלאַנגענדיק אים דעם פרישן, נאָך שמעקעדיקן נומער. אין אַ שוואַרץ רעמל איז געווען אָפּגעדרוקט: „פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ גאָלאָווינאַ איז מודיע מיט טרויעריקן געמיט די קרובים און באַקאַנטע וועגן דער פּטירה פון דעם געליבטן מאַן אירן, דעם מיטגליד פון דער געריכטס-קאַמער איוואַן איליטש גאָלאָווין, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם פערטן פעברואַר 1882 יאָר. די לוויה פרייטיק אייגס דעם זייגער נאָך האַלבן טאָג“.

איוואַן איליטש איז געווען אַ קאָלעגע, מיטאַרבעטער פון די פאַרזאַמלטע הערן, און אַלע האָבן אים ליב געהאַט. ער איז קראַנק שוין עטלעכע וואָכן; מען האָט געזאָגט, אַז די קראַנקייט קאָן מען נישט אויס-

היילן. דער פּאָסטן איז פאַרבליבן פאַר אים, נאָר ס'איז געווען אָן אויס-רעכענונג, אַז אין פאַל פון זיין טויט, קאָן אַלעקסעיעוו באַשטימט ווערן אויף זיין אָרט, — און אויף דעם אָרט פון אַלעקסעיעוון — אָדער ווינניקאָוו, אָדער שטאַבעל. אַזוי, אַז דערהערנדיק וועגן איוואַן איליטשעס טויט, איז דער ערשטער געדאַנק בײַ די הערן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין קאַבינעט, געווען וועגן דעם, וואָס פאַר אַ באַדייטונג קאָן האָבן דער-דאָזיקער טויט פאַר דער איבערבאַשטימונג אויף די פּאָסטנס אָדער פאַר דער העכערונג פון די מיטגלידער גופא, אָדער פון זייערע באַקאַנטע.

„איצט וועל איך זיכער באַקומען שטאַבעלס אָדער ווינניקאָווס אָרט, — האָט פעדאָר וואַסיליעוויטש אַ טראַכט געטון. — מען האָט עס מיר שוין טאַקע לאַנג צוגעזאָגט, און דידאָזיקע העכערונג באַטייט פאַר מיר 800 רובל הוספה, חוץ דער קאַנצעלאַריע.

„מען דאַרף איצט אַ בעט טון, מען זאָל אַריבערפירן דעם שוואָגער פון קאַלוגע, — האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש אַ טראַכט געטון. — דאָס ווייב וועט זייער צופרידן זיין. איצט וועט מען שוין נישט קאָנען זאָגן, אַז איך האָב קיינמאָל גאָרנישט געטון פאַר אירע קרובים.

— איך האָב טאַקע אַזוי געטראַכט, אַז ער וועט שוין נישט אויפ-שטיין, — האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש הויך געזאָגט, — אַ שאָדן.

— אָבער וואָס איינגנטלעך איז אים געווען?

— די דאָקטוירים האָבן נישט געקאָנט באַשטימען. ס'הייסט זיי האָבן באַשטימט, נאָר פאַרשידן. ווען איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער וועט זיך פאַרריכטן.

— און איך בין בײַ אים גאָרנישט געווען פון יום-טובים אָן. כ'האָב מיך אַלץ געקליבן.

— וואָס האָט ער געהאַט פאַרמעגן?

— דאַכט זיך, עפּעס נישט קיין גרויס, דעם ווייבס. אָבער עפּעס גאָר נישטיקס.

— יאָ, מ'וועט דאַרפן צופאָרן, שרעקלעך ווייט האָבן זיי געוווינט.

— דאָס הייסט פון אייך ווייט, פון אייך איז אַלץ ווייט.

— האָט איר אייך, ער קאָן מיר נישט מוחל זיין, וואָס איך וווין הינטערן טייך, — האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש געזאָגט, שמייכלענדיק צו שעבעקן.

און מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער ווייטקייט פון די שטאָטיקע שטחים, און מען איז אַוועק צו דער זיצונג.

חוץ די השערות, וואָס דערדאָזיקער טויט האָט אַרויסגערופן, וועגן די איבערטוישונגען אויף די אַמטן און וועגן די מעגלעכע ענדערונגען אין די אַמטן, וועלכע קאָנען זיין אַ פועל־יוצא פון דעמדאָזיקן טויט, האָט דער פאַקט גופא פון אַ נאָענטן באַקאַנטנס טויט אין אַלעמען, וואָס האָבן זיך וועגן אים דערוווּסט, אַרויסגערופן, ווי אַלע מאָל, אַ געפיל פון פרייד איבער דעם, וואָס געשטאָרבן איז ער, און נישט איך.

„אהא, געשטאָרבן, און איך זעט איר נישט", האָט אַ טראַכט גע־טון, אָדער דערפילט יעדער איינציקער.

אָבער די נאָענטע באַקאַנטע, די אַזוי גערופענע פריינד איוואַן אי־ליטשעס האָבן דערביי נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון, אַז איצט מוזן זיי דערפילן די לאַנגווייליקע חובות פון אַנשטענדיקייט און פאָרן אויף דער הזכרה און צו דער אַלמנה מיט אַ וויזיט, מנחם אבל צו זיין.

נעענטער פאַר אַלעמען זענען געווען איוואַן וואַסיליעוויטש און פיאָטר איוואַנאָוויטש.

פיאָטר איוואַנאָוויטש איז געווען אַ חבר פון דער יורידישער שול און האָט געהאַלטן, אַז איוואַן איליטש האָט אים טובות געטון.

איבערגעבנדיק דעם ווייב צו מיטאָג די ידיעה וועגן איוואַן איליטשעס טויט און די השערה וועגן דער מעגלעכקייט אַריבערצופירן דעם שוואָגער אין זייער קריי, האָט פיאָטר איוואַנאָוויטש, נישט צולייגנ־דיק זיך אָפּרוען, אָנגעטון דעם פראַק און איז אַוועקגעפאָרן צו איוואַן איליטשן.

באַם צופאָר צו איוואַן איליטשעס דירה איז געשטאַנען אַ קאַרעטע און צוויי דראָזשקעס. אונטן אין פאָדערהויז, לעבן די הענגערס איז גע־שטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט אַ גלאַסעענע דעק פון אַ טרומנע מיט פרענזלעך און מיט פּאַזומענט, אָנגעשמירטן מיט פּראָשעק. צוויי דאַ־מען אין שוואַרצן האָבן אויסגעטון די פוטערלעך, איינע, איוואַן איליטשעס שוועסטערס אַ באַקאַנטע, די צווייטע, אַן אומבאַקאַנטע דאַמע. פיאָטר איוואַנאָוויטשס קאָלעגע, שוואַרץ, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון אויבן, און, דערזעענדיק פון דעם אייבערשטן טרעפּ דעם אָנקומענדיקן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ ווינק געטון צו אים מיטן אויג, כלומרשט זאָגנדיק: „אַ נאַרישקייט האָט געטון איוואַן איליטש; קיין פאַרגלייך נישט מיט מיר, צי מיט אייך".

שוואַרצס געזיכט, מיט ענגלישע באַקנבערד און די גאַנצע מאָגערע פֿיגור אין פֿראַק האָט, ווי אַלע מאָל, געהאַט אַ פֿיינע פֿייערלעכקייט, און דידאָזיקע פֿייערלעכקייט, וועלכע האָט אַלע מאָל סותר געווען דעם כאַראַקטער פֿון שוואַרצס שפּילעוודיקייט, האָט דאָ געהאַט אַ באַזונדערע באַטעמטקייט. אַזוי האָט אַ טראַכט געטון פּיאָטר איוואַנאָוויטש.

פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט דורכגעלאָזט פֿאָרויס די דאַמען און איז לאַנגזאַם אַוועק נאָך זיי אויף די טרעפּ. שוואַרץ איז נישט אַראָפּגעגאַנגען, נאָר געבליבן אויבן. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס: ער האָט אפֿנים געוואָלט צונויפֿרעדן זיך, ווו היינט אין אָוונט צו מאַכן אַ קערטל. די דאַמען זענען אַוועק אויף די טרעפּ, צו דער אלמנה, און שוואַרץ, מיט ערנסט צונויפֿגעלייגטע שטאַרקע ליפּן און מיט אַ שפּילעוודיקן בליק, האָט מיט אַ באַוועגונג פֿון די ברעמען באַוויזן פּיאָטר איוואַנאָוויטשן אויף רעכטס, אויף דעם צימער פֿון דעם בר־מינן.

פּיאָטר איוואַנאָוויטש איז אַריין, ווי שטענדיק טרעפֿט עס, נישט פֿאַרשטעלנדיק זיך, וואָס וועט ער דאָרט דאַרפֿן טון. איינס האָט ער געוווּסט, אַז צלמען זיך אין אַזעלכע פֿאַלן שטערט קיינמאָל נישט. מכּוח דעם, צי מען דאַרף דערביי אויך בוקן זיך, איז ער נישט אינגאַנצן געווען זיכער, און דעריבער האָט ער אויסגעקליבן אַ מיטלוועג: אַריינגעגאַנגען אין צימער, האָט ער זיך אָנגעהויבן צלמען און עטוואָס כּלומרשט בוקן זיך. אויף וויפֿיל דאָס האָבן אים דערלויבט די באַוועגונגען פֿון די הענט און פֿון קאָפּ, האָט ער צוזאַמען דערמיט אַרומגעקוקט דאָס צימער. צוויי יונגע מענטשן, איינער אַ גימנאַזיסט, דאַכט זיך, פּלימעניקעס, זענען, צלמענדיק זיך, אַרויס פֿון צימער. אַן אַלטינקע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, און אַ דאַמע מיט משונה אויפֿגעהויבענע ברעמען האָט צו איר עפּעס גערעדט שעפּטשנדיק. דער דיאַטשאָק אין אַ סורדוט, אַ דרייסטער, אַן אַנטשלאָסענער, האָט עפּעס געלייענט אויפֿן קול, מיט אַן אויסדרוק, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדן פּרוּוו צו זאָגן אַ וואָרט אַנטקעגן; דער פּויער פֿון בופֿעט, געראַסים, האָט מיט לייכטע טריט פֿאַרבייגייענדיק פֿאַרביי פּיאָטר איוואַנאָוויטשן, מיט עפּעס באַשאָטן די פּאָדלאָגע. דערזעענדיק דאָס, האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש תּיכּף דערפֿילט דעם לייכטן ריח פֿון צעפֿאַלנדיקן טויטן קערפּער. דאָס לעצטע מאָל באַזוכנדיק איוואַן איליטשן, האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש דעמדאָזיקן פּויער געזען אין קאַבינעט; ער האָט געטון די אַרבעט פֿון אַ פֿלעגערין, און איוואַן איליטש האָט אים באַזונדער ליב געהאַט. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט

זיך אַלץ געצלמט און לייכט געבויקט זיך אין דער מיטעלער ריכטונג צווישן דער טרומנע, דעם דיאַטשאָק און די הייליקע בילדער אויפן טיש אין ווינקל. נאָכדעם, ווען דידאַזיקע באַוועגונג פון צלמען זיך מיט דער האַנט האָט אים שוין אויסגעוויזן צו לאַנג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען באַטראַכטן דער בר־מינן.

דער בר־מינן איז געלעגן, ווי אַלע מאָל ליגן בר־מינַנס, באַזונדער שווער, טויטלעך, דערטרונקען מיט די פאַרגליווערטע גלידער אין דעם אויסבעט פון דער טרומנע, מיט אַ קאָפּ אויף שטענדיק אַן אויסגעבויגענעם אין קישן, און האָט אויסגעשטעלט, ווי אַלע מאָל שטעלן טויטע אַרויס, זיין געלבן וואַקסענעם שטערן מיט איינגעלייגטע האָר אויף די איינגעפאַלענע שלייפן, און די טאַרטשענדיקע נאָז, וועלכע האָט גלייך ווי אָנגעדריקט אויף דער אייבערשטער ליפּ. ער האָט זיך זייער פאַרענדערט, איז נאָך מאָגערער געוואָרן פאַר דער צייט, וואָס פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט אים נישט געזען, אָבער ווי בא אַלע מתים, איז זיין פּנים געווען שיין, דער עיקר באַדייטנדיקער, איידער באַם לעבן. אויף דעם פּנים איז געווען דער אויסדרוק, אַז דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט טון, איז געטון געוואָרן; און געטון געוואָרן ריכטיק. חוץ דעם איז אין דעם אויסדרוק געווען נאָך אַ פאַרוואורף אָדער אַ וואָרנונג צו די לעבעדיקע. דידאָזיקע וואָרנונג האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן אויסגעוויזן נישט טאַקטיש, אָדער, לפּחות, אַז זי האָט צו אים קיין שום שייכות נישט. ס'איז אים געוואָרן עפּעס אומאָנגענעם, און דעריבער האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש נאָכאַמאָל שנעל איבערגעצלמט זיך, און, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, צו־אייליק, נישט יוצא זייענדיק פאַר דער אָנשטענדיקייט, אויסגעדרייט זיך און איז אַוועק צו דער טיר. שוואַרץ האָט אין דעם דורכגאַנגס־צימער אויף אים געוואַרט, פונאַנדערגעשטעלט ברייט די פיס און שפּילנדיק מיטביידע הענט הינטערן רוקן מיט זיין צילינדער־הוט. איין בליק אויף שוואַרצס שפּילעוודיקער, ציכטיקער און עלעגאַנטער פיגור האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן אָפּגעפרישט. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט פאַרשטאַנען, אַז ער, שוואַרץ, שטייט העכער פאַר דעם און גיט זיך נישט אונטער די טרויערדיקע איינדרוקן. בלויז זיין אויסזעען האָט שוין גערעדט: דער אינצידענט פון איוואַן איליטשעס הזכרה קאָן בשום אופן נישט דינען אַלס גענוגנדיקער טעם צו אָנערקענען די אָרדנונג פון דער זיצונג פאַר געשטערט, ד. ה., אַז קיין זאַך קאָן נישט שטערן היינט אינאָווענט נאָך אַ קנאַק צו טון מיט אַ טאַליע

קאָרטן, אויפעפנענדיק זי. בשעת דער לאָקיי וועט אויסשטעלן פיר נישט אָפּגעברענטע ליכט; ס'איז בכלל נישטאָ קיין יסוד צו רעכענען, אַז דער־דאָזיקער אינצידענט זאָל אונז קאָנען שטערן אפילו דעם היינטיקן אָוונט צו פאַרברענגען אָנגענעם. ער האָט עס טאַקע שעפּטשענדיק געזאָגט דעם דורכגייענדיקן פּיאָטר איוואַנאָוויטשן. פאָרלייגנדיק צו פאַרייניקן זיך אויף אַ קאָרט בײַ פעדאָר וואַסיליעוויטשן. אָבער אַפּנים, אַז פּיאָטר איוואַנאָוויטשן איז נישט באַשערט געווען צו שפּילן היינטיקן אָוונט אין ווינט. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ, נישט קיין הויכע, פעטע פרוי, וואָס האָט, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער מי אירער צו מאַכן, עס זאָל זיין פאַרקערט, פאַרט זיך פאַרברייטערט פון די אַקסלען אַראָפּ־צו, אינגאַנצן אין שוואַרצן, באַדעקט דעם קאָפּ מיט שפּיצן, און פונקט אַזוי משונה אויפגעהויבן די ברעמען, ווי בײַ יענער דאַמע, וועלכע איז געשטאַנען אַנטקעגן דער טרומנע, — איז אַרויסגעגאַנגען פון אירע צימערן צוזאַמען מיט אַנדערע דאַמען, און, באַגלייטנדיק זיי צו דער טיר פון דעם בר־מינן, האָט זי געזאָגט: „באַלד וועט זיין די הזכרה, גייט אַריין”.

שוואַרץ איז, פאַרבייגנדיק זיך אומבאַשטימט, געבליבן שטיין, אַפּנים נישט אָננעמענדיק און נישט אָפּווענדנדיק דעמדאָזיקן פאָרשלאַג. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט דערקענט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן, אַ זיפץ געטון, צוגעגאַנגען האַרט לעבן אים, גענומען אים פאַר דער האַנט און געזאָגט: „איך ווייס, אַז איר זענט געווען איוואַן איליטשעס אַן אמתער פריינט...” און האָט אויף אים אַ בליק געטון, וואַרטנדיק ער זאָל טון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דידאָזיקע ווערטער. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט געוווסט, אַז פונקט ווי דאָרט האָט מען געדאַרפט צלמען זיך, אַזוי וואָלט מען דאָ געדאַרפט אַ דריק טון די האַנט, אַ זיפץ טון און זאָגן: „גלייבט מיר!” און ער האָט טאַקע אַזוי געטון. און, אָפּגעטון דאָס, האָט ער דער־פילט, אַז דער רעזולטאַט איז אַרויסגעקומען ווי געוווּנטשן: אַז ער איז גערירט, און זי איז גערירט.

— קומט איידער דאָרט האָט זיך נאָך אָנגעהויבן. איך דאַרף מיט אייך דורכרעדן זיך, -- האָט געזאָגט די אלמנה, — גיט מיר אייער האַנט.

פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט דערלאַנגט די האַנט, און זיי זענען אַוועק צו די אינעווייניקסטע צימערן, פאַרביי שוואַרצן, וועלכער האָט טרויעריק אַ ווונק געטון צו פּיאָטר איוואַנאָוויטשן.

„אָט האָסטו זיך קאָרטן! האָט־זשע נישט קיין פאַריבל, מיר וועלן

קריגן אַן אַנדערן פּאַרטנער, אָדער זאַלבעפינף, ווען איר וועט פּטור ווערן", — האָט געזאָגט זיין שפּילעוודיקער בליק.

פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט נאָך טיפער און טרויעריקער אַ זיפץ געטון, און פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט אים דאַנקבאַר אַ דריק געטון די האַנט. אַריין אין איר מיט ראָזן קרעטאָן טאַפּעטירטן גאַסטזאַל מיט אַ טונקעלן לאָמפּ, האָבן זיי זיך געזעצט באַם טיש, זי אויף דער סאָפע, און פּיאָטר איוואַנאָוויטש אויף אַ קיילעכיק שטולכל, אין וועלכן די פּרוזשינעס זענען קאַליע געוואָרן, און וועלכער האָט זיך נישט געהעריק אַרונטערגעלאָזט אונטער זיין געזעס. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט אים געוואָלט פריער אָנזאָגן, ער זאָל זיך זעצן אויף אַן אַנדערער שטול, אָבער זי האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ מין וואָרענען וואָלט נישט אַנטשפּראָכן איר לאַגע, און זי האָט חרטה געהאַט. זעצנדיק זיך אויף דערדאָזיקער שטול, האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש זיך דערמאַנט, ווי איוואַן איליטש האָט איינגעאָרדנט דעמדאָזיקן גאַסטזאַל און האָט זיך מיט אים בּאַראַטן טאַקע וועגן דעמדאָזיקן קרעטאָן גופא מיט די גרינע בלעטער. זעצנדיק זיך אויף דער סאָפע און גייענדיק פאַרביי דעם טיש (בכלל איז דער גאַנצער זאַל פול געווען מיט זאַכן און מיט מעבל), האָט זיך די אלמנה פאַרטשעפּעט מיט די שוואַרצע שפּיצן פון דער שוואַרצער טאַלמע אָן דעם שניצעכץ פונם טיש. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן אָפּצוטשעפּען, און די באַפרייטע שטול אונטער אים האָט גענומען רודערן און אונטערשטופּן אים. די אלמנה האָט אָנגעהויבן אַליין אָפּטשעפּען אירע שפּיצן, און פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, צודריקנדיק די שטול, וואָס האָט זיך אונטער אים געבונטעוועט. אָבער די אלמנה האָט נישט אַלץ אָפּגעטשעפּעט, און פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט זיך ווידער אונטערגעהויבן, און ווידער האָט די שטול זיך גענומען בונטעווען און האָט אפילו געטון אַ קנאַק. ווען דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט, האָט זי אַרויסגענומען אַ ריין באַטיסטן טיכל און אָנגעהויבן וויינען. אָבער פּיאָטר איוואַנאָוויטשן האָט אָפּגעקילט דער עפּיזאָד מיט די שפּיצן און דער קאַמף מיט דער שטול, און ער איז געזעסן אָנגעדרודלט. דידאָזיקע נישט־היימלעכע לאַגע האָט איבערגעריסן סאָקאָלאָוו, דער בופעט־פויער איוואַן איליטשעס, וועלכער איז געקומען מיט דעם באַריכט, אַז דאָס אָרט אויפן בית־עלמין, יענץ, וואָס פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט באַשטימט, וועט קאָסטן 200 רובל. זי האָט אויפגעהערט וויינען, און מיט אַן אויסזעען פון אַ קרבן האָט זי געזאָגט, אַ קוק טוענדיק

אויף פּיאָטר איוואַנאָוויטשן, אַז עס איז איר שווער. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט געגעבן אַ שטומען סימן, וועלכער האָט אויסגעדריקט די זיכערקייט אין דעם, אַז עס קאָן אַנדערש נישט זיין.

— רייכערט, איך בעט אייך, — האָט זי געזאָגט מיט אַ גרויסמוטיק און צוזאַמען דערמיט דערשלאָגן קול און האָט זיך פאַרנומען מיט סאָקאָלאָוון וועגן דער פראַגע מכוח דעם פרייז פאַרן אָרט.

פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט, פאַררייכערנדיק, געהערט, אַז זי האָט זייער אויספירלעך נאָכגעפרעגט זיך וועגן די פאַרשידענע פרייזן אויף ערד, און האָט באַשטימט דאָס אָרט, וואָס מען דאַרף נעמען. חוץ דעם האָט זי, ענדיקנדיק וועגן אָרט, אָפּגעגעבן פאַראָרדנונגען וועגן די זינגערס. סאָקאָלאָוו איז אַוועק.

— איך טו אַלץ אַליין, — האָט זי געזאָגט צו פּיאָטר איוואַנאָוויטשן, אָפּרוקנדיק אין אַ זייט די אַלבאָמען, וועלכע זענען געלעגן אויפן טיש; און באַמערקנדיק, אַז ס'איז אַ סכנה פאַר דעם טיש פון דעם אַש, האָט זי תּיכּף ומיד צוגערוקט צו פּיאָטר איוואַנאָוויטשן אַן אַש-טעלערל און געזאָגט: — איך האַלט, אַז דאָס איז נישט אויפריכטיק צו זאָגן, אַז פאַר צרות קאָן איך נישט פאַרנעמען זיך מיט פּראַקטישע ענינים. מיך, פאַרקערט, אויב עס קאָן עפּעס — נישט טרייסטן... נאָר צעשטרייען, איז עס דאָס זאָרגן טאַקע וועגן אים גופא. — זי האָט ווידער אַרויסגענומען דאָס טיכל, גלייך ווי קלייבנדיק זיך צו וויינען, און פּלוצלינג, גלייך ווי גובר געווען זיך, האָט זי זיך אָפּגעטרייסלט און אָנגעהויבן רויק צו רעדן.

— אָבער איך האָב צו אייך אַן עסק.

פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט זיך פאַרבייגט, נישט לאָזנדיק, אַז די פּרוזשינעס פון דער שטול, וועלכע האָבן זיך אונטער אים גענומען רירן, זאָלן זיך פונאַנדערגיין.

— פאַר די לעצטע טעג האָט ער זייער געליטן.

— זייער געליטן? — האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש געפרעגט.

— אַך, שרעקלעך, די לעצטע, נישט מינוטן, נאָר שעהן, האָט ער אָן אויפהער געשריגן. דריי מעת-לעת נאָכאַנאַנד האָט ער נישט אַנטשוויגן ווערנדיק געשריגן. דאָס איז געווען אומדערטרעגלעך. איך קאָן נישט פאַרשטיין, ווי האָב איך עס איבערגעטראָגן. הינטער דריי טירן האָט זיך געהערט. אַך! וויפיל איך האָב מיך אָנגעליטן!

— און ער איז דען געווען באַם זינען? — האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי אַ שעפּטשע געטון, — ביז דער לעצטער רגע, ער האָט זיך מיט אונז געזעגנט אַ פערטל שעה פאַרן טויט, און האָט אפילו געבעטן, מען זאָל צונעמען וואָלאָדיען.

דעם געדאַנק וועגן די יסורים פון דעם מענטש, וועלכן ער האָט אַזוי נאָענט געקענט — לכתחילה אַלס פריילעכן יינגל, אַ שילער, נאָכ־דעם אַלס דערוואַקסענעם פאַרטנער, האָט, נישט געקוקט אויף דעם אומ־אָנגענעמען באַוווסטזיין פון דעם אָנשטעל זיינעם און דערדאָזיקער פרויס, פלוצלינג דערציטערט פיאָטר איוואַנאָוויטשן. ער האָט ווידער דערזעען דעמדאָזיקן שטערן, די נאָז, וואָס דריקט אָן אויף די ליפּן, און אים איז געוואָרן שרעקלעך פאַר זיך אַליין.

„דריי מעת לעת שרעקלעכע יסורים און דער טויט. דאָס קאָן דאָך באַלד, יעדע רגע געשעען אויך מיט מיר”, — האָט ער אַ טראַכט געטון, און אים איז אויף אַ רגע געוואָרן שרעקלעך. אָבער גלייך איז אים, ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי, געקומען צו הילף דער געוויינ־לעכער געדאַנק, אַז דאָס איז געשעען מיט איוואַן איליטשן, און נישט מיט אים, און אַז מיט אים טאָר עס און קאָן עס נישט געשעען; אַז טראַכטנדיק אַזוי, גיט ער זיך אונטער אַ טרויעריקער שטימונג, און דאָס דאַרף מען נישט טון, ווי דאָס האָט זיך געזעען באַשיינפּערלעך פון שוואַרצס פּנים. און מאַכנדיק דידאָזיקע חשבונות, האָט זיך פיאָטר איוואַ־נאָוויטש באַרויקט, און האָט מיט פאַראינטערעסירונג גענומען נאָכפרעגן זיך אויף די פּרטים פון איוואַן איליטשעס טויט, כלומרשט דערדאָזיקער טויט איז געווען אַ צופאַל, וואָס איז אייגנשאַפטלעך נאָר פאַר איוואַן אי־ליטשן, אָבער גאָרנישט אייגנשאַפטלעך פאַר אים.

נאָך פאַרשידענע שמועסן וועגן די פּרטים פון די באמת שרעקלע־כע פיזישע יסורים, וואָס איוואַן איליטש האָט איבערגעליטן, (דידאָזיקע פּרטים האָט זיך פיאָטר איוואַנאָוויטש דערוווּסט נאָר לויט דעם, ווי איוואַן איליטשעס יסורים האָבן געווירקט אויף פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווגעס נערוון), האָט די אַלמנה געפונען אַפּנים פאַר נייטיק אַריבערצוגיין צום ענין.

— אַך, פיאָטר איוואַנאָוויטש, ווי שווער, ווי שרעקלעך שווער, ווי שרעקלעך שווער, — און זי האָט זיך ווידער פונאַנדערגעוויינט.

פיאָטר איוואַנאָוויטש האָט אַ זיפץ געטון און געוואַרט, ווען זי וועט ענדיקן אויסשנייצן די נאָז. אַז זי האָט אויסגעשנייצט די נאָז, האָט ער געזאָגט: „גלויבט...” און ווידער האָט זי גענומען רעדן און אַרויס־געזאָגט דאָס, וואָס עס איז געווען, אַפּנים, דער עיקר געשעפט אירער,

וואָס זי האָט געדאַרפט צו אים: דער ענין איז באַשטאַנען אין די פראַגן,
ווי קאָן מען צוליב דעם טויט פונם מאַן באַקומען געלט פון דער מלוכה.
זי האָט געמאַכט אַזאַ פּנים, ווי זי פרעגט בײַ פּיאָטר איוואַנאָוויטשן אַן
עצה וועגן פּענסיע, אָבער ער האָט געזען, אַז זי ווייסט שוין אויס-
געבונדן אַלע פרטים וועגן דעם אפילו, וואָס ער האָט נישט געוווסט,
וועגן אַלץ וואָס מען קאָן אַרויסבאַקומען פון דער מלוכה צוליב דעמדאָ-
זיקן טויט; נאָר אַז איר האָט זיך געוואָלט וויסן: אפשר קאָן מען אויף
אַ וואָסער אופן אַרויסבאַקומען נאָך מער געלט. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט
זיך געמיט אויסצוטראַכטן אַזאַ מיטל, אָבער אַ טראַכט געטון אַ ביסל, און
פון אָנשטענדיקייט וועגן אַ זידל געטון אונזער רעגירונג פאַר איר קמצנות,
האָט ער געזאָגט, אַז מער קאָן מען נישט. דעמאָלט האָט זי אַ זיפץ
געטון און גענומען צוטראַכטן אַ מיטל, ווי פּטור צו ווערן פון איר
גאַסט. ער האָט עס פאַרשטאַנען, האָט פאַרלאָשן דעם פּאַפּיראָס, איז
אויפגעשטאַנען, אַ דריק געטון די האַנט און איז אַוועק אין פאָדער-
הויז.

אין עס-צימער מיטן זייגער, פון וועלכן איוואַן איליטש איז געווען
אַזוי צופרידן, וואָס ער האָט געקויפט אין אַ געשעפט פון אַלטע זעלטנ-
הייטן, האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש באַגעגנט דעם גלח און נאָך עטלעכע
באַקאַנטע, וועלכע זענען געקומען צו פאָרן אויף דער הזכרה, און ער האָט
דערזען אַ באַקאַנטע שיינע פריילין, איוואַן איליטשעס טאָכטער. זי איז
געווען אינגאַנצן אין שוואַרצן. איר טאַליע, זייער אַ דינע, האָט אויסגע-
וויזן נאָך דינער. זי האָט געהאַט אַן אומעטיקן, אַנטשלאָסענעם, כמעט
צאָרנדיקן אויסזען. זי האָט זיך באַגריסט מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן,
גלייך ווי ער וואָלט אין עפּעס געווען שולדיק. הינטער דער טאָכטער איז
געשטאַנען פונקט מיט אַזאַ באַליידיקטן אויסזען אַ באַקאַנטער פּיאָטר
איוואַנאָוויטשן רייכער יונגערמאַן, אַן אויספאָרשונגס-ריכטער, איר חתן,
ווי ער האָט געהערט. ער האָט זיך מיט זיי טרויעריק באַגריסט און גע-
וואָלט אַרײַנגיין אין צימער צו דעם מת, ערשט פון אונטער די טרעפּ
האָט זיך באַוויזן די פיגור פון דעם גימנאַזיסטל דעם זון, וואָס איז זייער
געראָטן געווען אין איוואַן איליטשן. דאָס איז געווען אַ קלייניקער אי-
וואַן איליטש, וועדליק פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט אים געדענקט פון דער
יורידישער שול. די אויגן זענען בײַ אים געווען אי פאַרוויינטע, אי אַזעל-
כע, ווי זיי זענען שטענדיק בײַ נישט קיין ריינע ייִנגלעך פון 13—14 יאָר.
דערזעענדיק פּיאָטר איוואַנאָוויטשן, האָט דאָס ייִנגל אָנגעהויבן שטרענג

און שעמעוודיק קנייטשן דאָס געזיכט. פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט צו אים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז אַריין אין צימער צו דעם מת. עס האָט זיך אָנגעהויבן די הזכרה, ליכט, קרעכצן, ווייַרויך, טרערן, כליפּעניש. פּיאָטר איוואַנאָוויטש איז געשטאַנען אַ פאַרכמורעטער, קוקנדיק אויף די פיס קעגן זיך. ער האָט קיין איינציק מאָל נישט אַ בליק געטון אויף דעם מת, און האָט זיך ביזן סוף נישט אונטערגעגעבן די אָפּשוואַכנדיקע איינפלוסן, און איז איינער פון די ערשטע אַרויסגעגאַנגען. אין פאָדערהויז איז קיינער נישט געווען. געראַסים, דער פּויער פון בופעט, איז אַרויסגעשפּרונגען פון דעם בר-מינגס צימער, האָט איבערגעשליידערט מיט זיינע שטאַרקע הענט אַלע פוטערס, כדי צו געפינען פּיאָטר איוואַנאָוויטשעס פוטער און האָט אים דערלאַנגט.

— וואָס, ברודער-געראַסים? — האָט פּיאָטר איוואַנאָוויטש געזאָגט, אַבי עפּעס צו זאָגן, — אַ שאָדן?

— גאָטס ווילן. מיר וועלן אַלע דאָרט זיין, — האָט געראַסים געזאָגט, אויסשטעלנדיקע זיינע ווייסע, דורכויסיקע פּויערישע ציין, און ווי אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אין דעם ברען פון אינטענסיווער אַרבעט, האָט ער שנעל אויפגעעפנט די טיר, אַ רוף געטון דעם קוטשער, איינגעזעצט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן און צוריק דערלאַנגט אַ שפּרינג אויפן גאַניק, גלייך ווי ער וואָלט צוגעטראַכט, וואָס אַזוינס זאָל ער נאָך טון.

פּיאָטר איוואַנאָוויטשן איז באַזונדער אָנגענעם געווען אַן אָטעם צו טון מיט דער רייַנער לופט נאָך דעם ריח פון ווייַרויך, מת און קאַרבאָלזויער.

— וווּהין באַפעלט איר? — האָט דער קוטשער געפרעגט.

— נישט שפּעט — כ'וועל צופאָרן צו פעדאָר וואַסיליעוויטשן.

און פּיאָטר איוואַנאָוויטש איז אַוועקגעפאָרן. און ווירקלעך, ער האָט זיי געפונען נאָך באַ דעם ערשטן ראָבער, אַזוי אַז עס איז אים באַקוועם געווען אַריינצוטרעטן אין דעם שפּיל אַלס פינפטער.

## II.

די פאַרגאַנגענע געשיכטע פון איוואַן איליטשעס לעבן איז געווען די סאַמע איינפאַכע און אַ געוויינלעכע, און די סאַמע שרעקלעכע.

איוואַן איליטש איז געשטאָרבן אין עלטער פון 45 יאָר, אַלס מיטגליד פון אַפּעלגעריכט. ער איז געווען אַ זון פון אַ באַאַמטן, וועלכער האָט אין פאַרשידענע מיניסטעריומס און דעפּאַרטאַמענטן אין פּעטערבורג געמאַכט די קאַריערע, וועלכע דערפירט לייטן צו יענער לאַגע, וואָס הגם אין איר ווייזט זיך אַרויס, אַז אויסצופירן עפּעס אַ ממשותדיקן אַמט טויגן זיי נישט, קאָן מען זיי דאָך צוליב זייער לאַנגער און פאַרגאַנגענער דינסט און צוליב זייערע ראַנגען נישט אַרויסטרייבן. און דעריבער באַקומען זיי אויסגעטראַכטע פיקטיווע ערטער, און נישט קיין פיקטיווע טויזנטער — פון 6 ביז 10, מיט וועלכע זיי דערלעבן אַזוי ביז דעם טיפן עלטער.

אַזאַ איז געווען דער געהיימראַט. דער נישט-נייטיקער מיטגליד פון פאַרשידענע נישט-נייטיקע אַנשטאַלטן איליאַ יעפימאָוויטש גאָלאָווין.

ער האָט געהאַט דריי זין: איוואַן איליטש איז געווען דער צווייטער זון; דער עלטערער האָט געמאַכט פונקט אַזאַ קאַריערע ווי דער פאָטער, נאָר אין אַן אַנדער מיניסטעריום, און ער איז שוין נאָענט דערגאַנגען צו יענעם דינסט-עלטער, באַ וועלכן עס באַקומט זיך דידאָזיקע אינערץ פון געהאַלט. דער דריטער זון איז געווען אַ שלימזל. ער האָט אויף פאַרשידענע ערטער אומעטום זיך קאַליע געמאַכט, און איצט האָט ער געדינט אויף די אייזנבאַנען, און זיין פאָטער און די ברידער, און דערהויפּט זייערע ווייבער האָבן נישט נאָר נישט ליב געהאַט צו באַ:עגענען זיך מיט אים, נאָר אָן אַ באַזונדער נויטווענדיקייט האָבן זיי אפילו נישט דערמאַנט זיך, אַז ער לעבט אויף דער וועלט. די שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט דעם באַראָן גריף, אויך אַזאַ פּעטערבורגער באַאַמטער, ווי זיין שווער. איוואַן איליטש איז געווען, ווי מען האָט געזאָגט: le phenix de la famille. ער איז געווען נישט אַזאַ קאַלטער און פּינקטלעכער, ווי דער עלטערער, און נישט אַזאַ מאַדים ווי דער ייִנגערער.

ער איז געווען דער מיטן צווישן זיי ביידע — אַ קלוגער, אַ לעבעדיקער, אַן אָנגענעמער און אַן אָנשטענדיקער מענטש. ער איז דערצויגן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין יינגערן ברודער אין דער יורידישער שול. דער קלענערער האָט נישט געענדיקט און איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם פינפטן קלאַס, אָבער איוואַן איליטש האָט גוט געענדיקט דעם קורס. אין דער שול איז ער שוין געווען דאָס, וואָס ער איז געווען שפּעטער, דאָס גאַנצע לעבן זיינס: אַ מענטש אַ פעיקער, אַ פריילעך־גוטמוטיקער און אַ מעורב עם הבריות, אָבער ער האָט שטרענג געטון דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב; און פאַר אַ חוב האָט ער געהאַלטן אַלץ, וואָס ער איז אַלס אַזאַ פאַררעכנט געווען באַ די אַמהעכסטן געשטעלטע לייט. ער איז נישט געווען קיין אונטערלעקער סיי יינגלווייז, סיי שפּעטער אַלס דערוואַקסענער מענטש, אָבער ער האָט געהאַט פון די סאַמע יינגסטע יאָרן דאָס, וואָס ער האָט זיך, ווי אַ פליג צו דער ליכטיקייט, געצויגן צו די גרעסטע לייט אויף דער וועלט, האָט איבערגענומען זייערע פאָסטעמקעס, זייערע בליקן אויפן לעבן, און מיט זיי האָט ער געהאַט באַציונגען, ווי מיט פריינט. אַלע נסיונות פון דער קינדהייט און פון דער יוגנט זענען פאַר אים פאַרביי, נישט איבערלאָזנדיק קיין גרויסע שפּורן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן סיי זינלעכקייט, סיי ערגייציקייט, און לסוף אין די עלטערע קלאַסן — ליבעראַלישקייט, אָבער אַלץ אין געוויסע גרענעצן, וועלכע עס האָט אים ריכטיק אָנגעוויזן דאָס געפיל.

אין שול האָט ער אָפּגעטון אַזעלכע מעשים, וועלכע האָבן זיך אים פריער פאָרגעשטעלט ווי שרעקלעך מיאוסע, און האָבן באַ אים אַרויסגערופן עקל צו זיך אַליין, בשעת ער האָט זיי געטון; אָבער שפּעטער, דערזעענדיק, אַז דידאָזיקע מעשים טוען אויך די הויכגעשטעלטע לייט, און זיי האַלטן זיי נישט פאַר קיין שלעכטע, האָט ער נישט דאָס, וואָס אָנערקענט זיי פאַר גוטע, נאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיי, און ער האָט קיין שום צער נישט געהאַט פון די דערינערונגען וועגן זיי.

אַרויס פון שול מיט דעם צענטן ראַנג און באַקומען פונם פאָטער געלט אויף אויסקליידן זיך, האָט איוואַן איליטש זיך באַשטעלט קליידונג באַ שאַרמערן, האָט אויפגעהאָנגען אויפן קייטל פונם זייגערל אַ מעדאַל מיט דער אויפשריפט: respice finem, האָט זיך געזעגנט מיטן פרינץ און דירעקטאָר, אָפּגעגעסן אַ מיטאָג מיט די חברים באַ דאָנאָנען, און איז מיט אַ נייעם מאָדישן טשעמאָדאַן, מיט וועש, קליידער, מיט גאָל־און

טואַלעט-מכשירים און מיט אַ פּלעד, באַשטעלטע און געקויפטע אין די בעסטע געשעפטן, אַוועקגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ אויף דער שטעלע פון אַ באַאַמטן פאַר באַזונדערע אויפטראַגן בײַ אַ גובערנאַטאָר, וועלכע דער פאָטער האָט פאַר אים געקריגן.

אויף דער פּראָווינץ האָט זיך איוואַן איליטש פון אָנהייב אָן איינגעאָרדנט פּונקט אַזאַ לײַכטע און אָנגענעמע לאַגע, ווי עס איז געווען זיין לאַגע אין דער שול. ער האָט געדינט, געמאַכט אַ קאַריערע און צוזאַמען דערמיט אָנגענעם און אָנשטענדיק פאַרבראַכט פרייליך די צייט; אַמאָל פלעגט ער פאָרן לויטן אויפטראָג פון דעם שעף אין די אויעזדן, האָט זיך געהאַלטן מיט ווירדע סיי בנוגע צו די העכערע, סיי בנוגע צו די נידעריקערע, און האָט מיט פּינקטלעכקייט און אומאָונטערקויפלעכערלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט נישט געקאָנט נישט שטאָלצירן, אויסגעפירט די שליחותן, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, — דער עיקר בנוגע עניינים פון די ראַסקאָלניקעס.*)

אין דינסט-עניינים איז ער געווען, נישט געקוקט אויף זיין יונגקייט אין דער נטיה צו לײַכטער פרייליכקייט, אויסערגעוויינלעך איינגעהאַלטן, אָפיציעל און אַפילו שטרענג; אָבער אין געזעלשאַפטלעכע עניינים איז ער געווען אָפט שפּילעוודיק און שאַרפזיניק און אַלע מאָל גוטמוטיק, אָנשטענדיק און bon enfant, ווי עס האָבן וועגן אים גערעדט זיין שעף מיט דער פרוי, בײַ וועלכע ער איז געווען אַ שטוביקער מענטש.

אין דער פּראָווינץ האָט ער אויך געהאַט אַ ראָמאַן מיט איינער אַ דאַמע, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דעם פאַצעטישן תלמיד פון דער יורידישער שול; ס'איז אויך געווען אַ נייטאָרין; עס זענען אויך געווען שיכורע הוליאַנקעס מיט אָנגעזאָרענע פליגל-אַדיוטאַנטן, און נסיעות אין אַ ווייטער גאַס נאָך אַ וועטשערע; ס'איז אויך געווען אויסדינען זיך פאַר דעם שעף און אַפילו פאַר דעם שעפס ווייב. אָבער דאָס אַלץ האָט אויף זיך געטראָגן דעם שטעמפּל פון אַזאַ הויכער אָנשטענדיקייט, אַז מען האָט עס אַלץ נישט געקאָנט אָנרופן מיט מיאוסע נעמען: דאָס אַלץ האָט געשטימט בלויז מיט דעם פראַנצויזישן שפּריכוואָרט: il faut que jeunesse se passe. אַלץ איז געטון געוואָרן מיט ריינע הענט, אין ריינע העמדער, מיט פראַנצויזישע ווערטער, און, דער עיקר, אין

*) ראַסקאָלניקעס, סטאַראָווערן — אַ פּראַוואָסלאַווישע סעקטע.

דער סאַמע הויכער געזעלשאַפט, אַלזאָ מיט דער ברכה פון די הויכגעשטעלטע לייט.

אַזוי האָט איוואַן איליטש אָפּגעדינט פינף יאָר, און עס איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג אויף דער דינסט. עס האָבן זיך באַוויזן די נייע געריכט-אַנשטאַלטן, מען האָט געדאַרפט האָבן נייע מענטשן.

און איוואַן איליטש איז געוואָרן דערדאָזיקער נייער מענטש.

מען האָט איוואַן איליטשן פאַרגעלייגט די שטעלע פון אַן אויספאָרשונגס-ריכטער, און איוואַן איליטש האָט זי אָנגענומען, נישט געקוקט דערויף, וואָס די שטעלע איז געווען אין אַן אַנדערער גובערניע און ער האָט געדאַרפט וואַרפן איינגעשטעלטע באַציונגען און איינשטעלן נייע. איוואַן איליטשן האָבן באַגלייט די פריינט, מען האָט געמאַכט אַ גרופּע, מען האָט אים דערלאַנגט אַ מתנה — אַ זילבערנע פּושקע אויף פּאַפּיראָסן, און ער איז אַוועקגעפאָרן אויף דעם נייעם אָרט.

אַלס אויספאָרשונגס-ריכטער איז איוואַן איליטש געווען פּונקט אַזוי comme il faut, אָנשטענדיק, ער האָט פּונקט אַזוי געקאָנט אָפּטיילן די אַמט-פליכטן פון דעם פּריוואַטן לעבן און אַרויסרופן אַלגעמיינע אַכטונג, ווי בשעת ער איז געווען אַ באַאַמטער אויף באַזונדערע שליחותן. און וואָס נוגע דעם אַמט גופא פון אַן אויספאָרשער, איז ער פאַר איוואַן איליטשן געווען פיל אינטערעסאַנטער און אַנציענדיקער, איידער דער פריערדיקער. אויף דער פריערדיקער שטעלע איז געווען אָנגענעם מיט פרייע טריט אין שאַרמערס וויצמונדיר דורכצוגיין גלייך צום שעף אין קאַבינעט אריין, פאַרביי די ציטערנדיקע און וואַרטנדיקע אויף אויפנאַם בעטער און אַמט-לייט, וועלכע זענען אים מקנא, און זעצן זיך מיט אים טיי טרינקען מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל; אָבער מענטשן, וואָס זאָלן זיין דירעקט פון זיין ווילקיר אָפּהענגיק, זענען געווען ווייניק. אַזעלכע מענטשן זענען געווען נאָר די איספּראַווניקעס און די ראַסקאָלניקעס, בשעת מען האָט אים אַרויסגעשיקט מיט אַ שליחות. און ער האָט ליב געהאַט העפלעך, כמעט חבריש צו באַגיין זיך מיט אַזעלכע, פון אים אָפּהענגיקע מענטשן, ער האָט ליב געהאַט געבן צו פילן, אַז ער, אָט דער, וואָס קען צעדריקן, באַגייט זיך פּשוט, פריינטלעך מיט זיי. אַזעלכע מענטשן זענען דעמאָלט געווען ווייניק. איצט אָבער, אַלס אויספאָרשונגס-ריכטער, האָט איוואַן איליטש געפילט, אַז אַלע, אַלע אָן אויסנאַם — די סאַמע וויכטיקע, זעלבסט-צופרידענע מענטשן, אַלע זענען בײַ אים אין די הענט, און אַז עס קלעקט ער זאָל נאָר אָנשרייבן געוויסע ווערטער אויף אַ פּאַפּיר מיט אַ קעפּל — וועט

מען שוין דעמדאָזיקן וויכטיקן, זעלבסטצופרידענעם מענטש ברענגען צו אים אַלס באַשולדיקטן, צי אַלס עדות, און אַז אויב ער וועט אים נישט וועלן צווינגען, וועט ער שטיין פאַר אים און ענטפערן אויף זיינע פראַגן. איוואַן איליטש האָט קיינמאָל נישט שלעכט געברויכט דידאָזיקע מאַכט זיינע, אדרבא, ער האָט זיך געסטאַרעט ווייכער מאַכן איר אויסדרוק; אָבער דער באַוווסטזיין פון דערדאָזיקער מאַכט און די מעגלעכקייט ווייך צו מאַכן זי איז פאַר אים געווען דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע און שענסטע אין, זיין נייעם אַמט. און וואָס שייך דעם אַמט גופא, דהיינו, אין די אויספאָרשונגען, האָט איוואַן איליטש זייער שנעל איבערגענומען דעם מעטאָד פון אָפּווענדן אָן אַ זייט אַלע אומשטענדן, וואָס זענען נישט שייך צו דער דינסט און פון אָנקליידן יעדן סאַמע קאָמפּליצירטן ענין אין אַזאַ פאָרם, באַ וועלכער דער ענין זאָל בלויז מיט דער אויסערלעכער זייט פאַרגעשטעלט ווערן אויפן פּאַפּיר און באַ וועלכער זיין פּערזענלעכע אָנשוינג זאָל אינגאַנצן אויסגעשלאָסן ווערן, און דער עיקר — עס זאָל אָפּגעהיטן ווערן די גאַנצע פאָרמאַליטעט, וועלכע עס פאָדערט זיך. די זאַך איז געווען אַ נייע. און ער איז געווען אייבער פון די ערשטע מענטשן, וועלכע האָבן אויף דער פּראַקטיק אויסגעאַרבעט די אָנווענדונג פון דעם סטאַטוט פון 1864 יאָר.

אַריבער אין דער נייער שטאָט אויף דער שטעלע פון אַן אויספאָרשונגס-ריכטער, האָט איוואַן איליטש געשלאָסן נייע באַקאַנטשאַפט, פריינטשאַפט, אויף אַ נייעם שטייגער זיך אַוועקגעשטעלט און אָנגענומען אַ ביסל אַ נייעם טאָן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ געוויסן ווערדיקן מרחק פון די גובערניאַלע מאַכטהאָבער, האָט זיך אויסדערוויילט דעם בעסערן קרייז פון די געריכט-באַאַמטע און פון די רייכע פּריצים, וועלכע האָבן געוווינט אין דער שטאָט, און האָט אָנגענומען דעם טאָן פון לייכטער אומצופרידנקייט מיט דער רעגירונג, פון מעסיקער ליבעראַלישקייט און ציוויליזירטער בירגערשאַפטלעכקייט. דערביי האָט איוואַן איליטש, אויף קיין האָר נישט ענדערנדיק די עלעגאַנטישקייט פון זיין טואַלעט, אויפגעהערט אויף דעם נייעם פּאָסטן אויסצוראַזירן די גאָמבע און האָט געלאָזט די באָרד וואַקסן פריי, ווי זי וויל.

איוואַן איליטשעס לעבן האָט אויך אין דער נייער שטאָט זיך אויסגעפורעמט זייער אָנגענעם: די קעגן דעם גובערנאַטאָר פראָנדירנדיקע געזעלשאַפט איז געווען אַ חברשע און אַ גוטע, דער געהאַלט איז געווען אַ גרויסער, און נישט ווייניק אָנגענעמלעכקייט אין לעבן האָבן צוגעגעבן

די קאָרטן, אין וועלכע עס האָט אָנגעהויבן שפּילן איוואַן איליטש, וועלכער האָט געהאַט די פעיקייט צו שפּילן אין קאָרטן פריילעך, שנעל אויסרעכענענדיק און דין, אַזוי, אַז אין אַלגעמיין האָט ער שטענדיק געוווּנען.

נאָך צוויי יאָר דינסט אין דער נייער שטאָט האָט זיך איוואַן איליטש באַגעגנט מיט זיין צוקונפטיק ווייב. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווּנאַ מיכעל איז געווען דאָס סאַמע שיינע, קלוגע, גלענצנדע מיידל פון דעם קרייז, אין וועלכן איוואַן איליטש האָט געלעבט. צווישן אַנדערע פאַרווייליגונגען און מינים אָפּרו פון די פאַרשונגס-אַרבעטן האָט איוואַן איליטש איינגעשטעלט שפּילעוודיקע לייכטע באַציונגען מיט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווּנען.

זייענדיק אַ באַאַמטער פאַר ספּעציעלע שליחותן האָט איוואַן איליטש בכלל געטאַנצט; נאָר אַלס אויספאָרשער האָט ער שוין געטאַנצט אַלס אויסנאַם. ער האָט שוין געטאַנצט אין דעם זינען, וואָס כאָטש אין די נייע אַנשטאַלטן און כאָטש אַ באַאַמטער פון דעם פינפטן ראַנג, נאָר אויב עס האַנדלט זיך וועגן טענץ, קאָן איך דערווייזן, אַז אין דער הינזיכט קאָן איך בעסער פאַר אַנדערע. אַזוי פלעגט ער ווען-נישט-ווען צום סוף אָוונט טאַנצן מיט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווּנאַ, און דערהויפּט טאַקע בשעת די דאָזיקע טענץ האָט ער עס באַצווונגען פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווּנאַן. זי האָט זיך אין אים פאַרליבט. איוואַן איליטש האָט נישט געהאַט קיין קלאָרע באַשטימטע כוונה חתונה צו האָבן, אָבער ווען דאָס מיידל האָט זיך אין אים פאַרליבט, האָט ער זיך אָנגעשטעלט די דאָזיקע פראַגע. „פאַרוואָס טאַקע באמת נישט חתונה האָבן?" — האָט ער זיך געזאָגט.

די פריילין פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווּנאַ איז געווען פון אַ שיינער פּריצישער משפּחה, נישט קיין מיאוסע; געהאַט אַ ביסעלע פאַרמעגן. איוואַן איליטש האָט געקאָנט אויסרעכענען אויף אַ גלענצנדערן שידוך, אָבער דער דאָזיקער שידוך איז אויך געווען אַ גוטער. איוואַן איליטש האָט געהאַט זיין געהאַלט, זי, האָט ער געהאָפט, וועט האָבן אויך אַזוי פיל. פיינע משפּחה. זי איז אַ ליבלעכע, אַ שיינינקע און אַ פולקאָם אָנשטענדיקע פרוי. זאָגן, אַז איוואַן איליטש האָט חתונה געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט ליב געקריגן זיין כלה און האָט אין איר געפונען מיטגעפיל צו זיינע בליקן אויפן לעבן, וואָלט געווען פונקט אַזוי נישט ריכטיק, ווי זאָגן, אַז ער האָט חתונה געהאַט דערפאַר, וואָס די מענטשן פון זיין געזעלשאַפט האָבן געזאָגט, אַז דער שידוך איז אַ גוטער. איוואַן איליטש

האָט חתונה געהאַט צוליב ביידע טעמים: ער האָט געטון דאָס, וואָס עס איז געווען אָנגענעם פאַר אים, געמענדיק אַזאַ ווייב, און צוזאַמען דערמיט האָט ער געטון דאָס, וואָס די סאַמע העכסטע לייט האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק.

האָט איוואַן איליטש חתונה געהאַט.

דער פּראָצעס גופא פון דער חתונה און די ערשטע צייט פונם מאַן-און-ווייב לעבן, מיט די לאַסקעס פון מאַן-און-ווייב, מיט דעם נייעם מעבל, נייעם געפעס, נייע וועש, ביז דאָס ווייב איז מעוברת געוואָרן, איז אַדורך גאַנץ ווויל, אַזוי אַז איוואַן איליטש האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ניט נאָר די חתונה צעשטערט נישט דעם כאַראַקטער פון לייכטן, אָנגענעמען, פריילעכן, און אַלע מאָל אָנשטענדיקן און פון דער געזעלשאַפט געלויבטן לעבן — יענעם כאַראַקטער, וואָס איוואַן איליטש האָט געהאַלטן, אַז ער איז אייגנשאַפטלעך פאַרן לעבן בכלל, נאָר אַז זי פאַרשטאַרקט אים נאָך. אָבער באַלד פון די ערשטע חדשים אָן, וואָס דאָס ווייב איז מעוברת געוואָרן, האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס נייעס, אומדערוואַרטס, אומאָנגענעמס, שווערס און אומאָנשטענדיקס, וואָס מען האָט דערויף נישט געקאָנט וואַרטן און פון וואָס מען האָט בשום אויפן נישט געקאָנט פּטור ווערן.

אָן שום סיבות, ווי ס'האָט זיך געדאַכט איוואַן איליטשן, de gaîté de coeur, ווי ער האָט זיך געזאָגט, האָט דאָס ווייב גענומען צעשטערן די אָנגענעמלעכקייט און די אָנשטענדיקייט פונם לעבן: זי האָט אָן אַ שום סיבה געאייפערט צו אים, געפאָדערט, ער זאָל זיך עוסקן מיט איר, האָט זיך געבונדן צו אַלץ און געמאַכט אים אומאָנגענעמע און גראָבע סצענעס.

לכתחילה האָט איוואַן איליטש געהאַפט צו באַפרייען זיך פון דער אומאָנגענעמלעכקייט פון דערדאָזיקער לאַגע דורך דער זעלביקער לייכטער און אָנשטענדיקער באַציונג צום לעבן, וועלכע האָט אים געראַטעוועט פריער, ער האָט פּרובירט איגנאָרירן דעם ווייבס געמיט-צושטאַנד, האָט ווייטער געלעבט לייכט און אָנגענעם, ווי פריער: האָט צו זיך איינגעלאַדן גוטע פריינט אויף אַ פּאַרטיע אין קאָרטן, האָט פּרובירט אַליין אַוועקפאָרן אין קלוב אָדער צו גוטע פריינט. אָבער איינמאָל האָט דאָס ווייב מיט אַזאַ ענערגיע אָנגעהויבן אים צו זידלען מיט גראָבע רייד, און אַזוי פאַרעקשנט ווייטער געזידלט יעדעס מאָל, ווען ער האָט נישט דערפילט אירע פאָדערונגען, אפנים, פעסט באַשלאָסן נישט אויפצוהערן,

ביזוואַנגען ער וועט זיך נישט אונטערגעבן, ד. ה. ער וועט נישט בלייבן זיצן אינדערהיים און אויך אַזוי, ווי זי, בענקען, — אַז אויף איוואַן איליטשן איז געפאַלן אַן אימה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מאַן-און-ווייב-לעבן, לפּחות, מיט זיין ווייב, איז נישט אַלעמאָל אַ סגולה צו די אַנגענעמלעכקייטן און צו דער אַנשטענדיקייט פונם לעבן. נאָר פאַרקערט — אַז עס שטערט זיי אָפט, און אַז דעריבער מוז מען זיך באַשיצן פון דידאָזיקע שטערונגען. און איוואַן איליטש האָט גענומען זוכן מיטלען דערצו. די דינסט איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט פּראָסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַן אימפּאָנירט און איוואַן איליטש האָט דורך דער דינסט און פון די פליכטן, וואָס זענען מיט איר פאַרבינדן, גענומען קעמפן קעגן דעם ווייב, אויסצוימענדיק זיין אומאָפּהענגיקע וועלט.

צוזאַמען מיט דעם געבורט פונם קינד, מיט די פּראָבעס צו זייגן עס און מיט די פאַרשידענע אַנטוישונגען דערביי, מיט די קרענק אמתע און כּלומרשטיקע באַם קינד און באַ דער מוטער, בשעת עס האָט זיך פון איוואַן איליטשן געפאָדערט אַנטייל, נאָר ער האָט אין דעם גאָרנישט פאַרשטאַנען, -- איז די באַדערפעניש פאַר איוואַן איליטשן אויסצוצוימען זיך אַ וועלט אויסער דער משפחה געוואָרן נאָך שטאַרקער.

וואָס מער דאָס ווייב איז געוואָרן צערייצטער און וואָס מער זי האָט געפאָדערט, האָט איוואַן איליטש אַלץ מער און מער איבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט פון זיין לעבן אין זיין דינסט. ער האָט אָנגעהויבן מער ליב צו האָבן דעם אַמט און איז געוואָרן ערגייציקער, איידער ער איז געווען פריער.

זייער גיך, נישט ווייטער ווי אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער חתונה האָט איוואַן איליטש פאַרשטאַנען, אַז, געבנדיק אייניקע באַקוועמלעכקייטן אין לעבן, איז דאָס חתונה-לעבן אין תּוך זייער אַ קאָמפּליצירטע און אַ שווערע זאַך, בנוגע צו וועלכער מען דאַרף, כּדי צו דערפילן דעם חוב, ד. ה. פירן אַן אַנשטענדיק, פון דער געזעלשאַפט באַוויליקט לעבן, אויסאַרבעטן אַ באַשטימטע באַציונג, ווי צו דער דינסט.

און אַזאַ באַציונג צו זיין חתונה-לעבן האָט זיך איוואַן איליטש אויסגעאַרבעט. ער האָט געפאָדערט פון משפחה-לעבן מער נישט ווי די באַקוועמלעכקייטן פון אַ היימיש מיטאָג, פון אַ ווירטין, אַ געלעגער, וועלכע ס'דאָזיקע לעבן האָט אים געקאָנט געבן, און דער עיקר -- יענע אָנשטענדיקייט פון די אויסערלעכע פאָרמען, וועלכע ווערן באַשטימט דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. נאָר אין איבעריקן האָט ער געזוכט

פריילעכע אָנגענעמלעכקייט, און אויב ער האָט עס געפונען, איז ער געווען זייער דאַנקבאַר. אויב אָבער ער האָט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד און אַן אומצופרידנקייט, איז ער תיכף ומיד אַוועק אין זיין באַזונדערער אויסגעצוימטער וועלט פון זיין שטעלע, און אין איר האָט ער געפונען די אָנגענעמלעכקייט.

איוואַן איליטשן האָט מען געשעצט אַלס אַ פלייסיקן דינסט-מאַן און אין דריי יאָר אַרום האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ געהילף-פראָקוראָר. די נייע פליכטן, זייער וויכטיקייט, די מעגלעכקייט צוצוציען צום געריכט און צו פאַרזעצן יעדן איינציקן אין תפיסה, די עפנטלעכקייט פון די רעדעס, דער דערפאָלג, וואָס איוואַן איליטש האָט דערביי געהאַט: דאָס אַלץ האָט אים נאָך מער געצויגן צו דער שטעלע.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קינדער. דאָס ווייב איז געוואָרן אַלץ מער אומצופרידן, און האָט אַלץ מער געבורטשעט, אָבער די באַציונגען, וואָס איוואַן איליטש האָט אויסגעאַרבעט צום לעבן אין דער היים, האָבן אים געמאַכט כמעט אומדרינגלעך פאַר איר וואָרטשעניש.

נאָך זיבן יאָר דינסט אין איין שטאָט האָט מען איוואַן איליטשן אַריבערגעפירט אויף דער שטעלע פון אַ פראָקוראָר אין אַן אַנדערע גובערניע.

זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן. געלט איז געווען קנאַפּ, און דעם ווייב איז נישט געפעלן געוואָרן דאָס אָרט, וווהין מען האָט זיך אַריבערגעקליבן. דאָס געהאַלט איז טאַקע געווען גרעסער, איידער דאָס פריערדיקע, אָבער דאָס לעבן איז דאָ געווען טייערער. חוץ דעם, זענען געשטאָרבן צוויי קינדער, און דעריבער איז דאָס משפחה-לעבן געוואָרן נאָך אומאָנגענעמער פאַר איוואַן איליטשן.

פראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט אין אַלע צרות אויף דעמדאָזיקן נייעם אָרט באַשולדיקט דעם מאַן. דאָס רוב ענינים, וועגן וועלכע מאַן און ווייב האָבן צווישן זיך גערעדט, דערהויפּט די דערציונג פון די קינדער, האָט געבראַכט צו פראַגן, נאָך וועלכע עס זענען געבליבן דערינערונגען וועגן מחלוקתן, און די מחלוקתן זענען יעדע רגע גרייט געווען צו צעפלאַקערן זיך. עס זענען געבליבן נאָר יענע זעלטענע פעריאָדן פון פאַרליבטקייט, וואָס פלעגן אָנקומען אויף מאַן און ווייב, אָבער זיי פלעגן נישט לאַנג דויערן. דאָס זענען געווען אינזעלעך, אויף וועלכע זיי פלעגן אַרויסשטייגן צייטווייליק, אָבער נאָכדעם פלעגן זיי זיך ווידער אַוועקלאָזן איבער דעם ים פון באַהאַלטענער שנאה, וועלכע האָט זיך אויסגע-

דריקט אין פאַרפרעמדקייט איינער צום אַנדערן. דידאָזיקע פאַרפרעמדקייט וואָלט איוואַן איליטשן פאַרשאַפט עגמת־נפש, ווען ער וואָלט האַלטן, אַז עס דאַרף אַזוי נישט זיין, אָבער ער האָט שוין דידאָזיקע לאַגע איצט געהאַלטן נישט בלויז פאַר אַ נאָרמאַלע, נאָר אפילו פאַר דעם ציל פון זיין טעטיקייט אין דער משפחה. זיין ציל איז באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל זיך וואָס מער באַפרייען פון דידאָזיקע אומאַנגענעמלעכקייטן און צוגעבן זיי אַ כאַ־ ראַקטער פון אומשעדלעכקייט און פון אַנשטענדיקייט. און ער האָט עס דערגרייכט דורך דעם, וואָס ער האָט אַלץ ווייניקער און ווייניקער פאַר־ ברענגט די צייט מיט דער משפחה, און ווען ער איז געווען גענייטיקט דאָס צו טון, האָט ער זיך געשטאַרעט פאַרזיכערן זיין לאַגע מיט דער אָנ־ וועזנהייט פון זייטיקע מענטשן. דער עיקר אָבער איז דאָס, וואָס איוואַן איליטש האָט געהאַט זיין אַמט. אין דער אַמטלעכער וועלט האָט זיך פאַר אים קאָנצענטרירט דער גאַנצער אינטערעס פונם לעבן. און דערדאָזיקער אינטערעס האָט אים פאַרשלונגען. דער באַוווּסטזיין פון זיין מאַכט, פון דער מעגלעכקייט אומגליקלעך צו מאַכן יעדן מענטש, וואָס ער וואָלט וועלן אומגליקלעך מאַכן, די חשיבות, אפילו די אויסערלעכע, באַ זיין אַריינגיין אין געריכט, און באַ די באַגעגענישן מיט די נידעריקערע באַ־ אַמטע, זיין דערפאָלג פאַר די העכערע און נידעריקערע באַאַמטע, און דער עיקר דאָס מייסטערשאַפט פון פירן די ענינים פון דער פּראָקוראַטור, וועלכע ער האָט געפילט, — דאָס אַלץ האָט אים געפרייט, און צוזאַמען מיט די שמועסן מיט די חברים, מיט די מיטאָגן, מיט די קאָרטן אָנגע־ פילט זיין לעבן. אַזוי אַז אין אַלגעמיין איז איוואַן איליטשעס לעבן ווייטער געגאַנגען אַזוי, ווי ער האָט געהאַלטן, אַז עס וואָלט באַדאַרפט צו גיין: אָנגענעם און אַנשטענדיק.

אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט נאָך זיבן יאָר. דער עלטערער טאָכטער איז שוין געווען 16 יאָר, נאָך איין קינד איז געשטאָרבן און פאַרבליבן איז אַ יינגל, אַ גימנאַזיסט — וואָס צוליב אים זענען עס די מחלוקתן פאָרגעקומען. איוואַן איליטש האָט אים געוואָלט אָפּגעבן אין דער יורידי־ שער שול, און פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ, האָט, אים אויף צו־להכעיס, אָפּגעגעבן אים אין דער גימנאַזיע. די טאָכטער האָט זיך געלערנט אין שטוב און איז געוואַקסן גוט, דאָס יינגל האָט זיך אויך געלערנט נישט שלעכט.

III.

אזוי האָט איוואַן איליטש געלעבט במשך פון 17 יאָר פון זיין חתונה אָן. ער איז שוין געווען אַן אַלטער פּראָקוראָר, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איניקע ערטער, אויף וועלכע מען האָט אים געוואָלט אַריבערפירן, אויסקוקנדיק אויף אַ מער געווונטשן אָרט, ווען פּלוצלינג האָט פּאַסירט איינער אַן אומאַנגענעמער אומשטאַנד, וועלכער האָט שיער אינגאַנצן נישט צעשטערט די רויקייט פון זיין לעבן. איוואַן איליטש האָט געוואַרט אויף דעם שטעלע פון אַ פּאָרזיצער אין אַן אוניווערזיטעט-שטאָט, אָבער גאָפּע איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און ער האָט די שטעלע באַקומען. איוואַן איליטש איז ברוגז געוואָרן, האָט אָנגעהויבן מאַכן פאָרווירפן און האָט זיך צעקריגט מיט אים און מיט די נאָענטסטע העכערע באַאַמטע, מען איז צו אים געוואָרן קאַלט און בײַ דער פאָלגנ-דיקער באַשטימונג האָט מען אים גאָר אויסגעלאָזט.

דאָס איז געווען אין 1880 יאָר. דאָס יאָר איז געווען דאָס שווערסטע אין איוואַן איליטשעס לעבן. אין דעמדאָזיקן יאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן, פון איין זייט, אַז די שכירות קלעקן נישט אויף דער הוצאה, פון דער צווייטער — אַז אַלע האָבן אים פאַרגעסן, און אַז דאָס, וואָס האָט אויס-געוויזן פאַר אים, בנוגע צו אים, אַלס דאָס גרעסטע, אַכזרישסטע אומ-גערעכטיקייט, האָבן אַנדערע זיך פאַרגעשטעלט אַלס גאָר אַ געוויינלעכע זאַך. אפילו דער פאָטער האָט נישט געהאַלטן, אַז ער איז מחויב אים צו העלפן. ער האָט דערפילט, אַז אַלע האָבן אים פאַרלאָזט, רעכנענדיק זיין לאַגע מיט די 3,500 געהאַלט פאַר גאָר אַ נאָרמאַלע און אפילו פאַר אַ גליקלעכע. ער איינער האָט געוווסט, אַז מיט דעם באַוווסטזיין פון די עוולות, וואָס מען האָט אים געטון און מיט דעם אייביקן זיגן מצד דעם ווייב, און מיט חובות, אין וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקריכן, לעבנ-דיק איבער די מעגלעכקייטן, — ער איינער האָט געוווסט, אַז זיין לאַגע איז ווייט נישט קיין נאָרמאַלע.

כדי לייכטער צו מאַכן זיך די הוצאה, האָט ער אויפן זומער פון דעמדאָזיקן יאָר גענומען אורלויב און איז אַוועקגעפאָרן דעם זומער פאַר-ברענגען מיטן ווייב בײַ פּראַסקאָוויא פעדאָראָוונאַס ברודער.

אין דאָרף, אַן דער דינסט, האָט איוואַן איליטש דאָס ערשטע מאָל דערפילט נישט בלויז אַ לאַנגווייליקייט, נאָר אַ שווער געמיט אַן אומדערטרעגלעכס, און ער האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי לעבן קאָן מען נישט, און מען דאַרף אָננעמען עפּעס אַנטשיידענע מיטלען.

פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט, וואָס איוואַן איליטש האָט זי איינגאַנצן אָפּגעמאַרשירט איבער דער טעראַסע, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּעטערבורג, משתדל זיין זיך, און כדי צו באַשטראָפן זיי, יענע, וואָס האָבן נישט געקאָנט געהעריק אָפּשאַצן אים, אַריבערגיין אין אַן אַנדער מיניסטעריום.

אויף מאָרגן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, נישט געקוקט אויף די עצות פון דעם ווייב און דעם שוואָגער, וועלכע האָבן אים געראַטן נישט צו פאָרן.

ער איז געפאָרן מיט איין ציל: אויסבעטן אַ שטעלע מיט פינף טויזנט געהאַלט. ער האָט זיך שוין נישט געהאַלטן פאַר קיין באַשטימטן מיניסטעריום, פאַר קיין ריכטונג, פאַר קיין מין טעטיקייט. ער האָט געדאַרפט מער נישט ווי אַ שטעלע, אַ שטעלע מיט פינף טויזנט, אַן אַדמיניסטראַטיווע. אין אַ באַנק, אויף די אייזנבאַנען, אין די אַנשטאַלטן פון דער קייזערין מאַריאַ, אפילו אויף דער טאַמאָזשנע — נאָר אומבאַדינגט מיט פינף טויזנט, און אומבאַדינגט אַרויסגיין פון מיניסטעריום, ווו מען האָט אים נישט געקאָנט אָפּשאַצן.

און אָט די דאָזיקע נסיעה איוואַן איליטשעס איז באַקרייגט געוואָרן מיט וווּנדערלעכן אומדערוואַרטעטן דערפאָלג. אין קורסק האָט זיך אין 1-טן קלאַס אַריינגעזעצט פּ. ס. אילין, אַ באַקאַנטער, און האָט איבערגעגעבן אַ פרישע טעלעגראַמע, וואָס דער קורסקער גובערנאַטאָר האָט באַקומען, אַז אין מיניסטעריום וועט די טעג פאָרקומען אַן איבערקערעניש. אויף דעם אָרט פון פּיאָטר איוואַנאָוויטשן באַשטימט מען איוואַן סעמיאָנאָוויטשן.

די געפּלאַנטע איבערקערעניש האָט, חוץ איר באַדייטונג פאַר רוסלאַנד, געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג פאַר איוואַן איליטשן דערמיט, וואָס אַרויסרוקנדיק אַ נייע פּערזאָן פּיאָטר פּעטראָוויטשן און, ווייזט אויס אַפנים, זיין פריינד זאַכאַר איוואַנאָוויטשן, איז זי געווען אין דער גרעסטער מאָס נוצלעך פאַר איוואַן איליטשן: זאַכאַר איוואַנאָוויטש איז געווען איוואַן איליטשן אַ חבר און אַ גוטער פריינט.

אין מאָסקווע האָט זיך די ידיעה באַשטעטיקט. און געקומען צו-

פאָרן קיין פעטערבורג, האָט איוואַן איליטש געפונען זאַכאַר איוואַנאָוויטשן און באַקומען אַ הבטחה אויף אַ זיכער אָרט אין זיין פריערדיקן יוסטיץ-מיניסטעריום.

אין אַ וואָך אַרום האָט ער טעלעגראַפירט צו דעם ווייב:

זאַכאַר מילערס אָרט באַם ערשטן באַריכט באַקום באַשטימונג.

אַ דאַנק דערדאָזיקער ענדערונג פון די פערזאָנען, האָט איוואַן איליטש אין זיין פריערדיקן מיניסטעריום באַקומען אַזאַ אָרט, אויף וועלכן ער האָט זיך געשטעלט אויף צוויי שטאַפּלען העכער פאַר זיינע חברים: פינף טויזנט געהאַלט און רייזע-קאָסטן דריי טויזנט פינף הונדערט. דער גאַנצער רוגז אויף די פריערדיקע שונאים זיינע און אויף דעם גאַנצן מיניסטעריום איז פאַרגעסן געוואָרן, און איוואַן איליטש איז געווען גאָר גליקלעך.

איוואַן איליטש האָט זיך צוריקגעקערט אין דאָרף אַ פריילעכער, אַ צופרידענער, אַזאַ ווי ער איז שוין לאַנג נישט געווען. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ איז אויך פריילעכער געוואָרן, און צווישן זיי איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפן-שטילשטאַנד. איוואַן איליטש האָט דערציילט וועגן דעם, ווי מען האָט אים אָפּגעגעבן כבוד אין פעטערבורג, ווי די אַלע, וועלכע זענען געווען זיינע שונאים, זענען פאַרשעמט געוואָרן און האָבן זיך איצט אונטערגעלעקט צו אים, ווי מען איז אים מקנא פאַר זיין לאַגע; דער עיקר וועגן דעם, ווי שטאַרק מען האָט אים ליב געהאַט אין פעטערבורג.

פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט עס אויסגעהערט און געמאַכט זיך, כלומרשט זי גלייבט אין דעם אַלעמען און האָט נישט גערעדט אַנטקעגן קיין איינציק וואָרט, נאָר זי האָט געבויט פּלענער, ווי אויף אַ נייעם אופן איינצואָרדנען דאָס לעבן אין יענער שטאָט, וווהין זיי קלויבן זיך אַריבער. און איוואַן איליטש האָט מיט פרייד געזעען, אַז דידאָזיקע פּלענער זענען זיינע פּלענער, אַז זיי פאַלן צונויף, און אַז ווידער נעמט זיין איבערגעהאַקט לעבן אָן דעם עכטן, אים איינגעשאַפּטלעכן כאַראַקטער פון פריילעכער אָנגענעמלעכקייט און אָנשטענדיקייט.

איוואַן איליטש איז געקומען צו פאָרן אויף אַ קורצע צייט. דעם 10-טן סעפּטעמבער האָט ער געדאַרפט איבערנעמען די שטעלע, און חוץ דעם האָט ער נאָך געדאַרפט האָבן צייט אויף איינצואָרדנען זיך אויפן נייעם אָרט, אַריבערפירן אַלץ פון דער פּראָווינץ, צוקויפן, פיל זאַכן

באַשטעלן; מיט איין וואָרט, איינאָרדנען זיך אַזוי, ווי דאָס איז באַשלאָסן געוואָרן בא אים אין רעיון, און כמעט פונקט אַזוי, ווי דאָס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אין דער נשמה בא פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ.

און איצט, ווען אַלץ האָט זיך איינגעאָרדנט אַזוי געלונגען, און ווען ער מיט דעם ווייב זענען זיך צונויפגעגאַנגען אין ציל, און זיי האָבן, חוץ דעם, ווייניק געלעבט צוזאַמען, האָבן זיי זיך אַזוי נאָענט באַפריינדעט, ווי זיי האָבן זיך נאָך נישט באַפריינדעט זינט די ערשטע יאָרן פון זייער צוזאַמענלעבן. איוואַן איליטש האָט געוועזט געטראַכט אַוועקצופירן די משפחה תּיכּף, נאָר דאָס צושטיין פון דער שוועסטער און פונם שוואָגער, וועלכע זענען פּלוצלינג געוואָרן באַזונדער ליבלעך און קרוביש צו איוואַן איליטשן און צו זיין משפחה, האָבן געבראַכט דערצו, אַז איוואַן איליטש איז אַוועקגעפאָרן אַליין.

איוואַן איליטש איז אַוועקגעפאָרן, און די פריילעכע לוין צוליב דער הצלחה און צוליב דעם שלום מיט דעם ווייב — וואָס איינס האָט פאַרשטאַרקט דאָס צווייטע — האָט אים די גאַנצע צייט נישט פאַרלאָזט. עס האָט זיך געפונען אַ דירה אַ פּראַכטפולע, דאָס גופא טאַקע, וועגן וואָס עס האָבן געטרוימט מאַן און ווייב. ברייטע, הויכע, אין אַלטן סטיל, אויפנאַם-זאַלן, אַ באַקוועמער, גראַנדיעזער קאַבינעט, צימערן פאַר דעם ווייב און פאַר דער טאָכטער, אַ קלאַס-צימער פאַרן זון, אַלץ ווי בכיוון צוגעטראַכט פאַר זיי. איוואַן איליטש האָט זיך אַליין גענומען פאַר דער איינאָרדנונג. האָט אויסגעקליבן טאַפּעטן, צוגעקויפט מעבל, דערהויפּט פון אַלטוואַרג, וועלכן ער האָט צוגעגעבן אַ באַזונדער קאָמילפאָטנעם סטיל, באַשלאָג-שטאָף; און אַלץ איז געוואַקסן, געוואַקסן און דערגאַנגען צו דעם אידעאַל, וועלכן ער אַליין האָט זיך באַשאַפן. ווען ער האָט זיך שוין ביז דער העלפט איינגעאָרדנט, האָט זיין איינאָרדענונג איבערשטייגט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געוואַרט. ער האָט פאַרשטאַנען יענעם קאָמילפאָטנעם, פיינעם, נישט וווּלגאַרן כאַראַקטער, וואָס אַלץ וועט אָננעמען, ווען עס וועט ווערן פאַרטיק. אַנטשלאָפן ווערנדיק, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם זאַל, אַזוי ווי ער וועט זיין. קוקנדיק אויף דעם אויפנאַם-זאַל, נאָך נישט קיין פאַרענדיקטן, האָט ער שוין געזעען דעם קאַמין, דעם עקראַן, די עטאַזשערקע און דידאָזיקע שטילעכלעך, פונאַנדערגעשאָטענע איבערן צימער, די שיסלען און די טעלער אויף די ווענט און די בראָנזענע זאַכן, ווען זיי וועלן אַלע אויסגעשטעלט זיין אויף זייערע ערטער. עס האָט אים געפרייט דער געדאַנק, ווי ער וועט פאַרוווּנדערן פּאַשען

און ליזעלען, וועלכע פילן אויך אין די זאַכן אַ טעם. זיי וואַרטן דערויף בשום אופן נישט. דער עיקר האָט זיך אים איינגעגעבן צו געפינען און ביליק צו קויפן אַלטע חפצים, וועלכע האָבן אַלץ צוגעגעבן אַ באַזונדער איידעלן כאַראַקטער. אין זיינע בריוו האָט ער בכיוון אַלץ געמאָלט ערגער ווי אין דער אמתן, כדי צו איבעראַשן זיי. דאָס אַלץ האָט אים אַזוי פאַרנומען, אַז אפילו די נייע שטעלע זיינע האָט אים, דעם, וואָס האָט די זאַך ליב — אינטערעסירט ווייניקער, איידער ער האָט גערעכנט. אויף די זיצונגען האָבן זיך באַ אים געטראָפן מאָמענטן פון צעשטרייטקייט; ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַרא קאַרניזן צו די גאַרדינען, גלייכע צי מיט געצימסן. ער איז אַזוי געווען פאַראינטערעסירט דערמיט, אַז ער פלעגט זיך אַליין פאַרען, אפילו איבערשטעלן דאָס מעבל און איבערהענגען די גאַרדינען. איינמאָל איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ לייטערל, כדי צו באַווייזן דעם טאַפּיצירער, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי ער וויל דראַפּירן, ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן, אָבער, ווי אַ שטאַרקער און געשיקטער מענטש, האָט ער זיך דערהאַלטן אויף די פיס; נאָר מיט דער זייט האָט ער זיך אָפּגעשלאָגן אַן הענטל פון דער ראַם. דער קלאַפּ האָט אַ ביסל וויי געטון, נאָר די ווייטיק איז באַלד אַריבער. איוואַן איליטש האָט זיך געפילט די גאַנצע צייט באַזונדער פריילעך און געזונט. ער האָט געשריבן: איך פיל, אַז פון מיר איז אַראָפּגעשפרונגען אַ יאָר 15. ער האָט גערעכנט ענדיקן אין סעפּטעמבער — נאָר עס האָט זיך פאַרצויגן ביז האַלב אָקטאָבער. דערפאַר איז אַרויסגעקומען פּראַכטפול, נישט ער אַליין האָט עס געזאָגט, נאָר אים האָבן עס געזאָגט אַלע, ווער עס האָט געזען.

אין עצם איז עס געווען דאָסזעלביקע, וואָס באַ אַלע, נישט זייער רייכע מענטשן, נאָר אַזעלכע, וועלכע ווילן זיין ענלעך צו רייכע און דעריבער זענען זיי ענלעך נאָר איינער צו דעם אַנדערן: שטאָפן, שוואַרץ-האָלץ, בלומען, טעפּיכער און בראָנז, טונקעלע און גלאַנציקע, דאָס אַלץ, וואָס אַלע מענטשן פון אַ געוויסן מין טון, כדי צו זיין ענלעך צו אַלע מענטשן פון דעם געוויסן מין. און באַ אים איז אויך געווען אַזוי ענלעך, אַז עס איז אפילו נישט געווען אויף וואָס צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט, אָבער אים האָט עס אַלץ אויסגעוויזן ווי עפּעס אומגעוויינלעכס. ווען ער האָט באַגעגנט די אייגענע אויף דער סטאַציע פון דער אייזנבאַן, געבראַכט זיי צו פירן אין זיין באַלויכטענער פאַרטיקער קוואַטיר, און דער לאָקיי אין דעם ווייסן האַלזטוך האָט אויפגעעפנט די

אין דעם פאַרפּוצטן מיט בלומען פּאַדערצימער, און נאָכדעם זענען זיי אריין אין גאַסט-זאַל, אין קאַבינעט, און האָבן געקרעכצט פון פאַרגעניגן, — איז ער געווען זייער גליקלעך, האָט זיי געפירט אומעטום, האָט אין זיך אריינגעזאַפּט זייערע שבחים, און האָט געשיינט פון נחת. אין דעמדאָזיקן אָוונט, ווען פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט בײַ דער טיי, פאַרבייגייענדיק, געפרעגט, ווי איז ער געפאַלן, האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט און אין פּערזענען פאַרגעשטעלט, ווי ער איז אַראָפּגעפלויגן און האָט דערשראָקן דעם טאַפּעצירער.

— נישט אומזיסט בין איך אַ גימנאַסט. אַן אַנדערער וואָלט געהרגעט געוואָרן, אָבער איך האָב מיך נאָר אַ ביסל אָפּגעשלאָגן אָט-דאָ-אָ, אַז מען רירט זיך צו, טוט ווי, אָבער ס׳גייט שוין אַריבער, פּשוט — אַ בלויער צייכן.

און זיי האָבן אָנגעהויבן לעבן אין דער נייער דירה, אין וועלכער עס האָט ווי אַלע מאָל, ווען מען לעבט זיך שוין גוט איין, געפעלט נאָר איין צימער, און מיט די נייע מיטלען, צו וועלכע עס האָט געפעלט, ווי אַלע מאָל, נאָר אַ ביסעלע — אַ וואָסערע 500 רובל, און עס איז געווען זייער גוט. דערהויפּט איז געווען גוט די ערשטע צייט, ווען עס איז נאָך נישט אַלץ געווען איינגעאָרדנט, און מען האָט נאָך געדאַרפט איינאָרדענען: דאָס קויפן, דאָס באַשטעלן, דאָס איבערשטעלן, דאָס איינשטעלן. הגם עס זענען געווען אייניקע חלוקי דעות צווישן מאַן און ווייב, אָבער ביידע זענען געווען אַזוי צופרידן, און עס איז געווען אַזוי פיל עסק, אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט אָן גרויסע מחלוקתן. ווען עס איז שוין אָבער נישט געווען מער וואָס איינצואָרדענען, איז געוואָרן אַ ביסל אומעטיק, און עפּעס האָט געפעלט, אָבער דעמאָלט זענען שוין געמאַכט געווען באַקאַנטשאַפטן, געוווינהייטן, און דאָס לעבן איז פול געווען.

פאַרבראַכט דעם פרימאָרגן אין געריכט, פלעגט איוואַן איליטש צו מיטאָג אומקערן זיך אַהיים. אין די ערשטע צייט איז בײַ אים די שטימונג געווען אַ גוטע, הגם זי האָט אַ ביסל געליטן טאַקע פון דער דירה גופא. (יעדער פלעק אויפן טישטוך, אויפן שטאָף, אַן אָפּגעריסן שנירל פון דער גאַרדין האָבן אים געררייצט. ער האָט דערויף געפּטרט אַזוי פיל מי, אַז יעדע צעשטערונג האָט אים ווי געטון.) אָבער בכלל איז איוואַן איליטשעס לעבן אַוועק אַזוי, ווי לויט זיין גלויבן האָט אַ לעבן געדאַרפט גיין: לייכט, אָנגענעם און אָנשטענדיק. אויפגעשטאַנען איז ער ביין אַ ניינער, האָט געטרונקען קאַווע, געלייענט די צייטונג, נאָכדעם אָנגעטון

דעם ווּיצמונדיר און איז געפאָרן אין געריכט. דאָרט איז שוין געווען צוגעפאַסט דער כאַמעט, אין וועלכן ער האָט געאַרבעט, און ער פלעגט אין אים גלייך אריין. בעטער, אינפאָרמאַציעס אין דער קאַנצעלאַריע. די קאַנצעלאַריע גופא, זיצונגען — עפנטלעכע און צו די אָרדנונגען. אין דעם אַלעם האָט מען געדאַרפט קאָנען אויסשליסן אַלץ, וואָס איז רוי, פון לעבן, וואָס שטערט אַלע מאָל דעם רעגולמעסיקן גאַנג פון די דינסטלעכע ענינים: מען טאָר נישט דערלאָזן מיט קיין מענטשן קיין שום באַציונגען, חוץ דינסטלעכע, און די סיבה פאַר באַציונגען דאַרף זיין נאָר אַ דינסטלעכע, און די באַציונגען גופא — נאָר דינסטלעכע. למשל, אַ מענטש קומט און וויל עפּעס דערגיין. איוואַן איליטש אַלס נישט קיין אַמט־מאַן קאָן טאַקע צו אַזאַ מענטש קיין שייכות נישט האָבן; נאָר אויב די באַציונג פון דעמדאָזיקן מענטש ווי צו אַ מיטגליד פון געריכט איז אַזאַ, וועלכע קאָן אויסגעדריקט ווערן אויף אַ פּאַפּיר מיט אַ קעפּל — איז אין די גרענעצן פון דידאָזיקע באַציונגען טוט איוואַן איליטש אַלץ, לחלוטין אַלץ, וואָס מען קאָן, און דערביי היט ער אָפּ די ענלעכקייט פון מענטשלעכע, פריינטלעכע באַציונגען, ד. ה. די העפלעכקייט. ווי נאָר עס ענדיקט זיך די דינסטלעכע באַציונג, ענדיקט זיך שוין אויך יעדע אַנדערע. דידאָזיקע קענשאַפט אָפּצוטיילן די דינסטלעכע זייט, נישט צונויפמישנדיק זי מיט זיין אמת לעבן, האָט איוואַן איליטש באַהערשט אין דער גרעסטער מאָס, און דורך לאַנגיעריקער פּראַקטיק און מיט דער הילף פון זיין טאַלענט האָט ער זי באַאַרבעט ביז אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט אפילו, ווי אַ ווירטואָז, אָפּטמאָל געקאָנט זיך דערלויבן, כלומרשט אין אַ שפּאַס, צונויפמישן די מענטשלעכע און די דינסטלעכע באַציונגען. ער האָט זיך דאָס דערלויבט, ווייל ער האָט אין זיך געפילט די קראַפט אַלע מאָל, ווען ער וועט עס דאַרפן, ווידער אויסטיילן בלויז דאָס דינסטלעכע און אָפּשטופן דאָס מענטשלעכע. דאָס איז בּאַ איוואַן איליטשן צוגעגאַנגען נישט בלויז לייכט, אַנגענעם און אָנשטענדיק, נאָר אפילו מייסטערהאַפט. אין דער צייט פון די הפסקות האָט ער גערייכערט, געטרונקען טיי, אַ ביסל געשמועסט וועגן פּאָליטיק, אַ ביסל — וועגן אַלגעמיינע זאַכן, אַ ביסל וועגן קאָרטן און מער פאַר אַלץ וועגן באַשטימונגען אויף די אַמטן. און אַ מידער, נאָר מיט דעם געפיל פון אַ ווירטואָז, וואָס האָט ריין אויסגעפילט זיין פּאַרטיע, איינע פון די ערשטע פידלען אינם אָרקעסטער, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. אינדערהיים זענען טאָכטער און מוטער ערגעץ געפאָרן, אָדער בּאַ זיי איז עמעצער געווען; דער

זון איז געווען אין דער גימנאַזיע, האָט געגרייט די לעקציעס מיט רעפּעטיטאָרס, און האָט געלערנט באַפּרידיקלעך דאָס, וואָס מען לערנט אין דער גימנאַזיע. ס'איז אַלץ גוט געווען. נאָך מיטאָג, אויב עס זענען נישט געווען קיין געסט, האָט איוואַן איליטש אַמאָל געלייענט אַ בוך, וועגן וועלכן מען האָט אַ סך גערעדט, און אין אָוונט האָט ער זיך געזעצט אַרבעטן, ד. ה. געלייענט פּאַפּירן, געזוכט אין די געזעצן, — פֿאַרגלייכט בבית-עדותן און אונטערגעפֿירט אונטער די געזעצן. פֿאַר אים איז דאָס געווען נישט אומעטיק, נישט פֿריילעך. אומעטיק איז געווען, ווען מען וואָלט בעסער געקאָנט שפּילן אין קאָרטן, נאָר אויב עס איז נישט געווען קיין שפּילן אין קאָרטן, איז דאָס פֿאָרט געווען בעסער, איידער זיצן אײנער אַליין, אָדער מיט דעם ווייב. און די פֿאַרגעניגנס פֿון איוואַן איליטשן זענען געווען די מיטאָגן, קליינינקע, אויף וועלכע ער האָט אײנגעלאַדן חשובֿע, לויט זייער לאַגע אין דער וועלט, דאַמען און מאַנסבילן, און יענער מין פֿאַרברענגען מיט זיי, וואָס איז ענלעך געווען צו דעם געוויינלעכן פֿאַרברענגען די צייט בײַ אַזעלכע מענטשן, פּונקט אַזוי ווי זיין זאַל פֿאַר געסט איז ענלעך געווען צו אַלע זאַלן פֿאַר געסט.

אײנמאָל איז בײַ זיי אפֿילו געווען אַן אָוונט; מען האָט געטאַנצט. און איוואַן איליטשן איז געווען פֿריילעך און אַלץ איז געווען גוט, עס איז נאָר אַרויסגעקומען אַ גרויסע מחלוקת מיט דעם ווייב צוליב די טאָרטן און די קאָנפֿעקטן. פּראַסקאָוויאַ פֿעדאָראָוונאַ האָט געהאַט איר פּלאַן, און איוואַן איליטש האָט זיך אײנגעשפּאַרט, מען זאָל אַלץ נעמען אין אַ טייערער קאָנדיטערײַ, און גענומען האָט ער אַ סך טאָרטן, און די מחלוקת איז געווען צוליב דעם, וואָס די טאָרטן זענען איבערגעבליבן, און דער חשבון פֿון דער קאָנדיטערײַ איז געווען אויף 45 רובל. די מחלוקת איז געווען אַ גרויסע און אַן אומאָנגענעמע, אַזוי, אַז פּראַסקאָוויאַ פֿעדאָראָוונאַ האָט אים געזאָגט: „שוטה, למך", און ער האָט זיך געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ און האָט עפּעס אַזוינס אַ זאָג געטון וועגן גט. אָבער דער אָוונט גופֿא איז געווען אַ פֿריילעכער. עס איז געווען די בעסטע געזעלשאַפֿט, און איוואַן איליטש האָט געטאַנצט מיט דער פֿירשטין טרופֿאָנאָוואַ, די שוועסטער פֿון יענער, וועלכע איז באַרימט דערמיט, וואָס זי האָט געגרינדעט די געזעלשאַפֿט „טראָג פֿון מיר אַוועק מיין טרויער". די פֿריידן, די אַמטלעכע, זענען געווען פֿריידן פֿון דער אײגנליבע, די פֿריידן, די געזעלשאַפֿטלעכע, זענען געווען פֿריידן פֿון דעם ערגייץ. נאָר די אמתע פֿריידן

איוואַן איליטשעס זענען געווען די פריידן פון קאָרטן-שפּילן. ער האָט זיך מודה געווען, אַז נאָך אַלץ, נאָך וועלכע איר ווילט נישט-פריידיקע געשעענישן אין זיין לעבן, איז די פרייד, וואָס האָט, ווי אַ ליכט, געברענט העלער פאַר אַלע אַנדערע געווען, זעצן זיך מיט גוטע שפּילער און מיט פּאַרטנערן נישט קיין שרייער, שפּילן אין ווינט, און דווקא זאַלבעפערט (זאַלבעפינפט קומט שוין אַרויס זייער ווייטיקדיק, הגם מען מאַכט דעם אָנשטעל, כלומרשט איך האָב זייער ליב), און פירן אַ קלוגן, ערנסטן שפּיל (אויב עס גייט אין די קאָרטן), נאָכדעם אָפּעסן אָוונטברויט און אויסטרינקען אַ גלאָז וויין. און נאָך ווינט, דערהויפּט אויב מיט אַ קליינעם געווינס (אַ גרויס געווינס איז נישט אָנגענעם), פלעגט איוואַן איליטש לייגן זיך שלאָפן אין אַ באַזונדער גוטער שטימונג.

אַזוי האָבן זיי געלעבט. דער קרייז פון געזעלשאַפט איז בא זיי געווען דער בעסטער, עס פלעגן צו זיי אַריינקומען סיי חשובע מענטשן, סיי יונגע מענטשן.

אין דעם בליק אויף דעם קרייז פון זייערע באַקאַנטע זענען צווישן מאַן, ווייב און טאָכטער לחלוטין קיין חלוקי דעות נישט געווען. און נישט צוזאַמענגערעדט זיך, האָבן זיי פון זיך אָפּגעטריבן אַלע פאַרשידענע גוטע פריינט און קרובים, שלומפערס, וועלכע פלעגן זיך אַריינלאָזן מיט צערטלעכקייטן צו זיי אין גאַסט-זאַל מיט די יאַפּאַנישע שיסלען אויף די ווענט. אינגיכן האָבן דיזאָזיקע פריינט-שלומפערס אויפגעהערט אַריינצולאָזן זיך, און די גאָלאָווינס זענען פאַרבליבן בא דער איין געזעלשאַפט, בא דער סאַמע בעסטער. יונגעלייט האָבן זיך געדרייט אַרום ליזעלען, און פּעטרישטשעוו, דמיטרי איוואַנאָוויטש פּעטרישטשעווס זון און דער איינציקער יורש פון זיין פאַרמעגן, האָט זיך גענומען שדכנען צו ליזען, אַזוי אַז איוואַן איליטש האָט שוין וועגן דעם געשמועסט מיט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ: אפשר זאָל מען זיי אָפּקירן קאַטאַיען זיך אויף אַ טראָיקע, אָדער איינאָרדנען אַ ספּעקטאַקל. אַזוי האָבן זיי געלעבט, און אַלץ איז געגאַנגען אַזוי, נישט ענדערנדיק זיך, און אַלץ איז געווען זייער גוט.

## IV.

אַלע זענען געווען געזונט. מען האָט נישט געקאָנט אָנרופן קראַנקייט דאָס, וואָס איוואַן איליטש פלעגט אַמאָל זאָגן, אַז ער פילט אַ מאָדנעם טעם אין מויל, און אַז עפּעס איז נישט היימלעך אין דער לינקער זייט בויך.

עס איז אָבער געשען, אַז דידאָזיקע נישט-היימלעכקייט האָט גענומען גרעסער ווערן און אַריבערגיין נישט אין קיין ווייטיק נאָך, נאָר אין דעם באַוווסטזיין פון אַ שווערקייט אַ שטענדיקער אין זייט און אין אַ שלעכטער שטימונג. דידאָזיקע שלעכטע שטימונג, ווערנדיק אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, האָט אָנגעהויבן קאַליע מאַכן די שוין געוועזט באַ די גאַלאָווינס אין דער משפחה איינגעשטעלטע אָנגענעמלעכקייט פון לייכטן און אָנשטענדיקן לעבן. מאַן און ווייב האָבן אָנגעהויבן אָפטער קריגן זיך, און באַלד איז אָפּגעפאַלן די לייכטקייט און די אָנגענעמלעכקייט, און מיט מי איז דערהאַלטן געוואָרן בלויז די אָנשטענדיקייט. די סצענעס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אָפטער. ווידער זענען פאַרבליבן נאָר אינזעלעך אַליין, איז דאָס אויך קנאַפּ אַזעלכע, אויף וועלכע מאַן און ווייב וואָלטן זיך געקאָנט צונויפקומען אָן אַן אויפרייס. און פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווגאַ האָט איצט נישט אָן אַ יסוד געזאָגט, אַז איר מאַן האָט אַ שווערן כאַראַקטער. מיט דער רגילות, וואָס זי האָט געהאַט מגזם צו זיין, האָט זי געזאָגט, אַז זיין כאַראַקטער איז אַלע מאָל געווען אַ שרעקלעכער, נאָר מען האָט געדאַרפט זיין אַזאַ גוטע ווי זי, כדי צו קענען עס צוואַנציק יאָר פאַרליידן. אמת איז געווען דאָס, אַז די קריגערייען האָבן זיך איצט אָנגעהויבן פון אים. זיין בינדן זיך פלעגט זיך אָנהייבן אַלע מאָל סאַמע פאַר מיטאָג, און אָפטמאָל פונקט ווען ער האָט אָנגעהויבן עסן, צו דער זופּ. דאָס האָט ער באַמערקט, אַז עפּעס פון דעם געפעס איז געפּטרט, דאָס איז דאָס עסן נישט אַזאַ, דאָס האָט דער זון אַרויפגעלייגט דעם עלנבויגן אויפן טיש, דאָס דער טאָכטערס פריזור. און אין אַלץ האָט ער באַשולדיקט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווגאַן. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווגאַ האָט פון אָנהייב געענטפערט און גערעדט אומאָנגענעמלעכע זאַכן,

אָבער ער איז אַ פּאָר מאָל אין אָנהייב מיטאָג אַראָפּגעפאַלן אין אַזאַ שגעון, אַז זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ קרענקלעכער צושטאַנד, וואָס ווערט בײַ אים אַרויסגערופן דורך דעם אויפנעמען שפּייז, און זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן: זי האָט שוין נישט געענטפערט, נאָר צוגעטריבן גיכער צו עסן. איר אײַנגעהאַלטנקייט האָט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ גע־האַלטן פאַר אַ גרויס פאַרדינסט פון איר זייט. באַשלאָסן, אַז דער מאַן אירער האָט אַ שרעקלעכן כאַראַקטער און האָט פאַראומגליקלעכט איר לעבן, האָט זי אָנגעהויבן האָבן אויף זיך רחמנות. און וואָס מער זי האָט אויף זיך רחמנות געהאַט, אַלץ מער האָט זי פײַנט געהאַט דעם מאַן. זי האָט אָנגעהויבן וועלן, אַז ער זאָל שטאַרבן, אָבער זי האָט עס נישט געקאָנט וועלן, ווײַל דעמאָלט וואַלט נישט געווען קיין געהאַלט. און דאָס האָט זי נאָך מער צערייצט אַנטקעגן אים. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר שרעקלעך אַן אומגליקלעכע דווקא דערפאַר, וואָס אפילו זײַן טויט האָט זי נישט געקאָנט ראַטעווען, און זי איז געווען צערייצט, און האָט עס באַהאַלטן, און דידאָזיקע באַהאַלטענע צערייצטקייט האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט איר צערייצטקייט.

נאָך איין סצענע, אין וועלכער איוואַן איליטש איז געווען באַזונ־דער אומגערעכט, און נאָך וועלכער ער האָט בײַ דעם שלום געזאָגט, אַז ער איז טאַקע ווירקלעך צערייצט, נאָר אַז דאָס קומט פון אַ קראַנקייט, האָט זי אים געזאָגט, אַז אויב ער איז קראַנק, דאַרף מען זיך היילן, און זי האָט פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל אַרײַן צו אַ באַרימטן דאָקטאָר.

ער איז אַרײַן. אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי, ווי ער האָט דערוואַרט; אַלץ איז געווען אַזוי, ווי עס טוט זיך אַלע מאָל. סיי דאָס וואַרטן, סיי די אָנגעצויגענע חשובקייט, די דאָקטאָרישע, וועלכע איז אים געווען באַ־קאַנט, — די זעלביקע, וועלכע ער האָט אין זיך געקענט אין געריכט, סיי דאָס אויסקלאַפּן, סיי דאָס אויסהערן און די פראַגן, וועלכע פאָדערן פאַרויס באַשטימטע, און אפנים נישט נייטיקע ענטפערס, סיי דער באַ־דייטנדיקער אויסזען, וועלכער לאָזט פילן, אַז איר, הייסט עס, וואַרפט זיך נאָר אונטער צו אונז, וועלן מיר שוין אַלץ אײַנאָרדנען, מיר ווייסן און האָבן נישט קיין ספקות, ווי אַלץ אײַנצואָרדנען, אַלץ אויף איין שטיי־גער, פאַר יעדן מענטש, פאַר וועמען איר ווילט. דאָס איז אַלץ געווען פונקט אַזוי ווי אין געריכט. פונקט ווי ער האָט אין געריכט געמאַכט דעם

אָנשטעל לגבי די געמשפּטע, אַזוי האָט דער באַרימטער דאָקטאָר לגבי אים אויך געמאַכט דעם אָנשטעל.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: — דאָס-און-דאָס און דאָס-און-דאָס באַווייזט, אַז בײַ אײַך איז אינעווייניק דאָס-און-דאָס און דאָס-און-דאָס. אָבער אויב דאָס וועט נישט באַשטעטיקט ווערן דורך דער אויספאָרשונג פון דאָס-און-דאָס און פון דאָס-און-דאָס, דאַרף מען רעכענען, אַז בײַ אײַך איז דאָס-און-דאָס און-דאָס-און-דאָס. דעמאָלט... און אַז. וו. פאַר איוואַן איליטשן איז וויכטיק געווען נאָר איין פראַגע: זײַן לאַגע איז אַ געפערלעכע, צי נישט? אָבער דער דאָקטאָר האָט איגנאָרירט דידאָזיקע אומפּאַסיקע פראַגע. פון דעם דאָקטאָרס שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען אַן אומזיסטע פראַגע, וועלכע האָט נישט געטאָרט באַטראַכט ווערן — עס איז געווען בלויז אַן אויסוועג פון וואַרשיינלעכקייטן, פון בלאָנדזשענדיקע נירלעך, פון כראָנישן קאַטאַר און פון קראַנקייט אין דער בלינדער קישקע. און דידאָזיקע פּלוגתא האָט דער דאָקטאָר פאַר איוואַן איליטשן אין די אויגן געלייזט אויף אַ גלענצנדן אופן לטובת דער בלינדער קישקע, מאַכנדיק דערבײַ דעם אויסרייד, אַז די אויספאָרשונג פון דער השתנה קאָן געבן נײַע באַווייזן, און אַז דעמאָלט וועט דער ענין פּונסניי באַטראַכט ווערן. דאָס איז אַלץ געווען פּונקט דאָסזעלביקע, וואָס איוואַן איליטש האָט טויזנט מאָל אַליין געטון מיט די געמשפּטע אויף אַזאַ גלענצנדן אופן. פּונקט אַזוי גלענצנד האָט זײַן רעזיומע געמאַכט דער דאָקטאָר, און נצחונדיק-פרייליך אפילו אַ בליק געטון אַריבער דיברילן אויף דעם באַשולדיקטן. פון דעם דאָקטאָרס רעזיומע האָט איוואַן איליטש געמאַכט דעם אויספיר — אַז ס'איז שלעכט, און אַז אים, דעם דאָקטאָר, און אפשר אַלעמען אויך — איז עס אַלץ איינס, נאָר אים איז שלעכט. און דערדאָזיקער אויספיר האָט מיט ווייטיק געטראָפן איוואַן איליטשן, אַרויסרופנדיק אין אים אַ געפיל פון גרויס רחמנות צו זיך און פון גרויסן צאָרן קעגן דעמדאָזיקן גלייכגילטיקן צו אַזאַ וויכטיקער פראַגע דאָקטאָר.

אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אויפגעשטאַנען, אָפּגעלייגט געלט אויפן טיש און מיט אַ זיפץ געזאָגט: — מיר, חולאים, שטעלן אײַך מסתמא אָפט נישט פּאַסיקע פראַגן, — האָט ער געזאָגט, — בכלל איז דאָס אַ געפערלעכע קראַנקייט, צי ניין?..

דער דאָקטאָר האָט אויף אים שטרענג אַ בליק געטון מיט איין אויג אַריבער די ברילן, כלומרשט ער וואָלט געזאָגט:

— באַשולדיקטער, אויב איר וועט נישט פאַרבלײַבן אין די גרענעצן

פון די פראַגן, וואָס מען שטעלט אייך, וועל איך זיין גענייטיקט צו מאַכן די פאַראָרדנונג, מען זאָל אייך אַרויספירן פון דעם זיצונגס-זאַל.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר נייטיק און באַקוועם, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — דאָס איבעריקע וועט באַווייזן דער אַנאַליז. — און דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרנייגט.

איוואַן איליטש איז אַרויסגעגאַנגען לאַנגזאַם, האָט זיך אַ פאַרטראַכטער אַריינגעזעצט אין שליטן און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. דעם גאַנצן וועג האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוטראַכטן אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, באַמיענדיק זיך אַלע דידאָזיקע פאַרפּלאָנטערטע, נישט דייטלעכע וויסנשאַפטלעכע ווערטער איבערצוזעצן אויף דער פּשוטער שפּראַך און איבערלייענען אין זיי דעם ענטפער אויף דער פראַגע: שלעכט — ס'איז מיט מיר זייער שלעכט, אָדער נאָך נישקשה? און אים האָט אויסגעוויזן, אַז דער זינען פון דעם אַלעמען, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, איז דער, אַז ס'איז זייער שלעכט. אַלץ האָט איוואַן איליטשן אויסגעוויזן אין די גאַסן אומעטיק. די דראָזשקאַזשעס זענען געווען אומעטיקע, די הייזער אומעטיקע, די דורכגייער, די קלייטן אומעטיקע. און דער ווייטיק אָבער, דער טעמפּער נאָגנדיקער ווייטיק, וואָס האָט אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט, האָט באַשיינפּערלעך אין שייכות מיט די נישט דייטלעכע רייד פונעם דאָקטאָר באַקומען אַן אַנדערע, אַ מער וויכטיקע באַדייטונג. איוואַן איליטש האָט זיך איצט מיט אַ נייַ שווער געפיל צו אים צוגעהערט.

ער איז געקומען צו פאָרן אַהיים און האָט אָנגעהויבן דערציילן דעם ווייב. דאָס ווייב האָט אויסגעהערט. נאָר אינמיטן דער דערציילונג איז אַריין די טאָכטער אין היטעלע. זי האָט זיך געקליבן פאָרן מיט דער מוטער. זי האָט זיך מיט געוואַלד צוגעזעצט הערן דידאָזיקע לאַנגווייליקע געשיכטע, האָט אָבער לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, און אויך די מוטער האָט נישט דערהערט ביזן סוף.

— נו, איך בין זייער צופרידן, — האָט דאָס ווייב געזאָגט, — טאָ זע-זשע איצט, נעם פּינקטלעך איין די רפואה. גיב דעם רעצעפּט, איך וועל שיקן געראַסימען אין אַפּטייק — און זי איז אַוועק אָנטון זיך.

ער האָט נישט געקאָנט אָפּעטעמען, כל זמן זי איז געווען אין צימער, און האָט שווער אַ זיפץ געטון, ווען זי איז אַרויס.

— נו, מילא, — האָט ער געזאָגט, — אפשר איז עס טאַקע נאָך באמת גאָרנישט...

ער האָט אָנגעהויבן איינגעמען די רפואה, דערפילן די געבאָטן פונם דאָקטאָר, וועלכע האָבן זיך געענדערט צוליב דעם אַנאַליז פון דער השתנה. אָבער גראָד האָט דאָ אַזוי פּאַסירט, אַז אין דעמדאָזיקן אַנאַליז און אין דעם, וואָס האָט געדאַרפט זיין נאָך אים, איז פאָרגעקומען עפּעס אַ פּלאָנטער. צו דעם דאָקטאָר אַליין האָט מען נישט געקאָנט צוקומען, און דער פּועל יוצא איז געווען, אַז מ'האָט געטון נישט דאָס, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט. אָדער ער האָט פאַרגעסן, אָדער ער האָט אָנגעפּלאָנטערט, אָדער ער האָט פון אים עפּעס באַהאַלטן.

אָבער איוואַן איליטש האָט פונדעסטוועגן גענומען פּינקטלעך דערפילן די פאַרשריפטן פון דעם דאָקטאָר, און אין דעמדאָזיקן דערפילן די פאַרשריפטן האָט ער די ערשטע צייט געפונען אַ טרייסט.

איוואַן איליטשעס הויפּטבאַשעפטיקונג, זינט ער איז געווען באַם דאָקטאָר, איז געוואָרן דאָס פּינקטלעכע דערפילן פון דעם דאָקטאָרס געבאָטן בנוגע דער היגיענע, און דאָס איינגעמען די רפואות און דאָס צוהערן זיך צו זיין-ווייטיק, צו אַלע פונקציעס פון זיין אָרגאַניזם. איוואַן איליטשעס הויפּטאינטערעסן זענען געוואָרן מענטשלעכע חולאתן און מענטשלעכע געזונטהייט. ווען מען האָט אין זיין אָנוועזנהייט גערעדט וועגן קראַנקע, וועגן געשטאָרבענע, וועגן געזונט-ווערנדיקע, דערהויפּט וועגן אַזאַ מחלה, וועלכע איז ענלעך צו זיינער, האָט ער, באַמיענדיק זיך צו פאַרבאָרגן זיין צערודערטקייט, צוגעהערט, נאָכגעפרעגט זיך און אָנגעמאָסטן צו זיין אייגן חולאת.

דער ווייטיק איז נישט קלענער געוואָרן; אָבער איוואַן איליטש האָט איבער זיך געמאַכט אַ כוח, כדי נייטן זיך צו טראַכטן, אַז אים איז בעסער. און ער האָט זיך געקאָנט נאַרן, כל זמן עס האָט אים גאָרנישט צעדודערט. אָבער ווי נאָר עס האָט פּאַסירט אַן אומאָנגענעמלעכקייט מיט דעם ווייב, עפּעס נישט-געלונגנס אויף דער דינסט, שלעכטע קאָרטן אין ווינט, האָט ער שוין תיכף דערפילט די גאַנצע קראַפט פון זיין חולאת: אַמאָל, אַז עס פלעגט זיך אים עפּעס נישט איינגעבן, האָט ער עס איבערגעטראָגן מיט דער האָפנונג, אַז אָט באַלד וועט ער צוריק כאַפּן דאָס פאַרלוירענע, וועט גובר זיין, וועט זיך דערוואַרטן אויף הצלחה, אויף אַ גוטער קאָרט. איצט אָבער, איצט האָט יעדער דורכפאַל אים אונטערגעהאַקט די פליגל, אַריינגעוואָרפן אין יאוש. ער האָט זיך געזאָגט: אָט

האָב איך נאָר־וואָס אָנגעהויבן פֿאַרריכטן זיך, און די רפֿואה האָט שוין גענומען ווירקן, איז געקומען אָט־דאָס־אָ פֿאַרפֿלוכטע אומגליק, אָדער די־אָ אומאָנגענעמלעכקייט... און ער איז געווען בייז אויף דעם אומגליק און אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים פֿאַרשאַפֿט די אומאָנגענעמלעכקייט און טויטן אים אַוועק, און ער האָט געפֿילט, ווי די דאָזיקע בייזקייט הרגעט אים; אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פֿון איר. אין פֿלוג וואָלט פֿאַר אים געדאַרפֿט זיין קלאָר, אַז די דאָזיקע בייזקייט זיינע אויף די אומשטענדן און אויף מענטשן פֿאַרשטאַרקן זיין חולאת, און אַז דעריבער דאַרף ער נישט קוקן אויף קיין אומאָנגענעמלעכע צופֿעליקייטן, אָבער ער האָט פּונקט פֿאַרקערט געדרונגען: ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף האָבן רויִקייט, האָט נאָכגעשפּירט נאָך אַלץ, וואָס האָט געשטערט די דאָזיקע רויִקייט, און בײַ יעדן קלענסטן שטער איז ער געוואָרן צערייצט. עס האָט פֿאַרערגערט זיין לאַגע דאָס, וואָס ער האָט געלייענט מעדיצינישע ביכער און האָט זיך געראַטן מיט דאָקטוירים. די פֿאַרערגערונג איז געגאַנגען אַזוי גלייכמעסיק, אַז ער האָט זיך געקאָנט נאַרן, פֿאַרגלייכנדיק איין טאָג מיט דעם צווייטן — דער אונטערשיד איז געווען אַ קלײנער. בלויז בעת ער האָט זיך געראַטן מיט דאָקטוירים, דעמאָלט האָט אים אויסגעוויזן, אַז עס גייט צו ערגער; און — זייער שנעל אפֿילו. און נישט געקוקט דערויף האָט ער זיך כּסדר געראַטן מיט דאָקטוירים.

פֿאַר דעם חודש איז ער געווען בײַ אַ צווייטער באַרימטהייט; די צווייטע באַרימטהייט האָט געזאָגט כּמעט דאָס זעלבע, וואָס די ערשטע, נאָר זי האָט אַנדערש געשטעלט די פֿראַגן. און דאָס ראַטן זיך מיט דער באַרימטהייט האָט נאָר פֿאַרמערט איוואַן איליטשעס ספֿק און מורא. דער פֿריינט פֿון זיינס אַ פֿריינט — אַ דאָקטאָר זייער אַ גוטער — דער האָט ווידער אינגאַנצן אַנדערש באַשטימט דאָס חולאת, און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, אַז איוואַן איליטש וועט אינגיכן געזונט ווערן, האָט ער מיט זיינע פֿראַגן און השערות נאָך מער צעטומלט איוואַן איליטשן און נאָכמער פֿאַרשטאַרקט זיינע ספֿקות. אַ האָמעאָפּאַט האָט ווידער גאָר אַנדערש באַשטימט די קראַנקייט, און ער האָט געגעבן אַ רפֿואה, און איוואַן איליטש האָט בסוד פֿון אַלעמען איינגענומען זי בײַ אַ וואָך צייט. אָבער נאָך דער וואָך האָט ער נישט געפֿילט קיין דערלייכטערונג, האָט פֿאַרלוירן דעם צוטרוי סיי צו דער פֿריערדיקער קוראַציע, סיי צו דער, און איז אַריינגעפֿאַלן אין נאָך אַ גרעסערן יאוש. איינמאָל האָט אַ באַקאַנטע דאַמע דערציילט וועגן דער גענעזונג דורך די הייליקע

בילדער. איוואַן איליטש האָט זיך געכאַפּט דערויף, אַז ער האָט זיך אויפ-
מערקזאַם צוגעהערט און האָט קאָנטראָלירט די ווירקלעכקייט פון דעם
פאַקט. דערדאָזיקער צופאַל האָט אים דערשראָקן. — „צי דען בין איך
שוין אַזוי גייסטיק שוואַך געוואָרן? — האָט ער צו זיך געזאָגט. — פּוסטע
זאַכן! ס'איז אַלץ נאַרישקייט; מען דאַרף זיך נישט אונטערגעבן דער
שוואַכקייט, נאָר אָפּשטעלן זיך אויף איין דאָקטאָר און שטרענג אָפּהיטן
זיין הייל-מעטאָד. אַזוי וועל איך טאַקע טון. איצט איז אַ סוף. איך וועל
מער נישט טראַכטן, און ביז זומער וועל איך שטרענג דערפילן, וואָס דער
דאָקטאָר וועט הייסן. און דאַן וועלן מיר זען. איצט זאָל זיין אַ סוף
צו דידאָזיקע וואַקלעניש!...״ דאָס איז לייכט געווען צו זאָגן, אָבער אומ-
מעגלעך אויסצופירן. דער ווייטיק אין זייט האָט אַלץ געמאַטערט,
איז, דאַכט זיך, אַלץ שטאַרקער געוואָרן, געוואָרן שטענדיקער, דער טעם
אין מויל איז געוואָרן אַלץ משונהדיקער, — אים האָט זיך געדאַכט, אַז
עס שמעקט מיט עפּעס עקלהאַפטס בײַ אים פון מויל. און דער אַפּעטיט
און די כּוחות זענען אַלץ שוואַכער געוואָרן. מער האָט ער זיך נישט
געקאָנט נאַרן: עפּעס שרעקלעכס, נייעס און אַזוי באַדייטנדיקס, וואָס
באַדייטנדיקער האָט קיינמאָל בײַ איוואַן איליטשן נישט פּאַסירט אין לעבן,
איז פאָרגעקומען אין אים. און ער איינער האָט געוווּסט וועגן דעם, אָבער
אַלע אַרומיקע האָבן נישט פאַרשטאַנען, אָדער האָבן נישט געוואָלט פאַר-
שטיין, און האָבן געטראַכט, אַז אַלץ אויף דער וועלט גייט צו ווי פרי-
ער. — אָט דאָס-אָ האָט טאַקע געמאַטערט איוואַן איליטשן. די היימיקע —
דערהויפּט דאָס ווייב און די טאָכטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם
רעכטן ברען פון פאָרן מיט וויזיטן, — ער האָט עס געזען — האָבן
גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָבן געהאַט פאַרדראָס דערויף, וואָס ער איז אַזאַ
נישט פריילעכער און פאָדערט אַזוי פיל, גלייך ווי ער וואָלט אין דעם
געווען שולדיק. כאָטש זיי האָבן זיך געסטאַרעט באַהאַלטן עס, האָט ער
דאָך געזען, אַז ער איז פאַר זיי אַ שטער; נאָר אַז דאָס ווייב האָט זיך
אויסגעאַרבעט אַ געוויסע באַציִונג צו זיין קראַנקייט, און האָט זיך אָן איר
געהאַלטן, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס ער האָט גערעדט און געטון. די-
דאָזיקע באַציִונג איז געווען אַזאַ: „איר ווייסט, האָט זי געזאָגט צו באַ-
קאַנטע, איוואַן איליטש קאָן נישט ווי אַלע גוטע לייט שטרענג דערפילן
די פאָרשריפטן פון דעם דאָקטאָר. היינט נעמט ער איין טראָפּנס און עסט,
וואָס מען הייסט, און לייגט זיך שלאָפן באַצייטנס; מאָרגן וועט ער פּלוצ-

לינג, אויב איך וועל נישט אַכטונג געבן, פאַרגעסן איינצוגעמען די טראַמפּס, וועט עסן געזאַלצענע פיש (און אים איז עס פאַרבאָטן), און וועט זיך פאַרזיצן בא די קאָרטן ביז איינס אַ זייגער".

— נו ווען איז דאָס געווען, — זאָגט איוואַן איליטש מיט פאַר־דראָס, — איין מאָל בא פּיאָטר איוואַנאָוויטשן.

— און נעכטן מיט שעבעקן?

— איך האָב אַלץ איינס נישט געקאָנט שלאָפן צוליב דער ווייטיק...

— מילא, צוליב וואָס דאָס זאָל שוין נישט זיין, נאָר אויף אַזאַ אופן וועסטו זיך קיינמאָל נישט אויסהיילן, און דו פּייניקסט אונז.

די אויסערלעכע באַציונג צו דעם מאַנס קרענקייט, וואָס פּראַסקאָ־וויאַ פעדאָראָוונאַ האָט אַרויסגעזאָגט פאַר לייטן און פאַר אים אַליין, איז געווען אַזאַ, אַז אין דער קראַנקייט איז שולדיק איוואַן איליטש, און די גאַנצע מעשה מיט דער קראַנקייט איז אַ נייע נגישות, וואָס ער טוט איר אָפּ. איוואַן איליטש האָט געפילט, אַז דאָס איז ביי איר אַרויסגעקומען נישט ווילנדיק; אָבער דערפון איז אים נישט לייכטער געווען.

אין געריכט האָט איוואַן איליטש באַמערקט, אָדער ער האָט גע־מיינט, אַז ער באַמערקט, דיזעלביקע באַציונג צו זיך: דאָ האָט אים אויס־געוויזן, אַז מען קוקט זיך צו אים צו, ווי צו אַ מענטש, וואָס דאַרף אינ־גיכן פריי לאָזן אַן אָרט; דאָ האָבן די פריינט פלוצלינג אָנגעהויבן חבריש צו וויצלען זיך איבער זיין טראַכטן וועגן דעם חולאת, גלייך ווי יענץ גרויזאַמס און שרעקלעכס אומגעהערטס, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אים און זייגט אים אָן אויפהער, און שלעפט אים אין ערגעץ אַן אַפּהאַלט, איז דער סאַמע אָנגענעמער אָביעקט פאַר וויצן. דער עיקר האָט אים גע־רייצט שוואַרץ מיט זיין שפּילעוודיקייט, לעבעדיקייט, און קאָמילפאָטיש־קייט, וועלכע האָבן איוואַן איליטשן דערמאַנט זיך אַליין מיט אַ יאָר צען צוריק.

גוטע פריינט זענען געקומען מאַכן אַ פּאַרטיע; מ'האָט זיך געזעצט צום טיש, געגעבן קאָרטן, אויסגעגלעט די קאָרטן, צונויפגעלייגט שערל צו שערל. זיבן זענען זיי. דער פּאַרטנער האָט געזאָגט: אַן טרומף. און האָט אונטערגעהאַלטן 2 שערל. וואָס־זשע דאַרף מען נאָך? פריילעך, דרייסט וואָלט מען באַדאַרפט צו זיין — אַ שלעם. נאָר פלוצלינג דער־פילט איוואַן איליטש דעמדאָזיקן זייגנדיקן ווייטיק, דעמדאָזיקן טעם אין

מויל, און אים שיינט עפּעס ווילדס אין דעם, וואָס ער קאָן דערביי פרייען זיך מיט דעם שלעם.

ער קוקט אויף מיכאיל מיכאילאָוויטשן, אויף דעם פּאַרטנער, ווי ער שלאָגט איבערן טיש מיט דער סאַנגווינישער האַנט און האַלט זיך העפלעך און נאָכזיכטיק אָפּ פון כאַפּן די געשלאָגענע קאַרטן, נאָר ער רוקט זיי צו צו איוואַן איליטשן, כּדי צו לאָזן אים דאָס פאַרגעניגן פון צונויפקלייבן זיי אָן טרחה, נישט אויסציענדיק ווייט די האַנט. — וואָס־זשע מיינט ער, — אַז איך בין אַזוי שוואַך, אַז איך קאָן ווייט די האַנט נישט אויסציען? — טראַכט איוואַן איליטש, פאַרגעסט אָן די טרומפּן און מאַכט אַ גרויסן פעלער און פאַרשפּילט דעם שלעם אָן דריי, און ערגער פאַר אַלץ איז דאָס, וואָס ער זעט, אַז מיכאיל מיכאילאָוויטש ליידט שטאַרק דערפון, און אים איז אַלץ איינס. און ס'איז שרעקלעך אַ טראַכט צו טון, פאַרוואָס אים איז אַלץ איינס.

אַלע זעען, אַז אים איז שווער, און מען זאָגט אים: „מיר קאָנען אויפהערן, אויב איר זענט מיד. רוט אָפּ". אָפּרוען? ניין. ער איז לחלוטין נישט מיד. זיי דערשפּילן דעם קאָן. אַלע זענען חושך און שווייגעדיק. איוואַן איליטש פילט, אַז דאָס האָט ער אויף זיי אַרויפגעוואָרפן דעם חושך, און ער קאָן אים נישט פונאַנדערטרייבן. זיי עסן אָוונטברויט און גייען זיך פונאַנדער. און איוואַן איליטש בלייבט אַליין מיט דעם באַוווסטזיין, אַז זיין לעבן איז פאַרסמט פאַר אים, און ער פאַרסמט דאָס לעבן אַנדערע, און אַז דערדאָזיקער סם־המות ווערט נישט שוואַכער, נאָר דרינגט אַלץ מער אין מער דורך דאָס גאַנצע וועזן זיינס.

און מיט דעמדאָזיקן באַוווסטזיין, און מיט נאָך גרעסערן פיזישן ווייטיק, און דערצו נאָך מיט אימה האָט מען זיך עס געדאַרפט לייגן אין בעט און אָפט נישט שלאָפן, מחמת ווייטיק, די גרעסטע העלפט פון דער נאַכט. און מאָרגן פרי דאַרף מען ווידער אויפשטיין, אָנטון זיך, פאָרן אין געריכט, רעדן, שרייבן, און אויב אפילו נישט פאָרן — איז פאַרבלייבן אין דער היים מיט יענע פיר און צוואָנציק שעה אין מעת־לעת, וואָס יעדע איינציקע פון זיי האָט פאַרשאַפט יסורים. און לעבן אַזוי אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג האָט מען געדאַרפט איינער אַליין, אָן קיין שום מענטש, וואָס זאָל פאַרשטיין און רחמנות האָבן אויף אים.

# V.

אזוי איז אַוועק אַ חודש און צוויי. פאַר ניי־יאָר איז צו זיי אין שטאָט געקומען צו פאָרן דער שוואָגער און האָט זיך אָפּגעשטעלט בּאַ זיי. איוואַן איליטש איז געווען אין געריכט. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווגאַ איז אַרומגעפאָרן איינקויפן פאַרשידענע קניות. אַריינקומענדיק צו זיך אין קאַבינעט, האָט ער דאָרט דערווישט דעם שוואָגער, אַ געזונטן סאַנגווינִיקער, וועלכער האָט אַליין פונאַנדערגענומען זיין טשעמאָדאַן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דערהערנדיק איוואַן איליטשעס טריט, און האָט אויף אים שווייגנדיק אַ רגע געקוקט. דערדאָזיקער בּליק האָט איוואַן איליטשן אַלץ אויסגעזאָגט. דער שוואָגער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל גרייט אַ געשריי צו טון פון איבּערראַשונג, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. דידאָזיקע בּאַוועגונג האָט אַלץ בּאַשטעטיקט.

— וואָס, געענדערט זיך?

— יאָ... פאַראַן אַן ענדערונג.

און וויפיל איוואַן איליטש האָט נאָכדעם נישט געוואָלט אַרויספירן דעם שוואָגער אויף אַ שמועס וועגן זיין אויסערלעכן אויסזעען, האָט דער שוואָגער אַלץ געשוויגן. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָווגאַ איז געקומען צו פאָרן, דער שוואָגער איז אַוועק צו איר. איוואַן איליטש האָט פאַרשפּאַרט די טיר אויפן שלאָס און גענומען קוקן אין שפּיגל, גלייך, נאָכדעם פון דער זייט. ער האָט גענומען זיין פּאָרטרעט מיטן ווייב און פאַרגלייכט מיט דעם, וואָס ער האָט געזען אין שפּיגל. די ענדערונג איז געווען אַ קאָלאָסאַלע. נאָכדעם האָט ער נאַקעט געמאַכט די הענט בּיזן עלנבּויגן, האָט אַ בּליק געטון, אַראָפּגעקאַשערט די אַרבּל, האָט זיך געזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און איז געוואָרן פינצטערער, ווי די נאַכט.

„מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט", האָט ער זיך געזאָגט, איז אויפגעשפּרינגען, צוגעגאַנגען צום טיש, אויפגעעפנט אַ פּראָצעס, גענומען לייענען אים, אָבּער ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר, איז אַריין אין זאַל, די טיר אין דעם צימער פאַר געסט איז געווען פאַרמאַכט. ער איז צו איר צוגעגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער און גענומען הערן.

— ניין, דו ביסט מגזם, — האָט געזאָגט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ.

— ווי בין איך מגזם? דו באַמערקסט נישט — ער איז אַ טויטער מענטש, זע זײַנע אויגן. נישטאָ קיין ליכטיקייט. וואָס-זשע איז עס מיט אים?

— קיינער ווייסט נישט. ניקאָלאַיעוו (דאָס איז געווען דער אַנדערער דאָקטאָר) האָט געזאָגט עפּעס, נאָר איך ווייס נישט. לעשטשעטיצקי (דאָס איז געווען דער באַרימטער דאָקטאָר) האָט געזאָגט פאַרקערט...

איוואַן איליטש איז אַפּגעטרעטן, אוועק צו זיך, צוגעלייגט זיך און אָנגעהויבן טראַכטן: „אַ ניר־ל, אַ בלאָנדזשענדיק ניר־ל“. ער האָט זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט, ווי דאָס האָט זיך אָפּגעריסן און ווי עס בלאָנדזשעט. און ער האָט מיט אָנשטרענגונג פון דמיון געמיט זיך צו כאַפּן ס'דאָזיקע ניר־ל און אָפּשטעלן עס, צופעסטיקן עס. אַזוי ווייניק דאַרף מען, האָט זיך אים געדאַכט. „ניין, איך וועל נאָך אַריבערפאָרן צו פּיאָטר איוואַנאָוויטשן“. (דאָס איז געווען יענער גוטער פריינט, וועלכער האָט געהאַט אַ גוטן פריינט אַ דאָקטאָר.) ער האָט אָנגעקלונגען, געהייסן איינשפּאַנען דאָס פערד, און האָט זיך צוגעקליבן אַרויסצופאָרן.

— וווהין איז, Jean? — האָט דאָס ווייב געפרעגט מיט אַ באַזונדער אומעטיקן און נישט לויט דער רגילות גוטן אויסדרוק.

די דאָזיקע נישט געוויינלעכע גוטסקייט האָט אים אַריינגעבראַכט אין צאָרן. ער האָט פינצטער אַ בליק געטון אויף איר.

— איך דאַרף צו פּיאָטר איוואַנאָוויטשן.

ער איז אוועקגעפאָרן צום פריינט, וועלכער האָט געהאַט אַ פריינט אַ דאָקטאָר. און מיט אים צום דאָקטאָר. ער האָט אים דערווישט, און לאַנג מיט אים געשמועסט.

באַטראַכט אַנאַטאָמיש און פיזיאָלאָגיש די פּרטים וועגן דעם, וואָס עס איז לויט דעם דאָקטאָרס מיינונג אין אים פאָרגעקומען, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען.

געווען איין קונץ אַזאַ, אַ קליין קינצעלע אין דער בלינדער קישקע. דאָס אַלץ וואָלט געקאָנט בעסער ווערן. פאַרשטאַרקן די ענערגיע פון איין אָרגאַן, אָפּשוואַכן די פונקציע פון אַ צווייטן, ס'וועט פאָרקומען אַן איינזייגונג, און אַלץ וועט ווערן גוט. ער האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט צו מיטאָג. האָט אָפּגעגעסן, פריילעך גערעדט אַ ביסל, נאָר אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט אוועקגיין צו זײַן אַרבעט. לסוף איז ער אוועק אין קאַבי-

נעט און תיכף געזעצט זיך צו דער אַרבעט. ער האָט געלייענט די פּאַ-פּירן, געאַרבעט, אָבער דאָס באַוווסטזיין, אַז ער האָט אַן אָפּגעלייגטן, וויכטיקן, האַרציקן ענין, מיט וועלכן ער וועט זיך פאַרנעמען שפּעטער, ווען ער וועט ענדיקן, האָט אים נישט פאַרלאָזט. ווען ער האָט געענדיקט לייענען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דערדאָזיקער האַרציקער ענין זענען עס די געדאַנקען וועגן דער בלינדער קישקע. אָבער ער האָט זיך צו דידאָזיקע געדאַנקען נישט אָפּגעגעבן, ער איז אַוועק אין זאַל טרינקען טיי. ס'זענען געווען געסט, מ'האָט גערעדט און געשפּילט פּיאַנע, געזונ-גען, ס'איז געווען דער אויספאָרשונגס-ריכטער, דער סאָכטערס געווונ-טשענער חתן. איוואַן איליטש האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט, לויט פּראַס-קאָוויאַ פעדאָראָוונעס באַמערקונג, פרייליכער פאַר אַנדערע; אָבער ער האָט קיין רגע נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט אָפּגעלייגטע וויכטיקע געדאַנ-קען וועגן דער בלינדער קישקע. עלף אַ זייגער האָט ער זיך געזעגנט און איז אַוועק צו זיך. זינט ער איז קראַנק געוואָרן איז ער געשלאָפן אַליין אין קליינעם צימערל לעבן קאַבינעט. ער איז אַוועק, האָט זיך אויסגעטאָן און גענומען זאָלאַס אַ ראָמאַן, אָבער ער האָט אים נישט גע-לייענט, נאָר געטראַכט. און אין זיין דמיון איז פאָרגעקומען יענע געוווּנטשענע היילונג אין דער בלינדער קישקע. עס האָט זיך איינגעזויגן, עס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, עס איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן די רעגולמעסיקע פונקציע. „יאָ, דאָס איז אַלץ אַזוי. — האָט ער זיך געזאָגט, — מען דאַרף נאָר העלפן דער נאַטור". ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער רפואה, האָט זיך אויפגעהויבן, איינגענומען זי, געלייגט זיך אויפן רוקן, צוהערנ-דיק זיך דערצו, ווי גוט די רפואה ווירקט און ווי זי פאַרניכטעט דעם ווייטיק. „נאָר גלייכמעסיק נעמען זי און אויסמיידן שעדלעכע ווירקונגען; איך פיל שוין איצט עטוואָס בעסער, אַ סך בעסער". ער האָט אָנגעהויבן טאַפּן די זייט, באַם טאַפּן האָט נישט וויי געטאָן. „יאָ, איך פיל נישט, ס'איז שוין באמת אַ סך בעסער". ער האָט פאַרלאָשן די ליכט און געלייגט זיך אויף דער זייט... די בלינדע קישקע ווערט בעסער, זי ווערט איינגעזו-זויגן. פּלוצלינג האָט ער דערפילט דעם באַקאַנטן, אַלטן, טעמפּן, נאָגנדיקן ווייטיק, אַ פאַרעקשנטן, אַ שטילן, אַן ערנסטן. אין מויל — דיזעלביקע פּאַסקודסטווע. עס האָט אָנגעהויבן צו ציען דאָס האַרץ, ס'איז צעבויטעט געוואָרן אין קאָפּ. „גאָט מיינער, גאָט מיינער! — האָט ער אַרויסגע-רעדט, — ווידעראַמאָל, ווידער, און קיינמאָל וועט עס נישט אויפהערן".

און פּלוצלינג האָט זיך פאַר אים די זאַך פאַרגעשטעלט גאָר פון אַן אַ-

דערער זייט. „די בלינדע קישקע! א נירל, — האָט ער זיך געזאָגט. — נישט די בלינדע קישקע, נישט דאָס נירל זענען דאָ וויכטיק, נאָר דאָס לעבן און... דער טויט. יאָ, געווען אַ לעבן, און אָט גייט עס אוועק, אוועק, און איך קאָן עס נישט אָפּהאַלטן. יאָ. צוואָס אָפּנאַרן זיך? צי דען איז עס נישט באַשיינפּערלעך פאַר אַלעמען, חוץ פאַר מיר, אַז איך שטאַרב אוועק, און די פראַגע איז נאָר אין דער צאָל פון די טעג, פון טעג — באַלד אפשר. געווען פריער אַ ליכטיקייט, און איצט אַ פינצ-טערניש. — פריער בין איך געווען דאָ, און איצט אַהין! וווהין?" עס האָט אויף אים אַ בלאָז געטון אַ קעלט, דער אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט נאָר געהערט די קלעפּ אין האַרץ.

„איך וועל נישט זיין, טאָ וואָס זשע וועט זיין? ס'וועט גאָרנישט נישט זיין. טאָ ווו זשע וועל איך זיין, ווען ס'וועט גאָרנישט נישט זיין? צי דען טאַקע טויט? ניין, איך וויל נישט." ער איז אויפגעשפרונ-גען, האָט געוואָלט אָנצינדן אַ ליכט, גענומען טאַפּן מיט ציטערדיקע הענט, אַראָפּגעוואָרפן די ליכט אויף דער פאָדלאָגע, און איז צוריק אַ פאַל געטון אויף הינטער, אויף דעם קישן. — „צו וואָס? אַלץ איינס, — האָט ער זיך געזאָגט קוקנדיק מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטערניש. — דער טויט. יאָ, דער טויט. און זיי ווייסן אפילו קיינער נישט, און זיי ווילן נישט וויסן, און האָבן קיין רחמנות נישט. (ער האָט געהערט הינ-טער דער טיר פונדערווייטן דונערן פון אַ קול און אַ ריטורנעל.) זיי איז אַלץ איינס, און זיי וועלן אויך שטאַרבן. גולמס! איך פריער, זיי שפּעטער; זיי וועלן אויך דאָס זעלביקע האָבן. און זיי פרייען זיך, בהמות!" דער צאָרן האָט אים געוואָרגן. און אים איז געוואָרן פּיינלעך, אומדערטרעגלעך שווער. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז אַלע זאָלן שטענדיק זיין פאַרמשפּט אויף דערדאָזיקער שרעקלעכער אימה. ער האָט זיך אויפגעהויבן.

„ס'איז עפּעס דאָ נישט אַזוי, מען דאַרף זיך באַרויקן, מ'דאַרף באַ-טראַכטן אַלץ פון אָנהייב". און אָט האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן. „יאָ, דער אָנהייב פון דער קראַנקייט. האָב זיך אָפּגעקלאַפּט די זייט, און בין אַלץ געווען אַזאַ, אי היינט, אי מאָרגן, אַ ביסל האָט געצויגן, נאָכדעם מערער, נאָכדעם דאָקטוירים, נאָכדעם אומעטיקייט, בענקשאַפט, ווידער דאָקטוירים. און איך בין אַלץ געגאַנגען נענטער און נענטער צו דעם אָפּ-גרונט, כוחות ווייניקער. נענטער, נענטער. און אָט בין איך אויסגעשמאַכט. נישטאָ קיין ליכט באַ מיר אין די אויגן, און דער טויט. און איך טראַכט

וועגן דער קישקע. איך טראַכט וועגן דעם, ווי צו פאַרריכטן די קישקע, און דאָס איז דער טויט. — צי דען דער טויט?“ — ווידער איז אויף אים אַראָפּ אַן אימה, ער האָט שווער געאָטעמט, האָט זיך אָנגעבויגן, געזוכט די שוועבעלעך, האָט צוגעדריקט מיטן עלנבויגן דאָס קיילעכיקע שטולעכל. דאָס האָט אים געשטערט און פאַרשאַפט אַ ווייטיק. ער איז אויף דעם אין כעס געוואָרן, האָט זיך אויף דעם שטאַרקער אָנגעשפּאַרט, און אַ וואָרף געטון. און אין פאַרצווייפלונג. ווערנדיק זיך, איז ער גע־טון אַ פאַל אויפן רוקן, וואַרטנדיק שוין, תיכּף אויפן טויט.

די געסט זענען אין דער צייט זיך פונאַנדערגעפאָרן. פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיי באַגלייט. זי האָט דערהערט, ווי עפּעס איז געפאַלן, און איז אַריין.

וואָס איז, Jean?

גאָר־נישט. אומ־גע־וואָרפן. „וואָס איז דאָ צו רעדן, זי וועט נישט פאַרשטיין“, האָט ער געטראַכט.

זי האָט טאַקע נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אויפגעהויבן, אָנגעצונדן אים אַ ליכט און איז איילנדיק אַרויסגעגאַנגען. זי האָט געדאַרפט באַ־גלייטן אַ גאַסט. ווען זי איז צוריקגעקומען, איז ער אַלץ אַזוי געלעגן אויפן רוקן, קוקנדיק אַרויף־צו.

— וואָס איז דיר, אפשר ערגער?

— יאָ.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, געזעסן אַ ביסל.

— דו ווייסט, Jean? איך טראַכט, אפשר איינלאַדן לעשעטיצקין אַהיים?

דאָס הייסט דעם באַרימטן דאָקטאָר איינלאַדן, און קיין געלט נישט שפּאָרן. ער האָט גיפטיק אַ שמייכל געטון און געזאָגט: ניין. זי איז גע־זעסן אַ ביסל, צוגעגאַנגען און אַ קוש געטון אים אין שטערן.

ער האָט זי פיינט געהאַט מיט אַלע קרעפטן פון זיין נשמה אין דער צייט, ווען זי האָט אים געקושט. און האָט געמאַכט איבער זיך אַ כּוח, כּדי נישט אָפּצושטויסן זי.

— אַ גוטע נאַכט. גאָט וועט געבן, דו וועסט אַנטשלאָפן ווערן.

— יאָ.

## VI.

איוואַן איליטש האָט געזעען, אַז ער שטאַרבט, און איז געווען אין שטענדיקער פאַרצווייפלונג.

טיף אין דער נשמה האָט איוואַן איליטש געוווסט, אַז ער שטאַרבט, אָבער ער האָט דערצו נישט נאָר נישט געקאָנט צוגעוויינען זיך, נאָר ער האָט עס פשוט נישט פאַרשטאַנען, בשום אופן נישט געקאָנט עס פאַרשטיין.

דער ביישפיל פון אַ סילאָגיזם, וואָס ער האָט געלערנט אין קיזעוועטערס לאָגיק: קאַיוס איז אַ מענטש. מענטשן זענען שטערבלעך, דעריבער איז קאַיוס שטערבלעך — האָט אים אַ גאַנץ לעבן געשיינט צו זיין ריכטיק נאָר בנוגע צו קאַיוסן, אָבער בשום אופן נישט צו זיך. דאָס איז קאַיוס געווען אַ מענטש, בכלל אַ מענטש, און דאָס איז געווען גאַנץ ריכטיק; אָבער ער איז נישט געווען קאַיוס און נישט בכלל אַ מענטש, ער איז אַלע מאָל געווען עפּעס גאָר, גאָר אַן אַנדער וועזן, נישט גלייך צו אַלעמען; ער איז געווען וואַניע מיט אַ פּאַפּאַ, מיט אַ מאַמאַ, מיט אַ מיטיע, מיט אַ וואָלאָדיע, מיט צאַצקעס, מיט אַ קוטשער, מיט אַ ניאַניע; נאָכדעם מיט קאַטיענקען, מיט אַלע פריידן, ליידן, אַנטציקונגען פון קינדהייט, יינגלשאַפט, יוגנט. צי דען האָט פאַר קאַיוסן עקזיסטירט יענער ריח פון דעם רימענעם אין פאַסקעס באַלן, וועלכן וואַניע האָט אַזוי ליב געהאַט? צי דען האָט קאַיוס אַזוי דער מאַמען געקושט די האַנט, און צי דען פאַר קאַיוסן האָט אַזוי גערוישט דער זייד פון די פאַלדן אין דער מאַמעס קלייד. דאָס האָט ער אפנים געמאַכט אַ בונט פאַר פּירעשקעס אין דער יורידישער שול? דאָס איז אפנים קאַיוס געווען אַזוי פאַרליבט? דאָס האָט אפנים קאַיוס אַזוי געקאָנט פירן אַ זיצונג?

איז טאַקע קאַיוס ריכטיק אַ שטערבלעכער, און ס'איז געזעצלעך, ער זאָל שטאַרבן, אָבער איך, וואַניע, איוואַן איליטש, מיט אַלע מיינע חושים, געדאַנקען — איך, דאָס איז אַן אַנדערע זאַך. און ס'קאָן נישט זיין, אַז איך זאָל דאַרפן שטאַרבן. דאָס וואָלט געווען צופיל שרעקלעך.

אַזוי האָט ער געפילט.

„ווען איך וואָלט אויך געדאַרפט שטאַרבן ווי קאַיוס, וואָלט איך עס דאָך געוווּסט, וואָלט עס מיר דאָך אַ שטימע פון אינעווייניק געזאָגט, אָבער אין מיר איז קיין שום ענלעכס דערצו נישט געווען, און איך און אַלע מיינע פריינט, האָבן מיר טאַקע אַזוי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גאָר נישט אַזוי, ווי מיט קאַיוסן. און איצט נאָט אייך! — האָט ער זיך געזאָגט. — ס'קאָן נישט זיין! ס'קאָן נישט זיין, נאָר עס איז. ווי־זשע איז עס? ווי זאָל מען עס פאַרשטיין?“

און ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, און האָט זיך באַמיט אָפּצוטרייבן דעמדאָזיקן געדאַנק, ווי אַ פאַלשן, נישט ריכטיקן, קרענקלעכן, און אַרויסשטויסן אים מיט אַנדערע — ריכטיקע געזונטע געדאַנקען. אָבער דערדאָזיקער געדאַנק, — נישט נאָר געדאַנק, נאָר, דאַכט זיך, גאָר ווירקלעכקייט איז צוריקגעקומען און האָט זיך געשטעלט קעגן אים.

און ער האָט נאָך דער ריי אויף דעם אָרט פון דעמדאָזיקן געדאַנק גערופן אַנדערע געדאַנקען, מיט דער האָפנונג צו געפינען אין זיי אַ שטיצע. ער האָט געפּרווט אומקערן זיך צו דעם אַמאָליקן גאַנג פון די געדאַנקען, וועלכע האָבן פון אים פריער פאַרשטעלט דעם געדאַנק וועגן טויט. אָבער אַ מאָדנע זאַך, דאָס אַלץ, וואָס האָט פריער פאַרשטעלט, פאַרהוילן, בטל געמאַכט דעם באַוווּסטזיין פון טויט, האָט שוין איצט אַזוי נישט געקאָנט מער ווירקן. די לעצטע צייט האָט איוואַן איליטש דאָס רוב פאַרבראַכט אין דידאָזיקע פּראָבעס ווידער אויפצושטעלן די אַמאָליקע גענג פון דעם געפיל, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם טויט. אַמאָל פלעגט ער זיך זאָגן: „לאָמיך זיך פאַרנעמען מיט דעם אַמט, איך האָב דאָך דערמיט פאָרט געלעבט“. און ער איז געגאַנגען אין געריכט, אָפּטרייבנדיק פון זיך אַלע ספקות; ער האָט געפירט שמועסן מיט די קאָלעגן און האָט זיך געזעצט, לויט דער אַלטער געוווינהייט, באַוואַרפנדיק דעם עולם מיט אַ צעשטרייט־פאַרטראַכטן בליק, און מיטביידע אויסגעמאָגערטע הענט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די פאָרענטשעס פון דעם דעמבענעם פאָטעל, פּונקט אַזוי, ווי אַלע מאָל, אַריבערבייגנדיק זיך צו אַ קאָלעגע, צוריקנדיק די פּאַפּירן, שעפּטשענדיק צום חבר, און נאָכדעם פּלוצלינג אויפגעהויבן דעם בליק און גלייך אָוועקגעזעצט זיך און געזאָגט די באַשטימטע ווערטער אין אָנגעהויבן דעם פּראָצעס. אָבער פּלוצלינג אינמיטן האָט דער ווייטיק אין זייט, אינגאַנצן נישט געקוקט אויף דעם אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פון דעם פּראָצעס, אָנגעהויבן זיין נאָגנדיקן פּראָצעס. איוואַן איליטש האָט זיך

צוגעהערט, אפגעכריבן דעם געדאנק וועגן אים, אָבער ער האָט געטון זיינס, און ע ר איז געקומען, און געשטעלט זיך גלייך אַקעגן אים און געקוקט אויף אים, און ער פלעגט ווערן ווי א קלאָץ, דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן אין די אויגן, און ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פרעגן: צי דען נאָר ע ר איז אמת? און די קאָלעגן, און די נידעריקע באַאַמטע האָבן מיט וווּנדער און מיט צער געקוקט, ווי ער, אַזאַ גלענצנדער, פיי- נער ריכטער, האָט זיך געפּלאָנטערט, געמאַכט פעלערן. ער פלעגט זיך מוטיקן, באַמיען קומען צו זיך, דערפירן די זיצונג ביזן סוף און אומקערן זיך אַהיים מיט דעם טרויעריקן באַוווּסטזיין, אַז עס קאָן נישט, ווי אַמאָל, זיין ריכטער-אַרבעט פאַרהוילן פון אים דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַר- הוילן; אַז מיט דער ריכטער-אַרבעט וועט ער זיך פון א י ם נישט באַ- פרייען. און ערגער פאַר אַלץ איז געווען דאָס, וואָס ע ר האָט אים גע- שלעפּט צו זיך, נישט כּדי ער זאָל עפּעס טון, נאָר כּדי ער זאָל קוקן אויף אים, גלייך אים אין די אויגן, קוקן אויף אים און, גאָרנישט נישט טוענדיק, אָן א שיעור פּייניקן זיך.

און ראַטעווענדיק זיך פון דעמדאָזיקן צושטאַנד, האָט איוואַן אי- ליטש געזוכט א טרייסט, אַנדערע שירעמס, און אַנדערע שירעמס האָבן זיך געפונען, און זיי האָבן אים אויף א קורצע צייט, כּלומרשט, געראַ- טעוועט, אָבער תּיכּף פלעגן זיי אויך, — נישט אַזוי צעשטערט ווערן, ווי געמען דורכזיכטיק ווערן, גלייך ווי ע ר וואָלט דורכגעדרונגען דורך אַלץ, און ס׳קאָן אים קיין זאַך נישט פאַרשטעלן.

פאַר דערדאָזיקער לעצטער צייט פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט אַריין אין זאַל פאַר געסט, וואָס ער אַליין האָט צוגעפּוצט, אין דעם זאַל, וווּ ער איז געפאַלן, פאַר וועלכן ער האָט, — ווי גיפטיק-לעכערלעך עס איז אים געווען וועגן דעם צו טראַכטן, — וואָס כּדי אים צו באַפּוצן, האָט ער מקריב געווען דאָס לעבן, מחמת ער האָט געוווּסט, אַז זיין חולאת האָט זיך אָנגעהויבן פון יענעם קלאַפּ; פלעגט ער אַריין און זעען, אַז אויף דעם לאַקירטן טיש איז פאַראַן א קאַרב, מיט עפּעס איינגע- שניטן. ער האָט געזוכט די סיבה און האָט זי געפונען אין דעם בראָנזע- נעם באַפּוצעכץ פונם אַלבאָם, וועלכע איז געווען אָפּגעבויגן באַם ברעג. ער האָט גענומען דעם אַלבאָם, דעם טייערן, וואָס ער אַליין האָט צונויפ- געשטעלט מיט ליבשאַפט, און עס האָט אים פאַרדראָסן אויף דער נאַכ- לעסיקייט פון דער טאָכטער און פון אירע פריינט, — דאָ איז צעריסן,

דאָ זענען די בילדער איבערגעדרייט. ער האָט עס פלייסיק אַלץ געבראַכט אין אָרדנונג, ווידער צוגעבויגן די באַפּוצונג.

נאָכדעם איז אים געקומען אַ געדאַנק דעמדאָזיקן גאַנצן établissement מיט די אַלבאָמען אַריבערשטעלן אין דעם אַנדערן ווינקל, צו די בלומען. ער האָט גערופן דעם לאַקיי, אָדער די טאָכטער, צי דאָס ווייב, זענען געקומען צו הילף; זיי האָבן נישט מסכים געווען, האָבן גערעדט אַנטקעגן, ער האָט זיך געאַמפּערט, געבייזערט; נאָר אַלץ איז געווען גוט, ער האָט נישט געטראַכט וועגן אים, ער האָט זיך נישט געזען.

אָבער אָט האָט דאָס ווייב געזאָגט, ווען ער האָט אַליין איבערגעשטעלט: „וואַרט, די מענטשן וועלן עס טון, דו וועסט זיך ווידער עפּעס אָנטון", — און פּלוצלינג האָט ער זיך באַוויזן דורך דער שירמע, ער האָט אים דערזען. ער האָט זיך נאָר אַ באַוויז געטון, ער האָפט נאָך, אַז ער וועט נעלם ווערן, אָבער נישט ווילנדיק האָט ער זיך צוגעהערט צו דער זייט, דאָרט זיצט אַלץ דאָס זעלביקע, נאָגט אַלץ אַזוי, און ער קאָן שוין נישט פאַרגעסן, און יענער קוקט אויף אים באַשיינפּערלעך פון הינטער די וואַזאָנעס. צו וואָס דאַרף מען עס אַלץ?

„און ס'איז אמת, אַז דאָ אויף דערדאָזיקער גאַרדין האָב איך ווי אויף מלחמה פאַרלוירן דאָס לעבן. היתכן? ווי שרעקלעך און ווי נאַריש! דאָס קאָן נישט זיין! עס קאָן נישט זיין, נאָר עס איז."

ער איז געגאַנגען אין קאַבינעט, האָט זיך בעלייגט, און איז ווידער פאַרבליבן אַליין מיט אים. אויג אויף אויג מיט אים, און מאַכן עפּעס מיט אים — קאָן מען גאָרנישט. נאָר קוקן אויף אים און גליווערן.

## VII.

ווי אזוי איז עס געשעען אויפן דריטן חודש פון איוואן איליטשעס קראנקייט — האט מען נישט געקאנט זאגן, מחמת דאס איז געשעען טריט נאך טריט, אומבאמערקט, אבער געווען איז דאס, וואס סיי דאס ווייב, סיי די טאכטער, סיי דער זון זיינער, סיי די דינערשאפט, און די באקאנטע, און די דאקטוירים, און דערהויפט ער אליין האבן געוווסט, אז דער גאנצער אינטערעס אין אים פאר לייטן באשטייט בלויז אין דעם, צי וועט ער שוין ענדלעך באלד אפליידיקן דאס ארט, באפרייען די לע־בעדיקע פון דעם שטער, וואס זיין אנוועזנהייט שטערט, און אליין זיך באפרייען פון זיינע יסורים.

ער איז געשלאפן אלץ ווייניקער און ווייניקער; מען האט אים געגעבן אפיום און אנגעהויבן איינשפריצן מארפין. אבער דאס האט אים נישט געמאכט לייכטער. די טעמפע באנגעניש, וואס ער האט געשפירט אין דעם האלבשלאפנדיקן צושטאנד, האט אים לכתחילה פארלייכטערט נאר ווי עפעס א נייעס, אבער נאכדעם איז זי צוריק געווארן פונקט אזוי, אדער נאך מער פיינלעך, איידער דער אפענער ווייטיק.

מען האט פאר אים געגרייט באזונדערע מאכלים לויט דער פאר־שריפט פון די דאקטוירים, אבער אלע דידאזיקע מאכלים זענען פאר אים געווען וואס ווייטער אלץ מער און מער אן טעם, אלץ עקלהאפטער און עקלהאפטער.

פאר זיינע צרכים זענען אויך געמאכט געווארן ספעציעלע איינ־ריכטונגען, און יעדעס מאל איז דאס געווען א פיין. א פיין צוליב דער אומריינקייט, צוליב דער אומאנשטענדיקייט און צוליב דעם ריח, צוליב דעם באוווסטזיין, אז אין דעם דארף אנטייל נעמען אן אנדערער מענטש.

אבער גראד אין דעמדאזיקן אומאנגענעמען ענין איז געקומען א טרייסט פאר איוואן איליטשן. עס פלעגט אלע מאל קומען ארויסטראגן די כלי נאך אים דער פויער פון בופעט געראסים.

געראסים איז געווען א ריינער, א פרישער, א פעטער פון דער

שטאָטישער קעסט יונגער פויער. אַלע מאָל אַ פרייליכער, אַ לוסטערער. לכתחילה האָט דער אויסזעען פון דעמדאָזיקן שטענדיק ריין, אויפן רוסישן שטייגער אָנגעטוענעם מענטש, וועלכער האָט געטון דידאָזיקע עקלהאפטע אַרבעט, — איוואַן איליטשן געבראַכט אין פאַרלעגנהייט.

איינמאָל האָט ער, אויפשטייענדיק פון דער כלי און נישט האָבנדיק קיין כוח אויפצוהייבן די הויזן, געטון אַ פאַל אויף דעם ווייכן פאָטעל און האָט מיט אימה געקוקט אויף זיינע נאַקעטע מיט שאַרף אויסגעקאַנטיקטע מוסקולן, מאַכטלאָזע שענקלען.

אין גראָבע שטיוול, פאַרשפרייטנדיק אַרום זיך דעם אָנגענעמען ריח פון דזיעגעכץ פון די שטיוול, און פון פרישקייט פון דער ווינטערדיקער לופט, איז אַריין געראַסים אין אַ גראָבלייוונטן ריין פאַרטוך און אין אַ ריין ציצן העמד מיט פאַרקאַטשעטע אויף די נאַקעטע, שטאַרקע, יונגע הענט אַרבל, און נישט קוקנדיק אויף איוואַן איליטשן, באַשיינפּער-לעך איינהאַלטנדיק, כדי נישט צו באַליידיקן דעם חולה, די פרייד פון לעבן, וועלכע האָט געשיינט אויף זיין פנים, איז ער צוגעגאַנגען צו דער כלי.

— געראַסים, — האָט איוואַן איליטש שוואַך געזאָגט.

געראַסים האָט אַ ציטער געטון, אפנים דערשראָקן זיך, איז ער נישט באַגאַנגען עפעס אַ פעלער און האָט מיט אַ שנעלער באַוועגונג אויסגעדרייט פון דעם חולה זיין פריש, גוט, פשוט, יונג געזיכט, אויף וועלכן עס האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבן צו שפּראָצן אַ באָרד.

— וואָס באַווילִיקט איר?

— דיר איז דאָס, מיין איך, נישט אָנגענעם. זו זיי מיר מוחל. איך קאָן נישט.

— גאָט איז מיט אייך. — און געראַסים האָט אַ בליץ געטון מיט די אויגן און אַנטפּלעקט זיינע יונגע ווייסע ציין. — פאַרוואָס-זשע נישט מטריח זיין זיך? איר זענט דאָך אַ חולה.

און ער האָט מיט די געשיקטע שטאַרקע הענט אָפּגעטון זיין אַר-בעט, צו וועלכער ער איז געוווינט געווען, און איז אַרויס מיט לייכטע טריט. און אין פינף מינוט אַרום האָט ער זיך מיט פּונקט אַזעלכע לייכ-טע טריט צוריקגעקערט.

איוואַן איליטש איז נאָך אַלץ אַזוי געזעסן אין פאָטעל.

— געראַסים, — האָט ער געזאָגט, ווען יענער האָט אָוועקגע-שטעלט די ריינע אויסגעוואַשענע כלי, — זיי אַזוי גוט, העלף מיר, קום

אהער. — גערַאסים איז צוגעגאַנגען. — הייב מיך אויף. מיר איז שווער אַליין, און דמיטרין האָב איך אַוועקגעשיקט.

גערַאסים איז צוגעגאַנגען: מיט שטאַרקע הענט, פונקט אַזוי לייכט, ווי לייכט ער האָט געשטעלט די טריט, האָט ער אַרומגענומען, געשיקט, ווייך אויפגעהויבן און צוגעהאַלטן, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַרויפגעצויגן די הויזן און האָט אים געוואָלט אַוועקזעצן. אָבער איוואַן איליטש האָט געבעטן, ער זאָל אים אַוועקפירן אויף דעם דיוואַן. גערַאסים האָט אָן אָנשטרענגונג און גלייך, ווי נישט אָנדריקנדיק, אַוועקגעפירט אים, כמעט טראָגנדיק, צו דעם דיוואַן און אַוועקגעזעצט.

— אַ דאַנק, ווי געשיקט, גוט... דו טוסט אַלץ.

גערַאסים האָט ווידער אַ שמייכל געטון און געוואָלט אַוועקגיין, אָבער איוואַן איליטשן איז אַזוי גוט געווען מיט אים, אַז עס האָט זיך נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

— אָט וואָס. רוק מיר צו, זיי אַזוי גוט, די-אָ שטול. ניין, אָט-די, אונטער די פיס. מיר איז לייכטער, ווען די פיס זענען בײַ מיר העכער.

גערַאסים האָט געבראַכט די שטול, אַוועקגעשטעלט, נישט געבנדיק קיין קלאַפּ, האָט זי פאַר אַמאָל אַראָפּגעלאָזט גלייך מיט דער פּאָדלאָגע און אויפגעהויבן איוואַן איליטשעס פיס אויף דער שטול. איוואַן איליטשן האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז אים איז לייכטער געוואָרן, ווען גערַאסים האָט הויך אויפגעהויבן זיינע פיס.

— מיר איז בעסער, ווען די פיס זענען בײַ מיר העכער, — האָט איוואַן איליטש געזאָגט. — לייג מיר אונטער יענץ קישן.

גערַאסים האָט עס געטון. ווידער אויפגעהויבן די פיס און אַוועק-געלייגט. ווידער איז איוואַן איליטשן געוואָרן בעסער, כל-זמן גערַאסים האָט געהאַלטן זיינע פיס. ווען ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט, האָט אים אויס-געוויזן ערגער.

— גערַאסים, — האָט ער צו אים געזאָגט, — דו ביסט איצט פאַרנומען?

— „ניקאַק ניעט-ס" (פאַר קיין פאַל נישט), — האָט געזאָגט גע-ראַסים, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט בײַם שטאָטישן עולם רעדן מיט פּריצים.

— וואָס דאַרפסטו נאָך טון?

— וואָס־זשע זאָל איך דאַרפן טון? אַלץ אָפּגעטון, נאָר האַלץ אָנהאַקן אויף מאָרגן.

— טאָ האַלט מיר אַ ביסל צו די פיס העכער. דו קענסט?

— פאַרוואָס דען נישט, מען קען. — געראַסים האָט אויפגעהויבן די פיס העכער. און איוואַן איליטשן האָט אויסגעוויזן, אַז אים איז בעסער, כּל־זמן געראַסים האָט געהאַלטן זיינע פיס.

פון דעמאָלט אָן האָט איוואַן איליטש אָפּט גענומען רופן געראַסימען און געלאָזט אים האַלטן באַ זיך אויף די אַקסלען די פיס, און ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אים. געראַסים האָט עס געטון לייכט, גערן, פּשוט און מיט אַ גוטסקייט, וועלכע האָט גערירט איוואַן איליטשן באַם האַרץ. געזונטקייט, קראַפט, די פריייקייט פון לעבן אין אַלע אַנדערע מענטשן האָט באַליידיקט איוואַן איליטשן, נאָר דער כּוח און די לעבנספריייקייט פון געראַסימען האָט נישט געזעגט, נאָר באַרויקט איוואַן איליטשן.

די גרעסטע פּיין פאַר איוואַן איליטשן איז געווען די פאַלשקייט, יענע, פון אַלעמען מ׳ווייסט נישט פאַרוואָס, אָנערקענטע פאַלשקייט, אַז ער איז בלויז קראַנק, נאָר ער שטאַרבט נישט, און אַז ער דאַרף נאָר זיין רויק און היילן זיך, און דעמאָלט וועט עפּעס אַרויסקומען זייער גוטס. ער האָט אָבער געוווסט, אַז וואָס מען זאָל נישט טון, וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אויסער נאָך פּיינלעכערע יסורים און טויט. און אים האָט געפּייניקט די פאַלשקייט, ס׳האָט געפּייניקט דאָס, וואָס מען האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין אין דעם, וואָס אַלע האָבן עס געוווסט, און ער האָט עס געוווסט, נאָר מען האָט געוואָלט לייגן פאַר אים צוליב דער שרעקלעכער לאַגע זיינער, און מען האָט געוואָלט, און מען האָט אים געצייט, אַליין אָנטייל צו נעמען אין דעמדאָזיקן ליגן. די פאַלשקייט, די פאַלשקייט, דידאָזיקע פאַלשקייט, וואָס מען טוט איבער אים ערב זיין טויט, וואָס דאַרף דערנידעריקן דעמדאָזיקן שרעקלעכן, פייערלעכן אַקט פון זיין טויט ביז דער פלאַך פון אַלע זייערע וויזיטן, גאַרדינען, געזאַלצנס צו מיטאָג... איז געווען אַ שרעקלעכע פּיין פאַר איוואַן איליטשן. און מאָדנע, — אַ סך מאָל, בשעת זיי האָבן איבער אים געמאַכט זייערע קונצן, איז ער געווען אויף אַ האָר דערפון, אַז ער זאָל אָנהייבן שרייען צו זיי: הערט אויף צו מולירן, אי איר ווייסט, אי איך ווייס, אַז איך שטאַרב, טאָ הערט לפּחות אויף צו מולירן! אָבער ער האָט קיינמאָל קיין מוט נישט געהאַט דאָס צו טון. דער שרעקלעכער, אימהדיקער אַקט פון זיין שטאַרבן האָט

ער געזען, איז דורך אַלע אַרומיקע דערפירט צו דער מדרגה פון אַ צופעליקער אומאָנגענעמלעכקייט, טיילווייז אומאָנשטענדיקייט (אַ שטייגער, ווי מען באַגייט זיך מיט אַ מענטש, וואָס, אַריינגייענדיק אין זאַל, פאַרשפרייט ער אַרום זיך אַ שלעכטן ריח), דורך דערזעלביקער אָנשטענדיקייט גופא, וועלכער ער האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעדינט; ער האָט געזען, אַז קיינער וועט אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן, ווייל קיינער וויל אַפילו נישט פאַרשטיין זיין לאַגע. נאָר איין געראַסים האָט פאַרשטאַנען דידאָזיקע לאַגע און האָט אויף אים רחמנות געהאַט. און דעריבער איז איוואַן איליטשן גוט געווען נאָר מיט געראַסימען. אים איז גוט געווען, ווען געראַסים האָט אים, אָפּטמאָל די גאַנצע נאַכט ביז טאָג, געהאַלטן די פיס, און האָט נישט געוואָלט גיין שלאָפן, זאָגנדיק: באַווייליקט נישט צו באַאומרויקן זיך, איוואַן איליטש, איך וועל מיך נאָך אויסשלאָפן; אָדער ווען ער פלעגט, פלוצלינג אַריבערגייענדיק אויף דו, צוגעבן: ווען דו וואָלסט נישט זיין קיין חולה, אָבער אַזוי — פאַרוואָס דען נישט צודינען? איין געראַסים נאָר האָט נישט געליגט, מען האָט לויט אַלץ געזען, אַז ער איינער האָט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט, און האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרהוילן דאָס. און ס'איז אים פשוט געווען אַ רחמנות אויף דעם אויסגעקוואַרטן שוואַכן פריץ. איינמאָל, ווען איוואַן איליטש האָט אים געהייסן גיין, האָט ער אפילו אָפן געזאָגט:

— אַלע וועלן מיר שטאַרבן. פאַרוואָס-זשע נישט מטריח זיין זיך? — האָט ער געזאָגט, אויסדריקנדיק דערמיט דאָס, אַז אים איז די טרחה זיינע נישט שווער דווקא דערפאַר, וואָס ער טראָגט זי צוליב אַ שטאַרבנדיקן מענטש, און ער האָפט, אַז ווען זיין צייט וועט קומען, וועט עמעצער אויך פאַר אים פונקט אַזוי זיך מטריח זיין.

חוץ דערדאָזיקער פאַלשקייט, אָדער צוליב איר, איז פאַר איוואַן איליטשן פיינלעכער פאַר אַלץ געווען דאָס, וואָס קיינער באַדויערט נישט, אַזוי ווי אים וואָלט זיך געוואָלט, מען זאָל אים באַדויערן; ס'זענען געווען מאָמענטן, ווען נאָך לאַנגע יסורים האָט זיך איוואַן איליטשן מער פאַר אַלץ געוואָלט, — ווי מיאוס עס זאָל אים נישט געווען זיין אין דעם מודה צו זיין זיך — האָט זיך אים געוואָלט, אַז עס זאָל אים, ווי אַ קינד אַ קראַנקס, עמעצער באַדויערן. אים האָט זיך געוואָלט, אַז מען זאָל אים לאַשטשען, קושן, וויינען איבער אים, ווי מען לאַשטשעט און מען טרייסט קינדער. ער האָט געוווסט, אַז ער איז אַ וויכטיקער געריכטס-מיטגליד,

אַז באַ אים ווערט שוין די באָרד גרוי, און אַז דעריבער איז עס אומ-בעגלעך · אָבער אים דאַכט זיך עס פונדעסטוועגן געהאַלט. און אין די באַ-ציונגען מיט גערסימען איז געווען עפּעס אַזוינס נאָענטס דערצו. און דע-ריבער האָבן אים די באַציונגען מיט גערסימען געטרייסט. איוואַן איליטשן ווילט זיך וויינען, ווילט זיך, מען זאָל אים לאַשטשען און מען זאָל וויינען איבער אים, איז אָט, קומט דער קאָלעגע, דער געריכטס-מיטגליד שעבעק, און אַנטשטאָט צו וויינען און צו לאַשטשען זיך, מאַכט איוואַן איליטש אַן ערנסט, שטרענג טיפזיניק געזיכט און אינערט זאָגט ער אַרויס זיין מיינונג מכּוח דער באַדייטונג פון דעם קאַסאַציע-אורטייל און פאַרטיידיקט זיין מיינונג מיט עקשנות. דידאָזיקע פאַלשקייט אַרום אים און אים גופא האָט מער פאַר אַלץ פאַרסמט די לעצטע טעג פון איוואַן איליטשעס לעבן.

## VIII.

ס'איז געווען אינדערפרי. יאָר דערפאַר אי' עס געווען אינדערפרי, ווייל גערסים איז אַוועק, און עס איז געקומען פּיאָטר דער לאָקיי: ער האָט פאַרלאָשן די ליכט, אויפגעעפנט איין גאַרדין און גענומען פּאַמעלעך צוקלויבן. צי פרימאָרגן, צי אָוונט, צי פרייטיק, צי זונטיק — אַלץ איז געווען אַלץ איינס, אַלץ איז געווען דאָס זעלביקע: אַ נאָגנדיקער, אויף קיין רגע נישט פאַרשווייגנדיקער, פּיינלעכער ווייטיק; דער באַוווסטזיין פון דעם האָפנונגסלאָז-פאַרגייענדיקן, נאָר אַלץ נאָך נישט פאַרגאַנגענעם לעבן, אַלץ דער זעלביקער אָנשטייענדיקער, שרעקלעכער, פאַרהאַסטער טויט, וואָס נאָר ער איינער איז געווען ווירקלעכקייט. און אַלץ די זעל-ביקע פאַלשקייט. וואָס-זשע זענען שוין דאָס פאַר אַ טעג, וואָכן און שעה פון טאָג?

— אפשר וועט איר באַפעלן צו דערלאַנגען טיי?

„אים איז נייטיק די אָרדנונג, אַז אינדערפרי זאָל די הערשאַפט טרינקען טיי" — האָט ער אַ טראַכט געטון און האָט נאָר געזאָגט:

— ניין.

— אפשר פאַרלאַנגט איר אַריבערצוגיין אויף דעם דיוואַן?

„ער דאַרף ברענגען דאָס צימער אין אָרדנונג, און איך שטער,

איך בין — אומריינקייט, אומאָרדנונג" — האָט ער אַ טראַכט געטון, און האָט נאָר געזאָגט:

— ניין, לאָז מיך.

דער לאַקיי האָט זיך נאָך אַ ביסל געפּאָרעט. איוואַן איליטש האָט אויסגעצויגן די האַנט. פּיאָטר איז אונטערגעגאַנגען, גרייט צו באַדינען:

— וואָס באַפעלט איר?

— דעם זייגער.

פּיאָטר האָט גענומען דעם זייגער, וואָס איז געלעגן בײַ דער האַנט, און האָט דערלאַנגט.

— האַלב ניין. דאָרט איז מען נאָך נישט אויפגעשטאַנען?

— ניקאָק-ניעט-ס. וואַסילי איוואַנאָוויטש (דאָס איז געווען דער זון) זענען אַוועק אין גימנאַזיע, און פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָבן באַפוילן אויפוועקן זיי, אויב איר וועט דאַרפן. איר באַפעלט?

— ניין, מען דאַרף נישט. — „אפשר זאָל איך פּרובירן טרינקען טיי?" האָט ער אַ טראַכט געטון. — יאָ, טיי... ברענג.

פּיאָטר איז אַוועק צו דער טיר. איוואַן איליטשן איז געוואָרן שרעקלעך צו בלייבן אַליין. „ווי פאַרהאַלט מען אים? יאָ, די רפואה". — פּיאָטר, דערלאַנג מיר די רפואה. — „פאַרוואָס נישט, אפשר וועט נאָך די רפואה אויך העלפן". ער האָט גענומען דעם לעפל, אויסגעטרונקען. „ניין, דאָס זענען אַלץ פּוסטע זאַכן, רמאות", האָט ער באַשלאָסן, ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם באַקאַנטן, לאַקריצדיקן, האָפענונגסלאָזן טעם. „ניין, איך קאָן שוין מער נישט גלייבן. אָבער דער ווייטיק, צו וואָס-זשע איז דער ווייטיק; וואָלט ער כאָטש אויף אַ רגע אויפגעהערט". און ער האָט אָנגעהויבן קרעכצן. פּיאָטר האָט זיך אומגעקערט. — ניין, גיי ברענג טיי.

פּיאָטר איז אַוועק. געבליבן אַליין, האָט איוואַן איליטש אָנגעהויבן קרעכצן נישט אַזוי פון ווייטיק, מחמת ער איז געווען נישט אַזאַ שרעקלעכער, ווי פון שווערגעמיט. „אַלץ דאָסזעלביקע, אַלץ דאָסזעלביקע, אַלץ דידאָזיקע אומענדלעכע טעג און נעכט. כאָטש גיכער שוין. וואָס גיכער, דער טויט, די פינצטערניש. ניין, ניין, אַלץ בעסער, ווי דער טויט!"

ווען פּיאָטר איז אַריין מיט טיי אויף אַ טאַץ, האָט איוואַן איליטש אויף אים לאַנג און פאַרלוירן געקוקט, נישט פאַרשטייענדיק ווער איז ער און וואָס איז ער. פּיאָטר איז מטושטש געוואָרן פון דעמדאָזיקן בליק. און

ווען פיאָטר איז מטושטש געוואָרן, איז איוואַן איליטש צו זיך גע־קומען.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — טיי, גוט, שטעל אוועק. העלף מיר נאָר אָפּוואַשן זיך, און אַ ריין העמד.

און איוואַן איליטש האָט זיך גענומען אָפּוואַשן. ער האָט אָפּרוענדיק אינמיטן געוואַשן די הענט, דאָס געזיכט, האָט אויסגערייניקט די ציין, גענומען פאַרקעמען זיך און אַ קוק געטון אין שפּיגל. אים איז געוואָרן שרעקלעך. באַזונדער שרעקלעך איז געווען דאָס, ווי די האָר האָבן זיך פלאַך צוגעדריקט צו דעם בלאַסן שטערן.

ווען מען האָט אים געביטן דאָס העמד, האָט ער געוווּסט, אַז אים וועט זיין נאָך שרעקלעכער, אויב ער וועט אַ בליק טון אויף זיין קער־פּער. און ער האָט נישט געקוקט. אָבער אָט האָט זיך עס אַלץ געענדיקט. ער האָט אָנגעטון דעם שלאָפראָק, איינגעדעקט זיך מיט אַ פּלעד און געזעצט זיך אין פאָטעל טרינקען טיי. איין רגע האָט ער זיך דערפילט אָפּגעפרישט, אָבער ווי נאָר ער האָט גענומען טרינקען טיי, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דערזעלביקער טעם, דערזעלביקער ווייטיק. ער האָט מיט געוואַלט אויסגעטרונקען, און זיך אוועקגעלייגט, אויסגעצויגן די פיס. ער האָט זיך געלייגט און אָפּגעלאָזט פּיאָטרן.

אַלץ דאָסזעלביקע. אַמאָל טוט אַ שיין אַ טראָפּן האָפענונג, אַמאָל צעשטורעמט זיך אַ ים פון יאוש, און אַלץ דער ווייטיק, דער ווייטיק, אַלץ די שווערקייט אויפן האַרץ און אַלציינס און דאָסזעלביקע. זיין איינער אַליין איז שרעקלעך שווער אויפן האַרץ. עס ווילט זיך עמעצן אַ רוף טון, אָבער ער ווייסט אַ פריער, אַז מיט אַנדערע איז נאָך ערגער. „טיידן ווידער מאָרפין" — כאָטש פאַרגעסן זיך. איך וועל אים זאָגן, דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל נאָך עפּעס צוטראַכטן. דאָס איז אוממעגלעך, אוממעגלעך אַזוי.

אַ שעה, צוויי גייען אַזוי פאַרביי. און אָט קלינגט דאָס גלעקל אין פּאָדערהויז. אפשר דער דאָקטאָר. ריכטיק, דאָס איז דער דאָקטאָר, אַ פרישער, אַ לעבעדיקער, אַ פעטער, אַ פרייליכער, מיט דעם אויסדרוק, כלומרשט, אָט האָט איר זיך פאַר עפּעס דערשראָקן. און מיר וועלן עס אייך באַלד אַלץ ברענגען אין אָרדנונג. דער דאָקטאָר ווייסט, אַז דער־דאָזיקער אויסדרוק איז דאָ נישט פּאַסיק, אָבער ער האָט אים שוין איין מאָל אויף אַלע מאָל אָנגעטון, און קאָן אים נישט אויסטון, ווי אַ

מענטש, וואָס האָט אינדערפרי אָנגעטון דעם פראַק און פאָרט מאַכן וויזיטן.

דער דאָקטאָר רייבט די הענט פריילעך, טרייסטנדיק.

— איך בין אַ קאַלטער. אַ פראָסט אַ געזונטער. לאָזט זיך מיר אָנוואַרעמען, — זאָגט ער מיט אַזאַ אויסדרוק, גלייך מען וואָלט נאָר דאַרפן אַ ביסל צו וואַרטן, ביז ער וועט זיך אָנוואַרעמען, און אַז ער וועט זיך אָנוואַרעמען, וועט ער שוין מאַכן, ס'זאָל אַלץ זיין רעכט.

— נו וואָס, ווי?

איוואַן איליטש פילט, אַז דעם דאָקטאָר ווילט זיך זאָגן: „ווי גייען די געשעפטן?" נאָר אַז ער אַליין פילט, אַז אַזוי קאָן מען נישט רעדן, און ער זאָגט: ווי האָט איר פאַרבראַכט די נאַכט?

איוואַן איליטש קוקט אויף דעם דאָקטאָר מיט דעם אויסדרוק פון אַ פראַגע:

— צי דען וועט דיר קיינמאָל נישט ווערן מיאוס צו זאָגן ליגנט? — אָבער דער דאָקטאָר וויל נישט פאַרשטיין די פראַגע.

און איוואַן איליטש זאָגט:

— אַלץ אַזוי שרעקלעך. דער ווייטיק גייט נישט אַריבער, גיט זיך נישט אונטער. כאָטש עפעס וואָס טון!

— מיט אייך, חולאים, איז שטענדיק אַזוי. נו, איצט, דאַכט מיר, האָב איך מיך אָנגעוואַרעמט. אפילו די פינקטלעכסטע פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ וואָלט גאָרנישט געקאָנט האָבן אַנטקעגן מיין טעמפּעראַטור. יאָ, גוט מאָרגן אייך, — און דער דאָקטאָר דערלאַנגט אים די האַנט.

און אָפּגעוואָרפן די גאַנצע פריערדיקע שפּילעוודיקייט, הייבט אָן דער דאָקטאָר מיט אַן ערנסטן אויסזעען אויסצוהערן דעם חולה, דעם דופק, די טעמפּעראַטור, און עס הייבן זיך אָן אויסקלאַפּעווישן, צוהאָרכענישן.

איוואַן איליטש ווייסט אויף זיכער און אָן ספק, אַז דאָס זענען אַלץ פּוסטע זאַכן און פּוסטע נאַרעריי, אָבער ווען דער דאָקטאָר שטעלט זיך אויף די קני און ציט זיך אויס איבער אים, צולייגנדיק דאָס אויער אַמאָל העכער, אַמאָל נידעריקער, און פירט איבער אים אויס מיט אַ באַדייטנדיק פּנים פאַרשידענע גימנאַסטישע עוואָלוציעס, גיט זיך איוואַן איליטש אונטער דעמדאָזיקן איינדרוק, ווי ער פלעגט זיך אַמאָל אונטערגעבן די רעדעס פון די אַדוואָקאַטן, הגם ער האָט שוין זייער גוט געוווסט, אַז זיי זאָגן אַלץ ליגנט, און צוליב וואָס זיי זאָגן ליגנט.

שטייענדיק אויף די קני אויף דעם דיוואַן, האָט נאָך דער דאָק־טאָר עפּעס אויסגעקלאַפּט, בעת אין טיר האָט אָנגעהויבן רוישן פּראַס־קאָוויאַ פעדאָראָוונאַס זיידן קלייד. און עס האָט זיך דערהערט איר פאַר־וואורף צו פּיאָטרן, פאַרוואָס האָט מען איר נישט געמאָלדן, אַז דער דאָק־טאָר איז געקומען.

זי גייט אַריין, טוט אַ קוש דעם מאַן און הייבט תיכף אָן צו דער־ווייזן, אַז זי איז שוין לאַנג אויף — און נאָר צוליב עפּעס אַ טעות איז זי דאָ נישט געווען, בעת דער דאָקטאָר איז געקומען.

איוואַן איליטש קוקט אויף איר, באַקוקט זי איינגאַנצן און פאַררעכנט איר פאַר אַ שולד איר ווייסקייט, איר פּוכיקייט, אויך די ריינקייט פון אירע הענט. פון האַלז, דעם גלאַנץ פון אירע האָר און די שיין פון אירע אויגן, וואָס זענען פול מיט לעבן. ער האָט זי פיינט מיט אַלע כוחות פון זיין נשמה. און איר צורירן זיך צו אים פאַרשאַפט אים פּיין מחמת דעם צופליס פון שנאה צו איר.

איר באַציונג צו אים און צו זיין מחלה איז אַלץ דיזעלביקע. פּונקט ווי דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ באַציונג צו חולאים, וואָס ער קאָן זי שוין פון זיך נישט אויסטון, אַזוי האָט זי אויך אויסגעאַרבעט איין באַציונג צו אים — אַז ער טוט נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף, און זי וואַרפט עס אים פאָר מיט ליבשאַפט, — און זי קאָן שוין פון זיך נישט אויסטון דידאָזיקע באַציונג.

— אַז ער פאָלגט נישט. נעמט נישט די רפואה אין דער צייט און דער עיקר — ער לייגט זיך אין אַזאַ לאַגע, וועלכע איז פאַר אים זיכער שעדלעך — מיט די פיס אין דער הייך.

זי האָט דערציילט, ווי ער לאָזט געראַסימען האַלטן זיינע פיס.

דער דאָקטאָר האָט אַ שמייכל געטון פאַראַכטלעך־ליבלעך. „מילא, הייסט עס, וואָס זאָל מען טון. דידאָזיקע חולאים טראַכטן אָפּטמאָל אויס אַזעלכע נאַרישקייטן — נאָר מען קאָן עס מוחל זיין“.

ווען דאָס באַקוקן האָט זיך געענדיקט, האָט דער דאָקטאָר אַ בליק געטון אויפן זייגער, און דעמאָלט האָט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ געמאָלדן איוואַן איליטשן, אַז ווי ער וויל זיך, נאָר זי וועט היינט איינלאַדן דעם באַרימטן דאָקטאָר, און ער מיט מיכאַיל דאַנילאָוויטשן (אַזוי האָט מען גערופן דעם געוויינלעכן דאָקטאָר) וועלן צוזאַמען באַקוקן און אַרומ־קלערן.

— נאָר דו שטער נישט, איך בעט דיך. דאָס טו איך פאַר זיך, —

האָט זי געזאָגט איראָניש, לאָזנדיק פילן, אַז זי טוט אַלץ פאַר אים, און דערמיט גיט זי אים נאָר דאָס רעכט אָפּצוזאָגן איר. ער האָט געשוויגן און געקרימט זיך. ער האָט געפילט, אַז דידאָזיקע פאַלשקייט, וועלכע רינגלט אים אַרום, האָט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז עס איז שוין שווער געווען עפּעס צו דערגיין.

זי האָט מיט אים אַלץ געטון נאָר צוליב זיך, און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי טוט פאַר זיך דאָס, וואָס זי האָט באמת טאַקע געטון פאַר זיך, ווי אַזאַ אומוואָרשיינלעכע זאַך, וואָס ער וואָלט עס געדאַרפט פאַרשטיין פאַרקערט.

ווירקלעך, האַלב צוועלף אַ זייגער איז געקומען צו פאָרן דער באַרימטער דאָקטאָר. ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסהאָרכענישן און באַדייטנדיקע שמועסן פאַר אים און אין אַ צווייט צימער וועגן דעם ניר, דער בלינדער קישקע, און פראַגן און ענטפערן מיט אַזאַ באַדייטנדיקן אויסזען, אַז ווידעראַמאָל איז, אָנשטאָט דער רעאַלער פראַגע וועגן לעבן און טויט, די איינציקע, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען, — אַרויסגעטרעטן די פראַגע וועגן דעם ניר און דער בלינדער קישקע, וועלכע האָבן עפּעס געטון נישט אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט, און אויף וועלכע עס וועלן דערפאַר באַלד טאַקע אָנפאַלן מיכאַיל דאַנילאָוויטש און די באַרימטהייט און וועלן זיי נייטן אויסצובעסערן זיך.

דער באַרימטער דאָקטאָר האָט זיך געזעגנט מיט אַן ערנסטן, אָבער נישט האָפנונגסלאָזן אויסזען. און אויף דער נישט־דרייסטער פראַגע, וועלכע איוואַן איליטש האָט געשטעלט מיט אויפגעהויבענע צו אים אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט מורא און מיט האָפנונג, צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אויסצוהיילן זיך, האָט ער געענטפערט, אַז ערב זיין קאָן מען נישט, נאָר אַ מעגלעכקייט איז פאַראַן. דער בליק פון האָפנונג, מיט וועלכן איוואַן איליטש האָט באַגלייט דעם דאָקטאָר, איז געווען אַזאַ קלאָגלעכער, אַז, דערזעען אים, האָט פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ אַפילו פונאַנדערגעוויינט זיך, אַרויסגייענדיק פון דער טיר פונם קאַבינעט, כדי איבערצוגעבן דעם האָנאָראַר דעם באַרימטן דאָקטאָר.

די געהויבנקייט פונם געמיט, וואָס דעם דאָקטאָרס האָפנונג־געבן האָט אַרויסגערופן, האָט נישט לאַנג געדויערט. ווידער דאָס זעלביקע צימער, די זעלביקע בילדער, די גאַרדינען, די טאַפּעטן, די פלעשעלעך און דער זעלביקער ווייטיקדיקער, ליידנדיקער קערפּער. און איוואַן איליטש

האָט אָנגעהויבן קרעכצן; מען האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג, און ער האָט זיך פאַרגעסן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אָנגעהויבן פינצטער ווערן; מען האָט אים געבראַכט מיטאָג. ער האָט מיט געוואַלט אויפגעגעסן אַ ביסל בוליאָן, און ווידער דאָס זעלביקע, און ווידער די אָנשטייענדיקע נאַכט.

נאָכמיטאָג, זיבן דעם זייגער, איז צו אים אין צימער אַריין פּראַס-קאָוויאַ פעדאָראָוונאַ, אָנגעטון ווי צו אַ באַל, מיט גראָבע איינגעצויגענע ברוסט און מיט צייכנס פון פודער אויפן געזיכט. זי האָט אים נאָך איינ-דערפרי דערמאָנט וועגן דעם, אַז זיי פאָרן אין טעאַטער. עס איז געווען די אָנגעקומענע סאַרע בערנאַר, און זיי האָבן געהאַט אַ לאָזשע, וועלכע ער האָט אַנדערש נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן נעמען, איצט האָט ער וועגן דעם פאַרגעסן, און איר אויסגעפּוצט קלייד האָט אים באַליידיקט. אָבער ער האָט פאַרבאָרגן זיין באַליידיקונג, בעת ער האָט זיך דער-מאָנט, אַז ער אַליין האָט געפאָדערט, זיי זאָלן קריגן אַ לאָזשע און פאָרן, מחמת דאָס איז פאַר די קינדער אַ דערציערישער, עסטעטישער תענוג.

פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ איז אַריין צופרידן מיט זיך, נאָר עפּעס ווי אַ שולדיקע. זי האָט זיך צוגעזעצט, געפרעגט וועגן געזונט, ווי ער האָט באַמערקט, נאָר צוליב דעם, אַבי צו פרעגן, אָבער נישט כדי צו דערוויסן זיך, ווייסנדיק, אַז ס'איז אפילו נישטאָ וועגן וואָס צו דערוויסן זיך, און זי האָט גענומען רעדן דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט, אַז זי וואָלט בשום אופן נישט געפאָרן, נאָר די לאָזשע איז שוין גענומען, און עס פאָרן עלען און די טאָכטער און פּעטרישטשעוו (דער אויספאָרשונגס-ריכטער, דער טאָכטערס חתן), און אַז מען קאָן זיי אַליין נישט לאָזן. נאָר אַז איר וואָלט אָנגענעמער געווען צו זיצן מיט אים. אָבער ער זאָל דאָן אָן איר טון אַלץ, וואָס דער דאָקטאָר האָט געהייסן.

— יאָ, — פּעדאָר פּעטראָוויטש (דער חתן) האָט אויך געוואָלט אַריינגיין. מ'קאָן? ליזע אויך.

— זאָלן זיי-אַריין.

עס איז אַריין די טאָכטער מיט אַן אַנטבלויזטן יונגן קערפּער, מיט יענעם קערפּער, וואָס האָט אים אַזוי געלאָזט ליידן. און זי האָט אים אַזוי אַרויסגעשטעלט. אַ שטאַרקע, אַ געזונטע, באַשיינפּערלעך אַ פאַרליבטע און

אַ בייזע אויף דער קראַנקייט, די יסורים און דעם טויט, וואָס שטערן איר גליק.

פעדאָר פעטראָוויטש איז אויך אַריין, פאַרקרייזלט à la Capoul, מיט אַ לאַנגן אָדערדיקן האַלז, וואָס איז געווען נעט באַלייגט מיט דעם ווייסן קעלנערל, מיט אַ קאָלאָסאַלער ווייסער ברוסט און איינגעצויגענע שטאַרקע שענקלען אין די שמאָלע שוואַרצע הויזן, מיט איין אָנגעצויגענער ווייסער הענטשקע אויף דער האַנט און מיטן שאַפּאָקלאַק.

הינטער אים האָט זיך אַריינגערוקט אומבאַמערקטערהייט אויך דאָס גימנאַזיסטל אין אַ נייענקן מונדירל, נעבעך, אין הענטשקעס, און מיט אַ שרעקלעכער בלויקייט אונטער די אויגן, וואָס די באַדייטונג דערפון האָט איוואַן איליטש געוווּסט.

אויפן זון איז אים שטענדיק געווען אַ רחמנות, און שרעקלעך איז געווען זיין דערשראָקענער און מיטפילנדיקער בליק. חוץ געראַסימען, האָט איוואַן איליטשן זיך געדאַכט, אַז נאָר איין וואַסיע פאַרשטייט און באַדויערט.

אַלע האָבן זיך געזעצט. מען האָט ווידער געפרעגט וועגן געזונט. ס'איז פאָרגעקומען אַ פויזע. ליזע האָט געפרעגט די מוטער וועגן בינאָקל. ס'איז פאָרגעקומען אַן איבעררעדעניש צווישן דער טאָכטער מיט דער מוטער, ווער וווהין עס האָט אים אַהינגעטון. סאיז אויסגעקומען אומאַנגענעם.

פעדאָר פעטראָוויטש האָט געפרעגט בא איוואַן איליטשן, צי האָט ער געזעען סאַרע בערנאַרן? איוואַן איליטש האָט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען, וואָס מ'פרעגט בא אים, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט: — ניין, — און איר האָט שוין געזעען?

— יאָ, אין Adrienne Lecouvreur.

פראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט געזאָגט, אַז זי איז באַזונדער גוט אין אַזאַ און אַזאַ זאַך. די טאָכטער האָט געזאָגט אַנדערש. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן דער פיינקייט און דער רעאַלישקייט פון איר שפּילן, יענער שמועס גופא, וואָס איז אַלע מאָל איינער און דער זעלביקער.

אינמיטן שמועסן האָט פעדאָר פעטראָוויטש אַ בליק געטון אויף איוואַן איליטשן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. די איבעריקע האָבן אַ בליק געטון און זענען אַנטשוויגן געוואָרן. איוואַן איליטש האָט געקוקט מיט בלאַנצנדיקע אויגן אַנטקעגן זיך, צאָרנים, אין כעס אויף זיי. מען זאָלט עס

געדאַרפט פאַרריכטן, אָבער פאַרריכטן האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט. מען וואָלט ווי נישט איז געדאַרפט איבעררייסן דאָס שווייגן. קיינער האָט זיך נישט אַנטשלאָסן, און אַלעמען איז געוואָרן שרעקלעך, טאָמער ווערט אויף אַ וואָסער אופן פּלוצלינג צעשטערט די אָנשטענדיקע פאַלשקייט, און עס וועט פאַר אַלעמען קלאָר ווערן דאָס, וואָס עס איז. ליזע האָט זיך די ערשטע אַנטשלאָסן. זי האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן. זי האָט געוואָלט באַהאַלטן דאָס, וואָס אַלע האָבן געשפּירט, אָבער זי האָט זיך אויסגערעדט.

— נאָר אויב פאָרן, איז שוין צייט, — האָט זי געזאָגט, אַ בליק טוענדיק אויף איר זייגער, דעם טאַטנס מתנה, און קוים צו באַמערקן, באַדייטנדיק, וועגן עפּעס, וואָס נאָר זיי אַליין האָבן געוווסט, אַ שמייכל געטון צו דעם יונגנמאַן, און איז אויפגעשטאַנען, אָנהייבנדיק רוישן מיטן קלייד.

אַלע זענען אויפגעשטאַנען, האָבן זיך געזעגנט און זענען אוועקגעפאָרן.

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט איוואַן איליטש זיך אויסגעדאַכט, אַז אים איז לייכטער: די פאַלשקייט איז נישט געווען, זי איז אוועק מיט זיי, אָבער דער ווייטיק איז געבליבן. אַלץ דערזעלביקער ווייטיק, אַלץ די זעלבע מורא האָבן געמאַכט אַזוי, אַז ס'איז גאָרנישט שווערער, גאָרנישט לייכטער. אַלץ ערגער.

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ רגע נאָך אַ רגע, אַ שעה נאָך אַ שעה, אַלץ דאָסזעלביקע, און אַלץ אָן אַ סוף, און אַלץ שרעקלעכער דער אומפאַרמיידלעכער סוף.

— יאָ, שיקט אַריין געראַסימען, — האָט ער געענטפערט אויף פּיאָטרס פראַגע.

# IX.

שפעט באַנאַכט האָט זיך אומגעקערט דאָס ווייב. זי איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער, אָבער ער האָט זי דערהערט; אויפגעעפנט די אויגן און איילנדיק זיי צוריק פאַרמאַכט. זי האָט געוואָלט אַוועקשיקן געראַ־סימען און אַליין זיצן מיט אים. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און געזאָגט: ניין, גיי.

— דו ליידסט שטאַרק?

— אַלצייגס.

— נעם אָפּיום.

ער האָט מסכים געווען און אויסגעטרונקען. זי איז אַוועקגעגאַנגען.

ביז אַ זייגער דריי איז ער געווען אין פּיינלעכער הינערפלעט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס טוט אים וויי, וואָס מען פּאַרוקט אים ערגעץ אין אַ שמאָלן שוואַרצן זאַק, אין אַ טיפן, און אַלץ ווייטער רוקט מען אים און מען קאָן אים נישט אַריינרוקן. און אָט־דאָס שרעקלעכס פאַר אים ווערט געטון מיט יסורים. און ער — אי ער האָט מורא, אי ער וויל אַריינזינקען אהין, אי ער לאָזט זיך נישט, אי ער העלפט. און אָט האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעריסן און ער איז אַריינגעפאַלן און איז געקומען צו זיך. אַלץ דערזעלביקער געראַסים זיצט צופיסן אויפן בעט, דרימלט רויק, געדולדיק. און ער ליגט, אויפגעהויבן צו אים אויף די אַקסלען די אויסגעמאַגערטע פיס אין זאָקן, דאָסזעלביקע ליכט מיטן אַבאַזשור, און דערזעלביקער אומאויפהערלעכער ווייטיק.

— גיי, געראַסים.

— נישקשה, כ׳וועל זיצן.

— ניין, גיי אַוועק.

ער האָט אַראָפּגענומען די פיס. האָט זיך געלייגט מיט דער זייט אויף דער האַנט, און ס׳איז אים געוואָרן אויף זיך אַ רחמנות. ער האָט זיך נאָר דערוואַרט, אַז געראַסים זאָל אַרויסגיין אין צווייטן צימער, און האָט זיך מער נישט איינגעהאַלטן און זיך פונאַנדערגעוויינט, ווי אַ קינד.

ער האָט געוויינט אויף זיין הילפלאָזיקייט, אויף זיין שרעקלעכער איינזאַמקייט, אויף דער אַכזריותדיקייט פון מענטשן, אויף דער אַכזריותדיקייט פון גאָט, אויף דעם, וואָס גאָט איז נישט דערביי.

„פאַרוואָס טוסטו דאָס אַלץ? פאַרוואָס געבראַכט מיך אַהער? פאַרוואָס, פאַרוואָס אַזוי שרעקלעך פּייניקסטו מיך?"

ער האָט אפילו נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, און ער האָט געוויינט אויף דעם, וואָס עס איז נישטאָ און עס קאָן נישט זיין קיין ענטפער. דער ווייטיק האָט זיך ווידער אָנגעהויבן, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט, נישט גערופן. ער האָט זיך געזאָגט:

„נו, נאָך; נו, שלאָג! נאָר פאַרוואָס? וואָס האָב איך דיר געטון? פאַרוואָס?"

נאָכדעם איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אויפגעהערט נישט נאָר צו וויינען, אויפגעהערט צו אָטעמען און איז געוואָרן אינגאַנצן אויפמערקזאַמקייט: גלייך ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט נישט צו אַ שטימע, וועלכע רעדט מיט קלאַנגען, נאָר צו דער שטימע פון דער נשמה, צו דעם גאַנג פון די געדאַנקען, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעהויבן.

— וואָס דאַרפסטו? — איז געווען דער ערשטער קלאָרער, וואָס קאָן מיט ווערטער אויסגעדריקט ווערן, באַגריף, וואָס ער האָט געהערט.

— וואָס דאַרפסטו? וואָס דאַרפסטו? — האָט ער זיך איבערגעחזרט. — וואָס? נישט ליידן. לעבן, — האָט ער געענטפערט.

און ווידעראַמאָל האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער אויפמערקזאַמקייט, אַזאַ אָנגעשטרענגטער, אַז אפילו דער ווייטיק האָט זי נישט צעשטרייט.

— לעבן? ווי לעבן? — האָט געפרעגט די שטים פון דער נשמה.

— יאָ, לעבן, ווי איך האָב געלעבט פריער — גוט, אָנגענעם.

— ווי דו האָסט געלעבט פריער, גוט, אָנגענעם? — האָט געפרעגט די שטימע. און ער האָט גענומען איבערקלייבן אין דמיון די בעסטע רגעס פון זיין אָנגענעם לעבן. אָבער אַ מאָדנע זאַך, דידאָזיקע אַלע בעסטע רגעס פון דעם אָנגענעמען לעבן האָבן איצט אויסגעזעען גאָרנישט אַזוי, ווי זיי האָבן אויסגעוויזן דעמאָלט. אַלץ — חוץ די ערשטע זכרונות פון דער קינדהייט. דאָרט, אין דער קינדהייט איז געווען עפּעס אַזוינס באמת אָנגענעמס, מיט וואָס מען וואָלט געקאָנט לעבן, ווען דאָס וואָלט צוריקגעקומען. אָבער יענער מענטש, וועלכער האָט געשפּירט ס'דאָזיקע

אָנגענעמע, איז שוין נישט געווען; דאָס איז געווען עפּעס ווי אַ דערינערונג וועגן עמעצן אַן אַנדערן.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס, וואָס פון דעם איז דער פּועל יוצא געווען דער איצטיקער ער, איוואַן איליטש, אַזוי זענען אַלע דעמאָלט אויסגעוויזענע פריידן איצט בײַ אים פאַר די אויגן געוואָרן צעשמאָלצן און פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַזוינס נישטיקס און אָפט עקלהאַפטס.

און וואָס ווייטער פון דער קינדהייט, וואָס נענטער צו דער איצטיקייט, אַלץ נישטיקער און צווייפלהאַפטער זענען געווען די פריידן. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער יורידישער שול. דאָרט איז נאָך געווען עפּעס עכט גוטס; דאָרט איז געווען פריילעכקייט, דאָרט איז געווען פרײַנטשאַפט, דאָרט זענען געווען האָפנונגען. אָבער אין די העכערע קלאַסן זענען שוין געווען זעלטענער דידאָזיקע גוטע מינוטן. נאָכדעם, בשעת דער ערשטער שטעלע בײַ דעם גובערנאַטאָר, האָבן זיך ווידער באַוויזן גוטע מינוטן: דאָס זענען געווען זכרונות וועגן דער ליבע צו אַ פרוי. נאָכדעם האָט זיך דאָס אַלץ צונויפגעמישט, און ס'איז אַלץ נאָך ווייניקער געבליבן גוטס. ווייטער — נאָך ווייניקער גוטס, און וואָס ווייטער, אַלץ ווייניקער.

חתונה — אַזוי נישט־בכיוון, און אַזאַ אַנטוישונג, סיי דער ריח פון דעם ווײַבס מויל, סיי די זינלעכקייט, די אָנשטעלן! און דאָסדאָזיקע טויטע דינען, און דידאָזיקע זאָרגן וועגן געלט, און אַזוי איין יאָר, און צוויי, און צען, און צוואָנציק — און אַלץ דאָס זעלביקע. און וואָס ווייטער אַלץ טויטער. פּונקט ווי כ'וואָלט גלײַכמעסיק געגאַנגען באַרג אַראָפּ, מיינענדיק, אַז איך גיי באַרג אַרויף, אַזוי איז טאַקע געווען. אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג בין איך געגאַנגען באַרג־אַרויף, און פּונקט אין אַזאַ מאָס איז דאָס לעבן פון אונטער מיר אַוועק.. און שוין פאַרטיק שטאַרב!

טאָ וואָס זשע איז עס? צו וואָס? עס קאָן נישט זיין. עס קאָן נישט זיין, אַז אַזוי זינלאָז, מיאוס זאָל זיין דאָס לעבן. און אויב עס איזווירקלעך געווען אַזוי מיאוס און זינלאָז, טאָ צו וואָס זשע שטאַרבן, און שטאַרבן מיט יסורים? ס'איז דאָ עפּעס קשה.

„אפשר האָב איך געלעבט נישט אַזוי, ווי מען וואָלט באַדאַרפט? — איז אים פּלוצלינג געקומען אויפן זינען. — אָבער ווי זשע נישט אַזוי, אַז איך האָב געטון אַלץ, ווי מען דאַרף“, האָט ער זיך געזאָגט, און

האָט גלייך אָפּגעטריבן פון זיך דידאָזיקע איינציקע לייזונג פון דער גאַנ־צער רעטעניש פון לעבן און טויט, ווי עפּעס אינגאַנצן אוממעגלעכס.

וואָס זשע ווילסטו איצט? לעבן? ווי לעבן? לעבן, ווי דו לעבסט אין גערינכט, ווען דער געריכטס־אָרדנער מעלדעט:

„דאָס געריכט גייט!“ דאָס געריכט גייט, דאָס געריכט גייט — האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט, — אָט איז דאָס געריכט!

אָבער איך בין נישט שולדיק! - האָט ער אויסגעשריגן מיט צאָרן. — פאַרוואָס? — און ער האָט אויפגעהערט צו וויינען, און אומ־געקערט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן אַלץ וועגן איינער און דער זעלביקער זאַך: צו וואָס, פאַרוואָס דידאָזיקע גאַנצע אימה?

אָבער וויפיל ער האָט נישט געטראַכט, האָט ער דאָך קיין ענטפער נישט געפונען. און אַז עס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, ווי עס פלעגט אים אָפט קומען, דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דאָס אַלץ קומט פאַר דער־פאַר, וואָס ער האָט געלעבט נישט אַזוי, האָט ער זיך גלייך דערמאַנט די גאַנצע ריכטיקייט פון זיין לעבן און האָט דעמדאָזיקן משונהדיקן גע־דאַנק פאַרטריבן.

X.

ס'זענען פאַרביי נאָך צוויי וואָכן. איוואַן איליטש איז שוין נישט אויפגעשטאַנען פון דעם דיוואַן. ער האָט נישט געוואָלט ליגן אין בעט און איז געלעגן אויף דעם דיוואַן. און ליגנדיק כמעט די גאַנצע צייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָט ער איינזאַם געליטן אַלץ די זעלביקע נישט לייזבאַרע ליידן, און האָט איינזאַם געדענקט אַלץ דעם זעלביקן נישט לייזבאַרן געדאַנק. וואָס איז דאָס? צי דען אמת, אַז דער טויט? און די אינערלעכע שטימע האָט געענטפערט: יאָ, אמת. פאַרוואָס די ליידן? און די אינערלעכע שטימע האָט געענטפערט: אַזוי, פאַר גאָרנישט. ווייטער און אויסער דעם איז גאָרנישט געווען.

גאָר פון אָנהייב דער מחלה אָן, זינט דער צייט, וואָס איוואַן אי־ליטש איז דאָס ערשטע מאָל געפאָרן צום דאָקטאָר, האָט זיך זיין לעבן צעטיילט אויף צוויי היפּוכדיקע שטימונגען, וועלכע פלעגן זיך בייטן איינע

נאָך דער אַנדערער: אַמאָל איז געווען יאוש און וואַרטן אויפן אומפאַר־שטענדלעכן און שרעקלעכן טויט, אַמאָל איז געווען האָפנונג און פולע מיט פאַראינטערעסירטקייט באַאָבאַכטונג איבער די פונקציעס פון זיין קערפער. אַמאָל איז פאַר די אויגן געשטאַנען נאָר אַ נירל אָדער אַ קיש־קע, וועלכע האָט זיך אויף אַ צייט פאַרמיידט פון דערפילן אירע פליכטן, אַמאָל איז געווען איין אומפאַרשטענדלעכער, שרעקלעכער טויט, פון וועלכן מען קאָן זיך מיט גאָרנישט אויסקויפן.

דידאָזיקע צוויי שטימונגען האָבן זיך פון אָנהייב דער מחלה אָן גע־ביטן איינע נאָך דער אַנדערער; אָבער וואָס ווייטער די מחלה איז גע־גאַנגען, אַלץ צווייפלהאַפטער און פאַנטאַסטישער זענען געוואָרן די השערות וועגן דעם נירל, און אַלץ רעאַלער דאָס באַוווסטזיין פון דעם אָנקומענ־דיקן טויט.

ער האָט זיך נאָר געדאַרפט דערמאַנען וועגן דעם, וואָס איז ער געווען מיט דריי חדשים צוריק, און וואָס ער איז איצט: דערמאַנען זיך, ווי גלייכמעסיק ער איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ, כּדי עס זאָל צעשטערט ווערן יעדע מעגלעכקייט פון האָפנונג.

פאַר דער לעצטער צייט פון דער איינזאַמקייט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, ליגנדיק מיטן פּנים צו דעם ווענטל פון דעם דיוואַן, פון יענער איינזאַמקייט אין דער פולער שטאָט מיט מענטשן, צווישן די צאָלרייכע באַקאַנטע און דער משפּחה, פון יענער איינזאַמקייט, וואָס קיין גרעסערע פאַר איר האָט ערגעץ נישט געקאָנט זיין — נישט אויפן גרונט פונם ים, נישט אין דער ערד, — פאַר דער לעצטער צייט פון דערדאָזיקער איינזאַמקייט האָט איוואַן איליטש געלעבט נאָר מיטן דמיון אין דער פאַרגאַנגענהייט. איינס נאָכן צווייטן האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט בילדער פונם עבר. אָנהייבן פלעגט זיך עס אַלע מאָל פון דעם, וואָס עס איז געווען אַמנאָענטסטן לויט דער צייט, און ס'איז אַריבערגעגאַנגען צום סאַמע ווייטן, צו דער קינדהייט, און אויף איר פלעגט זיך עס אָפּשטעלן. האָט איוואַן איליטש זיך דערמאַנט וועגן די געקאָכטע פלוימען, וואָס מען האָט אים היינט פאָרגעלייגט עסן, — פלעגט ער זיך שוין דערמאַנען וועגן די רויע, צעבאַבעטע פראַנצויזישע פלוימען אין דער קינדהייט, וועגן זייער באַזונדערן טעם און וועגן די פולע שליינע, בשעת עס פלעגט דערגיין צום ביינדל, און לעבן דער דערינערונג פון טעם פלעגט אַרויסשווימען אַ גאַנצע שורה זכרונות פון יענער צייט: די ניאַ־ניע, דער ברודער, די צאַצקעס... „מען דאַרף נישט טראַכטן וועגן דעם...

ס'טוט צו פיל ווי", האָט זיך איוואַן איליטש געזאָגט און האָט זיך ווידער אַריבערגעטראָגן אין דער איצטיקייט. אַ קנאָפּ אויפן ווענטל פונם דיוואַן, און קנייטשן פון סאַפיאַן. סאַפיאַן איז טייער, נישט פעסט, צוליבן סאַפיאַן איז פאָרגעקומען אַ קריג. אָבער ס'איז געווען אַן אַנדער סאַפיאַן, און אַן אַנדערע קריג, ווען מיר האָבן צעריסן דעם טאַטנס פּאָרטפעל, און מען האָט אונז באַשטראָפט, און די מאַמע האָט געבראַכט טשאַסטעס. און ווידער אַמאָל האָט זיך עס אָפּגעשטעלט אויף דער קינדהייט, און ווידער האָט איוואַן איליטשן ווי געטון, און ער האָט זיך געסטאַרעט אָפּטרייבן און טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.

און ווידער איז דערביי גופא, צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן גאַנג פון די זכרונות, בײַ אים אין דער נשמה געגאַנגען אַן אַנדערע סדרה פון זכרונות — וועגן דעם, ווי עס האָט זיך פאַרשטאַרקט און ווי עס איז געוואַקסן זיין מחלה. די זעלביקע זאַך — וואָס ווייטער אויף צוריק, אַלץ מער איז געווען לעבן. ס'איז אויך געווען מער גוטס אין לעבן, און ס'איז אויך דאָס לעבן גופא מער געווען. און סיי דאָס, סיי יענץ האָבן זיך צונויפגעגאָסן אינאיינעם. „פּונקט ווי די יסורים גייען אַלץ ערגער און ערגער, אַזוי איז אויך דאָס גאַנצע לעבן געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער", האָט ער געטראַכט. איין ליכטיק פּינטל איז דאָרט, פון הינטן, אין אָנהייב לעבן, און דערנאָך איז אַלץ שוואַרצער און שוואַרצער, און אַלץ שנעלער און שנעלער. „אומגעקערט פּראָפּאָרציאָנעל צו די קוואַדראַטן פון די שטרעקעס פון דעם טויט", האָט געטראַכט איוואַן איליטש, און ס'דאָזיקע בילד פון אַ שטיין, וואָס פליט מיט כסדר וואַקסנדיקער שנעלקייט, האָט אַרײַנגעדרונגען אין זיין נשמה. דאָס לעבן, אַ שורה פון אַלץ וואַקסנדיקע יסורים, פליט אַלץ שנעלער און שנעלער צו דעם סוף, צו דעם שרעקלעכסטן פּיין. איך פלי... ער האָט געציטערט, זיך גערירט, געוואָלט אַקעגנשטעלן זיך; אָבער ער האָט שוין געוווּסט, אַז אַקעגנשטעלן זיך קאָן מען נישט. און ווידעראַמאָל האָט ער מיט אויגן, וועלכע זענען מיד געוואָרן פון קוקן, נאָר וועלכע האָבן נישט געקאָנט נישט קוקן דערויף, וואָס עס האָט זיך געפונען אַקעגן אים, געקוקט אויף דעם ווענטל פון דעם דיוואַן, און האָט געוואַרט, געוואַרט אויף דעמדאָזיקן שרעקלעכן פאַל, דעם שטויס און דער צעשטערונג. „אַקעגנשטעלן זיך קאָן מען נישט", האָט ער זיך געזאָגט. „אָבער כאָטש פאַרשטיין, צו וואָס איז עס? קאָן מען דאָס אויך נישט. מען וואָלט געקאָנט דערקלערן, ווען מען זאָל זאָגן, אַז איך האָב געלעבט נישט אַזוי, ווי מען דאַרף. אָבער דאָס קאָן מען שוין אודאַי

ניט זאָגן", האָט ער אַליין זיך געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך די גאַנצע געזעצלעכקייט, ריכטיקייט און די אָנשטענדיקייט פון זיין לעבן. „דאָס קאָן מען שוין אוודאי נישט דערלאָזן", האָט ער זיך געזאָגט שמייכלענדיק מיט די ליפן, גלייך ווי עמעצער וואָלט געקאָנט זען דעם שמייכל זיינעם, און לאָזן זיך פון אים פאַרפירן. „נישטאָ קיין דערקלערונג! יסורים, טויט... צו וואָס?"

## XI.

אַזוי זענען אַריבער צוויי וואָכן. פאַר דידאָזיקע וואָכן האָט פאַסירט אַ געוואונטשענע פאַר איוואַן איליטשן און זיין ווייב געשעעניש. פעטרישטשעוו האָט פאָרמעל געבעטן דער טאָכטערס האַנט. דאָס האָט פאַסירט אינאָוונט. אויף מאָרגן איז פראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ אַריין צום מאַן, טראַכטנדיק, ווי זאָל זי וועגן דעם מעלדן דעם מאַן. אָבער אין דערדאָזיקער נאַכט גופא איז איוואַן איליטשן ערגער געוואָרן. פראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונאַ האָט אים דערזעהן אויף דעמזעלביקן דיוואַן, נאָר אין אַ נייער לאַגע. ער איז געלעגן אויפן רוקן, האָט געקרעכצט און געקוקט אַנטקעגן זיך מיט אַ פאַרגליווערטן בליק.

זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די רפואות. ער האָט אַריבערגעפירט דעם בליק אויף איר. זי האָט נישט דערערדט דאָס, וואָס זי האָט אָנגעהויבן; אַזאַ צאָרן, בפירוש טאַקע אויף איר, האָט זיך אויסגעדריקט אין דעמדאָזיקן בליק.

— אין קריסטוסעס נאָמען, לאָז מיך שטאַרבן רויק, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געוואָלט אַוועקגיין, אָבער דעמאָלט איז אַריין די טאָכטער און איז צוגעגאַנגען גריסן זיך. ער האָט אויף דער טאָכטער אַ בליק געטון פונקט אַזוי ווי אויפן ווייב, און אויף אירע פראַגן וועגן געזונט, האָט ער איר טרוקן געזאָגט, אַז ער וועט זיי באַלד אַלעמען באַפרייען פון זיך. ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, אַ ביסל געזעסן און אַרויסגעגאַנגען.

— וואָס-זשע זענען מיר שולדיק? — האָט ליזע געזאָגט צו דער

מוטער. — גלייך ווי מיר וואָלטן עס געמאַכט. ס'איז מיר אַ שאָדן דעם פּאַפּאַ, אָבער וואָס דאַרף מען אונז פּייניקן ?

אין דער געוויינלעכער צייט איז געקומען צו פאָרן דער דאָקטאָר. איוואַן איליטש האָט אים געענטפערט „יאָ" און „ניין", נישט אָראָפּלאָזנדיק פון אים דעם צאָרנדיקן בליק, און לסוף האָט ער געזאָגט :

— איר ווייסט דאָך, אַז עס וועט גאָרנישט העלפן, טאָ לאָזט צו רו.

— פאַרלייכטערן די יסורים קאָנען מיר, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— דאָס קאָנט איר אויך נישט, לאָזט.

דער דאָקטאָר איז אַרויסגעגאַנגען אין זאַל און האָט געמאָלדן פּראַסקאָוויאַ פעדאָראָוונען, אַז ס'איז זייער שלעכט און ס'איז פאַראַן איין מיטל — אָפּיום, כדי צו פאַרלייכטערן די יסורים, וועלכע זענען, מסתמא, שרעקלעכע.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זיינע יסורים די פיזישע זענען שרעקלעכע, און דאָס איז געווען אמת ; אָבער שרעקלעכער פאַר זיינע פיזישע יסורים זענען געווען זיינע מאָראַלישע יסירים, און אין דעם איז געלעגן דער עיקרשטער פּיין זיינער.

זיינע מאָראַלישע יסורים זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס קוקנדיק אויף געראַסימס פאַרשלאָפן, גוטמוטיקן, מיט בולטע באַקנביינער פּנים, איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן אַ רעיון : און ווי אויב עס איז באמת מיין גאַנץ לעבן, דאָס באַוווסטזיניקע לעבן, געווען „נישט דאָס".

אים איז געקומען אויפן זינען, אַז דאָס, וואָס אים האָט פריער אויסגעוויזן פולקאָם אוממעגלעך, דאָס, אַז ער האָט אָפּגעלעבט זיין לעבן נישט אַזוי, נישט ווי געהעריק, — אַז דאָס האָט געקאָנט זיין אמת. אים איז געקומען אויפן זינען, אַז יענע, זיינע קוים באַמערקלעכע פּרווון פון קאַמף קעגן דעם, וואָס די הויכע לייט האָבן געהאַלטן פאַר גוט, פּרווון קוים באַמערקלעכע, וועלכע ער האָט תיכּף-ומיד אָפּגעטריבן פון זיך, — אַז גראָד זיי האָבן עס געקאָנט זיין די עכטע, און אַלדאָס אַנדערש איז געווען נישט דאָס. אי זיין דינסט, אי זיין לעבנס-איינאָרדנונג, אי זיין משפּחה, אי דידאָזיקע אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט און דעם אַמט, דאָס אַלץ האָט געקאָנט זיין נישט דאָס. — ער האָט זיך געפּרווט פאַר-טיידיקן דאָס אַלץ פאַר זיך. און פּלוצלינג האָט ער דערפילט די גאַנצע

שוואַכקייט דערפון, וואָס ער פאַרטיידיקט. און וואָס צו פאַרטיידיקן איז אפילו נישט געווען.

„און אויב דאָס איז אַזוי, — האָט ער זיך געזאָגט, — און איך ביי אוועק פונעם לעבן מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז איך האָב צעפּטרט אַלץ, וואָס עס איז מיר געווען געגעבן, און פאַרריכטן קאָן מען נישט — איז דעמאָלט וואָס?“ ער האָט זיך געלייגט אויפן רוקן און גענומען גאָר אויף אַ נייעם שטייגער איבערקוקן זיין גאַנץ לעבן. ווען ער האָט אינדערפרי דערזעען דעם לאָקיי, נאָכדעם דאָס ווייב, נאָכדעם די טאָכטער, נאָכדעם דעם דאָקטאָר, האָט יעדע זייער באַוועגונג, יעדעס וואָרט באַשטעטיקט דעם שרעקלעכן פאַר אים אמת, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט בײַ דער נאַכט. ער האָט אין זיי געזעען זיך, דאָס אַלץ, מיט וואָס ער האָט געלעבט, און ער האָט קלאָר געזעען, אַז ס'איז אַלץ געווען נישט דאָס, דאָס אַלץ איז געווען אַ שרעקלעכע, אַ קאָלאָסאַלע רמאות, וועלכע דעקט אי דאָס לעבן, אי דעם טויט. דערדאָזיקער באַוווּסטזיין האָט פאַרגרעסערט, פאַרצענפאַכט זיינע פיזישע ליידן, ער האָט געקרעכצט, און האָט זיך געוואָרפן, און געצופּט אויף זיך דאָס אָנטון. אים האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס שטיקט און דריקט אים. און דערפאַר האָט ער זיי פאַרהאַסט.

מען האָט אים איינגעגעבן אַ גרויסע דאָזע אָפּיום, ער האָט זיך פאַרגעסן, נאָר צו מיטאָג צו האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס זעלביקע. ער האָט אַלע געטריבן פון זיך און האָט זיך געשליידערט פון איין אָרט אויפן צווייטן.

דאָס ווייב איז געקומען צו אים און האָט געזאָגט:

— Jean, טייערינקער, פון מיינעטוועגן (פון מיינעטוועגן?). דאָס קאָן נישט שאַדן, נאָר אָפטער העלפט עס. מילא, ס'איז גאָרנישט. געזונטע אפילו טוען עס אָפט.

ער האָט ברייט אויפגעעפנט די אויגן.

— וואָס? די הייליקע סעודה? צו וואָס? מען דאַרף נישט! אי־בעריקנס...

זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

— יאָ, מיין פריינט? איך וועל רופן אונזערן, ער איז אַזאַ ליבער.

— גוט, זייער גוט, — האָט ער אַרויסגערעדט.

ווען עס איז געקומען דער גלח און האָט בײַ אים אָפּגענומען דעם ווידוי, איז ער ווייך געוואָרן, האָט דערפילט ווי עפּעס אַ דערלייכטערונג

פון זיינע ספקות, און צוליב דעם פון די ליידן, און אויף אים איז אַראָפּ
אַ רגע פון האָפנונג. ער האָט ווידער גענומען טראַכטן וועגן דער בלינדער
קישקע און וועגן דער מעגלעכקייט צו פאַרריכטן זי. ער האָט אויפגעגו־
מען די הייליקע סעודה מיט טרערן אין די אויגן.

ווען מען האָט אים נאָך דעם אַוועקגעלייגט, איז אים אויף אַ רגע
געוואָרן לייכט, און עס האָט זיך ווידער באַוויזן אַ האָפנונג אויף לעבן
צו בלייבן. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַן אָפּעראַציע. וואָס מען האָט
אים פאָרגעלייגט. — לעבן, לעבן וויל איך, האָט ער זיך געזאָגט. דאָס
ווייב איז געקומען מזל טוב אָפּגעבן; זי האָט געזאָגט די געוויינלעכע
ווערטער און צוגעגעבן:

— נישט אמת, דיר איז בעסער?

ער האָט נישט קוקנדיק אויף איר, געזאָגט: יאָ.

איר אָנטון, דער בוי פון איר קערפּער, דער אויסדרוק פון איר
פּנים, דער קלאַנג פון איר קול — אַלץ האָט אים געזאָגט איינס: „נישט
דאָס. דאָס אַלץ, מיט וואָס דו האָסט געלעבט און דו לעבסט, איז פאַלש־
קייט, אַ ליגנט, וואָס פאַרשטעלט פון דיר דאָס לעבן און דעם טויט". און
ווי נאָר ער האָט וועגן דעם אַ טראַכט געטון, האָט זיך דערוועקט זיין
שנאה, און צוזאַמען מיט דער שנאה — די פיזישע פּיינלעכע יסורים;
און מיט די יסורים — דאָס באַוווסטזיין פון אומאויסמיידלעכן, באַנענטן
אונטערגאַנג.

עפּעס האָט פּאַסירט אַ נייעס: עס האָט זיך גענומען שרויפן און
שיסן און פאַרדריקן דעם אָטעם.

דער אויסדרוק פון זיין געזיכט, ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט „יאָ",
איז געווען אַ שרעקלעכער. אַרויסגעזאָגט דאָסדאָזיקע „יאָ", קוקנדיק איר
גלייך אין געזיכט, האָט ער זיך, אומגעווייגלעך פאַר זיין שוואַכקייט,
שנעל איבערגעדרייט מיטן פּנים אַראָפּ און גענומען שרייען:

— גייט אַוועק, גייט אַוועק, לאָזט מיך!

# XII.

פון דערדאָזיקער רגע אָן האָט זיך אָנגעהויבן יענץ געשריי, וואָס האָט דריי טעג נישט אויפגעהערט, וועלכעס איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז מען האָט עס הינטער צוויי טירן אָן אימה נישט געקאָנט צוהערן. אין יענער רגע, ווען ער האָט געענטפערט דעם ווייב, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרפאַלן, אַז קיין צוריקקער איז נישטאָ, אַז ס'איז געקומען דער סוף, אינגאַנצן דער סוף, און דער ספק איז אַלץ נישט געלייזט, בלייבט אַלץ אַזוי אַ ספק.

— אוּ! אוּאוּ! אוּ! — האָט ער געשריגן מיט פאַרשידענע אינטאָנאַציעס. ער האָט אָנגעהויבן שרייען: „איך ווי ל נישט!" און האָט שוין אַזוי ווייטער געשריגן אויף דעם אות „ו".

אַלע דריי טעג, אין משך פון וועלכע עס האָט פאַר אים נישט עקזיסטירט קיין צייט, האָט ער זיך געשלייַדערט אין יענעם שוואַרצן זאַק, אין וועלכן עס האָט אים אַריינגערוקט די אומגעזעענע אומבאַזיגלעכע האַנט. ער האָט זיך געשלאָגן, ווי עס שלאָגט זיך אין די הענט פונם תּליין אַ פאַרמשפּטער צום טויט, וויסנדיק, אַז ער קאָן זיך נישט ראַטעווען; און מיט יעדער רגע האָט ער געפילט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען צו קעמפן, שטעלט ער זיך אַלץ נענטער און נענטער צו דעם. וואָס עס האָט אויף אים געוואָרפן אַזאַ אימה. ער האָט געפילט, אַז זיין פּיין איז אין דעם, וואָס ער רוקט זיך אַריין אין דעמדאָזיקן לאָך, און נאָך מער אין דעם, וואָס ער קאָן אין אים נישט אַריינקריכן. און דורכקריכן שטערט אים די אָנערקענונג דערפון, אַז זיין לעבן איז געווען גוט. אָט דידאָזיקע פאַרענטפערונג אויף זיין לעבן האָט זיך געטשעפעט און האָט אים נישט געלאָזט גיין פאָרויס און האָט אים מער פאַר אַלץ געפייניקט.

פּלוצלינג האָט עפּעס אַ קראַפט דערלאַנגט אים אַ שטויס אין ברוסט, אין זייט, נאָך שטאַרקער פאַרדריקט דעם אָטעם, ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם לאָך, און דאָרט, אין עק פון דעם לאָך, האָט עפּעס אַ לייכט געטון, עס איז מיט אים פאָרגעקומען דאָס, וואָס אַמאָל פלעגט מיט אים

טרעפן אין וואַגאָן, בעת עס דאַכט זיך, אז מען פאָרט ווייטער, נאָר מען פאָרט אויף צוריק, און פלוצלינג דערוויסט מען זיך די אמתע ריכטונג.

„יאָ, אַלץ איז געווען נישט דאָס, — האָט ער זיך געזאָגט, — אָבער דאָס איז גאָרנישט. מען קאָן, מען קאָן טון „דאָס". וואָס־זשע איז „דאָס" ? — האָט ער זיך געפרעגט און איז פלוצלינג שטיל געבליבן.

דאָס איז געווען אין סוף פון דעם דריטן טאָג, מיט צוויי שעה פריער פאַר זיין טויט. אין דערזעלביקער צייט גופא האָט זיך דאָס גימנאַזיסטל אריינגעגנבעט שטילינקערהייט צום פאָטער און איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט. דער שטאַרבנדיקער האָט אַלץ געשריגן פאַרצווייפלט און געוואָרפן מיט די הענט. זיין האַנט איז געפאַלן צו דעם גימנאַזיסטל אויפן קאָפּ. דאָס גימנאַזיסטל האָט זי געכאַפּט, צוגעדריקט צו די ליפּן און זיך פונאַנדערגעוויינט.

אין דעם מאָמענט גופא איז איוואַן איליטש אַדורכגעפאַלן, דערזעען ליכטיקייט, און פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט, אַז זיין לעבן איז געווען נישט דאָס, וואָס מ'דאַרף, נאָר אַז דאָס קאָן מען נאָך פאַרריכטן, ער האָט זיך געפרעגט: „וואָס־זשע איז „דאָס" ? און פלוצלינג איז ער שטיל געבליבן, צוהערנדיק זיך. דאָ האָט ער דערפילט, אַז עמעצער קושט אים די האַנט. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און אַ בליק געטון אויפן זון. עס איז אים געוואָרן אַ רחמנות אויף אים. דאָס ווייב איז צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט אויף איר אַ בליק געטון. זי האָט מיט אַן אָפן מויל און מיט נישט אָפּגעווישטע טרערן אויף דער נאָז און אויף דער באַק מיט אַ פאַרצווייפלטן אויסדרוק געקוקט אויף אים. עס איז אים אויך אויף איר געוואָרן אַ רחמנות.

„יאָ, איך פּייניק זיי, — האָט ער אַ טראַכט געגעבן. — עס איז זיי אַ שאָד, אָבער פאַר זיי וועט זיין בעסער, ווען איך וועל שטאַרבן". — ער האָט עס געוואָלט זאָגן, אָבער ער האָט קיין כוח נישט געהאַט אַרויסצורעדן. „איבעריקנס, צוואָס רעדן, מען דאַרף טון", האָט ער אַ טראַכט געגעבן. ער האָט דעם ווייב אָנגעוויזן מיטן בליק אויפן זון און געזאָגט:

— פיר אַרויס... אַ רחמנות... אויף דיר אויך... ער האָט נאָך געוואָלט זאָגן „פאַרצייי", נאָר ער האָט געזאָגט „פאַרביי", און נישט האָבנדיק שוין קיין כוח צו פאַרריכטן זיך, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, וויסנדיק, אַז עס וועט פאַרשטיין ז'ער, וואָס דאַרף.

און פלוצלינג איז אים געוואָרן קלאָר, אַז דאָס, וואָס עס האָט אים

געמאַטערט און איז נישט אַרויסגעקומען, אַז פּלוצלינג קומט אַרויס אַלץ פאַר אַמאָל און פון צוויי זייטן, פון צען זייטן, פון אַלע זייטן. אַ רחמנות אויף זיי, מען דאַרף מאַכן, אַז עס זאָל זיי נישט ווי טון. זיי באַפרייען, און זיך אַליין באַפרייען פון די דאָזיקע ליידן. „ווי גוט און ווי פשוט", האָט ער אַ טראַכט געגעבן. „און דער ווייטיק? — האָט ער זיך געפרעגט. — ווו איז ער? נו, אַקאָרשט, ווו ביסטו, ווייטיק?"

ער האָט זיך גענומען צוהערן.

„יאָ, אָט איז ער. מילא, זאָל זיין ווייטיק".

און דער טויט? ווו איז ער?

ער האָט געזוכט זיין פריערדיקע געוויינלעכע שרעק פאַרן טויט און האָט זי נישט געפונען. — ווו איז ער? וואָס פאַר אַ טויט? ס'איז קיין שום מורא נישט געווען, מחמת עס איז אויך קיין טויט נישט געווען. אַנשטאָט טויט איז געווען ליכטיקייט.

— איז אַזוי גאָר! — האָט ער פּלוצלינג הויך אַרויסגעזאָגט. — סאַראַ פרייד!

פאַר אים איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען אין איין אויגנבליק, און די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן אויגנבליק האָט זיך שוין נישט געענדערט. פאַר די, וואָס זענען דערביי געווען, האָט אָבער די גסיסה זיינע געצויגן זיך נאָך צוויי שעה. אין דער ברוסט האָט בא אים געקאָכט עפּעס, זיין אויסגעמאָגערטער קערפּער האָט געציטערט. נאָכדעם איז דאָס קאָכן און דאָס כריפּען געוואָרן אַלץ זעלטענער און זעלטענער.

— געענדיקט! — האָט עמעצער איבער אים געזאָגט.

ער האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער און האָט זיי איבערגעחזרט אין זיין נשמה. געענדיקט דער טויט, — האָט ער זיך געזאָגט. נישטאָ אים מער.

ער האָט אין זיך אריינגעצויגן לופט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער העלפט אָטעם, זיך אַ ציי געטון און איז געשטאָרבן.

# באַמערקונג

## צו „דעם טויט פון איוואַן איליטשן"

צו וואָסער צייט געהערט דאָס אָנהייבן שרייבן „דעם טויט פון איוואַן איליטשן". וועגן דעם איז לחלוטין נישטאָ קיין פּינקטלעכע דאַטן. אין דעם בריוו צו דער גרעפין סאָפיע אַנדרעיעוונאַ טאָלסטאָיאַ, וועלכער איז געשריבן אין אָקטאָבער 1885 יאָר, זאָגט ל. נ., אַז די אַרבעט איבער דערדאָזיקער דערציילונג ציט זיך שוין עטלעכע יאָר: „מיר ווילט זיך שרעקלעך אָנשרייבן „איוואַן איליטשן", — שרייבט ער, — אויך איצט בין איך געפאָרן און האָב געטראַכט וועגן אים; נאָר איך קאָן דיר נישט אויסדריקן, אין וואָס פאַר אַ מאָס איך בין פאַרשלונגען דורך דערדאָזיקער אַרבעט, וועלכע דויערט שוין עטלעכע יאָר און איצט דערנענטערט זי זיך צום סוף". באַהויפּטן, אַז דידאָזיקע „עטלעכע יאָר דויערנדיקע" אַרבעט האָט באַטייט שרייבן די דערציילונג, קאָן מען מיט פולער זיכערקייט נישט; מעגלעך, אַז דאָס איז געווען נאָר די געוויינלעכע לאַנגע באַ טאָלסטאָיען צוגרייטונגס-סטאַדיע צום שרייבן, אַזוי צו זאָגן דאָס שאַפן אין גע-דאַנק, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געענדיקט, נאָר נאָך נישט אָנגעשריבן. יעדנפאַלס באַווייזן באַשטימטע דאַטן, אַז אין 1885 יאָר האָט טאָלסטאָי אָנגעהויבן ענדיקן די דערציילונג. לויט ער שרייבט צום פירשט ל. ד. אורוסאָוו אין דעם בריוו פון 22 אויגוסט פון דעם זעלביקן יאָר, און מען קאָן אפילו משער זיין, אַז טאַקע אין דעמ-דאָזיקן טאָג; מחמת אין דעם בריוו צו אורוסאָוון זאָגט ער: „ה י י נ ט

אָנגעהויבן ענדיקן און פאַרזעצן דעם „טויט". דאָסדאָזיקע שרייבן
איז געווען פאַרבונדן, לויט ל. נ. שרייבט אורוסאָוון, מיט דעם פאַר-
לאַנג צו מאַכן עפּעס אַ „סורפּריז" ס. אַ. טאָלסטאַיאַן צו דעם 22
אויגוסט — דעם טאָג פון איר געבורט, ווען אַלע שטוביקע האָבן
פאַר איר געגרייט מתּנות; דערמאָנט זיך, אַז זי האָט אים געבעטן
ענדיקן „איוואַן איליטשן" צו „איר נייער אויפלאַגע" (ד. ה. צו דער
אויפלאַגע פון זיינע „ווערק", וואָס סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַ האָט
אָנגעהויבן), האָט ער גענומען שרייבן די דערציילונג. וואָס באַ-
טייט אָנגעהויבן ענדיקן, און צי איז דער אָנהייב פון דער דער-
ציילונג אָנגעשריבן פריער, אָדער טאָלסטאָי איז דעם 22-סטן אוי-
גוסט צוגעטרעטן צום פאַרשרייבן דאָס, וואָס איז פריער גאָר גע-
ווען באַטראַכט, — איז שווער צו זאָגן. אָבער אייניקע דאַטן דער-
לויבן צו טראַכטן, אַז אפשר איז ריכטיקער די צווייטע השערה.
די מעשה איז, וואָס אין דעם בריוו צו אורוסאָוון פונם 22-סטן אוי-
גוסט זאָגט טאָלסטאָי, דערמאָנענדיק דעם פּלאַן פון דער דערציי-
לונג, וועגן וועלכן ער האָט אים פריער אַמאָל געהאַט דער-
ציילט, אַז ער וויל אין דער דערציילונג געבן „די באַשרייבונג
וועגן דעם פּשוטן טויט פון אַ פּשוטן מענטש, באַשרייבנדיק
אויס אים", דאָס הייסט פון דער פּערזאָן פון איוואַן איליטשן
גופא. די באַשרייבונג אין דער ערשטער פּערזאָן, אַלס פאַרצייכנונגען פון
איוואַן איליטשן, איז פאַרבליבן אין אַ טייל פונם טעקסט אין איינעם
פון די מאַנוסקריפּטן פון „דעם טויט פון איוואַן איליטשן". בנוגע צו
אַנדערע מאַנוסקריפּטן שטעלט מיט זיך דערדאָזיקער מאַנוסקריפּט פאָר
די גאָר ערשטע רעדאַקציע, דעריבער קאָן מען טראַכטן, אַז די
אַרבעט, וועגן וועלכער ער רעדט אין דעם בריוו צו אורוסאָוון, איז
טאַקע דאָס, וואָס מיר זעען אין דעם געגעבענעם מאַנוסקריפּט, און
אַזוי אַרום, אַז דווקא דעמאָלט, אין אויגוסט 1885 יאָר האָט זיך אָנ-
געהויבן דאָס שרייבן. נישט געקוקט אויף דעם פאַרלאַנג פון לעוו
ניקאָלאַיעוויטשן גיכער פאַרטיק צו מאַכן די דערציילונג, כּדי צו פאַר-
שאַפן אַ פאַרגעניגן סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַן, און דערויף וואָס ער איז
אָפטמאָל געווען „פאַרשלונגען" דורך דער אַרבעט, האָט זיך דאָס
שרייבן אַ לאַנגע צייט פאַרהאַלטן צוליב אַנדערע אַרבעטן, אגב צוליב
דער באַאַרבעטונג פון דעם אַרטיקל „טאָ וואָס-זשע זאָלן מיר טון",
אויך פאַר סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַס אויפלאַגע, און די אַרבעט איז פאַר-

ענדיקט געוואָרן ערשט דעם 25־סטן מערץ 1886 יאָר: מיט דער־דאָזיקער דאַטע איז „דער טויט פון איוואַן איליטש" טאַקע דערשינען אין דעם 12־טן באַנד פון ס. א. טאָלסטאָיס אויפלאַגע „ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי", וואָס איז אַרויס אין 1886 יאָר.

---

# דער טייוול

„און איך זאָג אייך, אַז יעדער, װער עס קוקט אויף אַ פרוי מיט גלוסטונג, האָט שוין מיט איר מזנה געװען אין זיין האַרץ.

„אויב אָבער דאָס רעכטע אויג דיינס רעדט דיך איבער, רייס עס אַרויס און װאַרף אַװעק פון זיך, דען עס איז בעסער פאַר דיר, אַז עס זאָל פאַרלוירן גיין איינס פון די אברים דיינע, אַבי נישט דער גאַנצער קערפער דיינער זאָל געשליידערט װערן אין גיהנום.

„און אויב די רעכטע האַנט דיינע רעדט דיך איבער, האַק זי אָפּ און װאַרף אַװעק פון זיך, דען עס איז בעסער פאַר דיר, אַז עס זאָל פאַרלוירן גיין איינס פון די אברים דיינע, אַבי נישט דער גאַנצער קערפער דיינער זאָל געשליידערט װערן אין גיהנום.

(מתתיה V 28, 29, 30.)

## I.

יעװגעני אירטעניעװן האָט דערװאַרט אַ גלענצנדע קאַריערע. ער האָט געהאַט אַלץ, װאָס דערצו איז נייטיק. אַ פיינע דערציונג פונדערהיים, גלענצנד געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט פון דעם פעטערבורגער אוניװערזיטעט, גוטע פריינט נאָך דעם קורץ פאַר דעם געשטאָרבענעם פאָטער, צװישן דער סאַמע הויכער געזעלשאַפט און אפילו אין אָנהייב פון דינסט אין מיניסטעריום אונטער דער שוץ פונם מיניסטער. געהאַט אויך אַ פאַרמעגן; אפילו אַ גרויס פאַרמעגן, נאָר אַ צװייפלהאַפטס. — דער פאָטער האָט געלעבט אין אויסלאַנד און אין פעטערבורג, געבנדיק צו 6 טויזנט די זין — יעװגענין און דעם עלטערן אַנדרעיען, װעלכער האָט געדינט אין דער קאַװאַלערגאַרד, און אַליין האָט ער מיט דער מוטער פאַרלעבט זייער פיל געלט. בלויז זומער פלעגט ער אויף צװיי חדשים קומען צו פאָרן אין דעם גוט, אָבער ער האָט זיך

נישט פאַרנומען מיט דער ווירטשאַפט, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף דעם אויסגעפּרעסענעם עקאָנאָם, וועלכער האָט זיך אויך מיט דעם גוט נישט פאַרנומען, נאָר צו וועלכן ער האָט געהאַט פולן צוטרוי.

נאָך דעם פאָטערס טויט, ווען די ברידער האָבן זיך גענומען טיילן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חובות זענען געווען אַזוי פיל, אַז דער באַפולמעכטיקטער אַדוואָקאַט האָט אפילו געראָטן אָפּצוזאָגן זיך פון דער ירושה, לאָזנדיק פאַר זיך דער באָבעס גוט, וואָס מען האָט געשאַצט אין 100 טויזנט. אָבער דער שכן פון דעם גוט, אַ גוטבאַזיצער, וועלכער האָט געהאַט עסקים מיט דעם אַלטן אירטיעניעוו, ד. ה. ער האָט געהאַט אַ וועקסל אויף אים און איז צוליב דעם געקומען קיין פעטערבורג, האָט געזאָגט, אַז נישט געקוקט אויף די חובות, קאָן מען דאָך די געשעפטן פאַרריכטן און דערהאַלטן אַ גרעסער פאַרמעגן. מען האָט נאָר געדאַרפט פאַרקויפן דעם וואַלד, איינציקע שטיקלעך פוסטן באָדן, און איבערלאָזן דעם הויפט גאָלדגרוב — סעמיאָנאָווסקאָיע מיט 4 טויזנט דיעסיאַטין שוואַרצערד, מיט אַ צוקער-פאַבריק און מיט 200 דעסיאַטין לאָנקע, וואָס דער טייך פאַרגיסט אין פרילינג, — אויב מען זאָל זיך דער זאַך אָפּגעבן און, באַזעצנדיק זיך אין דאָרף, קלוג און מיט אַ רעכנונג באַלעבאַטעווען.

איז יעווגעני אין פרילינג (דער פאָטער איז געשטאָרבן אין דער פאַסט-צייט) אַריבערגעפאָרן אין דעם גוט, האָט אַלץ באַקוקט און באַשלאָסן אָפּזאָגן זיך פון דער דינסט, באַזעצן זיך מיט דער מוטער אין דאָרף און אָנהייבן באַלעבאַטעווען מיט דעם ציל צו דערהאַלטן די הויפּטטייל פון דעם גוט. מיט דעם ברודער, מיט וועלכן ער האָט געלעבט נישט אין באַזונדערער פריינטשאַפט, האָט ער זיך איינגעאָרדנט אַזוי: ער האָט זיך מתחייב געווען אויסצוצאָלן אים יערלעך 4000, אָדער געבן 80 טויזנט איינמאָל, און דערפאַר זאָגט זיך דער ברודער אָפּ פון זיין חלק ירושה.

אַזוי האָט ער טאַקע געטון, און באַזעצט זיך מיט דער מוטער אין דעם גרויסן הויז, האָט ער זיך הייס, און צוזאַמען דערמיט פאַרזיכטיק, גענומען פאַר דער ווירטשאַפט.

בדרך כלל מיינט מען, אַז די סאַמע געוויינלעכע קאָנסערוואַטאָרן זענען דאָס די אַלטע לייט, און נאָוואַטאָרן זענען די יונגע מענטשן. דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. די סאַמע געוויינלעכע קאָנסערוואַטאָרן זענען

עס די יונגע מענטשן, די יונגע מענטשן, וועלכע עס וויל זיך לעבן, נאָר וועלכע עס טראַכטן נישט און האָבן נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי דאַרף מען לעבן, און זיי נעמען זיך דריבער פאַר אַ מוס-טער דאָס לעבן, וואָס איז געווען פריער.

אַזוי איז אויך געווען מיט יעווגעניך. באַזעצט זיך איצט אין דאָרף, איז זיין טרוים און אידעאַל באַשטאַנען אין דעם, אַז עס זאָל אויפשטיין תחית-המתים יענע פאָרם פון לעבן, וועלכע איז געווען נישט פאַרן פאָ-טער — דער פאָטער איז געווען אַ שלעכטער ווירט, — נאָר פאַרן זיידן. און איצט האָט ער זיך סיי אין שטוב, סיי אין גאָרטן, סיי אין דער ווירטשאַפט, — פאַרשטייט זיך מיט שינויים, וועלכע זענען אייגנשאַפטלעך פאַר דער צייט — געמיט ווידער אויפצולעבן דעם אַלגעמיינעם גייסט פון דעם זיידנס לעבן -- אַלץ פון דער ברייטער האַנט, אַלע אַרום זאָלן זיין צופרידן, און עס זאָל זיין אָרדנונג און גוט אוועקגעשטעלט; און כדי איינצואָרדנען ס'דאָזיקע לעבן, איז געווען זייער פיל אַרבעט: מען האָט געדאַרפט באַפרידיקן אויך די פאָדערונגען פון די קרעדיטאָרן און פון די בענק, און צוליב דעם פאַרקויפן ערד און אָפּלייגן די צאָלונגען, מען האָט אויך געדאַרפט קריגן געלט, כדי ווייטער צו פירן, ווו דורך געדונגענע, ווו דורך אייגענע פאַראַבקעס די קאָלאָסאַלע ווירטשאַפט אין סעמיאָנאָווּ-סקאָיע מיט די 4000 דיעסאַטין אַקערלאַנד און מיט דער צוקער-פאַבריק; מען האָט אויך געדאַרפט אין שטוב און אין סאַד מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל נישט זיין ענלעך צו פאַרלאָזנקייט און געפאַלנקייט.

אַרבעט איז געווען אַ סך, אָבער אויך כוחות האָט יעווגעני געהאַט אַ סך — כוחות סיי פיזישע, סיי גייסטיקע. ער איז אַלט געווען 26 יאָר, געווען פון מיטעלן וווקס, פעסט געבויט מיט אַנטוויקלטע דורך גימנאַסטיק מוסקולן, אַ סאַנגוויניקער מיט אַ העלער רויטקייט איבער דער גאַנצער באַק, מיט העלע ציין און ליפּן און מיט נישט קיין געדיכטע, ווייכע און זיך קרייזלענדיקע האָר. דער איינציקער פיזישער חסרון זיינער איז געווען די קורצזיכטיקייט, וועלכע ער האָט אין זיך אַליין אַנטוויקלט דורך די ברילן, און איצט האָט ער שוין נישט געקאָנט גיין אָן די פענסנע, וועל-כע האָבן דורכגעגראָבן שטריכעלעך איינגעדרייט פון דעם הערבעלע אויף זיין נאָז. אַזאַ איז ער געווען פיזיש, און זיין גייסטיק פרצוף איז געווען אַזאַ, אַז וואָס מער עמעצער האָט אים געקענט, אַלץ מער האָט מען אים ליב געהאַט. די מוטער האָט אים אַלע מאָל ליב געהאַט מער פאַר אַלע-

מען, און איצט, נאָך דעם מאַנס טויט, האָט זי אויף אים קאָנצענטרירט נישט נאָר די גאַנצע צערטלעכקייט אירע, נאָר אפילו דאָס גאַנצע לעבן אירס. אָבער נישט נאָר די מוטער אַליין האָט אים אַזוי ליב געהאַט, די חברים זיינע פון דער גימנאַזיע און פון דעם אוניווערזיטעט האָבן באַזונדערס אַלע מאָל נישט נאָר ליב געהאַט, נאָר געאַכט אים. אויף אַלע זייטיקע מענטשן האָט ער אויך אַלע מאָל אַזוי געווירקט. מען האָט נישט געקאָנט נישט גלייבן דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, מען האָט נישט געקאָנט חושד זיין קיין רמאות, פאַלשקייט, בא אַזא אָפן, ערלעך פנים, און דער עיקר, אויגן.

בכלל, די גאַנצע פערזענלעכקייט זיינע האָט אים פיל געהאָלפן אין זיינע געשעפטן. דער קרעדיטאָר, וועלכער וואָלט אַן אַנדערן אָפּגעזאָגט, האָט אים געגלייבט. דער אָנגעשטעלטער, דער עלטסטער, דער פויער, וואָס וואָלט געטון אַ נגישות, וואָס וואָלט אַן אַנדערן אָפּגענאַרט, האָט פאַרגעסן אָפּצונאַרן אונטער דעם אָנגענעמען איינדרוק פון דעם פאַרקער מיט דעם גוטן, פשוטן, און, דער עיקר, מיט דעם אויפריכטיקן מענטש.

ס'איז געווען סוף חודש מאַי. יעווגעני האָט ווי נישט איז איינגעאָרדנט אין שטאָט דעם עסק מכוח באַפרייען די אומבאַאַרבעטע ערד פון דער פאַרמשכונטקייט, כדי צו פאַרקויפן זי אַ סוחר, און ער האָט בא דעם זעלביקן סוחר טאַקע געליגן געלט, כדי צו באַנייען דעם אינווענטאַר, דאָס הייסט די פערד, די אָקסן, די פורן. און דער עיקר כדי אָנצוהייבן בויען דעם נייטיקן כוטער. די זאַך איז אַוועק. מען האָט געפירט געהילץ, טשעסליאַרעס האָבן שוין געאַרבעט, און מיסט האָט מען געפירט אויף אַכציק פורן, אָבער אַלץ איז נאָך עד היום געהאָנגען אויף אַ פעדעמל.

## II.

אינמיטן פון דידאַזיקע זאַרגן איז געשעען אַ זאַך, הגם טאַקע נישט קיין וויכטיקע, אָבער אַזאַ, וואָס האָט דעמאָלט יעוועגענין אַ ביסל געמאַטערט. ער האָט געלעבט זיין יוגנט, ווי עס לעבן אַלע יונגע, געזונטע, נישט חתונה-געהאַטע מענטשן, ד. ה. ער האָט געהאַט עסקים מיט פאַרשידענע מינים פרויען. ער איז געווען נישט קיין אויסגעלאַסענער, אָבער ער איז אויך נישט געווען, ווי ער פלעגט זיך זאָגן, קיין מאָנאַך. ער האָט זיך דערמיט פאַרנומען נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז נייטיק געווען פאַר דעם פיזישן געזונט און פאַר דער גייסטיקער פרייהייט, ווי ער פלעגט זאָגן. אָנגעהויבן האָט עס זיך פון 16 יאָר אָן. און ביז איצט איז אַלץ אַריבער בשלום. בשלום אין דעם זינען, וואָס ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן צו אויסגעלאַסנקייט, איז קיינמאָל נישט אַריבער די גרענעצן און איז קיינמאָל נישט קראַנק געווען. ער האָט אין פּעטערבורג געהאַט לכתחילה אַ נייטאָרין, נאָכדעם איז זי קאַליע געוואָרן, האָט ער זיך איינגעאָרדנט אַנדערש. און די צייט איז געווען אַזוי פאַרזיכערט, אַז זי האָט אים נישט געבראַכט אין פאַרלעגנהייט.

אָבער אָט האָט ער אין דאָרף געלעבט שוין דעם 2-טן חודש, און האָט לחלוטין נישט געוווסט, וואָס זאָל ער טון. די נישט-ווילנדיקע איינבעהאַלטנקייט האָט גענומען ווירקן אויף אים שלעכט. אַפּנים פאָרן צוליב דעם אין שטאָט אַריין? און וואוהין? ווי אַזוי? נאָר דאָס האָט באַאומרויקט יעוועגעני אירטיעניעווין, און היות ווי ער איז געווען זיכער, אַז ער קאָן אָן דעם נישט אויסקומען, אַז דאָס איז אים נייטיק, איז עס אים באמת געוואָרן נייטיק, און ער האָט געפילט, אַז ער איז נישט פריי, און אַז קעגן זיין ווילן באַגלייט ער יעדע יונגע פרוי מיט די אויגן.

ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נישט גוט בא זיך אין דעם אייגענעם דאָרף צונויפגיין זיך מיט אַ פרוי אָדער מיט אַ פויערישער מויד. ער האָט געוווסט לויט די דערציילונגען, אַז סיי זיין פאָטער, זיין ווידע האָבן זיך אין דער הינזיכט אויסגעטיילט פון אַנדערע פריצים פון יענער צייט, און אינדערהיים בא זיך האָבן זיי נישט פאַרפירט קיין עסקים מיט

די לייבקנעכט, און ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס וועט ער נישט טון; אָבער נאָכדעם, פילנדיק זיך אַלץ מער און מער געבונדן און מיט אימה פאַרשטעלנדיק זיך דאָס, וואָס עס קאָן מיט אים טרעפן אין שטעטל, און מישב זייענדיק זיך, אַז איצט איז נישט קיין פאַנשטשינע, האָט ער באַשלאָסן, אַז מען קאָן דאָ אויך. נאָר מ'דאַרף עס מאַכן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, און נישט צוליב אויסגעלאַסנקייט, נאָר מער נישט ווי פאַרן געזונט, אַזוי האָט ער זיך געזאָגט. און אַז ער האָט דאָס באַשלאָסן, איז אים געוואָרן נאָך אומרויקער; רעדנדיק מיטן אויפזעער, מיט די פויערים, מיט דעם סטאָליער, האָט ער נישט ווילנדיק אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף פרויען, און, אויב מען האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן פרויען, האָט ער דערויף דעם שמועס פאַרהאַלטן. און אויף פרויען האָט ער זיך אַלץ מער און מער פאַרקוקט.

## III

נאָר באַשליסן די זאַך אַליין בּאַ זיך איז געווען איינס, אָבער פאַרווירקלעכן עס איז געווען עפּעס אַנדערש. אַליין צוגיין צו אַ פרוי איז נישט מעגלעך. צו וועלכער? וווּ? מען דאַרף דורך עמעצן; אָבער צו וועמען ווענדן זיך?

איינמאָל איז אים אויסגעקומען אַרייַנצוגיין אַ טרונק טון וואַסער אין וואַלד-שומרס שטיבל. דער שומר איז געווען זיין פאָטערס אַן אַמאָליקער יעגער. יעווגעני אירטיעניעוו האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט און דער שומר האָט גענומען דערציילן אַלטע געשיכטעס וועגן די הוליאַנקעס אויף געיעג. און יעווגעני אירטיעניעוו איז געקומען אויפן זינען, אַז עס וואָלט גוט געווען דאָ אין הייזל, אָדער אין וואַלד איינאָרדענען דאָס. ער האָט נאָר נישט געוווּסט, ווי אַזוי, און צי וועט זיך עס אָננעמען איינצואָרדענען דער אַלטער דאַנילע. „אפשר וועט ער אויסער זיך ווערן פון אַזאַ פאָרשלאַג. פאַר מיר וועט עס נאָר זיין אַ חרפּה, און אפשר וועט ער זייער פּשוט מסכּים זיין". אַזוי האָט ער געטראַכט, הערנדיק דאַנילעס מעשׂיות. דאַנילע האָט דערציילט, ווי זיי זענען איינגעשטאַנען בּעת דער יאַגד בּאַם דיאַקס ווייב, און ער האָט צו פּריאַניטשניקאָוון געבּראַכט אַ נקבה.

„מ'מעג", האָט יעווגעני אַ טראַכט געטון.

— אייער פאָטער, אַ ליכטיקער גן עדן אים, האָט זיך מיט דידאַזי־קע נאַרישקייטן נישט פאַרנומען.

„מ'טאָר נישט", האָט יעווגעני אַ טראַכט געטון, נאָר כדי אויסצו־פאָרשן, האָט ער געזאָגט:

— ווי־זשע האָסטו זיך עס פאַרנומען מיט אַזעלכע נישט קיין פיינע עסקים?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטס? אי די איז געווען צופרידן, אי מיין פעדאָר זאַכאַריטש זייער און זייער צופרידן. מיר — אַ רובל. וואָס־זשע דען זאָל ער נעבעך טון, אויך אַ לעבעדיקער ביין. טרינקט בראָנפן, נישקשה.

„יאָ, מ'מעג זאָגן", האָט יעווגעני אַ טראַכט געטון און איז גלייך צוגעטרעטן.

— ווייסטו, — ער האָט גלייך דערפילט, ווי ער איז פלאַמיק רויט געוואָרן, — ווייסטו, דאַנילאַ, איך האָב מיך אויסגעמאַטערט.

דאַנילאַ האָט אַ שמייכל געטון.

— איך בין דאָך פאָרט נישט קיין מאָנאַך — צוגעוווינט.

ער האָט געפילט, אַז ס'איז נאַריש אַלץ, וואָס ער זאָגט, אָבער ער האָט זיך געפרייט, מחמת דאַנילע האָט עס געהאַלטן פאַר גוט.

— מילא, איז וואָס, איר וואָלט עס שוין לאַנג געזאָגט, מ'קאָן, — האָט ער געזאָגט. — זאָגט מיר נאָר, וועלכע.

— אָך, באמת, מיר איז אַלץ איינס, נו, פאַרשטייט זיך, זי זאָל נישט זיין קיין העסלעכע, און אַ געזונטע.

— כ'פאַרשטיי! — האָט דאַנילע אָפּגעריסן. ער האָט אַ ביסל אַ טראַכט געטון. — אָך, פאַראַן אַ פיינע סחורה, — האָט ער אָנגעהויבן. ווידער איז יעווגעני רויט געוואָרן. — אַ פיינע סחורה, פאַרשטייט איר, מען האָט זי חתונה געמאַכט אין האַרבסט — דאַנילע האָט גענומען שעפּטשען און ער קאָן גאָרנישט מאַכן. פאַר אַ בעלן איז עס דאָך אַ מציאה...

יעווגעני האָט זיך אַזש אַ קרום געטון פון בושה.

— ניין, ניין, — האָט ער אָנגעהויבן רעדן. — איך דאַרף גאָרנישט דאָס. איך, פאַרקערט, (וואָס האָט געקאָנט זיין פאַרקערט?) איך, פאַרקערט, דאַרף נאָר אַ געזונטע, און וואָס ווייניקער קלאָפּאָט — אַ זעלנערקע, אָדער עפּעס אַזאַ...

— כ׳ווייס. דאַרף מען, הייסט עס, ברענגען אייך סטעפּאַנידען. דער מאַן איז אין שטאָט, דיזעלביקע זאַך, וואָס אַ זעלנערקע. און אַ ווייבעלע אַ שיינס, אַ ריינס. איר וועט זיין צופרידן. איך האָב איר שוין אַזוי אויך אָנגעמלט געזאָגט — קום, און זי...

— נו, איז ווען-זשע?

— כאָטש מאָרגן. איך וועל באַלד גיין נאָך טאַבאַק, וועל איך אַריין, און מיטאָג-צייט קומט אַהער, אָדער הינטערן גערטל צו דעם באָד. קיינער נישטאָ. אגב שלאָפט דער גאַנצער עולם מיטאָג-צייט.

— נו, רעכט.

אַ שרעקלעכע צערודערטקייט האָט אָנגעכאַפּט יעווגענין, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. „וואָס אַזוינס וועט עס זיין? וואָס איז אַזוינס אַ פּויערטע? ווי, אויב ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז עפּעס העסלעכס, שרעקלעכס? ניין, זיי זענען שיינע, — האָט ער זיך געזאָגט, דערמאַנענדיק זיך אָן יענע, אויף וועלכע ער האָט זיך פאַרקוקט. — אָבער וואָס וועל איך זאָגן, וואָס וועל איך טון?"

דעם גאַנצן טאָג איז ער געווען אויסער זיך; און אויפן צווייטן טאָג איז ער 12 דעם זייגער אַוועק צום שומרס שטיבל. דאַנילע איז געשטאַנען אין טיר און שווייגנדיק מיט באַדייטונג אַ ווונק געטון מיטן קאָפּ צום וואַלד צו. דאָס בלוט האָט אַ שמראָם געטון צו יעווגעניס האַרץ. ער האָט דאָס האַרץ דערפילט און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום גאָרטן. קיינער נישטאָ. צוגעגאַנגען צו דעם באָד, קיינער נישטאָ. אַריין אינעווייניק, אַרויס און פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ קנאַק פון אַ צעבראָכן צווייגל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, זי איז געשטאַנען אין דער געדיכטעניש הינטערן טאָלעכל. ער האָט זיך אַ לאָז געטון אַהין דורכן טאָלעכל. אין דעם טייל איז געוואַקסן קראָפּעווע, וועלכע ער האָט נישט באַמערקט. ער האָט זיך אָפּגעבריט, און פאַרלירנדיק פון דער נאָז די פּענסנע, איז ער אַרויפגעלאָפן אויף דעם קעגנאיבערדיקן בערגל. אין אַ ווייס אויסגענייט פאַרטוך, אַ רויט-ברוין קלייד, אין אַ רויט העל טיכל און מיט באָרוועסע פיס, אַ פרישע, אַ שיינע, איז זי געשטאַנען און נישט זיכער געשמייכלט.

— דאָ איז אַרום פאַראַן אַ שטעגעלע, געדאַרפט גיין אַרום, — האָט זי געזאָגט. — און מיר זענען שוין דאָ לאַנג פון ווען אָן.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זיך, אַרומקוקנדיק זיך, צוגערירט צו איר.

אין אַ פערטל שעה אַרום זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ער

האָט געפונען די פענסנע און איז אַריין צו דאַנילען און אַלס ענטפער אויף זיין פראַגע: ווי זייט איר צופרידן, פריץ? — האָט ער אים דערלאַנגט אַ רובל און איז אַוועק אַהיים.

ער איז געווען צופרידן. די בושה איז נאָר געווען פון אָנהייב, אָבער נאָכדעם איז זי אַריבער. און אַלץ איז געווען גוט. דערהויפּט גוט, וואָס אים איז איצט לייכט, רויק, לעבעדיק. זי האָט ער אפילו נישט גוט אָנגעקוקט. ער האָט געדענקט, אַז אַ ריינע, אַפרישע, נישט קיין מיאוסע, און אַ פשוטע, אָן העזוית. ווערמענס אָקאָרשט איז זי? האָט ער געטראַכט, פעטשניקאָוס האָט ער געזאָגט? וועלכן פעטשניקאָוס. עס זענען דאָך פאַראַן צוויי פעטשניקאָווס. מסתמא מיכײַלעס, דעם אַלטנס, אַ שנור. יאָ, זיכער זיינע. זייבס אַ זון וווינט דאָך אין מאָסקווע. כ׳וועל אַמאָל פרעגן בא דאַנילען.

פון דער צייט אָן איז באַזייטיקט געוואָרן דידאָזיקע פריער וויכטיקע אומאָנגענעמלעכקייט פון דעם דאָרפישן לעבן — די נישט ווילנדיקע נזירות. די פרייהייט פון יעווגעניס געדאַנק איז שוין נישט געשטערט געוואָרן, און ער האָט געקאָנט פריי פאַרנעמען זיך מיט זיינע עסקים.

און די עסקים, וועלכע יעווגעני האָט אויף זיך גענומען, זענען געווען זייער נישט קיין לייכטע; אַמאָל פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן, און ס׳וועט זיך ענדיקן דערמיט, וואָס מען וועט פאַרט מוזן פאַרקויפן דאָס גוט, די גאַנצע פראַצע זיינע וועט פאַרלוירן גיין און, דער עיקר, עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, נישט געקאָנט דערפירן ביזן סוף דאָס, פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען. דאָס האָט אים מער פאַר אַלץ באַאומרויקט. ער פלעגט נאָך נישט באַווייזן ווי עס איז צו פאַרשטאָפּן איין לאָך, פלעגט זיך שוין עפנען אַ נייעס, אַן אומדערוואַרטעטס.

פאַר דער גאַנצער צייט האָבן זיך כסדר אַרויסגעוויזן אַלץ נייע און נייע פריער אומבאַוואוסטע חובות דעם פאָטערס. אַפנים, אַז דער פאָטער האָט די לעצטע צייט גענומען, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט. בשעת מען האָט זיך געטיילט מיט דער ירושה אין מאַי, האָט יעווגעני געמיינט, אַז ער ווייסט ענדלעך אַלץ. אָבער פלוצלינג אינמיטן זומער האָט ער באַקומען אַ בריוו, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען נאָך אַ חוב דער אלמנה יעסיפּאָווא אויף 12 טויזנט. קיין וועקסל איז נישט געווען, ס׳איז געווען אַ פשוט צעטל, וואָס מען האָט קעגן דעם געקאָנט,

לויט די רייד פון דעם אדוואָקאַט, צרויסשטעלן טענות. אָבער יעווגעני האָט אפילו אויפן זינען נישט געקאָנט קומען אָפּצוזאָגן זיך פון צאָלן דעם פּאַטערס אַ ווירקלעכן חוב נאָר דערפאַר, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָפּלייקע־נען דעם דאָקומענט. ער האָט נאָר געדאַרפט אויף זיכער דערוויסן זיך, צי איז דאָס ווירקלעך געווען אַ חוב.

— מאַמע! וואָס איז אַזוינס יעסיפּאָווא קאַלעריאַ וולאַדימיראָווגאַ? — האָט ער געפרעגט בײַ דער מוטער, ווען זיי זענען זיך ווי געווייגלעך צונויפגעקומען צו מיטאָג.

— יעסיפּאָווא? דאָס איז דעם זיידנס אַ האַדעוואַנקע. וואָס איז?

יעווגעני האָט דער מוטער דערציילט וועגן דעם בריוו.

— איך וווּנדער מיך, ווי שעמט זי זיך נישט. דײַן פּאַפּאַ האָט איר אַזוי פיל געלט איבערגעגעבן.

— אָבער מיר זענען איר שולדיק?

— דאָס הייסט, ווי זאָל איך דיר זאָגן? קיין חוב איז נישטאָ, דער פּאַפּאַ האָט עס צוליב זײַן אומבאַגרענעצטער גוטסקייט.

— יאָ, אָבער דער פּאַפּאַ האָט עס געהאַלטן פאַר אַ חוב?

— איך קאָן דיר נישט זאָגן. איך ווייס נישט. איך ווייס, אַז דיר איז אַזוי אויך שווער.

יעווגעני האָט געזען, אַז מאַריאַ פּאַוולאָווגאַ האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי צו זאָגן, און האָט גלייך ווי אויסגעפּילצט בײַ אים.

— איך זע פון דערפון, אַז מען דאַרף צאָלן, — האָט דער זון געזאָגט. — מאָרגן וועל איך צו איר אַריבערפאָרן און דורכרעדן זיך, צי קאָן מען אפשר פּראָלאָנגירן.

— אַך, ווי מיר איז אויף דיר אַ רחמנות. אָבער, ווייסטו, ס׳איז בעסער. דו זאָג איר, אַז זי דאַרף וואַרטן, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָווגאַ געזאָגט, אָפּנים אַ באַרויקטע און אַ שטאָלצע מיט דעם באַשלוס פון דעם זון.

יעווגעניס לאַגע איז געווען באַזונדער שווער צוליב דעם נאָך, וואָס די מוטער, וועלכע האָט געוווינט מיט אים, האָט אינגאַנצן זײַן לאַגע נישט פאַרשטאַנען. זי איז דאָס גאַנצע לעבן געוווינט געווען צו פירן זיך אַזוי ברייט, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן אפילו די לאַגע, אין וועלכער דער זון האָט זיך געפונען. ד. ה. דאָס, אַז היינט אָדער מאָרגן קאָנען די געשעפטן אַזוי אַוועקגיין, אַז בײַ זיי וועט גאָרנישט

בלייבן, און דער זון וועט מוזן אַלץ פאַרקויפן און לעבן און אויפהאַלטן די מוטער נאָר מיט דעם געהאַלט פאַר אַ שטעלע, וועלכע וואָלט אים אין זיין לאַגע געקאָנט געבן העכסטנס 2000 רובל. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז ראַטעווען זיך פון דערדאָזיקער לאַגע קאָן מען נאָר דערמיט, וואָס מען וועט שניידן די הוצאה אין אַלץ, און דעריבער האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז יעווגעני געווען אַזוי איינגעהאַלטן אין קלייניקייטן, אין הוצאות אויף גערטנערער, אויף קוטשערס, אויף שטיביקע דינערשאַפט און אפילו אויף עסן. חוץ דעם האָט זי, ווי דאָס רוב אלמנות, צו דעם זכר פון דעם געשטאָרבענעם געשפּירט געפילן פון פאַרגעטערונג, ווייט נישט ענלעכע צו יענע, וואָס זי האָט געהאַט צו אים, בשעת ער האָט געלעבט. און זי האָט נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז דאָס, וואָס עס האָט געטון אָדער איינגעפירט דער געשטאָרבענער, זאָל קאָנען זיין שלעכט אָדער געענדערט.

יעווגעני האָט מיט גרויסער אָנשטרענגונג אונטערגעהאַלטן אי דעם סאַד, אי די אָראַנזשעריע מיט צוויי גערטנער, אי די פערדשטאַל מיט צוויי קוטשערס. אָבער מאַריאַ פאַוולאָוונאַ האָט באַיוו געמיינט, אַז, נישט באַקלאָגנדיק זיך אויפן עסן, וואָס עס האָט געגרייט דער אַלטער קוכער, און דערויף וואָס די סטעזשקעס אין פאַרק זענען נישט גערייניקט, און וואָס אָנשטאָט לאָקייען איז געווען איין ייִנגל, טוט זי אַלץ, וואָס אַ מוטער קאָן טון, ברענגענדיק זיך פאַר אַ קרבן פאַר איר זון. — אַזוי אויך אין דעם נייעם חוב, אין וועלכן יעווגעני האָט איינגעזעען שיער נישט דעם לעצטן קלאַפּ פאַר אַלע זיינע אונטערנעמונגען, האָט מאַריאַ פאַוולאָוונאַ געזעען מער נישט ווי אַ צופאַל, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן יעווגעניס איידלקייט. מאַריאַ פאַוולאָוונאַ האָט אויך זיך נישט זייער באַאומרויקט פאַר יעווגעניס מאַטעריעלער לאַגע דערפאַר נאָך, וואָס זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט טון אַ גלענצנדן שידוך, וועלכער וועט אַלץ פאַרריכטן. און אַ שידוך האָט ער געקאָנט טון דעם בעסטן. זי האָט געקענט אַ צענדליק משפחות, וועלכע וואָלטן זיך גליקלעך געשעצט אויסצוגעבן פאַר אים זייער טאָכטער. און זי האָט עס געוואָלט איינאָרדנען וואָס גיכער.

## IV.

יעווגעני האָט אַליין געטרוימט וועגן חתונה, נאָר נישט אַזוי ווי די מוטער: דער געדאַנק צו מאַכן פון דער חתונה אַ מיטל צו פאַרריכטן זיינע עסקים, איז אים געוואָרן עקלהאַפט. חתונה האָבן האָט ער געוואָלט ערלעך, אויס ליבע. ער האָט זיך טאַקע צוגעקוקט צו די מיידלעך, וועלכע ער האָט באַגעגנט, און האָט געוווסט, צוגעגלייכט זיך צו זיי, אָבער זיין גורל איז נישט אַנטשיידן געוואָרן. דערוויל זענען זיך די באַציונגען זיינע מיט סטעפּאַנידען ווייטער געגאַנגען — וואָס ער האָט בשום אופן נישט דערוואַרט — און זיי האָבן אפילו באַקומען דעם כאַראַקטער פון עפּעס אַזוינס איינגעשטעלטס. יעווגעני איז אַזוי ווייט געווען פון צעלאָזנקייט, אַזוי שווער איז אים געווען צו טון דידאָזיקע געהיימע — ער האָט עס געפילט — שלעכטע זאַך, אַז ער האָט זיך גאָרנישט איינגעאָרדנט, און אפילו נאָך דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער געהאָפט מער אינגאַנצן סטעפּאַנידען נישט צו זען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין אַ ביסל צייט אַרום איז אויף אים ווייטער אָנגעפאַלן די אומרויִקייט, וועלכע ער האָט גערעכנט, אַז זי שטאַמט דערפון. און דאָס מאָל איז שוין די אומרויִקייט געווען נישט קיין אומפּערזענלעכע; נאָר אים האָבן זיך פאַרגעשטעלט בפירוש דיזעלביקע שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן, דיזעלביקע ברוסט-שטימע, וואָס זאָגט „פון ווען אָן", דערזעלביקער ריח פון עפּעס פרישס און שטאַרקס און דיזעלביקע הויכע ברוסט, וועלכע הייבט אויף דאָס פאַרטוך, און דאָס אַלץ אין דעמזעלביקן וואַלד פון ניס- און קלאָנעבוימער, וועלכער איז באַגאָסן מיט העלער ליכטיקייט. ווי מיאוס אים איז עס נישט געווען, האָט ער זיך דאָך ווידער געווענדט צו דאַנילען, און ווידער איז באַשטימט געוואָרן אַ זעונג אין האַלבן טאָג אין וואַלד. דאָס מאָל האָט זי יעווגעני מער געזעען און אַלץ איז אים אין איר געפעלן געוואָרן. ער האָט געפּרווט רעדן מיט איר, האָט געפרעגט וועגן דעם מאַן. דאָס איז ווירקלעך געווען מיכיילעס זון, ער האָט געדינט אַלס קוטשער אין מאָסקווע.

— טאָ ווי-זשע, פאַרוואָס טוסטו...— יעווגעני האָט געוואָלט פרעגן, ווי אַזוי איז זי נישט ערלעך קעגן אים.

— וואָס, ווי־זשע ? — האָט זי געפרעגט. זי איז באַשיַינפּערלעך געווען אַ קלוגע און האָט פאַרשטאַנען אַ זאַך.

— נו, פאַרוואָס קומסטו אָט צו מיר ?

— אַהאַ, — האָט זי פריילעך אַרויסגעזאָגט. — ער אוודאי הוליעט דאָרט. פאַרוואָס־זשע טאָר איך נישט ?

קלאָר, אַז זי האָט זיך אַליין געמאַכט הפקרדיק, מעשה קונדס, דאָס איז אויך יעווגעני געפעלן געוואָרן. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער איר אַליין נישט באַשטימט קיין באַגעגעניש. אפילו ווען זי האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל זיך טרעפן אָן דער פאָרמיטלעריי פון דאַנילען, צו וועלכן זי האָט זיך עפּעס נישט גינציק באַצויגן, האָט יעווגעני נישט מסכים געווען. ער האָט געהאָפט, אַז דידאָזיקע באַגעגעניש איז די לעצטע. זי איז אים געפעלן געווען. ער האָט געטראַכט, אַז אַזאַ מין צונויפקומען זיך איז פאַר אים נייטיק, אַז קיין שום שלעכטס איז אין דעם נישטאָ. אָבער טיף אין דער נשמה בא אים איז געווען אַ שטרענגער ריכטער, וועלכער האָט נישט געזאָגט, אַז דאָס איז גוט, און האָט געהאָפט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל; אויב ער האָט נישט געהאָפט, האָט ער לפּחות נישט געוואָלט אַליין באַטייליקן זיך אין דער זאַך און צוגרייטן זי פאַר זיך אויף אַ צווייט מאָל.

אַזוי איז זיך געגאַנגען דעם גאַנצן זומער, אין משך פון וועלכן זיי האָבן זיך געזעען אַ מאָל צען, און יעדעס מאָל דורך דאַנילען. עס האָט געטראָפן איין מאָל, אַז זי האָט נישט געקאָנט זיין, מחמת עס איז געקומען צו פאָרן איר מאַן, און דאַנילע האָט פאָרגעלייגט אַן אַנדערע. יעווגעני האָט זיך מיט אַ געפיל פון עקל אָפּגעזאָגט. נאָכדעם איז דער מאַן אוועקגעפאָרן, און די זעונגען זענען וויַיטער אוועק ווי פריער, לכתחילה דורך דאַנילען, און נאָכדעם האָט ער שוין פשוט באַשטימט די צייט, און זי פלעגט קומען מיט דער פויערין פּראָכאָווא, מחמת אַליין קאָן אַ פויערטע נישט גיין. איינמאָל, סאַמע אין דער צייט ווען עס איז באַשטימט געווען צו טרעפן זיך, איז צו מאַריאַ פּאַוולאָווען געקומען צו פאָרן די משפחה מיט דעם מיידל, וועלכע זי האָט געשדכנט יעווגענין, און יעווגעני האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסרייסן. ווי נאָר ער האָט געקאָנט אַוועקגיין, איז ער אוועק כלומרשט אין שייער און מיט אַן אַרומיק שטעגל אין וואַלד אויף דעם אָרט פון דער באַגעגעניש. זי איז נישט געווען. אָבער אויף דעם געוויינלעכן אָרט איז, אויף וויפיל די האַנט האָט געקאָנט דערלאַנגען, אַלץ געווען צעבראָכן — די טשערעמכע, די ניס, אפילו

אַ יונג קליאַנבל, ווי אַ פלאָקן די גרעב. דאָס האָט זי געוואַרט, אויפגע־רעגט זיך, און געכעסט און שפּילנדיק האָט זי פאַר אים איבערגעלאָזט אַ זכר. ער איז געשטאַנען, געשטאַנען און איז אוועק צו דאַנילען, בעטן אים אַרויסרופן זי אויף מאָרגן. זי איז געקומען און איז געווען פּונקט אַזאַ, ווי אַלע מאָל.

אַזוי איז אַריבער דער זומער. די זווּנגען פלעגן אַלע מאָל באַ־שטימט ווערן אין וואַלד און איין מאָל נאָר, שוין פאַר האַרבסט, אין דעם שייער־שפּייכלער אויף זייער הינטער־הויף. יעווגעניו איז אפילו אויפן רעיון נישט געקומען, אַז דידאַזיקע באַציונגען זיינע זאָלן פאַר אים האָבן עפּעס אַ באַדייטונג. און וועגן איר האָט ער אפילו נישט געטראַכט. ער האָט איר געגעבן געלט און מער גאָרנישט. ער האָט נישט געוווּסט און נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז דאָס גאַנצע דאָרף האָט שוין געוווּסט וועגן דעם, און מען האָט זי מקנא געווען, אַז אירע שטיפקינדער האָבן באַ איר גענומען דאָס געלט און האָבן איר צוגעגעבן חשק אויף ווייטער, און אַז איר פאָרשטעלונג וועגן דער זינד איז אונטער דער השפּעה פון דעם געלט און פון דעם אָנטייל מצד די שטיפקינדער אינגאַנצן געוואָרן צו גאָרנישט. איר האָט אויסגעוויזן, אַז אויב מענטשן זענען מקנא, איז אַ סימן, אַז דאָס, וואָס זי טוט, איז גוט.

„דאָס דאַרף מען דאָך פשוט פאַרן געזונט", האָט יעווגעני גע־טראַכט. „לאָמיר זאָגן, ס'איז נישט גוט, און הגם קיינער רעדט נישט, ווייסן דאָך אַלע, אָדער אַ סך. די פויערטע, וואָס קומט מיט איר, ווייסט. און אויב זי ווייסט, האָט זי זיכער פאַר אַנדערע דערציילט. וואָס־זשע טוט מען? איך טו שלעכט, — האָט יעווגעני געטראַכט — אָבער וואָס קאָן מען מאַכן, מילא, אָבער נישט אויף לאַנג".

דער עיקר, וואָס האָט געבראַכט יעווגעניו אין פאַרלעגנהייט, דאָס איז געווען דער מאַן. לכתחילה האָט אים עפּעס אויסגעוויזן, אַז איר מאַן איז מסתמא אַ גאָרנישט, און דאָס האָט אים טיילווייז ווי פאַרענטפערט. אָבער ער האָט דערזעען דעם מאַן און איז איבערראַשט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ יונג און אַ פראַנט, בשום אופן נישט ערגער, נאָר זיכער בעסער פאַר אים. באַ דעם ערשטן צוזאַמענטרעפן זיך, האָט ער איר גע־זאָגט, אַז ער האָט געזעען איר מאַן און האָט אים באַוווּנדערט, וואָס פאַר אַ כוואַט ער איז.

— נאָך אַזאַ איינער איז נישטאָ אין דאָרף, האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ.

דאָס האָט יעווגעניִן פאַרווּנדערט. דער געדאַנק וועגן דעם מאַן האָט פון דעמאָלט אָן אים אַלץ מער געפּייניקט. איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו זיין בּאַ דאַנילען, און פונאַנדערגערעדט זיך, האָט אים דאַנילע בפירוש געזאָגט.

— און מיכיילע האָט מיך די טעג געפרעגט: צי ס'איז אמת, אַז דער פריץ לעבט מיט דעם זונס ווייב. איך האָב געזאָגט — איך ווייס נישט. אגב, זאָג איך, איז בעסער מיטן פריץ, איידער מיט אַ פויער.

— איז וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

– גאָרנישט, — ער זאָגט: וואַרט אָקאָרשט, לאָמיך זיך דערוויסן, וועל איך איר שוין געבן.

„מילא, אַז דער מאַן וואָלט זיך אומגעקערט, וואָלט איך אויפהערן", האָט יעווגעני געטראַכט.

אָבער דער מאַן האָט געלעבט אין שטאָט, און די באַציונגען זענען דערווייל געגאַנגען ווי פריער.

„ווען מען וועט דאַרפן, וועל איך איבעררייסן, און ס'וועט גאָרנישט בלייבן", האָט ער געטראַכט.

און אים האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אויכער ספק, מחמת אין משך פון דעם זומער האָבן אים אַ סך פאַרשידענע זאַכן זייער שטאַרק באַשעפטיקט: אי דאָס איינאָרדנען דעם נייעם כוטער, אי דאָס אַראָפּנעמען פון פעלד, אי דאָס בויען זיך, און דער עיקר דאָס צאָלן די חובות און דאָס פאַרקויפן דעם פוסטן באָדן. דאָס זענען אַלץ געווען עסקים, וועלכע האָבן אים אינגאַנצן פאַרשלונגען, וועגן וועלכע ער האָט געטראַכט לייגנדיק זיך און אויפשטייענדיק. דאָס איז אַלץ געווען דאָס עכטע לעבן, די באַציונגען אָבער — ער האָט עס אפילו נישט גערופן פאַרבינדונג — מיט סטעפּאַנידען עפּעס גאָר אומבאַמערקלעכס. אמת איז, אַז ווען עס פלעגט צוטרעטן דער פאַרלאַנג צו זען זי, איז ער צוגעטרעטן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט מער וועגן גאָרנישט נישט געקאָנט טראַכטן. אָבער דאָס פלעגט געדויערן נישט לאַנג, מען פלעגט זיך טרעפן, און ער האָט אָן איר ווידער פאַרגעסן אויף וואָכן־לאַנג, אַמאָל אויף אַ חודש.

אין הארבסט פלעגט יעווגעני אָפט פאָרן אין שטאָט און איז דאָרט נאָענט געוואָרן מיט דער משפחה אַנענסקי. בּאַ די אַנענסקיס איז געווען אַ טאָכטער, וועלכע האָט נאָר וואָס געענדיקט דעם אינסטיטוט. און דאָ האָט, צו דעם גרויסן באַדויערן פון מאַריאַ פּאַוולאָווּנען, געטראָפן זיך דאָס

וואָס יעוועגני האָט זיך, לויט זי האָט געזאָגט, ביליק אָפּגעגעבן, פאַרליבט זיך אין ליזע אַנענסקאַיאַ און פאַרגעלייגט איר חתונה האָבן.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך די באַציונגען מיט סטעפּאַנידען אי־בערגעריסן.

## V.

פאַרוואָס האָט יעוועגני אויסגעקליבן ליזע אַנענסקאַיאַן קאָן מען נישט דערקלערן, ווי מען קאָן קיינמאָל נישט דערקלערן, פאַרוואָס ווילט דער מאַנסביל אויס דווקא יענע און נישט קיין אַנדערע פרוי. עס איז געווען אַ תהום מיט סיבות סיי פּאָזיטיווע, סיי נעגאַטיווע. אַ סיבה איז אויך געווען דאָס, וואָס זי איז נישט געווען אַזאַ רייכע כּלה, ווי די, וואָס די מוטער האָט אים געשדכנט; אויך דאָס, וואָס זי איז געווען נאַיוו און אַ נעבעכדיקע אין די באַציונגען צו איר מוטער; אויך דאָס, וואָס זי איז נישט געווען קיין שיינהייט, וועלכע ציט צו זיך צו אויפמערקזאַמקייט, און אויך נישט קיין מיאוסע. דער עיקר־אָבער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די דערנענטערונג מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן אין אַזאַ פּעריאָד, ווען יעוו־געני איז רייף געוואָרן פאַר חתונה. ער האָט זיך איינגעליבט דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוווסט, אַז ער וועט חתונה האָבן.

ליזע אַנענסקאַיאַ איז פון אָנהייב נאָר געפעלן געוואָרן יעוועגנין, אָבער ווען ער האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט זיין זיין ווייב, האָט ער דער־פילט צו איר אַ סך אַ שטאַרקער געפיל, ער האָט דערפילט, אַז ער איז פאַרליבט.

ליזע איז געווען אַ הויכע, אַ דינע, אַ לאַנגע. אַלץ אין איר איז געווען לאַנג: אי דאָס פּנים, אי די נאָז — נישט פאָרויס, נאָר אַראָפּצו־לענגויס דעם געזיכט, — אי די פינגער, אי די ציילן פון די פיס. די פאַרב פון פּנים איז בײַ איר געווען זייער אַ צאַרטע, אַ ווייסע, געלבלעך מיט אַ צאַרטער רויטקייט, די האָר לאַנגע, בלאָנדע, ווייכע, און געקרייזלטע, און שיינע, לויטערע, שטילע, פאַרטרוילעכע אויגן. די דאָזיקע אויגן האָבן באַזונדער איבערראַשט יעוועגנין. און ווען ער האָט געטראַכט וועגן ליזען, האָט ער פאַר זיך געזען די דאָזיקע לויטערע, שטילע, פאַרטרוילעכע אויגן. —

אזאַ איז זי געווען פיזיש; גייסטיק אָבער האָט ער גאָרנישט געוווסט וועגן איר. ער האָט נאָר געזעען דידאָזיקע אויגן. און דידאָזיקע אויגן אפנים האָבן אים געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט וויסן. נאָר דער זינען פון די אויגן איז געווען אַזאַ:

נאָך אין אינסטיטוט, פון 15-טן יאָר אָן פלעגט ליזע זיך פאַרליבן אין אַלע שיינע מאַנסבילן און איז געווען לעבעדיק און גליקלעך נאָר דעמאָלט, ווען זי איז געווען פאַרליבט. אַרויסגעגאַנגען פונם איסטיטוט, פלעגט זי זיך אויך פונקט אַזוי פאַרליבן אין אַלע יונגע מאַנסבילן, וועלכע זי האָט באַגעגנט, און, פאַרשטייט זיך, זי האָט זיך אין יעווגעניין אויך פאַרליבט, ווי נאָר זי האָט זיך מיט אים באַקענט. אָט דידאָזיקע פאַרליבטקייט אירע האָט עס אירע אויגן געגעבן יענעם באַזונדערן אויסדרוק, וועלכער האָט אַזוי געפאַנגען גענומען יעווגעניין.

אין דעם ווינטער אָבער איז זי גלייכצייטיק געווען שוין פאַרליבט אין צוויי יונגע לייט, און זי פלעגט רויט און צערודערט ווערן נישט בלויז ווען זיי פלעגן אַריינקומען אין שטוב, נאָר ווען זי פלעגט אַרויסרעדן זייער נאָמען. אָבער נאָכדעם, ווען איר מוטער האָט איר געגעבן אַ רמז דערויף, אַז אירטיעניעוו, דאַכט זיך, האָט ערנסטע אויסזיכטן, האָט זיך איר פאַרליבטקייט אין אירטיעניעוון אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז זי איז געוואָרן כמעט גלייכגילטיק צו די צוויי פריערדיקע, נאָר ווען אירטיעניעוו האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו זיי, האָט אויף אַ באַל, אויף אַ פאַרזאַמלונג געטאַנצט מיט איר איידער מיט אַנדערע און האָט אפנים געוואָלט נאָר וויסן, צי האָט זי אים ליב, דעמאָלט איז איר פאַרליבטקייט אין אירטיעניעוון געוואָרן עפּעס קרענקלעכס, זי האָט אים געזעען אין חלום, און אויפן וואָר אין פינצטערן צימער, און אַלע אַנדערע זענען פאַר איר נעלם געוואָרן. און ווען ער האָט איר פאָרגעשלאָגן חתונה האָבן און מען האָט זיי געבענטשט, ווען זיי האָבן זיך צעקושט און זענען געוואָרן חתן־כלה, דעמאָלט זענען שוין בײַ איר קיין אַנדערע געדאַנקען נישט געווען מער, חוץ וועגן אים, קיין פאַרלאַנגען, חוץ צו זיין מיט אים, ליב צו האָבן אים און רגעליבט צו זיין פון אים. זי האָט אי שטאָלצירט מיט אים, אי זי איז גערירט געווען פון אים און פון זיך און פון איר ליבע, און איז אויסגעגאַנגען און צעגאַנגען געוואָרן פון ליבע צו אים. וואָס מער ער האָט זי דערקענט, אַלץ מער האָט ער זי אויך געליבט. ער האָט בשום אופן נישט דערוואַרט צו באַגעגענען אַזאַ ליבע, און דידאָזיקע ליבע האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין געפיל.

## VI.

פאַר פרילינג איז ער געקומען צו פאָרן אין סעמיאָנאָווסקאָיע, אַ בליק צו טון און מאַכן פאַראָרדנונגען אין דער ווירטשאַפט און דער עיקר אין שטוב, ווו מען האָט אַלץ צוגעקליבן צו דער חתונה.

מאַריאַ פאַוולאָוונאַ איז אומצופרידן געווען מיט דעם זונס אויסוואַל, אָבער בלויז דערפאַר, וואָס דער שידוך איז געווען נישט אַזאַ גלענצנדער, ווי ער וואָלט געקאָנט זיין, און דערפאַר, וואָס וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ, די קינפטיקע שוויגער, איז איר נישט געפעלן געווען. צי זי איז געווען אַ גוטע, צי אַ שלעכטע, האָט זי נישט געוווסט און האָט נישט באַשטימט, נאָר דאָס, אַז זי איז נישט געווען קיין אָנשטענדיקע פרוי, נישט קאָמילפאָ, נישט קיין לעדי, ווי מאַריאַ פאַוולאָוונאַ האָט זיך געזאָגט, דאָס האָט זי דערזעען פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אָן, און דאָס האָט איר פאַרשאַפט עגמת נפש. עגמת נפש דערפאַר, ווייל דידאָזיקע אָנשטענדיקייט האָט זי געשעצט לויט דער רגילות, זי האָט געוווסט, אַז יעווגעני איז זייער פילעוודיק דערצו, און האָט פאָרויסגעזעען אַ סך עגמת נפש פאַר אים. דאָס מיידל אָבער איז איר געפעלן געוואָרן. געפעלן געוואָרן דער עיקר דערפאַר, וואָס זי איז געפעלן געווען יעווגענין. מען האָט זי געדאַרפט ליב האָבן. און מאַריאַ פאַוולאָוונאַ איז גרייט געווען דערויף, און אינגאַנצן אויפריכטיק.

יעווגעני האָט דערווישט די מוטער אַ פריידיקע, אַ צופרידענע. זי האָט אַלץ איינגעאָרדנט אין הויז און האָט זיך אַליין געקליבן אַרויסצופאָרן, ווי נאָר ער וועט אַראָפּברענגען דאָס יונגע ווייב. יעווגעני האָט איר איינגערעדט צו פאַרבלייבן. און די פראַגע איז געבליבן נישט געלייזט. אינאָוונט, נאָך טיי, האָט מאַריאַ פאַוולאָוונאַ, ווי געווייינלעך, געמאַכט אַ פאַסיאַנס. יעווגעני איז געזעסן, העלפנדיק איר. דאָס איז געווען אַ צייט פון סאַמע האַרציקע שמועסן. געענדיקט איין פאַסיאַנס און נישט אָנגעהויבן קיין צווייטן, האָט מאַריאַ פאַוולאָוונאַ אַ בליק געטון אויף יעווגענין און אַ ביסל שטאַמלענדיק אָנגעהויבן אַזוי:

— איך האָב דיר עפּעס געוואָלט זאָגן, זשעניע. פאַרשטייט זיך

איך ווייס נישט, נאָר איך האָב דיר בכלל געוואָלט אַן עצה געבן וועגן דעם, אַז פאַר דער חתונה דאַרף מען אומבאַדינגט מאַכן אַ סוף צו אַלע בחורשע עסקים, אַזוי, אַז עס זאָל שוין גאָרנישט קאָנען באַאומרויקן נישט דיך, נישט, זאָל גאָט היטן, דאָס ווייב. דו פאַרשטייסט מיך ?

און ווירקלעך, יעווגעני האָט תיכף פאַרשטאַנען, אַז מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט אָנגעוווּנקען דערמיט אויף זיינע באַציונגען מיט סטעפּאַנידען, וועלכע האָבן זיך איבערגעריסן פון האַרבסט אָן, און, ווי שטענדיק האָבן איינזאַמע פרויען די טבע, האָט זי צוגעגעבן דידאָזיקע באַציונגען אַ סך אַ גרעסערע באַדייטונג, איידער די, וואָס זיי האָבן געהאַט. יעווגעני איז רויט געוואָרן און נישט אַזוי פון בושה ווי פון פאַרדראָס, וואָס די גוטע מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ רוקט זיך — אמת, אויס ליבע — אָבער זי רוקט זיך פאָרט אַהין, וווּהין מען דאַרף נישט, און וואָס זי פאַרשטייט נישט און וואָס זי קאָן נישט פאַרשטיין. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט אַזוינס, וואָס מען זאָל דאַרפן באַהאַלטן, און אַז ער האָט זיך שטענדיק בפירוש געפירט אַזוי, אַז עס זאָל גאָרנישט קאָנען שטערן אים חתונה צו האָבן.

— איז גוט, מיין פריינט. דו, געניאַ, באַליידיק דיך נישט אויף מיר, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט אַ פאַרשעמטע.

אָבער יעווגעני האָט געזעען, אַז זי האָט נישט גערעדט, אַז זי האָט נישט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט. אַזוי איז טאַקע אויסגעקומען. שפּעטער אַ ביסל, האָט זי גענומען דערציילן וועגן דעם, ווי בשעת ער איז נישט געווען, האָט מען זי געבעטן טויפן אַ קינד... באַ די פּעטשניקאָווס.

איצט האָט זיך יעווגעני אָנגעצונדן שוין נישט פון פאַרדראָס, און אפילו נישט פון חרפּה, נאָר פון עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון אַ באַוווסטזיין, אַז ס'איז וויכטיק דאָס, וואָס מען וועט אים באַלד זאָגן, פון אַ באַוווסטזיין אַ נישטווילנדיקן, אַזעלכן, וואָס האָט לחלוטין נישט געשטימט מיט זיינע אויסרעכענונגען. אַזוי איז עס אַרויסגעקומען דאָס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט. מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט, כלומרשט, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע צילן, אויסער דעם שמועס גופא, דערציילט, אַז הייַנטיקס יאָר ווערן געבוירן אַלץ ייִנגלעך, אפנים אַ סימן אויף מלחמה. אי באַ די וואַכינס, אי באַ די פּעטשניקאָווס האָט אַ יונג ווייבעלע אַן ערשטלינג געהאַט — אויך אַ ייִנגל. מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט עס געוואָלט דערציילן

אומבאַמערקזאַמקייט, אָבער ס'איז איר אַליין געוואָרן מיאוס, ווען זי האָט דערזעען די פאַרב אויף דעם זונס פּנים, ווי ער נעמט נערוועז אַראָפּ און קנאַקט און טוט צוריק אָן די ברילן און פאַרדרייכערט אין איילעניש אַ פּאַפּיראָס. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אויך געשוויגן און האָט נישט געקאָנט צוטראַכטן, מיט וואָס איבערצורייסן דאָס שווייגן. אַזוי אַרום האָבן ביידע פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן פאַרשטאַנען.

— יאָ, דער עיקר דאַרף מען אין דאָרף יושר, עס זאָלן נישט זיין קיין ליבלינגען, ווי בּאַ דיין פעטער.

— מאַמעשי, — האָט יעווגעני פּלוצלינג געזאָגט. — איך ווייס, צו וואָס איר רעדט עס. אומזיסט באַאומרויקט איר אייך. פאַר מיר איז מיין קינפטיק משפּחה-לעבן אַזאַ הייליקייט, וועלכעס איך וועל פאַר קיין פאַל נישט צעשטערן. און דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מיין בחורישן לעבן, איז לחלוטין אינגאַנצן פאַרענדיקט. און איך בין קיינמאָל נישט אַריין אין קיין פאַרבינדונגען, און קיינער האָט אויף מיר קיין שום רעכט נישט.

— נו, בין איך צופרידן, — האָט די מוטער געזאָגט. — איך קען דיין איידל דענקען.

יעווגעני האָט דידאָזיקע ווערטער דער מוטערס אויפגענומען ווי אַ מין צענז, וואָס קומט אים, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אויף מאָרגן איז ער אוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, טראַכטנדיק וועגן דער כּלה, וועגן אַלץ אויף דער וועלט, נאָר נישט וועגן סטעפּאַנידען. אָבער גלייך, ווי בּכיוון, ווי כּדי אים צו דערמאַנען, האָט ער צופאָרנדיק צום קלויסטער גענומען באַגעגענען דעם עולם, וואָס איז געגאַנגען און געפאָרן פון דאָרטן. ער האָט באַגעגנט מאַטוועיען דעם אַלטן מיט סעמיאָנען, בּחורים, מיידלעך, און אָט גייען צוויי פרויען, איינע עלטער אַ ביסל, און איינע אַ פאַרפּוצטע אין אַ העל-רויט טיכל און עפּעס באַקאַנטס. די פרוי גייט לייכט, לעבעדיק, און אויפדער האַנט אַ קינד. ער האָט זיך מיט זיי אויסגעגלייכט, די עלטערע האָט זיך פאַרנייגט אויפן אַלטן שטייגער, אָפּשטעלנדיק זיך, און די יונגע מיטן קינד האָט נאָר אַנגעבויגן דעם קאָפּ, און פון אונטערן טיכל האָבן אַ בלאַנק געטון באַקאַנטע שמייכלענדיקע, פריילעכע אויגן.

„יאָ, דאָס איז זי, נאָר אַלץ איז פאַרענדיקט, און נישטאָ וואָס צו קוקן אויף איר. און דאָס קינד איז אפשר מיינס", איז בּאַ אים דורכגע-

פליגן אַ געדאַנק אין קאָפּ. „ניין, סאַר אַ נאַרישקייט. דער מאַן איז געווען, זי איז צו אים געגאַנגען". ער האָט אפילו נישט געפּרוווט אויסחשבונען. אַזוי איז בײַ אים געווען באַשלאָסן, אַז דאָס איז נייטיק געווען פאַרן געזונט. ער האָט באַצאָלט געלט און מער גאָרנישט. קיין פאַרבינדונג איז צווישן אים און איר נישטאָ, נישט געווען, עס קאָן נישט, און עס טאָר נישט זיין. נישט ער האָט דערשטיקט די שטים פונם געוויסן, ניין, פּשוט דער געוויסן האָט אים גאָרנישט געזאָגט. און ער האָט זיך אָן איר קיינמאָל נישט דערמאָנט נאָך דעם שמועס מיט דער מוטער און נאָך דער באַגעגעניש. און מער האָט ער זי נאָכדעם קיינמאָל נישט באַגעגנט.

זונטיק, נאָך פּאַסכע, האָט יעווגעני חופּה געשטעלט אין שטאָט און תיכּף ומיד איז ער אַרויסגעפאָרן מיט דעם יונגן ווײַבל אין דאָרף. דאָס הויז איז איינגעאָרדנט געווען, ווי מען אָרדנט געוויינלעך איין פאַר אַ יונג פּאָר־פאָלק. מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט געוואָלט אַוועקפאָרן, אָבער יעווגעני און דער עיקר ליזע האָבן זי איינגעבעטן פאַרבלייבן. נאָר זי האָט זיך אַריבערגעקליבן אין פליגל.

אַזוי האָט זיך פאַר יעווגענין אָנגעהויבן אַ ניי לעבן.

## VII.

דאָס ערשטע יאָר משפּחה־לעבן איז געווען אַ שווער יאָר פאַר יעווגענין. שווער איז עס געווען דערפאַר, וואָס די געשעפטן, וועלכע ער האָט ווי נישט איז אָפּגעלייגט פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען חתן, זענען איצט, נאָך דער חתונה, אַלע פאַר אַמאָל אויף אים אַראָפּגעפאַלן.

אַרויסדרייען זיך פון די חובות האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך. דאָס וועלדל האָט ער פאַרקויפט, די סאַמע נייטיקע חובות באַצאָלט, עס זענען אָבער אַלץ נאָך געבליבן חובות, און קיין געלט איז נישט געווען. דאָס גוט האָט אַרייַנגעבראַכט גוטע הכנסה, אָבער מען האָט געדאַרפט שיקן דעם ברודער, און הוצאות חתונה, אַזוי אַז קיין געלט איז נישט געווען, און די פאַבריק האָט נישט געקאָנט גיין, און מען האָט זי געדאַרפט אָפּשטעלן. איין מיטל אַרויסצודרייען זיך איז באַשטאַנען

אין דעם, מען זאָל אויסנוצן דעם ווייבס געלט. פאַרשטאַנען דעם מאַנס לאַגע, האָט עס ליזע אַליין גענומען פאַדערן. יעווגעני האָט מסכים געווען, נאָר מיט דעם תנאי צו מאַכן א שטר־מכירה אויף א העלפט פון דעם גוט אויף דעם ווייבס נאָמען. אזוי האָט ער טאַקע געטון. פאַרשטייט זיך, נישט צוליב דעם ווייב, וועלכע דאָס האָט באַליידיקט, נאָר צוליב דער שוויגער.

דידאָזיקע עסקים מיט פאַרשידענע ענדערונגען, אַמאָל דערפאָלג, אַמאָל נישט־דערפאָלג — דאָס איז געווען איינס, וואָס האָט פאַרסמט יעווגעניס לעבן אין דעמדאָזיקן ערשטן יאָר. דאָס צווייטע איז געווען דאָס, וואָס דאָס ווייב איז נישט געזונט געווען. אין דעמדאָזיקן ערשטן יאָר גופא, זיבן חדשים נאָך דער חתונה, אין האַרבסט, האָט מיט ליזען געטראָפן א צרה. זי איז אַרויסגעפאָרן אויף א שטול־וואָגן באַגעגענען דעם מאַן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון שטאָט. דאָס רויקע פערד האָט זיך צעשפּילט, זי האָט זיך דערשראָקן און איז אַרויסגעשפּרונגען. דער שפּרונג איז פאַרגלייכלעך געווען א גוטער, — זי וואָלט זיך געקאָנט פאַר־טשעפּן אין דעם ראָד, — אָבער זי איז שוין געווען מעוברת, און אין דערזועלביקער נאַכט האָבן זיך באַ איר אָנגעהויבן ווייטיקן. און זי האָט מפּיל געווען און לאַנג נאָכדעם נישט געקאָנט קומען צו זיך. דאָס פאַר־לירן דאָס דערוואַרטע קינד, דעם ווייבס קראַנקייט, די רויִנירונג פונם לעבן, צו וועלכער דאָס האָט געבראַכט און, דער עיקר, די אָנוועזנהייט פון דער שוויגער, וועלכע איז געקומען צו פאָרן תיכף, ווי ליזע איז קראַנק געוואָרן, דאָס אַלץ האָט דאָסדאָזיקע יאָר נאָך שווערער געמאַכט פאַר יעווגעניען.

אָבער נישט געקוקט אויף די שווערע אומשטענדן, האָט זיך יעוו־געני צום סוף פון דעם ערשטן יאָר געפילט זייער גוט. זיין האַרציק שטרעבן צו רעסטאַווירן די רויִנירטע נחלה, באַנייען דאָס לעבן פון די זיידעס אין נייע פאָרמען, איז, הגם מיט שוועריקייט און לאַנגזאַם, אָבער געגאַנגען אויפן וועג צו פאַרווירקלעכט ווערן. איצט האָט שוין נישט גע־קאָנט זיין קיין רייד וועגן פאַרקויפן דאָס גאַנצע גוט פאַר די חובות. דער הויפּט־טייל פונם גוט, הגם איבערגעשריבן אויף דעם ווייבס נאָמען, איז געראַטעוועט געווען, און אויב נאָר די בוראַקעס וועלן זיך איינגעבן, און די פּרייזן וועלן זיין גוטע, קאָן צום קינפטיקן יאָר די לאַגע פון נויט און אָנגעשטרענגטקייט פאַרביטן ווערן אויף א לאַגע פון פולקאָמען ווילשטאַנד. דאָס איז איינס.

דאָס צווייטע איז געווען דאָס, וואָס וויפיל ער זאָל נישט האָבן דערוואַרט פון זיין ווייב, האָט ער בשום אופן פאַרט נישט דערוואַרט צו געפינען אין איר דאָס, וואָס ער האָט געפונען: דאָס איז געווען נישט דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט, אָבער דאָס איז געווען פיל בעסער. געדירטקייט, אַנטציקונג פון פאַרליבטע, הגם ער האָט זיך טאַקע באַמיט אַרויסצורופן עס, — דאָס איז נישט אַרויסגעקומען, אָדער דאָס איז אַרויסגעקומען זייער שוואַך; עס איז אָבער אַרויסגעקומען עפּעס גאָר אַנדערש, דאָס, וואָס עס איז געוואָרן נישט נאָר פריילעכער, אָנגענעמער, נאָר עס איז געוואָרן לייכטער צו לעבן. ער האָט נישט געוווסט, פון וואָס דאָס נעמט זיך, אָבער דאָס איז געווען אַזוי.

און געגומען האָט זיך עס דערפון, וואָס זי האָט באַשלאָסן תיכף ווי זי איז געוואָרן אַ כלה, אַז פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט איז איין יעווגעני אירטיעניעוו העכער, קלוגער, ריינער, איידעלער, און דעריבער איז דער חוב פון אַלע מענטשן צו דינען און פאַרשאַפן אַנגענעמלעכקייט דעמדאָזיקן אירטיעניעוון. אָבער היות ווי אַלעמען קאָן מען עס נישט נייטן צו טון, דאַרף זי, לויט עס דערלויבן די כוחות, אַליין דאָס טון. האָט זי טאַקע אַזוי געטון. און דעריבער זענען אַלע אירע גייסטיקע קרעפטן שטענדיק געווען געווענדט צו דערוויסן זיך, טרעפן דאָס, וואָס ער האָט ליב, און באַכדעם דאָס גופא טון, וואָס עס זאָל אַזוינס נישט זיין און ווי שווער עס זאָל נישט זיין.

און אין איר איז געווען דאָס, וואָס עס איז די הויפּטפּראַכט פון לעבן מיט אַ ליבנדיקער פרוי, אין איר איז געווען, אַ דאַנק דער ליבע צום מאַן, דאָס העלזעען אין זיין נשמה. זי האָט געשפּירט — אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָפטמאָל בעסער, איידער ער אַליין — יעדן צושטאַנד פון זיין נשמה, יעדע שאַטירונג פון זיין געפיל און איז אין הסכם דערמיט זיך באַגאַנגען, בכן האָט זי קיינמאָל נישט באַליידיקט זיין געפיל, נאָר זי האָט שטענדיק געמעסיקט די שווערע געפילן און פאַרשטאַרקט די פריילעכע. אָבער נישט נאָר די געפילן, די געדאַנקען זיינע האָט זי פאַרשטאַנען. סאַמע פרעמדע פאַר איר געגנשטאַנדן פון דער דאָרפסווירטשאַפט, פון דער פאַבריק, בנוגע אָפּשאַצן מענטשן, פלעגט זי תיכף ומיד באַנעמען און זי האָט נישט בלויז געקאָנט זיין פאַר אים אַ מיטשמועסערן, נאָר אָפט, ווי ער אַליין פלעגט איר זאָגן — אַ נוצלעכע, אומפאַרבייטלעכע ראַטגעבערין. אויף זאַכן, אויף מענטשן, אויף אַלץ אין דער וועלט האָט

זי געקוקט נאָר מיט זיינע אויגן. זי האָט ליב געהאַט איר מוטער, נאָר דערזעענדיק, אַז יעווגעניין פלעגט זיין אומאַנגענעם, ווען די שוויגער מישט זיך אַריין אין זייער לעבן, האָט זי זיך גלייך געשטעלט אויף דעם מאַנס זייט, און מיט אַזאַ אַנטשיידנקייט, אַז ער האָט זי געמוזט איינהאַלטן.

חוצדעם איז אין איר געווען אָן אַ שיעור געשמאַק, טאַקטישקייט, און דער עיקר שטילקייט. אַלץ, וואָס זי האָט געטון, האָט זי געטון אומבאַמערקטערהייט, באַמערקן האָט מען געקאָנט נאָר די רעזולטאַטן פון איר טון, ד. ה., אַלע מאָל און אין אַלץ ריינקייט, אָרדנונג און פיינקייט. ליזע האָט גלייך פאַרשטאַנען, אין וואָס עס באַשטייט דער לעבן-אידעאַל פון איר מאַן, און זי האָט זיך געסטאַרעט צו דערגרייכן און זי האָט דערגרייכט אין דער איינאָרדנונג און אין דעם סדר פון שטוב פונקט דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. עס האָבן געפעלט קינדער, נאָר אויף דערויף איז אויך געווען אַ האָפנונג. ווינטער זענען זיי צוגעפאָרן קיין פעטערבורג צו אַן אַקושער, און ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זי איז אינגאַנצן געזונט און זי קאָן האָבן קינדער.

און דערדאָזיקער ווונטש איז דערפילט געוואָרן. צום סוף יאָר איז זי ווידער מעוברת געוואָרן.

איינס, וואָס עס האָט — מ'קאָן נישט זאָגן פאַרסמט, נאָר געשאַפן אַ סכנה פאַר זייער גליק, — איז געווען איר אייפערזיכטיקייט — אייפערזיכטיקייט, וועלכע זי האָט איינגעהאַלטן, נישט באַוויזן, נאָר פון וועלכער זי האָט אָפט געליטן. נישט נאָר יעווגעני האָט נישט געטאָרט קיינעם ליב האָבן, ווייל עס זענען נישט געווען אויף דער וועלט קיין פרויען, וואָס זאָלן אים ווערט זיין (וועגן דעם, צי זי איז אים ווערט געווען, צי נישט, האָט זי זיך קיינמאָל נישט געפרעגט), נאָר קיין שום פרוי האָט מחמת דעם אויך אים ליב האָבן נישט געטאָרט דערוועגן זיך.

# VIII.

געלעבט האָבן זיי אַזוי: ער פלעגט ווי אַלע מאָל אויפשטיין פרי און גיין וועגן די ענינים פון דער ווירטשאַפט, אויף דער פאַבריק, וווּ מען האָט געאַרבעט, אַמאָל אין פעלד. 10 דעם זייגער פלעגט ער קומען צו דער קאַווע. קאַווע האָבן אויף דער וועראַנדע געטרונקען מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, דער פעטער, וואָס האָט בא זיי געוווינט. און ליזע. נאָך שמועסן, אָפטמאָל זייער לעבעדיקע בא דער קאַווע, פלעגט מען זיך פונאַנדערגיין ביז מיטאָג. צוויי דעם זייגער האָט מען געגעסן מיטאָג. און נאָכדעם איז מען געגאַנגען אָדער געפאָרן שפּאַצירן. אינאָוונט, ווען ער איז געקומען פון דער קאַנטאָר, האָט מען שפּעט געטרונקען טיי, און אַמאָל פלעגט ער לייענען הויך, זי האָט געטון אַן אַרבעט, אָדער מוזיצירט, אָדער מען האָט געשמועסט, אויב עס זענען געווען געסט. ווען ער פלעגט אַוועקפאָרן געשעפטלעך, האָט ער געשריבן און האָט פון איר בריוו באַקומען יעדן טאָג. אַמאָל פלעגט זי מיט אים מיטפאָרן, און דאָס איז געווען באַזונדער פריילעך. אין די נאָמענסטעג זיינע און אירע פלעגן קומען געסט, און אים איז געווען אָנגענעם צו זען, ווי זי קאָן אַלץ איינאָרדענען אַזוי, אַז אַלעמען זאָל זיין גוט. ער האָט געזען און ער האָט געהערט אויך, אַז אַלע פאַרקוקן זיך אויף איר. אויף דער יונגער ליבלעכער ווירטין, און ער האָט זי דערפאַר נאָך מער ליב געהאַט. אַלץ איז געגאַנגען אויסגעצייכנט. די שוואַנגערשאַפט האָט זי איבערגעטראָגן לייכט, און ביידע, הגם אַ ביסל שרעקנדיק זיך, האָבן שוין געמאַכט פּלענער, ווי וועלן זיי דערציען דאָס קינד. דער אופן פון דערציונג, די מעטאָדן, דאָס אַלץ האָט באַשלאָסן יעווגעני, און זי האָט נאָר געוואָלט אונטערטעניק דערפילן זיין רצון. און יעווגעני האָט זיך אָנגעלייענט מיט מעדיצינישע ביכער, און ער האָט געהאַט בדעה צו דערציען דאָס קינד לויט אַלע כללים פון דער וויסנשאַפט. זי האָט, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען אויף אַלץ און האָט זיך געגרייט, האָט גענייט קאָנווערטן, וואַרעמע און קאַלטע, און האָט איינגעאָרדנט אַ וויגעלע. אַזוי איז אָנגעשטאַנען דאָס צווייטע יאָר פון זייער מאַן-און-ווייב לעבן און דער צווייטער פרילינג.

## IX.

דאָס איז פֿאָרגעקומען אַרום טראָיצע. ליזע איז געווען אין דעם פֿינפֿטן חודש, און הגם זי האָט זיך אָפּגעהיטן, איז זי דאָך געווען פֿריילעך און באַוועגלעך. ביידע מאַמעס, אירע און זיינע, האָבן געווינט אין הויז מיט דעם אויסרייד אויפֿצופּאַסן און אָפּצוהיטן זי, און זיי האָבן זי נאָר באַאומרויקט מיט זייערע שטעכווערטלעך איינע דער אַנדערער. יעווגעני האָט זיך מיט באַזונדערער היץ פֿאַרנומען מיט דער ווירטשאַפֿט, מיט זייען, באַאַרבעטן בוראַקעס אין גרויס מאַסשטאַב.

אַרום טראָיצע האָט ליזע באַשלאָסן, אַז מען דאַרף גוט אויסרייניקן די שטוב, ווייל אויף פּאַסכע האָט מען עס נישט געטין, און זי האָט גערופֿן צו הילף דער דינגערשאַפֿט צוויי טאָג־לוינערינס באַבעס, צו וואַשן די דילן, די פֿענצטער און אויסצושטויבן דאָס מעבל, די טעפּיכער, און אָנצוציען ציכלעך. די באַבעס זענען געקומען גאַנץ פֿרי, האָבן אָנגעשטעלט טשיהונעס מיט וואַסער און זיך גענומען פֿאַר דער אַרבעט. איינע פֿון די צוויי פֿויערטעס איז געווען סטעפּאַנידע, וועלכע האָט נאָר־וואָס אָנטווינט איר יינגל, און האָט זיך דורך דעם קאַנטאָריסט, צו וועלכן זי פֿלעגט איצט לויפֿן, אָנגעשלאָגן אַלס דיל־וואַשערין. איר האָט זיך געוואָלט גוט אַ קוק טון אויף דער נייער פּריצהטע. סטעפּאַנידע האָט געלעבט, ווי אַמאָל, אַליין אָן דעם מאַן און האָט געשטיפֿט, ווי זי האָט פֿריער געשטיפֿט מיט דעם אַלטן דאַנילע, וועלכער האָט זי געכאַפּט מיט האָלץ, נאָכדעם מיט דעם פּריץ, איצט מיט דעם יונגן קליינעם קאַנטאָריסט. וועגן דעם פּריץ האָט זי אַפֿילו נישט געטראַכט. „ער האָט איצט אַ ווייב, — האָט זי געטראַכט, — נאָר ס'ווילט זיך אַ בליק טון אויף דער פּריצהטע, איר פּיר, מ'זאָגט, פֿיין צוגעקליבן".

זינט יעווגעני האָט זי באַגעגנט מיטן קינד, האָט ער זי נישט געזען. אויף טאָג־אַרבעט איז זי נישט געגאַנגען, מחמת זי האָט געהאַט אַ קינד, און ער פֿלעגט זעלטן גיין דורכן דאָרף. אין דעמדאָזיקן פֿרימאָרגן, ערב טראָיצע איז יעווגעני אויפֿגעשטאַנען פֿרי, פֿינף אַ זייגער, און איז אַוועקגעפֿאָרן אויף דעם פּאַפּאַר, וווּ מען האָט געזאָלט אויס־

שיטן פּאַספּאָריטן און ער איז אַרויס פון שטוב. איידער די פויערטעס זענען נאָך אַהין אריין, נאָר זיי האָבן זיך געפּאָרעט באַם אויוון מיט די קעסלען.

אַ פרייליכער, אַ צופרידענער און אַ הונגעריקער האָט זיך יעווגעני אומגעקערט צום אָנבייסן. ער איז אַראָפּ פונם פערד באַ דער פּורטקע, און, איבערגעגעבן עס דעם פאַרבייגייענדיקן גערטנער, איז ער, אַרומשמייכלדיק מיטן בייטשל איבערן הויכן גראָז, איבערחזרנדיק, ווי דאָס פּאַסירט אָפטמאָל, אַן אַרויסגעזאָגטע פראַזע, געגאַנגען צו דער שטוב. די פראַזע, וועלכע ער האָט איבערגעחזרט איז געווען: „די פּאַספּאָריטן וועלן דערפילן“. — וואָס, וועמען — האָט ער נישט געוווסט און האָט ניט געטראַכט.

אויפן הויף האָט מען אויסגעקלאַפּט אַ טעפּיך. דאָס מעבל איז געווען אַרויסגעטראָגן.

„מאַמעלעך! סאַראַ רייניקונג ליזע האָט עס אונטערגענומען. די פּאַספּאָריטן וועלן דערפילן. אָט דאָס איז אַ באַלעבאָסטע. אַ באַלעבאָסטעטשקע! יאָ, אַ באַלעבאָסטעטשקע, — האָט ער זיך אַליין געזאָגט, לעבעדיק פאָרשטעלנדיק זיך זי אין דער ווייסער קאַפּאָטע, מיט אַ שיינעדיקן פון פרייד פּנים, ווי באַ איר איז כמעט אַלע מאָל געווען, ווען ער האָט אויף איר געקוקט. — יאָ, מען דאַרף איבערבייטן די שטיוול, אַ נישט די פּאַספּאָריטן וועלן דערפילן, ס'הייסט ס'שמעקט מיט מיסט, און די באַלעבאָסטעטשקע איז דאַן אין אַזאַ לאַגע. פאַרוואָס אין אַזאַ לאַגע? יאָ, עס וואַקסט אין איר אַ קליינינקער אירטיעניעוול, אַ בייער, — האָט ער אַ טראַכט געטון. יאָ, די פּאַספּאָריטן וועלן דערפילן“. און שמייכלעדיק צו זיינע געדאַנקען האָט ער אַ שטופּ געטון מיט דער האַנט אין דער טיר פון זיין צימער.

אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן אָנצודריקן אויף דער טיר, ערשט זי האָט זיך אַליין געעפנט, און ער האָט זיך אָנגעשטויסן נאָז צו נאָז מיט אַ באַבע, וועלכע איז געגאַנגען אים אַקעגן מיט אַן עמער, אין אַן אונטערגעקאַשערט קליידל, אַ באָרוועסע מיט הויך פאַרקאַשערטע אַרבל. ער האָט אָפּגעטרעטן אָן אַ זייט, כדי דורכצולאָזן די פויערטע, זי האָט אויך אָפּגעטרעטן, פאַרריכטנדיק מיט דעם אויבן פון דער נאַסער האַנט דאָס אַראָפּגערוקטע טיכל.

— גיי, גיי, איך וועל נישט גיין, אויב איר... — האָט יעווגעני

געוועזט אַנגעהויבן, און פּלוצלינג דערקענט זי, האָט ער זיך אָפּגע-שטעלט.

זי האָט, שמייכלענדיק מיט די אויגן, פריילעך אויף אים אַ בליק געטון. און איז, אַראָפּציענדיק דאָס קלייד, אַרויס פון דער טיר.

„סאַר אַ נאַרישקייט ?... וואָס איז אַזוינס ?... ס'קאָן נישט זיין", האָט, כמורענדיק זיך און אָפּטרייסלענדיק זיך, ווי פון אַ פליג, יעווגעני צו זיך גערעדט, אומצופרידן דערפון, וואָס ער האָט זי באַמערקט. ער איז געווען אומצופרידן דערפון, וואָס ער האָט זי באַמערקט, און צוזאַמען דערמיט האָט ער נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון איר קערפּער, וואָס האָט זיך געוויגט צוליב דעם געשיקטן פעסטן גיין מיט די באָרוועסע פיס, פון אירע הענט, אַקסלען, שיינע פאַלדן פון דעם העמד און פון דעם רויטן קלייד, וואָס איז געווען הויך אונטערגעשטעקט איבער אירע ווייסע ליטקעס.

„אָבער וואָס-זשע קוק איך", — האָט ער זיך געזאָגט, אַראָפּלאָזנ-דיק די אויגן, כדי נישט צו זען זי. — „יאָ, פונדעסטוועגן דאַרף מען אַריינגיין נעמען אַנדערע שטיוול". און ער האָט זיך אַ קער געטון אויף צוריק צו זיך אין צימער; אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַדורכצוגיין קיין פינף טריט, ווי, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי און לויט וועמענס באַפעל, האָט ער ווידער זיך אַרומגעקוקט, כדי נאָך אַמאָל צו זען זי. זי איז געגאַנגען צום ראָג, און אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט זי אויך אויף אים זיך אומגעקוקט.

„אַך, וואָס טו איך, — האָט ער אין האַרץ אויסגעשריגן, — זי קאָן נאָך עפּעס אַ טראַכט טון. אפילו זיכער, אַז זי האָט שוין עפּעס אַ טראַכט געטון".

ער איז אַריין אין זיין נאַסן צימער. אַ צווייטע פויערטע, אַן אַלטע, אַ מאָגערע, איז דאָרט געווען און האָט נאָך געוואַשן. יעווגעני איז דורכ-געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער דורך די שמוציקע קאַלוזשעס צו דער וואַנט, וווּ עס זענען געשטאַנען די שטיוול, און האָט געוואָלט אַרויסגיין, ווען די פויערטע איז אויך אַרויסגעגאַנגען.

„די איז אַרויס, און קומען וועט יענע, סטעפּאַנידע — אַליין", — האָט אין אים פּלוצלינג עמעצער אָנגעהויבן צו טראַכטן.

„גאָט מיינער! וואָס טראַכט איך, וואָס טו איך!" ער האָט געכאַפּט די שטיוול און איז מיט זיי אַרויסגעלאָפן אין פאָדערהויז, דאָרט האָט ער זיי אָנגעטון, האָט זיך אַרומגערייניקט און איז אַרויס אויף דער וועראַנ-דע, וווּ ביידע מאַמעשעס זענען שוין געזעסן באַ דער קאַווע. ליזע האָט

אפנים אויף אים געווארט און איז ארויס אויף דער ווערענדע פון דער צווייטער טיר גלייכצייטיק מיט אים.

„גאט מיינער, ווען זי, וועלכע האלט מיך פאר אזא ערלעכן, ריינעם, אומשולדיקן, ווען זי וואלט וויסן!“ האט ער א טראכט געטון.

ליזע האט אים, ווי אלע מאל, באגעגנט מיט א שיינענדיק פנים. נאר היינט האט זי אים עפעס אויסגעוויזן א בלאסע, א געלע, און א לאנגע, א שוואכע.

## X.

בא דער קאווע איז, ווי אלע מאל, פארגעקומען יענער באזונדער דאמישער געשפרעך, אין וועלכן עס האט זיך לאגיש גארנישט געבונדן, נאר וועלכער האט זיך אפנים געבונדן מיט עפעס וואס, מחמת ער איז געגאנגען אן איבעררייס.

ביידע דאמען האבן זיך געשטאכן, און ליזע האט קענטיק לאווירירט צווישן זיי.

— עס פארדריסט מיר אזוי, וואס מען האט נישט באוויזן אויסצוחאשן דיין צימער, איידער דו ביסט געקומען צו פארן, — האט זי געזאגט צו דעם מאן. — נאר עס ווילט זיך אזוי אלץ איבערקלייבן.

— און וואס הערט זיך בא דיר? דו ביסט געשלאפן נאך מיין אוועקגיין?

— יא, איך בין געשלאפן, מיר איז גוט.

— ווי קאן א פרוי אין איר לאגע זיין גוט אין אזא אומדערטרעגלעכע היץ, ווען די פענצטער זענען אויף דער זון, — האט געזאגט ווארווארא אלעקסעיעוונא, איר מוטער, — און אן לאדן אדער מארקיזעס. בא מיר זענען שטענדיק פאראן מארקיזעס.

— דא איז דאך א שאטן פון צען דעם זייגער אן, — האט געזאגט מאריא פאוולאוונא.

— פון דעם שטאמט טאקע דער פיבער, פון דער פייכטקייט, — האט געזאגט ווארווארא אלעקסעיעוונא, נישט באמערקנדיק, אז זי זאגט פונקט דעם היפוך דערפון, וואס זי האט ערשט געווען געזאגט. מיין דאקטאר פלעגט אלע מאל זאגן, אז מען קאן נישט באשטימען די קראנק-

הייט, נישט קענענדיק דעם כאַראַקטער פון דער קראַנקער. און ער ווייסט שוין, וואָס ער רעדט, מחמת דאָס איז דער בעסטער דאָקטאָר, און מיר צאָלן אים הונדערט רובל. מיין זעליקער מאַן האָט נישט אָנערקענט קיין דאָקטוירים, נאָר פאַר מיר האָט ער קיינמאָל גאָרנישט געזשאַלעוועט.

— ווי זשע קאָן אַ מאַנסביל זשאַלעווען פאַר אַ פרויענצימער, בשעת איר און דעם קינדס לעבן הענגט אָפּ, אפשר...

— יאָ, אַז עס זענען דאָ מיטלען קאָן דאָס ווייב נישט אָפּהענגען פונם מאַן. אַ גוט ווייב גיט זיך אונטער דעם מאַן. — האָט געזאָגט וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ. — נאָר ליזע איז נאָך צופיל שוואַך נאָך איר קראַנקייט.

— אָ, ניין, מאַמע, איך פיל מיך אויסגעצייכנט. פאַרוואָס האָט מען אייך קיין געבריטן שמאַנט נישט דערלאַנגט?

— איך דאַרף נישט, איך קאָן טרינקען מיט רויען.

— איך האָב געפרעגט באַ וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונען, זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט, גלייך ווי פאַרענטפערנדיק זיך.

— אָבער ניין, איך וויל היינט נישט. — און כדי פלומרשט צו מאַכן אַ סוף צו דעם אומאָנגענעמען שמועס און גרויסמוטיק נאָכגעבנדיק, האָט זיך וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ געווענדט צו יעווגעניִן. — נו, ווי, פונאַנדערגעשאָטן די פּאַספּאָריטן?

ליזע איז אַוועקגעלאָפן נאָך שמאַנט.

— אַז איך וויל נישט, איך וויל נישט.

— ליזע! ליזע! פּאַמעלעך, — האָט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט. — פאַר איר זענען שעדלעך דיזאָזיקע שנעלע באַוועגונגען.

— ס'איז קיין זאַך נישט שעדלעך, אויב עס איז פאַראַן גייסטיקע רויקייט, — האָט געזאָגט, גלייך ווי אויף עמעס אָנדייטנדיק, וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ, הגם זי האָט אַליין געוווסט, אַז אירע ווערטער האָבן אויף קיין שום זאַך נישט געקאָנט אָנדייטן.

ליזע איז צוריקגעקומען מיט שמאַנט. יעווגעני האָט געטרונקען זיין קאַווע און האָט אַן אָנגעכמורעטער געהערט. ער איז געווינט געווען צו דיזאָזיקע שמועסן, אָבער היינט האָט אים באַזונדער צערייצט זייער זינלאָזיקייט. אים האָט זיך געוואָלט אַרומטראַכטן דאָס, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און דיזאָזיקע פּלוידעריי האָט אים געשטערט. אויסגעטרונקען די

קאווע, איז ווארווארא אלעקסעיעווגא אזוי אוועק טאקע אין א שלעכטער שטימונג. עס זענען געבליבן נאר ליזע, יעווגעני און מאריא פאוולאוונא. און א שמועס האט זיך אנגעהויבן א פשוטער און אן אנגענעמער. אבער די שפירעוודיקע, צוליב איר ליבשאפט, ליזע, האט תיכף ומיד באמערקט, אז עפעס מאטערט יעווגענין, און זי האט בא אים געפרעגט: צי האט געטראפן עפעס אומאנגענעמס. ער האט זיך נישט צוגעגרייט צו דערדאזיקער פראגע און האט זיך פארשטאמלט, ענטפערנדיק, אז גארנישט, און דערדאזיקער ענטפער האט נאך מער געגייט ליזען צו פארטראכטן זיך. אז עפעס האט אים געפייניקט און שטארק געפייניקט, איז פאר איר געווען פונקט אזוי קלאר, ווי דאס, אז די פליג איז אריינגעפאלן אין מילך. אבער ער האט נישט דערציילט, וואס-זשע אזוינס איז עס געשעען.

## XI.

נאך אנבייסן זענען זיך אלע פונאנדערגעגאנגען. יעווגעני איז לויט דעם איינגעפירטן סדר אוועקגעגאנגען צו זיך אין קאבינעט. ער האט נישט געלייענט, נישט געשריבן קיין בריוו; נאר ער האט זיך געזעצט און גענומען רייכערן איין פאפיראס נאכן צווייטן, טראכטנדיק. אים האט שרעקלעך פארוואונדערט און פארדראסן דאסדאזיקע אומדערווארטערהייט אין אים זיך אנטפלעקטע שלעכטע געפיל, פון וועלכן ער האט זיך גערעכנט פריי, זינט ער האט חתונה געהאט. ער האט פון יענער צייט אן קיינמאל נישט געשפירט דאסדאזיקע געפיל נישט צו איר, צו יענער פרוי, וועלכע ער האט געקענט, נישט צו א וועלכער עס איז אנדערער פרוי, א חוץ צו זיין אייגענער פרוי. אין דער נשמה האט ער זיך פיל מאל געפרייט מיט דערדאזיקער באפרייונג זיינער, האט גאר פלוצלינג דידאזיקע צופעליקייט, אזא, דאכט זיך, נישטיקע, אים אנטפלעקט, אז ער איז נישט פריי. אים האט איצט געפייניקט נישט דאס, וואס ער האט זיך ווידעראמאל אונטערגעגעבן דאסדאזיקע געפיל, וואס ער פארלאנגט זי, — וועגן דעם האט ער אפילו טראכטן נישט געוואלט, — נאר דאס, וואס דאסדאזיקע געפיל לעבט אין אים און וואס מען דארף שטיין אויף דער וואך קעגן אים. אין דעם, אז ער וועט דאסדאזיקע געפיל דערדריקן, איז בא אים אין דער נשמה אפילו קיין ספק נישט געווען.

ער האָט געהאַט א בריוו נישט קיין געענטפערטן און א פּאַפּיר, וואָס ער האָט געדאַרפט צונויפשטעלן. ער האָט זיך געזעצט צום שרייבּ־טיש און גענומען זיך פאַר דער אַרבעט. געענדיקט און איינגאַנצן פאַר־געסן אָן דעם, וואָס עס האָט אים געוועזט צערודערט, איז ער אַרויס, כדי אַריינצוגיין אין פערדשטאַל. און ווידער, ווי אויף להכעיס, צי דורך אַן אומגליקלעכער צופעליקייט, צי בכּיוון, אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס אויפן גאַניק, איז פון הינטערן ראָג אַרויס דאָס רויטע קלייד און דאָס רויטע טיכל און מאַכנדיק מיט די הענט און קוליענדיק זיך אויף רעכטס און אויף לינקס איז זי דורכגעגאַנגען פאַרביי אים. און קנאַפּ, וואָס זי איז פאַרבייגעגאַנגען, איז זי נאָך דורכגעלאָפן, אויסמיידנדיק אים, גלייך ווי שפּילנדיק, און האָט דעריאָגט די חברטע.

ווידעראַמאָל איז אין זיין דמיון אויפגעשטאַנען א העלע מיטאָג־צייט, קראָפּיווע, דער הינטער־הויף פון דאַנילעס שומר־שטיבל, און אין שאָטן פון די קילאָנעס איר שמייכלענדיק געזיכט, וועלכעס קייעט בלעטלעך.

— ניין, דאָס קאָן מען אַזוי נישט לאָזן, — האָט ער זיך געזאָגט, און, צוואַרטנדיק, אַז די פּויערטעס זאָלן אַוועק, איז ער אַריבערגעגאַנגען אין דער קאַנטאָר.

ס'איז געווען סאַמע מיטאָג־צייט, און ער האָט געהאַפּט דערווישן נאָך דעם עקאָנאָם. אַזוי איז געווען. דער עקאָנאָם האָט זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט. ער איז געשטאַנען אין דער קאַנטאָר, ציענדיק זיך, געגע־נעצט, קוקנדיק אויפן פּאַסטוך, וואָס האָט צו אים גערעדט.

— וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש!

— וואָס באַפעלט איר?

— איך דאַרף מיט אייך וועגן עפּעס רעדן.

— וואָס באַפעלט איר?

— ענדיקט נאָר מיט אים.

— די וועסט דען נישט קאָנען ברענגען צו טראָגן? — האָט וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש געזאָגט צום פּאַסטוך.

— ס'איז שווער, וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש.

— וואָס איז? — האָט יעווגעני געפרעגט.

— אַ קו האָט זיך אָפּגעקעלבט אין פעלד. מילא רעכט, איך וועל באַלד הייסן איינשפּאַנען א פערד. הייס ניקאָלאַיען איינשפּאַנען די ליסוכע, באַטש אין א היי־וואָגן.

דער פּאַסטוך איז אַוועקגעגאַנגען.

— פֿאַרשטייט איר מיך, — האָט רויט ווערנדיק און פֿילנדיק עס יעווגעני אָנגעהויבן. — איר פֿאַרשטייט מיך, וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש. בעת איך בין נאָך געווען אַ בחור, האָב איך דאָ געהאַט הטאים... איר האָט, אפשר, געהערט...

וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש האָט געשמייכלט מיט די אויגן, און ס'איז באַשיינפּערלעך געווען אַ שאָד אויף דעם פּריץ; ער האָט געזאָגט:

— דאָס רעדט זיך מכוח סטעפּאַשקען?

— יאָ. איז אָט וואָס. איך בעט אייך, כ'בעט אייך, נעמט זי נישט אויף טאָג-אַרבעט אין שטאָט אַריין. איר פֿאַרשטייט, דאָס איז מיר זייער נישט אָנגענעם.

— דאָס האָט אַפּנים וואַניאַ, דער קאָנטאָריסט, פֿאַראָרדנט.

— בעט איך אייך... איז ווי, מען וועט אויסשיטן דאָס איבעריקע? — האָט יעווגעני געפֿרעגט, כּדי צו פֿאַרהוילן זיין פֿאַרשעמטקייט.

— אָט וועל איך באַלד פֿאָרן אַהין.

דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. און יעווגעני האָט זיך באַרויקט, האָפֿנדיק, אַז אַזוי ווי ער האָט אָפּגעלעבט אַ יאָר נישט זעענדיק זי, אַזוי וועט אויך זיין ווייטער. „חוץ דעם וועט וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש זאָגן איוואַן דעם קאָנטאָריסט, איוואַן וועט איר זאָגן, און זי וועט פֿאַרשטיין, אַז איך וויל עס נישט", — האָט זיך יעווגעני געזאָגט און ער האָט זיך געפֿרייט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען און געזאָגט עס וואַסילי ניקאָלאַיעוויטשן, כאָטש דאָס איז אים שווער געווען. „יאָ, אַלץ בעסער, אַלץ בעסער, איידער דערדאָזיקער ספק, דידאָזיקע בושה". ער האָט אַ דריי געטאָן, דערמאָנענדיק זיך בלויז אָן דעמדאָזיקן פֿאַרברעכן אין געדאַנק.

# XII.

דער מאַראַלישער כּוח, וואָס יעווגעני האָט איבער זיך אָנגעטון, כּדי איבער צו זיין די בושה, זאָגן וואַסילי ניקאָלאַיעוויטשן, האָט אים באַרויקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איצט איז אַלץ געענדיקט, און ליזע האָט תּיכף באַמערקט, אַז ער איז אינגאַנצן רויק און אפילו פריידיקער ווי געוויינלעך. „זיכער, אַז אים האָבן פאַרשאַפט עגמת נפש דידאָזיקע שטעכווערטלעך צווישן די מאַמעשעס. ס'איז באמת שווער, באַזונדערס אים מיט זיין שפּירעוודיקייט און איידלקייט, אַלעמאָל אויסצוהערן דידאָזיקע נישט־פיינטלעכע און נישט איידעלע רמזים אויף עפּעס", האָט ליזע געטראַכט.

דער צווייטער טאָג איז געווען טראָיצע. דאָס וועטער איז געווען אַ פיינס, און פאַרבייגייענדיק אין וואַלד פלעכטן קרענץ, זענען די פויערטעס, ווי דער מנהג איז, צוגעגאַנגען צו דעם פריצס הויז און אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן. מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ און וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ זענען אַרויס אין די פיינע קליידער מיט שירעמס אויפן גאַניק און זענען צוגעגאַנגען צו דעם קאַראַהאָד. מיט זיי צוזאַמען איז אין אַ כינעזיש סורדוטל אַרויס אויך דער אויפגעלאָפּצנער בואָף און שיכּור, דער פעטערשי, וואָס האָט דעמדאָזיקן זומער געוווינט בא יעווגענין.

ווי אַלע מאָל, איז דער צענטער פון אַלץ געווען איין בונטער, העלער מיט פאַרבן קרייז פון יונגע ווייבלעך און מיידלעך, — און אַרום אים, פון פאַרשידענע זייטן, ווי אָפּגעריסענע און הינטער אים זיך באַוועגנדיקע פלאַנעטן און מיטגייער, זענען געווען אַמאָל יונגע מיידלעך, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, רוישנדיק מיט דעם נייעם סיץ פון די קליידלעך, אַמאָל קליינע קינדער, וועלכע האָבן פון עפּעס געלאַכט און זענען באַכגעלאָפן פון הינטן און פון פאָרנט איינע נאָך די אַנדערע, אַמאָל דערוואַקסענע יינגלעך אין בלויע און שוואַרצע פּאַדיאָווקעס, אין קאַרטוזן און אין רויטע העמדער, מיט כּסדרדיקן אַרויסשפּייען דאָס שאָלעכץ פון קערלעך, אַמאָל די הויפישע לייט, אָדער זייטיקע מענטשן, וועלכע האָבן פונדערווייטן געקוקט אויף די טענץ. ביידע פריצטעס זענען צוגעגאַנגען סאַמע צו דעם קרייז, און גלייך נאָך זיי איז אויך צוגע-

גאַנגען ליזע אין אַ בלוי קלייד און פּונקט אַזעלכע סטענגעס אויפן קאָפּ, מיט ברייטע אַרבל, פון וועלכע עס האָבן זיך געזען אירע לאַנגע ווייסע הענט מיט די ווינקלדיקע עלנבויגנס.

יעווגעניִן האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסגיין, אָבער ס'איז געווען לעכערלעך צו באַהאַלטן זיך. ער איז מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל אויך אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק, האָט זיך געגריסט מיט דעם יונגוואַרג און מיט די עלטערע פּויערים און האָט גענומען רעדן מיט איינעם פון זיי. די ווייבער האָבן דערווייל מיט אַלע כּוחות געשריגן אַ טאַנץ-ליד און צוגעקנאַקט מיט די פינגער און צוגעפּליעסקעט מיט די הענט און געטאַנצט.

— די פּריצהטע רופט אייך, — האָט געזאָגט אַ בחור'ל, צוגייענדיק צו יעווגעניִן, וועלכער האָט נישט געהערט, ווי דאָס ווייב רופט אים. ליזע האָט אים גערופן אַ בליק טון אויפן טאַנץ, אויף איינער פון די טאַנצנדיקע ווייבער, וועלכע איז איר באַזונדער געפעלן געוואָרן. דאָס איז געווען סטעפּאַנידע. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ געל קלייד און אין אַ סאַמעטענעם קאַפּטן אָן אַרבל און אין אַ זיידן טיכל, אַ ברייטע, אַ ענערגישע, אַ ראָזעווע, אַ פריילעכע. זי האָט מסתּמא גוט געטאַנצט. ער האָט גאָרנישט געזען.

— יאָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק און אָנטועענדיק די פּענסנע. — יאָ, יאָ, — האָט ער גערעדט. „הייסט עס, איך קאָן מיך פון איר נישט באַפרייען“, האָט ער געטראַכט.

ער האָט אויף איר נישט געקוקט, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר איר שיינקייט, און דווקא דערפאַר האָט דאָס, וואָס ער האָט אין איר פאַרביילויפנדיק מיטן בליק געזען, אים אויסגעוויזן באַזונדער שיין. חוץ דעם האָט ער פאַרשטאַנען לויט איר דורכגעבליצטן בליק, אַז זי זעט, אַז ער פאַרקוקט זיך אויף איר מיט הנאה. ער איז געשטאַנען וויפיל מען האָט געדאַרפט פון אָנשטענדיקייט וועגן, און דערזעען, אַז וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ האָט זי צוגערופן און אָנרופנדיק זי לעפּיש, פאַלש „ליבינקע“, רעדט זי מיט איר, האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. ער איז אָפּגעטרעטן און איז אַריין אין שטוב. ער איז אַוועקגעגאַנגען, כּדי נישט צו זען זי, נאָר, אַרויף אויפן אויבערשטן גאָרן, האָט ער, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי און פאַרוואָס, זיך געשטעלט לעבן פענצטער, און די גאַנצע צייט, וואָס די באַבעס זענען געווען לעבן גאַניק, איז ער געשטאַנען און געקוקט, געקוקט אויף איר, פאַרשיכּורנדיק זיך פון איר.

ער איז אַראָפּגעלאָפֿן, בעת קיינער האָט אים נאָך נישט געקאָנט זעען, און איז אַוועק מיט שטילע טריט אויף דעם באַלקאָן, און פֿאַררײַ־כערט אויפֿן באַלקאָן אַ פּאַפּיראָס, איז ער, כּלומרשט שפּאַצירנדיק אַראָפּ אין סאָד אַריין אין דער ריכטונג, אין וועלכער זי איז אַוועק. ער האָט נאָך נישט געמאַכט קיין צוויי טריט איבער דער אַלעע, האָט זיך הינטער די ביימער אַ באַוויזן געטון דער סאַמעטענער קאַפּטן אויף דעם געלן קלייד און דאָס רויטע טיכל. זי איז ערגעץ געגאַנגען מיט אַ צווייטער פֿויערטע. „זיי זענען עס ערגעץ געגאַנגען".

און פּלוצלינג האָט אַ ליידנשאַפֿטלעכע תּאווה אים אָפּגעברענט, ווי מיט דער האַנט אָנגעכאַפּט פֿאַרן האַרץ. גלייך ווי דורך אַ פֿרעמדן פֿאַר אים ווילן האָט זיך יעווגעני אַרומגעקוקט און זיך אַוועקגעלאָזט צו איר.

— יעווגעני איוואַניטש, יעווגעני איוואַניטש! איך גיי צו אייער גנעדיקייט, — האָט הינטער אים גענומען רעדן אַ שטימע, און דער־זעענדיק דעם זקן סאַמאָכינען, וועלכער האָט בײַ אים געגראָבן אַ ברונעם, האָט יעווגעני זיך אויפֿגעכאַפּט און איז שנעל אויסדרייענדיק זיך צוגע־גאַנגען צו סאַמאָכינען. רעדנדיק מיט אים, האָט ער זיך אַ קער געטון מיט דער זייט און האָט דערזעען, אַז סטעפּאַנידע מיט דער פֿויערטע זענען אַוועק אַראָפּצו, אַבּנים צום ברונעם, אָדער כּלומרשט צום ברונעם, און נאָכדעם, פֿאַרבראַכט דאָרט נישט לאַנג, זענען זיי אַוועקגעלאָפֿן צו דעם קאַראַהאָד.

## XIII.

געררעדט אַ ביסל מיט סאַמאָכינען, האָט זיך יעווגעני אומגעקערט אין שטוב אַ דערהרגעטער, פּונקט ווי באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן. ערשטנס, האָט זי אים פֿאַרשטאַנען, זי האָט געטראַכט, אַז ער וויל זי זעען, און זי פֿאַרלאַנגט עס. צווייטנס, איז באַשיינפּערלעך, אַז די צווייטע באַבע — דאָס איז אַננאַ פּראָכאָראָוואַ — ווייסט וועגן דעם.

דער עיקר זשע איז דאָס, וואָס ער האָט געפֿילט, אַז ער איז באַזיגט, אַז ער האָט נישט קיין אייגענעם ווילן, עס איז פֿאַראַן אַן

אַנדערע קראַפֿט, וואָס באַוועגט אים; אַז היינט איז ער ניצול געוואָרן נאָר דורך אַ גליקלעכן צופֿאַל, אָבער אויב נישט היינט — איז מאָרגן, איז איבערמאָרגן איז ער פֿאָרט אַ פֿאַרפֿאַלענער.

„יאָ, אַ פֿאַרפֿאַלענער, — אַנדערש האָט ער עס נישט פֿאַרשטאַנען, — פֿעלשן קענען זיין יונג ליבנדיק ווייב אין דאָרף מיט אַ פֿויערטע, אָפּן פֿאַר אַלעמען — צי איז עס דען נישט אַ פֿאַרפֿאַלענער זיין, וואָס מ׳קאָן נאָך דעם מער נישט לעבן? גיין, מ׳דאַרף, מ׳דאַרף אָננעמען מיטלען".

„גאָט מיינער! גאָט מיינער! וואָס־זשע זאָל איך טון? צי דען וועל איך טאַקע אַזוי פֿאַרפֿאַלן ווערן? — האָט ער זיך געזאָגט. — צי דען קאָן מען נישט אָננעמען קיין מיטלען? מען דאַרף דאָך פֿאָרט עפּעס טון. נישט טראַכטן וועגן איר, — האָט ער זיך באַפֿוילן, — נישט טראַכטן!" און תּיכּף אויפֿן אָרט האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן און האָט זי געזעען פֿאַר זיך, און האָט געזעען דעם שאָטן פֿון די קליאָנענביימער.

ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געליינט וועגן אַ הייליקן, וואָס צוליב דעם נסיון מיט אַ פֿרוי, אויף וועלכער ער האָט געדאַרפֿט אַרויפֿלייגן די האַנט, כּדי זי צו היילן, האָט ער אַרויפֿגעלייגט די צווייטע האַנט אויף אַ פֿייערפֿאַן און פֿאַרברענט זיך די פֿינגער. ער האָט זיך אָן דעם דערמאָנט. „יאָ, איך בין גרייט בעסער צו פֿאַרברענען די פֿינגער, איידער פֿאַרלוירן צו גיין". און אַרומגעקוקט זיך, אַז קיינער איז נישטאָ אין צימער, האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אַרויפֿגעלייגט דעם פֿינגער אויפֿן פֿייער. „נו טראַכט וועגן איר איצט" — האָט ער איראָניש צו זיך געווענדט. עס האָט אים אָנגעהויבן ווי צו טון, ער האָט צוגעכאַפּט דעם פֿאַררויכערטן פֿינגער, אַוועקגעוואָרפֿן דאָס שוועבעלע, און אַליין פֿון זיך אָנגעהויבן לאַכן. — „סאַראַ נאַרישקייט. נישט דאָס דאַרף מען טון. מען דאַרף אָננעמען מיטלען, כּדי נישט צו זעען זי — אַוועקפֿאָרן אַליין, אָדער זי דערוווייטערן. יאָ, דערוווייטערן! פֿאַרלייגן איר מאַן געלט, ער זאָל אַרויספֿאָרן אין שטאָט, אָדער אין אַן אַנדער דאָרף. מ׳וועט זיך דערוויסן, מ׳וועט וועגן דעם רעדן. מילא, אַלץ בעסער, איידער דיזאָזיקע סכּנה. יאָ, מ׳דאַרף עס טון", האָט ער זיך געזאָגט און אַלץ, נישט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג, געקוקט אויף איר. „וווהין איז זי עס אַוועק?" האָט ער זיך פּלוצלינג אַ פֿרעג געטון. זי האָט אים געזעען, ווי אים האָט זיך

געדאַכט, באַם פענצטער, און דאַן, אַ בליק געטון אויף אים, האָט זי זיך גענומען פאַר די הענט מיט עפּעס אַ פּויערטע און איז אַוועק צום סאָד, מאַכנדיק כוואַטסקע מיט די הענט. אַליין נישט וויסנדיק נאָך וואָס, פאַר וואָס, אַלץ צוליב זיינע געדאַנקען, איז ער אַוועק אין קאַנטאָר.

וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש איז אין אַ יום-טובדיקן סורדוט, אַן אָנגעזאָלבטער געזעסן באַ טיי מיט דעם ווייב און מיט אַ גאַסט אין אַ געבלומט טיכל.

— איך וואָלט וועלן מיט אייך, וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש, עפּעס רעדן.

— מ'קאָן, ביטע, מיר האָבן שוין אָפּגעטרונקען.

— ניין, קומט בעסער לאָמיר גיין.

— תיכף, לאָמיך נאָר נעמען דעם קאַרטוז. דו, טאַניע, פאַרדושע דעם סאַמאָוואַר, — האָט וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש געזאָגט, פריילעך אַרויסגייענדיק.

יעווגעניִן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַ ביסל שיכּורלעך, נאָר וואָס קאָן מען טון. אפשר איז בעסער אַזוי, ער וועט מיטפילנדיקער אַריין אין זיין לאַגע.

— איך בין געקומען, וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש, ווידער וועגן דעם זעלביקן ענין, — האָט יעווגעני געזאָגט, — וועגן יענער פרוי.

— וואָס איז דען, איך האָב געהייסן, מ'זאָל זי בשום אופן נישט נעמען.

— ניין, איך טראַכט בכלל, און האָב מיט אייך אָט וועגן וואָס געוואָלט זיך באַראַטן. אפשר קאָן מען זיי אַרויסשיקן, די גאַנצע משפחה אַרויסשיקן.

— וווהין-זשע קאָן מען זיי אַרויסשיקן, — האָט וואַסילי געזאָגט אומצופרידן און, ווי יעווגעניִן האָט זיך געדאַכט, איראָניש.

— איך האָב אַזוי געטראַכט, אַז מען זאָל זיי געבן געלט, אָדער אפילו ערד אין קאָלטאָוסקאָיע, אַבי זי זאָל דאָ נישט זיין.

— ווי-זשע קאָן מען זיי דערווייטערן? וווהין וועט ער דען גיין פון זיין וואָרצל? און צו וואָס דאַרפט איר עס. וואָס שטערט זי אייך?

— אָך, וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש, פאַרשטייט מיך, אַז פאַר דעם ווייב וועט זיין שרעקלעך צו דערוויסן זיך וועגן דעם.

— ווי אָבער קאָן מען לעבן אונטער אַזאַ שרעק, און בכלל איז עס שווער.

— וואָס באַאומרויקט איר אייך אַזוי, באמת. ווער עס געדענקט, וואָס עס איז געווען, יעגעם זאָלן די אויגן אַרויסקריכן. און ווער איז דען פאר גאָט נישט זינדיק, קעגן קייסער נישט שולדיק.

— פונדעסטוועגן וואָלט בעסער געווען, אַז זיי זאָלן אַרויספאָרן. איר קאָנט נישט רעדן מיט דעם מאַן?

— אַז עס נישטאָ וואָס צו רעדן. עך, יעווגעני איוואַנאָוויטש, וואָס איז מיט אייך. עס איז דאָך שוין אַלץ פאַרביי און פאַרגעסן. מאַלע וואָס עס טרעפט זיך. ווער וועט וועגן אייך איצט אַ שלעכט וואָרט זאָגן. אַלע זעען דאָך.

— אָבער איר זאָגט, פונדעסטוועגן.

— רעכט, איך וועל זאָגן.

הגם יעווגעני האָט פאַרויס געוווּסט, אַז פון דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען, האָט אים דערדאָזיקער שמועס פאָרט עטוואָס באַרויקט. דער עיקר, ער האָט דערפילט, אַז ער האָט מחמת דער אויפרעגונג מגזם געווען די סכנה.

ער איז אפנים געגאַנגען זעען זיך מיט איר? דאָס איז אפילו נישט מעגלעך. ער איז פשוט געגאַנגען שפּאַצירן איבערן סאָד, און זי איז צופעליק אַרויסגעלאָפן פון דאָרט.

## XIV.

אין דעם זעלבן טאָג פון טראָיצע נאָך מיטאָג האָט ליזע, שפּאַצירנדיק אין סאָד און אַרויסגייענדיק פונדאַנען אויף דער לאָנקע, וווּהין דער מאַן האָט זי אַוועקגעפירט באַווייזן די קאָניטשינע, אַריבערגייענדיק איבער אַ קליינעם גראָבן, זיך אַ גליטש געטון און איז אַנידערגעפאַלן. זי איז געפאַלן ווייך אויף דער זייט; זי האָט אָבער אַן אָכצע געטון, און דער מאַן האָט בּאַ איר אין פּנים דערזעען מער נישט ווי מורא, אָבער נישט קיין ווייטיק. ער האָט זי געוואָלט אויפהייבן, נאָר זי האָט אָפּגעשטופּט זיין האַנט.

— ניין, וואַרט אַ ביסל, יעווגעני, — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק, און פון אונטן אַרויף, ווי אים האָט אויסגעוויזן, מיט אַ שולדיקן אויסזעען געקוקט אויף אים. — פּשוט אונטערגעבויגן אַ פוס.

— איך זאָג דאָך שטענדיק, — האָט װאַרװאַרא אַלעקסעיעװנאַ גענומען רעדן, — מען מעג אַפּנים אין אַזאַ לאַגע שפּרינגען איבער גראָבנס?

— אָבער ניין, מאַמע, ס'איז גאָרנישט. איך װעל באַלד אױפשטײן.

— זי איז אױפגעשטאַנען מיט דעם מאַנס הילף, אָבער אין דער זעלבער רגע איז זי בלאַס געװאָרן און אין איר געזיכט האָט זיך באַװיזן פּחד.

— יאָ, מיר איז נישט גוט, — און זי האָט עפּעס אַ שעפּטשע געטון דער מוטער.

— אַך, גאָט מײַנער, װאָס מען האָט דאָ אָפּגעטון! איך האָב געזאָגט, מען דאַרף נישט גײן! — האָט װאַרװאַרא אַלעקסעיעװנאַ געשריגן. — װאַרט, איך װעל שיקן מענטשן. זי טאָר נישט גײן. מען דאַרף זי אַריבערטראָגן.

— דו האָסט נישט מורא, ליזע? איך װעל דיך אַריבערטראָגן, — האָט יעװגעני געזאָגט, אַרומכאַפּנדיק זי מיט דער לינקער האַנט. — נעם מיר אַרום דעם האַלז. אָט אַזױ.

און אָנגעבױגן זיך, האָט ער זי אַרומגעכאַפּט אונטער די פיס מיט דער רעכטער האַנט און אױפגעהױבן. — ער האָט קײנמאָל נאָכדעם נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם דאָזיקן יסורימדיקן און צוזאַמען גליקלעכן אױסדרוק, װאָס איז געװען אױף איר פּנים.

— דיר איז שװער, ליבער, — האָט זי געזאָגט שמײכלענדיק. — און די מאַמע לױפט, זאָג איר!

און זי האָט זיך אָנגעבױגן צום מאַן און אַ קוש געטון אים.

איר האָט זיך באַשײנפּערלעך געװאָלט, אַז די מאַמע זאָל אױך זען, װי ער טראָגט זי.

יעװגעני האָט אַ געשרײ געטון צו װאַרװאַרא אַלעקסעיעװנאַ, זי זאָל זיך נישט אײַלן, אַז ער װעט דערטראָגן. װאַרװאַרא אַלעקסעיעװנאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען שרײען נאָך שטאַרקער.

— זי װעט בײַ דיר אַרױספאַלן, אַנדערש נישט װי אַרױספאַלן. דו װילסט זי פּטרן. דו האָסט קײן געװיסן נישט!

— איך טראָג דאָך אױסגעצײכנט.

— איך װיל נישט, איך קאָן נישט צוזען, װי דו פּײניקסט מײַן טאָכטער, — און זי איז אַנטלאָפן הינטערן ראָג פון דער אַלעע.

— נישקשה, דאָס וועט אַריבערגיין, — האָט ליזע געזאָגט, שמייכלענדיק.

— עס זאָלן נאָר נישט זיין קיין רעוואָלטאַטן, ווי יענץ מאָל.

— ניין, איך רעד נישט וועגן דעם. דאָס איז גאָרנישט, איך רעד וועגן דער מאַמאַ. דו ביסט מיד, רו אָפּ.

נאָר כאָטש אים איז געווען שווער, האָט ער מיט שטאָלצער פרייד דערטראָגן זיין משא ביז דער שטוב און האָט זי נישט איבערגעגעבן דעם שטוב־מיידל און דעם קוכער, וועלכע וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ האָט געפונען און אַרויסגעשיקט אַנטקעגן. ער האָט זי געבראַכט צו טראָגן אין שלאָפצימער און אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

— נו, גיי איצט, — האָט זי געזאָגט, און, צוגעצויגן צו זיך זיין האַנט, אַ קוש געטון זי. — איך מיט אַנעלען וועלן זיך שוין אַן עצה געבן.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז אויך געקומען צו לויפן פון פליגל. מ׳האָט ליזען אויסגעטון און אַריינגעלייגט אין בעט. יעווגעני איז געזעסן אין זאַל פאַר געסט מיט אַ בוך אין האַנט, וואַרטנדיק. וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ איז פאַרביי אים פאַרבייגעגאַנגען מיט אַזאַ פאָרוואָרפנדיק פינצטער פנים, אַז עס איז געוואָרן שרעקלעך.

— נו, וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס? וואָס איז דאָ נאָך פאַראַן צו פרעגן? דאָס גופא, וואָס איר האָט אפנים געוואָלט, לאָזנדיק דאָס ווייב שפרינגען איבער גראָבס.

— וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ! — האָט ער אַ געשריי געטון. — דאָס איז אומדערטרעגלעך. אויב איר ווילט פייניקן מענטשן און פאַרסמען זיי דאָס לעבן — ער האָט געוואָלט זאָגן: טאָ פאָרט אייך אַוועק ערגעץ אַנדערש — נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. — ווי טוט עס אייך נישט וויי?

— איצט איז שפּעט.

און זי האָט זיגעריש אַ טרייסל געטון מיטן טשעפּיק און איז אַרויס דורך דער טיר.

דער פאַל איז ווירקלעך געווען אַ שלעכטער. דער פוס האָט זיך אומגעשיקט אויסגעדרייט און ס׳איז געווען אַ סכנה, טאָמער וועט ווידעראַמאָל זיין אַ מפּיל. אַלע האָבן געוווּסט, אַז טון קאָן מען גאָרנישט, אַז

מען דאַרף נאָר ליגן רויק, נאָר פונדעסטוועגן האָט מען באַשלאָסן שיקן נאָך אַ דאָקטאָר.

„פילגעאַכטער ניקאָלאַי סעמיאָנאָוויטש, — האָט יעווגעני אָנגעשריבן צו דעם דאָקטאָר. — איר זענט אַלע מאָל אַזוי גוט געווען צו אונז, אַז איך האָף, איר וועט זיך נישט אַנטזאָגן אַרויסצופאָרן העלפן מיין ווייב. זי איז אין...״ א. אז. וו. — אָנגעשריבן דעם בריוו, איז ער אַוועק אין פערדשטאַל פאַראָרדנען וועגן פערד און אַ וואָגן. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן איין פאָר פערד, כדי צו ברענגען, די צווייטע — כדי אָפּצופירן. ווו די ווירטשאַפט איז נישט ברייט אַוועקגעשטעלט, קאָן מען עס נישט אַלץ אַזוי שנעל איינאָרדענען, און מען דאַרף אַלץ באַטראַכטן. איינגעאָרדנט אַלץ אַליין און אַרויסגעשיקט דעם קוטשער, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים צען דעם זייגער. דאָס ווייב איז געלעגן און האָט געזאָגט, אַז עס איז איר גוט, און ס'טוט איר גאָרנישט וויי; אָבער וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ איז געזעסן בײַ דעם לאָמפּ, וועלכער איז געווען פאַרשטעלט פון ליזען מיט נאָטן, און האָט געשטריקט אַ גרויסע רויטע קאָלדרע מיט אַזאַ אויסזעען, וועלכער האָט קלאָר געזאָגט, אַז נאָך דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען — קאָן שוין קיין שלום נישט זיין. און וואָס ווער עס זאָל נישט טון, איך, לפּחות, האָב מיין חוב דערפילט.

יעווגעני האָט עס געזען, אָבער כדי צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער באַמערקט גאָרנישט, האָט ער זיך באַמיט צו האָבן אַ פריילעכן אויסזען, האָט דערציילט, ווי ער האָט אויסגעריכט די פערד און ווי די קליאַטשע קאַוושקע איז גרויסאַרטיק אַוועק צוגעשפּאַנט אויף דער לינקער זייט.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, ס'איז סאַמע די צייט איינצוגעוויינען פערד צום שפּאַן איצט, ווען מען דאַרף הילף. זיי וועלן אוודאי דעם דאָקטאָר אויך אַריינוואַרפן אין אַ קאַנאַווע, — האָט געזאָגט וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ, קוקנדיק פון אונטער די פענסנע אויף דעם שטריקעכץ, צורוקנדיק עס סאַמע צו דעם לאָמפּ.

— מען האָט דאָך געדאַרפט ווי נישט איז שיקן. און איך האָב געטון ווי בעסער.

— יאָ, איך געדענק זייער גוט, ווי אײַערע פערד האָבן מיך געטראָגן אונטערן צוג.

דאָס איז געווען אַן אַלטע מעשה, וואָס זי האָט אויסגעטראַכט, און

איצט איז יעווגעני געווען אַזוי נישט פּאַרזיכטיק, אַז ער האָט געזאָגט, אַז די מעשה איז נישט אינגאַנצן אַזוי געווען.

— נישט אומזיסט זאָג איך אַלע מאָל, און האָב דעם פירשט וויפיל מאָל געזאָגט, אַז שווערער פאַר אַלץ איז צו זיין מענטשן נישט קיין וואָרהאַפטיקע, נישט קיין אויפריכטיקע; אַלץ וועל איך איבערטראָגן, נאָר נישט דאָס.

— אָבער אויב ס'איז פאַראַן אַזאַ, וואָס אים טוט עס מער פאַר אַלעמען וויי, איז עס שוין זיכער איך, -- האָט יעווגעני געזאָגט.

— יאָ, מ'זעט עס דאָך.

— וואָס ?

— גאָרנישט, איך צייל די שלענגלעך.

יעווגעני איז דאַן געשטאַנען לעבן בעט, און ליזע האָט אויף אים געקוקט און מיט איינער פון אירע פייכטע הענט, וואָס זענען געלעגן אַריבער דער קאָלדרע, האָט זי געכאַפּט זיין האַנט און אַ דרוק געטון. „פאַרלייד זי פונמיינעטוועגן. זי וועט דאָך אונז נישט שטערן צו ליבן איינער דעם צווייטן”, האָט גערעדט איר בליק.

— מער נישט, ס'איז ריכטיק, — האָט ער אַ שעפּטשע געטון און געגעבן אַ קוש אין איר פייכטער לאַנגער האַנט און נאָכדעם אין די ליבע אויגן, וועלכע האָבן זיך פאַרמאַכט, בשעת ער האָט זיי געקושט.

— אפשר ווידער אַמאָל דאָסזעלביקע ? — האָט ער געזאָגט. — ווי פילסטו ?

— ס'איז שרעקלעך צו זאָגן, כדי קיין טעות נישט צו האָבן, נאָר באַ מיר איז אַזאַ געפיל, אַז ער לעבט און וועט לעבן, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף איר בויך.

— אָך, ס'איז אַ שרעק אַ טראַכט צו טון.

נישט געקוקט וואָס ליזע איז צוגעשטאַנען, ער זאָל אַוועקגיין, האָט יעווגעני די נאַכט פאַרבראַכט מיט איר, שלאָפנדיק בלויז מיט איין אויג און גרייט צו דינען איר. נאָר די נאַכט האָט זי פאַרבראַכט גוט, און ווען מען וואָלט נישט געהאַט געשיקט נאָכן דאָקטאָר, וואָלט זי, קאָן זיין, גאָר אויפגעשטאַנען.

צו מיטאָג איז געקומען צו פאָרן דער דאָקטאָר און, פאַרשטייט זיך, ער האָט געזאָגט, אַז הגם רעצידיווע דערשיינונגען וואָלטן געקאָנט אַרויסרופן אַ מורא פאַר אַ סכנה, נאָר אייגנטלעך קיין פּאָזיטיווע אָנווייזונגען זענען נישטאָ. אָבער היות ווי עס זענען אויך קיין קעגנזעצלעכע

נישטאָ, קאָן מען דעריבער פון איין זייט אויסרעכענען, און פון דער צווייַ־
טער זייט קאָן מען אויך רעכענען. על כן דאַרף מען ליגן, און כאָטש איך
האָב נישט ליב צו פאַרשרייבן קיין רעצעפּטן, פונדעסטוועגן זאָל מען דאָס
איינעמען און ליגן. חוץ דעם האָט דער דאָקטאָר נאָך איבערגעלייענט
פאַר וואַרוואַרא אַלעקסעיעוונאַ אַ לעקציע וועגן דער אַנאַטאָמיע פון דער
פרוי, און דערביי האָט וואַרוואַרא אַלעקסעיעוונאַ באַדייטנדיק געשאָקלט
מיטן קאָפּ. באַקומען דעם האָנאָראַר ווי געוויינלעך אין דער סאַמע הינ־
טערשטער טייל פון דער דלאָניע, איז דער דאָקטאָר אַוועקגעפאָרן און די
פּאַציענטקע איז געבליבן ליגן אויף אַ וואָך.

# XV.

דעם גרעסטן טייל צייט האָט יעוועגני פאַרבראַכט לעבן בעט פון
דעם ווייב, האָט זי באַדינט, גערעדט מיט איר, געלייענט מיט איר, און,
וואָס עס איז שווערער פאַר אַלץ געווען, — ער האָט שווייגנדיק אַרי־
בערגעטראָגן וואַרוואַרא אַלעקסעיעוונעס אָנפאַלן, און פון דידאָזיקע אָנפאַלן
געקאָנט מאַכן אפילו אַן אָביעקט פון שפּאַס.

נאָר ער האָט נישט געקאָנט זיצן אין שטוב. ערשטנס, האָט אים
דאָס ווייב אַוועקגעשיקט, זאָגנדיק, אַז ער וועט קראַנק ווערן, אויב ער
וועט אַלץ זיצן מיט איר, און צווייטנס, איז די גאַנצעווירטשאַפט גע־
גאַנגען אַזוי, אַז אויף יעדן טריט האָט זיך געפאָדערט, ער זאָל זיין דערביי.
ער האָט נישט געקאָנט זיצן אין שטוב, נאָר ער איז געווען אין פעלד,
אין וואַלד, אין סאָד, אין שייער, און אומעטום האָט נישט בלויז דער
געדאַנק, נאָר סטעפּאַנידעס לעבעדיקע געשטאַלט אים פאַרפאָלגט אַזוי,
אַז ער האָט נאָר זעלטן אָן איר פאַרגעסן. אָבער דאָס וואָלט נאָך אַלץ
געווען צו דערליידן; ער וואָלט אפשר געקאָנט גובר זיין דאָסדאָזיקע
געפיל, נאָר ערגער פאַר אַלץ איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פריער
חדשימווייז געלעבט נישט זעענדיק זי, און איצט האָט ער זי כסדר געזעען
און באַגעגנט. זי האָט אפּנים פאַרשטאַנען, אַז ער וויל באַנייען די באַ־
ציונגען מיט איר, און זי האָט זיך געסטאַרעט צו קומען אים אויף די
אויגן. נישט ער, נישט זי האָבן גאָרנישט געזאָגט, און דעריבער זענען

נישט ער, נישט זי נישט געגאַנגען גלייך אויף אַ זעונג, נאָר זיי האָבן זיך געמיט צו טרעפן.

דאָס אָרט, וווּ מען וואָלט זיך געקאָנט טרעפן, דאָס איז געווען דער וואַלד, וווּהין די דאָרפישע ווייבער זענען געגאַנגען נאָך גראָז פאַר די קי. און יעווגעני האָט עס געוווסט. און ער פלעגט דעריבער יעדן טאָג גיין פאַרביי דעם וואַלד. יעדן טאָג האָט ער זיך געזאָגט, אַז ער וועט נישט גיין. און יעדער טאָג האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס ער פלעגט זיך אַוועקלאָזן צום וואַלד. און דערהערנדיק שטימען, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן הינטער אַ קוסט און אָן אַן אָטעם צוקוקן זיך, צי נישט זי איז עס.

צו וואָס איז אים נייטיק געווען צו וויסן, צי זי איז עס? ער האָט נישט געוווסט. ווען דאָס וואָלט געווען זי, און איינע אַליין, וואָלט ער נישט געגאַנגען צו איר, — אַזוי האָט ער געטראַכט, — ער וואָלט אַנטלאָפן. נאָר ער האָט זי געדאַרפט זעען. איינמאָל האָט ער זי באַגעגנט; בעת ער איז אַריין אין וואַלד, איז זי אַרויס פון דאָרט מיט אַנדערע צוויי פרויען און מיט אַ שווערן זאַק פול מיט גראָז אויפן רוקן. אַ ביסעלע פריער וואָלט ער זיך אפשר מיט איר באַגעגנט אין וואַלד. איצט אָבער איז פאַר איר אוממעגלעך געווען צוליב די אַנדערע פרויען אומצוקערן זיך צו אים אין וואַלד אַריין. אָבער נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער אוממעגלעכקייט, וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען, איז ער לאַנג געשטאַנען הינטער אַ קוסט פון ניס, ריזיקירנדיק צוצוציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די פויערטעס. פאַרשטייט זיך, זי האָט זיך נישט אומגעקערט, אָבער ער איז דאָ אַ לאַנגע צייט געשטאַנען. און, גאָט מיינער, מיט וואָס פאַר אַ פּראַכט זיין דמיון האָט זי פאַר אים געמאָלט. און דאָס איז געווען נישט איין מאָל, נאָר דאָס פינפטע, דאָס זעקסטע מאָל. און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער. קיינמאָל האָט זי אים נישט אויסגעוויזן אַזוי שיין. און נישט דווקא שיין; קיינמאָל האָט זי אַזוי פולשטענדיק נישט באַהערשט אים.

ער האָט געפילט, אַז ער פאַרלירט דעם ווילן איבער זיך, ער ווערט כמעט ווי משוגע. זיין שטרענגקייט צו זיך איז אויף קיין האָר נישט שוואַכער געוואָרן; פאַרקערט, ער האָט געזעען די גאַנצע מיאוסקייט פון זיינע פאַרלאַנגען, אפילו טאַטן, מחמת דאָס גיין זיינס איבערן וואַלד איז געווען אַ טאַט. ער האָט געוווסט, אַז עס קלעקט אים נאָר אָנצוזשטויסן זיך אויף איר ערגעץ נאָענט, אין דער פינצטער, אויב מ'קאָן, צורירן זיך

צו איר, וועט ער זיך אָפּגעבן זיין געפיל. ער האָט געוווּסט, אַז בלויז די בושה פאַר מענטשן, פאַר איר און פאַר זיך האַלט אים אָפּ. און ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט געזוכט באַדינגונגען, ביי וועלכע די בושה זאָל נישט זיין קענטיק — פינצטערניש, אָדער אַזאַ צוזאַמענשטויס, ביי וועלכער דידאָזיקע בושה זאָל פאַרטויבט ווערן דורך חיהשער תאווה. און דעריבער האָט ער געוווּסט, אַז ער איז אַן עקלהאַפטער פאַרברעכער, און ער האָט זיך פאַראַכט און געהאַסט מיט אַלע כוחות פון דער נשמה. ער האָט זיך געהאַסט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעגעבן; יעדן טאָג האָט ער געבעטן גאָט, ער זאָל אים שטאַרקן, מציל זיין פון אונטערגאַנג, יעדן טאָג האָט ער באַשלאָסן, אַז פון היינט אָן וועט ער קיין איינציקן טריט נישט מאַכן, וועט זיך אויף איר נישט אומקוקן, וועט זי פאַרגעסן. יעדן טאָג האָט ער צוגעטראַכט מיטלען, ווי אויסצולייזן צו ווערן פון דעמדאָזיקן נסיון, און ער האָט דידאָזיקע מיטלען אָנגעווענדט.

נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט.

איינס פון די מיטלען איז געווען כסדר באַשעפטיקט צו זיין; אַ צווייטס איז געווען אינטענסיווע פיזישע אַרבעט און תענית; דאָס דריטע איז געווען קלאָר פאָרשטעלן זיך די חרפּה, וועלכע וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ, ווען אַלע וועלן זיך וועגן דעם דערוויסן — דאָס ווייב, די שוויגער, די דינערשאַפט. ער האָט עס אַלץ געטון, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז מנצח, נאָר עס איז געקומען די צייט, האַלבער טאָג, די צייט פון די אַמאָליקע זעונגען, און די צייט, ווען ער האָט זי באַגעגנט מיטן גראָז, און ער פלעגט גיין אין וואַלד אַריין.

אַזוי זענען אַריבער פיינלעכע פינף טעג. ער האָט זי געזען נאָר פונדערווייטנס, אָבער ער איז זיך מיט איר קיינמאָל נישט צוזאַמענגעקומען.

# XVI.

ליזע האט זיך ביסלעכווייז פארריכט. זי איז ארומגעגאנגען און האט זיך באאומרויקט צוליב דער ענדערונג, וועלכע איז פארגעקומען אין איר מאן, און וועלכע זי האט נישט פארשטאנען.

ווארווארא אלעקסעיעווגא איז אויף א צייט אוועקגעפארן און פון פרעמדע איז צו גאסט געווען בלויז דער פעטער. מאריא פאוולאווגא איז, ווי אלע מאל, געווען אינדערהיים.

אין אזא האלב-מטורפדיקן צושטאנד האט זיך יעווגעני געפונען, ווען עס האבן זיך אנגעהויבן, ווי עס פאסירט אפט נאך די געוויטערן פון יוני, די יוני-חודשדיקע גאסרעגנס, וועלכע דויערן צוויי טעג נאכאנאנד. די רעגנס האבן אלעמען אפגעריסן פון דער ארבעט. אפילו מיסט האט מען אויפגעהערט פירן צוליב דער נאסקייט און דעם זומפ. דער עולם איז געזעסן אין די היימען. די פאסטוכער האבן זיך געפייניקט מיט די בהמות און לסוף האבן זיי געבראכט צו טרייבן אהיים. די קי און די שעפסן זענען ארומגעגאנגען אויף דער לאנקע און זענען זיך פונאנדערגעלאפן איבער די הויפן. פויערטעס, בארוועסע און פארדעקטע מיט טיכלעך זעגען, שלייענדערנדיק איבערן זומפ, געלאפן אויפזוכן די קי, וועלכע זענען זיך פונאנדערגעלאפן. טייכלעך זענען אומעטום געראנען איבער די וועגן. אלע בלעטער, דאס גאנצע גראז איז פול געווען מיט וואסער. פון די רינוועס האבן געפלייצט, נישט אנטשוויגן ווערנדיק, שטראמען אין די צעבלעזלטע קאלוזשעס. יעווגעני איז געזעסן אין שטוב מיט דעם ווייב, וועלכע איז היינט געווען באזונדער אומעטיק. זי האט עטלעכע מאל אויסגעפרעגט יעווגעניען וועגן דער סיבה פון זיין אומצופרידנהייט, ער האט מיט פארדראס געענטפערט, אז ס'איז גארנישט. און זי האט אויפגעהערט צו פרעגן, נאר זי האט געהאט צער.

זיי זענען נאך אנבייסן געזעסן אין זאל. דער פעטער האט דאס הונדערטסטע מאל דערציילט זיינע אויסגעטראכטע געשיכטעס וועגן זיינע גרויס-וועלטיקע באקאנטע. ליזע האט געשטריקט א קאפטעלע און האט געזיפצט, קלאגנדיק זיך אויפן וועטער און אויפן ווייטיק אין קרייץ. דער פעטער האט איר געראטן לייגן זיך, און פאר זיך האט ער געבעטן וויין.

אין שטוב איז יעווגעניין געווען שרעקלעך אומעטיק. אַלץ איז געווען שוואַכס, זיך נודענדיקס. ער האָט געלייענט אַ בוך און גערייכערט, נאָר ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— יאָ, מ׳דאַרף זיך דורכגיין אַ קוק טון אויף די ריבאַייזנס, מ׳האָט נעכטן געבראַכט צו פירן, — האָט ער געזאָגט. ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק.

— נעם זשע אַ שירם.

— ניין, איך האָב אַ לעדערן מאַנטל. אגב גיי איך נאָר ביז די קאָך-קעסלען.

ער האָט אָנגעטון שטיוול, אַ לעדערן מאַנטל, און איז אַוועק צו דער פאַבריק. נאָר ער איז נישט אַדורך קיין צוואַנציק טריט, ערשט זי איז אים געקומען אַנטקעגן מיט אַ הויך איבער די ווייסע ליטקעס אונטער-געשטעקט קליידל. זי איז געגאַנגען, צוהאַלטנדיק מיט די הענט דעם שאַל, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרוויקלט דער קאָפּ און די אַקסלען.

— וואָס דאַרפסטו? — האָט ער געפרעגט, נישט דערקענענדיק זי אין דער ערשטער רגע. אַז ער האָט דערקענט, איז שוין געווען שפּעט.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און, שמייכלענדיק, האָט זי אויף אים אַ לאַנגן בליק געטון.

— דאָס קעלבל זוך איך. וווהין-זשע גייט איר עס, אין אַזאַ רעגן, — האָט זי געזאָגט, פּונקט ווי זי וואָלט אים יעדן טאָג געזען.

— קום אין בודע, — האָט ער פּלוצלינג, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי, געזאָגט. גלייך ווי עמעצער אַנדערש האָט פון אים אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער.

זי האָט פאַרביסן דאָס טיכל, צוגעשאָקלט מיט די אויגן און איז אַוועקגעלאָפן אַהין, וווהין זי איז געגאַנגען — אין סאָד צו דער בודע, און ער האָט פאָרגעזעצט זיין וועג מיט דעם מיין, פאַרקירעווען זיך הינ-טער דעם קוסט פון בעז און אויך גיין אַהינצו.

— פּריץ! — האָט ער דערהערט פון הינטן אַ שטים. — די פּריצהטע רופט, אויף איין רגעלע בעטן זיי אַריינקומען.

דאָס איז געווען מישע, זייער משרת.

„גאָט מיינער! דאָס צווייטע מאָל ביזטו מיך מציל“, — האָט יעווגעני אַ טראַכט געטון און תיכף זיך צוריקגעקערט. דאָס ווייב האָט

אים דערמאַנט, אַז ער האָט צוגעזאָגט מיטאָגצייט אָפּטראָגן אַ רפואה צו אַ קראַנקער פרוי, איז אָט האָט זי אים געבעטן געמען זי.

ביז מען האָט פאַרטיק געמאַכט די רפואה, איז אַריבער אַ מינוט פינף. דערנאָך, אַרויסגייענדיק מיט דער רפואה, האָט ער זיך נישט באַשלאָסן צו גיין אין דער בודע, כדי מען זאָל אים נישט דערזען פון שטוב. אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס פון דעם אָרט, וווּ מען האָט אים געקאָנט זען, האָט ער זיך גלייך פאַרקירעוועט און איז אַוועק צו דער בודע. אין זיין דמיון האָט ער זי שוין געזעען אינמיטן דער בודע, אַ פריילעך שמייכלענדיקע. אָבער זי איז שוין נישט געווען, און אין דער בודע איז גאָרנישט געווען אַזוינס, וואָס זאָל דערוויזן, אַז זי איז געווען. — ער האָט שוין אַ טראַכט געטון, אַז זי איז נישט געקומען און זי האָט נישט געהערט און האָט נישט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער. ער האָט זיי אויסגעבורטשעט אונטער דער נאָז, גלייך ווי מורא האָבנדיק, אַז זי זאָל זיי דערהערן, אָדער אפשר האָט זי גאָרנישט געוואָלט קומען. „און פונוואַנען-האָט ער זיך עס גענומען, אַז זי וועט זיך עס וואַרפן אים אויפן האַלז. זי האָט איר מאַן; נאָר איך איינער בין אַזאַ מנוול, וואָס איך האָב אַ ווייב, און אַ ווילדע, און איך לויף נאָך נאָך אַ פרעמדער". אַזוי האָט ער געטראַכט, זיצנדיק אין דער בודע, דורך וועלכע עס איז אין איין אָרט דורכגערינען און עס האָט געטריפט פון דעם שטרוי. „און סאַר אַ גליק וואָלט דאָס געווען, ווען זי וואָלט געקומען. אַליין דאָ אין רעגן. כאָטש איין מאָל ווידער אַרומנעמען זי, און נאָכדעם זאָל זיין וואָס עס וויל. אַך, יאָ", — האָט ער זיך דערמאַנט, — „אויב זי איז דאָ געווען, קאָן מען עס זעען נאָך די שפורן". ער האָט אַ קוק געטון אויף דער ערד פון דער אויסגעטרעטענער צו דער בודע סטעזשקע, וועלכע איז נישט פאַרוואַקסן געווען מיט גראָז, און אויף איר איז געווען אַ פרישער שפור פון אַ באָרוועסן פוס, וועלכער האָט זיך נאָך אפילו אַ גליטש געטון. „יאָ, זי איז געווען. נאָר איצט איז אַ סוף. גלייך, ווי איך וועל זי דערזען, גיי איך צו איר צו". ער איז לאַנג געזעסן אין דער בודע, און איז פון איר אַרויס אַן אויסגעמאַטערטער און אַ דערשלאָגענער. ער האָט אָפּגעטראָגן די רפואה, אומגעקערט זיך אַהיים און אַוועקגעלייגט זיך בײַ זיך אין צימער, וואַרטנדיק אויף מיטאָג.

## XVII.

פאר מיטאָג איז ליזע געקומען צו אים און, איבערטראַכטנדיק אַלץ, וואָס אזוינס זאָל קאָנען זיין די סיבה פון זיין אומצופרידנהייט, האָט זי צו אים גענומען רעדן, אז זי האָט מורא, אז אים איז נישט אָנגענעם, וואָס מען וויל זי פירן קיין מאָסקווע אויף קימפעט, און אז זי האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן דאָ, און זי וועט בשום אופן נישט פאָרן קיין מאָסקווע. ער האָט געוווסט, ווי זי האָט מורא געהאַט סיי פארן האָבן גופא, סיי אויך פאַר דעם, זי זאָל האָבן נישט קיין שיין קינד, און דעריבער האָט ער נישט געקאָנט נישט גערירט זיין, זעענדיק, ווי לייכט זי האָט אַלץ מקריב געווען אויס ליבשאַפט צו אים. ס'איז אַלץ געווען אזוי גוט פריידיק אין שטוב; נאָר אין זיין נשמה איז געווען שמוציק, מיאוס, שרעקלעך. דעם גאַנצן אָוונט האָט זיך יעווגעני געפייניקט דערמיט, וואָס ער האָט געוווסט, אז נישט געקוקט אויף זיין אויפריכטיקן עקל צו זיין שוואַכקייט, נישט געקוקט אויף דער פעסטער כוונה איבערצורייסן, וועט מאָרגן ווידער זיין דאָס זעלביקע.

— ניין, דאָס איז אוממעגלעך, — האָט ער זיך געזאָגט, ארומגייענדיק הין און צוריק איבער זיין צימער. — עס מוז דאָך פאָרט זיין עפּעס אַ מיטל קעגן דעם. גאָט מיינער! וואָס טוט מען?

עמעצער האָט אויפן אויסלענדישן שטייגער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ער האָט געוווסט, דאָס איז געווען דער פעטער. — אריין! — האָט ער געזאָגט.

דער פעטער איז געקומען מיטן אייגענעם ווילן אַלס אַ שליח פון ליזען.

— דו ווייסט, אַז באמת איך באַמערק אין דיר אַן ענדערונג, — האָט ער געזאָגט. — און איך פאַרשטיי, ווי דאָס פייניקט ליזען. איך פאַרשטיי, אַז דיר איז שווער איבערצולאָזן אַלץ, וואָס דאָ איז אָנגעהויבן און דעם גרויסאַרטיקן עסק. נאָר וואָס ווילסטו, que venx tu, איך וואָלט אייך געראָטן פאָרן. עס וועט רויקער זיין אי דיר, אי איר. און דו ווייסט — מיין עצה איז פאָרן קיין קרים. דער קלימאַט; אַן אקושער איז

דאָרט אַן אויסגעצייכנטער, און סאַמע אין ווייַנטרויבן-סעזאָן וועט איר אַרײַנפֿאַלן.

— פּעטערשי, — האָט יעווגעני פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן. איר וועט קאָנען היטן מיין סוד — אַ שרעקלעכער סוד פֿאַר מיר. אַ שענדלעכער סוד.

— וואָס רעדסטו, דו צווייפֿלסט דען אין מיר?

— פּעטערשי! איר קאָנט מיר העלפֿן. נישט וואָס העלפֿן, ראַטעווען מיך, — האָט יעווגעני געזאָגט. און דער געדאַנק וועגן דעם, אַז ער וועט אַנטפּלעקן זיין סוד פֿאַר דעם פּעטערשי, וועלכן ער האָט נישט געאַכט, דער געדאַנק וועגן דעם, אַז ער וועט זיך פֿאַר אים באַווייזן אין סאַמע נישט קיין פֿיינער שיין, וועט זיך דערנידעריקן פֿאַר אים, — איז אים געווען אָנגענעם. ער האָט זיך געפֿילט פֿאַר אַן עקלהאַפֿטן, שולדיקן, און אים האָט זיך געוואָלט באַשטראָפֿן זיך.

— רעד, מיין פֿריינט, דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב דיך ליב באַקומען, — האָט דער פּעטערשי געזאָגט, באַשיינפּערלעך זייער צופֿרידן אי דערמיט, וואָס עס איז פֿאַראַן אַ סוד, אי דערמיט, וואָס דער סוד איז אַ שענדלעכער, און וואָס דעמדאָזיקן סוד וועט מען אים דערציילן, און וואָס ער וועט קאָנען זיין נוצלעך.

— פֿריער פֿאַר אַלץ דאַרף איך זאָגן, אַז איך בין אַ מנוול און אַן אויסוואורף, אַ נידעריקער מענטש, בפּירוש אַ נידעריקער מענטש.

— אַט. וואָס רעדסטו, — האָט דער פּעטער אָנבלאָזנדיק זיך מיטן האַלז אָנגעהויבן.

— ווי אַזוי זשע נישט קיין מנוול. אַז איך, ליזעס מאַן, ליזעס! מ'דאַרף דאָך קאָנען איר ריינקייט, איר ליבע, אַז איך, איר מאַן, וויל איר פֿאַלש זיין מיט אַ פּויערטע.

— ס'הייסט, פֿאַרוואָס ווילסטו, דו ביסט איר נאָך נישט פֿאַלש געווען?

— יאָ, דאָס הייסט, אַלצאיינס, ווי געווען, מחמת דאָס האָט זיך נישט אָן מיר געווענדט, איך בין גרייט געווען. מען האָט מיר געשטערט, אַנישט וואָלט איך איצט... כ'וואָלט איצט. איך ווייס נישט, וואָס כ'וואָלט געטון.

— דערלויב-זשע, גיב מיר צו פֿאַרשטיין...

— אַט איז עס. בשעת איך בין געווען אַ בחור, האָב איך געהאַט

די נאַרישקייט אַריינצוטרעטן אין באַציונגען מיט אַ פרוי דאָ, פון אונ-זער דאָרף. ס'הייסט, איך פלעג מיך מיט איר טרעפן אין וואַלד, אין פעלד...

— און אַ שיינינקע?

יעווגעני האָט זיך אַ קרום געטון פון דערדאָזיקער פראַגע. אָבער אים איז אַזוי נייטיק געווען דידאָזיקע הילף, אַז ער האָט זיך געמאַכט פאַרמאַכט ער ניט געהערט די פראַגע און האָט ווייטער גערעדט.

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַזוי זיך, אַז איך וועל איבער-רייסן, ווען אַלץ וועט זיך ענדיקן. איך האָב טאַקע איבערגעריסן נאָך פאַר דער חתונה, און כמעט אַ יאָר האָב איך זי נישט געזען און נישט גע-הערט וועגן איר — יעווגעניען אַליין איז געווען משונה צו הערן, הערן די באַשרייבונג פון זיין צושטאַנד — נאָכדעם פּלוצלינג, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, — באמת, אַמאָל מוז מען אָנהייבן גלייבן אין כישוף, — האָב איך זי דערזען. און אַ וואָרעם איז מיר אַריינגעקראָכן אין האַרץ — נאָגט מיך. איך זידל מיך אַליין, פאַרשטייענדיק די גאַנצע אימה פון מיין טאָט, דאָס הייסט, פון דערפון, וואָס איך בין יעדע רגע גרייט צו טון, און איך גיי אַליין אויף דערויף, און אויב איך האָב עס נישט געטון, האָט מיך גאָט מציל געווען. נעכטן בין איך עס צו איר געגאַנגען, בעת ליזע האָט מיך געשיקט רופן.

— ווי, אין רעגן?

— אַז איך האָב מיך אויסגעמאַטערט, פעטערשי, און איך האָב באַ-שלאָסן אייך דערציילן און בעטן באַ אייך הילף.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, אין דעם אייגענעם גוט איז עס נישט פיין. מען וועט זיך דערוויסן. איך פאַרשטיי, אַז ליזע איז שוואַך, מען דאַרף אויף איר רחמנות האָבן. אָבער פאַרוואָס אין דעם אייגענעם גוט.

ווידער אַמאָל האָט יעווגעני זיך געמיט צו הערן דאָס, וואָס דער פעטערשי האָט גערעדט און איז גיכער צוגעטרעטן צו דעם תוך פון דער זאַך.

— ראַטעוועט מיך פון מיר אַליין. אָט וועגן וואָס איך בעט אייך. היינט האָט מען צופעליק געשטערט, אָבער מאָרגן, צי אַנדערש מאָל, וועט מען מיר נישט שטערן. און זי ווייסט איצט. לאָזט מיך נישט אַליין.

— יאָ, ס'קאָן זיין, — האָט דער פעטער געזאָגט. — אָבער צי דען ביסטו אַזוי פאַרליבט?

— אַך, ס'איז גאָרנישט דאָס. דאָס איז נישט דאָס, עפּעס אַ קראַמפּ האָט מיך פאַרכאַפּט און האַלט מיך. איך ווייס נישט, וואָס צו טון, אפשר וועל איך שטאַרקער ווערן, דעמאָלט...

— נו, קומט דאָך טאַקע אַרויס, אַז איך בין גערעכט, — האָט דער פעטער געזאָגט, — לאָמיר פאָרן קיין קרים.

— יאָ, יאָ, לאָמיר פאָרן, און דערווייל וועל איך זיין מיט אייך, איך וועל אייך דערציילן.

## XVIII.

דאָס, וואָס יעווגעני האָט דעם פעטער פאַרטרויט זיין סוד, און דער עיקר די פּיין פון געוויסן און פון בושה, וואָס ער האָט איבערגעלעבט נאָך יענעם רעגנדיקן טאָג, האָט אים אויסגעניכטערט. די נסיעה קיין יאַל־טע איז באַשטימט געוואָרן אין אַ וואָך אַרום. אין דערדאָזיקער וואָך איז יעווגעני געפאָרן אין שטאָט קריגן געלט אויף דער רייזע, האָט זיצנדיק אין שטוב און אין קאַנטאָר געמאַכט פאַראָרדנונגען וועגן דערווירטשאַפט, ער איז ווידער געוואָרן פריילעך און נאָענט מיט דעם ווייב און האָט אָנ־געהויבן מאָראַליש אויפלעבן.

אַזוי איז ער, קיין איין מאָל נאָך יענעם רעגנדיקן טאָג, נישט זעענ־דיק סטעפּאַנידען, אַוועקגעפאָרן מיט דעם ווייב קיין קרים. אין קרים האָבן זיי גרויסאַרטיק פאַרבראַכט צוויי חדשים. יעווגעני האָט געהאַט אַזוי פיל נייע איינדריקן, אַז אַלץ, וואָס עס איז געווען פריער, איז, דאַכט זיך, אינגאַנצן אויסגעמעקט געוואָרן פון זיין זכרון. אין קרים האָבן זיי באַ־געגנט אַמאָליקע באַקאַנטע און זענען מיט זיי באַזונדער נאָענט געוואָרן, חוצדעם האָבן זיי געמאַכט נייע באַקאַנטשאַפטן. דאָס לעבן אין קרים איז פאַר יעווגענין געווען אַ פּסדרדיקער יום־טוב, און חוצדעם איז עס נאָך פאַר אים געווען באַלערנעוודיק און נוצלעך. זיי זענען דאָרט נאָענט גע־וואָרן מיט דעם געוועזענעם גובערניאַלן מאַרשאַלעק פון זייער גובערניע טאַקע, מיט אַ קלוגן, ליבעראַלן מענטש, וועלכער האָט יעווגענין ליב געקריגן און האָט אים אויסגעבילדעט און צוגעצויגן אויף זיין זייט. סוף

אויגוסט האָט ליזע געבוירן אַ פּראַכטפולן געזונט מיידעלע און געבוירן אום־
גערעכטערהייט זייער לייכט.

אין סעפּטעמבער זענען די אירטיעניעווס געפאָרן אַהיים שוין זאַל־
בעפערט מיטן קינד און מיט אַן אַם, ווייל ליזע האָט נישט געקאָנט זייגן
דאָס קינד. פולקאָם פריי פון די פריערדיקע שרעקן, האָט זיך יעווגעני
אומגעקערט אַהיים, אינגאַנצן אַ נייער און גליקלעכער מענטש. איבערגע־
לעבט דאָס אַלץ, וואָס עס לעבן איבער מענער, בעת די ווייבער גייען צו
קינד, האָט ער נאָך שטאַרקער ליב געקריגן דאָס ווייב. דאָס געפיל צום
קינד, בעת ער האָט עס גענומען אויף די הענט, איז געווען אַ קאָמיש,
אַ נייעס, זייער אַן אַנגענעמס, גלייך ווי אַ קיצלדיק געפיל. — נאָך איז
געווען ביי אין זיין איצטיק לעבן דאָס, וואָס אויסער דער באַשעפטיקונג
מיט דער ווירטשאַפט, איז אין זיין נשמה, אַ דאַנק דער דערנענטערונג
מיט דומטשינען (דער געוועזענער מאַרשאַלעק), אַנטשטאַנען אַ נייער אינ־
טערעס פאַר דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, טיילווייז צוליב ערגייץ, טיילווייז
צוליב דעם באַוווסטזיין פונם חוב. אין אָקטאָבער האָט געזאָלט פאָרקומען
אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט אים געזאָלט אויסוויילן.
צוריקגעקערט זיך אַהיים, איז ער איינמאָל געפאָרן אין שטאָט אַריין, אַ
צווייט מאָל צו דומטשינען.

וועגן די פּיינען פון דעם נסיון און וועגן דעם קאַמף האָט ער אפילו
פאַרגעסן צו טראַכטן, און ער האָט זיי קוים מיט מי געקאָנט ווידער אויפ־
שטעלן אין זיין דמיון. דאָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט ווי עפּעס אַ מין
אַטאַק פון משוגעת, וואָס האָט אים באַהערשט.

אין אַזאַ מאָס האָט ער זיך איצט געפילט פריי דערפון, אַז ער האָט
אפילו קיין מורא נישט געהאַט צו פרעגן בײַ דעם עקאָנאָם דאָס ערשטע
מאָל, ווען זיי זענען געבליבן אַליין:

— איז ווי, פּעטשניקאָוו סידאָר לעבט נאָך אַלץ נישט אינדערהיים? —
האָט ער געפרעגט.

— ניין, אַלץ אין שטאָט.

— און זיין באַבע?

— עט, אַ פּוסט ווייבל! איצט דרייט זי זיך אַרום מיט זינאָוועיען.
גאָר אינגאַנצן אַראָפּ פון וועג.

„מילא, איז אויסגעצייכנט, — האָט יעווגעני אַ טראַכט געטון. —
ווי ווונדערלעך אַלץ איינס מיר איז, און ווי איך האָב מיך גע־
ענדערט“.

# XIX.

ס'איז געשעען דאָס, וואָס יעווגעני האָט פאַרלאַנגט, דאָס גוט איז געבליבן בײַ אים, די פאַבריק איז געגאַנגען, דאָס געדרעטעניש פון די בוראַקעס איז געווען גרויסאַרטיק, און מען האָט געוואַרט אויף גרויסע הכנסה; דאָס ווייב האָט בשלום געבוירן, און די שוויגער איז אַוועקגעפאָרן. און אים האָט מען אויסגעווײַלט אײַנשטימיק.

יעווגעני האָט זיך נאָך די וואַלן אומגעקערט אַהיים פון שטאָט. מען האָט אים אָפּגעגעבן מזל-טוב, ער האָט געדאַרפט אָפּדאַנקען. און ער האָט געגעסן מיטאָג און אויסגעטרונקען אַ באָקאַל פינף שאַמפּאַניער. גאַר נײַע לעבנס-פּלענער האָבן זיך פאַר אים איצט פאָרגעשטעלט. ער איז געפאָרן אַהיים און האָט געטראַכט וועגן זיי. ס'איז געווען אַ שיינע שפּעט-האַרבסט-צײַט. אַ גוטער וועג, אַ העלע זון. צופאָרנדיק צו דער היים, האָט יעווגעני געטראַכט וועגן דעם, ווי ער וועט צוליב דערדאָזיקער וויילונג פאַרנעמען אין פאָלק פונקט יענע לאַגע, וועגן וועלכער ער האָט אַלע מאָל געטרוימט, ד. ה. אַזאַ, בײַ וועלכער ער וועט זײַן אימשטאַנד צו דינען אים נישט בלויז מיט דער פּראָדוקציע, וועלכע עס גיט אַרבעט, נאָר מיט דירעקטער השפּעה. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אין דריי יאָר אַרום וועלן וועגן אים רעדן זײַנע אייגענע און פרעמדע פּויערים. „אָט דער אויך", האָט ער געטראַכט, דורכפאָרנדיק בשעת מעשה איבערן דאָרף און קוקנדיק אויף דעם פּויער און אויף דער פּויערטע, וועלכע זענען אים געגאַנגען קווער איבער דעם וועג מיט אַ פולן צעבער. זיי זענען געבליבן שטיין, דורכלאָזנדיק דעם וואָגן. דער פּויער איז געווען דער אַלטער פּעטשניקאָוו, די פּויערטע איז געווען סטעפּאַנידע. יעווגעני האָט אויף איר אַ בליק געטון, דערקענט זי און מיט פרייד דערפילט, אַז ער איז געבליבן פולקאָם רויק. זי איז געווען אַלץ אַזוי חנוודיק, אָבער דאָס האָט אים גאָרנישט גערירט. ער איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. דאָס ווייב האָט באַגעגנט אויפן גאַניק. ס'איז געווען אַ ווונדערלעכער אָוונט.

— נו וואָס, מען קאָן אָפּגעבן מזל טוב? — האָט געזאָגט דער פעטערשי.

— יאָ, אויסגעהיילט.

— נו, איז גוט. מען דאַרף אָפּנעמען.

אויפן צווייטן פרימאָרגן איז יעוגעני אַוועקגעפאָרן וועגן דער ווירטשאַפט, וועלכע ער האָט פאַרלאָזט. אויפן כוטער האָט געאַרבעט אַ נייע דרעש־מאַשין. באַטראַכטנדיק איר אַרבעט, איז יעוגעני אַרומגעגאַנגען צווישן די פויערטעס, באַמיענדיק זיך נישט צו באַמערקן זיי. אָבער ווי ער האָט זיך נישט געמיט, האָט ער פאַרט צווי מאָל באַמערקט די שוואַרצע אויגן און דאָס רויטע טיכל סטעפּאַנידעס, וועלכע האָט געטראָגן שטרוי. אַ פּאָר מאָל האָט ער אויף איר קרום אַ בליק געטון, און ער האָט דערפילט, אַז עס איז עפּעס ווידער, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג. ערשט אויפן צווייטן טאָג, ווען ער איז ווידער געפאָרן אין שייער אויפן כוטער און האָט דאָרט אינגאַנצן אומזיסט פאַרבראַכט צוויי שעה, נישט אויפהערנדיק צו לאַשטשען מיט די אויגן דאָס באַקעטע שיינע געשטאַלט פון דער יונגער פרוי, האָט ער דערפילט, אַז ער איז פאַרלוירן, פאַרלוירן אינגאַנצן, אויף אייביק. ווידעראַמאָל דידאָזיקע יסורים, ווידעראַמאָל אינגאַנצן דידאָזיקע אימה און מורא. און נישטאָ קיין רעטונג.

---

דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט, איז טאַקע מיט אים געשען. אויפן צווייטן טאָג אינאָוונט איז ער, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי, געווען שוין לעבן איר הינטערהויף, אַנטקעגן איר היי־שפּייכלער, ווו זיי האָבן איינמאָל אין האַרבסט געהאַט אַ זעונג. ער האָט זיך כלומרשט שפּאַצירנדיק דאָ אָפּגעשטעלט, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס. אַ פויערטע, אַ שכנה האָט אים דערזען, און גייענדיק צוריק, האָט ער געהערט, ווי זי רעדט צו עמעצן: „גיי, ער וואַרט, לאָמיך אַזוי לעבן, ער שטייט. גיי, נאַר!"

ער האָט געזען, ווי אַ פויערטע — זי — איז אַוועקגעלאָפן צום שפּייכלער, אָבער ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט אומקערן, ווייל עס האָט אים באַגעגנט אַ פויער, און ער איז אַוועק אַהיים.

# XX.

ווען ער איז אַריין אין זאַל, האָט אים אַלץ אויסגעזעהן ווילד און נישט נאַטירליך. אינדערפרי איז ער נאָך אויפגעשטאַנען אַ לעבעדיקער מיט אַ באַשלוס אַוועקצוװאַרפן, פאַרגעסן, נישט דערלויבן זיך צו טראַכטן. אָבער אַליין נישט באַמערקנדיק ווי אַזוי, האָט ער דעם גאַנצן פרימאָרגן נישט נאָר נישט אינטערעסירט זיך מיט די געשעפטן, נאָר ער האָט זיך געמיט פון זיי פטור צו ווערן. דאָס, וואָס עס איז פריער געווען וויכטיק, האָט אים געפרייט, איז איצט געוועזן נישטיק. ער האָט זיך אומבאַוווסטזיניק געמיט צו באַפרייען זיך פון די געשעפטן. אים האָט אויסגעוויזן, אַז מען דאַרף זיך באַפרייען, כדי צו באַרעכענען, אַרומצוטראַכטן. און ער האָט זיך באַפרייט און איז פאַרבליבן איינער אַליין. אָבער ווי נאָר ער איז פאַרבליבן איינער אַליין, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַרומבלאָנדזשען איבערן סאָד, איבערן וואַלד. און די אַלע ערטער זענען געווען פאַראומרייניקט מיט דערינערונגען, וועלכע פאַרכאַפּן אים. און ער האָט דערפילט, אַז ער גייט אַרום אין סאָד און זאָגט זיך, אַז ער באַטראַכט עפּעס, אָבער ער באַטראַכט גאָרנישט, נאָר ער וואַרט גאָר אויף איר משוגענערוויז, אומבאַוווסטזיניק, ער וואַרט דערויף, אַז זי זאָל דורך עפּעס אַ נס פאַרשטיין, ווי ער פאַרלאַנגט זי, און זי זאָל נעמען און קומען אַהער, אָדער ערגעץ אַהין, וווּ קיינער וועט נישט זעען, אָדער בײַ דער נאַכט, ווען עס וועט נישט זיין קיין לבנה, און קיינער, אפילו זי אַליין, וועט נישט זעען, אין אַזאַ נאַכט זאָל זי קומען, און ער וועט באַרירן איר קערפּער...

„יאָ, אָט האָסטו איבערגעריסן, ווען ס'האָט זיך פאַרוואָלט. — האָט ער זיך געזאָגט. — יאָ, אָט ביסטו זיך פון געזונט וועגן צונויפגעקומען זיך מיט אַ ריינער געזונטער פרוי! ניין, אפנים אַז מען קאָן אַזוי מיט איר נישט שפּילן. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב זי גענומען, אָבער זי האָט מיך גענומען, גענומען און נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב דאָך געמיינט, אַז איך בין פריי, אָבער איך בין נישט געווען פריי. איך האָב זיך גענאַרט, ווען איך האָב חתונה געהאַט. דאָס איז אַלץ געווען ליגנט, פאַלש. זינט איך בין מיך מיט איר צונויפגעקומען, האָב איך דערשפּירט

א נײ געפיל, דאָס עכטע געפיל פון א מאַן. יאָ, איך האָב געדאַרפט לעבן מיט איר.

„יאָ, צװײ לעבנס זענען פאַר מיר מעגלעך: אײנס, װאָס איך האָב אָנגעהױבן מיט ליזען; דינסט, װירטשאַפט, קינד, אַכטונג מצד מענטשן. אויב ס'דאַזיקע לעבן, דאַרף מען, אַז זי, סטעפאַנידע, זאָל נישט זײן. מען דאַרף זי אַװעקשיקן, װי איך האָב געזאָגט, אָדער פאַרניכטן, אַז זי זאָל נישט זײן. און דאָס צװײטע לעבן — דאָס איז דאָ גופא. אָפּנעמען זי בײַ דעם מאַן, געבן אים געלט, פאַרגעסן חרפּה און בושה און לעבן מיט איר. אָבער דעמאָלט דאַרף מען, אַז ליזע זאָל נישט זײן, און מימי אויך (דאָס קינד). נײן, אדרבא, דאָס קינד שטערט נישט, נאָר ליזע זאָל נישט זײן, זי זאָל אַװעקפאָרן. זי זאָל זיך דערװיסן, פאַרשעלטן און אַװעקפאָרן. זי זאָל זיך דערװיסן, אַז איך האָב זי פאַרביטן אויף אַ פּויערטע, אַז איך בין אַ פאַלשער, אַן אויסװורף. נײן, דאָס איז צו שרעקלעך! דאָס איז אוממעגלעך. יאָ, אָבער עס קאָן אויך אַזױ זײן, — האָט ער װײטער געטראַכט, — עס קאָן זײן אַזױ. ליזע װעט קראַנק װערן און װעט שטאַרבן. זי װעט שטאַרבן, און דעמאָלט װעט אַלץ גוט זײן.

„גוט. אַ, מנוול. נײן, אויב שױן שטאַרבן, איז יענע. אַז זי װאָלט געשטאָרבן, סטעפאַנידע, װי גוט עס װאָלט געװען.

„יאָ, אָט װי אַזױ מען סמט אָדער מען הרגעט װײבער און געליבטע. נעמען אַ רעװאָלװער און גײן אַרױסרופן, און אָנשטאָט אַרומנעמען זיך, אין האַרץ אַרײַן. און אַן עק.

„זי איז דאָך אַ שד. באמת אַ שד. זי באַהערשט דאָך מיך קעגן מײַן װילן.

„הרגענען? יאָ. נאָר צװײערלײ אויסגאַנגען: הרגענען דאָס װײב, אָדער זי. װײל לעבן אַזױ קאָן מען נישט.*) מען דאַרף די זאַך באַטראַכטן און פאַרױסזעען. אויב בלײבן אַזױ װי עס איז, טאָ װאָס װעט דען זײן?

„עס װעט זײן דאָס, װאָס איך װיל זיך װידער זאָגן, אַז איך װיל נישט, אַז איך װעל אויפהערן, נאָר איך װעל מער נישט װי זאָגן, און אינאָװנט װעל איך זײן אויף די הינטערהויפן, און זי װײסט, און זי װעט

*) פון דעם אָרט הײבט זיך אָן דער װאַריאַנט פון דעם סוף דערצײלונג. (רעד.)

קומען. און אָדער לייטן וועלן זיך דערוויסן און זאָגן דעם ווייב, אָדער איך וועל איר אַליין זאָגן, ווארים איך קאָן נישט זאָגן קיין ליגנט. איך קאָן אזוי נישט לעבן. איך קאָן נישט. מ'וועט זיך דערוויסן. אַלע וועלן זיך דערוויסן, אי פּאַראַשע, אי דער שמיד. נו, אדרבא, צי קאָן מען דען אזוי לעבן?

„מען קאָן נישט. נאָר צוויי ערליי אויסגאנגען: דאָס ווייב הרגענען, אָדער זי. און נאָך... אַך, יאָ, פאַראַן אַ דריטער: זיך הרגענען, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, און פּלוצלינג איז בּאַ אים אַ פּראָסט דורכגעלאָפן איבּער דער הויט... „יאָ, זיך. דעמאָלט דאַרף מען זיי נישט הרגענען". אים איז געוואָרן שרעקלעך, דווקא דערפאַר, וואָס ער האָט געפילט, אַז בלויז דערדאָזיקער אויסגאנג איז מעגלעך. — „אַ רעוואָלווער איז פאַראַן. צי דען וועל איך זיך טויטן. אָט וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, ווי מאָדנע דאָס וועט זיין".

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער און תּיכּף אויפגעעפנט די שאַפע, וווּ עס איז געווען דער רעוואָלווער. אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן אויפצועפענען אים, איז אַריין דאָס ווייב.

## XXI.

ער האָט אַרויפגעוואָרפן אַ צייטונג אויפן רעוואָלווער.

— ווידער דאָס זעלביקע? — האָט זי אַ דערשראָקענע געזאָגט. אַ קוק טוענדיק אויף אים.

— וואָס דאָס זעלביקע?

— דער זעלבער שרעקלעכער אויסדרוק, וואָס איז געווען פריער, ווען דו האָסט מיר נישט געוואָלט זאָגן. געניא, טייערער, זאָג מיר. איך זע, דו פּייניקסט זיך. זאָג מיר, דיר וועט לייכטער זיין. וואָס עס זאָל נישט זיין, אַלץ בעסער, איידער דידאָזיקע יסורים דיינע. איך ווייס דאָך, אַז קיין שלעכטע זאַך איז נישט פאַראַן.

— דו ווייסט? דערווייל.

— זאָג, זאָג, זאָג. איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן.

ער האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ קלאָגעדיקן שמייכל.

„זאָגן ? ניין, דאָס איז אוממעגלעך. — און אַז עס איז גאָר נישטאָ וואָס צו זאָגן".

אפשר וואָלט ער איר געזאָגט, אָבער בשעת מעשה איז אַריין די אַם, פּרעגנדיק, צי מעג מען גיין שפּאַצירן. ליזע איז אַרויסגעגאַנגען אָנטון דאָס קינד.

— וועסטו זאָגן. איך וועל באַלד קומען.

— יאָ, אפשר...

זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם שמייכל דעם יסורים־דיקן, מיט וועלכן ער האָט עס געזאָגט. זי איז אַרויס.

איילנדיק זיך, בגנבה, ווי אַ רויבער, האָט ער געכאַפּט דעם רעוואָלווער, אַרויסגענומען פון שיידל. „ער איז אָנגעלאָדן, יאָ, אָבער לאַנג שוין, און איין קויל פעלט".

„איז וואָס וועט זיין ?" ער האָט צוגעשטעלט צום שלייף, האָט זיך געכאַפּט אויף צוריק, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערמאַנט אָן סטעפּאַנידען, אָן דעם באַשלוס נישט צו זעען, אָן דעם קאַמף, דעם נסיון, דער מפּלה, ווידער אָן דעם קאַמף, האָט ער אַ ציטער געטון פון אימה. „ניין, בעסער דאָס". און האָט אָנגעדריקט.

ווען ליזע איז אַריינגעלאָפן אין צימער, — זי האָט נאָר וואָס באַוויזן אַראָפּצולאָזן זיך פונם באַלקאָן, — איז ער געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, שוואַרץ וואַרעם בלוט האָט געפלייצט פון דער וווּנד, און דער קערפּער האָט נאָך געציטערט.

ס'איז געווען אַן אויספאָרשונג. קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין און דערקלערן די סיבה פונם זעלבסטמאָרד. דעם פעטער איז אויפן זינען אפילו קיינמאָל נישט געקומען, אַז די סיבה זאָל האָבן עפּעס אַ שייכות מיט יענעם ווידוי, וואָס יעווגעני האָט פאַר אים געמאַכט מיט צוויי חדשים צוריק.

וואַרוואַראַ אַלעקסעיעווּנאַ האָט פאַרזיכערט, אַז זי האָט עס אַלע מאָל פאָרויסגעזאָגט. דאָס האָט זיך געזען, ווען ער פלעגט זיך אַמפּערן. ליזע און מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, ביידע האָבן בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואָס איז עס געקומען, און פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט געגלייבט, וואָס די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ גייסטיק קראַנקער. זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט מסכּים זיין דערמיט, מחמת זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז געווען מער באַם געזונטן פאַרשטאַנד, איידער הונדערטער אַנדערע מענטשן, וועלכע זיי האָבן געקענט.

און באמת, אויב יעווגעני איוואַניטש איז געווען אַ פּסיכיש קראַנקער, זענען אַלע מענטשן פּונקט אַזעלכע פּסיכיש קראַנקע. און פון פּסיכיש קראַנקע זענען אָן ספק אַזעלכע יענע, וועלכע עס זעען אין אַנדערע מענטשן די סימנים פון משוגעת, וועלכע זיי זעען נישט אין זיך.

10—19 נאָוועמבער 1889

יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ

## װאַריאַנט צום סוף פֿון דער דערציילונג „דער טיוול“

...האָט ער זיך געזאָגט און, צוגעגאַנגען צום טיש, האָט ער פֿון אים אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און, באַקוקט אים, — איין קויל האָט געפֿעלט — האָט ער אים אַריינגעלייגט אין דער הויזן-קעשענע.

— גאָט מיינער! וואָס טו איך! — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריגן און, צונויפֿגעלייגט די הענט, גענומען בעטן:

— גאָט, העלף מיר, דערלייז מיך. דו ווייסט, אַז איך וויל קיין שלעכטס נישט, נאָר איך קאָן נישט אַליין. העלף מיר, — האָט ער גערעדט, צלמענדיק זיך אַנטקעגן הייליקן בילד.

— איך קאָן זיך דאָך באַהערשן; לאָמיך גיין אַ ביסל שפּאַצירן און איך וועל מיך באַטראַכטן.

ער איז אַרויס אין פֿאָדערצימער, האָט אָנגעטון אַ קורץ פּעלצל, קאַלאָשן און איז אַרויס אויפֿן גאַניק. נישט באַמערקנדיק עס, האָבן זיך די טריט זיינע פֿאַרקירעוועט פֿאַרביי דעם סאָד איבערן פֿעלד-וועג צום כוטער. אויפֿן כוטער האָט נאָך געהודעט די דרעשמאַשין, און עס האָבן זיך געהערט די געשרייען פֿון די יינגלעך-אַנטרייבער. ער איז אַריין אין סנאָפּן שפּייכלער. זי איז דאָ געווען. ער האָט זי תּיכּף דערזען. זי האָט צונויפֿגעשאַרט דאָס שטרוי און, דערזעענדיק אים, האָט זי לאַכנדיק מיט די אויגן, אַ כוואַטסקע, אַ פֿריילעכע, אַ לויף געטון איבערן פֿונאַנדערגעוואָרפֿענעם שטרוי, געשיקט אָפּוואַרפֿנדיק עס אָן אַ זייט. יעווגעני האָט נישט געוואָלט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט נישט קוקן אויף איר. ער איז צו זיך געקומען ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט זיך שוין נישט געזען. דער עקאָנאָם האָט געמאָלדן, אַז איצט ענדיקט מען דרעשן די

צעפּריעטע, און אַז דערפֿאַר דוויערט לענגער. און דער אויסדרוק איז קנאַפּער. יעווגעני איז צוגעגאַנגען צו דעם דרעש־אויפֿנעמער, וועלכער האָט צייטנווייז געקלאַפּט, בעת מען האָט דורכגעלאָזט שלעכט צעשפּרייטע גאַרבן, און האָט געפֿרעגט בײַ דעם עקאָנאָם, צי איז פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע צעפּריעטע גאַרבן?

— אַ וועגן 5 וועט זײַן.

— איז אַט וואָס... — האָט יעווגעני אָנגעהויבן און האָט נישט געענדיקט רעדן. זי איז צוגעגאַנגען סאַמע צו דער מאַשין, אַרויסשאַרנדיק פֿון אונטער איר די זאַנגען און האָט אים אָפּגעבאַקט מיט איר לאַכנדיקן בליק.

זערדאַזיקער בליק האָט גערעדט וועגן פֿריילעכער זאָרגלאָזער ליבע צווישן זיי, וועגן דעם וואָס זי ווייסט, אַז ער פֿאַרלאַנגט זי, אַז ער איז געווען לעבן איר שפּייכלער, און אַז זי איז, ווי אַלע מאָל, גרייט צו לעבן און צו פֿרייען זיך מיט אים, נישט טראַכטנדיק וועגן קיין באַדינגונגען און רעזולטאַטן. יעווגעני האָט זיך דערפֿילט אין איר מאַכט, נאָר ער האָט זיך נישט געהאַלט אונטערגעבן.

ער האָט זיך דערמאַנט אָן זײַן תּפֿילה און האָט זיך געפּרוווט איבערחזרן זי. ער האָט זי גענומען זאָגן פֿאַר זיך, אָבער גלייך האָט ער דערפֿילט, אַז דאָס איז געווען אומזיסט. איין געדאַנק האָט אים איצט אײַנגעצן פֿאַרשלונגען: ווי קאָן מען איר אומבאַמערקט פֿאַר אַנדערע באַשטימען אַ זעונג?

— אויב מיר וועלן הײַנט ענדיקן, וועט איר באַפֿוילן אָנצוהייבן אַ נײַע קופּע, אָדער זאָל שוין זײַן ביז מאָרגן? — האָט דער עקאָנאָם געפֿרעגט.

— יאָ, יאָ, — האָט יעווגעני געענטפֿערט, אומגערן אָוועקלאָזנדיק זיך נאָך איר צו דער קופּע, צו וועלכער זי מיט נאָך אַן אַנדערער פֿויערטע האָבן צוגעשאַרט דאָס שטרוי.

„צי דען קאָן איך זיך נישט באַהערשן? — האָט ער זיך געזאָגט. — צי דען בין איך אַ פֿאַרפֿאַלענער? גאָט! אָבער עס איז קיין שום גאָט נישטאָ. עס איז פֿאַראַן אַ טײַוול, און דאָס איז זי. ער האָט מיך באַהערשט. און איך וויל נישט, כ׳וויל נישט, אַ טײַוול, יאָ, אַ טײַוול".

ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו איר, אַרויסגענומען פֿון קעשענע דעם

רעוואָלווער און איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל אויסגעשאָסן אין איר רוקן אַריין. זי האָט אַ לויף געטון און איז געפאַלן אויף דער קופּע.

— טאַטעלעך! לייבלעכע! וואָס איז דאָס? — האָבן די פּויערטעס געשריגן.

— ניין, איך האָב עס נישט אומגערן. איך האָב זי בכּיוון גע־הרגעט. — האָט יעווגעני געגומען שרייען. — שיקט נאָך פּאָליציי.

ער איז געקומען אַהיים און, גאָרנישט געזאָגט דעם ווייב, אַריין אין זיין קאַבינעט און זיך פאַרשפאַרט.

— גיי צו מיר נישט, — האָט ער געשריגן צו דעם ווייב דורך דער טיר. — דו וועסט זיך אַלץ דערוויסן.

אין אַ שעה אַרום האָט ער אָנגעקלונגען און דעם אַריינגעקומענעם לאָקיי געזאָגט: „גיי דערוויס דיך, צי לעבט סטעפּאַנידע“.

דער לאָקיי האָט שוין אַלץ געוווסט, און האָט געזאָגט, אַז זי איז געשטאָרבן אַן ערך מיט אַ שעה צוריק.

— נו, איז גוט. איצט לאָז מיך. אז עס וועט קומען די פּאָליציי און דער אויספאָרשונגס־ריכטער, זאָג מיר.

דער פאָרשטייער פון דער פּאָליציי און דער אויספאָרשער זענען געקומען אויף מאָרגן אינדערפרי, און יעווגעני איז, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט ווייב און קינד, אָפּגעפירט געוואָרן אין דער תּפיסה.

מען האָט אים געמשפּט. דאָס זענען געווען די ערשטע צייטן פון דעם געריכט מיט געשווירענע. און מען האָט אים אָנערקענט אַלס צייט־ווייליק פּסיכיש נישט נאָרמאַלן און פאַרמשפּט נאָר אויף קלויסטער־תּשובה.

ער האָט פאַרבראַכט אין תּפיסה ניין חדשים און אין קלויסטער אַ חודש.

ער האָט אָנגעהויבן טרינקען נאָך אין דער תּפיסה, האָט פאָרגעזעצט אין קלויסטער און האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ קראַנקער, אומפאַראַנט־וואָרטלעכער פאַר זיינע מעשׂים אַלקאָהאָליקער.

וואַרוואַראַ אַלעקסעיעווגאַ האָט פאַרזיכערט, אַז זי האָט עס אַלע מאָל פאָרויסגעזאָגט. דאָס האָט זיך געזען, ווען ער פלעגט זיך אַמפּערן. ליזע און מאַריאַ פּאַוולאָווגאַ ביידע האָבן בשום אופן נישט געקאָנט פאַר־שטיין, פון וואָס איז עס געקומען און פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט גע־גלייבט, וואָס די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ גייסטיק קראַנקער, אַ פּסיכאָפּאַט. זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט מסכּים זיין

דערמיט, מחמת זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז געווען מער באַם געזונטן פאַרשטאַנד, איידער הונדערטער אַנדערע מענטשן, וועלכע זיי האָבן געקענט.

און באמת, אויב יעוועני אירטיעניעוו איז געווען אַ פסיכיש קראַנ־קער בעת ער איז באַגאַנגען זיין פאַרברעכן, זענען אַלע מענטשן אויך פסיכיש קראַנקע, און די סאַמע פסיכיש קראַנקע זענען בלי ספק יענע, וועלכע זעען אין אַנדערע מענטשן די סימנים פון משוגעת, וועלכע זיי זעען נישט אין זיך.

# באַמערקונגען צו דער דערציילונג „דער טייוול"

1890—1889

דער נישט־ריינער מאַנוסקריפּט פון דער דערציילונג „דער טייוול" האָט נישט קיין קעפּל, עס איז נאָר פאַראַן אַ מראה מקום אויף דעם פּרק און אויף די פּסוקים פון דער עוואַנגעליע פון מתתיהו, וועלכע שטייען אַלס עפּיגראַף צו דער דערציילונג. דער נאָמען איז צוגעשריבן דורך ל. נ. טאָלסטאָיען שפּעטער אין דער קאָפּיע, וואָס וו. ג. טשערטקאָוו און אי. אי. גאָרבונאָוו האָבן געמאַכט פון דעם נישט־ריינעם כתב־יד. די דאַטעס, וועלכע זענען געמאַכט אין דעם כתב־יד — איינע אין אָנהייב אויף דעם טאָוול „10 נאָוועמבער 1889", און די צווייטע צום סוף — „19 נאָוועמבער 89", דערלויבן צו דערנענטערן דידאָזיקע דערציילונג מיט דעם ווערק, וואָס טאָלסטאָי רופט אין זיינע טאָגביכער „די געשיכטע פון פרעדיריקסן" (אָדער „פרידריכסן"): דעם 10־טן נאָוועמבער „נאָך מיטאָג גענומען אומדערוואַרט שרייבן די געשיכטע פון פרעדיריקסן" און דעם 19־טן — „דעם גאַנצן פרימאָרגן געשריבן. ווי עס איז געענדיקט פּ.". די ווייטערדיקע דריי טעג — דעם 20־סטן, 21־סטן און דעם 22־סטן נאָוועמבער האָט טאָלסטאָי איבערגעמאַכט, פאַרריכט און געשריבן, פאַרריכטנדיק, פרעדיריקסן. אַז „דער טייוול" און „די געשיכטע פון פרעדיריקסן" איז דיזעלביקע זאַך, איז, אויסער דער אידענטישקייט פון דער דאַטע קלאָר אָנגעוויזן דורך דעם געדאַנק צו דער דערציילונג, וועלכער איז פאַרצייכנט אין טאָגבוך אונטער דעם 18־טן נאָוועמבער: „אין שייכות צו פרידריכסן געטראַכט, שפּאַצירנדיק פאַר מיטאָג — צוויי לעבנס שטייען פאַר אים, און צוויי אויסגאַנגען, און לסוף אַ דריטער — הרגענען זיך". צום סוף XX קאַפּיטל פון „דעם טייוול" טראַכט אירטיעניעוו: „יאָ, צוויי־

ערליי לעבנס זענען פאר מיר מעגלעך: אייגנס דאָס לעבן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן מיט ליזען — דינסט, ווירטשאַפט, קינד, אכטונג פון לייטן. אויב ס'דאַזיקע לעבן, דאַרף מען, אַז זי, סטעפּאַנידע, זאָל נישט זיין... און דאָס צווייטע לעבן — דאָס איז דאָ גופא, אָפּנעמען זי באַם מאַן, געבן אים געלט..." און וו. „נאָר צוויי אויסגאַנגען: דאָס ווייב הרגענען, אָדער זי. יאָ, און נאָך... אָך, יאָ, אַ דריטער פאַראַן! זיך... יאָ, זיך, דעמאָלט וועט מען זיי נישט דאַרפן הרגענען". טאָל־סטאָי האָט איבער דער געשיכטע פון פרעדיריקסן געאַרבעט מיט פלייס און כמעט נישט איבעררייסנדיק זיך מיט אַנדערע אַרבעטן, און ער אַליין איז געווען צופרידן. אַזוי האָט ער געשריבן דעם 20־טן נאָוועמבער, ווען ער האָט פון ס'ניי אָנגעהויבן איבעראַרבעטן און פאַרריכטן די דער־ציילונג: „ס'האָט זיך זייער גוט געאַרבעט". נאָכדעם איז ער געפאָרן קיין דוואָריקי און „אין וועג איז נאָך קלערער געוואָרן" בנוגע דער אויסמאָלונג פון דער שוויגערס און איר־טי־עניעווס גופא געשטאַלטן. דעם 21־טן נאָוועמבער איז אים געלונגען פיל צו אַרבעטן איבער דער דער־ציילונג און „אַ שאָדן מיר, — שרייבט ער, — ווייל כ'בין געווען זייער געשטימט — אַלץ איז קלאָר געווען". דאָס שרייבן די דערציילונג האָט זיך, אפנים, פאַרענדיקט דעם 22־טן נאָוועמבער. („געשריבן אַ ביסל פר., פאַרריכטנדיק"), אָבער דער געדאַנק וועגן איר האָט טאָלסטאָיען אַ לאַנגע צייט נישט פאַרלאָזט, און דעם 30־טן אַפּריל 1890 י. האָט ער אין טאָג־בוך, פאַרשרייבנדיק די איינדרוקן און די געדאַנקען פאַר דער צייט 25—30, אָנגעמערקט: „געטראַכט די צייט: 1) צו דער דערציילונג וועגן פרידריכס. פאַרן זעלבסטמאָרד אַ צווייאיקייט: איך וויל, צי כ'וויל נישט? כ'וויל נישט. כ'זע די גאַנצע אימה, און פּלוצלינג זי אין דעם רויטן קלייד און אַלץ איז פאַרגעסן. ווער וויל, ווער וויל נישט? ווו בין איך? דער פּיין איז אין דער צעצווייאיקייט, און דערפון יאוש און זעלבסטמאָרד". נאָר אין די טעג, דאַרף מען משער זיין, האָט זיך די דערציילונג נישט גע־שריבן. דאָ האָבן טאָלסטאָיען פאַרשלונגען און אָפּגעצויגן אַנדערע אַר־בעטן. דער ברוליאָן פון דעם כתב יד האָט דעם ערשטן גרונט־וואַריאַנט, וואָס טאָלסטאָי דערמאָנט וועגן זיין אינהאַלט אין דעם טאָג־בוך פון דעם 18־טן נאָוועמבער 1889, איז פאַרבליבן בלויז אין דער נישט אינגאַנצן גוטער קאָפּיע פון ל. נ. אַבאָלענסקי. ווען איז ער אָפּגעשטאָרבן, ווייסט מען נישט.

דערפון, וואָס טאָלסטאָי האָט אין זיין טאָג־בוך גערופן זיין דערציילונג

„די געשיכטע פון פרעדיריקסן", אָדער פרידריכסן — אַ נאָמען, וואָס ווערט
אין טעקסט נישט דערמאַנט — קאָן אויסווייזן, אַז זי איז אַן אָפּשפּיגע-
לונג פון אַ געשעעניש, וואָס איז אויף אַ וועלכן עס איז אופן פאַרבונדן
מיט עפּעס אַ פּערזאָן, וואָס האָט געטראָגן די פאַמיליע פרעדיריקס,
אָדער פרידריכס. אָבער עס קאָן זיין, אַז ס'איז נישט אַזוי אויך, אַז די-
דאָזיקע פאַמיליע פאַרדעקט נאָר דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט
טאָלסטאָיען גופא. יעדנפאַלס איז קיין ספק נישט, אַז דידאָזיקע דערציי-
לונג איז אין אַ גרויסער מאָס אויטאָביאָגראַפיש. אין די נישט-געדרוקטע
מעמואַרן פון וו. אי. אַלעקסעיעוון, וועלכער האָט געוווינט אין יאַסנאַיאַ
פּאָליאַנאַ אין די יאָרן 1877—1881 אַלס הויז-לערער, ווער עס דערציילט וועגן
אַ צופאַל מיט ל. נ. טאָלסטאָיען, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1879, — אַ
צופאַל פון „זינלעכן נסיון פונם קערפּער", וועלכער האָט שטאַרק צערו-
דערט טאָלסטאָיען, און וו. אי. אַלעקסעיעוו איז זיכער געווען, אַז דער-
דאָזיקער צופאַל האָט געגעבן די טעמע פאַר דער דערציילונג „דער
טייוול". וועגן זיינע שווערע איבערלעבונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעמ-
דאָזיקן פאַל רעדט אויך ל. נ. טאָלסטאָי גופא אין דעם בריוו צו וו. ג.
טשערטקאָוון פון 25 יוני 1884 יאָר. סוף-כל-סוף איז ל. נ. בייגעשטאַנען דעם
נסיון און האָט זיך באַשיצט פון דער „קעכין פון דער דינערשאַפט",
דעם שיינעם יונגן ווייבל רמזע (אַלעקסעיעווס זכרונות) דערמיט, וואָס
ער האָט געבעטן וו. אי. אַלעקסעיעוון נישט אָפּצוטרעטן פון אים אין אַ באַ-
שטימטער צייט, העלפן אים, און דערדאָזיקער „גוטער מענטש" האָט אים
„פאַרשטאַנען" און, „ווי אויף אַ קינד, אַכטונג געגעבן" אויף אים (דער
בריוו צו טשערטקאָוון). איינדערהאַנט האָט דאָס, וואָס עס איז געשילדערט
אין „דעם טייוול" ל. ניק—טש איבערגעלעבט אין 1858, 1859 און אין
די ווייטערדיקע יאָרן פאַר דער חתונה מיט סאָפיע אַנדרעיעוונאַ. די
מעשה פון 1879 האָט נאָר דערמאַנט אָן דעם אַמאָליקן. דאָס טאָגבוך,
וואָס טאָלסטאָי האָט איבערגעלייענט סאָפיע אַנדרעיעוונאַ פאַר דער
חתונה, האָט איר דערציילט וועגן ל. ניק—טשעס ליבע צו אַ פּויערטע
אַקסיניע און האָט אין איר אַרויסגערופן אַן אויפברויז פון שרעקלעכער
אייפערזוכט. אָט פאַרוואָס. ל. נ. האָט אַזוי אָפּגעהיטן פון ס. א. דעם כתב-
יד פון „דעם טייוול", ער האָט מורא געהאַט אויפצורודערן זי מיט אָנ-
דייטונגען אויף דער איבערגעליצבטער דראַמע. צו סאָפיע אַנדרעיעוונאַ
אין די הענט איז דער כתב-יד אַריינגעפאַלן ערשט אין 1909 יאָר, נאָר
אויך דעמאָלט האָט זי דאָס לייענען שטאַרק אויפגערעגט. זי האָט זיך

דערמאַנט אָן דעם אַמאָליקן, „אין איר האָט אויפגעװיר̈ט די אַלטע הייװן״, שרייבט ל. נ. אין טאָגבוך, און עס איז זיי ביידע געװען זייער שװער. נאָכדעם האָט ס. א. אַלץ אַרויסגעזאָגט, און ל. נ. „האָט זי, דאַנקען גאָט, דערװייכט און האָט זיך אַליין פונאַנדערגעװיינט, און עס איז ביידע געװאָרן גוט״. אַזוי אַרום דאַרף מען זיך משער זיין, אַז אַלץ איינס, צי אויפן פאָן פון דער װירקלעכער געשעעניש מיט איינעם פרידיריקס, צי פשוט אויף אַן אויסגעטראַכטן פאָן, האָט ל. נ. געמאָלט זיין אייגענע ליבע, און נישט נאָר די גייסטיקע איבערלעבונגען, װעלכע האָבן צו דעם אַ שייכות, נאָר אפשר אויך אויסערלעכע אומשטענדן, װעלכע האָבן באַזונדערס דערמאַנט סאָפיאַ אַנדרעיעװנאַ דאָס אַמאָליקע, בשעת זי האָט אין דרייסיק יאָר אַרום און אין קלאָרע געשטאַלטן דאָס אַלץ װידער אויפגעשטעלט אין איר זכרון.

(װ. סריעזניעװסקי)

# מעמוארן פון אַ משוגענעם

20־סטער אָקטאָבער 1883. היינט האָט מען מיך געפירט רעווידירן אין דער גובערניאַלער פאַרוואַלטונג. און די מיינונגען האָבן זיך צעטיילט, זיי האָבן זיך געאַמפּערט און באַשלאָסן, אַז איך בין נישט קיין משוגענער. אָבער זיי האָבן אַזוי באַשלאָסן נאָר דערפאַר, וואָס די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט מיך אונטערזוכט, האָב איך פעסט איינגעהאַלטן כדי נישט אַרויסצוזאָגן זיך. איך האָב מיך נישט אַרויסגעזאָגט דערפאַר, וואָס איך האָב מורא פאַר דעם משוגעים־הויז. איך האָב מורא, אַז דאָרט וועט מען מיר שטערן טון מיין משוגענע זאַך. זיי האָבן אָנערקענט, אַז מיט מיר טרעפן זיך אַפעקטן, און עפּעס נאָך אַזוינס, אָבער — אַז איך בין באַם געזונטן פאַרשטאַנד. זיי האָבן אָנערקענט, אָבער איך ווייס דאָך, אַז איך בין משוגע. דער דאָקטאָר האָט פאַר מיר באַשטימט אַ קוראַציע, פאַרזיכערנדיק מיך, אַז אויב איך וועל שטרענג אָפּהיטן זיינע פאַרשריפטן, וועט עס פאַרבייגיין. אַלץ, וואָס באַאומרויקט מיך, וועט פאַרבייגיין. אָ, איך וואָלט אַלץ אָוועקגעגעבן, אַבי דאָס זאָל אַריבערגיין. צו פיינלעך. איך וועל דערציילן כסדר, ווי און פונוואַנען עס האָט זיך גענומען דידאָזיקע אונטערזוכונג, ווי אַזוי איך בין אַראָפּ פון זינען, און ווי אַזוי איך האָב אַרויסגעוויזן מיין משוגעת.

ביז 35 יאָר האָב איך געלעבט ווי אַלע, און מען האָט אויף מיר גאָרנישט געקאָנט דערקענען. עפּעס וואָס נאָר אין דער פריסטער קינדהייט פאַר 10 יאָר; ס'האָט מיט מיר געטראָפן אַזוינס, וואָס עס איז ענלעך צו מיין איצטיקן צושטאַנד, זענען דאָס אויך געווען צייטווייליקע אַטאַקן, אָבער נישט ווי איצט, שטענדיק. אין דער קינדהייט פלעגט עס אויף מיר אַראָפּקומען אַ ביסל אַנדערש. דהיינו:

איך געדענק, איינמאָל האָב איך מיך געלייגט שלאָפן — מיר איז

געווען 5 אָדער 6 יאָר. די ניאַניע יעווּפּראַקסיע, אַ הויכע, אַ מאָגערע, אין אַ ברוין קלייד, מיט אַ קאַפּטור אויפן קאָפּ און מיט אַראָפּגעהאָנגענע הויט אונטער דער גאָמבע, האָט מיך אויסגעטון און געהאָלפן אַרויפגיין אויפן בעט.

— כ׳וועל אַליין, אַליין, — האָב איך גענומען רעדן און האָב אַריבערגעשפּרייזט איבער די פּאַרענטשעס.

— נו, ליג זיך, ליג זיך, פעדענקע. אָט זעגען מיטיע אַ חכם, זיי האָבן זיך שוין אַוועקגעלייגט, — האָט זי געזאָגט, באַווייזנדיק מיטן קאָפּ אויף מיין ברודער.

איך בין אַריינגעשפּרונגען אין בעט, האַלטנדיק זי אַלץ בּאַ דער האַנט. נאָכדעם האָב איך אַרויסגעלאָזט, געשאָקלט אַ ביסל די פיסלעך אונטער דער קאָלדרע און מיך צוגעדעקט. און ס׳איז מיר אַזוי גוט געווען. איך בין אַנטשוויגן געוואָרן און האָב געטראַכט: „איך האָב ליב די ניאַניע, די ניאַניע האָט ליב מיך און מיטינקען, און איך האָב ליב מיטינקען, און מיטינקע האָט ליב מיך און די ניאַניע. און די ניאַניע האָט ליב טאַראַסן, און איך האָב ליב טאַראַסן, אויך מיטינקע האָט ליב. און טאַראַס האָט ליב מיך און די ניאַניע, און די מאַמע האָט ליב מיך און די ניאַניע, און די ניאַניע האָט ליב די מאַמען, און מיך, און דעם טאַטן, און אַלע האָבן ליב, און אַלעמען איז גוט“.

און פּלוצלינג הער איך, עס לויפט אַריין דיווירטשאַפטערין און שרייט מיט כעס עפּעס וועגן דער צוקערפּושקע, און די ניאַניע זאָגט מיט כעס, זי האָט זי נישט גענומען. און מיר הייבט אָן ווי צו טון, און ס׳ווערט שרעקלעך, און אומפאַרשטענדלעך, און אָן אימה, אַ קאַלטע אימה פאַלט אויף מיר אָן, און איך באַהאַלט מיך איבערן קאָפּ אונטער דער קאָלדרע. אָבער אויך אין דער פינצטערניש פון דער קאָלדרע ווערט מיר נישט לייכטער. איך דערמאָן מיך, ווי פאַר מיר אין די אויגן האָט מען איינמאָל געשלאָגן אַ ייִנגל, ווי ער האָט געשריגן, און סאַר אַ שרעקלעך פּנים עס איז געווען בּאַ פאָקען, בעת ער האָט אים געשלאָגן. — אַ, וועסט שוין מער נישט, וועסט שוין מער נישט, — האָט ער אַלץ גערעדט און אַלץ געשלאָגן. דאָס ייִנגל האָט געזאָגט: „כ׳וועל מער נישט“. און יענער האָט אַלץ גערעדט: וועסט שוין מער נישט? — און האָט אַלץ געשלאָגן.

און דאָ איז עס אויף מיר אַראָפּ. איך האָב גענומען יאָמערן, יאָמערן. און אַ לאַנגע צייט האָט מיך קיינער נישט געקאָנט באַרויקן. אָט די

דאָזיקע יללות, די־אַ פאַרצווייפלונג זענען עס געווען די ערשטע אַטאַקן פון מיין איצטיקן משוגעת.

איך געדענק, אַ צווייט מאָל איז עס אויף מיר אָנגעפאַלן, בעת די מומע האָט דערציילט וועגן קריסטוסן, זי האָט דערציילט און געוואָלט אוועקגיין, אָבער מיר האָבן געזאָגט:

— דערצייל נאָך וועגן יעזוס קריסטוסן.

— ניין, איצט איז נישטאָ קיין צייט.

— ניין, דערצייל.

אויך מיטינקע האָט געבעטן דערציילן. און די מומע האָט אָנגע־הויבן ווידער דאָס זעלביקע, וואָס זי האָט אונז פריער דערציילט, — זי האָט דערציילט, אַז מען האָט אים געקרייצט, געשלאָגן, געפייניקט, און ער האָט אַלץ תּפילה געטון און אויף זיי קיין שלעכטס נישט גע־רעדט.

— מומע, פאַרוואָס־זשע האָט מען אים געמאַטערט?

— געווען שלעכטע מענטשן.

— אָבער ער איז דאָך געווען אַ גוטער.

— נו, גענוג, שוין 9 דער זייגער. איר הערט.

— פאַרוואָס האָבן זיי אים געשלאָגן? ער האָט מוחל געווען, אָבער פאַרוואָס האָבן זיי געשלאָגן. עס האָט וויי געטון. מומע, עס האָט אים וויי געטון?

— נו, גענוג, איך וועל גיין טרינקען טיי.

— און אפשר איז דאָס נישט אמת, מען האָט אים נישט גע־שלאָגן?

— נו, גענוג.

— ניין, ניין, נישט גיי אַוועק...

און עס האָט מיך ווידעראַמאָל אָנגעכאַפּט: כ׳האָב געיאָמערט, גע־יאָמערט, דערנאָך גענומען שלאָגן זיך מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט.

---

אַזוי פלעגט עס מיך אָנכאַפּן אין דער קינדהייט. נאָר פון 14 יאָר אָן, זינט עס האָט אין מיר אויפגעוואַכט די געשלעכטלעכע תּאווה און איך האָב מיך איבערגעגעבן צו דער זינד, איז עס אַלץ אַריבער, און איך בין געווען אַ ייִנגל ווי אַלע ייִנגלעך. ווי מיר זענען אַלע געווען אויסגעהאָדעוועט

אויף פעטע שפּייז פון דער צו ברייטער האַנט, אויסגעצערטלט, אָן פיזישער אַרבעט, און מיט כּל המעגלעכע נסיונות צו צערייצן די זינלעכקייט, און אין דער סביבה פון פונקט אַזעלכע צעלאָזענע קינדער, — האָבן מיך די יינגלעך פון מיין עלטער אויסגעלערנט זינדיקן, און איך האָב מיך איבערגעגעבן צו דער זינד. דערנאָך איז די זינד פאַרביטן געוואָרן אויף אַן אַנדערע. איך האָב אָנגעהויבן צו קענען פרויען. און אַזוי, זוכנדיק תּענוגים און געפונענדיק זיי, האָב איך מיר געלעבט ביז 35 יאָר. איך בין געווען פולקאָם געזונט, און עס זענען נישט געווען קיינע סימנים פון מיין משוגעת.

דידאָזיקע 20 יאָר פון מיין געזונטן לעבן זענען פאַר מיר אַדורך אַזוי, אַז איצט געדענק איך פון זיי כּמעט גאָרנישט, און איך דערמאָן מיך איצט מיט מי און מיט עקל. ווי אַלע יינגלעך פון מיין קרייז, מיט אַ געזונטן קאָפּ, בין איך אָנגעקומען אין גימנאַזיע, נאָכדעם אין אוניווערזיטעט, וווּ איך האָב געענדיקט דעם קורס אויפן יורידישן פאַקולטעט. נאָכדעם האָב איך אַ ביסל געדינט, נאָכדעם בין איך מיך צונויפגעקומען מיט מיין איצטיק ווייב און האָב חתונה געהאַט און געלעבט אין דאָרף, ווי די וועלט זאָגט, — געהאָדעוועט קינדער; באַלעבאַטעוועט און בין געווען אַ פרידנסריכטער.

אין דעם צענטן יאָר נאָך מיין חתונה איז פאָרגעקומען מיט מיר דער ערשטער אַטאַק נאָך מיין קינדהייט.

איך מיט דעם ווייב האָבן אָנגעקליבן געלט פון אירס אַ ירושה און פון מיינע אויסקויף-צייגענישן, און מיר האָבן באַשלאָסן צו קויפן אַ גוט. מיך האָט זייער אינטערעסירט, — און דאָס האָט אַזוי געמוזט זיין, — דער צוּוואוקס פון אונזער פאַרמעגן און דער פאַרלאַנג, צו פאַרגרעסערן עס אויפן סאַמע קלוגסטן אופן, — בעסער, איידער אַנדערע. איך האָב זיך דעמאָלט אומעטום דערוווּסט, וווּ עס פאַרקויפט זיך גיטער, און איך האָב געלייענט אַלע אַנאָנסן אין די צייטונגען. מיר האָט זיך געוואָלט קויפן אַזוי, אַז די הכנסה פון דעם גוט, אָדער דער וואַלד זאָל דעקן די הוצאות אויף דער קניה און איך זאָל דאָס גוט באַקומען אומזיסט. איך האָב געזוכט אַזאַ נאַר, וואָס זאָל גאָרנישט פאַרשטיין, און מיר האָט זיך אָפּגעדאַכט, אַז איך האָב אַזוינעם געפונען.

אַ גוט מיט גרויסע וועלדער האָט זיך פאַרקויפט אין פענזער גובערניע. לויט אַלץ, וואָס איך האָב מיך דערוווּסט, איז אויסגעקומען, אַז דער פאַרקויפער איז בפירוש אַזאַ נאַר, און די וועלדער וועלן דעקן

דעם ווערט פון דעם גוט. איך האָב מיך צוגעגרייט און בין אוועק־געפאָרן.

פון אָנהייב זענען מיר געפאָרן מיט דער אייזנבאַן (איך בין גע־פאָרן מיט אַ באַדויער), נאָכדעם זענען מיר געפאָרן מיט דער פאָסט, וועל־כע מען פלעגט איבערשפּאַנען אויף יעדער סטאַנציע. די נסיעה איז פאַר מיר געווען זייער אַ פריילעכע. דער משרת, אַ יונגער גוטמוטיקער מענטש, איז אויך געווען אַזוי פריילעך, ווי איך. נייע ערטער, נייע מענטשן. מיר זענען געפאָרן, פריילעך געווען. ביזן אָרט האָבן מיר געהאַט אַ וויאָרסט 200 מיט עפּעס. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, נאָר בייטנדיק די פערד. עס איז אָנגעשטאַנען די נאַכט, מיר זענען אַלץ געפאָרן, גענומען דרעמלען; איך בין אַנדרימלט געוואָרן, נאָר פלוצלינג האָב איך מיך אויפגעכאַפּט; איך האָב פאַר עפּעס מורא געהאַט. און ווי עס טרעפט אָפט, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, אַ לעבע־דיקער — דאַכט זיך, כ'וועל קיינמאָל נישט אַנטשלאָפן ווערן. „נאָך וואָס פאָר איך? וווהין פאָר איך?" — איז מיר פלוצלינג איינגעפאַלן אַ רעיון. מ'קאָן נישט זאָגן, אַז מיר איז נישט געפעלן געווען דער געדאַנק ביליק צו קויפן דאָס גוט. נאָר מיר האָט זיך פלוצלינג פאָרגעשטעלט, אַז איך דאַרף בשום אופן נישט פאָרן אין אַזעלכע מרחקים, אַז איך וועל דאָרט שטאַרבן, אין דער פרעמד. און אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַ פחד. סערגיי, דער משרת, האָט זיך אויפגעכאַפּט, איך האָב מיך דערמיט באַנוצט, כדי מיט אים צו פאַרברענגען. איך האָב גענומען רעדן וועגן דעם היגן קאַנט. ער האָט געענטפערט, געוויצלט זיך, אָבער מיר איז געווען אומעטיק. איך האָב גענומען רעדן וועגן די שטוביקע, וועגן דעם, וואָס מיר וועלן קויפן. און מיר איז געווען אַ ווונדער, ווי פריילעך ער האָט געענטפערט. אַלץ איז פאַר אים געווען גוט און פריילעך, און פאַר מיר איז אַלץ געווען אין אומעט. פונדעסטוועגן אָבער, כל זמן איך האָב מיט אים גערעדט, איז מיר געווען לייכטער, נאָר חוצדעם, וואָס מיר איז געווען אומעטיק, אימה־דיק, האָב איך אָנגעהויבן פילן אַ מידעקייט, אַ פאַרלאַנג אָפּצושטעלן זיך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'וואָלט אַריין אין אַ הויז, זעען מענטשן, אָנ־טרינקען זיך מיט טיי, און דער עיקר, עס וואָלט מיר לייכטער געווען אַנטשלאָפן צו ווערן.

מיר זענען צוגעפאָרן צו דער שטאָט אַרזאַמאַס.

— ווי מיינסטו, אפשר זאָלן מיר צוּוואַרטן? לאָמיר אָפּרוען אַ ביסל?

— פאַרוואָס נישט, אויסגעצייכנט.
— וואָס, ס'איז נאָך ווייט ביז דער שטאָט ?
— פון יענער וויאָרסט אָן — 7.

דער אָנטרייבער איז געווען אַ סאָלידער, אַ פּינקטלעכער און אַ שווייגנדיקער. ער איז אפילו געפאָרן נישט גיך און לאַנגווייליק.

מיר זענען ווייטער געפאָרן. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, מיר איז געוואָרן לייכטער, מחמת איך האָב געוואַרט, אַז באַלד וועל איך האָבן רו, און איך האָב געהאָפט, אַז דאָרט וועט אַלץ אַריבערגיין. מיר זענען געפאָרן, געפאָרן אין דער פינצטער ; מיר האָט אויסגעוויזן שרעקלעך לאַנג. לייטן זענען שוין אַלע געשלאָפן. עס האָבן זיך אין דער פינצ־טערניש באַוויזן הייזלעך, דאָס גלעקל און דאָס טאָפּען פון די פערד האָט געקומען קלינגען באַזונדער אָפּהילכנדיק, ווי דאָס טרעפט אַרום הייזער. ווי־נישט־ווי האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן הייזער גרויסע, ווייסע. און דאָס איז אַלץ נישט פריילעך געווען. איך האָב געוואַרט אויף אַ סטאַנציע, אויף אַ סאַמאָוואַר און אויף רו — לייגן זיך.

אָט זענען מיר לסוף צוגעפאָרן צו עפּעס אַ הייזל מיט אַ סלופּ. דאָס הייזל איז געווען אַ ווייס, אָבער ס'האָט מיר אויסגעוויזן אַ שרעק־לעך טרויעריקס, אַזוי אַז אַן אימה איז אפילו אָנגעפאַלן. איך בין אַרויס־געקראָכן פּאַמעלעכקעס.

סערגיי האָט געשיקט און לעבעדיק אַרויסגעשלעפּט, וואָס מען האָט געדאַרפט, לויפנדיק און קלאַפּנדיק איבערן גאַניק. אויך די קלאַנגען פון זיינע פיס האָבן אויף מיר געוואָרפן אַן אומעט. איך בין אַריין. ס'איז געווען אַ קאָרידאָרל, אַ פאַרשלאָפענער מענטש מיט אַ פלעק אויף דער באַק ; דער פלעק האָט מיר אויסגעוויזן שרעקלעך. ער האָט באַוויזן דאָס צימער. דאָס צימער איז געווען אַ חושכדיקס. איך בין אַריין, מיר איז נאָך אימהדיקער געוואָרן.

— אפשר איז פאַראַן אַ חדרל, כ'וואָלט וועלן אָפּרוען.
— פאַראַן אַ נומערל. אָט איז עס.

אַ ריין אויסגעקאַלכט קוואַדראַט צימערל. איך געדענק, ווי פּייַנלעך מיר איז געווען, וואָס דאָס צימערל איז געווען דווקא אַ פּירקאַנטיקס. ס'איז געווען איין פענצטער, מיט אַ פּיראַנקעלע, אַ רויטס. אַ טיש פון קאַרעלער בערעזע, און אַ דיוואַן מיט אויכגעבויגענע זייטן. מיר זענען אַריין. סערגיי האָט צוגעגרייט אַ סאַמאָוואַר, פאַרקאָכט טיי. און איך האָב גענומען אַ קישן און זיך צוגעלייגט אויפן דיוואַן. איך בין נישט געשלאָפן.

נאָר געהערט, ווי סערגיי האָט געטרונקען טיי און מיך גערופן. מיר איז שרעקלעך געווען אויפצושטיין, פונאַנדערצוטרייבן דעם שלאָף. אויך זיצן אין דעמדאָזיקן צימער איז געווען שרעקלעך. איך בין נישט אויפגעשטאַנען און האָב אַנגעהויבן איינצודרימלען. מסתמא בין איך אַנדרימלט געוואָרן, מחמת ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז קיינער אין צימער נישט געווען, און עס איז געווען פינצטער. איך האָב מיך דערוואַכט פּונקט אַזוי ווי אויפן וואָגן. איך האָב געפילט, אַנטשלאָפן ווערן איז קיין מעגלעכקייט נישטאָ. נאָכוואָס בין איך אַהער פאַרפאָרן. וווּהין פיר איך זיך? פון וואָס, וווּהין אַנטלויף איך? — איך אַנטלויף פון עפּעס שרעקלעכס, און איך קאָן נישט אַנטלויפן. איך בין אַלע מאָל מיט זיך, און איך גופא בין עס פיינלעך פאַר זיך. איך, אָט איז עס אינגאַנצן. נישט דאָס פּענזער און נישט אַ וואָסער נישט איז אַנדער גוט וועט מיר גאָרנישט צוגעבן און פון מיר גאָרנישט אָפּנעמען, נאָר איך גופא. איך אַליין האָב מיר דערעסן, בין זיך מיאוס פיינלעך געוואָרן. איך וויל אַנטשלאָפן ווערן, פאַרגעסן זיך, און איך קאָן נישט. איך קאָן פון זיך נישט אַוועק.

איך בין אַרויס אין קאָרידאָר. סערגעי איז געשלאָפן אויף אַ שמאָלער באַנק, אַראָפּגעוואָרפן די האַנט, נאָר ער איז געשלאָפן זיס, אויך דער שומר מיטן פלעק איז געשלאָפן. איך בין אַרויס אין קאָרידאָר, געמיינט אוועקצוגיין פון דעם, וואָס מיך האָט געפּייניקט. אָבער דאָס איז אַרויס נאָך מיר און האָט אַלץ פאַרחושכט, מיר איז פּונקט אַזוי, און נאָך שרעקלעכער געווען.

„אָבער וואָס איז עס פאַר אַ נאַרישקייט, — האָב איך זיך געזאָגט, — וואָס בין איך פאַראומערט, פאַרוואָס האָב איך מורא?“

— פאַר מיר, — האָט נישט-הערבאַר געענטפערט די שטים פון טויט. איך בין דאָ.

אַ פראָסט איז מיר אַריבער איבערן לייב. יאָ, פאַר דעם טויט. ער וועט קומען, אָט איז ער, און ער דאַרף נישט זיין. ווען מיר וואָלט באמת פאַרגעשטאַנען דער טויט, וואָלט איך נישט געקאָנט שפּירן דאָס, וואָס איך האָב געשפּירט. דעמאָלט וואָלט איך מורא געהאַט. און איצט האָב איך קיין מורא נישט געהאַט. איך האָב געזען, אַז דער טויט קומט אָן, און צוזאַמען דערמיט האָב איך געפילט, אַז ער טאָר נישט זיין. מיין גאַנץ וועזן האָט געפילט די באַדערפעניש, דאָס רעכט אויף לעבן, און צוזאַמען דערמיט דעם פאָרקומענדיקן טויט. און דידאָזיקע אינערלעכע צעריסנקייט איז געווען שרעקלעך. איך האָב מיך געפּרוּווט אַראָפּטרייסלען

דידאָזיקע שרעק. איך האָב געפונען אַ לייכטער אַ מעשענעם מיט אַ ליכט אָן אָפּגעברענטס און האָב עס אָנגעצונדן. דאָס רויטע פייער פון דעם ליכט, און זיין מאָס. וואָס איז געווען עטוואָס קלענער פאַרן לייכטער, אַלץ האָט געזאָגט דאָס זעלביקע. ס'איז גאָרנישטאָ אין לעבן, עס איז נאָר פאַראַן טויט, און ער דאַרף נישט זיין.

איך האָב געפּרוּווט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס האָט מיך אינ-טערעסירט, וועגן דער קניה, וועגן דעם ווייב — נישט נאָר וואָס עס איז קיין פריילעכס נישט געווען. נאָר דאָס אַלץ איז געוואָרן גאָרנישט. אַלץ האָט פאַרשטעלט די מורא פאַר דעם פאַרפאַלנדיקן לעבן. מען דאַרף אַנטשלאָפן ווערן. איך האָב מיך געווען אַוועקגעלייגט, אָבער ווי נאָר איך האָב מיך געלייגט, בין איך פלוצלינג אויפגעשפרונגען פון אימה. און אַ שווערקייט, אַ שווערקייט פונקט אַזאַ גייסטיקע שווערקייט, ווי עס טרעפט איידער מען ברעכט, נאָר אַ גייסטיקע. ס'איז שרעקלעך אימהדיק, דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ מורא פאַרן טויט, און ווען דו דערמאַנטסט זיך, טוסט אַ טראַכט וועגן לעבן, איז אַ מורא פאַר דעם שטאַרבנדיקן לעבן. עפּעס האָבן זיך לעבן און טויט צונויפגעגאָסן אינאיינעם. עפּעס האָט געריסן מיין נשמה אויף טיילן און האָט נישט געקאָנט צערייסן. איך בין נאָך אַמאָל אַרויס אַ בליק טון אויף די שלאָפעדיקע, כ'האָב מיך נאָך אַמאָל געפּרוּווט אַנטשלאָפן ווערן, אַלץ די זעלביקע שרעק, אַ רויטע, אַ ווייסע, אַ פירקאַנטיקע. עפּעס רייסט זיך, און צערייסט זיך נישט. פּיינלעך, און פּיינלעך, טרוקן און בייז, קיין טראָפּן גוטסקייט האָב איך אין זיך נישט געפילט, און נאָר אַ גלייכע, אַ רויקע בייזקייט אויף זיך און אויף דאָס, וואָס עס האָט מיך געמאַכט.

וואָס האָט מיך געמאַכט? גאָט, זאָגט מען. גאָט. תּפילה טון האָב איך מיך דערמאַנט, איך האָב שוין לאַנג, אַ יאָר 20 קיין תּפילה נישט געטון, און איך האָב אין קיין זאַך נישט געגלייבט, נישט געקוקט דע-רויף, וואָס אָנשטענדיקייט וועגן, האָב איך אַלע יאָר געפאַסט. איך האָב גענומען תּפילה טון. „האר דערבאַרים זיך", „פאָטער אונזערער", „גאָט-געבוירערין". איך האָב גענומען פאַרפאַסן תּפילות. איך האָב גענומען צלמען זיך און בוקן זיך ביז דער ערד, אַרומקוקנדיק זיך און מורא האָבנ-דיק, טאָמער וועט מען מיך דערזעען. גלייך ווי דאָס וואָלט מיך צע-שטרייט, — צעשטרייט האָט די שרעק, טאָמער וועט מען מיך דערזעען. און איך האָב מיך אַוועקגעלייגט. אָבער ווי נאָר איך האָב מיך געלייגט און פאַרמאַכט די אויגן, האָט מיך ווידעראַמאָל דאָס זעלביקע געפיל פון

אימה א שטויס געטון, אויפגעהויבן. איך האָב מער נישט געקאָנט ליידן, האָב אויפגעוועקט דעם שומר, אויפגעוועקט סערגייען, געהייסן שפּאַנען, און מיר זענען אַוועקגעפאָרן.

אויף דער לופט און אין באַוועגונג איז געוואָרן בעסער. אָבער איך האָב געפילט, אַז עפּעס נייעס האָט זיך אָפּגעזעצט בײַ מיר אויף דער נשמה און אָפּגעסמט דאָס גאַנצע פריערדיקע לעבן.

---

צו דער נאַכט זענען מיר געקומען אויפן אָרט. דעם גאַנצן טאָג האָב איך געקעמפּט מיט מיין שווערן געמיט און האָב עס גובר געווען. אָבער אין דער נשמה איז געבליבן א שרעקלעכער אָפּזאַץ: פּונקט ווי מיט מיר וואָלט געטראָפן עפּעס אַן אומגליק, און איך האָב בלויז צייט־ווייליק געקאָנט אַן דעם פאַרגעסן, אָבער דאָס איז געווען דאָרט, אויף דער דעק פון דער נשמה, און האָט מיך געהאַלטן אין די הענט.

מיר זענען געקומען צו פאָרן איינאָוונט. אַן אַלטינקער — דער פאַר־וואַלטער, האָט מיך אויפגענומען הגם אַן כרייד (אים האָט פאַרדראָסן, וואָס מען פאַרקויפט דאָס גוט), אָבער גוט. ריינע צימערלעך מיט ווייך מעבל, א נייער בלאַנקעדיקער סאַמאָוואַר, גרויסע טיי־געפעס, האָניק צו טיי. אַלץ איז געווען גוט. אָבער איך האָב מיינע פּראַגעס וועגן דעם גוט גע־זאָגט אומגערן, ווי אַן אַלטע פאַרגעסענע לעקציע. אַלץ איז נישט פריי־לעך געווען. די נאַכט בין איך פונדעסטוועגן אַנטשלאָפן געוואָרן אַן שווערן געמיט. איך האָב גערעכנט, אַז די סיבה איז, וואָס איך האָב תפילות געזאָגט.

און נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבן לעבן ווי פריער; אָבער די מורא פאַר דעמדאָזיקן שווערגעמיט איז פון דעמאָלט אָן געהאַנגען איבער מיר שטענדיק. איך האָב געמוזט לעבן נישט אָפּשטעלנדיק זיך, און דער עיקר — אין די תנאים, צו וועלכע איך בין געוווינט געווען. ווי א תלמיד זאָגט לויט דער רגילות, נישט טראַכטנדיק, די אויף אויסנווייניק אויס־געלערנטע לעקציע. אַזוי האָב איך געדאַרפט לעבן, כדי ווידער אַמאָל נישט אַריינצופאַלן אין דער מאַכט פון דעמדאָזיקן שרעקלעכן שווערגעמיט, וואָס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אין אַרזאַמאַס.

אַהיים האָב איך מיך אומגעקערט בשלום, דאָס גוט נישט געקויפט, ס'האָט קיין געלט נישט געקלעקט, און איך האָב אָנגעהויבן לעבן ווי

פריער, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס איך האָב גענומען זאָגן די תפילות און גיין אין קלויסטער, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווי פריער, אָבער לויט דעם, ווי איך דערמאָן מיך איצט, שוין נישט ווי פריער. איך האָב געלעבט מיט דעם פריער אָנגעהויבענעם, איך האָב מיך ווייטער בעקייקלט איבער די פריער אויסגעלייגטע רעלסן מיט דער פריערדיקער קראַפט, אָבער איך האָב שוין קיין שום נייעס נישט אָנגעהויבן. אויך אין דעם פריער אָנגעהויבענעם האָב איך מיך שוין ווייניקער באַטייליקט. אַלץ איז מיר לאַנגווייליק געווען. און איך בין געוואָרן אַ גאָטספאַרכטיקער. און דאָס ווייב האָט עס באַמערקט און האָט מיך געמוסרט און בעזעגט דערפאַר. אין דער היים האָט זיך דער אומעט נישט איבערגעחזרט.

נאָר איינמאָל בין איך אומדערוואַרטערהייט אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. באַטאָג זיך צוגעקליבן און באַדערנאַכט אַוועקגעפאָרן. איך בין געקומען קיין מאָסקווע פריילעך. אין וועג האָב איך מיך פונאַנדערגערעדט מיט אַ כאַרקאָווער גוטבאַזיצער וועגן דער ווירטשאַפט, וועגן בענק, וועגן דעם, וווּ אָפּצושטעלן זיך, וועגן טעאַטערס. מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצושטעלן זיך צוזאַמען אין אַ מאָסקווער קלויסטער־אכסניא, אויף מיאַסניצקע גאַס, און היינט נאָך פאָרן אויף „פאַוסט“.

געקומען צו פאָרן, איך בין אַריין אין אַ קליין נומערל. די שווערע לופט פונעם קאָרידאָר איז געווען בײַ מיר אין די נאָז־לעכער. דער הויף־שומר האָט אַריינגעטראָגן דעם טשעמאָדאַן. דאָס קאָרידאָר־מיידל האָט אָנגעצונדן אַ ליכט. דאָס ליכט האָט זיך אָנגעצונדן, נאָכדעם איז דאָס פייער אָפּגעפאַלן, ווי ס'איז אַלע מאָל אַזוי. אין דעם שכנישן נומער האָט עמעצער אַ הוסט געטון, — מסתמא אַן אַלטער מאַן. דאָס מיידל איז אַרויס, דער שומר איז געשטאַנען, פרעגנדיק, צי אפשר פונאַנדערבינדן. דאָס פייער האָט אויפגעלעבט און באַלויכטן אַלע בלויע מיט געלע פאַסיקלעך טאַפּעטן, אַ שפּאַניש ווענטל, אַן אָפּגעקראַכענעם טיש, אַ קאַנאַפּקע, אַ שפּיגל, אַ פענצטער, און דעם שמאָלן שטח פון דעם גאַנצן נומער. און פּלוצלינג האָט די אַרזאַמאַסער אימה גענומען זיך אין מיר באַוועגן. „גאָט מיינער, ווי וועל איך דאָ נעכטיקן?“ — האָב איך אַ טראַכט געטון.

— בינד פונאַנדער, זײַ אַזוי גוט, ליבענקער, — האָב איך געזאָגט צו דעם שומר, כדי אים צו פאַרהאַלטן. „איך וועל מיך גיכער אָנטון, און אין טעאַטער.“

דער הויף-שומר האט פונאנדערגעבונדן.

— כ׳בעט דיך, ליבינקער, גיי אריין צו דעם פריץ אין נומער אכט, ער איז מיט מיר צוזאמען געקומען צו פארן, זאג, אז איך בין באלד גרייט און וועל צו אים קומען.

דער שומר איז ארויסגעגאנגען, איך האב מיך גענומען אליין אָני-צוטון, מורא האבנדיק א בליק צו טון אויף די ווענט. „סאר א נארישקייט, — האב איך א טראכט געטון, פארוואס האב איך מורא. פונקט ווי א קינד. פאר רוחות האב איך קיין מורא נישט. יא, פאר רוחות? בעסער מורא האבן פאר רוחות, איידער דאס, פארוואס איך האב מורא. פארוואס? פאר גארנישט. פאר זיך. — נו, פוסטע זאכן״.

איך האב פונדעסטוועגן אנגעטון א הארט, קאלט אנגעקראכמעלט העמד, ארייַנגערוקט די ספינקעס, אנגעטון דעם סורדוט, נייע שיך און בין אוועק צו דעם כארקאווער גוטבאזיצער. — ער איז געווען גרייט. מיר זענען אוועקגעפארן אויף „פאוסט״. ער איז נאך צוגעפארן פארגרייזלען זיך. איך האב מיך אפגעשוירן בא א פראנצויז, א ביסל געפלוידערט מיטן פראנצויז, געקויפט הענטשקעס. ס׳איז אלץ גוט געווען. איך האב גאר פארגעסן אן דעם נומער דעם לענגלעכן, און אן דעם שפאנישן ווענטל. אין טעאטער איז אויך געווען אנגענעם. נאכן טעאטער האט דער כארקאווער גוטבאזיצער פארגעלייגט צו פארן עסן אונטערוויס. איך האב מיך דערמאנט אן דעם ווענטל און האב מסכים געווען.

צווישן צוויי דעם זייגער האבן מיר זיך צוריקגעקערט אהיים. איך האב אויסגעטרונקען קעגן מיין רגילות צוויי גלעזער וויין, נאר איך בין געווען פריילעך. אבער ווי נאר מיר זענען אריין אין קארידאר מיט דעם ארייַנגעדרייטן לאמפ, און מיך האט ארומגעכאפט דער ריח פון דעם האטעל, איז בא מיר א קעלט פון אימה דורכגעלאפן איבערן רוקן. אבער מען האט גארנישט געקאנט מאכן. איך האב דעם חבר א דריק געטון די האנט און בין אריין אין נומער.

איך האב פארבראכט א שרעקלעכע נאכט, ערגער פאר דער ארזאמאסער, נאר אינדערפרי, ווען הינטער דער טיר האט שוין גענומען הוסטן דער אלטער, בין איך איינגעשלאפן, און נישט אין בעט, אין וועלכן איך האב מיך עטלעכע מאל געלייגט, נאר אויפן דיוואן. די גאנצע נאכט האב איך געליטן שרעקלעך, ווידער האט זיך די נשמה צעריסן מיטן קערפער. איך לעב, איך האב געלעבט, איך מוז לעבן, און פלוצלינג דער טויט, די פארניכטונג פון אלץ. צו וואס-זשע איז דאס לעבן? שטארבן? הרגענען

זיך תּיכּף אויפן אָרט? כ'האָב מורא. וואַרטן אויפן טויט, ווען ער וועט קומען? האָב איך נאָך ערגער מורא. איז בכן, לעבן, צו וואָס. כּדי צו שטאַרבן. איך האָב נישט געקאָנט אַרויס פון דעמדאָזיקן קרייז. איך האָב גענומען אַ בוך, געלייענט. אויף אַ רגע זיך פאַרגעסן און ווידער אַמאָל די זעלביקע פראַגע און די אימה. איך האָב מיך געלייגט אין בעט, פאַרמאַכט די אויגן. נאָך ערגער.

גאָט האָט עס געטון. צו וואָס? — מען זאָגט: פרעג נישט, זיי מתפּלל. רעכט. איך האָב געזאָגט תּפילות. איך האָב איצט אויך געזאָגט תּפילות, ווידער ווי אין אַרזאַמאַס. אָבער דאָרט און נאָכדעם האָב איך פּשוט געזאָגט תּפילות קינדיש. איצט אָבער האָט די תּפילה געהאַט אַ זינען. „אויב דו ביסט פאַראַן, אַנטפּלעק פאַר מיר: צו וואָס, וואָס בין איך אַזוינס?" איך האָב מיך געבוקט, געזאָגט אַלע תּפילות, וועלכע איך האָב געקענט, פאַרפאַסט אייגענע און צוגעגעבן: „אַנטפּלעק־זשע פאַר מיר!" און איך פלעג שטיל ווערן, און וואַרטן אויף אַן ענטפער. אָבער קיין ענטפער איז נישט געווען, גלייך ווי ס'איז גאָר קיינער נישט געווען אַזוינער, וואָס זאָל קאָנען ענטפערן. און איך בין געבליבן איינער אַליין, אַליין מיט זיך. און איך האָב זיך געגעבן תּשובות אָנשטאָט דעם, וועלכער עס האָט נישט געוואָלט ענטפערן, „צו וואָס, כּדי צו לעבן אין עולם הבא", האָב איך זיך געענטפערט. טאָ צו וואָס־זשע דאַרף מען די־דידאָזיקע אומקלאָרקייט, דידאָזיקע פּיין? איך קאָן נישט גלייבן אין דעם צוקונפטיקן לעבן. איך האָב געגלייבט, ווען איך האָב נישט מיט דער גאַנצער נשמה געפרעגט, אָבער איצט קאָן איך נישט. איך קאָן נישט. ווען דו וואָלסט געווען, וואָלסטו געזאָגט, מיר, לייטן. נאָר דו ביסט נישטאָ, ס'איז פאַראַן בלויז די פאַרצווייפלונג. און איך וויל נישט, איך וויל זי נישט.

איך בין געווען אויפגעבראַכט. איך האָב אים געבעטן אַנטפּלעקן פאַר מיר דעם אמת אַנטפּלעקן זיך פאַר מיר, איך האָב געטון אַלץ, וואָס אַלע טוען, אָבער ער האָט זיך נישט אַנטפּלעקט. „בעט, וועט אייך געגעבן ווערן", האָב איך מיך דערמאָנט און איך האָב געבעטן. און אין דעמדאָזיקן בעטן האָב איך געפונען נישט קיין טרייסט, נאָר אַן אָפּרו. אפשר האָב איך נישט געבעטן, איך האָב מיך פון אים אָנטזאָגט. „דו פון אים אויף אַ טפח, און ער פון דיר אויף אַ קלאַפּסטער". איך האָב נישט געגלייבט אין אים, נאָר געבעטן, און ער האָט פאַר מיר פונדעסטוועגן

גאַרנישט מגלה געווען. איך האָב מיך מיט אים גערעכנט און האָב אים פאַראורטיילט, פשוט נישט געגלייבט.

---

אויף מאָרגן האָב איך אָנגעווענדט אַלע כוחות, כדי צו פאַרענדיקן פאַרן טאָג אַלע עסקים און באַפרייען זיך פון דער נאַכט אין דעם נומער. איך האָב נישט אַלץ געענדיקט און האָב מיך צו דער נאַכט אומגעקערט אַהיים. דאָס שווערגעמיט איז נישט געווען. דידאָזיקע מאָסקווער נאַכט האָט נאָך מער געענדערט מיין לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערן אין ארזאַמאַס. איך האָב אָנגעהויבן נאָך ווייניקער פאַרנעמען זיך מיט די געשעפטן, און אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַן אַפּאַטיע. כ'האָב אָנגעהויבן שוואַך ווערן אין געזונט. דאָס ווייב האָט געפאָדערט, איך זאָל מיך היילן. זי האָט געזאָגט, אַז מיינע רייד וועגן גלויבן, וועגן גאָט שטאַמען פון קראַנקייט. אָבער איך האָב געוווסט, אַז מיין שוואַכקייט און מיין קראַנקייט האָבן געשטאַמט פון דער נישט געלייזטער פראַגע אין מיר. איך האָב מיך געמיט נישט צו געבן קיין פרייהייט דערדאָזיקער פראַגע, און האָב מיך אין די געוויינלעכע באַדינגונגען געמיט אָנצופילן דאָס לעבן. איך בין געגאַנגען אין קלויסטער אַלע זונטיק און אין די פייערטעג. איך האָב מיך געגרייט צו דעם הייליקן אָוונט-ברויט, אפילו געפאַסט, ווי איך האָב איינגעפירט, זינט דער נסיעה קיין פענזע, און האָב געזאָגט די תפילות, אָבער מער אַלס אַ מנהג. איך האָב גאָרנישט דערוואַרט דערפון, גלייך ווי נישט צעריסן דאָס וועקסל און פראָטעסטירט עס צו דעם טערמין, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב געוווסט, אַז ס'איז נישט מעגלעך דאָס וועקסל זאָל געצאָלט ווערן. איך האָב עס געטון נאָר פון יעדן פאַלס וועגן. — און דאָס לעבן האָב איך אָנגעפילט נישט מיט דער ווירטשאַפט — זי האָט מיך אָפּגעשטויסן צוליב איר קאַמף — קיין ענערגיע איז נישט געווען — נאָר מיט לייענען זשורנאַלן, צייטונגען, ראָמאַנען, מיט קליינע קאָרטן-שפּילן, און דאָס איינציקע אָרט, וווּ כ'האָב אַרויסגעוויזן ענערגישקייט, איז געווען די יאַגד לויט דער אַלטער רגילות. איך בין אַ גאַנץ לעבן געווען אַ יעגער.

איינמאָל איז ווינטער געקומען צו פאָרן אַ שכן אַ יעגער מיט יאַגד-הינט אויף וועלף. איך בין מיט אים אַוועקגעפאָרן. אויפן אָרט האָבן

מיר אָנגעטון סקיען און האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו דעם אָרט. דאָס געיעג האָט זיך נישט איינגעגעבן: די וועלף האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער קייט. איך האָב עס דערהערט פונדערווייטנס און בין אוועק איבערן וואַלד נאָכצוגיין אַ פרישן האָזן־שפור. דער שפור האָט מיך פאַרפירט ווייט אויף אַ פליין. אויפן פליין האָב איך אים געפונען. ער איז אויפגעשפרונגען אַזוי, אַז איך האָב נישט געזען. איך בין אוועק אויף צוריק. כ׳בין צוריקגעגאַנגען איבער אַן אַלטן וואַלד. דער שניי איז געווען טיף, די סקיען האָבן געזונקען, די צווייגן האָבן זיך געפּלאָנטערט, ס׳איז געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד. איך האָב גענומען פרעגן, ווו בין איך, דער שניי האָט אַלץ געענדערט.

און פּלוצלינג האָב איך דערפילט, אַז איך האָב מיך פאַרלוירן. אַהיים, צו די יעגער איז ווייט, מען הערט גאָרנישט. איך בין מיד, אינגאַנצן אין שוויס. אָפּשטעלן זיך — קאָן מען פאַרפרוירן ווערן. גיין — ווערן די כוחות שוואַך. איך האָב אָנגעהויבן שרייען. אַלץ איז שטיל. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. כ׳בין אוועק אויף צוריק. ווידער אַמאָל נישט דאָס. איך האָב אַ בליק געטון. אַרום איז וואַלד, — מען קאָן נישט וויסן, ווו איז מזרח, ווו איז מערב. איך בין ווידער אוועק אויף צוריק. די פיס זענען מיד געוואָרן. איך האָב מיך דערשראָקן, האָב מיך אָפּגעשטעלט, און אויף מיר איז אָנגעפאַלן די גאַנצע ארזאַמאַסער און מאָסקווער אימה, אָבער הונדערט מאָל אַ גרעסערע. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, די הענט, די פיס האָבן געציטערט. דאָ איז דער טויט? איך וויל נישט. צו וואָס דער טויט? וואָס איז דער טויט? איך האָב געוואָלט, ווי פריער, אויספאָרשן, פאַרוואַרפן גאָט, אָבער דאָ האָב איך פּלוצלינג דערפילט, אַז איך וואַג נישט, איך טאָר נישט, אַז רעכענען זיך מיט אים טאָר מען נישט, אַז ער האָט געזאָגט, וואָס מען דאַרף, אַז איך אַליין בין שולדיק. און איך האָב גענומען בעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין, און איך בין זיך אַליין געוואָרן מיאוס.

די אימה האָט געדויערט נישט לאַנג. איך בין געשטאַנען אַ ביסל, בין צו זיך געקומען, און אוועק אין אַ זייט און בין באַלד אַרויס. איך בין געווען נישט ווייט פון עק וואַלד. איך בין אַרויס אויפן עק וואַלד, אויפן וועג. הענט און פיס האָבן שטאַרק געציטערט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. אָבער מיר איז געווען פריידיק. איך בין דערגאַנגען צו די יעגער, מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. איך בין געווען פריילעך, אָבער איך האָב געוווסט, אַז איך האָב עפּעס פריידיקס, אַז איך וועל עס פונאַנ־

דערקלויבן, ווען איך וועל בלייבן אַליין. אַזוי איז טאַקע געווען. איך בין געבליבן אַליין אין מיין קאַבינעטל און אָנגעהויבן תפילה טון, בעטנדיק מחילה און דערמאָנענדיק מיינע עבירות. זיי האָבן מיר אויסגעוויזן ווייניק, אָבער איך האָב זיי דערמאָנט, און זיי זענען מיר געווען עקלהאַפט.

---

פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן לייענען די הייליקע שריפט. די ביבל איז פאַר מיר געווען נישט פאַרשטענדלעך, אַ נסיון, די עוואַנגעליע האָט מיך גערירט באַם האַרץ. נאָר מער פאַר אַלץ האָב איך געלייענט די לעבנס פון די הייליקע. און ס'דאָזיקע לייענען האָט מיך געטרייסט, געבנדיק ביישפּילן, וועלכע ס'האָט מיר אויסגעוויזן אַלץ מער און מער מעגלעך נאָכצוטון. פון דערדאָזיקער צייט אָן האָבן מיך נאָך ווייניקער און ווייניקער אינטערעסירט די געשעפטן, סיי דיווירטשאַפטלעכע, סיי פון דער משפחה. זיי האָבן אפילו מיך אָפּגעשטויסן. אַלץ האָט מיר אויסגעזעהן נישט דאָס. ווי, וואָס איז געווען דאָס, האָב איך נישט געוווּסט, אָבער דאָס, וואָס עס איז געווען מיין לעבן, האָט אויפגעהערט צו זיין עס. ווידעראַמאָל האָב איך זיך עס דערוווּסט באַם קויפן אַ גוט.

נישט ווייט פון אונז האָט זיך פאַרקויפט אויף גוטע באַדינגונגען אַ גוט. איך בין אַוועקגעפאָרן. אַלץ איז געווען פיין, גוט. באַזונדער איז געווען גוט, וואָס די פּויערים האָבן געהאַט ערד נישט מער ווי אויף גערטנער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן מוזן אומזיסט, פאַר פּאַשע אָראָפּנעמען דעם גוטבאַזיצערס פעלדער. אַזוי איז עס טאַקע געווען. איך האָב עס אַלץ אָפּגעשאַצט, דאָס איז מיר אַלץ געפעלן געוואָרן לויט דער אַלטער רגילות. נאָר איך בין אַוועקגעפאָרן אַהיים, האָב באַגעגנט אַ זקנה; פרעגנדיק באַ איר דעם וועג, האָב איך מיט איר אַ ביסל גערעדט. זי האָט דערציילט וועגן איר נויט. איך בין געקומען צו פאָרן אַהיים, און ווען איך האָב גענומען דערציילן דעם ווייב וועגן די גוטע באַדינגונגען פון דעם גוט, האָב איך מיך פּלוצלינג פאַרשעמט. עס איז מיר געוואָרן עקלהאַפט. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל דאָסדאָזיקע גוט נישט קויפן, מחמת אונזער טובה וועט זיך האַלטן אויף דער אָרימקייט און אויף דער נויט פון לייטן. איך האָב עס געזאָגט. און פּלוצלינג האָט מיך באַלויכטן דער אמת פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט. דער עיקר, דער אמת פון דעם.

וואָס די פּויערים ווילן אויך אַזוי לעבן ווי מיר, וואָס זיי זענען אויך מענטשן — ברידער, זין פון דעם פאָטער, ווי ס'איז געזאָגט אין דער עוואַנגעליע. פּלוצלינג האָט, פּונקט ווי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך לאַנג געקלעמט, באַ מיר זיך אָפּגעריסן, גלייך ווי געבוירן געוואָרן. דאָס ווייב איז געווען אין כּעס, האָט געשריגן אויף מיר. און מיר איז געווען אַ פרייד.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון מיין משוגעת. נאָר דאָס אמתע משוגעת האָט זיך אָנגעהויבן נאָך שפּעטער, אין אַ חודש אַרום.

זי האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן אין קלויסטער, אָפּגעשטאַנען די מעסע. און כ'האָב גוט געבעטן, און געהערט, און בין געריירט געווען. און פּלוצלינג האָט מען מיר דערלאַנגט דאָס הייליקע ברויט, נאָכדעם איז מען געגאַנגען צום צלם, מען האָט זיך אָנגעהויבן שטופּן, נאָכדעם באַם אַרויסגאַנג זענען געווען אָרימע לייט. און מיר איז פּלוצלינג קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אַלץ דאַרף נישט זיין. קנאַפּ, וואָס דאָס דאַרף נישט זיין — אַז דאָס איז נישטאָ, און ווען דאָס איז נישטאָ, איז אויך קיין טויט נישטאָ, און קיין שרעק, און אין מיר איז מער נישטאָ דאָס פריערדיקע צעררייסעניש, און איך האָב שוין מער פאַר גאָרנישט קיין מורא.

דאָ האָט מיך שוין אינגאַנצן אַ ליכטיקייט באַשיינט, און איך בין געוואָרן דאָס, וואָס איך בין. אויב דאָס איז גאָרנישטאָ, איז עס פריער פאַר אַלץ נישטאָ אין מיר. דאָ גופא, אויף די קלויסטער טרעפּ האָב איך צעטיילט, וואָס איך האָב געהאַט, 36 רובל, צווישן די אָרימע לייט און איך בין אַוועק אַהיים צו פוס, רעדנדיק מיטן עולם.

# באַמערקונג

## צו „מעמואַרן פון אַ משוגענעם"

דער געדאַנק וועגן אָנשרייבן די „מעמואַרן פון אַ משוגענעם", ד. ה. פון אַ מענטש, וואָס צוליב זיינע אומגעווינלעכע, להיפוך צו די אַלגעמיינע אָנשויונגען, מוז ער אויסווייזן אַלע געווינלעכע מענטשן ווי נישט קיין נאָרמאַלער, האָט טאָלסטאָיען אינטערעסירט אין משך פון אַ לאַנגער צייט — פון 1884 י. ביז 1897 י., ווען עס איז אָנגעשריבן געוואָרן דידאָזיקע סקיץ. דאָס אַנטשטיין פון דער טעמע באַציט זיך צו דעם יאָר 1884 ; אונטער דער דאַטע פונם 11-טן אַפּריל פון דעם יאָר האָט טאָלסטאָי געשריבן אין זיין טאָג-בוך: געקומען אויפן זינען „מעמואַרן פון אַ משוגענעם", און דאָ גופא האָט ער אָנגעוויזן זייער נאָענטקייט צו זיך. „אַך, האָב איך עס לעבעדיק איבערגעלעבט". אפנים דעמאָלט, אָדער אפשר באַלד נאָך דעם האָט טאָקע טאָלסטאָי אָנגעהויבן שרייבן. מיר דרינגען עס דערפון, וואָס אין יאַנואַר 1887 האָט ער, ענטפערנדיק אויף וו. ג. טשערטקאָווס דערמאָנען אים וועגן די „מעמואַרן פון נישט קיין משוגענעם" אין דעם בריוו, וועלכער איז געווען אָנגעשריבן אין דעצעמבער 1886, געבעטן טשערטקאָוון צושיקן די „מעמואַרן פון אַ משוגענעם"; קלאָר, אַז עפעס איז געווען אָנגעהויבן. נאָכדעם האָט זיך טאָלסטאָי אומגעקערט צו די „מעמואַרן" ערשט אין 1891 יאָר. אין דעם טאָג-בוך פאַר דעמדאָזיקן יאָר אונטער דער דאַטע פון 25—26 יאַנואַר, רעדט טאָלסטאָי וועגן דעם פאַרלאַנג אָנצוהייבן אַ נייע גרויסע קינסטלערישע אַרבעט, וועלכע ער זאָל באַלייכטן מיט זיינע „איצטיקע בליקן אויף זאַכן", און אין וועלכער ער זאָל קאָנען פאַרייניקן „אַלע זיינע פּלענער" און איבעררעכענענדיק זיי רופט ער צווישן אַנדערע אָן אויך די „מעמואַרן פון אַ משוגענעם": און ס'איז מיר אַזוי פריילעך, לעבעדיק געוואָרן".

דער מאַנוסקריפּט, פון וועלכן עס זענען אין נאָך טאָלסטאָיס טויט געדרוקטע ווערק אָפּגעדרוקט די „מעמוּאַרן פון אַ משוגענעם", וועלכע ווערן דאָ געגעבן, האָבן קיין שייכות נישט צו דידאָזיקע באַמערקונגען אין דעם טאָג-בוך. אָפּנים אַז זיי געהערן צו דעם ווערק, וואָס איז געבליבן אין סאָפּיאַ אַנדרעיעוונאַ טאָלסטאָיס אַרכיוו, וואָס איז נאָך עד היום אין דרוק נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. מיט דעם טעקסט, וואָס דרוקט זיך דאָ, זענען אוממיטלבאַר פאַרבונדן צוויי באַמערקונגען אין דעם טאָג-בוך פונם 26-סטן דעצעמבער 1896 י. און פון 5-טן יאַנואַר 1897 יאָר. דעם 26-סטן דעצעמבער שרייבט טאָלסטאָי, אַז ער האָט „געטראַכט היינט וועגן די מעמוּאַרן פון אַ משוגענעם", און הגם ער שרייבט גאַרנישט, נאָר גלייך ווי ער ווערט לעבעדיקער אין די געדאַנקען. „דער עיקר, — זאָגט ער, — פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ זון, אַ ברודער, און די באַציונג צו דער גאַנצער וועלט האָט זיך געענדערט". דעם 5-טן יאַנואַר האָט טאָלסטאָי צו „די מעמוּאַרן פון אַ משוגענעם, אָדער צו דער דראַמע" (דאָס הייסט צו דער דראַמע „און אַ ליכט לייכט אין דער פינצטערניש") פאַרשריבן אַזוינע געדאַנקען: „פאַרצווייפלונג פון דעם משוגעת און פון דער קלאָגעדיקייט פונם לעבן. די רעטונג פון דערדאָזיקער פאַרצווייפלונג אין דעם אָנערקענען גאָט און זיך פאַר אַ זון פון גאָט. דאָס אָנערקענען זיך פאַר אַ זון הייסט אָנערקענען זיך פאַר אַ ברודער פון מענטשן. די אָנערקענונג פון ברידערלעכקייט, און די אכזרישע, חיהשע, וועלכע ווערט פון מענטשן באַרעכטיקט, נישט ברידערלעכע אָרדנונג פון לעבן — ברענגט אוממפאַרמיידלעך צו אָנערקענען פאַר משוגע זיך, אָדער די גאַנצע וועלט". לויט די מעמוּאַרן פון אַ משוגענעם איז דערדאָזיקער געדאַנק געווען דער אָנהייב פון זיין משוגעת. „איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן נישט קויפן דאָסדאָזיקע גוט, מחמת אונזער טובה וועט זיך האַלטן אויף דער אָרימקייט און אויף דער נויט פון לייטן. איך האָב עס געזאָגט — און פלוצלינג האָט מיך באַלויכטן דער אמת פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט — דער עיקר דעם אמת פון דעם, וואָס די פויערים ווילן אויך לעבן, ווי מיר, וואָס זיי זענען מענטשן, ברידער, זין פון דעם פאָטער, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער עוואַנגעליע". אין 1896 י. און אין אָנהייב 1897 יאָר האָט טאָלסטאָי באַזונדער שטאַרק איבערגעלעבט דאָס, וואָס עס האָט אים אָפּגעשיידט פון דעם לעבן אַרום אים. „טרייסטלאָז. מיאוס — האָט ער געשריבן. — אַלץ שטויסט מיך אָפּ אין דעם לעבן, מיט וועלכן מען לעבט אַרום מיר. אַמאָל באַפריי איך מיך פון דעם שווערגעמיט און

פון די יסורים. אַמאָל פאַלן זיי ווידער אָן אויף מיר". דאָס שווערגעמיט, דאָס „אַרזאַמאַסער שווערגעמיט", ווי מ'פלעגט זאָגן בײַ טאָלסטאָיען אין דער משפחה, יענער שווערער געמיט-צושטאַנד, וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין די „מעמואַרן פון אַ משוגענעם" האָט אים נישט געלאָזט צורו, האָט אים געפּייניקט אָן אַ שיעור. די קינסטלערישע שילדערונג פון דעם צושטאַנד, וואָס טאָלסטאָי האָט איבערגעלעבט, זיין פונאַנדערגיין זיך מיט דער משפחה, איר נישט פאַרשטיין זיינע שטרעבונגען, איז געגעבן אין דער דראַמע „און ליכטיקייט שיינט אין דער פינצטערניש", וועלכע ער האָט דעמאָלט געשריבן, און צו וועלכער ער האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעקערט. און צוזאַמען דערמיט אויך אין די „מעמואַרן פון אַ משוגענעם"; דער אויסדרוק פון די רעליגיעז-פילאָזאָפישע אָנשויונגען, צו וועלכע ער איז אין דערדאָזיקער צייט געקומען, האָט ער געגעבן אין דער „קריסטלעכע לערע", וואָס ער האָט געשריבן אין דעמדאָזיקן 1896 יאָר, און וועלכע ער פלעגט דעמאָלט אין זיין טאָג-בוך געוויינלעך אָנרופן „קאַטעכיזיס", אָנווייזנדיק מיט דעם נאָמען אויף דער שטרעבונג פּינקטלעך און קורץ פאָרצושטעלן דעם מהות פון זיין פאַרשטיין די קריסטלעכע לערע.

די „מעמואַרן פון אַ משוגענעם", ווי מיר האָבן שוין געזען פון דער ערשטער באַמערקונג וועגן זיי אין 1884 יאָר, איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק. טאָלסטאָי האָט אפילו קעגן זיין געוווינהייט וויניק פאַרהוילן דעם אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט. האָבנדיק אפשר בדעה צו טון עס בײַ דער ווייטערדיקער באַאַרבעטונג פון דער דערציילונג. די נסיעה אין פענזער גובערניע אָנצוקוקן דאָס גוט מיט דעם משרת סערגיי פּעטראָוויטש אַרבוזאָוו, דער אָנפאַל פון אימהדיקן שווערגעמיט באַדערנאַכט אויף דער אכסניה אין אַרזאַמאַס, דאָס אוועקפאָרן פון דאָרט באַדערנאַכט — דאָס אַנטלויפן פון דעם שווערגעמיט — דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען מיט טאָלסטאָיען אין סעפּטעמבער 1869 יאָר. ער שרייבט אַליין צו דעם ווייב פון סאַראַנסק: „אייערנעכטן האָב איך די נאַכט גענעכטיקט אין אַרזאַמאַס, און מיט מיר האָט פּאַסירט עפּעס אומגעוויינלעכס.... פלוצלינג איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַן אומעט, אַ מורא, אַן אימה — אַזעלכע, ווי איך האָב קיינמאָל נישט געשפּירט... איך בין אויפגעשפּרונגען, געהייסן שפּאַנען". די ניאַניע, אַ הויכע מיט קנייטשן זקנה, מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם אונטער דער גאָמבע... גאָרגל; דער ברודער מיטינקע — ווערן געבראַכט אין טאָלסטאָיס „זכרונות פון דער קינדהייט". די מומע, וועלכע האָט דערציילט וועגן די יסורים פון קריסטוסן—

איז אוודאי די מומעשי טאטיאַנאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. די געשעפטלעכע נסיעה קיין מאָסקווע און דאָס גיין אין דער אָפּערע מיט דעם כאַרקאָווער גוט־באַזיצער, וואָס ווערט דערמאָנט אין די „מעמוארן“, באַציִען זיך אפשר צו האַרבסט 1870, ווען ער איז געווען צוזאַמען מיט אורוסאָוון אויף „מאַרטע“ אין דעם גרויסן טעאַטער. ווי מען קאָן טיילווייז איינזען פון דעם געבראַכטן, איז קיין ספק נישט, אַז אויך פיל אַנדערע זאַכן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די „מעמואַרן“, זענען פּערזענלעכע, וואָס טאָלסטאָי האָט איבערגעלעבט און איבערגעליטן.

(וו. סרעזניעווסקי.)

# אַ מוטער

איך האָב געקענט מאַריע אַלעקסאַנדראָוונען פֿון קינדווייז אָן. עס האָט פּאַסירט אַזוי, ווי עס פּאַסירט אָפֿט צווישן יונגעלייט, אַז צווישן אונדז זענען געווען פֿרייַנטלעכע באַציונגען, וועלכע זענען קיינמאָל נישט ענלעך געווען צו פֿאַרליבעניש, ווען מען זאָל נישט רעכענען איין אָוונט, ווען זיי זענען געווען בייַ אונדז און מען האָט געשפּילט אין „דאַמען און קאַוואַליערן“, און זי, אַ 15-יעריק מיידל מיט רויטע דיקע הענט און מיט שוואַרצע זייער פֿיינע אויגן און מיט אַ דיקן לאַנגן שוואַרצן צאָפּ, האָט אויף מיר געווירקט אַזוי, אַז מיר האָט זיך אויף איין אָוונט אויסגעדאַכט, אַז איך בין אין איר פֿאַרליבט. אָבער דאָס איז געווען נאָר אין אָוונט, און די איבעריקע צייט — אַלע 40 יאָר פֿון אונדזער באַקאַנטשאַפֿט — זענען מיר געווען אין יענע גוטע פֿרייַנטלעכע באַציונגען צווישן איינע די אַנדערע אַכטנדיקע מאַנסביל און פֿרויענצימער, וועלכע זענען באַזונדער אַנגענעם, ווען זיי זענען פֿולקאָם ריין פֿון פֿאַרליבעניש, ווי עס זענען געווען מיינע באַציונגען מיט מאַריע אַלעקסאַנדראָוונען.

דידאָזיקע פֿרייַנדלעכע באַציונגען האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט פֿיל אָנגענעמע מינוטן און האָבן מיר פֿיל געלערנט. איך האָב נישט געקענט קיין פֿרוי, וועלכע זאָל פֿולער פֿאַרקערפּערן דעם טיפּ פֿון גוטער פֿרוי און מוטער. פֿיל האָב איך פֿאַרשטאַנען און דערוווּסט זיך פֿון איר, פֿיל מיך אָפּגעלערנט.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך מיט איר געזען מיט אַ יאָר צוריק, אַ חודש פֿאַר איר טויט, וועלכן נישט איך, נישט זי האָבן נישט פֿאָרויסגעזען. זי האָט זיך נאָר-וואָס איינגעאָרדנט צו לעבן בייַ אַ מאַנסבילשן קלויסטער איינע אַליין מיט איר קעכין וואַרוואַרע, אַזוי משונה איז געווען צו זען זי, אַ מוטער פֿון אַכט קינדער און אַ באָבע פֿון

שיער אַ האַלבע מאה אייניקלעך, אַלס איינזאַמע פרוי, וועלכע האָט אפּנים קאַטעגאָריש באַשלאָסן, נישט געקוקט אויף די מער ווייניקער אויפריכטיקע איינלאַדונגען צו זיך מצד די קינדער, אויסצולעבן אירע יאָרן אין אַ קלויסטער. איך האָב געקענט — כ'וועל נישט זאָגן איר פריידענקען, — זי האָט עס קיינמאָל נישט אַרויסגעשטעלט, אָבער איר דרייסטקייט און איר געזונטן פאַרשטאַנד. די פולקייט פון געפיל, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע האַרץ אירס, האָט נישט איבערגעלאָזט קיין אָרט פאַר אַבערגלויבנס. איך האָב געקענט איר עקל-געפיל צו יעדער חניפה און פאַריסעאיזם. און פלוצלינג — דאָס שטיבל באַם קלויסטער, דאָס גיין צו גאָטעס-דינסט, און דער גלח, דער פאָטער ניקאָדים, וואָס זי האָט זיך אינגאַנצן אונטערגעגעבן זיין הדרכה. זי האָט עס אַלץ געטון באַשיידן, מעסיק, גלייך ווי אַ ביסל שעמענדיק זיך דערמיט.

ווען מיר האָבן זיך געזעען, האָט זי באַשיינפערלעך אויסגעמיידט צו רעדן וועגן דעם, פאַרוואָס זי האָט אויסגעוויילט אַזאַ לעבן. אָבער איך מיין, אַז איך האָב פאַרשטאַנען. זי איז געווען אַ מענטש פון האַרץ-לעבן, און לויטן שכל אַן אמתער סקעפּטיקער. אָבער אַן קינדער, אָן דאגות וועגן זיי. נאָך איר פערציקיעריקן אַרבעט-לעבן אין דער משפחה, האָט זי געדאַרפט האָבן, אויף וואָס אָפּצוגעבן איר געפיל. אין די משפחות פון די קינדער האָט זי עס נישט געפונען און האָט באַשלאָסן צו פאַראייינזאַמען זיך, — און באַ דער איינזאַמקייט האָט זי געהאָפט צו געפינען אַ טרייסט אין דעם, אין וואָס אַנדערע האָבן זי געפונען, — אין רעליגיע. קלאָר, אַז איר איז געווען זייער שווער אויפן האַרץ. אָבער זי איז געווען שטאָלץ סיי פאַר זיך, סיי פאַר די קינדער, און זי האָט נאָר עטוואָס, מיט רמזים, באַוויזן פאַר מיר איר לאַגע. ווען איך האָב זי געפרעגט וועגן אירע קינדער — איך האָב זיי אַלעמען געקענט — האָט זי מיר געענטפערט אומגערן, נישט פאַראורטיילנדיק זיי. אָבער איך האָב געזעען סאַר אַ — נישט קיין דראַמע, — נאָר וויפיל פאַרשידענע דראַמעס עס זענען געווען פאַרבאָרגן אין איר האַרץ.

— יאָ, וואָלאָדיאַ האָט זיך זייער גוט איינגעאָרדנט, — האָט זי מיר געזאָגט. — ער איז דער פאָרזיצער פון דעם אויבער-געריכטהויף און ער האָט געקויפט אַ גוט. יאָ, די קינדער וואַקסן אויך — דריי יינגלעך. צוויי מיידלעך, — און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרכמורעט אירע

שווארצע ברעמען, באשיינפערלעך איינהאלטנדיק דעם אויסדרוק פון איר געדאנק און טרייבנדיק אים פון זיך.

— נו, און וואסילי?

— מיט וואסילין איז אלץ ווי געווען, — איר קענט דאך אים?

— אלץ וועלטלעכקייט?

— יא, יא.

— אויך קינדער

— דריי.

אזא מין שמועסן איז געווען וועגן אלע זין און טעכטער. מער פאר אלעמען האט זי ליב געהאט צו רעדן וועגן פעטיען. דאס איז געווען נישט קיין איינגעגעבענער מיטגליד פון דער משפחה, וואס האט צעפטרט אלץ, וואס ער האט געהאט, וואס האט נישט געצאלט קיין חובות, און האט מער פאר אלע געפייניקט די מוטער. אבער זי האט אים פאר אלעמען ליב געהאט, זעענדיק און ליבנדיק דורך זיינע שלעכטע מעשים זיין „גאלדן הארץ", ווי זי פלעגט זאגן.

פונאנדערערעדן פלעגט זי זיך נאר דעמאלט, ווען מיר פלעגן אנהייבן רעדן וועגן איר יונגער, זארגלאזער צייט, וועגן וועלכער עס רעדן מיט באזונדערער פראכט פון דערינערונג די מענטשן, וואס זענען אויסגעטמאַ-טערט פון נישט ארויסגעזאגטע יסורים. אבער דער סאמע הארציקער שמועס אונזערער, צוליב וועלכן איך בין בא איר געבליבן זיצן ביז נאך צוועלף, דער לעצטער שמועס מיינער מיט איר — וואס האט גערירט דאס הארץ, — איז געווען דער שמועס וועגן פיאטר ניקיפאראוויטש. דאס איז געווען דער קאנדידאט פון מאסקווער אוניווערזיטעט — דער ערשטער לערער פון אירע קינדער, וועלכער איז געשטארבן פון שווינדזוכט טאקע בא זיי אינדערהיים, — א מערקווירדיקער מענטש, וועלכער האט אויף איר געהאט א גרויסע השפעה, און שיער נישט דער איינציקער מענטש, וועלכן זי האט נאכן מאן געקאנט ליב קריגן, אדער ליב געקריגן, אליין נישט וויסנדיק וועגן דעם.

מיר האבן גערעדט וועגן אים, וועגן זיינע בליקן אויפן לעבן, וועל-כע איך האב געהערט אין פון וועלכע איך האב אויך דעמאלט געהאלטן. ער איז געווען — מען קאן נישט זאגן קיין פארערער פון רוסא, הגם ער האט אים געקענט און ליב געהאט, נאר ער איז געווען א מענטש פון דעם זעלביקן ארט שכל. דאס איז געווען א מענטש אזא, ווי מיר שטעלן זיך פאר די אלטערטימלעכע חכמים. דערצו מיט דער עניוות און שטיל-

קייט פון אומבאַוווסטזיניקער קריסטלעכקייט. ער איז געווען זיכער, אַז ער קאָן נישט ליידן די קריסטלעכע לערע, אין דער צייט, וואָס דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען דורכויס זעלבסטאָפּפערונג. אים איז באַשיינפּערלעך אומעטיק געווען צו לעבן, אויב ער האָט נישט געקאָנט ברענגען קיין קרבן פאַר עמעצן, און ברענגען דעם קרבן אַזוי, אַז עס זאָל אים זיין שווער און וויי טון. ערשט דעמאָלט איז ער געווען צופרידן. דערביי איז ער געווען אומשולדיק, ווי אַ קינד, און צאַרט, ווי אַ פרויענצימער.

אין דעם, אַז זי האָט אים געליבט, האָט געקאָנט זיין אַ ספק, אָבער אין דעם, אַז זי איז געווען זיין איינציקע ליבע און גאָטהייט — האָט קיין שום ספק נישט געקאָנט זיין פאַר דעם, ווער עס האָט אים געזען אין איר אָנוועזנהייט. מען האָט געדאַרפט זען זיינע גרויסע קיילעכדיקע בלויע אויגן, ווי זיי האָבן אויף איר געקוקט און נאָכגעשפּירט יעדע באַוועגונג אירע און האָבן אָפּגעשפּיגלט אין זיך יעדן אויסדרוק פון איר פּנים; מען האָט געדאַרפט זען דידאָזיקע שוואַכע פיגור, וועלכע האָט זיך געמיט צו האַלטן לעבעדיק אין דעם פונאַנדערגעשפּיליעטן, שלעכט אויפגענייטן פּידזשאַקל, ווי ער האָט זיך געבויגן און געצויגן צו דעם אָרט, ווו זי איז געווען, כדי אין דעם זאָל קיין שום ספק נישט בלייבן.

דאָס האָט אויך געוווסט אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, איר געשטאָרבענער מאַן, געוווסט און ס'האָט אים נישט געאַרט, און ער האָט זיי איבערגעלאָזט אויף גאַנצע אָוונטן איינע אַליין, ד. ה. מיט איר און מיט די קינדער. דאָס האָבן אויך געוווסט די קינדער, וועלכע האָבן ליב געהאַט דעם לערער און די מוטער און האָבן געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, אַז דער לערער און די מוטער זאָלן איינע די אַנדערע ליב האָבן.

דאָס איינציקע מיטל, וואָס אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש האָט אָנגענומען קעגן פּיאָטר ניקיפאָראָוויטשן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אים גערופן „פּעטראָי דער חכם". אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש האָט ליב געהאַט און האָט געאַכט פּיאָטר ניקיפאָראָוויטשן, ווייל ער האָט אים נישט געקאָנט נישט אַכטן פאַר זיין אומגעוויינלעכע ליבע און איבערגעגעבנקייט צו די קינדער און פאַר די אומגעוויינלעך טייערע מאָראַלישע מעלות, נאָר ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן די מעגלעכקייט פון ליבע צווישן זיין ווייב מיט פּעטראָיען. און דאָך בין איך נוטה צו טראַכטן, אַז זי האָט אים ליב געהאַט. — זיין טויט איז פאַר איר געווען נישט בלויז אַ גרויס אומגליק, נאָר ער האָט איר געפעלט. עס זענען געווען זייטן פון איר נשמה — די בעסטע, די עיקרשטע, די גרינדלעכסטע, וועלכע זי האָט

שוין נאָכדעם פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקט, און וועלכע זענען אַזוי פאַרוואַרלאָזט געוואָרן נאָך זיין טויט.

איז אָט האָבן מיר גערעדט וועגן אים און וועגן זיינע בליקן אויפן לעבן, — ווי ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס גאַנצע מאָראַלישע לעבן באַשטייט בסך הכּל אין דעם. מען זאָל וואָס ווייניקער נעמען פון מענטשן און וואָס מער אָפּגעבן זיך, די אייגענע נשמה. און ווי כּדי ווייניקער צו נעמען דאַרף מען זיך האַלטן בײַ דער ערשטער פּלאַטאָנישער מידה: איינגעהאַלטנקייט: שלאָפן אויף ברעטער, טראָגן איין מאַנטל ווינטער און זומער, עסן ברויט מיט וואַסער, און — דער גרעסטער לוקסוס — מילך. (ער האָט אַזוי געלעבט, און מאַריע אַלעקסאַנדראָוונע האָט געהאַלטן, אַז דערמיט האָט ער געשפּערט זיין געזונט.) און כּדי צו זיין אימשטאַנד אָפּצוגעבן זיך אַנדערע, דאַרף מען אין זיך אַנטוויקלען די גייסטיקע קרעפטן, וואָס פון זיי איז די עיקרשטע — ליבע — טעטיקע ליבע, דינען דעם לעבן, פאַרבעסערן עס. ער האָט אַזוי טאַקע געוואָלט מדריך זיין די קינדער, נאָר די פאָדערונגען פון די עלטערן, וועלכע האָבן זיך אונטערגעגעבן די מנהגים, זענען געווען אַנדערע, און פון דעם איז אַרויסגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אינדערמיטן, אָבער אויך דאָס איז געווען גוט. צום אומגליק האָט עס געדויערט נישט לאַנג — ער האָט בײַ זיי אָפּגעלעבט מער נישט ווי פיר יאָר.

מאַריע אַלעקסאַנדראָוונע האָט זיך דערמאָנט אַפילו זיינע מיינונגען און ווערטער.

— יאָ, שטעלט זיך פאָר, — האָט זי געזאָגט, — איך לייען איצט אָפט מוסר ספרים, איך הער די לערעס פון דעם פאָטער ניקאָדים און — איר וועט גלויבן? — זי האָט אויף מיר אַ גלאַנץ געטון מיט אירע שמייכלענדיקע אויגן, און איך האָב מיך דערמאָנט אָן אירע דרייסטע אורטיילן, — און איר וועט גלייבן, די אַלע מוסר-רייד זענען פיל, פיל נידעריקער פאַר דעם, וואָס איך האָב געהערט פון פיאָטר ניקיפאָראָוויטשן. דאָס זעלביקע, נאָר נידעריקער. און — דער עיקר, ער האָט גערעדט און געטון — געברענט! און איז פאַרברענט געוואָרן. איר געדענקט, ווען מיטינקע און וואָראָטשקע האָבן געהאַט שקאַרלאַטין — איר זענט נאָך דעמאָלט געקומען צו פאָרן — פלעגט ער נעכט אָפּזיצן לעבן די קראַנקע, און בײַטאָג פלעגט ער נישט אָפּלייגן זיין אַרבעט מיט די עלטערע. דאָס איז פאַר אים געווען אַ הייליקע זאַך. און נאָכדעם, בעת דאָס יינגל איז קראַנק געוואָרן בײַ וואַרוואַרען, האָט ער געטון די זעל-

ביקע זאַך, און ער איז געווען שטאַרק אין כעס, ווען מיר האָבן געוואָלט אַריבערפירן איר ייִנגל אין הויז אַריין. ווארהאַרא האָט מיך נישט לאַנג דערמאַנט, ווי וואַניע — אַ ייִנגל אַ משרת — האָט בײַ אים צעבראָכן דעם ביוסט — איך געדענק נישט פון וואָס פאַר אַ חכם, און ער האָט אים אויסגעזידלט, און ווי ער האָט נאָכדעם נישט געוווּסט, מיט וואָס אײַנצושטילן זײַן פאַרדראָס! אי פאַרצײַונג האָט ער געבעטן, אי אין צירק האָט ער געשיקט. אַ וווּנדערלעכער מענטש געווען! ער האָט געזאָגט, אַז לעבן אַזוי, ווי מיר לעבן, לוינט נישט, און ער האָט פאַרגעלייגט דעם מאַן אָפּצוגעבן די גאַנצע ערד זײַנע די פּויערים, און אַליין לעבן פון אַרבעט. אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש האָט נאָר געלאַכט. אָבער ער האָט עס ערנסט פאַרגעלייגט, געהאַלטן פאַר זײַן חוב צו זאָגן דאָס, צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט. און ער איז געווען גערעכט. מילא, מיר האָבן געלעבט ווי אַלע לעבן, נו איז וואָס? נעמט: מײַנע קינדער... איך בין בײַ זיי אַלעמען, אַ חוץ בײַ פּעטיען, געווען פאַריקן יאָר. איז וואָס? זיי זענען דען גליקלעך? נאָר, איבעריקנס, ניין, מען קאָן דאָך נישט אַלץ אומדרייען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. ס׳ווײַזט אויס, נישט אומזיסט איז געפאַלן דער ערשטער מענטש, און די זינד איז אַרײַנגעקומען אין לעבן.

אַזאַ איז געווען אונזער לעצטער שמועס. און דאָ גופא האָט זי מיר געזאָגט:

— אַ סך אַ האָב איך איבערגעטראַכט אין מײַן אײַנזאַמקייט, נישט נאָר געטראַכט, נאָר אפילו געשריבן, — און זי האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל, וואָס האָט צוגעגעבן אַזאַ ליבלעכן און נעבעכדיקן אויסדרוק איר אַלטערלעכן פּנים. — איך האָב פאַרשריבן מײַנע געדאַנקען וועגן דעם, ריכטיקער געזאָגט, מײַן דערפאַרונג. איך פלעג פריער, מיידלווייז און אַ ווײַבל זייענדיק, פירן מײַן טאָג-בוך. נאָכדעם שוין, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, מיט אַ יאָר צען צוריק... — זי האָט נישט געזאָגט, וואָס אַזוינס עס האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אירע באַציונגען מיט די דערוואַקסענע קינדער, אַ צוזאַמענגעשטויס, אַ קאַמף (זי איז נאָכן מאַן געבליבן אַליין און דאָס פאַרמעגן איז געלעגן אין אירע הענט), — האָב איך מער נישט געשריבן. און איצט, איבערקלײַבנדיק מײַנע זאַכן, האָב איך געפונען דידאָזיקע העפטלעך, האָב זיי איבערגעלייענט, און אַ סך זאַכן זענען דאָרט פאַראַן נאַרישע, אָבער אויך אַ סך גוטע, באמת, — ווידער דער-

זעלבער שמייכל — און באַלערעוודיקע. כ׳האָב גערעכנט פאַרברענען, אָבער ניין. כ׳האָב מיך בּאַראַטן מיטן פאָטער, ער האָט געהייסן פאַרברענען. איר ווייסט — ער פאַרשטייט נישט. דאָס איז נאַרישקייט, איך האָב נישט פאַרברענט.

איך האָב אַזוי דערקענט איר אומלאָגישע, עפּעס אייגנאַרטיקע קאָנסעקווענטקייט אין דידאָזיקע רייד. ניקאָדימען פאָלגט זי אין אַלץ, זי האָט זיך דאָ באַזעצט, כדי צו באַקומען פון אים הדרכה, און צוזאַמען דערמיט האַלט זי זיין מיינונג פאַר אַ נאַרישע און טוט, ווי זי פאַרשטייט אַליין.

— האָב איך נישט פאַרברענט, און צוגעשריבן גאַנצע צוויי העפטן. דאָ איז איינע אַליין נישטאָ וואָס צו טון, האָב איך אָנגעשריבן, וואָס איך טראַכט וועגן דעם אַלעמען. איז אָט, ווען איך וועל שטאַרבן — איך קלויב מיך נאָך נישט, מיין מוטער האָט געלעבט ביז נייַנציק יאָר, און מיין פאָטער ביז אַכציק — זאָל מען די העפטן איבערגעבן אייך, איר וועט איבערלייענען און וועט באַשליסן, צי איז דאָרט פאַראַן עפּעס נייטיקס — אויב עס איז פאַראַן עפּעס נייטיקס, טאָ זאָלן אַנדערע אויך וויסן. אַגישט ווייסט עס דאָך קיינער נישט: מיר מאַטערן זיך, מיר מאַטערן זיך, מיר ליידן פאַר זיי, פון שוואַנגערשאַפט און ביז איצט, ביז זיי הייבן אָן צו מעלדן וועגן זייערע רעכט, און די אַלע שלאָפלאָזע נעכט, און די פּיינען, און די זאָרגן, און די פאַרצווייפלונג. און דאָס אַלץ וואָלט נאָך גוט געווען, ווען עס וואָלט געווען ליבשאַפט, ווען זיי וואָלטן געווען גליקלעך. איז דאָך דאָס אויך נישטאָ. ווי איר ווילט אייך, אָבער דאָ איז עפּעס נישט גוט. האָב איך עס אַלץ פאַרשריבן. לייענט איבער נאָך מיין טויט. — איז גוט?

איך האָב צוגעזאָגט, הגם איך האָב געזאָגט, אַז איך רעכן כּלל נישט איבערצולעבן זי. דערויף האָבן מיר זיך צעשיידט, און אין אַ חודש אַרום האָב איך מיך דערוווּסט, אַז זי איז געשטאָרבן. עס איז איר געוואָרן נישט גוט באַ דער גאָטעס־דינסט אין קלויסטער, זי האָט זיך געזעצט אויף אַ צוזאַמענגעלייגטער שטול, וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט און איז אַזוי אויסגעגאַנגען. עפּעס איז געשען מיטן האַרץ. איך בין געקומען צו פאָרן אויף דער לוויה. די קינדער האָבן זיך כּמעט אַלע צונויפגעקליבן, חוץ העלענען, וועלכע איז געווען אין אויסלאַנד, און מיטינקען, דעמזעלביקן, וואָס האָט געווען געהאַט שקאַר-

לאָזן, און וואָס ער האָט נישט געקאָנט קומען צו פאָרן, ווייל ער האָט זיך אין דער צייט גופא געהיילט אין קאַווקאַז פון אַ מיאוסער קראַנקייט.

די לויה איז געווען אַ רייכע, וועלכע האָט אַרויסגערופן בײַ די מאַנאַכן פיל מער אַכטונג, איידער די אַכטונג, וואָס זיי האָבן צו איר געפילט, ווען זי האָט געלעבט. די זאַכן, וואָס זי האָט בײַ זיך געהאַט, האָט מען צעטיילט צווישן זיך, דער עיקר, — ווי סוועגירן, און מיר האָט מען געגעבן צום אָנדענקען אַ מאַלאַכיטענעם פרעס-פאַפיע און זעקס אַלטע אין סאַפיאַן-געבונדענע העפטן און פיר בייזע פשוטע שול-העפטן, וועלכע זי האָט אָנגעשריבן אין מאָנאַסטיר וועגן „דעם אַלעם", ווי זי האָט געזאָגט.

אין די העפטן איז די גאַנצע רירנדיקע און באַלערעוודיקע געשיכטע פון דערדאָזיקער פיינער מערקווירדיקער פרוי.

היות חי איך האָב פערציק יאָר געקענט זי און איר מאַן, און בײַ מיר אויף די אויגן זענען געבוירן, אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן און האָבן חתונה געהאַט אירע קינדער, קאָן איך אומעטום, וו דאָס קאָן נייטיק זיין פאַר דער קלאָרקייט פון דער דערציילונג, דערפילן מיט מיינע דערינערונגען דאָס, וואָס עס איז נישט דערזאָגט געוואָרן אין די העפטן.

---

דאָס איז געווען אין 57-טן יאָר, נאָר וואָס געענדיקט זיך די מלחמה.

בײַ די וואָראַנאָווס אין הויז האָט זיך געגרייט אַ חתונה. מען האָט פאַרקנסט די מיטעלע טאָכטער פאַר יעווגראַף לאָטוכינען. זיי האָבן זיך געקענט אַלס קינדער, געשפּילט, געטאַנצט צוזאַמען, און איצט האָט ער זיך אומגעקערט פון סעוואַסטאָפּאָל אַלס פּאָרוטשניק פון אַן אולאַנער פּולק. אין סאַמע ברען פון דער מלחמה איז ער אַרויסגעטרעטן פון דעם מיניסטעריום, אין וועלכן ער האָט געדינט, און איז אַריינגעטרעטן אין פּולק אַלס יונקער. איצט האָט ער זיך אומגעקערט, און האָט נישט געקאָנט באַשליסן, וווהין אָנצוקומען. ער האָט זיך באַצויגן צו דער מיליטערדינסט, דער עיקר אין גוואַרדיע, מיט פאַראַכטונג, און האָט אויף איר אין שלום-צייט נישט געוואָלט פאַרבלייבן. אָבער זיין פעטער האָט אים גערופן צו

זיך אַלס אַדיוטאַנט קיין קיעוו. אַ צווייטער פעטער האָט אים פאַרגעלייגט אַן אָרט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער פריערדיקער שעף האָט אים איינגע־לאַדן צו זיך.

קרובים, פריינט איז געווען אַ סך און אַלע האָבן ליב געהאַט יעווגראַף לאַטוכינען. ס'הייסט נישט ריכטיק ליב געהאַט. באַמערקט ווען ער פעלט, נאָר ליב געהאַט אַזוי, אַז ווען ער איז אַריינגעקומען, האָבן אַלע גרעסטן טייל געזאָגט: „אַ, גראַשע! איז אויסגעצייכנט!" ער איז קיינמאָל פאַר קיינעם נישט געווען שווער, און אָנגענעם איז ער געווען פאַר אַ סך אין אויך סאַמע פאַרשידנאַרטיקע אופנים. סיי עפּעס דערציילן, סיי עפּעס אויסזינגען, סיי אין טעאַטער שפּילן. ער איז אין אַלץ געווען אַ מייסטער. און דער עיקר, אָן פּרעטענזיעס. אַ קלוגער, אַ שיינער, אַ פאַרשטענדלע־כער און אַ גוטמוטיקער.

דערווייל האָט ער זיך צוגעקוקט, ווהין, צו וועמען אָנצוקומען, און האָט זיך צוגעקוקט, ערנסט אויסווייגנדיק, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט אויסגעוויזן אַ זאָרגלאָזער. ער האָט אין מאָסקווע באַגעגנט די וואַראַנאַווס. זיי האָבן אים איינגעלאַדן צו זיך אין דאָרף אַריין. ער איז געקומען צו פאָרן, האָט פאַרבראַכט אַ וואָך, איז אַוועקגעפאָרן, און אין אַ וואָך אַרום איז ער ווידער אַמאָל געקומען צו פאָרן און האָט געבעטן די טאָכטער. מען האָט אים אָנגענומען מיט פרייד. דאָס איז געווען אַ גוטער שידוך. און ער איז געוואָרן אַ חתן.

---

— דאָ איז קיין שום באַזונדער פרייד נישטאָ, — האָט געזאָגט דער פאָטער וואָראָנאָוו צו דעם ווייב, וועלכע איז געשטאַנען לעבן זיין טיש און האָט אויף אים קלעגלעך געקוקט. — אַ גוטער! אַ גוטער! נישט אום גוטסקייט גייט דאָ, נאָר ער האָט דאָך שוין געלעבט, און זייער, — איך קען דעמדאָזיקן לאַטוכינישן מין, און וואָס איז ער אַזוינס? גאָרנישט, אויסער גוטע כּוונות, — דינסט. און דאָס, וואָס מיר וועלן געבן, וועט נישט פאַרזיכערן.

— אָבער זיי האָבן זיך ליב איינע די אַנדערע. און זיי זענען אַזוי אָפנהאַרציק צוגעטרעטן, — האָט זי געזאָגט אַ שטילע ווי אַ טויב.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, פעניקאָוו איז גאָרנישט. זיי זענען אַלע אַזעלכע, אָבער איך האָב געוואַרט אויף עפּעס בעסערס פאַר וואַריען.

דאָס איז אזא ערלעכע, צאַרטע נאַטור. מען וואָלט פאַר איר געקאָנט ווינטשן זיך עפּעס בעסערס. מילא, וואָס קאָן מען מאַכן, קום.
און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

---

הייגט. 1857. 3־טער מאַי. איך הייב אָן אַ נייַ טאָג־בוך. דעם אַלטן שוין לאַנג נישט געשריבן. און אויך דאָס וואָס געשריבן איז געווען נישט דאָס: אַ סך אומזיסט גראַבלען זיך אין זיך, אַ סך סענטימענטאַלישקייט און פּשוט נאַרישקייט — פאַרליבעניש אין איוואַן זאַכאַריטש — דער פאַרלאַנג באַרימט צו ווערן, אַוועקצוגיין אין אַ קלויסטער. איך האָב איצט איבערגעלייענט אויך פיל ליבעלעכס, 15, 16־יאָריקס. איצט איז אַנדערש. 20 יאָר, און איך ליב, ריכטיק כ'ליב, אָן התפּעלות פון זיך, נישט אונטער־רייצנדיק זיך, מיט מורא, טאָמער איז ער נישט דאָס אמתע, טאָמער איז עס נישט אַזוי, ווי מען ליבט אויף צו אמתן, טאָמער ליב איך נישט גע־נוג; נאָר פאַרקערט, מיט מורא, אַז דאָס איז דאָס אמתע, פון גורל אָנגעחתמעטע, אַז איך האָב צו פיל ליב און איך קאָן נישט, איך קאָן נישט... נישט ליבן. און מיר איז שרעקלעך. עפּעס ערנסטס, פייערלעכס איז פאַרבונדן מיט אים, מיט זיין געזיכט, מיט דעם קלאַנג פון זיין שטימע, מיט יעדן וואָרט זיינעם, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז פריילעך און לאַכט אַלץ, און קאָן אַלץ אַזוי איבערדרייען, אַז עס קומט אַרויס גראַציעז, קלוג און קאָמיש. אַלעמען איז קאָמיש, מיר אויך קאָמיש, קאָמיש און צוזאַמען דערמיט פריילעך. אונזערע אויגן באַגעגענען זיך, פאַרטיפן זיך איינע אין די אַנדערע. ווייטער, ווייטער, און ס'איז שרעק־לעך, און איך זע, אַז אים אויך.

נאָר לאָמיך באַשרייבן אַלץ כסדר. ער איז דער זון פון אַננאַ פּאַוו־לאָווגאַ לוטקאָווסקאַ, אַ קרובה אי די אָבלאָנסקיס, אי די לוקאַשעניס. דער עלטערער ברודער זיינער, דער באַוווסטער לוטקאָווסקי, דער סעוואַסטאַ־פּאָלער העלד, און ער פּיאָטר — מיינער, יאָ, מיינער — זענען געווען אין סעוואַסטאָפּאָל נאָר אַבי נישט צו זיין אינדערהיים, בעת מענטשן קו־מען דאָרט אום. ער שטייט העכער פאַר ערגייציקייט. נאָך דער מלחמה איז ער תיכף אַרויס אין דימיסיע און האָט געדינט ערגעץ אין פּעטער־בורג, און איצט איז ער געקומען צו פאָרן אין אונזער גובערניע, און ער איז אין קאָמיטעט. ער איז יונג, נאָר מען שעצט און מען ליבט אים.

צו אונז האָט אים געבראַכט מישע, ער איז בא אונז גלייך געוואָרן אַן אייגענער מענטש. די מאַמאַ האָט אים ליב געקריגן און צוגעלאַשטשעט, און דער פּאַפּאַ, ווי ער באַצייט זיך אַלע מאָל צו חתנים, האָט אים אויפגענומען מיט אַ געוויסער קאַלטקייט. ער האָט גלייך אָנגעהויבן שדכנען גאַדיען, ווי מען שדכנט זיך צו אַ פּופּצניעריק מיידעלע, אָבער איך האָב גלייך אין דער טיפעניש פון מיין נשמה באַשלאָסן, אַז דאָס בין איך. נאָר איך האָב זיך אַליין נישט געוואַגט אין דעם מודה צו זיין. ער האָט אָנגעהויבן אָפּט פאָרן צו אונז, און פון די ערשטע טעג אָן, הגם עס איז גאָרנישט נישט געזאָגט געוואָרן, האָב איך געוווסט, אַז ס'איז אַלץ געענדיקט, אַז דאָס איז ער.

נעכטן, אַוועקפאָרנדיק, האָט ער מיר אַ דריק געטון די האַנט. מיר זענען געווען אויבן אויף די טרעפּ. איך ווייס נישט פאַרוואָס, איך האָב דערפילט, אַז כ'בין רויט געוואָרן. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון און איז אויך נאָך מער רויט געוואָרן, און ער האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט, איז אַראָפּגעלאָפן אונטן, האָט פאַרלוירן דעם הוט, אויפגעהויבן אים און איז געבליבן שטיין אויפן גאַנעק. — איך בין אַרויף אויבן, געקוקט אין פענצטער. די פערד האָט מען אים דערלאַנגט, אָבער ער האָט זיך נישט געזעצט. איך האָב אַ בליק געטון אויפן גאַנעק, ער איז געשטאַנען און האָט זיך נישט געזעצט, אַריינלייגנדיק די באָרד אין מויל און בייסנדיק זי. איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל זיך נישט אַרומקוקן, און האָב מיך אָפּגערוקט פון פענצטער, נאָר אין דער זעלבער רגע האָב איך דערהערט זיינע טריט איבער די טרעפּ אַרויף צו. ער איז שנעל, דרייסט געלאָפן. ווי איך האָב מיך דערוווסט, ווייס איך נישט, אָבער איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָב מיך אָפּגעשטעלט, וואַרטנדיק. דאָס האַרץ האָט נישט געשלאָגן, איז געשטאַנען און האָט מיר פריידיק און פיינלעך געדריקט די ברוסט.

פונוואַנען האָב איך געוווסט, נאָר איך האָב געוווסט. עס האָט דאָך געקאָנט פּאַסירן, אַז אַריינלויפנדיק זאָל ער זאָגן: „פאַרצייט, איך האָב פאַרגעסן די פּאַפּיראָסן”. אָדער עפּעס ענלעכס. עס האָט דאָך אַזוי געקאָנט פּאַסירן. וואָס וואָלט געשען מיט מיר, ווען דאָס וואָלט געטראָפן. אָבער ניין, דאָס האָט נישט געקאָנט טרעפן. עס האָט געטראָפן דאָס, וואָס עס האָט געמוזט טרעפן. זיין געזיכט איז געווען אי אַנטציקט, אי שרעקעוודיק, אי אַנטשלאָסן, אי פריידיק. די אויגן האָבן געגלאַנצט, די באַק האָט געציטערט. ער איז געווען אין פּאַלטאָ, און האָט געהאַלטן דעם

הוט אין האַנט, קיינער איז דאָ נישט געווען, אַלע זענען געווען אויף דער חעראַנדע.

— וואַרוואַרא ניקאָלאַיעוונא, — האָט ער געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך אויפן לעצטן טרעפּל, — בעסער שוין פּאַראַמאָל, איידער פּייניקן זיך, אפשר, אייך באַאומרויקן...

ס'איז מיר געווען אַזוי שווער, פּײַנלעך און פריידיק. דידאָזיקע ליבע אויגן, דערדאָזיקער ווילער שטערן, דידאָזיקע ציטערדיקע, אַזוי צו שמייכלען געווינטע אויגן, און דידאָזיקע שרעקעדיקייט אין דער גאַנצער ענערגישער, שטאַרקער פיגור. איך האָב דערפילט, אַז אַ יאָמער טרעט מיר צו צום האַלז. ער האָט אָפּנים דערזעען דעם אויסדרוק פון מיין פּנים.

— וואַרוואַרא ניקאָלאַיעוונא, איר ווייסט דאָך אַליין, וואָס איך וויל אייך זאָגן, יאָ?

— איך ווייס נישט, — האָב איך געווען אָנגעהויבן, — ניין, איך ווייס.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — איר ווייסט, וועגן וואָס איך וויל און וואָג אייך נישט צו בעטן... — ער האָט זיך פאַרשטאַמלט, און פּלוצלינג ווי אין כעס געוואָרן אויף זיך. — מילא, זאָל שוין זיין, וואָס עס וועט זיין. איר קאָנט מיך ליב האָבן, ווי איך האָב אייך ליב, ווערן מיין ווייב? ניין? יאָ.

איך האָב נישט געקאָנט רעדן, די פרייד האָט מיר פאַרדריקט דעם האַלז. איך האָב דערלאַנגט די האַנט. ער האָט זי גענומען און אַ קוש געטון.

— איז טאַקע יאָ? ריכטיק? — יאָ? איר האָט דאָך געוווסט, איך פּייניק מיך פון לאַנג. וועל איך נישט פאָרן.

— ניין, ניין.

און איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב אים ליב, און מיר האָבן זיך צעקושט, און מיר איז געווען משונה, און גיכער אומאָנגענעם איידער אָנגענעם דערדאָזיקער ערשטער קוש פון די ערגעץ-ווו געטראָפענע ליפּן. און ער איז אַוועקגעגאַנגען, אָפּגעשיקט די פערד. און איך בין אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמאַ. זי איז אַוועק צום פּאַפּאַ, און ער איז אַרויסגעגאַנגען. אַלץ געענדיקט, און מיר זענען חתן כלה. און ער איז אַוועקגעפאָרן צווי דעם זייגער באַדערנאַכט, און מאָרגן וועט ער קומען צו פאָרן.

און די חתונה וועט זיין אין א חודש ארום. ער האט געוואלט אין א וואך ארום, נאר די מאמא האט זיך איינגעשטעלט.

---

דער פאפא איז אין דער ערשטער רגע געווען עפעס ווי נישט צו־פרידן, נאר אומעטיק, נישט נאטירלעך — איך קען אים. גלייך, ווי ער געפעלט אים נישט. דאס קאן איך נישט פארשטיין. נישט מיר אליין, נישט דערפאר, וואס איך בין זיין כלה, נאר אזא קלארקייט פון אדל, דערהויפט פון אמת און ריינקייט, וועלכע זענען אנגעשריבן אויף זיין גאנץ ווען, קאן מען קיין גרעסערע נישט געפינען. מען זעט, אז וואס עס איז בא אים אויף דער לונג, דאס איז בא אים אויף דער צונג. ער האט נישט וואס צו באהאלטן. און באהאלטן באהאלט ער נאר זיינע איי־דעלע שטריכן. וועגן זיין סעוואסטאפאלער טאט וויל ער נישט, האט ער נישט ליב צו רעדן, וועגן מישען אויך נישט. ער איז רויט געווארן, ווען איך האב אנגעהויבן רעדן.

איך דאנק דיר גאט! גארנישט, גאר — נישט וויל איך נישט מער.

---

לאטוכין איז אוועקגעפארן קיין מאסקווע גרייטן זיך צו דער חתונה. ער האט זיך אפגעשטעלט בא שעוואליע און דא גופא האט ער זיך בא־געגנט אויף די טרעפ מיט סושטשעוון.

— א, גראשע! אמת, אז דו האסט חתונה?

— אמת.

— נו, מזל טוב. — איך קען זיי. א ליבלעכע משפחה. כ'קען דיין כלה אויך. א שיינהייט... עסן מיר מיטאג צוזאמען.

זיי האבן געגעסן מיטאג, אויסגעטרונקען איינע, נאכדעם א צווייטע פלאש.

— נו, לאמיר פארן. דו וועסט זיך דורכגיין, אנישט, וואס קאן מען דען טון.

און זיי זענען אוועקגעפארן אין ערמיטראזש, וואס האט זיך דעמאלט ערשט געהאט געעפנט.

ווי נאר זיי זענען צוגעגאנגען צום טעאטער — ערשט. אנעטשקע.

אַנעטשקע האָט נישט געוווסט, און אַז זי וואָלט אפילו געוווסט, אַז ער האָט חתונה, וואָלט זי זיך נישט אַנדערש אויפגעפירט, און וואָלט נאָך פרייליכער געשמייכלט מיט אירע חן-גריבלעך.

— אַי, סאַר אַן אומעטיקער, קום.

און זי האָט אים גענומען אונטער דער האַנט.

— זע, — האָט סושטשעוו פון הינטן געזאָגט.

— באַלד, באַלד.

לאַטוכין איז זיך מיט איר דורכגעגאַנגען ביזן טעאַטער און האָט זי איבערגעגעבן צו וואַסילין, וועלכן ער האָט דאָ באַגעגנט.

„ניין, ס'איז נישט גוט, איך פאָר אַהיים. און נאָך וואָס בין איך אַהער געקומען?"

נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט אים פאַרהאַלטן, איז ער אַוועקגעפאָרן אַהיים איינער אַליין. אינדערהיים, אין נומער, האָט ער אויסגעטרונקען אַ צוויי גלאָז זעלצער-וואַסער און זיך געזעצט באַם טיש מאַכן זיינע חשבונות. אינדערפרי איז ער געפאָרן געשעפטלעך לייען געלט. דער ברודער האָט אים נישט געגעבן. און ער האָט געלייען באַ אַ מלווה. ער איז געזעסן, מאַכנדיק די חשבונות. און מיט אַן אומאָנגענעם געפיל האָט ער זיך דערמאָנט אַן אַנעטשקען און אָן דעם, וואָס מען דאַרף זיך פון איר אָפּזאָגן. און ער האָט זיך גרויס געהאַלטן דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט. ער האָט אַרויסגענומען וואַריעט פּאָרטרעט: אַ פּוליע, אַ שלאַנקע, אַ ראָזע, אַ געזונטע רוסישע שיינהייט. — אָנגעקוקט זיך און אַוועקגעשטעלט קעגן זיך, האָט ער ווייטער געאַרבעט איבער די חשבונות.

פלוצלינג האָט ער אין קאָרידאָר דערהערט אַנעטשקעס און סושטשעווס שטים. ער האָט זי נעפירט גלייך צו זיין טיר.

— גראַשע! וואָס-זשע האָסטו אַזוינס געטון?

און זי איז אַריין צו אים...

אויף מאָרגן איז לאַטוכין געקומען טרינקען טיי צו סושטשעוון און האָט אים אויסגערעדט.

— דו פאַרשטייסט, אַז דאָס וואָלט איר געקאָנט פאַרשאַפן גרויס צער.

— נו, אוודאי. זיי רויק. איך בין שטום, ווי אַ פיש.

7 מאי. גראשע איז צוריקגעקומען פון מאָסקווע. אַלץ דיזעלביקע ליכטיקע קינדישע נשמה, איך זע, אַז עס פייניקט אים דאָס, וואָס ער איז נישט רייך פאַר מיר, בלויז פאַר מיר. איינאָוונט האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן וועגן קינדער, וועגן אונזערע קינפטיקע קינדער. איך קאָן נישט גלייבן, אַז איך זאָל האָבן קינדער, נאָר כאָטש איין קינד. ס'קאָן נישט זיין, איך וואָלט געשטאָרבן פון גליק. און אַז איך וואָלט זיי געהאַט, ווי וואָלט איך עס באַוויזן ליב צו האָבן זיי און אים. דאָס איז אוממעגלעך צוזאַמען. נו, אָבער וואָס עס וועט זיין, דאָס זאָל זיין.

---

אין אַ חודש אַרום איז געווען די חתונה, צו האַרבסט האָט יעווגראַף מאַטוויייאיטש באַקומען אַ שטעלע אין מיניסטעריום, און זיי זענען אַרויסגעפאָרן קיין פעטערבורג. — אין סעפּטעמבער האָט זי זיך דערוווּסט, אַז זי טראָגט, און אין מערץ האָט וואַרוואַרא ניקאָלאַיעווּנאַ געבוירן דעם ערשטן זון.

דאָס ערשטע האָבן איז, ווי עס טרעפט אָפט, געווען אומדערוואַרט, אָן אַ טאַלק, דווקא דערפאַר, וואָס מען האָט געוואָלט אַלץ פאַרויסזעען, און ס'איז אַלץ אַרויסגעקומען פאַרקערט.

8 אַפּריל 1891 י.

## באַמערקונג צו דער דערציילונג די „מוטער"

(1891)

דאָס ווערק, וואָס איז אָנגערופן אין די נאָכן טויט אַרויסגעגעבענע קינסטלערישע ווערק, וועלכע זענען רעדאַגירט דורך וו. ג. טשערטקאָוו און א. ל. טאָלסטאַיאַ, „מעמוּאַרן פון אַ מוטער", און האָט זיך געוויינלעך אונטער דעמדאָזיקן נאָמען איבערגעדרוקט, רופן מיר אָן „אַ מוטער", מחמת נאָר דערדאָזיקער איינציקער נאָמען איז פאַראַן אין דעם כּתבֿ־יד פון דעם אויטאָר. האָבנדיק לכתּחילה בדעה צו געבן זיין ווערק אין דער פאָרם פון איינער אַ פּרויענצימערס אַ טאָג־בוך, האָט עס ל. נ. טאָלסטאָי ווירקלעך אָנגערופן „מעמוּאַרן פון אַ מוטער", ווי מיר זעען עס אין דעם כּתבֿ־יד; אונטער דעמדאָזיקן נאָמען רעדט וועגן דעם ווערק אין זיין טאָג־בוך. נאָכדעם, ענדערנדיק די פאָרם פון דער דערציילונג, און דערפילנדיק די מעמוּאַרן מיט פּרושים פלומרשט פון אַן אַנדערער פּערזאָן, האָט ער זיך נאַטירלעך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם פריערדיקן נאָמען. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ נייעם אָנהייב, אין וועלכן ער האָט דער דערציילונג געגעבן דעם נאָמען „אַ מוטער" און ער האָט פאַרמעקט דעם פריערדיקן נאָמען אין דעם כּתבֿ־יד.

„מעמוּאַרן פון אַ מוטער", אָדער „אַ מוטער" איז אַ ווערק ווייט נישט קיין פאַרענדיקטס — דאָס זענען נאָר די אָנפאַנג־שורות, רמזים אויף אַ קינפטיק ווערק. הגם דאָס האָט באַשיינפּערלעך זייער אינטערעסירט טאָלסטאָיען אין 1891 יאָר, האָט ער עס דערשרייבן ביזן סוף און באַאַרבעטן נישט געקאָנט, מחמת אין יענער צייט האָבן אים אָפּגעצויגן פון דעם שרייבן אַנדערע אַרבעטן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיקערע און נייטיקערע, און פריער פאַר אַלץ דאָס אַרטיקל וועגן נישט־וואַרן זיך, וועלכעס האָט זיך אַנטוויקלט אין „די מלוכה פון גאָט אין אונז".

א כתב־יד פון דער דערציילונג „א מוטער“ איז געבליבן איינער — די האנטשריפט פון ל. נ. טאלסטאיען. זי איז אנגעשריבן אויף בלעטלעך, וואס אויפן ערשטן שטייט די דאטע: „19־טן (איבערגעמאכט פון 20-סטן) יוני 90. י. פ.“. נאר דידאזיקע דאטע, ווי מען זעט לויט דער טינט, האט נישט קיין שייכות צו דער דערציילונג. אוממיטלבאר נאך איר שטייט מיט טאלסטאיס האנט צוגעשריבן: „גארנישט אנגעשריבן, און כ׳הייב אן היינט דעם 8-טן אפריל 1891 י. נייעס“. און נאכדעם קומט דער שפעטער פארמעקטער נאמען „מעמוארן פון א מוטער“, און ס׳גייט דער טעקסט. דער ערשטער געדאנק וועגן דער דערציילונג איז פארצייכנט אין טאג־בוך דורך טאלסטאיען מיט צוויי וואכן פריער, דעם 25־סטן מערץ; דא שטייט בלויז: „א מוטער, די פראגע וועגן א מוטער“. נאכדעם דעם 27־סטן מערץ האט ל. נ. טאלסטאי געשריבן: „אינדערפרי, שפאצירנדיק, געטראכט וועגן די מעמוארן פון דער מוטער. ס׳ווערט אלץ קלערער. כ׳ווייס נישט, וואס דאס וועט זיין“. אונטער דעם 8־טן אפריל איז אין דעם טאג־בוך פארשריבן אויך וועגן דעם אנהייב שרייבן. לויט מיר זעען פון דערדאזיקער פארצייכנונג, האט ל. נ. אין דעם טאג „אנגעשריבן א סך“. נאר ער איז אינגאנצן נישט צופרידן געווען מיט דעם, וואס ער האט אנגעשריבן: „ס׳טויג נאר דערויף, כדי איבערצוצייגן זיך, אז אזוי דארף מען נישט שרייבן. צו ארים. מען דארף שרייבן אין אייגענעם נאמען“. אין כתב־יד באם סוף פון דער טייל, וואס האט דאס פארמעקטע קעפל. נאך דעם ווארט „די מאמע האט זיך איינגעשטעלט“, איז נאך געווען די פארזעצונג פון דעם טאג־בוך, וועלכע איז נאכדעם פארמעקט געווארן: „4 מאי. מיר האבן היינט גערעדט וועגן קינדער, וועגן אונזערע קינפטיקע קינדער“. און נאך דידאזיקע ווערטער איז צוגעשריבן כמעט דאסזעלביקע, וואס אין טאג־בוך: „ס׳טויג נישט, מ׳דארף שרייבן פונם אייגענעם נאמען“. פונדאנען קאנען מיר מאכן דעם אויספיר, אז דעם 8־טן אפריל איז אנגעשריבן געווארן טאקע דאס, וואס ס׳ענדיקט זיך מיט די געבראכטע ווערטער: „די מאמע האט זיך איינגעשטעלט“. נאך דעם שטייט אין כתב־יד דאס קעפל „א מוטער“, און עס קומט א נייער אנהייב. און דאס איז עס געווען דער אנהייב פון דער דערציילונג „אין אייגענעם נאמען“, דאס הייסט, נישט אין נאמען פון דער מוטער, נאר אין נאמען פון דעם אויטאר. לויט עס איז פארשריבן אין טאג־בוך אונטער דעם 18־טן אפריל, האט דידאזיקע ארבעט טאלסטאי אנגעהויבן אויף דעם צווייטן טאג, ד. ה. דעם 9־טן אפריל (פון דעם 9־טן ביז דעם

18-טן אַפּריל איז אין טאָג-בוך גאָרנישט פאַרשריבן.) ; דאָ לייענען מיר מ[עמואַרן] פון אַ מ[וטער] געשריבן אַ צווייט מאָל אויף מאָרגן, נאָר פון דעמאָלט אָן געלאָזט". אין דער צייט האָט ער, ווי געזאָגט שוין, אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דעם אַרטיקל „ניט-ווערן זיך", וואָס האָט אים אָפּגעצויגן פון דער דערציילונג. פאַר איר האָט זיך ל. טאָלסטאָי פון דאָס ניי גענומען ערשט אין מאַי, אָבער ער האָט אַליין נישט געקאָנט שרייבן, מחמת בײַ אים איז געווען אַן אַנטצינדונג פון אַ ברעם, און ער האָט „אַ פולע דיקטירט טאַניען (דאָס הייסט דער טאָכטער טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ) דעם אָנהייב פון די מעמואַרן פון אַ מוטער". און ווידער איז ער געבליבן אומצופרידן : „נישט גוט", האָט ער צוגעשריבן אין טאָג-בוך און — נאָכדעם דאָס זעלביקע וואָס פריער, אַז „מען דאַרף שרייבן פון אייגענעם נאָמען, אַנישט איז מען געקלעמט". איך מיין, אַז אַנרופנדיק זיין נייע אַרבעט איבער דער דערציילונג „אָנהייב" פון די מעמואַרן פון אַ מוטער, האָט ל. נ. פאַרשטאַנען נישט קיין נייע איבעראַרבעטונג פון די מעמואַרן, נאָר אַן איינלייטונג צו זיי — דעם „אַריינפיר אין דער געשיכטע פון אַ מוטער", וואָס מען זעט קלאָר דערפון, וואָס דווקא דער אַריינפיר איז געשריבן מיט דער האַנטשריפט פון ט. ל. סוכאָטינאַ, ווי עס באַווייזט די קאָפּיע פון דעם כתב-יד אויף אַ קאָפּיר-פּרעס, וואָס איז פאַרבליבן אין דער ביבליאָטעק פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. אַז אין דעם טאָג-בוך פון מאַי האַנדלט זיך וועגן דעמדאָזיקן אַריינפיר, זעט מען דערפון, וואָס דאָ האָט ל. נ. ווידער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באַשרייבן נישט „פון אייגענעם נאָמען", נאָר פון דער פּערזאָן, וואָס ווירקט אין דער דערציילונג, און דאָס האָט אים נאָכדעם אויסגעוויזן „נישט גוט" און „געקלעמט". אין די לעצטע שורות פון דעמדאָזיקן אַריינפיר רעדט זיך וועגן דער כוונה פון דער פּערזאָן, וואָס אין איר נאָמען ווערט געפירט די דערציילונג, צוזאַמען מיט די אָריגינעלע שטעלן פון זיין פריינדינס מעמואַרן גיבן „צוליב דער קלאָרקייט פון דער דערציילונג" די אייגענע זכרונות, כּדי צו דערגענצן דאָס, וואָס אין די מעמואַרן איז נישט דערזאָגט געוואָרן. איך מיין, אַז דאָס איז געווען יענער אויסגאַנג, צו וועלכן טאָלסטאָי איז סוף-כּל-סוף געקומען. בשעת ער איז געבליבן אומבאַפרידיקט מיט דעם אופן פון דערציילן סיי אין נאָמען פון דער מוטער, סיי אין אייגענעם נאָמען. אין יענעם טייל פון דעם כתב-יד, וועלכער איז אָנגערופן „מוטער", איז אין סוף פון דעם שמועס צווישן וואַריעס פאָטער און

מוטער גלייך נאָך די ווערטער: „מילא, וואָס קאָן מען מאכן. לאָמיר גיין. און זיי זענען ארויסגעגאנגען“ — צוגעשריבן „אויף צוריק“ און ס'איז געמאכט א סימן, וווהין מ'דאַרף אריבערטראָגן דעמדאָזיקן פראַגמענט; קיין אנטשפּרעכנדיקער צייכן, וווהין אריבערצוטראָגן דעם פראַגמענט, איז אין כתב-יד נישטאָ. נאָר לויט דעם שטריך אין סאַמע אָנהייב פון דעם לכתחילהדיקן טעקסט פאַר די ווערטער „היינט 1857. 3 מאַי“ און אויך לויט דעם, וואָס דער נאָמען „מעמואַרן פון א מוטער“ איז פאַרמעקט מיט די זעלביקע טינט, וואָס עס איז געמאַכט דער צייכן, דאַרף מען דרינגען, אז דווקא אהער, צו דעם סאַמע אָנהייב געהערט דער גאַנצער פראַגמענט, וועלכער הייבט זיך אָן מיט דעם קעפּל „א מוטער“, מיט וועלכן ל. נ. האָט אפּנים פאַרביטן דעם פאַרמעקטן נאָמען „מעמואַרן פון א מוטער“, און וועלכן מען דאַרף דעריבער רעכענען פאַר דעם ריכטיקן נאָמען פון דער דערציילונג. אזוי ארום האָט זיך באַקומען דאָס, וועגן וואָס עס רעדט זיך אין דעם אריינפיר: „אומעטום, ווו עס קאָן נייטיק זיין פאַר דער קלאָרקייט פון דער דערציילונג“ „דערגענצן מיט אייגענע זכרונות דאָס, וואָס עס איז אין די מעמואַרן נישט דערזאָגט געוואָרן“. אין כתב-יד איז יעדער אזעלכער איבערגאַנג פון איין פאָרם דערציילן צו דער צווייטער אָפּגעטיילט מיט אשטריך. אין איין אָרט איז אפילו געגעבן א נאָמען (באַלדעם פאַרמעקט) „וואר. טאָג-בוך“.

אזוי איבערשטעלנדיק די שטעלן פאַרריכטן מיר די דערציילונגס-פאָרם, וועלכע איז אָנגענומען אין דער אויסגאַבע, וואָס איז געמאַכט נאָך ל. נ. טויט און מיר באַקומען א מער-ווייניקער ריכטיקן טעקסט.

דער געדאַנק פאַרצוזעצן דאָס שרייבן די געשיכטע פון דער מו-טער האָט לאַנג ל. נ—טשן נישט פאַרלאָזט; צווישן די סיוזשעטן, וועלכע עס איז כדאי און מען קאָן באַארבעטן ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט אין זיינע טאָג-ביכער פון 1895 יאָר (דעם 12-טן מערץ) און 1897 (דעם 13-טן דעצעמבער) דערמאָנט דידאָזיקע דערציילונג אמאָל מיטן נאָמען „מעמואַרן פון א מוטער“ אמאָל מיטן נאָמען „א מוטער“.

ווי עס טרעפט אָפט אין די נישט אויף ריין געשריבענע שריפטן פון ל. נ. טאָלסטאָי, אז די נעמען און די פאַמיליעס פון די ווירקנדיקע פערזאָנען זענען נישט אויסגעהאַלטן דורכגעפירט אין דעם גאַנצן טעקסט, דערהויפּט ווען ער האָט זיך צום שרייבן גענומען עטלעכע מאָל און אויף פאַרשידענע אופנים. אזוי איז אויך אין דער דערציילונג „א מוטער“. אין דעם אָנהייב, וועלכער איז דערנאָך אריבער אין מיטן, איז דער העלד

אָנגערופן פּיאָטר לוטקאָווסקי, אין אַנדערע ערטער איז ער אומעטום אָנגערופן יעווגראַף לאָטוכין — גראַשע. אין אריינפיר אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש. זי — די מוטער איז אָנגערופן אין דער דערציילונג „אַ מוטער“ וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעוונאַ, אין אריינפיר מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. אַלס הוספה צו דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, איז טשיקאַווע צו באַמערקן, אַז צווישן די פּערזאָנען, וועלכע זענען אין דער דערציילונג געשילדערט איז פאַראַן איין פּערזאָן — דער לערער פּיאָטר ניקיפאָראָוויטש, וואָס איז זייער מעגלעך, אַז ער איז געמאָלט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פון די טאָלסטאָיס לערער וואָס. איוו. אַלעקסעיעוו, דעם אויטאָר פון די מערקווירדיקע זכרונות וועגן ל. נ. טאָלסטאָי.

(וו. סרעזניעווסקי.)

# װעגן געריכט

— איז ווי, איר האָט סוף־כּל־סוף אַ צימער, צי נישט? פֿאַראַן, צי נישטאָ? — האָט מיט אַ געוויסער צערייצטקייט געזאָגט מיכאַיל מיכאַלאָוויטש, אַריינגייענדיק אין פּירהויז פֿון דער אכסניא אין דער אויעזד־שטאָט, אין וועלכער עס איז אויף מאָרגן באַשטימט געווען אַ זיצונג פֿונם קרייז־געריכט, אין וועלכן ער האָט געדאַרפֿט זיין אַ געשוווירענער.

— ביטע, ביטע, — האָט געזאָגט דעם ווירטס פּלימעניק, — באַלד, תּיכּף, תּיכּף ומיד.

און דעם ווירטס פּלימעניק איז, נישט געקוקט אויף מיכאַיל מיכאַ־לאָוויטשעס צערייצטן טאָן, נישט ענטפֿערנדיק אים, אַוועקגעלאָפֿן אין צימערל מיט אַן ארון און מיט גרויסע איקאָנעס, דאָס איינציקע, וואָס די באַלעבאַטים האָבן פֿאַר זיך איבערגעלאָזט, און האָט דאָרט וועגן עפּעס גענומען שעפּטשען זיך מיט אַ גראָבער זקנה, וועלכע איז געזעסן באַם סאַמאָוואַר. מיכאַיל מיכאַילאָוויטש האָט עס געזען און זיך געכּעסט. ער איז געווען אַ מידער און אַ דערפֿרוירענער פֿונם וועג. נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געשוויגן, פֿאַרזיכטיק צעשמעלצנדיק און אָפּרייסנ־דיק די אייזשטיקער פֿון די וואָנסעס און פֿון דער באָרד, וועלכע איז צוגעפֿרוירן צו דעם קאָלנער, און אַראָפּוואַרפֿנדיק זיי אויף דער שמוצי־קער, אָנגעטרעטענער פּאָדלאָגע.

ס׳איז אַריין יעפֿים, זיין משרת, אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל אַרום קאָלנער.

— איר באַפֿעלט אַריינצוטראָגן די זאַכן?

— אַז איך קאָן דאָ קיין טאָלק נישט דערגיין. עס וועט זיין, צי ס׳וועט נישט זיין קיין צימער?

דער מאָגערער, באַוועגלעכער פּלימעניק איז אַרויסגעשפּרונגען פון דעם ווירטס צימער, איז אַריינגעפלויגן אין דעם דערבייאיקן נומער, ווי ס׳האָט זיך גלייך דערהערט אַ קול פון תרעומות. און דעם פּלימעניקס פּאַרעקשנטע פּאָדערונגען. ער האָט אַפּנים אַרויסגעטריבן אַן אומווירדיקן לאַקאַטאָר. וויגנדיק זיך מיט איר שווערן גוף און טרייסלענדיק זיך אינ־גאַנצן ווי זשעלע אונטער דער ברייטער ציצענער קאָפּטע, איז די זקנה אַרויסגעגאַנגען צו מיכאַיל מיכאַילאָוויטשן.

— באַלד, באַלד, טאַטינקע, ביטע, פּאַראַן, פּאַראַן אַ חדרל. פּאַר־וואָס זאָל דען נישט זיין. ביטע. וואַסיע, וואָס־זשע זאָגט ער?

— ער גייט, ער גייט.

פונם צימער האָט מען אַרויסגעפירט עפּעס אַ צעפּודלטן מענטש און מען האָט אים ערגעץ אַוועקגעפירט. און מיכאַיל מיכאַילאָוויטשן האָט מען אַריינגעפירט אין אַ נומער אַן אָנגערויכערטן, אַ פאַרשפּייטן און אַ פאַראָטעמטן.

. . . . . . . . . . .

אין אַ האַלבע אַ שעה אַרום איז דאָך אַלץ איינגעאָרדנט געוואָרן, און מיכאַיל מיכאַילאָוויטש איז געזעסן באַם סאַמאָוואַר, פונאַנדערלייגנ־דיק אויף זיין ריין טישטעכל היימיש ווייס־ברויט, קעז, פּוטער און אַל־בערט־ביסקוויט. ער האָט זיך שוין אָנגעטרונקען, דערוואַרעמט, און די שלעכטע לוין האָט זיך שוין אומגעביטן אויף דער סאַמע בעסטער.

— טו אַ רוף דעם קוטשער.

— יעפים, טרינק טיי.

— כ׳דאַנק אונטערטעניק. תיכף, נאָר די פערד היי געבן.

אַז יעפים האָט זיך אומגעקערט האָט מיכאַיל מיכאַילאָוויטש פּינקט־לעך צונויפגעוויקלט און אַריינגעשטעלט אין אַ שמעקעדיקן ווייַנשל־צי־בוקל אַ פּאַפּיראָס און, פאַררויכערט מיט הנאה דעם פרישן טאַבאַק, האָט ער לאָזנדיק אַ גרויסן שטראָם בלוילעכן רויך, זיך אויפ־געהויבן.

— זעץ זיך, טרינק, — האָט ער געזאָגט צו יעפימען און איז אַרויס אין קאָרידאָר, דערוויסנדיק זיך, ווער עס איז געקומען, ווער עס איז נישטאָ, וואָס הערט זיך, צי זענען אָפּטמאָל נישטאָ קיין באַקאַנטע. — פונאַנדערצוטרייבן די לאַנגווייליקייט.

עס זענען, פאַרשטייט זיך, געווען באַקאַנטע. אַ באַקאַנטער איז

געווען דער דיקער סאוועליעוו, דער געוועזענער מארשאלעק, אי דער נייער גוטסבאזיצער עוואנאוו, וואס האט נישט לאנג געקויפט א גוט, אי דער דאקטאר. מיכאיל מיכאילאָוויטש איז געווען, א בחור א גוטסבאזיצער פון מיטעלער מאס (800 דיעסיאטין שווארצע ערד), א געוועזענער פרידן-ריכטער, — וועלכער איז באשטימט געווארן אלס געשווירענער צו דער איצטיקער סעסיע. א באקאנטער איז געווען אויך דער סוחר בערעסקי-טאוו, א תבואה-הענדלער, וועלכער איז נישט לאנג אויפגעקומען און האט זיך קאמפאנירט מיט פריצים. דאס זענען אלץ געווען געשווירענע. דא גופא איז געשטאנען דער געהילף-פראקוראר מאטוועיעוו, אויך א באקאנטער.

מיט מיכאיל מיכאילאָוויטשן זענען זיך אלע באגאנגען פארזיכטיק, גלייך ווי מורא האבנדיק צו באליידיקן אים. ער איז געווען אזא שעמעוודיקער, א שטילער, א שרעקעדיקער, און אליין א פארזיכטיקער און ביז גאר אן איידעלער אין באגיין זיך מיט מענטשן. אפילו דער דונער-שטימיקער דיקער סאוועליעוו — אפילו ער איז אויך מיט אים געווען פארזיכטיק. אזא איינדרוק האט ער געמאכט, אנשטעקנדיק מיט זיין „נישט טשעפע מיך“.

— אט, כאטש צום געריכט האט עס אייך געבראכט צו שלעפן, — האט ער געזאגט, בלאזנדיק פון זיך מיט די דיקע באקן זיינע, — אנישט זיצט איר — ער האט געוואלט (זאגן): ווי א בער, נאר ער האט זיך אפגעהאלטן און געזאגט: אינדערהיים.

— עס איז היינט קאלט.

— יא, 26 געווען אינדערפרי. ביטע, קומט אריין צו מיר, — האט געזאגט עוואנאוו. — אפשר וועט איר צובייסן?

— ניין, א דאנק.

ס׳איז נאך נישט געווען אריבער א האלבע שעה, איז שוין מיכאיל מיכאילאָוויטש געזעסן באם קארטן-טישל און האט זיך מישב געווען, זאל ער באשטימען רויטס, צי טרעף, און צי קאן מען זיך פארלאזן אויף דעם דאקטאר, וועלכער האט געזאגט אן טרומף, אבער וואס באשטימט נישט ריכטיק.

נאך דריי ראבערן האט מען צוגעביסן, נאכדעם האט מען זיך ווידער געזעצט, ווידער געשפילט, נאכדעם האט מען געגעסן אוונטברויט, גערעדט א ביסל וועגן פרייזן אויף תבואה, וועגן מארגעדיקע פראצעסן. איין פראצעס איז אן אינטערעסאנטער, וועגן א מארד. מען האט נאך

גערעדט וועגן שכנים, וואָלן און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. קיין שום פּריילעכס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, נאָר עס איז געווען פונקט דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט: פאַרטרייבן די צייט. דערדאָזיקער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. און מיכאַיל מיכאַילאָוויטש האָט נישט געזען, ווי עס זענען אַריבער דידאָזיקע זעקס שעה פון פינף ביז עלף.

אַריין צו זיך אין נומער, האָט מיכאַיל מיכאַילאָוויטש זיך אויסגעטון און ער האָט געהערט, ווי אַן אים האָט זיך אָנגעהויבן אַ הויך געלעכטער און אַ שמועס אין עוואַנאָווס נומער. באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט זיי געשטערט. און עס איז אים געוואָרן אומעטיק. ער האָט גאָרנישט געוואָלט שטערן און האָט קיינעם נישט פאַראורטיילט, פאַרקערט, ער וואָלט וועלן מיט זיי אויך אַ ביסל פּלוידערן, נאָר דאָס איז עפּעס נישט געגאַנגען, און ווו ער זאָל נישט זיין, איז אַלעמען געווען נישט היימלעך און לאַנגווייליק, און אים אויך. ער האָט זיך אויסגעטון, צוגעקליבן, געלויבט יעפימען דעם פאַר, וואָס ער האָט אַלץ אַזוי גוט פונאַנדערגעלייגט און, איבערלאָזנדיק אויף דער דעק פון דעם איבערגעקערטן גלאָז דאָס אָפּגעביסענע שטיקל צוקער און אַרויסנעמענדיק אַן אָנגעהויבן בוך, האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט, צוגעגרייט אַ פּאַפּיראָס, אַ שטיקל מאַרמעלאַד, און איז פּאַרטיק געווען הנאה צו האָבן: ליגנדיק לייענען — דאָס איז געווען מאָפּאַסאַנס אַ ראָמאַן, אַן אָנגעהויבענער, — ער האָט זייער ליב געהאַט מאָפּאַסאַנען — ליגנדיק עסן מאַרמעלאַד, קיילעכיקן פון ריאַבענעס און נאָכדעם פאַררייכערן אַ גוטן פּאַפּיראָס, אַ פּינקטלעך צונויפגעדרייטן און פאַרקלעפּטן מיט שפּייעכץ.

— ווויל! — האָט ער זיך געזאָגט, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס עס איז ווויל.

ער האָט אַ ביסל געלייענט, אויפגעגעסן, אויסגערייכערט און פאַרלאָשן דאָס ליכט, אָבער ער איז אַ לאַנגע צייט נישט אַנטשלאָפן געוואָרן: עס האָט אים געשטערט אַ פרויען-שטימע, וועלכע האָט עפּעס געשעפּטשעט הינטער דער טיר. און צוליב דערדאָזיקער פרויען-שטימע האָט ער זיך דערמאָנט, ווי סאַוועליעוו האָט באַ אים געפרעגט, צי לאַנג שוין, אַז ער האָט געזען די ווידעניעעווס. דאָס זענען געווען שכנות — צוויי טעכטער זענען באַ זיי געווען. און אויב סאַוועליעוו האָט חושד געווען, אַז מיכאַיל מיכאַילאָוויטש איז געווען פאַרליבט אין זיי, איז עס געווען אַן אמת. ער איז געווען פאַרליבט אין דער קלענערער, און אפילו זייער. אָבער אַמאָל די שרעקעדיקייט פאַר דעם, וואָס זי וועט זאָגן, אַמאָל די-

מורא, טאָמער וואַרט זי דערויף און וועט אָננעמען זיין ליבע, האָבן איבּ אָפּגעשטויסן און ער האָט אויפגעהערט צו זיי צו פאָרן. „שפּעט שוין, שפּעט. 35 יאָר. שפּעט החונה צו האָבן, — האָט מיכאַיל מיכאַילאָוויטש געטראַכט, — איך וועל אַזוי אויך אָפּלעבן מיין לעבן, נאָר נישט פאַר־ליבן זיך, ס'איז נאַריש".

מיכאַיל מיכאַילאָוויטש האָט זיך געגעבן אַזאַ עצה דערפאַר וואָס ער, אַ מענטש לויט דער נאַטור זייער אַ ריינער, וואָס האָט געלעבט זייער איינגעהאַלטן, פלעגט זיך כסדר איינליבן און אין פאַרליבטן צושטאַנד פלעגט ער זיך מאַטערן, הגם ער איז נישט באַגאַנגען קיינע אויסערלעכע נאַרישקייטן. פרויען זענען פאַר אים געווען אַ מין געטינס, און דאָס האָט אים דערהויפּט געשטערט החונה צו האָבן. ער האָט געהאַלטן, אַז ער [illegible]יי נישט ווערט.

## באַמערקונג צו „װעגן געריכט“

(1891 י.)

דער פראַגמענט, װעלכער איז אין דער אויסגאַבע באַטיטלט „װעגן געריכט“, האָט אין ל. נ. טאָלסטאָיס כתב־יד נישט קיין נאָמען. דער־דאָזיקער נאָמען מיט דער אָנמערקונג „דאָס ערשטע אויף־שװאַרץ“ איז אָנגעשריבן אויפן טאָװל מיט דער האַנטשריפט פון מאַריאַ לװאָװנע טאָל־סטאָיאַ, און דאָ גופא איז דורך איר צוגעגעבן די דאַטע 1891 יאָר. נישט די טאָג־ביכער, נישט קיין אַנדערע קװעלן דערמאָנען נישט װעגן דער־דאָזיקער פאַרצייכנונג. און מיר קאָנען זי דאַטירן בלויז פאַרלאָזנדיק זיך אויף דעם זכרון און דער פולקאָמער אויפמערקזאַמקייט צו ל. נ.—טשעס שריפטן מצד זיין טאָכטער, װעלכע איז אַלע מאָל געשטאַנען צו אים נעענטער װי אַנדערע.

(סרעזניעװסקי.)

# ווער איז גערעכט?

און אויב איר וועט נישט זיין ווי די קינדער,
וועט איר נישט אריין אין דער מלכות פון גאָט.

ס'איז געווען האלב אָקטאָבער. צו דעם פּאַרוואַלטער איבער די פויערישע ענינים אין איינעם פון די שוואַרצערדיקע אויעזדן איז אויפן וועג קיין פּעטערבורג, ווו זי האָט געוויינלעך פאַרבראַכט דעם ווינטער, פאַרפאָרן די שוועסטער פון זיין ווייב מיט דעם מאַן און מיט דער טאָכטער. זיי זענען געקומען 12 א זייגער, און איצט אום 3, נאָך דעם נישט אין דער געוויינלעכער צייט דערלאַנגטער טיי, וואַרטנדיק אויף מיטאָג, זענען אַלע געזעסן באַזונדער, די מענער, די ווייבער, און די קינדער, אין באַזונדערע צימערן.

דער שוועסטערס קומען איז געווען נישט גאָר באַקוועם פאַר דעם ווייב פון דעם פּאַרוואַלטער נאָר דערפאַר, וואָס ער איז כמעט צונויפגעפאַלן מיט דעם טאָג, וואָס דער פּאַרוואַלטער האָט באַשטימט פאַר אַ געיעג מיט הינט אין זיין וואַלד. נאָך פון האַרבסט אָן האָט אַ גרויסער פירשט, אַ גרויסער יעגער, וואָס האָט געהאַלטן אַ גרויסע יאַגד-קאָמאַנדע אין דעמזעלביקן אויעזד און אין דעמזעלביקן ראַיאָן, זיך אָנגעבעטן צו קומען אין דעם פּאַרוואַלטערס ערטער, און מען האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן, איז אָט היינט, אין דעמזעלביקן טאָג, ווען עס איז געקומען דער שוואָגער, אָנגעקומען די יאַגד-קאָמאַנדע און עס האָט געזאָלט אָנקומען דער פירשט אַליין.

די קאָמאַנדע איז געקומען, נאָר דער פירשט איז נאָך נישט געווען. דער ווירט, אַ באַוועגלעכער, אַ שיינער, לויט דער קאָמפּלעקציע און די מאַנירן עלעגאַנטער מאַנסביל, מיט אַ געדיכטער קוטשמע האָר, פאַר-

קעמטע אַרויף־צו, און מיט אַ קליין בערדל, איז אַרומגעגאַנגען אַ צע־רעגטער איבער דעם טעפּיך פון קאַבינעט פון איין ווינקל אין דעם צווייטן און האָט, נישט אָפּהערנדיק דעם פּאַפּיראָס, זיך געהיצט.

דער גאַסט, דער שוואָגער, אַ פוכלער, שווערער מענטש, מיט אַ צעשוואָלענעם אין פאַטעל קערפּער איז געזעסן באַם שרייב־טיש, גלעטנ־דיק דאָס מעסער צום פּאַפּיר שניידן פון העלפאַנטביין, און, איראָניש שמייכלענדיק מיט די אויגן, האָט ער געענטפערט מיט אַן איינגעהאַלטע־נעם טאָן. צווישן די שוואָגערס איז נישט געווען קיין ליבשאַפט, און יע־דער פון זיי האָט, רעדנדיק וועגן דעם צווייטן געמוזט איינהאַלטן זיך, כדי נישט צו זאָגן דאָס שלעכטס, וואָס האָט זיך אַזוי געבעטן אויף דער צונג. דאַכט זיך, אַז טיילן איז נישט געווען וואָס. און אין עצם זענעןביידע געווען פון דער זעלבער דערציִונג און מיט די זעלבע אָנשויונגען אויף דער וועלט. ביידע זענען געווען גוט־באַזיצער (דער געקומענער וולאַדימיר איוואַנאָוויטש ספּעסיוועצעוו איז נאָר געווען רייכער, איידער דער פּאַרוואַלטער איבער די פּויערישע ענינים, אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש ליעזשען). ביידע האָבן געדינט: דער געקומע־נער — אין מיניסטעריום פון מלוכה־גיטער, פאַרנעמענדיק די שטעלע פון אַ מיטגליד פונם ראַט; דער ווירט — אַלס פּאַרוואַלטער איבער די פּויערישע ענינים אין אַ הונגערנדיקע גובערניע. ביידע זענען געווען ליבעראַליש, אינדיפערענט אין אמונה־ענינים. ביידע האָבן געהאַלטן פאַר נויטווענדיק אָפּצוהיטן dekorum און נישט אויסצוטיילן זיך פון לייטן. ביידע האָבן מיט די ווייבער געלעבט אויסערלעך גוט. ביידע זענען גע־ווען פאָטערס פון משפחות: וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט געהאַט צוויי זין — אין פּאַזשן־קאָרפּוס און אין דער יורידישער שול — פון 18 און פון 13 יאָר, און אַ טאָכטער, וועלכע איז איצט צוזאַ־פון 16 יאָר, וועלכע איז איצט צוזאַ־מען מיט זיי געווען אין אויסלאַנד און האָט זיך צוזאַמען מיט זיי אומגע־קערט. אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש האָט געהאַט אַן עלטערע טאָכטער פון 15 יאָר און דריי ייִנגלעך. אַמפערן האָבן זיי, דאַכט זיך, נישט געהאַט וועגן וואָס, און פונדעסטוועגן האָבן זיי געדאַרפט מאַכן אַן אָנשטרענגונג, כדי צו שטימען, וועגן וואָסער זאַך זיי זאָלן נישט אָנהייבן צו רעדן.

— דורכויס נישט. איך אָנערקען אין פּרינציפּ, — האָט געזאָגט אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש, — אַז דער מאָמענט פון די וואַלן פאַרזיכערט בעסער די געזעלשאַפט, נאָר דאָ איז אַן אַנדערע פראַגע. דאָ איז אין דעם געגעבענעם פאַל די פראַגע וועגן דעם, צי האָב איך רעכט אָפּצו־

זאָגן זיך, געבנדיק דעם פּאַנשטשינע-פּריץ, דעם אויס׳זורף, די מעגלעכ־קייט צו פאַרנעמען דאָסדאָזיקע אָרט און שמייסן די פּויערים.

— טאָ וואָס-זשע איז עס פאַר אַן אָנערקענען דעם וואָל־יסוד, ווי באַלד איר פאַרנעמט דאָס אָרט, אויף וועלכן מען האָט פריער געוויילט, און איר זענט אויף אים אָנגעקומען לויט אַ באַשטימונג?

— נישט איך שרייב די געזעצן.

— כ׳בין זיך מודה, — האָט שטיל שמייכלענדיק געענטפערט וואָ־דימיר איוואַנאָוויטש, — איך קאָן נישט דערלאָזן, אַז... — ער האָט געוואָלט זאָגן: אַ מענטש וואָס אַכט זיך אַליין, נאָר ער האָט זיך פאַר־האַלטן, — אַז אַ מענטש אין אונזערע צייטן, זאָל קאָנען רעדן וועגן דעם למשל, צי שמייסן, צי נישט שמייסן, ד. ה. שלאָגן מיט בערעזענע ריטער איבערן קרייץ, דערוואַקסענע מענטשן און פאָטערס פון משפחות. פאַראַן אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען דאַרף נישט נעמען אויף זיך...

— ניין, מען דאַרף, — האָט אויפהייבנדיק די שטים געזאָגט אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש. אים האָט געבייצט אי דאָסדאָזיקע פאַרשווייגן, אי דער זינען פון די ווערטער גופא, און מער פאַר אַלץ דידאָזיקע מאַניר וולאַדימיר איוואַנאָוויטשעס שאַרף צו זיין רויקערהייט. ווען וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט גערעדט וועגן שמייסן מיט בערעזענע ריטער, האָט ער שוין אויפגעעפנט דאָס מויל, כדי צו זאָגן אומאָנגענעמלעכס, נאָר דערמאַנענדיק זיך, אַז ער איז דער באַלעבאָס, און יענער איז נאָר וואָס געקומען צו פאָרן, האָט ער זיך איינגעהאַלטן און, צוגעגאַנגען צום טיש, האָט ער אָנגעשטרענגטערהייט געדריקט דאָס אָפּגערויכערטע שטיקל פּאַ־פּיראָס אין דעם מושעלנעם אַש-בעכער. — ניין מען מוז. מען טאָר זיך נישט אָפּהאַלטן פון שוואַרצער אַרבעט. איך ווייס, אַז מען מוז, ווייל איך טו עס נישט פאַר זיך.

דערביי האָט ער זיך דערמאַנט וועגן דעם געהאַלט, וואָס איז אים זייער נייטיק געווען, און איז נאָך מער אין כעס געוואָרן און איז אפילו אַריינגעפאַלן אין פּאַטאָס.

— ווען מיר אַלע וואָלטן אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, וואָלטן אַלע שטעלעס פאַרנומען פאַרשידענע אויסוווּרפן, און עס וואָלט פאַרלוירן גע־גאַנגען אַלץ. וואָס עס איז אויפגעטון געוואָרן אין די זעכציקער יאָרן. ניין, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, לאָמיר בעסער נישט רעדן.

— מילא, לאָמיר נישט רעדן, — האָט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש רויק שמייכלענדיק געזאָגט. — דאָס איז רויקער, — און ער האָט אַוועק־

געלייגט דאָס מעסערל. — סאַר אַ ווילער דערדאָזיקער הירש איז באַ אייך, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם אויסגעאַרבעטן קאָפּ.

— יאָ, איך האָב אים פּאַראיאָרן געהרגעט. — און תיכּף האָט אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש ווידער זיך דערמאַנט אָן אַן אומאָנגענעמער זאַך, אָן דעם, וואָס וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען אין יאַגד און האָט געלאַכט פון דעם. דערווייל איז אַריינגעקומען דער לאָקיי און האָט געבראַכט אַ קאָנווערט פון דער דאָרפשאַפט-פאַרוואַלטונג. אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש האָט אויפגעעפנט.

— רופט אַריין פּיאָטר סעמיאָנאָוויטשן. נאָר ניין, איך וועל אַליין גיין, — האָט ער געזאָגט, אַ טראַכט טוענדיק, אַז עס איז גוט פּטור צו ווערן פון דעם טעט-אַ-טעט מיט דעם שוואָגער. — פאַרצייט מיר, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. — און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

ווי נאָר אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש איז אַרויסגעגאַנגען, האָט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש אויפגעהערט צו שמייכלען מיט די אויגן. ער האָט עס געטון אַפּנים נאָר כּדי צו רייצן דעם שוואָגער, און ער האָט גענומען ערנסט קוקן אַנטקעגן זיך. „און איבעריקנס, וואָס גייט עס מיך אָן, — האָט ער אַ טראַכט געטון. — איך האָב נאָר נישט ליב דידאָזיקע אָנגעבלאָזנקייט אין דעמדאָזיקן באַנאַלן ליבעראַליזם, די זעכציקער יאָרן. Il s'en soncie comme de l'an gurante „ווי-זשע האָט זי זיי געקאָנט אַהינטון ?“ האָט ער גענומען טראַכטן וועגן דעם שאַכטל ציגאַרן, וואָס ער האָט געדענקט, אַז ער האָט אָפּגעגעבן דעם ווייב, נאָר זיי זענען אין ערגעץ נישט געווען. דערביי האָט ער זיך דערמאַנט אָן דעם ווייב, וועלכע האָט זיך פאַרעקשנט און טאַקע אויסגעפירט, אַז מען זאָל אַראָפּפאָרן צו דער שוועסטער. „זי האָט זיך להכעיס אָנגעהויבן יינגערן נאָך רוים און נאָך דעם נאַרישן אָרדעני. און ס'איז זייער עקלהאַפט... וואָס-זשע רופט מען נישט צו מיטאָג ? שוין צייט ! אַ ספק, צי ס'וועט זיין אַ גוט מיטאָג. רוסלאַנד !“ און ווי אַלע מאָל איז אים געוואָרן שווער, ווען ער איז געבליבן אַליין מיט זיך. ער איז אין איילעניש אויפגעשטאַנען און האָט גענומען אַ ביכל פונם טיש. דאָס איז געווען אַ לוח. ער האָט דורכגעבלעטערט און גענומען לייענען אַ נעקראָלאָג וועגן אַן אומבאַקאַנטן גענעראַל.

„אַן עקלהאַפט נפש ! — האָט אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש געטראַכט, גייענדיק איבערן קאָרידאָר. — ד. ה. נישט קיין עקלהאַפטער. נישקשה, נאָר מיר איז שווער מיט אים. עפּעס אַזאַ טאָן פון אויבן אַראָפּ, אַן אַל-

ווינסדיקער. כ׳קאָן נישט זיין מיט אים. אזא זיכערהייט אין זיך, כ׳האָף, אז נישט אויף לאַנג. מילא, זאָל אים גאָט העלפן״.

— אנאַטאָל, דאָס ביסטו? — האָט אים דאָס ווייב א רוף געטון פון ז׳ער טיר פון איר צימער, פאַרביי וועלכער ער איז דורכגעגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. א קליינע הנוודיקע פרוי מיט גריבעלעך און מיט שמייכעלעך אין די אויגן און אויף די ליפן און מיט געקרייזלטע האָר ארום קאָפּ, האָט זיך צו אים ארויסגערוקט.

— וואָס איז? — ער האָט געוואָלט אריינגיין צו איר.

— גיי נישט אריין, מאַניע איז אויסגעטון.

— וואָס איז?

— מאַטריאָשע (דיווירטשאַפטערין) האָט פאַר זיי צוגעגרייט אין ווינקל-צימער. און ווי אויב דער פירשט וועט בלייבן נעכטיקן? זאָל וולאַדימיר שלאָפן אין קאַבינעט. מאַניע מיט מיר. דעמאָלט וועט מען דאָס ווינקל-צימער קאָנען אָפּגעבן דעם פירשט.

אנאַטאָלי דמיטריעוויטש האָט זיך א קרום געטון.

— דער פירשט וועט נישט בלייבן נעכטיקן.

וואַריע, זיין ווייב, האָט געוווסט זיינע באַציונגען צום שוואָגער, און זי האָט געוווסט, אז ער האָט זיך א קרום געטון מחמת דעם געדאַנק, וואָס דער שוואָגער וועט זיין אין קאַבינעט.

— ס׳איז דאָך נישט אויף לאַנג. דו ביסט שרעקלעך אומטאָלעראַנט.

— קיין האָר נישט אומטאָלעראַנט, — האָט אנאַטאָלי דמיטריעוויטש א בורטשע געטון מיט פאַרדראָס. — שטענדיק קומסטו מיט דיינע באַמערקונגען.

— פאַר וואָס זשע קאָן איך מיר ענג מאַכן, און דו קאָנסט אויף צוויי נעכט נישט אָפּטרעטן דיין קאַבינעט.

— אָך, איך טראַכט גאָרנישט וועגן דעם. איך בין זייער צופרידן אָפּצוגעבן דעם קאַבינעט. איך האָב נאָר... — און נישט געזאָגט וואָס האָט ער נאָר, איז ער אוועק צו דעם סעקרעטאַר.

אין דער צייט איז מאַטריאָשע מיט צוויי לייכטער און מיט ריין גרעט, באַגלייט פון א ייִנגל, וואָס האָט געטראָגן א שיסל און א האַנטוואָש, ארויסגעגאַנגען פון טיר. וואַרוואַרא ניקאָלאַיעוונא, וועלכע איז געשטאַנען אין טיר, האָט זי אָפּגעשטעלט.

— מאַטריאָשע! מיר האָבן אנדערש באַשלאָסן. נישט אין ווינקל-

צימער, נאָר מאַריאַ ניקאָלאַיעווונאַ וועט זיין לעבן מיר, און פאַר דעם פּירשט אין ווינקל-צימער. איר האָט שוין אויסגעבעט?

— באַ מיר איז אַלץ פאַרטיק. איר האָט פריער געזאָלט זאָגן, — האָט מאַטריאָשע אַרויסגעבורטשעט.

— בעט איך דיך. — און וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווונאַ איז אַריין אין דער טיר.

מאַטריאָשע האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז לאַנג געשטאַנען. וואַסקע איז אויך געשטאַנען פון הינטן.

— וווהין-זשע טראָגן, מאַטריאָנאַ פּעטראָוונאַ? — האָט ער געפרעגט.

— אין קעסלגרוב. טפו! — האָט מאַטריאָנאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט, און, אומגעקערט זיך, טופּענדיק, איז זי אַוועק צוריק איבערן קאָרידאָר, טראַכטנדיק, ווי זאָל זי אַלץ איבערלייגן און איבערבעטן.

מאַניע, ד. ה. מאַריאַ ניקאָלאַיעווונאַ, די וואָס איז געקומען צו פאָרן, וולאַדימיר איוואַנאָוויטשעס ווייב, איז געזעסן אין אַ ווייסע קאַפּאָטע, באַנייט מיט שפּיצן, אַנטקעגן שפּיגל פון דער שוועסטערס טואַלעט און האָט געקעמט אירע נאָך לאַנגע, הגם שיטערע האָר.

— בעט איך אים נאָר וועגן איין זאַך, — האָט זי פאַרגעזעצט דעם אָנגעהויבענעם שמועס מיט דער יינגערער שוועסטער, — זאָל ער אַליין פירן דיווירטשאַפט, אויב ער געפינט, אַז איך גיב אַ סך אויס. דאָס איז דאָך נישט מעגלעך.

וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווונאַ האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט אַ טראַכט געטון, אַז וולאַדימיר איז גערעכט, מחמת זי האָט געקאָנט די אומפּראַקטישקייט און די פעיקייט איבערצוכאַפּן די מאָס מצד דער שוועסטער.

— טאָ גיב אים אָפּ.

— אַך! דאָס איז אוממעגלעך. מיר האָבן געפּרוווט. עס הייבט זיך אָן אַזאַ קליינלעכקייט אַזאַ économie de bouts de chandelles... און דערצו נישט פאַר מיר, נישט פאַר ווערען. — ווערע איז געווען איר 16-יעריקע טאָכטער, — ס'איז נישט מעגלעך נאָך יעדער קליינקייט גיין צו אים.

— און ווערע איז dépensière?

— ניין, נישט זייער. נאָר ווי אַלע מיידלעך ווייסט זי נישט דעם ווערט פון געלט. זי האָט געבעטן אַ ריימפּערד, דערפאַר וואָס לילי האָט.

און אין ניצע האָלטן א פערד, ווייסטו וואָס עס קאָסט אַפּ, א גרום, ?ça conte les yeux de la tête

— און ווי — לילי האָט נאָך אַלץ נישט קיין חתונה? — האָט ווארווארא ניקאָלאַיעווגא געפרעגט, און מאַריא ניקאָלאַיעווגא, נישט באַמערקנדיק, אַז זיי האָבן גאָר גערעדט וועגן גאָר אַן אַנדערער זאַך, האָט תיכף אָנגעהויבן דערציילן וועגן לילין, וועגן איר קאָקעטישקייט און וועגן דעם, פאַרוואָס זי האָט נישט חתונה. דערביי האָט ווארווארא ניקאָלאַיעוונא דערציילט וועגן זיך, וועגן דעם, וואָס מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט פון לאַנג געוווּסט, אַז זי האָט גאַרנישט געוואָלט חתונה האָבן, און אַז זי זאָגט עס אָפּט אָנצוהאַלטן. אויף דערויף האָט מאַריא ניקאָלאַיעוונא באַמערקט, אַז זיי זענען אַלע שרעקלעך נאַריש און נישט קאָנסעקווענט, און זי האָט געוואָלט דערציילן א פאַל פון נישט קאָנסעקווענטקייט, אָבער ווארווארא ניקאָלאַיעוונא האָט געבראַכט אירע פיל שטאַרקערע ביישפּילן פון נישט קאָנסעקווענטקייט מצד איר מאַן.

— יאָ, דאָס איז בא זיי אַלעמען אַזוי, — האָט מאַריא ניקאָלאַיעוונא געזאָגט, זוכנדיק מיט דער האַנט די האָר-נאָדל פון שילדקרעטביין. ווארווארא ניקאָלאַיעוונא האָט איר דערלאַנגט און האָט בא איר געפרעגט, צי טראָגן אַלע אַזוי די האָר. מחמת וואָס דער שמועס איז אַריבערגעגאַנגען אויף פריזורן.

„שרעקלעך frivole", האָט ווארווארא ניקאָלאַיעוונא געטראַכט, ווען מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט אויסגעטון די קאָפּטע און גענומען אָנטון אויף דעם שטייף אָנגעצויגענעם גאָרסעט א, נאָך ווארווארא ניקאָלאַיעוונאַס מיינונג, צופיל פאַרפּוצט קלייד vert bouteille מיט סאַמעטענעם באַפּוצעכץ. „ווי זי יינגערט זיך! — האָט ווארווארא ניקאָלאַיעוונא געטראַכט, — און זי איז דאָך מיט דריי יאָר עלטער פאַר מיר". מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט געזעען, אַז ווארווארע באַמערקט און איז נישט מסכּים מיט איר טואַלעט, האָט זי פון איר זייט וועגן איר א טראַכט געטון, אַז זי האָט זיך צופיל אָפּגעלאָזט. „ס'דאָזיקע מולטענע קאָפּטעלע, און נאָך נישט קיין פרישס. און דער מאַן אירער איז א יעגער". און דאָסדאָזיקע קייטלען זיך פון די געדאַנקען, האָט זי געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל זיך פרעגן וועגן אים.

— נו, און ווי איז אַנאַטאָל, אים איז נישט שווער דאָס דאָרפישע לעבן?

— ניין, גאָר דאָס יאָר, הייינטיקס, איז אַזא תהום מיט אַרבעט צו-

ליב דעמדאָזיקן הונגער. איך זע אים כמעט נישט. דאָס איז איצט אַ באַזונדער גליק, וואָס איר האָט אים געטראָפן.

— נו, איז וואָס, אמת טאַקע אַ הונגער? אין אויסלאַנד שרייבט מען שרעקלעכע זאַכן. מ'מאַכט נדבות-זאַמלונגען. מיר דאַכט זיך, אַז מ'איז מגזם.

— פרעג בײַ אַנאַטאָלן. ער זאָגט, אַז נישט. יאָ, איך זע, אַמאָל קומען צו גיין מענטשן. — און וואַרוואַרא ניקאָלאַיעוונאַ האָט זיך דערמאַנט אָן אַן אָפּגעריסענער פרוי מיט אַ טאָרבע, אין צעריסענע לאַפּטשעס, וועלכע איז איר היינט איינדערפרי געקומען אַנטקעגן אין הויז פאַר דער דינערשאַפט, און דידאָזיקע דערינערונג האָט זי דערמאַנט אָן שיך. — איך מיין, דו האָסט געבראַכט אַ באַרג מיט שיך און מיט טופליעס. די אויסלענדישע זענען אַזעלכע גוטע. איך דערלויב זיך דעמדאָזיקן לוקסוס.

— יאָ, איך האָב געבראַכט אַ סך. ווילסט, וועל איך דיר אָפּטרעטן? דיר פאַסן דאָך מיינע.

— נישט אינגאַנצן — צו ברייט, — האָט געזאָגט וואַרוואַרא ניקאָלאַיעוונאַ, וועלכע האָט קיינמאָל נישט איבערגעלאָזט אָן אָן ענטפער מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַס פראָבעס צו באַהויפּטן, אַז זיי האָבן גלייכע פיס. — פאַסן נישט, נאָר טראָגן קאָן איך. וואָס-זשע, די זאַכן זענען שוין אָנגעקומען?

— מסתמא, איך וועל פרעגן. דו ביסט דאָך פאַרטיק?

— קום. באַלד איז מיטאָג. איך מיין, דו ביסט הונגעריק?

---

אַזוי האָבן געשמועסט די עלטערע. דערווייל זענען אין צימער לעבן קינדער-צימער, וועלכן מ'האָט אָפּגעגעבן פאַר ווערען, געגאַנגען אייגענע שמועסן צווישן די שוועסטערקינדער, וועלכע האָבן זיך דערזעען. ווערע, אַ שלאַנקע, אַ ראָזע, מיט גלאַנציקע אויגן און ציינער, און פונקט מיט אַזעלכע ווי בײַ דער מומען געקרייזלטע האָר, אין אַ מאָדיש נאָר פשוט קלייד, איז געזעסן אויפן דיוואַן אַרומגערינגלט מיט אַלע פיר עלטערע ליזשענס, און האָט געפירט אַ שמועס מיט דעם סאַמע עלטערן מיידל, דער קוזינע, דער 15-יעריקער סאַשען, וועלכע איז געזעסן לעבן איר און האָט פון איר נישט אַראָפּגעלאָזט די פאַרליבטע אויגן, און האָט זי נישט

אַרומגענומען, אַפּנים נאָר דערפאַר, וואָס װערען וואָלט עס געקאָנט נישט געפעלן זיין.

פונקט אין אַזאַ לאַגע האָט זיך געפונען אויך דאָס צווייטע — דאָס 11-יעריקע, שוואַרצאויגיקע מיט אַ פּאַטעטישן אויסזעען יינגל מישע, און אין אַ נאָך מער פון פּאַרליבטקייט אויסן-זיניקן צושטאַנד האָט זיך געפונען דער דריטער — דער דיקער, בלאָנדער, ברייטבאַקיקער גראַבאַטש וואַסיע מיט גלאַנציקע, שמאָלע גרויע אייגעלעך, וועלכע האָבן זיך אויף קיין איינציקע רגע נישט אָפּגעווענדט פון דער רעדנדיקער קוזינעס פּנים און מויל. נאָר דער פינף-יעריקער אַנאַטאָלי אַנאַטאָליעוויטש, וועלכער איז געזעסן בײַ ווערען אויף די קני, איז אַפּנים נישט געווען אַזוי אַנטציקט, ווי די איבעריקע. ער איז געווען פולקאָם גלייכגילטיק, און האָט נישט פאַרשטאַנען, פון וואָס מאַכן זיי אַזאַ ווען. מילא, איז אַ קוזינע, מילא, איז ווערע, מילא, האַלט זי אויף די קני, מילא, פונקט אַזעלכע ווי בײַ דער ניאַניע. דאָס קלייד איז אויף דער ברוסט אָן אַטלעסענס, און אַ זייגערל. דאָס איז גוט, אָבער פּנודעסטוועגן גאָרנישט אויסערגעוויינלעכס, און דער עיקר דאָס אַלץ קאָן מען נישט עסן, און ס'איז שוין צייט.

די אַטמאָספער פון פאַרגעטערונג, אין וועלכער ווערע האָט זיך געפונען, האָט זי דערוואָרעמט. זי איז טאַקע געווען פון די, וועלכע זענען באַזונדער שפּירעוודיק און צעוואָרעמען זיך פון לייטנס אַנטציקן, אגב איז זי אין דער היגזיכט געווען צעלאָזט, און זי האָט עס ליב געהאַט, און עס איז איר איצט געווען זייער גוט. זי האָט געזען, אַז מען איז נתפּעל פון איר. און מחמת דעם האָט זי איצט מיטן גאַנצן האַרץ ליב געהאַט דידאָזיקע ליבלעכע קינדער. און די קינדער האָבן געפילט, אַז זי האָט זיי ליב, און פון דערפון זענען זיי נאָך מער נתפּעל געוואָרן און אַז. וו. דער קרייז איז געווען אַ געשלאָסענער. און ליבע-עלעקטריציטעט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַלץ מער און מער.

ווערע האָט זיי דערציילט, ווי זי האָט איינמאָל אין איטאַליע אָפּגענומען בײַ יינגלעך אַ הונט, וועלכן זיי האָבן געפּייניקט.

— ווי-זשע האָבן זיי אויפגעהערט? — האָט אומדערוואַרטערהייט געפרעגט וואַסיע, דער ברייטבאַקיקער בלאָנדער גראַבאַטש.

ווערע האָט זיך אויף אים אומגעקוקט, און דער גראַבאַטש האָט אָנגעהויבן רויט ווערן, רויט ווערן. עס האָט אויסגעוויזן, מען קאָן שוין

מער נישט זיין רויס, נאָר דאָס בלוט איז נאָך אַלץ ווייטער און ווייטער צוגעפלאָסן, און אַ פייכטקייט האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן בײַ אים אויפן שטערן און אין די אויגן. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, נאָר אַריינציען־דיק דעם האַלז אין די אַקסלען, פילנדיק אַפנים, אַז בײַ דער קלענסטער באַוועגונג איז ער אַ פאַרפאַלענער.

— יאָ, פאַרשטייט זיך. ווערע האָט געזאָגט, זיי זאָלן אויפהערן, האָבן זיי אויפגעהערט, — האָט געזאָגט סאָשע מיט דער צווייפּלאָזער איבערצייגונג, אַז אויף ווערעס אַ באַפעל קאָן קיינער אין דער וועלט נישט עובר זיין.

ווערע האָט זיך געאיילט גיכער אָפּצווענדן די אויגן פון דעם באַלד פאַרפאַלענעם מחמת שעמעוודיקייט גראַבאַטש און האָט פאַרגעסן דעם שמועס.

— נו, פריילין, מיט אייך האָבן זיי אפילו אָן דער צייט פאַרגעסן, — האָט געזאָגט די ניאַניע אַריינגייענדיק. — מ'בעט אייך, אַנאַטאָלי אַנאַטאָליטש. די מאַמעשי האָט באַפוילן צו גיין שפּאַצירן.

אויך די שווייצערין איז אַריין נאָך די קינדער. אָבער אַלע קינדער האָבן זיך מיט פאַרדראָס אָפּגעקערט פון דער שווייצערין, האַלטנדיק זיך פאַר ווערען, און כדי אויף אַ רגע נישט צו שטערן די באַענטקייט מיט איר, זענען זיי נאָר מיט איר אַראָפּגעגאַנגען אין סאָד. די שווייצערין האָט מיט פאָרוואָרף און מיט פאַרדראָס אַ בליק געטון אויף ווערען, וועלכע האָט נישט נאָר די קינדער אָפּגענומען פון איר, נאָר זי האָט אפילו אַרויסגערופן אַ פיינטשאַפט צו איר.

---

אין דערדאָזיקער צייט איז אין קיך פאָרגעקומען אַ שטאַרקע בהלה און אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט.

— ווער האָט עס געקאָנט וויסן, אַז זיי וועלן קומען צו פאָרן. מיר האָט מען ערשט היינט געזאָגט. — האָט גערעדט מאַטריאָנאַ פּעטראָוונאַ, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן אַלמער און רייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— וואָס־זשע פּאַר אַ בראָטן וועט עס זיין, אויב מ'וועט איצט שעכטן, איצט בראָטן, — האָט גערעדט דער קוכער אין אַ רעקל און אַ ביצקע, — און דאָס איז אויך נישטאָ.

— וואָס הייסט נישטאָ? נעם די־אָ בא דער באָבע, און די אייגענע צוויי כאַפּט מען.

— נו, גיב זי אַהער, — האָט געזאָגט דער קוכער צו אַ באָבע, וועלכע האָט געהאַלטן אַ הון.

— לייגט זשע, מאַטריאָנאַ פּעטראָוונאַ, צו כאַטש אַ צענערל.

— מילאַ, גיב אַהער.

דער קוכער האָט גענומען די הין און דאָס מעסער, אָראָפּגעהאַקט איר דעם קאָפּ, אַ וואָרף געטון זי אויף דער פּאָדלאָגע, ווי זי האָט אָנגעהויבן שפּרינגען, פאַרגיסנדיק די ציגל פון דער פּאָדלאָגע מיט בלוט.

— וואָס זשע ברענגט ער נישט די אייגענע? יעוודאָקים! — האָט ער אַ געשריי געטון און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קיך.

נישט ווייט פון דער קיך, לעבן דעם מאַי־קוסט איז אַ בחור, אַ פויער, צוגעגאַנגען, פונאַנדערשפּרייטנדיק די הענט, צו צוויי הינער, איינע אַ ווייסע, און די צווייטע אַ שוואַרצע, וועלכע זענען, טרייסלענדיק מיט די האַלזבאַנדן, אַרומגעגאַנגען לעבן דעם קוסט. די קעכין איז, האַלטנדיק דאָס פאַרטוך, געגאַנגען פון דער צווייטער זייט.

— וואָס זשע טוט איר דאָרט? — האָט דער קוכער געזאָגט, און ווי נאָר ער האָט עס געזאָגט, האָט זיך די קעכין מיט דער גאַנצער ספּריטנעקייט אַ לאָז געטון גלייך אויף דער שוואַרצער הון. די הינער האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו זיי, און האָבן זיך געלאָזט לויפן. דער יונג איז אַוועקגעלאָפן איבערשניידן זיי דעם וועג און האָט שיער נישט דעריאָגט, נאָר, דערזעען אים, האָבן די הינער גענומען האַסטיקער לויפן און, אויסגעמיטן אים, שנעל דערווייטערט זיך פון דער קעכין. זיי זענען דורכגעלאָפן דורך דעם מאַי־קוסט און זענען צוגעלאָפן צום פאַרקאַן. דער יונג איז געלאָפן נאָך זיי; אָבער די הינער זענען אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער. דער יונג האָט אָנגעהויבן אָפּשטיין, און דעמאָלט האָט אים די קעכין פאַרביטן. די הינער, וועלכע האָבן געוועזן אָנגעהויבן גיין פאַמעלעכער, האָבן גענומען, ווען זיי האָבן דערזעען די קעכין, קוואַקטשען פאַרצווייפלטערהייט, און זענען ווידער אַוועקגעלאָפן גיכער, גיכער, אַזוי אַז הינטער זיי האָבן, דאַכט זיך, נישט באַוויזן נאָכצולויפן די גרויע אויסגעצויגענע פיסלעך. די קעכין האָט זיך געיאָגט נאָך זיי. זיי זענען ווידער אַרומגעלאָפן אַרום דעם מאַי־קוסט, און ווידער האָט זיך די קעכין אָפּגעשטעלט. זי האָט ווייטער נישט געקאָנט לויפן,

און, געכאַפּט זיך פאַרן האַרץ, האָט זי שווער געאָטעמט. דער יונג האָט זי תיכּף פאַרביטן.

— לאָז זי נישט אָפּרוען. מער פאַר אַלץ, נישט לאָז זי אָפּרוען! — האָט געשריגן די קעכין. דער יינג איז געלאָפן, קלאַפּנדיק מיט די שטיוול.

— פּעטראָוויטש! איר וואָלט כאָטש צוגעהאַלטן! פּעטראָוויטש! — האָט זיך די קעכין געווענדט צו דעם קוכער, ווען מ'האָט די הינער ווידער צוגעטריבן צו דעם פאַרקאַן.

דער קוכער האָט אַ שמייכל געטון, נאָר אין דער צייט, ווען די הינער האָבן גענומען זיך פאַרקירעווען אויף צוריק לעבן פאַרקאַן, האָט ער זיך פּלוצלינג אַ וואָרף געטון אויף דער שוואַרצער הון, האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג, פאַרטריבן אין ווינקל פונם פאַרקאַן, און נישט געקוקט אויף איר פאַרצווייפלטן געשריי און פאָכטשן מיט די פליגל, האָט ער זי געכאַפּט און פייערלעך אויפגעהויבן.

— אָט ווי מען קאָמאַנדירט! און איר גלאָט אַזוי, איר טרייבט אַרום.

דעם קוכערס פאָרוואָרף האָט געווירקט. די קעכין און דער יונג האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דער ווייסער הון, און בייטנדיק זיך און נישט געבנדיק איר קיין רו, האָבן זיי זי ווידער פאַרטריבן אין דעם מאַי-קוסט און דאָרט האָט די קעכין, אויסשפּרייטנדיק די הענט, אויך זי געכאַפּט. און די האָט מען אויך געשניטן. און די פריער געשניטענע האָט שוין דער יונג געפליקט אויפן טיש.

— נעמט-זשע שוין זי, מאַטריאָנאַ פּעטראָוונאַ. לאָמיך פאָרן, צי וואָס. דאָס לעמעלע איז באמת אַ גוטס, — האָט גערעדט אַ לאַנגער פּויער אין אַ סערמינגע אַ צעריסענע אויפן אַקסל און אַן אונטערגעגאַרטלטע מיט אַ שטיקל שמאַטע, וועלכער איז פון גאַנץ פרי אָן געשטאַנען אויפן הויף לעבן אַ וואָגן, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ געבונדענער באַראַן.

מאַטריאָנאַ פּעטראָוונאַ האָט אַוועקגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס.

— נישטאָ קיין צייט צו זאָגן איר. אַלץ פאַרנומען מיט די געסט. כ'וועל גיין נאָכאַמאָל זאָגן.

— טך, טך, — האָט דער פּויער אַ שמוצער געטון מיט דער צונג. — אַזוי איז די מעשה. ווען נישט די נויט, וואָס וואָלט מיך געאַרט? און אַזוי האָב איך די קו אויפגעגעסן! אָט וועל איך דאָס לעצטע

אויפעסן, — האָט דער פויער גערעדט, ווענדנדיק זיך צו דעם לאַקיי. וועלכער איז געקומען מיט אַן עמער צו דעם וואסער־פאַס.

— ווי איז עס, ווי טייער איז מעל?

— אַט איז געווען זעקס גריוונעס.

— אַ רובל מיט זעקס גריוונעס.

— דעם רובל זאָגן מיר שוין נישט. אַ שעפּס בייטן מיר אויס אויף אַ פּוד. אויף ווי לאַנג אָבער קלעקט עס. זיבן נפשות.

— יאָ, שלעכט. פונוואַנען ביסטו?

— מיר זענען נאָענטע, פון טעליאַטעוקי.

— אַזוי. — דעם לאַקיי האָט זיך נישט געוואָלט גיין אין הויז. — הייסט עס באַ אייך קלייבט זיך עס די יאַגד?

— אַפּנים, באַ אונז. נעכטן אינאָווט זענען זיי איבער אונזער דאָרף געגאַנגען, געגאַנגען גלייך ווי אַ פאָלק. הינט אַזוי פיל, ברודערל מיינער, ווי אַ טשערעדע. און דער סאַמע בראַווער, דאָס גאָלד פלאַמט אַזוי אויף אים.

— דאָס זענען דעם פירשטס? — האָט געפרעגט דער לאַקיי.

— ווער, עמענס דען־זשע? דיינע.

— ווו איז ער אַליין?

— מען האָט זשאָגט, אין פּאָקראָווסקאָיע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— מען וואַרט אויף אים באַ אונז אויך, — האָט געזאָגט דער לאַקיי.

— אָ־אָ־אָ! — האָט געזאָגט דער פויער, האַלב צופרידן, האַלב פאַרוואונדערט.

דער לאַקיי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר מען האָט אים אַ רוף געטאָן, און ער איז אַנטלאָפן געוואָרן.

דער פויער האָט זיך סוף־כל־סוף דערוואַרט, דעם באַראַן האָט מען צוגענומען. דער פויער אַליין האָט אים געשניטן אין שפייכלער, אַראָפּגענומען פון אים די פעל און, אַריינגעפּאַטשט זי אין קאַסטן פון וואָגן, האָט ער גענומען וואַרטן אויף געלט.

זעקס דעם דייגער זענען פון די הינער געמאַכט געווען קאָטלעטן, דאָס שעפּסן־פלייש — איינגעבראָטן, און דאָס מיטאָג — פּאַרטיק.

באַם טיש זענען געווען צוויי פּאָרפאָלק, ווערא, פיר קינדער, די שווייצערין און אַ רוסישער לערער, אַ תּלמיד פון דער גייסטלעכער אַקאַדעמיע, וואָס האָט געוווינט אין הויז. דער שמועס איז געווען אַן אַלגעמיינער — וועגן וועטער, וועגן מוזיק, וועגן דער מומע נאַסטיע, וועגן

עקסקורסיעס אין די בערג. אַלע, חוץ די קינדער, דער גוווערנאַנטין און דעם לערער האָבן אין אים אָנטייל גענומען. דער צענטער פון דעם שמועס איז געווען וורע. זי האָט באַשיינפערלעך קאָקעטירט אי מיט די קינדער, אי מיט דער מומען, אי מיט דעם פעטער אַנאַטאָלי דמיטריע־וויטשן, באַ וועלכן די ליפּן האָבן זיך געקרימט אין אַ שמייכל, ווען ער האָט קוקנדיק אויף איר גערעדט מיט איר, און אפילו מיטן לערער, וואָס זיין שווייגן, און די כּסדר אויף איר אויסגעגלאָצטע און אַנטציקטע בליקן האָבן זי באַאומרויקט. זי האָט געדאַרפט וויסן, אַז ער איז אויך באַ־צווּנגען. און זי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אויף אים אַ בליק, גלייך ווי קאָנטראָלירנדיק, צי איז ער דאָ און צי איז ער געפאַנגען אַזוי ווי אַנדערע.

נישט צופרידן מיט איר איז געווען נאָר ווארוואַרא ניקאָלאַיעווּנאַ, וואָס באַמערקנדיק דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף איר מאַן, האָט זי צו איר באַזונדער פריינטלעך געשמייכלט, כּדי צו פאַרהוילן איר נישט פאַרגינעריי, און דער עיקר נישט צופרידן ביז שנאה, איז מיט איר געווען די שווייצערין, וועלכע האָט אין איר פאַראורטיילט אַלץ, פון די אויערינגלעך ביז דער אויסשפּראַך.

אוןווירקלעך, וורע איז געווען נישט אינגאַנצן נאַטורעל, זי האָט עס אַליין געפילט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט ענדערן דעם טאָן, אין וועלכן זי איז אַריינגעפאַלן, און נאָך באַ יענער געהויבענער שטימונג, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען. זי האָט דערציילט, למשל, וועגן אירע עקסקורסיעס מיטן פאָטער, און וועגן דעם ווי זי איז זיך מיט אים באַ־גאַנגען ווי מיט אַ קינד, אָנגעטון אים, געגעבן עסן.

— אָנישט וואָלט דער פּאַפּאַ אַלץ פאַרגעסן, — און א. וו. דאָס איז געווען נישט אינגאַנצן נאַטירלעך, ס'איז געווען עפּעס „זיסלעכס", ווי די ברידער אירע האָבן עס אָנגערופן, סענטימענטאַלישקייט, אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן.

אין מיטן מיטאָג איז אַריינגעלאָפן אַ דערשראָקענער דער לאָקיי, מעלדנדיק, אַז דער פירשט איז געקומען.

— איז גוט. וואָס־זשע לויפסטו ווי אַ משוגענער. בעט אַריין, — האָט אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש געזאָגט מיט פאַרדראָס. און איז אַוועק באַגעגענען דעם פירשט. פּונקט אַזוי ווי דער לאָקיי האָט נישט גע־דאַרפט לויפן, אַזוי האָט אויך דער באַלעבאָס נישט געדאַרפט עס באַ־מערקן.

ס'איז אריינגעקומען דער פירשט, א יונגער, א פיינער מאַן. מען האָט פאַר אים אַלעמען פאָרגעשטעלט, דערלאַנגט טיי. ער האָט געשמועסט מיט די דאַמען וועגן וועטער און וועגן דער יאַגד און האָט געוואָרפן בליקן אויף ווערען. מען האָט עס גישט געקאָנט נישט טון, בשעת זי איז געווען אין צימער און האָט געשמייכלט. און זי האָט נישט נאָר געשמייכלט, נאָר געלאַכט מיט די קינדער מיט איר מוטער, געדיכט און אָנשטענדיק געלעכטער.

אין צוויי שעה אַרום, שוין נאָך דעם פירשטס מיטאָג, האָט זיך דער פויער דערוואַרט אויף געלט. ער האָט נישט געגעסן פון דער פרי אָן. און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און זיפצנדיק, האָט ער געקוקט, ווי מען האָט געגרייט דאָס פריצישע מיטאָג. לסוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און געבעטן בײַ דער קעכין ברויט.

— כ'וואָלט וויסן, וואָלט איך מיט זיך גענומען.

— גיי עסן, — האָט די קעכין געזאָגט און אָנגעגאָסן אים אין אַ א שיסל קוואַס און אָפּגעשניטן א שטיק ברויט. אָפּגעגעסן, האָט ער געדולדיק געוואַרט און ער האָט זיך דערוואַרט. אינאָוונט האָט מען אים אַרויסגעטראָגן א רובל מיט אַכט גריוונעס. ער האָט באַדאַנקט און, פאַרלייגט מיט שטרוי די פאַרבלוטיקטע שפּסענע פעל, אונטערגעלייגט אונטער זיך און אָפּגערוקט דעם זאַק, האָט ער זיך געזעצט אין וואָגן און האָט זיך אָוועקגעשלעפּט אויף זיין ברוינער קליאַטשקע גלייך אין קלייט אַריין נאָך מעל. דער פירשט האָט נישט לאַנג פאַרבראַכט, נישט מער ווי אַ שעה, און, אָפּגערעדט צוזאַמענצופאָרן זיך מאָרגן לעבן ליסי-פּערעיאַר, האָט ער זיך געזעגנט, באַזונדער פריילעך שמייכלענדיק צו ווערען, אויסדריקנדיק די האָפענונג צו זעען זיך מאָרגן און פאַרשאַפן איר פאַרגעניגן, און, באַגלייט פונם באַלעבאָס, איז ער אַרויס אויפן גאַנעק.

— וואָס פאַר א וועטער, ווי זומער! און סאַרא פּראַכט עס זענען דידאָזיקע געלע בלעטער — גאָלד.

— צו טרוקן נאָר פאַר יאַגד. מילא, וואָס קאָן מען טון. וואַרטן טאָר מען נישט.

דער וואָגיקער קוטשער מיט א הינטן, וואָס איז פאַרברייטערט געווען מיטן קליידל, האָט געזאָגט: „פּאַרויס!" און אַ צי געטון די לייצעס.

די זאַטע טשוואָרקע ראָבשוואַרצע דריי ווערשקאָווע פערד האָבן א

בעם געטון דאָס וועגל, ווי אַ פּעדערל. דער פירשט האָט זיך איינגע-זעצט און איז אַוועקגעפאָרן.

אין וועג האָט ער דעריאָגט דעם פויער, וואָס האָט פאַרקויפט דעם באַראַן. דער פויער איז געשלאָפן און האָט נישט אָפּגעקירעוועט דאָס פערד. דער קוטשער האָט איינגעהאַלטן זיינע, נעמענדיק אויף אַ רגע די לייצעס אין איין האַנט, און האָט געשיקט דערלאַנגט דעם פויער מיט דער בייטש איבערן האַלז. דער פויער האָט אַ צאַפּל געטון. נאָר ער האָט נישט באַוויזן אויסצורייבן די אויגן, איז שוין דאָס וועגל פאַרביי-געפלידיגן מיט דעם ריטמישן טופּן פון דער טשוואָרקע איבער דעם האַרט וועג.

— אַ שיכּורער, אייער דורכלויכט, — האָט געזאָגט דער קוטשער.

„און מען זאָגט — אַ הונגער“, האָט דער פירשט אַ טראַכט גע-טון, באַקוקנדיק די הויכעניש רעכטס, וואָס אויף דעם וועג פון די ווילד-פרעט, וועלכער גייט דאָרט אַדורך, וועט ער מאָרגן שטיין מיט דעמדאָזיקן שיינעם מיידעלע.

אויפן צווייטן טאָג איז פאַרגעקומען די יאַגד. זיבן אַ זייגער איז שוין ווערע געווען פאַרטיק און האָט געוואַרט אויף אַנאַטאָלי דמיטריע-וויטשן, מיט וועלכן זי האָט געזאָלט פאָרן אין אַ וועגל צו דעם אָרט, ווו די אָנטיילנעמער אין דער יאַגד וועלן זיך פאַרזאַמלען. רייטפערד זענען שוין געווען אַרויסגעשיקט פריער. דאָס וועטער איז געווען אַ צויבערלעכס, בפירוש אַ צויבערלעכס. אויף די געלע בלעטער, אויף דעם גרינענדן גראָז האָט געגלאַנצט אַ פראָסט. די קרומע שטראַלן פון דער העלער זון האָבן געשפּילט דורך די רויט-געלע בלעטער פון די דעמבעס. די לופט איז געווען אַ פרישע. אַ מונטערנדיקע. דאָס וועגל, איינגעשפּאַנט מיט אַ פּאָר שוואַרצע קליאַטשעס, איז שוין געשטאַנען גרייט. ערשט אַנאַטאָלי דמיטריעוויטש איז באַם סאַמע אַרויספאָר פאַרהאַלטן געוואָרן דורך פויערים, וועלכע זענען געקומען מיט זייערע עסקים. פאַר אַנאַטאָלי דמיטריעוויטשן איז דאָס באַשיינפערלעך געווען לאַנגווייליק, אָבער ער איז געבליבן און האָט לאַנג מיט זיי גערעדט. ווערע האָט געהערט. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פעסל. אַ פויערטע מיט אַ פויער האָבן זיך הייס געאַמפּערט. ווערע האָט אָן אויפגערעגטע געוואַרט אין דער אַמאַזאָנקע מיט דעם בייטשל.

— דו וואָלסט געטרינקען טיי.

— איך האָב געטרונקען.

לסוף איז דער לעצטער פויער אַפּגעפאַלן. זי האָט זיך דערמאַנט, ווי מ'האָט דער מוטער געשטעלט פיאַווקעס, און ווי זיי זענען אַפּגעפאַלן.

אַנאַטאַלי דמיטריעוויטש האָט זיך געזעצט, גענומען די לייצעס און זיי זענען אַוועקגעפאָרן איבער דעם גלאַנציקן גלאַטן מיט אַפּדריקן פון די פּאַדקאָוועס וועג איבערן דאָרף, פון וועלכן עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון רויך, וועלכער איז מיט ווייסע זיילן אַרויס פון יעדן קוימען.

פריילעך, פריילעך איז געווען. אַלץ איז געווען פריילעך. אי ווי עס זענען געלאָפן די פערד, אי ווי עס האָבן געקוקט די מענטשן, אי ווי עס האָבן זיך אויפגעהייבן צום פליען די פייגל. די פאַרקערוּנגען פון וועג, די גרינע פעלדער. אַלץ איז געווען פריילעך.

— גיך שוין?

— ס'איז דאָך פינף ווּיאָרסט, מיר פאָרן אַזוי אויך גוט.

נאָר אָט זענען זיי דורכגעפאָרן אַ דורכזיכטיקן וואַלד, וועלכער האָט אינגאַנצן געשיינט אויף די אַלכסונדיקע שטראַלן. אָט האָט זיך דערהערט דאָס קוויטשען פון הינט און דער געשריי פון יעגער.

דאָס זענען זיי. יאָ, אָט-דאָ. מען איז דורכגעפאָרן דעם וואַלד, פאַרקירעוועט זיך, און אָט איז דער גלענצנדער קרייז. פערד, הינט, רויטע היטלען, פאַרזומענטן. אַלץ גלאַנצט און שפּילט און צינדט זיך אָן אויף דער זון. דאָ גופא שטייען אויך ווערעס און אַנאַטאַלי דמיטריעוויטשס פערד. נאָר אַנאַטאַלי דמיטריעוויטש מיט ווערען האָבן נאָך נישט באַוויזן גוט איינקוקן זיך אין דעם עולם, האָט זיך שוין אויפן בערגל באַוויזן אַ קאָטש. דאָס איז געווען דער פירשט.

— אָט ווי מען האָט זיך צוגעטראָפן.

— סאַראַ טאָג. טרוקן אַ ביסל.

— איר וועט נישט מיד ווערן? — און תיכף האָט זיך אָנגעהויבן דער שפּיל פון קאָקעטעריי צווישן דעם פירשט מיט ווערען.

ס'איז געווען זייער, זייער פריילעך. קיין וואָלף האָט מען נישט געפאַנגען, אָבער האָזן האָט מען געכאַפּט דריי און מען איז געפלויגן רייטנדיק. און נאָכדעם איז מען געזעסן און מען האָט געגעסן אָנבייסן. און דער פירשט האָט ליגנדיק צעשניטן די הין און, האַלטנדיק אויפן גאָפל, פאַרגעלייגט ווערען.

Puis je vous offrir, mademoiselle, un morceau de — volaille? — האָט ער געזאָגט, און דאָס איז געווען נישט נאַטירלעך און נאַריש. און נישט געקוקט דערויף, וואָס ווערען איז געווען זייער

פרײלעך, האָט זי עס באַמערקט. נאָכדעם האָט דער פירשט אויך מיט הין און אויך פון גאַפּל געקאַרמעט זײן געליבטן הונט. דאָס האָט װערע אויך באַמערקט דער עיקר דערפאַר, װאָס באַם װעג איז געשטאַנען אַ המון באַבעס מיט קינדער, װעלכע זענען אַרויסגעלאָפן פון דאָרף קוקן. עס זענען געלאָפן צװײ באַבעס אין קורצע קלײדלעך, אין לאַפּטשעס און אין טשיפּיקעס, מאַכנדיק מיט די עלנבויגנס, און צוגעלאָפן צו די אַנדערע, זענען זײ פלוצלינג געבליבן שטײן, אויסגעגלאָצט די אויגן אויף די יעגערס.

— נישט אמת, אין זײ איז פאַראַן עפּעס עגיפּטישעס ? — האָט דער פירשט געזאָגט, און װערע האָט מסכּים געװען.

עס איז געװען זײער פרײלעך.

באַכן אָנבײסן האָט מען זיך נאָך פאַרנומען מיט דער יאַגד, און מען האָט זיך אומגעקערט צו דעם גוטבאַזיצער, בײַ װעלכן דער פירשט איז אײנגעשטאַנען. אהין איז אויך װלאַדימיר איװאַנאָװיטש געקומען נאָך דער טאָכטער. ער איז פאַרבליבן מיטאָג עסן און האָט מיט אומצופרידנהײט באַמערקט, אַז צװישן דעם פירשט מיט װערען גײט אַן איבעריקע, אפילו אַ שעדלעכע flirtation, שוין אינדערפינצטער, פאַר דער לבנהשײן, איז מען געפאָרן אהײם. אין װעג האָט װלאַדימיר איװאַנאָװיטש אָפן געזאָגט דער טאָכטער, אַז אים געפעלט נישט איר באַגײן זיך מיט דעם פירשט. זי האָט גלײך מסכּים געװען, איז שרעקלעך רויט געװאָרן, אָבער זי האָט מסכּים געװען.

— איך קאָן נישט, פּאַפּאַ. עס איז מיר פרײלעך, און איך קאָן מיך נישט אײנהאַלטן, אָבער ער געפעלט מיר גאָרנישט.

דער פאָטער האָט זיך באַרויקט.

װען זײ האָבן זיך אומגעקערט, איז צו טײ געקומען צו פאָרן אַנאַטאָלי דמיטריעװיטש, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס װעגן דער לאַגע פון די פּויערים. אַנאַטאָלי דמיטריעװיטש האָט דערצײלט, װאָס עס איז באַשלאָסן געװאָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דעם אויעזד און פון דער גובערניע, און װעגן דעם װי פאַר אים איז איצט אומפאַרמײדלעך צו פאַרנעמען זיך מיט אַ דעטאַלער אויספאָרשונג פון דער פאַרמעגנסלאַגע בײַ די פּויערים. ער האָט געזאָגט, אַז די זאַך פאָדערט גרויס אויפמערקזאַמקײט, מחמת די געזעלשאַפט געפינט זיך צװישן סצילע און כאַריבדע: נישט געבן קײן הילף איז אכזריש, געבן די, װעלכע עס בײטיקן

זיך נישט אין איר, הייסט אונטערהאַלטן די פּוילקייט, דאָס פּוסטעפּאַס גיין.

— אַט זאָגט איר, — האָט ער זיך געווענדט צו וולאַדימיר איוואַנאָוויטשן, — אַז מען דאַרף נישט דינען. ווער-זשע וואָלט עס איצט געטון, און ווי וואָלט מען עס געטון?

— איך זאָג נישט, — האָט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש געענטפערט. — דאָס איז אַ הייליקע זאַך, און לויט מיין מיינונג זענען מיר אַלע מחויב צו העלפן דעם פאָלק אין אַ שווערער צייט. איך דער ערשטער בין גרייט צו ווידמען זיך דערדאָזיקער זאַך.

— אָבער וואָס דאַרף מען טון? — האָט געפרעגט ווערע, וועלכער עס איז אומעטיק געווען, וואָס דער שמועס איז בעגאַנגען אָן איר.

— מען דאַרף דאָס טון — גיין איבער די הויפן, דערוויסן זיך די לעבנסבאַדינגונגען, די גאַנצע לאַגע פון דעם פאַרמעגן, די לאַגע פון יעדן הויף, פאַרשרייבן.

— איז גוט, איך קאָן. שיקט מיך.

— אָבער איר פאָרט דאָך איבערמאָרגן אַוועק.

וועל איך פאַרבלייבן.

— אַט וואָלט עס געווען אַ פּראַכט, — האָבן די קינדער געזאָגט.

— פּאַפּאַ, לאָז מיך בא דער מומע וואַריען. מומע, נעם מיך. איך וועל זיין אַ געהאָרכזאַמע און וועל אַרבעטן.

דערדאָזיקער צופעליק געמאַכטער פאָרשלאַג האָט, אַלס אַן אומגעוויינלעכער, אויסגעוויזן ווי נישט קיין אויספירבאַרער, אָבער ביסלעכווייז האָט ער באַקומען אַ פּנים פון מעגלעכקייט. אין דריי וואָכן אַרום קומט צו פאָרן די מומע נאַסטיע. זי וועט דערמאַלט נעמען ווערען מיט זיך, און פאַר דער צייט, וואָס ווערע וועט דאָ וווינען, וועט זי זיין אַ סעקרעטאַר באַם פעטער אַנאַטאָליען, זי וועט אויספירן אַלע זיינע פאַראָרדנונגען.

דאָס אַלץ האָט זיך פאַר ווערען פאָרגעשטעלט ווי אַ גרויסע, דויערנדיקע partie de plaisir.

— מאָרגן איז יאַגד, דאָס וועטער איז אַ ווונדערלעכס. און נאָכדעם וועל איך גיין מיט סאַשען. סאַשע מעג דאָך? מיר וועלן פאַרשרייבן, מיר וועלן אַלץ טון, מיר וועלן צוזאַמען. נו, פּשוט אַ פּראַכט. הוראַ! — און איר וועט מיט אונז גיין? — האָט זי זיך געווענדט צו דעם לערער. — נישט אמת?

דער לערער איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער צופרידן.

דער פאָטער, דער ליבעראַלער וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, איז געווען פאַר איבערלאָזן די טאָכטער בײַ דער מומען. די מומע און דער פעטער אַנאַטאָלי זענען געווען פאַר, חי ווירטן, אָגב איז זי געווען זייער אַ ליבע, אַזוי אַז די מומע ווערע איז פון איר געווען אין התפּעלות. קעגן איז געווען נאָר מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ, די מוטער.

„אין דעם איז פאַראַן עפּעס משונהדיקס נישט נאַטירלעכס. וואָס זאָל אַ מיידל טון אין די פּויערישע הייזער? אי ס'איז נישט אָנשטענדיק, אי זי וועט דאָרט גאָרנישט אויפטון. און דער עיקר צוליב וואָס?"

אינאָוונט זענען צווישן מאַן און ווייב, ווערעס עלטערן, פאָרגעקומען לאַנגע דעבאַטן וועגן דער זאַך.

— ווי־זשע האָסטו אַליין געזאָגט, אַז ווערע איז לייכטזיניק, אויסבּרענגעריש, נישטאָ אין איר קיין ערנסטהאַפטקייט. וואָס קאָן דען זיין בעסער פאַר אַ מיידל אין אירע יאָרן, ווי דערקענען דאָס לעבן, זעען, ווי לעבט דאָס פאָלק, כדי צו פאַרשטיין דעם גאַנצן לוקסוס, וואָס זי האָט. בכלל קאָן דאָס מער נישט ווי מאַכן די בעסטע ווירקונג אויף איר.

וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט גובר געווען און ס'איז אַזוי באַשלאָסן געוואָרן — איבערצולאָזן ווערען אויף דריי וואָכן בײַ דעם פעטער. ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן, איז וולאַדימיר איוואַנאָוויטש מיט דעם ווייב אָוועקגעפאָרן גאַנץ פרי דינסטיק, און אין דעם זעלביקן טאָג זענען ווערע מיטן לערער און מיט סאַשען אַוועק אויף די באַזוכן.

די מעשה איז, וואָס צו דעם באַשטימטן טערמין האָט מען נאָך ווערען אַרויסגעשיקט די ניאַניע, נאָר זי איז נישט געקומען צו פאָרן, זי האָט אָנגעשריבן אַ בריוו זייער אַ קאַטעגאָרישן, אַז זי קאָן נישט און זי וויל נישט פאַרלאָזן די זאַך, און די ניאַניע האָט זיך צוריקגעקערט איינע אַליין, דערציילט, אַז די פריילין איז גאָר אויסער זיך, זי איז פון פרימאָרגן ביז אָוונט מיט די באַבעס, איז מאָגער געוואָרן און גענומען קראַצן זיך, געפונען אַ לויז.

דאָס האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעווגען צוועקגעהרגעט. אַלע האָבן געטון אַן אַרבעט ווי מענטשן, אי די טאָכטער פון דעם פירשט ד., אי די טעכטער פון די באַראָנען פּ. און ר. און c'était bien vu, און דאָ איז עס גאָר עפּעס אַ מין אַזאַרט, אַ פאַרלאַנג אויסצוצייכענען זיך, אויסצוטיילן זיך. און צו וואָס? „די שוועסטער וואַריע איז שטענדיק געווען אַ משוגענע, און אַזאַ איז זי געבליבן. פון צלץ זעט מען, אַז זי האַלט זי נישט

אָפּ, און האָט זי גאָר צעלאָזט", — האָט מאַריע ניקאָלאַיעווגאַ געטראַכט.

— אַט האָב איך טאַקע געזאָגט, — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ גע־זאָגט צום מאַן, באַנוצנדיק די סאַמע פּאַר אים אומאַנגענעמע און דערי־בער צום אָפּטסטן פון איר באַנוצטע אויסדרוק־פאָרם: „אָט האָב איך טאַקע געזאָגט" — אַז חוץ צרות וועט גאָרנישט אַרויסקומען. איך פיל אַלעמאָל. אַ וי איז טאַקע אויסגעקומען. איך בין קראַנק, אָבער איך וועל אַליין פּאָרן. איך וועל שטאַרבן. אָבער דאָס קאָן איך נישט. אַלעמאָל ביסטו מיט דיין חייבערישן כאַראַקטערלאָזן עקשנות, — האָט זי געזאָגט, נישט צו־פּאַסנדיק די מינים מחמת אויפרעגונג. — אַז עס איז שוין דערגאַנגען דערצו, אַז זי איז אינגאַנצן אין שמוץ. איך קאָן עס אפילו נישט אַרויס־רעדן. מיר איז איבלדיק געוואָרן, ווען איך האָב עס איינמאָל דערזעען. די גאַנצע נאַטור דיינע די גראָבע.

וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט געוואָלט אַריינשטעלן זיין וואָרט, מיי־נענדיק, אַז דער שמועס האָט זיך שוין גענוג אָפּגעהענדעט אָן אַ זייט, אָבער ס'איז נאָך געווען צו פרי — ווי אין אַ מאַגאַזין־ביקס, וואָס איין קויל האָט, אַרויספליענדיק, געלאָזט אָן אָרט פאַר אַ צווייטער.

— דערלויב־זשע, — האָט ער נאָר געזאָגט.

— איך ווייס שוין, אַז ווען דו רעדסט, מוזן אַלע הערן און נחת קלייבן פון דיין שיין רעדן. אָבער בּאַ מיר איז נישט קיין שיינע רייד, נאָר אַ מוטער־האַרץ, וואָס דו האָסט אויסגעפּייניקט... אויסגעפּייניקט. די איינציקע טאָכטער, וועלכע איך האָב אָפּגעהיטן פון יעדן שמוץ, פון יעדער גראָבקייט, נעמסטו פּלוצלינג און שליידערסט זי אַריין בכיוון אין דער סאַמע ברוטאַ־לער נידעריקער סביבה.

— דאָס איז דאָך דיין... — ער האָט געוואָלט זאָגן „שוועסטער".

— ניין, דאָס איז דיין פאַנטאַזיע געווען. דאָס אַלץ איז גוט, נאָר ווען דאָס איז אויפריכטיק, אָבער דאָס איז אַלץ פאַלשקייט, וואָס דו האָסט אַרויסגעבראַכט. אויב דיר איז אַזאַ רחמנות, טאָ גיב זיי אָפּ דאָס גאַנצע גערעטעניש. וואָס, נישקשה, האָסט נישט קיין חשק. — האָט זי גערעדט, אינגאַנצן פאַרגעסנדיק וועגן דעם, ווי זי האָט אים געזעגט דערפאַר, וואָס ער האָט געהייסן צרויסגעבן צו פוד פאַר יעדן אָרימען הויף פון זיין דאָרף.

ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט גרייט געווען צו טון נאָך מער.

— נישט אמת, ס'איז אַלץ אָן אָנשטעל, אַ שפּיל אין ליבעראַליש־קייט, — האָט זי אים ווייטער געשטאָכן אין די סאַמע ווייטיקדיקע ערטער, ווי אַ בין אין די אויגן. — אפילו דאָס, וואָס דו האָסט געגעבן, באַרימענ־

דיק זיך פאַר אַלעמען, — האָסטו געגעבן נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב מיך איינגעשטעלט.

„גאָט מיינער, ווי קאָן דידאָזיקע פרוי אַזוי פיל ליגן!“ האָט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש פאַר זיך געטראַכט. לסוף זענען אַלע קוילן פון דער ביקס אַרויסגעשאָסן געוואָרן, און קיין נייע נאָך נישט אַריינגעלייגט; און וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט באַוויזן צו זאָגן, וואָס ער האָט געוואָלט.

— באַאומרויקן זיך איז נישטאָ וואָס. דאָס, וואָס די ניאַניע האָט דערציילט, אַז מען האָט אויף איר געפונען דריי פּאַראַזיטן, איז נאָך נישט קיין שרעקלעך אומגליק. און וואָס זי האָט זיך אַזוי געלאָזט מיט־רייסן און אַריינגעלאָזט אין עקסטרעמקייטן — דאָס איז נישט פאַר־שטענדלעך. נאָר קיין בייז נישט. דער קאָמיטעט האָט געוואָלט שיקן פונאַנדערטיילן די שטיצע, קאָן ער זיך פאַרלייגן, מען וועט אים שיקן, און ער וועט זי ברענגען. און שוין.

ווי וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט פאָרגעשלאָגן, אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן, און אין דריי טעג אַרום איז ער מיט אַן אויפטראַג פון קאָמיטעט אַוועקגעפאָרן צו דער סאַכטער.

אין קראַסנאָיע באַ די ליזשענס איז באַ דעם יונגן עולם געגאַנגען אַ שרעקלעכע אַרבעט. נישט אַזוי דאָס אויסערלעכע גיין איבער די פוירעשע דערפער און כאַטעס (הגם דאָס איז געווען אַ סך), וויפיל דאָס אינערלעכע: די איבערשאַצונג פון אַלדאָס גוטס און שלעכטס.

# באַמערקונג צו „ווער איז געהרעכט?"

(1891)

די דערציילונג „ווער איז גערעכט?" האָט טאָלסטאָי אָנגעשריבן אין נאָוועמבער 1891 י. אין דעם גוט פון אי. אי. ראַיעווסקי, בעגיטשעווקע, דאַנקאָווער אויעזד, ריאַזאַנער גובערניע, ווו ל. נ. טאָלסטאָי האָט זיך דעם 28-טן אָקטאָבער 1891 יאָר באַזעצט צוזאַמען מיט די טעכטער טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ און מאַריאַ לוואָוונאַ, ח. א. קוזמינסקאַ, נ. נ. פילאָסאָפאָוואַ און אַנדערע צו אַרבעטן באַם איינאָרדענען קיכן און אָרגאַניזירן די הילף פאַר דער הונגער-נדיקער באַפעלקערונג. די דערציילונג האָט טאָלסטאָי באַשטימט פאַר אַ זאַמלבוך לטובת די הונגערדיקע, וואָס זיין אַלטער גוטער פריינט ד. ד. (מיטאַשע) אָבאָלענסקי האָט פלאַנירט, און וואָס ל. נ—טש האָט אים צוגעזאָגט, בעת ער איז געקומען צו פאָרן אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ מיט עטלעכע טעג פריער, איידער די טאָלסטאָיס זענען אָפגעפאָרן אין ריאַזאַנער גובערניע. דאָס ערשטע מאָל ווערט דידאַזיקע דערציילונג דערמאַנט אין ל. נ. טאָלסטאָיס בריוו צו ס. א. טאָלסטאַיא, פון דעם 4-טן נאָוועמבער: „היינט געשריבן אַ דערציילונג פאַר אָבאָלענסקין"; הגם פון דידאָזיקע ווערטער קאָן מען נאָך נישט דרינגען, אַז אין דעם טאָג איז אָנגעהויבן געוואָרן די אַרבעט. נאָר דערפון, וואָס אין די פריערדיקע בריוו פון בעגיטשעווקע, פון 29-טן אָקטאָבער און פון 2-טן נאָוועמבער, איז גאָרנישט דערמאַנט וועגן דער דערציילונג, און פון די אויסערלעכע סימנים פון דעם כתב-יד איז צו זעען, אַז דאָס שרייבן איז פאָרגעקומען אין איין אָרט, ד. ה. אין בעגיטשעווקע, דאַרף מען משער זיין, אַז ל. נ. האָט אָנגעהויבן זיין דערציילונג, אויב נישט דעם 4-טן נאָוועמבער, איז אויך נישט פריער ווי דעם 3-טן. וועגן אָנהייבשרייבן האָט ל. נ. טאָלסטאָי אָנגעמערקט אויך אין דעם טאָג-בוך פון

6-טן נאָוועמבער (נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע טעג): „אָנגעהויבן אַ דערציילונג „ווער איז גערעכט?"

דער אינהאַלט פון דער דערציילונג האָט געדאַרפט זיין זייער נאָענט צו די געשעענישן, וואָס די טאָלסטאָיס האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט אין דער סביבה פון הונגער און נויט בײַ דער ענערגישער, איבערגעגעבענער אַרבעט, וואָס טאָלסטאָי רופט זי אָן אין דעם בריוו צו דעם ווייב: „די סאַמע פריידיקסטע, אויב מען קאָן פריידיקע אָנרופן די טעטיקייט, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך מענטשלעכע צרות". אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער פאַרקאָכטקייט אין דער אַרבעט, איז ל. נ. אַפּנים אויך פאַרקאָכט געווען אין זיין שרייבן: „ס'וואָלט זיך זייער געוואָלט, עס זאָל אויסקומען גוט", שרייבט ער צו דעם ווייב דעם פערטן נאָוועמבער. אין אַ טאָג אַרום, דעם 6-טן, איז ער איר מודיע, אַז אַ העלפט פון דעם אַרטיקל „דעם קינסטלערישן, פאַר אָבאָלענסקין" איז שוין פאַרטיק, אָבער נישט געקוקט אויף דעם אינטערעס צו דער נייער דערציילונג, האָט זיך נאָך דעם דאָס שרייבן אַפּנים זייער גיך איבערגעריסן: דעם 9-טן נאָוועמבער האָט ל. נ. געשריבן צו ס. אַ., אַז אים „ווילט זיך שרייבן" „דאָס אַרטיקל פאַר אָבאָלענסקין, וועלכעס איך האָב אָנגעהויבן און פיל אָנגעשריבן", און נאָך אַנדערע אַרטיקלען, נאָר אַז „די לעצטע צוויי טעג, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין פולקאָם געזונט, שרייבט זיך גאָרנישט". נאָכדעם אין עטלעכע טעג אַרום, שיקנדיק צו ס. אַ. אַן אַרטיקל וועגן הונגער, האָט ל. נ. „נישט בכיוון" אַרייַנגעלייגט אין פּאַקעט אויך „דעם אָנהייב פון דער דערציילונג", וואָס באַמערקט האָט ער שוין נאָכן אָפּשיקן, לויט ווי ער האָט איר געשריבן אין עטלעכע טעג אַרום, דעם 25-טן נאָוועמבער. דערדאָזיקער צופעליק אָפּגעשיקטער כתב-יד שטעלט איצט פאַר, אויף וויפיל מיר וויסן, דעם איינציקן טעקסט, וועלכער איז נישט די לעצטע רעדאַקציע זיינע; אַז דווקא דערדאָזיקער כתב-יד איז איר איבערגעשיקט געוואָרן פון בעגיטשעווקע, — דרינגען מיר פון אויסערלעכע סימנים — דערפון, וואָס אַלע בלעטער פון דעם אָנהייב פון דער דערציילונג, וועלכע זענען געשריבן אויף פערטלעך, זענען איבערגעבויגן אויף דער העלפט, אַפּנים כדי לייכטער אַרייַנצוטון זיי אין קאָנווערט. אין דעם בריוו פון 25-טן נאָוועמבער האָט ל. נ. געבעטן ס. א—נען איבערצושרייבן דעם כתב-יד און שיקן אים אַ קאָפּיע, אויב ער אַליין וועט פריער נישט קומען צו פאָרן; די קאָפּיע איז געמאַכט געוואָרן מסתמא דורך ס. א., און שפּעטער נאָך אויסגעבעסערט געוואָרן דורך טאָלסטאָיען. דאָס

איז צו זעען פון די אונטערשיידן צווישן דעם טעקסט, פון וועלכן ס. א. האָט געדרוקט, און דעם טעקסט פון דעם גאָר ערשטן כתב־יד. דאָס צופעליקע איבערשיקן דעם מאַנוסקריפּט האָט איבערגעריסן דאָס שרייבן. נאָך דעם האָט טאָלסטאָי נאָך געפּרוווט שרייבן; אורטיילנדיק לויט דער האַנטשריפט מיט די זעלביקע בלוילעכע טינט און לויט אַנדערע סימנים פון דעם כתב־יד, איז דערדאָזיקער המשך אָנגעשריבן געוואָרן דעמאָלט טאַקע אין בעגיטשעווקע. דאָס באַשטעטיקט אויך די הילע פון דעם כתב־יד, אויף וועלכער עס זענען מיט אַ בלייפעדער און מיט טינט צוגעשריבן באַמערקונגען, וואָס זענען שייך צום הונגער: „1) דער אַלטער מיט דער אַסטמע. 2) דאָס בלינדע מיידל. 3) דאָס ראַכיטישע קינד" און אַנדערע. די דאָזיקע פּראָבע פאַרצוזעצן דאָס שרייבן האָט זיך איבערגעריסן אויף דער פערטער זייט, און די דערציילונג, וועלכע איז לכתחילה אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אַנדערער צייט, איז גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן צוליב אַנדערע נייטיקערע, מחמת די פאָדערונגען פון דער צייט אַרבעטן און פריער פאַר אַלץ צוליב דער עיקרשטער אַרבעט, וואָס צוליב איר איז ל. נ. געזעסן אין ריאַזאַנער גובערניע. ערשט אין דריי מיט אַ האַלב יאָר אַרום, אין מערץ 1895 י., דערפילנדיק אַ פאַרלאַנג „צו שרייבן אַ קינסטלערישע זאַך" און איבערקלייבנדיק אין זכרון, וואָס בײַ אים איז פאַראַן נישט פאַרענדיקטס און וואָס „עס וואָלט כדאַי זיין צו פאַרענדיקן", האָט ל. נ. צווישן אַנדערע אָנגעהויבענע און פאַרטראַכטע ווערק זיך דערמאָנט וועגן דער דערציילונג „ווער איז גערעכט"? אָבער דערדאָזיקער פאַרלאַנג איז אויך דעמאָלט געבליבן נישט פאַרווירקלעכט.

(סרעזניעווסקי.)

# דער חלום פון דעם יונגן צאַר

דער יונגער צאַר איז נאָר-וואָס אַרויף אויפן טראָן. פינף וואָכן האָט ער אָן אויפהער געאַרבעט, אַזוי ווי עס אַרבעטן צאַרן, אויסהערנדיק באַריכטן, חתמענדיק פּאַפּירן, אויפנעמענדיק אַמבאַסאַדאָרן און גרויסע לייט, וואָס קומען זיך פאָרשטעלן, און ער האָט געמאַכט פּאַראַדן די חיילות. ער איז מיד געוואָרן, און ווי אַן אויסגעמאַטערטער רייזנדער אין דער היץ דאָרשט נאָך וואַסער און אָפּרו, האָט ער געדאָרשט נאָך איין טאָג אָן פאָרשטעלונגען, רעדעס, פּאַראַדן, כאָטש עטלעכע שעה פרייהייט און פּשוט מענטשלעך לעבן, אַז ער זאָל קאָנען פאַרלעבן פאַר זיך מיט דער יונגער שיינהייט, דעם קלוגן ווייב, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט ערשט מיט אַ חודש צוריק.

עס איז געווען ערב-ניטל. דער יונגער צאַר האָט זיך אין דעמדאָזיקן אָוונט איינגעאָרדנט אַ פולקאָמען אָפּרו. ערב דעמדאָזיקן טאָג האָט ער געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער די פּאַפּירן, וואָס די מיניסטאָרן האָבן אים איבערגעלאָזט, אינדערפרי איז ער בייגעווען אויף אַ גאָטעסדינסט און אַ מיליטערישער פייערונג, ביז מיטאָג האָט ער אויפגענומען די מענטשן, וואָס האָבן זיך צו אים געמאָלדן, און דערנאָך האָט ער געהערט די באַריכטן פון די מיניסטאָרן און האָט באַשטעטיקט פיל וויכטיקע ענינים. מיט דעם פינאַנץ-מיניסטער האָט ער באַשטעטיקט די ענדערונג פונם אָפּצאָל אויף אויסלענדישע סחורות, וועלכע האָט געזאָלט געבן אַ הוספה אויף פיל מיליאָנען הכנסה; ער האָט באַשטעטיקט דעם פאַרקויף פון בראָנפן דורך דער מלוכה אין איינִיקע טיילן פונם לאַנד און דאָס געזעץ וועגן דעם רעכט צו פאַרקויפן בראָנפן אין די גרויסע יאַרידדערפער, וואָס עס האָט אויך געזאָלט פאַרגרעסערן די הויפּט-הכנסה פון דער מלוכה — פון בראָנפן. ער האָט אויך באַשטעטיקט אַ נייע הלוואה

אין גאָלד, וועלכע איז נייטיק געווען פאַר דער קאָנוואָרסיע. מיט דעם יוסטיץ-מיניסטער האָט ער באַשטעטיקט דעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס וועגן דער ירושה פון די באַראָנען שאַטען-שנידער, וועגן וועלכן מען האָט אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט, און וועגן דעם כּלל ווי אָנצווענדן דעם 1836 אַרטיקל פון די קרימינאַל-געזעצן, וועגן באַשטראָפן נאָמענלאָזע וואַנדערער. מיטן אינערן-מיניסטער האָט ער באַשטעטיקט דעם צירקוליאַר וועגן אויפמאָנען די נישט-איינגעצאָלטע שטייערן, האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל וועגן די מיטלען אַ סוף צו מאַכן צום סעקטאַנטיזם און וועגן דער פאַרלענגערונג פון אויסנעמלעכן צושטאַנד אין די גובערניעס, אין וועלכע ער איז שוין געווען איינגעפירט. מיטן מיליטער-מיניסטער האָט באַשלאָסן צו באַשטימען אַ נייעם קאָרפּוס-קאָמאַנדיר און אַ נייעם צונויפרוף צו מיליטער-דינסט, אַ שטראָף פאַר שטערן די דיסציפּלין. און ערשט צו מיטאָג האָט ער זיך באַפרייט. נאָר די פרייהייט איז געווען נישט קיין פולקאָמע, מחמת עס האָבן מיטאָג געגעסן גרויסע שרים, מיט וועלכע מען האָט געמוזט רעדן נישט דאָס, וואָס עס האָט זיך געוואָלט, נאָר דאָס, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט.

לסוף האָט זיך דאָס לאַנגווייליקע מיטאָג געענדיקט, אַלע זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן. די יונגע צאַרין איז אַוועק אין אירע צימערן אויסטון דאָס קלייד, אין וועלכן זי איז געווען צו מיטאָג, און האָט געוואָלט תיכף קומען צו אים.

דורכגעגאַנגען פאַרביי די אויסגעצויגענע לאָקייען אין זיין צימער, אַראָפּגעוואָרפן דעם שווערן מונדיר און אָנגעטון אַ רעקל, האָט דער יונגער צאַר דערפילט נישט נאָר די פרייד פון באַפרייונג, נאָר עפּעס אַ באַזונדערע גערירטקייט פון דעם באַוווסטזיין פון דער פרייהייט און פון דעם לעבן, פון דעם גליקלעכן, געזונטן, יונגן לעבן און פון דער יונגער ליבע.

ער איז אַרויפגעשפּרונגען מיט די פיס אויף אַן אָטאָמאַנע, אָנגעשפּאַרט זיך מיטן קאָפּ אויף דער האַנט און גענומען קוקן אויפן מאַטן גלאָז פון דעם לאָמפּ, און פּלוצלינג האָט ער דערפילט דאָס, וואָס ער האָט פון קינדווייז אָן נישט געפילט, די פרייד פון איינשלאָפן, און אַן אומבאַצוימלעכע שלעפעריקייט. „באַלד וועט קומען דאָס ווייב און איך וועל אַנטשלאָפן ווערן. מען דאַרף נישט שלאָפן", — האָט ער אַ טראַכט געטון און גלייך דערמיט אַראָפּגעלאָזט די האַנט פונם עלנבויגן, אונטערגעשטעלט די דלאָניע אונטער דער באַק, דער קאָפּ האָט זיך אַריינגעלייגט אין דער

וואָרעמער דלאָניע, ער האָט זיך פאַרריכט, און עס איז געוואָרן אַזוי גוט, גוט, אַז ער האָט נאָר איינס פאַרלאַנגט: אַז עפּעס זאָל נישט שטערן זיין צושטאַנד. און מיט אים איז געשעען דאָס, וואָס עס געשעט אַלע טאָג מיט אונז אַלעמען, — דאָס, וואָס ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, אַליין נישט וויסנדיק ווי און ווען, ד. ה. אומאָפּהענגיק פון זיין ווילן איז ער אַריבער־געגאַנגען פון איין באַוווסטזיין אין אַ צווייטן, נישט וועלנדיק דעם. און נישט באַדויערנדיק וואָס ער איז פון יענעם אַרויס. ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטן — אַ טויטן שלאָף.

צי איז ער לאַנג געשלאָפן, געדענקט ער נישט. נאָר פּלוצלינג האָט אים אויפגעוועקט אַ שטילער שאָקל פון אַ האַנט, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַרן אַקסל. „זי, די ליבע", — האָט ער אַ טראַכט געטון. — „ווי מיאוס, וואָס איך בין איינגעשלאָפן".

אָבער דאָס איז געווען נישט זי. אַנטקעגן זיינע אָפענע און פינט־לענדיקע פון דער ליכטיקייט אויגן איז געשטאַנען נישט זי, יענע ליבע שיינהייט, וועלכער ער האָט דערוואַרט צו זעען, נאָר ע ר. ווער איז געווען דער ע ר, האָט ער נישט געוווּסט, אָבער אים האָט כּלל נישט פאַרוווּנדערט, וואָס דאָ איז פאַראַן דידאָזיקע קיינמאָל נישט געזעענע פּערזאָן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען אים שוין לאַנג, און נאָך מער ווי ער קען — ער ליבט, גלויבט אים פּונקט אַזוי ווי זיך אַליין. ער האָט געוואַרט אויף דעם געליבטן ווייב, און אָנשטאָט איר איז געקו־מען אַ קיינמאָל נישט געזעענער מענטש. און דער יונגער צאַר האָט זיך לא די וואָס נישט דערשראָקן, נישט מצער געווען, נאָר ער האָט עס אָנ־גענומען ווי עפּעס אַזוינס נאַטירלעכס און נייטיקס.

— לאָמיר גיין, — האָט שעפּטשנדיק אָן שום קלאַנג פון אַ קול געזאָגט דער געקומענער.

— יאָ, יאָ, לאָמיר גיין, — האָט געזאָגט דער יונגער צאַר, נישט וויסנדיק וווהין, נאָר וויסנדיק, אַז ער דאַרף, אַז ער קאָן זיך נישט ניסט־אונטערגעבן דער פאָדערונג פון דעם געקומענעם.

— ווי זשע וועלן מיר גיין? — האָט דער יונגער צאַר געפרעגט.

— אָט אַזוי.

און דער געקומענער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם צאַרס קאָפּ, און דער צאַר האָט דערפילט, אַז ער האָט אויגנבליקלעך פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

צי לאַנג, צי קורץ האָט ער זיך געפונען אין דערדאָזיקער לאַגע,

דער קעניג האָט נישט געקאָנט אויסרעכענען. נאָר ווען ער איז געקומען
צו זיך, האָט ער זיך דערזעען אויפֿן פרייען פעלד אויף אַ ברייטער גרע-
נעץ. פון איין זייט, פון דער רעכטער, האָבן זיך געצויגן קאַרטאָפל-פעל-
דער, מיט אַרויסגענומענע און צונויפגעלייגטע אין קופּעס, שוואַרץ געוואָ-
רענע פון פראָסט בלעטער, איבערגעמישטע מיט דעם ווינטערנדיקן גרי-
נעם ווייץ. אין דער ווייטן האָט זיך געזעען אַ דערפל, געדעקט מיט דאַכל-
קעס. אויף לינקס זענען געווען אויף-ווינטער-פאַרזייעטע פעלדער און די
וואָרצלען פון אָפּגעשניטענער תבואה. אַלץ איז געווען פוסט, נאָר לויט
דער גרענעץ האָט זיך ווייט פאַרויסגעזעען אַ שוואַרצע פיגור פון אַ מענטש
מיט אַ ביקס אויפֿן רוקן און מיט אַ הינטל בײַ די פיס. דאָרט גופא, ווו
דער יונגער צאַר האָט זיך דערזעען, איז אין איין ריי מיט אים, כמעט
צו זיינע פיס, געזעסן אַ יונגער רוסישער סאָלדאַט מיט אַ גרינעם פאַס
אַרום היטל און אויך מיט אַ ביקס אויפֿן רוקן, און האָט אויסגעבויגן אַ
פּאַפּירן העקל, גרייט אַריינצושיטן אין דעם טאַבאַק. דער סאָלדאַט האָט
אַפּנים נישט געזעען נישט דעם צאַר, נישט זיין באַגלייטער, און ער האָט
זיי נישט געהערט. ווען דער צאַר האָט סאַמע איבערן קאָפּ פון דעם
סאָלדאַט געפרעגט: „ווו זענען מיר?", און דער באַגלייטער האָט געענט-
פערט: „אויף דער פרייסישער גרענעץ",— האָט זיך דער סאָלדאַט אפילו
נישט אומגעקוקט.

נאָר פּלוצלינג האָט זיך ווייט פאָרויס דערהערט אַ שאָס, דער סאָל-
דאַט איז אויפגעשפּרונגען און, דערזעען צוויי לויפנדיקע איינגעבויגענע
מענטשן, האָט ער איילנדיק אַריינגערוקט דעם טאַבאַק אין קעשענע און
זיך געלאָזט לויפן נאָך די אַנטרינענדיקע. — „שטיי, כ'וועל הרגענען!" —
האָט דער סאָלדאַט גענומען שרייען. דער לויפנדיקער האָט זיך אַרומגע-
קוקט אין געלויף, און עפּעס אַ געשריי געטון, אַפּנים אַ זידלוואָרט, אָדער
אַ שפּאָט-וואָרט. — „אָ, דו פאַרפלוכטער!" — האָט דער סאָלדאַט אַ גע-
שריי געטון, האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשטעלט אַ ביסל די פיס פאָרויס,
צוגעבויגן זיך, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, שנעל עפּעס אָפּגעטון מיט
דעם ציל-ווייזער, ווידער אָנגעבויגן זיך, אָנגעשטעלט אויף דעם לויפנ-
דיקן און אַפּנים אויסגעשאָסן, הגם קיין קנאַל האָט זיך נישט געהערט.
„מסתמא רויכלאָזער פולווער", האָט דער צאַר געטראַכט און, אַ בליק גע-
טון אויף דעם לויפנדיקן, האָט ער דערזעען, ווי ער האָט שנעלער גע-
נומען שטעלן קליינע טריט, האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעבויגן, איז
נאָר געפאַלן אויף אַלע פיר, האָט גענומען קריכן און איז געבליבן. דער

לויפנדיקער חבר, וואָס איז געווען פריער פון אים, האָט זיך אומגעקערט אויף צוריק, איז צוגעלאָפן צו דעם געפאַלענעם, האָט עפּעס מיט אים געטון און איז ווייטער אַוועקגעלאָפן.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער צאַר געפרעגט.

— די גרענעץ־וואַך היט עס דאָס געזעץ וועגן גרענעץ־אָפּצאָל. דערדאָזיקער מענטש איז דערהרגעט, כדי עס זאָל קיין היזק נישט זיין פאַר דער הכנסה פון דער מלוכה.

— ער איז אַפנים דערהרגעט?

דער באַגלייטער האָט זיך ווידער צוגערירט צו דעם צאַרס קאָפּ, ווידער האָט ער פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך דערזעען אין אַ נישט קיין גרויס צימער — דאָס איז געווען די וואַך־שטוב, — ווו עס איז אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן דער טויטער קערפּער פון אַ מענטש מיט אַ גרווילעכער שיטערער באָרד, מיט אַ האָרבאַטער נאָז און מיט זייער סטאַרטשענדיקע פאַרמאַכטע ברעמען פון די אויגן, די הענט זענען בא אים געווען פונאַנדערגעוואָרפענע, די פיס באָרוועסע, מיט אַ גראָבן, שמוציקן גרויסן פינגער, די זוילן האָבן אונטער אַ גראָדן ווינקל געסטאַרטשעט אַרויף־צו. בא דעם מענטש אין זייט איז געווען אַ וווּנד, און דאָס גאַנצע געווענטענע צעריסענע רעקל און דאָס בלויע העמד זענען געווען פאַרגאָסן מיט פאַרטריקנטן, שוואַרץ געוואָרענעם, נאָר ווו־נישט־ווו זיך רויטלענדיקן בלוט. אַ פרוי, פאַרבונדן מיט אַ טוך אַזוי, אַז מען האָט כמעט נישט געזעען איר געזיכט, איז געשטאַנען בא דער וואַנט, האָט אומבאַוועגלעך געקוקט אויף דער האָרבאַטער נאָז, אויף די סטאַרטשענדיקע זוילן און אויף די בולטע אויגן און האָט גלייכמעסיק, נאָך געוויסע לאַנגע הפסקות אַרייגעצויגן אין זיך לופט, סמאַרק און טרערן, און ווידער פלעגט זי פאַרגליווערט בלייבן. אַ מיידעלע פון דרייצן יאָר, אַ פייגינקעס, איז געשטאַנען, אויפגעעפנט דאָס מיילכל און אויסגעשטעלט די אויגן, לעבן דער מוטער. אַ יונגאַנטש פון אַ יאָר אַכט, האַלטנדיק זיך פאַר דער מאַמעס קלייד, געקוקט, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג, אויף דעם טויטן טאַטן.

פון דער דערבייאיקער טיר זענען אַרויס אַ באַאַמטער, אַן אָפיציר, אַ דאָקטאָר און אַ שרייבער מיט פּאַפּירן. נאָך זיי איז געגאַנגען אַ סאָלדאַט, יענער, וואָס האָט געהרגעט. ער איז אַריין לעבעדיק גלייך נאָך די עלטסטע, אָבער ווי נאָר ער האָט דערזעען דעם מת, איז ער פּלוצלינג בלאַס געוואָרן, די באַקן זיינע האָבן געציטערט, און ער האָט אַראָפּגע־

לאָזט דעם קאָפּ און איז פאַרגליווערט געוואָרן. ווען דער באַאַמטער האָט אים געפרעגט, צי איז דאָס דער זעלביקער מענטש, וואָס איז געלאָפן איבער דער גרענעץ, און וואָס אין אים האָט ער געשאָסן, האָט ער נישט געקאָנט ענטפערן. די ליפּן האָבן בא אים גענומען פּאַטשן זיך איינע אָן דער אַנדערער, די גאָמבע — שפּרינגען. „ריכטיק א—א—אַזוי". — האָט ער אַרויסגערעדט און האָט פאָרט נישט געקאָנט זאָגן, ווי ער האָט געוואָלט: ריכטיק אַזוי, אייער הויך-אַדל-געבוירט!

די באַאַמטע האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ בליק איינער אויפן צווייטן און גענומען עפּעס פאַרשרייבן.

— און אָט איז די געבענטשטע ווירקונג פון דער זעלביקער לאַגע:

אין אַ ווילד רייכן צימער זענען באַ ווייַן געזעסן צוויי מענטשן: איינער אַן אַלטער אַ גרויער, דער צווייטער אַ יונגער ייד. דער יונגער האָט געהאַלטן אַ פּעקל געלט און זיך געדונגען. ער האָט געהאַנדלט קאָנטראַבאַנדע סחורה.

— אייך האָט עס דאָך נישט טייער געקאָסט, — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק.

— יאָ, אָבער די ריזיקע...

. . . . . . . . . . .

— יאָ, דאָס איז שרעקלעך, — האָט געזאָגט דער יונגער צאַר, — אָבער וואָס-זשע טוט מען? דאָס איז דאָך נויטווענדיק.

דער באַגלייטער האָט גאָרנישט געענטפערט און ווידער נאָר געזאָגט: „לאָמיר גיין", און ער האָט ווידער אַרויפגעלייגט די האַנט.

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער געווען אין עפּעס אַ הויז אין נישט קיין גרויס צימערל, באַלויכטן מיט אַ לאָמפּ אונטער אַן אַבאַזשור. באַם טיש איז געזעסן אַ פרוי און האָט גענייט, אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכט, מיט די פיס אויף דער שטול, האָט ליגנדיק אויפן טיש געצייכנט, אַ סטודענט האָט געלייענט אויפן קול. אין צימער זענען טומלדיק אַרייַנגעגאַנגען דער פאָטער מיט דער טאָכטער.

— זע, דו האָסט אונטערגעשריבן דעם באַפעל וועגן פאַרקויפן בראָנפן, — האָט געזאָגט דער באַגלייטער.

— נו, וואָס? — האָט געפרעגט דאָס ווייב.

— אַ ספק, צי ער וועט לעבן בלייבן.

— וואָס־זשע איז געשען?

— אָנגעטרינקען מיט בראָנפן.

— ס'קאָן נישט זיין! — האָט דער זון אויסגעשריגן. — וואָנקע מאַראָשקענען — ער איז דאָך ערשט גיין יאָר אַלט!

— וואָס־זשע האָסטו געטון? — האָט דאָס ווייב געפרעגט בּאַ דעם מאַן.

— געטון, וואָס מ'האָט געקאָנט: געגעבן צום ברעכן, אָוועקגעשטעלט זעגאַפּט פּלאַסטערן. אַלע סימנים פון ווייסן פיבער.

— און אין שטוב זענען דאָך אויך אַלע, אַלע שיכור, בלויז אַניסיע אַליין האַלט זיך נאָך, אויך שיכור, נאָר נישט אינגאַנצן, — האָט געזאָגט די טאָכטער.

— וואָס־זשע טוט דיין ניכטערהייט־געזעלשאַפט? — האָט דער סטודענט געזאָגט צו דער שוועסטער.

— וואָס־זשע קאָן מען טון, אַז פון אַלע זייטן פאַיעט מען זיי מיט בראָנפן. דער פּאַפּאַ האָט געוואָלט פאַרמאַכן די שענק, ווייזט זיך אַרויס, אַז מען טאָר נישט לויטן געזעץ. נאָר דאָס איז נאָך קנאַפּ, ווען איך האָב גענומען איבערצייגן וואַסיל יערמילינען, אַז ס'איז מיאוס צו האַלטן אַ שענק, לאָזן שיכורן דאָס פאָלק, האָט ער מיר געענטפערט באַשיינפערלעך מיט גאווה, וואָס ער האָט מיך פאַרן עולם אין די אויגן אָפּגעשניטן: „פאַרוואָס־זשע גיט מען אַרויס אַ פּאַטענט מיטן אָדלער פון דעם האַר אימפּעראַטאָר. אַז דאָס וואָלט געווען אַ שלעכטע זאַך, וואָלט דערויף נישט געווען דעם צאַרס באַפעל”.

— שרעקלעך. דאָס גאַנצע דאָרף איז שוין דעם דריטן טאָג שיכור. און דאָס איז חגא. — שרעקלעך אַ טראַכט צו טון. עס איז דערוויזן, אַז בראָנפן איז קיינמאָל נישט נוצלעך, אַלעמאָל שעדלעך, ס'איז דערוויזן, אַז דאָס איז גיפט, דערוויזן, אַז 0,99 פאַרברעכנס ווערן באַגאַנגען מחמת שיכרות, דערוויזן, אַז אין די לענדער, ווי שיכרות איז פאַרווערט, ווי אין שוועדן, ווי בּאַ אונז אין פינלאַנד, האָט זיך גלייך אויפגעהויבן אי דער מאָראַל, אי דער וווילשטאַנד, און אַז דאָס קאָן מען דערגרייכן מיט מאָראַלישן איינפלוס. און בּאַ אונז פאַרשפּרייט שיכרות די קראַפט, וועלכע האָט די העכסטע השפעה, די רעגירונג, דער צאַר, די באַאַמטע, זי באַקומט דעם עיקר הכנסה פון דעם פאָלקס שיכורן, זיי שיכורן אַליין, מען טרינקט טאָסטן פאַרן געזונט. „איך טרינק פאַר דעם געזונט פון דעם פאָלק !” א. אז. וו. די פּאָפּעס, די אַרכיערעיעס שיכורן.

דער באַגלייטער האָט זיך צוגערירט מיט דער האַנט צום יונגן צאַר, און ווידער האָט ער זיך פאַרגעסן, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך דערזעען אין אַ כאַטע. מיט אַ רויט פּנים און מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, מיט אַראָפּגעלאָזענע שוואַרצאַפּלען האָט אַ פער־ציקיעריקער פויער ווילד געדראָשן מיט די הענט איבער דעם פּנים פון אַ זקן. דער זקן האָט זיך מיט איין האַנט פאַרשטעלט, מיט דער צווייטער איינגעטשעפּעט אין באָרד, נישט אַרויסגעלאָזט זי.

— דוסט שלאָגן אַ טאַטן.

— מיר איז אַלץ איינס, אין סיביר. כ'וועל ממיתן.

די ווייבער האָבן געוואָיעט. אין כאַטע האָבן זיך אַריינגעריסן שיכורע פאַרשטייער פון דער מאַכט און פונאַנדערגענומען פאָטער און זון. באַ דעם זון איז געווען אויסגעריסן די באָרד, באַם פאָטער צעבראָכן אַ האַנט. אין פירהויז האָט זיך אַ שיכורע מויד אָפּגעגעבן צו ; שיכורן אַלטן פויער.

— דאָס זענען חיות, — האָט געזאָגט דער יונגער צאַר.

— ניין, דאָס זענען קינדער.

ווידער אַ ריר מיט דער האַנט, און ווידער האָט זיך דער יונגער צאַר אויפגעכאַפּט אין אַ ניי אָרט. — דאָס אָרט איז עס געווען דערזאַל פון דעם פרידנס־ריכטער. דער פרידנס־ריכטער, אַ פעטער, פליכעוואַטער מענטש, מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם צווייענדיקן גוידער, אין אַ קייט, איז נאַר־וואָס אויפגעשטאַנען און האָט הויך אויפן קול געלייענט זיין פּסק. אַ המון פויערים איז געשטאַנען הינטער די שטאַכעטן. אַן אָפּגעריסענע פרוי איז געזעסן אויף דער באַנק און איז נישט אויפגעשטאַנען. דער שומר האָט זי אַ שטופּ געטון. — אַנטשלאָפן. שטיי אויף.

די פרוי איז אויפגעשטאַנען.

— לויט דעם באַפעל פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט — האָט דער ריכטער געלייענט זיין פּסק. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, וואָס דידאָזיקע פרוי טאַקע האָט, גייענדיק פאַרביי דעם גוטסבאַזיצערס שייער, אָוועקגעטראָגן אַ האַלבן גאַרב האָבער. דער פרידנס־ריכטער האָט זי פאַר־משפּט אויף צוויי חדשים תּפיסה. דאָ גופא איז געזעסן דער גוטסבאַזיצער, באַ וועלכן מען האָט עס געגנבעט דעם האָבער. ווען דער ריכטער האָט געמאַכט אַ הפסקה, איז דער גוטסבאַזיצער צוגעגאַנגען צום ריכטער און האָט אים געדריקט די האַנט. דער ריכטער האָט עפּעס מיט אים גערעדט.

דער ווייטערדיקער פּראָצעס איז געווען אַ פּראָצעס וועגן אַ סאַמאָוואַר... נאָכדעם וועגן גנבענען האָלץ אין וואַלד.

אין קרייזגעריכט איז געגאַנגען אַ פּראָצעס וועגן פּויערים, וועלכע האָבן פאַרטריבן דעם פּריסטאַוו.

ווידער פאַרגעסונג און דערוואַכונג אין דאָרף, הונגעריקע קאַלטע קינדער פון אַ קרעטשמערין, און דער געליבטער בײַ דעם האָלץ-גנבֿ, און די אַרבעט איבער די פּוחות מצד דעם ווײַב פון דעם, וואָס האָט אָפּגע-שטויסן דעם פּריסטאַוו.

ווידער אַ נײַ בילד: אין סיביר, אין אַ תּפֿיסה, שמייסט מען מיט בײַטשן אַ נאַמענלאָזן.

אָט איז דער דירעקטער פּועל יוצא פון די פאַראָרדנונגען בײַם יוסטיץ-מיניסטעריום.

ווידער פאַרגעסונג און אַ נײַ בילד. אַ יידישע משפּחה פון אַ זיי-גערמייסטער, דערפֿאַר וואָס ער איז אָרים, ווערט אַרויסגעטריבן. די קליי-נע זשידקעס רעווען. איסאַק קאָן נישט פאַרליידן, וואָס דערבײַ לאָזט מען בלײַבן. דער פּאָליצמייסטער נעמט שוחד, און דער גובערנאַטאָר נעמט אַן אײַדעלן כּאַבאַר.

אָט זאַמלט מען די שטײַערן. מען פאַרקויפט אין דאָרף אַ קו. דער זעלביקער שוחד, וואָס דער איספּראַווניק נעמט בײַם פאַבריקאַנט, וועלכער צאָלט נישט.

און אָט איז דאָס דאָרפס-געריכט, און דער פּסק פונם געריכט — ריטער.

— איליאַ וואַסיליעוויטש, אפשר קאָן מען באַפרײַען?

— ניין.

פונאַנדערגעוויינט זיך.

— קריסטוס האָט געליטן, און אונז אויך געהייסן.

מען טרײַבט פונאַנדער שטונדיסטן.

מען גיט קיין חופּה נישט און מען איז נישט מקבר קיין לוטעראַנער.

און אָט איז אַ פאַראָרדנונג וועגן דעם דורכפאָרן פונם צאַר. אין בלאָטע, קעלט, אָן שפּייז זיצט מען און מען זידלט זיך.

און אָט איז אַ פאַראָרדנונג צו די אַנשטאַלטן פון דער קייזערין מאַריע: אויסגעלאַסנקייט אין די דערציונגס-אַנשטאַלטן.

און אָט איז אַ דענקמאָל פון קירכלעכער גנבֿה, און אָט איז פאַר-

שטאַרקסטע שמירה. אונטערזיכונג, פּרויען. פאַרשיקונג, טראַנזיט־תּפיסה. און אָט איז אַ תּליה פון אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטן פאַר מאָרד.

און אָט זענען די רעזולטאַטן פון די מיליטערישע פאַראָרדנונגען. מען טראָגט אַ מונדיר און מען לאַכט. מען נעמט צו מיליטער־דינסט. מען נעמט די לעצטע שפּייזער, און בײַ די מיליאָנערן לאָזט מען זייערע זין איבער, כּדי צו שפּייזן די עלטערן. די, וואָס זענען אין אוניווערזי־טעט, לערער, מוזיקאַנטן באַפרייט מען, און באַגאַבטע, פּאַטעטישע נעמט מען.

און אָט זענען די זעלנערקעס מיט זייער אויסגעלאַסנקייט, און אָט זענען די זעלנער מיט זייער אויסגעלאַסנקייט און מיט דעם פאַרשפּרייטן סיפיליס.

און אָט אַנטלויפט ער. און אָט משפּט מען אים. מען משפּט דער־פאַר, וואָס ער האָט געשלאָגן דעם אָפיציר, וועלכער האָט באַליידיקט זיין מוטער. מען שטראָפט. און די משפּט מען דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געשאָסן, און דעם אַנטלאָפענעם — אין דיסציפּלינאַר־באַטאַליאָן, און דאָרט פאַרשמייסט מען אים אויף טויט. און אָט דעם שמייסט מען פאַר גאָרנישט, און מען באַשיט מיט זאַלץ, און ער שטאַרבט. און אָט גנבעט מען דאָס זעלנערישע געלט. — שיכּרות, ניאוף, קאָרטן און גאווה.

און אָט איז דער אַלגעמיינער ניוואָ פון דעם פאָלקס־וווּל־שטאַנד: פאַרמאַרעטע קינדער, דעגענערירטע שטאַמען, וויינען צוזאַמען מיט בהמות, אומאויפהערלעכע טעמפּע אַרבעט, אונטערטעניקייט און אַפּאַטיע.

און אָט זענען זיי, די מיניסטאָרן, די גובערנאַטאָרן, — נאָר אייגנ־נוצן, ערגייציקייט, גאווה, און דער פאַרלאַנג צו ווערן וויכטיק און אָנ־וואַרפן אַ מורא.

— ווו־זשע זענען די מענטשן?

אָט ווו זיי זענען.

אין די ערטער וווּהין מען פאַרשיקט, איינזאַמע, פאַרגליווערטע, אָדער צערייצטע. אויף קאַטאָרגע, ווו מען שמייסט פרויען. אַן איינצל־קאַמער, — אַ פאַרשפּאַרטע אין שליסעלבורג, וועלכע גייט אַראָפּ פון זינען. אָט איז אַן אַנדערע פרוי, אַ מיידל אין דער וסת אין דער מאַכט פון אַ סאָלדאַט.

און זיי זענען פיל?

צענדליקער טויזנטער די בעסטע מענטשן. — איינע דאָ, אַנדערע געפּטרט דורך פאַלשער מערדערלעכער דערציונג, דורך דעם פאַרלאַנג צו מאַכן פון זיי אַזעלכע מענטשן, וועלכע מיר דאַרפן. אַזעלכע מאַכט מען נישט, און ווי זיי וואָלטן אַליין געווען — קאַליעטשעטע מען. גלייך ווי פון די שפּראָצונגען פון קאָרן וואָלטן מיר וועלן מאַכן שפּראָצונגען פון גריקע; מיר וואָלטן צעריסן די פעדערן און אָוועקגעפּטרט דעם קאָרן און וואָלטן נישט באַקומען קיין גריקע. — און אַזוי גייט פאַרלוירן די האָפענונג פון דער וועלט, דער גאַנצער אונטערוואַקסנדיקער יונגער דור. נאָר ווי צו יענעם, וועלכער עס פאַרפירט איינעם פון די קליינע, ווי פאַר איינעם, און אויף דיין געוויסן, אין דיין נאָמען פאַרפירט מען מיל־יאָנען אירע. פאַרפירט מען אַלעמען, איבער וועלכע דו האָסט די מאַכט.

— אָבער וואָס־זשע זאָל איך טון ? — האָט אין פאַרצווייפלונג אויסגעשריגן דער צאַר. — איך וויל דאָך קיינעם נישט פּייניקן, שמייסן, פון וועג אָראָפּפירן, טויטן, איך וויל גוטס פאַר אַלע מענטשן; אויב איך וויל גליק פאַר זיך, ווינטש איך נישט ווייניקער גליק אַלע מענטשן. און צי דען בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, וואָס מען טוט אין מיין נאָמען ? וואָס־זשע זאָל איך טון ? ווי זאָל איך מיך באַפרייען פון דער־דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט ? וואָס זאָל איך טון ? ס'איז אוממעגלעך, אַז איך זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַלעמען. ווען איך וואָלט מיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר 1 הונדערטל, וואָלט איך מיך תיכף דערשאָסן, ווייל אַזוי לעבן קאָן מען נישט. מיט וואָס קאָן איך מאַכן אַ סוף צו דעם שלעכטס ? דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם קיום פון דער מלוכה. און איך שטיי אין דער שפּיץ אירער. וואָס זאָל איך טון. טויטן זיך ? אָדער באַזייטיקן זיך ? אָבער דעמאָלט וועל איך נישט דערפילן מיין חוב. גאָט מיינער, גאָט מיינער, העלף מיר.

און ער האָט אָנגעהויבן וויינען און האָט זיך אויפגעכאַפּט אין טרערן.

„ווי גוט, וואָס דאָס איז געווען אין „חלום", איז געווען זיין ערש־טער געדאַנק. נאָר ווען ער האָט זיך געגומען דערמאָנען אַלץ, וואָס ער האָט געזען, און האָט אָנגעהויבן פאַרגלייכן עס מיט די ווירקלעכקייט, האָט ער דערזען, אַז די פראַגע, וואָס איז אין אים אַנטשטאַנען אין חלום, איז געבליבן אויף דער וואָר די זעלביקע וויכטיקע און פּונקט אַזוי נישט

פאַרענטפערלעכע פראַגע. דאָס ערשטע מאָל האָט דער יונגער צאַר דער־פילט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע עס איז אויף אים געלעגן, און ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם.

און ער האָט שוין אויפגעהערט טראַכטן וועגן דער יונגער צאַרין און וועגן דער פרייד פון דעם פאַרשטייענדיקן אָוונט, און ער איז איני־גאַנצן געוועזן פאַרטון אין דער אומפאַרענטפערלעכער פראַגע, וואָס האָט זיך פאַר אים געשטעלט: וואָס טוט מען?

אין אומרויקייט איז ער אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען אין דערבייאיקן צימער. דאָרט איז אַן אַלטער הויפמאַן, דער מיטאַרבעטער און דער פריינט פון זיין געשטאָרבענעם פאָטער, געשטאַנען אינמיטן צימער, רעדנדיק מיט דער יונגער צאַרין, וועלכע איז געגאַנגען צו דעם מאַן. דער יונגער צאַר האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט זיי און דערציילט, ווענדנדיק זיך דער עיקר צו דעם אַלטן הויפמאַן, דאָס וואָס ער האָט גע־זען אין זיין חלום און זיינע ספקות.

— דאָס אַלץ איז זייער פיין און דערווייזט נאָר די אומפאַרגלייכ־לעכע הייך פון אייער נשמה, — האָט געזאָגט דער אַלטער הויפמאַן. — זייט מיר מוחל, איך וועל רעדן אָפן: איר זענט צו פיין, בכדי צו זיין אַ צאַר, און איר טרייבט איבער אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ערשטנס, איז אַלץ נישט גאָר אַזוי, ווי איר שטעלט זיך פאָר, דאָס פאָלק איז נישט אָרים, נאָר עס לעבט אין הרחבה, און ווער עס איז אָרים, יענער איז אַליין שולדיק. באַשטראָפט זענען די שולדיקע, און אויב עס זענען פאַראַן אומפאַרמיידלעכע פעלערן, איז עס ווי אַ קלאַפּ פון אַ דונער — אַ צופאַל, אָדער גאָטס ווילן. און פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט איר נאָר איינע, אויס־צופירן מוטיק אייער זאַך און האַלטן די מאַכט, וועלכע איז אייך גע־געבן. איר ווילט גוטס פאַר אייערע אונטערטאַנען, און גאָט זעט עס, און דאָס וואָס עס זענען פאַראַן אומפאַרמיידלעכע פעלערן, איז דערויף פאַראַן אַ תפילה, און גאָט וועט אייך פירן און וועט אייך מוחל זיין. און דער עיקר איז דאָס, וואָס עס איז אפילו נישטאָ וואָס מוחל צו זיין, מחמת מענטשן מיט אַזעלכע אומגעוויינלעכע מעלות, ווי איר און אייער פאָטער, זענען נישט געווען און וועלן נישט זיין. און דעריבער בעטן מיר פון אייך נאָר איינס: לעבט און ענטפערט אויף אונזער גרענעצלאָזע טריי־הייט און ליבע מיט אייערע חסדים, וועלן דעמאָלט אַלע, אויסער די אויסוואורפן, וועלכע פאַרדינען נישט קיין גליק, גליקלעך זיין.

— און ווי מיינסטו ? — האָט דער יונגער צאַר געפרעגט בײַ דעם ווײַב.

— איך מיין נישט אַזוי, — האָט געזאָגט די יונגע קלוגע פרוי, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פרײַ לאַנד. — איך בין צופרידן פון דעמדאָזיקן חלום דײַנעם. איך מיין אויך, ווי דו, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע עס ליגט אויף דיר, איז אַ שרעקלעכע. מיך האָט עס אָפט געמאַטערט. און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס מיטל אַראָפּצונעמען פון זיך כאָטש נישט די גאַנצע, נאָר יענע טייל פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז איבער דײַנע כּוחות, איז זייער אַ לײַכטס. מען דאַרף די גרעסטע טייל פון דער מאַכט, וועלכע דו ביסט נישט בכּוח אָנצווווענדן, איבערגעבן דעם פאָלק, זײַנע פאָרשטייער, און לאָזן פאַר זיך נאָר יענע העכערע מאַכט, וועלכע גיט די אַלגעמיינע ריכטונג אין די ענינים.

די צאַרין האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן איר רעדע, ווי דער אַלטער הויפמאַן האָט זיך געאײַלט הייס צו אָפּאָנירן איר, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן איידעלער, אָבער אַ הייסער דיספּוט.

דער יונגער צאַר האָט זיי פון אָנהייב געהערט, אָבער נאָכדעם האָט ער אויפגעהערט צו הערן דאָס, וואָס זיי האָבן גערעדט און האָט זיך צוגעהערט צו דער שטים פון יענעם באַגלייטער אין זײַן חלום, וועלכע האָט דײַטלעך אָנגעהויבן צו רעדן אין זײַן אייגן האַרץ.

— דו ביסט נישט בלויז קיין צאַר, — האָט געזאָגט די שטימע, — דו ביסט פיל מער ווי אַ צאַר, דו ביסט אַ מענטש, ד. ה. אַ וועזן, וואָס היינט ביסטו געקומען אויף דער וועלט, און מאָרגן קאָנסטו פאַרשווינדן. חוץ יענע פליכטן דײַנע די צאַרישע, וועגן וועלכע זיי רעדן דאָ איצט, האָסטו פיל מער דירעקטע און אַזעלכע, וואָס קאָנען נישט בטל ווערן, חובות מענטשלעכע, חובות נישט פון אַ צאַר לגבי די אונטערטאַנען (דאָס איז אַ צופעליקער חוב), נאָר חובות אייביקע, דער חוב פון אַ מענטש לגבי גאָט, דער חוב לגבי דער אייגענער נשמה, פאַר דער רעטונג אירער און פאַר דער דינסט צו גאָט, פאַר דעם באַפעסטיקן זײַן מלוכה אויף דער וועלט... דו טאָרסט נישט טון לויט דעם, וואָס

עס איז געווען און וואָס עס וועט זיין, נאָר לויט דעם, וואָס דו מוזסט טון.

. . . . . . . . . . .

און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. דאָס ווייב האָט אים געוועקט.

וועלכן פון דידאָזיקע דריי וועגן עס האָט אויסגעקליבן דער יונגער צאַר, וועגן דעם וועט מען דערציילן אין פינפציק יאָר אַרום.

## הוספה צו דער דערציילונג „דער חלום פון דעם יונגן צאַר"

גאָר אין אָנהייב פון דער דערציילונג אין דעם אָפּזאַץ „צי לאַנג, צי קורץ האָט ער זיך געפונען אין דערדאָזיקער לאַגע", נאָך די ווערטער „האָט ער זיך דערזעען" איז אין דעם אויטאָגראַף אויסגעשלאָסן פאָלגנ־דיק אָרט: „אין עפּעס אַ מאָדנעם אָרט. דער ערשטער און דער עיקר־שטער איינדרוק פון דעמדאָזיקן אָרט איז געווען אַ שרעקלעכער און אַ ווערגנדיקער ריח פון מענטשלעכער השתנה און צואה, מיט אַ צוגאָב פון קאַרבאָל־וואַסער. דאָס אָרט, וווּ ער האָט זיך געפונען, איז געווען אַ ברייטער קאָרידאָר, באַלויכטן מיט דער רויטער שיין פון צוויי שלעכט ברענענדיקע לאָמפּן. אויף איין זייט קאָרידאָר האָט זיך געפונען אַ וואַנט מיט פענצטער, וועלכע זענען געווען פאַרדעקט מיט אייזערנע קראַטעס. אויף דער צווייטער זייט זענען געווען פאַרשפּאַרטע טירן, פאַרשפּאַרטע מיט שלעסער. אין קאָרידאָר האָט אַ סאָלדאַט געדרימלט, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן וואַנט. הינטער די טירן האָט זיך געהערט אַן איינגעהאַלטענע באַוועגונג פון לעבן, נישט פון איינעם, נאָר פון פיל מענטשן. ע ר איז אויך געווען דאָ דערביי און מיט זיין צאַרטער האַנט האָט ער לייכט אַ דריק געטון דעם אַקסל פון דעם יונגן צאַר, שטופּנדיק פאָרויס פאַרביי דעם שומר צו דער ערשטער פאַרשפּאַרטער טיר. דער יונגער צאַר האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט־אונטערגעבן זיך, און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. עס איז אים געווען אַ ווונדער, וואָס דער שומר האָט געקוקט גלייך אויף אים און האָט אים אפנים נישט געזען, מחמת לאַ די וואָס ער האָט זיך נישט אויסגעצויגן און נישט געגריסט זיך, האָט ער נאָך הויך אַ געגעץ געטון און, פאַרוואַרפנדיק די הענט,

גענומען קראַצן זיך די פּאַטעלניצע. אין דער טיף איז געווען אַ קליין לאָך, און נאָכגעבנדיק דעם דריק פון דער האַנט, וועלכע האָט אים געשטופּט צו דעם לאָך, איז דער יונגער צאַר צוגעגאַנגען צו דער שויב און האָט צו איר צוגעלייגט אַן אויג. דער שווערער פייגלעכער ריח איז נאָך שטאַרקער געווען בײַ דער טיר, און דער יונגער צאַר האָט זיך נישט באַשלאָסן צורוקן זיך נענטער. אָבער די האַנט האָט אים אַלץ געדריקט, ער האָט זיך אַ ביסל אָנגעבויגן, האָט צוגעשטעלט אַן אויג צו דעם לאָך און פּלוצלינג האָט ער אויפגעהערט פילן דעם ריח. דאָס, וואָס עס האָט אים איבערגעגעבן דער חוש הראיה, האָט אין אים פאַרטויבט דעם איינדרוק פון דעם חוש הריח. אין אַ גרויס צימער, אויף אַן אַרשין 10 אין דער לענג און אַן אַרשין 6 אין דער ברייט, זענען אָן אויפהער הין און צוריק אַרומגעגאַנגען (ווי חיות אין שטייג) אַ מאַן זעקס מענטשן אין גרויסע כאַלאַטן און רימענע זאָקן און באָרוועסע. בכלל זענען אין דעם צימער געווען פיל מענטשן — אַ מאַן צוואַנציק, אָבער אין דער ערשטער רגע האָט דער יונגער צאַר דערזעען נאָר די דאָזיקע שפּרינגדיקע מיט שנעלע, גלייכע, אומהערבאַרע, לייכטע טריט (ווי חיות אין שטייג). שרעקלעך משונה, און שרעקלעך איז אַפילו געווען די דאָזיקע אומאויפהערלעכע שנעלע ציללאָזע באַוועגונג פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע מיידן אויס, דערזעען איינע די אַנדערע, דרייען זיך שנעל אום לעבן דער וואַנט און קוקן נישט איינע אויף די אַנדערע, און באַשײַנפּערלעך קאָנצענטרירטע יעדער אין זיינע באַזונדערע געדאַנקען. פּונקט אַזאַ, ווי די דאָזיקע מענטשן, האָט ער דערקענט אַ טיגער אין טירגאָרטן, וועלכער איז מיט נישט הערבאַרע טריט שנעל, שנעל אַרומגעגאַנגען פון איין ווינקל שטייג אין דעם צווייטן און קוים באַוועגט מיטן לאַנגן עק, אומהערבאַר אויסדרייענדיק זיך און אויף קיינעם נישט קוקנדיק. איינער פון די דאָזיקע מענטשן איז געווען אַ פּנים אַ פּויער, אַ יונגער, אַ געקרײַזלטער, אַ שיינער, ווען נישט די אומנאַטירלעכע ווייסקייט פון געזיכט און דער קאָנצענטרירטער, נישט גוטער אויסדרוק פון אויג, דער אַנדערער איז געווען אַ ייד, אַ קורצער, אַ האָריקער און אַ פינצטערער, דער דריטער איז געווען אַ טרוקענער זקן, מיט אַ פּליך איבערן גאַנצן קאָפּ און מיט אַמאָל געראַזירטער און שרעקלעך שטעכעדיקער באָרד. דער פערטער איז געווען אַן אומגעווינלעך ברייטער, מיט אַנטוויקלטע מוסקולן מענטש, מיט אַ נידעריקן בולטן שטערן און מיט אַ פלאַטשיקער נאָז. דער פינפטער, כמעט אַ יינגל, אַ מאָגערער, אַ לאַנגער, באַשײַנפּערלעך אַ שווינדזיכטיקער, דער

זעקסטער אַ קליינינקער, אַ שוואַרצינקער, אַ קרענקלעכער, אַ צאַפּלדי־קער, וואָס איז געגאַנגען צושפּרינגענדיק און האָט עפּעס אָן אויפהער געמורמלט.

אַלע זענען זיי אָן אויפהער פאַרבייגעפלויגן פאַר דעם לאָך, אין וועלכן דער יונגער צאַר האָט געקוקט, און ער האָט עפּעס מיט אַ ליידנ־שאַפטלעכער נייגיריקייט אין זיי איינגעקוקט זיך און שטודירט זייערע פּנימער, זייער אַרט גיין. נאָר ווען ער האָט זיך צו זיי צוגעקוקט, האָט ער היינ־טער זיי באַמערקט טיף אין צימער אויף די נאַרעס און לעבן די נאַרעס נאָך אַנדערע פּנימער; ער האָט אויך באַמערקט די סאַמע באַ דער טיר שטייענדיקע כּלי, וועלכע האָט פאַרשפּרייט דעם שרעקלעכן ריח. אין דער טיף פונם צימער זענען געשלאָפן אויף די נאַרעס אַ מאַן צען, פאַרדעקטע איבער די קעפּ מיט כאַלאַטן; איינער אַ געלער מענטש מיט אַ גרויסער באָרד איז געזעסן מיט אַ זייט אויף די נאַרעס און, אויסגעטון דאָס העמד, האָט ער עס באַקוקט פאַר דער שיין און אַפּנים געכאַפּט אויף איר לייז. נאָך איינער אַן אַלטער, אַ ווייסער ווי מילך איז גע־שטאַנען אין פּראָפיל און האָט תּפילה געטון, צלמענדיק און בוקנ־דיק זיך און נישט זעענדיק קיינעם אַרום זיך, און איינגאַנצן פאַר־שלינגען אין זיין תּפילה. — יאָ, דאָס איז אַ תּפיסה, — האָט אַ טראַכט געטון דער יונגער צאַר. — אַ רחמנות אויף זיי, שרעק־לעך איז זייער לאַגע. נאָר וואָס קאָן מען טון — זיי האָבן עס פאַרדינט.

אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַ טראַכט צו טון דאָס, האָט אים שוין די אומהערבאַרע שטימע פון דעם, וואָס האָט אים געפירט, אָפּגע־ענטפערט אויף זיינע מחשבות. זיי אַלע זיצן דאָ לויט דיין באַפעל, זיי אַלעמען האָט מען געמאָלדן דעם פּסק־דין אין דיין נאָמען, אָבער קנאַפּ וואָס נישט אַלע האָבן זיי לויט אייערע מענטשלעכע אורטיילונגען פאַר־דינט די לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך, נאָר די גרעסטע העלפט פון זיי איז פיל גערעכטיקער פאַר דיר און פאַר יענע, וועלכע עס האָבן זיי פאַרמשפּט און האַלטן זיי אין זייער לאַגע. דערדאָזיקער — ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם שיינעם געקרייזלטן בחור — ער איז אַ רוצח. איך וועל נישט זאָגן, אַז ער זאָל זיין שולדיק, מער פאַר יענע, וועלכע מאָרדן אויף מלחמה און אויף דועלן, און וואָס מען באַשטראָפט זיי נישט, נאָר מען באַשענקט זיי. נישט נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין מדריכים און קיין דערציער אין דער סביבה פון גנבים און שיכּורים,

און דערפאַר איז אים שווער צו באַשולדיקן, ער איז דאָך פּאַרט אַ מער־
דער, און ער איז שולדיק. ער האָט געהרגעט אַ סוחר, כּדי אים צו באַ־
רויבן. דער אַנדערער ייד איז אַ גנב און אַן אָנטיילנעמער אין אַ חברה
פון גנבים, יענער זקן איז אַ פערד־גנב, און איז אויך אַ שולדיקער כאַטש
אין פאַרגלייך מיט אַנדערע".

## באַמערקונגען צו „דער חלום פון דעם יונגן צאַר"

(1894)

דעם טיטל פון דעם סקיץ „דער חלום פון דעם יונגן צאַר", וועלכער פעלט אין כתב־יד, נעמען מיר איבער פון טאָלסטאָיס טאָג־בוך. דאָ ווערט וועגן אים דערמאַנט נאָר איין מאָל, דעם 25־סטן דעצעמבער 1894 י. אין דערדאָזיקער באַמערקונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן מער איידער נאָך אַ חודשדיקער הפסקה, איז געזאָגט: „איך האָב אַנומלט, מיט אַ טאָג צען צוריק, אַוועקגעוואָרפן און פונסניי געשריבן „דעם חלום פון דעם יונגן צאַר", און נאָכדעם „דעם באַלעבאָס און דעם אַרבעטער", און, דאַכט זיך, כ'וועל ענדיקן". אַזוי אַרום קאָן מען דאָס שרייבן פון „דעם חלום" פאַררעכענען צום מיטן דעצעמבער. פון די ווערטער „אַוועקגעוואָרפן און פ ו נ ס נ י י  ג ע ש ר י ב ן" איז קלאָר, אַז עס זענען געווען צוויי רעדאַקציעס, און אפילו צוויי כתב־ידן. צום באַדויערן איז איינער פון די כתבים נישט פאַרבליבן, און עס איז שווער צו זאָגן, וועלכע פון זיי איז די ערשטע, און וועלכע די צווייטע רעדאַקציע. דער איינציקער כתב־יד, דער אָריגינאַל פון דער אויסגאַבע, וועלכע געפינט זיך אין כתב־ידן־אָפּטיילונג אין דער ביבליאָטעק פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע שטעלט מיט זיך פאָר יעדנפאַלס נישט די ענדגילטיקע רעדאַקציע. דער מיטלער טייל פון דעם סקיץ איז אָנגעשריבן קאָנספּעקטיוו, ווי ל. נ. טאָלסטאָי פלעגט געוויינלעך אָנמערקן פאַר זיך דעם פּלאַן פון זיינע ווערק. „און אַט איז דאָס דאָרפס־געריכט און דער פסק־דין פונם געריכט — ריטער. — איליאַ וואַסיליעוויטש, אפשר קאָן מען באַפרייען. — ניין. — פונאַנדערגעווייגט זיך. — קריסטוס האָט געליטן און אונז אויך געהייסן. מען טרייבט פונאַנדער שטונדיסטן..." און אַז. וו. טאָלסטאָי, וועלכער פלעגט געוויינלעך אָפּלייגן דאָס ענדגילטיקע שלייפן פון זיינע ווערק ביז דער קאָרעקטור, האָט איניקע טיילן פון דעמדאָזיקן סקיץ נישט צוגע־

געבן אפילו יענע פֿאָרם, וועלכע ער פֿלעגט געוויינלעך זי געבן פֿאַרן איבערגעבן צום זעצן. פֿונדעסטוועגן איז אַ ספֿק, צי מען קאָן דערלאָזן, אַז דער כּתב־יד פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע איז דער, וועלכן טאָלסטאָי האָט „אָפּגעקעגעוואָרפֿן", מחמת דער טעקסט איז דאָ דערפֿירט ביזן סוף און אויפֿן סוף איז ער באַאַרבעט. אַ טייל פֿון דעם טעקסט איז אויסגעלאָזט אין דעם געדרוקטן טעקסט, און איז געגעבן אַלס הוספֿה דערפֿאַר, וואָס אויף די גליונות פֿון דעם כּתב־יד איז קעגן אים מיט דער האַנטשריפֿט פֿון ל. נ. טאָלסטאָי צוגעשריבן מיט אַ בלייפֿעדער: пр., וואָס באַטייט: „דורכלאָזן" („פּראָפּוסטיט"). אַזעלכע סימנים פֿלעגט טאָלסטאָי געוויינלעך מאַכן אַנטקעגן די ערטער אין זיינע כּתבֿ־ידן, וועלכע האָבן אים נישט באַפֿרידיקט צוליב די געדאַנקען און צוליב דער פֿאָרם פֿון דער דערציילונג, און מיט וועלכע אים איז אַ שאָד געווען צו שיידן זיך, נאָר עס האָט אים אויסגעוויזן, אַז זיי שטערן די גאַנצקייט פֿונם איינדרוק און זיי זענען אין דעם געגעבענעם פֿאַל איבעריק.

דער סקיץ האָט אין זיך אַכט ניקאָלאַי II, וועלכער איז אַרויף אויפֿן טראָן דעם 21-סטן אָקטאָבער 1894 יאָר. דעמאָלט האָט נאָך טאָלסטאָי מיט אַ געוויסער האָפֿנונג געקוקט אי אויף אים, אי אויף זיין ווייב. אין דידאָזיקע ערשטע חדשים פֿון דער נייער ממשלה האָט אים נאָך איבערראַשט נישט ער — דער צאַר, נאָר דאָס, וואָס עס האָט באַגלייט די ערשטע טריט זיינע — „דאָס משוגעת און די נידערטרעכטיקייט צוליב דעם טויט פֿון דעם אַלטן און דעם אַרויפֿשטייגן פֿון דעם נייעם צאַר", ווי ער האָט פֿאַרשריבן אין טאָג־בוך דעם 10-טן נאָוועמבער 1894 יאָר. אויף אים האָבן געוואָרפֿן אַן אימה „די ווילדקייטן, וועלכע עס שרייבן און דרוקן זיך, רעדן און טוען זיך אָפּ צוליב דער ענדערונג פֿון דער ממשלה". (טאָג־בוך 30 אָקטאָבער 1894). די זעלבע באַציונג צו די מענטשן, וועלכע רינגלען אַרום דעם צאַר, זעען מיר אויך אין דער דערציילונג. נאָר ווייניקער איידער אין אַ חודש אַרום האָט די רעדע, וואָס ניקאָלאַי II האָט געהאַלטן דעם 17-טן יאַנואַר צו די פֿאָרשטייער פֿון די ערדבאַזיצער, — די „העזהדיקע" רעדע פֿון דעם קייזער, ווי טאָלסטאָי האָט זי אָנגערופֿן אין זיין טאָג־בוך, וועלכע וועט פֿאַר אים, ווי אים האָט אויסגעוויזן, נישט בלייבן אָן רעזולטאַטן, — שאַרף איבערגעביטן זיין בליק אויפֿן יונגן צאַר. דידאָזיקע רעדע האָט געגעבן טאָלסטאָיען די סיבה אין מאַי 1895 אָנצושרייבן דאָס אַרטיקל „זינלאָזע טרוימערייען", וועלכע זענען דערשינען ערשט אין 1918 יאָר, און אין וועלכער ער גיט אַן אומבארחמנותדיקע און

אכזרישע כאַראַקטעריסטיק אי פון דעם צאַר גופא, אי פון דער גאַנצער ריכטונג, וועלכע ער האָט געגעבן זיין ממשלה: „דער שטראָם סיי פונם לעבן, סיי פון דער רעגירונג איז אַוועק נישט נאָר לויטן אַלטן שטייגער, נאָר ערגער איידער לויטן אַלטן; די זעלבע זינלאָזע אכזריותדיקע רדיפות אויף די יידן, אויף די סעקטאַנטן; די זעלבע פאַרשיקונגען אָן אַ משפט; דאָס זעלבע אָפּנעמען קינדער בײַ די עלטערן; די זעלבע תליות, קאַטאָרגעס, טויט-שטראָפן; די זעלבע ביז קאָמיזם ווילדע צענזור, וועלכע פאַרווערט אַלץ, וואָס דעם צענזאָר אָדער זיין שעף קומט אויפן זינען. דאָס זעלבע פאַרטומלען און דעמאָראַליזירן דאָס פאָלק". טאָלסטאָיס באַציונג צו ניקאָלאַי II האָט זיך חוץ דעם אַרטיקל קלאָר ארויסגעוויזן אין זיינע פיר בריוו צו אים און אין צוויי ווענדונגען, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „צום צאַר און צו זיינע העלפער".

(סרעזניעווסקי.)

# אינהאַלט

זייט


די קרייצער סאָנאַטע (1889) . . . . . . . . . . . . . 5

דער טויט פון איוואַן איליטש (1886) . . . . . . . . . . 139

דער טייוול (1889 — 1900) . . . . . . . . . . . . . 219

מעמוארן פון אַ משוגענעם (1897) . . . . . . . . . . . 291

אַ מוטער (1891) . . . . . . . . . . . . . . . . . 313

וועגן געריכט (1891) . . . . . . . . . . . . . . 335

ווער איז גערעכט ? (1891) . . . . . . . . . . . . . 343

דער חלום פון דעם יונגן צאַר (1894) . . . . . . . . . . 371